STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 05778

MAYSE ALFES

Benzion Alfes

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

מעשה אלפס

מאת

הרב ר׳ בן ציון בהרב ר׳ ירמי׳ עקיבא זצ״ל
אלפס

ערשטער און צווייטער באנד

— נייע אויסגעבעסערטע אויפלאגע —

ארויסגעגעבן דורך

אגודת בתי כנסיות אנ״ש דשיקאגא והגליל

3348 וועסט רוזוועלט ראוד שיקאגא 24, איללֿ.

אין יאהר פינף טויזנט זיבן הונדערט דרייצן לבריאה

מפתח כללי:

אַ ווארט פון ארויסגעבער 3
אינהאַלט פאַרצייכנונג 4
תמונת המחבר 7
ערשטער באַנד 9
צווייטער באנד 257
תמונת הנדבן 423

MAASEH ALFOS

COPYRIGHT 1952
BY
KEHOT PUBLICATION SOCIETY

770 Eastern Parkway Brooklyn 13, N. Y.

Tel. HYacinth 3-9250-1

נדפס בבית הדפוס של סאפראגראף קא.

Printed in United States of America

by Saphrograph Co.

194 Elizabeth Street, New York 12, N. Y.

א ווארט פון ארויסגעבער

ב״ה.

ערפילענדיק דעם ווונש פון מערערע פון אונזערע פריינד, גיבן מיר דערמיט ארויס אַ נייע אויפלאגע פון דעם ערשטן און צווייטן באנד פון „מעשה אלפס״, געשריבן פון הרב בן ציון בהרב ר׳ ירמי׳ עקיבא זצ״ל אלפס.

צוליב פארשידענע סבות און טעמים, האָבן מיר באשלאָסן ניט צו ענדערן די שפראך פאָרם פון די פריערדיקע פיל אויסגאבעס פון „מעשה אלפס״ וועלכע זיינען ערשינען אין די פאַר מלחמה יאָהרן, און מיר האָבן מיט קליינע אויסנאַמען אויך אויסגעמידן צו ענדערן דעם תוכן.

אויסער דעם אלגעמיינם אינטערעס וועלכן דער בוך רופט ארויס ביים לייענער, בארייכערט ער אים פיל זיינע ידיעות, הויבט זיין גייסט און גיט אים פיל מאַטעריאל פאר זיין דע מה שתשיב.

דער ארויסגעבער תשרי ה׳תשי״ג

מפתח

ערשטער באַנד

תמונת המחבר 7
פאַר־רעדע 11
דער אַפּשייד 31
דער ערשטער בריעף 45
דער צווייטער בריעף 64
דער שיינער משה־לע (אָדער אַ סוחר אלס מטיף) .. 68
גוואַלד וואו איז מיין „איד" 70
איין מציאה פון אַ גנב 78
דער דריטער בריעף 84
די האַלבע פּאַס וויין 94
מעשׂצאַנעס פון סדום 101

צווייטער טייל

פאַר־רעדע 105
דער פירטער בריעף 109
דער וואָלף מיט די פּראַנטען 111
צוויי קעפּ און איין קערפּער 121
דער פינפטער בריעף 128
כדת ווילהעלם דער גרויסער 133
אוי למי שבניו נקבות 136
דער זעקסטער בריעף 150
די פערדישע פּאַדקעווע 153

דריטער טייל

דער ערשטער בריעף פון די צווייטע רייזע 188
דער קאָמעדיאַנט אויף איין פוס 197
דער וואיעזשאַר פון די שמאַטעס 201
גוואַלד וואו נעמט מען געלט ?! 204
דער קליין טייכעלע 210
דער צווייטער בריעף 221
דער דריטער בריעף 247

צווייטער באַנד

דער פיערטער בריעף 259
דער פינפטער בריעף 298
דער זעקסטער בריעף 333

פינפטער טייל

דער זיבעטער בריעף 345
דער לייב אַלס עקסטער פּאַיעזד 364
דער אַכטער בריעף 390
דער נייַנטער בריעף 412
תמונת חנדבן 423

לעילוי נשמות

אביו ר׳ שמעי׳ בר׳ פסח זאב הכהן ע״ה

יום היא״צ ט״ז טבת

אמו מרת מרים בתי׳ בת ר׳ מנחם מענדל ע״ה

יום היא״צ א׳ דפסח

אחיו יוסף יהודא בר׳ שמעי׳ ע״ה

יום היא״צ י״ז טבת

חמיו ר׳ יעקב בר׳ משה ע״ה

חמותו מרת בריינא בת ר׳ משה ע״ה

גיסו משה בר׳ יעקב ע״ה

גיסו אתמר בר׳ יעקב ע״ה

גיסתו חי׳ שרה בת ר׳ יעקב ע״ה

אמה זקנתה של זוגתו

מרת מנוחה ביילא בת ר׳ אתמר ע״ה

נדפס ספר זה על ידי

הנדבן הנכבד והנעלה

ר׳ משה ראובן שי׳ בר׳ שמעי׳ הכהן וואולף

זוגתו

מרת אסתר שתחי׳ בת ר׳ יעקב

בניהם:

יעקב, חנוך-העניך, דובער, חיים לייבוש,

יוסף יהודא, שמעי׳ אהרן

הכהנים שיחיו

ובנותיהם מנוחה ביילא ושרה שתחיינה

כלם יעמדו על הברכה



הרב ר׳ בן ציון בהרב ר׳ ירמי׳ עקיבא זצ״ל
אלפס

מעשה אלפס

מאת

הרב ר׳ בן ציון בהרב ר׳ ירמי׳ עקיבא זצ״ל
אלפס

ערשטער באנד

— נייע אויסגעבעסערטע אויפלאגע —

ארויסגעגעבן דורך
אגודת בתי כנסיות אנ״ש דשיקאגא והגליל
3348 וועסט רוזוועלט ראוד שיקאַגאָ 24, אילל.
אין יאהר פינף טויזנט זיבן הונדערט דרייצן לבריאה

פאר-רעדע

טאהן טאר מען ניט, אבער אב-טאהן מעג מען.

(אפינסטערער פסוק אין ספר כסילים (פלעקער-בוך).

דיזען פינסטערין פסוק זיינען אגרויסע טהייל פון אונזערע ברידער זייער קלאהר, אונ אסך פון זייא זיינען איהם פשוט מקיים, אונ מהדרים מאכין ווייניג חקירה ודרישה, אום זיך איבער צוא צייגען, אויב יענער האט טאקע באמת זייא וואס גיטאהן אדער ניט, זייא זיינען יוצא מיט איין השערה, ד. ה. אז זייא חלומ'ת זיך נור אז יענער האט זייא עפעס גיטאהן, אדער גירעדט אויף זייא אשלעכט ווארט, הגם עס איז גאר לא דובים ולא יער, טאקע מעהר ניט וויא אחלום, מעג ער דאך שוין איהם אב-טאהן, אונ וויא נאך אב-טאהן פשוט יורד לחייו זיין, אוועק רויבין יענעמס כבוד, אדער חיונה, אונ מאנכע מאל דעם לעבין אויך, דאס הייסט דען עפעס גיטאהן? עס איז דאך מעהר ניט וויא אב-גיטאהן, אונ זייא האבין דאך בפירוש גילערינט אין פלעקער-בוך (פרק לא חובים ולא יער) אז אב-טאהן מעג מען, אונ אז מען לערינט דארף מען דאך מקיים זיין, וויא קען דען אנדערש זיין? דיזע פינסטערע לעהרע האט אונז צוא שטראנד גיבראכט, אונ פארצויגין אויף אונז אגרויסע חמארע, אז מיר האבין גיקראגין בייא אונזערע שכנים אפנים פון חלשות.

יעצט מיין ליבער לעזער קום מיט מיר, איך וועל דיר פיהרען אין אליכ-טיגען ארט, אין מקדש מעט (קליין פארמאט בית המקדש) דאס איז פשוט אין אידעשע שוהל, מיר וועלין עפענען דעם ארון הקדש אונ זיך איינקוקען אין אונזער ספר התורה, דארטין וועלין אונז פארשיינען דיא אויגין דיא ליכטיגע פסוקים לא תשנא את אחיך בלבבך, הוכח תוכיח את עמיתך ולא תשא עליו חטא, לא תקום ולא תטור את בני עמך, ואהבת לרעך כמוך, אני ה'. איך וועל דיר זייא ערקלעהרין פשוט אהן דרוש, נור וויא איין רבי לערינט מיט אחדר-אינ-גיל, ווען יענער האט דיר שלעכטעס גיטאהן, זאלסטו אויף איהם ניט טראגין קיין פארדרוס אין הארצין, נור רייד זיך דורך מיט איהם אפען, ד. ה. מאך איהם פארווירפע "ווארום האסטו עס מיר גיטאהן"? איז זייער מעגליך אז דוא וועסט זיך איבער צייגין אז דיא גאנצע מעשה איז אחלום, יענער וייס גאר ניט פון וואס צוא זאגין אונ ווען עס איז יא אמת, קען זיין אז יענער וועט פריזנייען

זיין אירטהום אונ וועט זאגין „ווינאוואט"!! וועט איהר בלייבין חייטער גוטע פריינד. נאכהער לערינט אונז דיא תורה, ווען עס טרעפט אז יענער איז אהארטער מענטש אונ וויל בלייבין ביא זיין גרייז, אונ דוא קריגסט איין געלעגענהייט צוא נעמען ראכע פון איהם „לא תקום" זאלסטו קיין ראכע נעמען, זאל ער זיך זיין אונגירעכט, אבער דוא היט, ניט צוא פארלירין דיין גירעכטיגקייט, זאגאר אפילו „ולא תטור" קיין פארדרוס אין הארצין זאלסטו אויך ניט נאך טראגין.

איך באמערק אויף דיין גערזיכט מיין ליבער לעזער אז דוא בינסט זייער פארוואונדערט, וויא קען דאס א מענטש ביי זיך פועלין גאר צוא פארגעסין וואס יענער האט מיר גיטאהן, אונ פארבלייבין איהם דער זעלבער גוטער פריינד? — ערלויב מיר אווייל'ע, איך וועל דיר דערציילין איין גילעכטער, עס האט אמאהל פאסירט אז אדוראק האט זיך אליין אבים גיטאהן אין צונג, אבער ווייסטו וויא אבים? אז עס איז איהם פשוט טרערין ארויס פון דיא אויגין, פון גרויס פארדרוס נעמט ער מיטין קולאק, אונ זעצט זיך אליין אוים צוויא ציינער, אונ זאגט מיט איין-נצחון שטימע, „אהא! זייט וויסין ווייטער וויא צוא בייסין אין צונג"!! נוא מיין פריינד וואס זאגסטו אויף דעם דוראק? איז דען ניט דיא ציינער זיינע ריכטיג וויא דער צונג? דיזע ערקלעהרונג גיט אונז דיא תורה „ואהבת לרעך" דוא ברויכסט ליבין דיין גיזעלין (אונ פערציהען אויף דיא נעפראטנאסט וואס ער האט דיר פארשאפט), ווייל „כמוך" ער איז דיא זעלבע וואס דוא, ד. ה. דיא גאנצע פאלק איז וויא איין קערפער, יעדער איינציגער מענטש איז איין גליד פון דעם גרויסין פאלקס-קערפער, אונ דארפט אלע שטרעמען צוא איין ציעל. „אני ה'", צוא ערקענען אונ מאכין ערקענען דיא איינציגקייט פון וועלט באשעפער.

זעהסטו מיין ליבער לעזער וואס פאר א פיינע אידעלע הארץ דיא געטליכע תורה האט אונז גיגעבין, וואס חייסט עס גיגעבין? עס איז גאר פשוט אז מען לערינט אסך תורה לשמה (ערענסט אהנע פניות) באקומט מען איין ריינע אידעלע הארץ, וויא דוא אליין מיין ליבער לעזער זאגסט אין פרקי אבות (כל העוסק בתורה לשמה) דער וואס לערינט דיא תורה ערינסט (נקרא ריע אהוב), קריגט איין נאמען פאר איין געליבטען גיזעלין (אוהב את המקום אוהב את הבריות) ער ליבט דעם פאטער פון הימיל אונ ליבט אלע מענטשין (משמח את המקום משמח את הבריות) ער פארשאפט פארגעניגען דעם פאטער פון הימיל, אונ אויך אלע מענטשין, אונ נאך פיל גרויס-ארטיגע מעלות וואס דיא משנה רעכינט דארטין ווייטער, ביז ומגדלתו ומרוממתו על כל המעשים.

אונ

אונ אום דיר איבער צוא ציינגן וויא פראקטיש עס זיינען דיא רייד פון אונזערע חכמי המשנה וועל איך דיר ערציילין אקורצע היסטאריע וואס ניט לאנג האט פאסירט (פארינדיג מיטן באן פון קאוונא נאך ווילנא ; דאס האט ערציילט אוויכטיגער מאן).

אה! וואס מען ליידעט דאס אוים פון דיא קלויזניקעס, דער רויך פון זיין ציגאר איז גאר ניט צום אוים האלטין — אזויא האט גירעדט מיט אשטורעם אהאלבער אריסטאקראט אויף אפאסאזירער וואס איז אויך גיזעסין דארטין איינפאך גיקליידעט (נור ריין אונ זויבער) אונ אפין געזיכט איז גילעגין אדעל אונ ליבליכקייט.

אויב אייך איז שווער צוא הערין דעם רויך, פארלעש איך מיין ציגאר, אונ האט גלייך פארלאשין אונ אריין גילייגט אין טאש.

אויב אייך איז נעפריאטנע דער רויך, טוא זייט אזויא גוט אונ גייט איבער אין איין געקוריאשצין וואגאן, ווארום זאל דער צווייטער זיך שטערין צוליב אייך רויכערין? אין געגענטהייל דער ציגאר איז זייער אגוטער, אזוי האבין זיך איינינע פאסאזירען גיבייזערט אויף דעם האלבין אריסטאקראט.

אה! וואס מען ליידעט דאס אוים פון דיא דוחאווגע, ער האט מיר גאר מזיק גיוועזן מיט דיא פארטקע וואס ער האט גיעפינט, גיט (אין אהאלבע שטונדע ארום) ווייטער דער זעלבער אדונער.

ניין מיין פריינד, ניט איך האב עס גיעפינט, נור דיזע דאמע וואס זיצט לעבין פארטקע — וואהר דער אנטוואורט פון דעם דוחאוונעם אדילמאן — אויב איהר קענט דאס ניט פארליידין וועל איך פארמאכין, מיט דיזע ווארטין האט דער דוחאוונער זיך אויף גיהייבין אונ פארמאכט. — אלע פאסאזירען זיינען ענט־ציקט גיווארין פון דיא אדילקייט פון דעם דוחאוונעם, וואס ער באהאנדילט איהם ריכטיג וויא אצערטליכע מוטער איהר צולאזענעם בן יחיד.

וויא נור דער אדילמאן האט ערשיינט אין וואגזאל ווילנא, זיינען פיל וויכטיגע מענטשין צו גיגאנגען צו איהם מיט גרוים עהרעפורכט, „שלום עליכם רבי, דער האלבער אריסטאקראט האט אבליק גיטאהן, אז דער דוחאוונער איז אגרויסער נכבד, פרעגט ער ביא איינעם, ווער איז דיזער דוחאוונער מאן? — דאס איז דער רבי ר' ישראל סלאנטער וואהר יענעמס אנטוואורט, איהר קענט זיך פארשטעלין וויא מיין האלבין אריסטאקראט איז גיווארין צום מוטה, אז ער האט זיך ערפאהרין אז דאס איז דער רבי ר' ישראל, ער האט גוט גיהערט פון איהם, נור פערזאנליך האט ער איהם ניט גיקענט.

מיין אריסטאקראט פרעגט זיך נאך וואו דער רבי וועט פארפאהרין. — צוא זיין איידים הרב המ"ץ וואהר זייער אנטוואורט, איך בין זייער נייגעריג

גיוועזן

גיווען צו הערין דעם צוגאנג פון זיין מחילה בעטין דעם רבי'ן, און וואס דער רבי וועט איהם אנטווארטין, איך האב אבער קיין וועג ניט גיהאט צוא דעם.

אין איאהר ארום באגעגין איך זיך ווייטער צוא מיין גרויסע פרייד מיט דעם האלבין אריסטאקראט. — זיין געזיכט האט מיר גיצייגט אסך אידעלער און מילדער, גאר ניט קיין ערך וויא דענסטמאהל, איך האב מיר ניט גיקענט איין האלטין און זאג איהם מיין טהייערער, געוויס זייט איהר דאך פריינדליך גיווארין מיט דעם רבי, פיליכט איז מעגליך איהר זאלט מיר דערציילין פאד־דראבנא וויא עס איז צוא גיגאנגען.

יא מיטין גרעסטין פארגעניגען, איך וועל דיזען גוטען מענטשין ניט פארגעסין זא לאנג מיינע אויגין וועלין זיין אפין, דאס איז עפעס איין ענגעל פון הימיל געשיקט גיווארין צוא מיין גליק מאטריאליש און גייסטליך, דער צוגאנג וואהר אזויא: — אויף מארגין בין איך אריבער צוא איהם, איך געפין איהם זיצין בייא איין רמב"ם, איך האב גיזאגט גוט מארגין, ער אנטווארטעט מיר גוט יאהר, ער שטעלט אשטול און בעט מיר זיצין, זיין שיינע אויף געזיכט [illegible] האט מיר שוין דער לאנגט וויא מיט אדונער אין הארצין, און זאג ליבער רבי איך קען זיך ניט זעצין, בעפאר איך וועל אייך ניט איבער בעטין פאר מיינע נעכטיגע גראבהייט קעגין אייך אין וואגאן, איך בעט אייך איהר זאלט מיר מוחל זיין. — וואס האט איהר מיר דען גיטאהן? מאלע וואס אמענטש רעדט זיך אוים ניט אוים גירעכינטעטהייט, נאך אמאהל וועט איהר געוויס זיין זהיר ניט צוא טאהן דאס. זיין אנטווארט וואהר מיר וויא באלזאם אפין הארצין, און אום ניט צוא שטערין איהם פון לערנען, נעם איך אב שיעד און גייא ארוים. איך האלט שוין דיא קלאמקע אין האנט, רופט ער מיר צוריק מיט דיזע ווערטער: — „איך דער קען אהן אייך אז איהר זייט נישט קיין היזיגער, איהר זייט געוויס גיקומען היער וועגין אינטערעסע, פיליכט איז מעגליך מיר צו זאגין, — איך וועל אייך זאגין צוליב וואס איך פרעג דאס (אום עס זאל אייך ניט זיין וואונדערבאר), די חז״ל זאגין אכלל להלכה (כלים פכ״ה) „מעשה מוציא מיד מחשבה, ואין מחשבה מוציא מיד מחשבה״, מען איז דאך נור אמענטש וואס מען איז מרגיש צער און בזיון, אבוואהל איך זאג אייך ערינסט אז איך בין אייך מוחל, דאך קומט אמאהל פאהר אגידאנקען פון פארדרוס, איז אום עס זאל גאר ניט בלייבין קיין שפור פון דיא פארדרוס, און דאגעגין צוריק באגיסין דיא הארץ מיט פריינדליכקייט וויא צו איין אייגענעם קינד, איז גוט ווען מען קען בפועל ממש זעהן צוא טאהן יענעם אטובה, דאס קען שוין מאכין אשטארקע ווירקונג אפין הארצין צוא גוטין, דרום פרעג איך אייך אייערע

געשעפטין, פילייכט בין איך אים-שטאנד איך עטוואס באהילפיג צוא זיין, דאמיט איך זאל קענען איך דער בעסטער פריינד בלייבין.

דיזע זיסע ווערטער וואס זייגען גיזאגט פון איידעלען ריינעם הארצין, האבין מיר וויא איין דונער מיין קאפ צופלעט, אונ איך בין גיווארין שטום וויא דיא וואנט, פון אונגריזענע סאוועסט (געוויסענס-ביסע).

מארגין וועל איך וויסין איך צוא געבין אנטווארט — האב איך מיט כחות אוים גירעדט — איך האב גינומען אבשייד, בין ארוים היילענדיג אזויא וויא איין אויגין-קריינקליכער אנטלייפט פון אליכטיגען זאל, ווייל זייגע שוואכע אויגין קענען ניט ערטראגין דיא זוהן שיין, אזויא האב איך ניט גיקענט ערטראגין די ליכטיגקייט פון זיין איידעלען כאראקטער. — ניין איך וועל דאס ניט טאהן! טראכט איך ביי זיך, לא די וואס איך האב זיך אזוי פארזינדיגט געגין איהם זאל איך נאך פערלאנגען ער זאל האבין פון מיינטוועגין טרחה, אונ בין מיר גיגאנגען בעסער דיא טובה באקומען צוא דעם געוויסין מענטשין וואס איך בין צוא איהם דירעקט גיפאהרין. צוא מיין גרויסין אונגליק אבער, אדער בעסער גיזאגט צוא מיין גרויסין גליק האב איך באקומען איין ידיעה, אז יענער האט פארדייזט, אונ וועט זיך לאנג זאמען, דא זייגען מייגע אלע בנינים צושטראנד גיגאנגען. "גוט ברעכט אייזין" זאגט איין אלטער שפריך ווארט. געגין מיין ווילען האב איך זיך גימוזט ווענדין צוא דעם גוטין איידעלען ר׳ ישראל, ער זאל מיר דא פיהרין צוא מיין גליק. איך פאס מיר מוטה, אונ קום מארגין ריכטיג וויא איך האב איהם פארשפראכין. איך בין גרייט צו ערפיהלען אייער וואונטש, — זאג איך — ערציילין איך מיין אינטערעס, איך בין פון מיין יוגענד אן איין משורר, איך האב געדינט ביי פארשיידענע חזנים, איז מיר פאהר גיקומען איין פראיעקט מיט איניגע יאהר צוריק אוים צוא לערנען זיך שחיטה, אום איך זאל קענען פארטרעטין אשטעלע פון חזן אונ שוחט.

מען האט מיר רעקאמאנדירט אשטעלע אין דיא שטאט פ. איך בין אריין גיפאהרין, אונ האב אוים גענומען מיטין דאווענען. דער רב פון שטאט איז גראדע גיוועזן אוועק גיפאהרין, עס איז מיר אבער גישטאנען אין וועג דער פרנס פון שטאט, ווייל וויא עס ווייזט אוים ציהט ער פאר זיינעם אפריינד, האבין מיר מיינע גוטע פריינד גיגעבין אבריף אין ווילנא צוא איין געוויסין נכבד אנע-בארענער פון יענע שטאט, אז ער וועט מיר געבין אפאפיר צום פרנס איז דיא שטעלע זיכער מיינע, צוא מיין גרויסין אונגליק איז יענער יעצט פארבייזט אויף אלאנגע צייט.

באקימערט זיך ניט מיין פריינד, איך וועל איך פילייכט קענען באהילפיג

זיין

זיין, געווים האט איהר דאך געלערנט הלכות שחיטה, וועל איך הייסען מיין איידים ער זאל אייך עקזאמענירען, איך וועל אויך זיין דערביי, אום עס זאל זיין איין לייכטער עקזאמען, אונ אז איהר וועט אויס האלטען עקזאמען, וועט ער אייך געבען קבלה, איך וועל אויך אונטער שרייבען, דיינק איך אז דאס וועט אייך אזויא דינען וויא יענעמס בריף.

ווען קען דאס געשעהן דער עקזאמען? פרעג איך איהם — אפילו שוין.
ער גייט מיט מיר אריין צוא זיין איידים אין צימער, אונ ער נעמט מיר פרעגן כסדר הלכות שחיטה, דיא ערשטע 2 שאלות האב איך געענטפערט וויא איך האב געלערנט אין אוהל יצחק. ער פרעגט ווייטער, דיא גאנץ נייטיגע ענינים, איך וועל זיך ניט לייקענען, אז איך האב ניט געכול'ת, איך האב זיך גאך פארפוטעוועט מיט אפאר ווערטער וואס האבין געוויזין מיין פראקטיקיים, איך שעם זיך אייך איבער צוא זאגין — אונ האב שוין פארשטאנען מיין אונגליק, ער רעדט זיך צוא מיר פריינדליך ארוף פיהרען מיר אפין רעכטין וועג, ער האט מיר אזויא ליכטיג געמאכט מיינע אויגין, אז איך האב גוט פארשטאנען וואס פאר איין עם הארץ איך בין.

זייט ניט אזויא ראסטרויעט — זאגט צוא מיר דער אדילמאן — געווים האט איהר דאך געלערנט נור פון וועג, עס איז מעגליך אז איהר זייט שוין אלאנגע צייט אין וועג האפט זיך פארגעסין, וועד זאגט אונז, גייט אייך אויף אייער סטאנציע, אונ הערט איבער אייניגע מאהל, דאן וועלין מיר ענדיגען וועגין דעם, פיליכט וועט איהר קומען קורץ אין הוצאות וועט מען אייך אויס לייהען, נור איהר זאלט זיך ניט שעמען צו זאגין, אונ מיט דיזע רייד האט ער גענומען אבשייד פון מיר. פארין ארויס גיין דערלאנגט ער מיר אקליין ספר מיט דיזע ווערטער, אין דיא רוהיגע צייטין, ד. ה. אז מען ווערט מיד פון לערנען איז גוט אין דעם אריין צוא קוקען, דאס איז גוט פאר אלעמען, ובפרט פאר אייער געשעפט וואס עס פאדערט יראת שמים, ניט צוא זאגין אויף טרייף כשר, ואהבת הבריות, ניט צוא מאכין פון כשר טרייף. — איך גייא ארויס גיב איך אבליק, אז דאס איז דער בארימטער ספר „מסלת ישרים“.

איך בין מיר אוועק אויף מיין סטאנציע, אונ האב מיר אב גירוהט עטוואס פון גרויסע פארדראסענעריש אויף דיזען אדעלמאן, אונ האב זיך געזעצט לערנען. צוויא מאנאטין נאך אנאנד האב איך גילערנט וויא אגלאק, איך האב זיך שוין ניט געשעמט מיט דיא דוחאונע, איך האב מיר שוין גידונגען אגוטין יונגען מאן צוא לערנען מיט מיר מסכת חולין מיט יורה דעה, אונ בין אב געזעסין אהאלב יאהר, גילערנט בהתמדה, אונ פיל מאל אין טאג גילערנט

מסלת

מְסִלַּת יְשָׁרִים, אָה, אִיךְ זָאג אַייךְ וָואס פַאר אַמִין אַדִילְקַייט דָארְטִין לִיגְט, אַז אִיךְ בִּין אַייךְ גָאר נִיט אִים-שְׁטַאנְד פָאר צוּא שְׁטֶעלִין, עֶר עֶפִינְט רִיכְטִיג דִיא אוֹיגִין צוּא וִויסִין צוּא וָואס פַאר אַצִיעל דֶער מֶענְטְשׁ אִיז בַּאשַׁאפִין אוֹיף דֶער וֶועלְט, אוּם עֶר זָאל וִויסִין צוּ וָואס עֶר זָאל זִיךְ שְׁטְרֶעמֶען מִיט זַיין גַאנְצֶע יְגִיעָה אוֹיף דֶער וֶועלְט "למען לא יגע לריק ולא ילד לבהלה". אַלֶע שַׁבָּת פְלֶעג אִיךְ גֵיין אִין דֶער שׁוּהְל וואוּ עֶר דַאוֶוינְט אוּם צוּא זֶעהְן זַיין לִיכְטִיגֶע אֶדֶעלֶע גִישְׁטַאלְט, אוּנ נִיט גִיסְמִייעָט צוּא צוּא-גֵיין צוּא אִיהְם פוּן גְרוֹיס עֶהְרֶענְפוּרְכְט, אוּנ אוּיס גִימַייְדֶעט עֶר זָאל מִיר נִיט דֶער זֶעהֶען. אִיךְ הָאבּ בַּייא זִיךְ בַּאשְׁלָאסִין אִיךְ זָאל נִיט קוּמֶען צוּא אִיהְם, וואוּ אִיךְ זָאל נִיט וִויסִין קְלָאהְר וִויא גִיהֶעְרִיג אִיז, עֶס מֶעג דוֹיעֶרִין אַיָאהְר אוּנ צְוַוייא, אוּנ מֶעג פַארְלִירִין דִיא שְׁטֶעלֶע, מִיר אִיז שׁוֹין גָאר נִיט גִילֶעגִין דִיא שְׁטֶעלֶע אִין זִינֶען, מִיר אִיז גִילֶעגִין וִויכְטִיגֶערֶעס אִין זִינֶען, זִיךְ אוּיס צוּ בִּילְדִין אִיךְ זָאל הַייסִין אַמֶענְטְשׁ, וַוייל וִויא אִיךְ פַארְשְׁטֵיי יֶעצְט בִּין אִיךְ פָארְהֶער גָאר גִיוֶועְן אַיין בְּהֵמָה בְּצוּרַת אָדָם, נִיט קֵיין מֶענְטְשׁ. מַיין פְרוֹיא אִיז גִיוֶעסִין בַּייא אִיהְר פָאטֶער דֶערְוַוייל.

עֶנְדֶע 6 מָאנַאטִין בִּין אִיךְ גִיגַאנְגֶען אִין שׁוּהְל וואוּ עֶר דַאוֶוינְט, פְלוּצְלוּנְג אִיז עֶר מִיר אָן גִיקוּמֶען אַנְטְקֶעגִין, אִיךְ הָאבּ זִיךְ שְׁטַארְק פַארְשֶׁעמְט, וָואס מַאכְט אִיהְר מַיין פְרַיינְד — פְרֶעגְט עֶר מִיר זֵייעֶר פְרַיינְדְלִיךְ, וָוארוּם קוּמְט אִיהְר נִיט אָרוּף צוּא אוּנְז, אִיךְ בִּין מִיט אִיהְם גִיגַאנְגֶען צוּא הוֹיז, עֶר הָאט מִיר עֶקְזַאמֶענִירְט, אוּנ אִיךְ הָאבּ אוּיס גִינוּמֶען, אִיךְ הָאבּ אִיהְם דֶערְצֵיילְט מִיט וֶועמֶען אִיךְ הָאבּ גִילֶערְינְט דִיא גַאנְצֶע צַייט, אוּנ הָאבּ אִיהְם אִיבֶּער גִיזָאגְט אֵייגִיגֶע רַעְיוֹנוֹת פוּן מְסִלַּת יְשָׁרִים, אִיךְ בִּין אִיהְם טַאקֶע קְלָאהְר פוּן טָאוִויל בִּיז טָאוִויל. — זַיין אֵיידִים דֶער מוֹרֶה הוֹרָאָה הָאט מִיר גִיגֶעבִּין קַבָּלָה, אוּנ עֶר הָאט אוּנְטֶער גִישְׁרִיבִּין, דֶער פַּרְנֵס הָאט דֶער זֶעהְן דִיא קַבָּלָה, אִיז עֶר עֶנְטְצִיקְט גִיוָוארִין — קוּרְץ גִיזָאגְט, אִיךְ הָאבּ מִיט אִיהְר, נוּר מִיט אִיהְר גִיקְרָאגִין דִיא גְרוֹיסֶע שְׁטָאט פ. אוּנ עֶס אִיז מִיר גוּט וִויא דִיא וֶועלְט, אִיךְ וַוייס וִויא צוּא שֶׁעצִין תּוֹרָה, אִיךְ שֶׁעץ דֶעם רַב, מִיט גְרוֹיס עֶהְרֶעפוּרְכְט, אִיךְ בִּין חָרֵד אוֹיף יֶעדֶע זַאךְ וָואס עֶר זָאגְט מִיר, וַוייל עֶר אִיז אוֹיךְ פוּן דֶעם רֶבִּי ר׳ יִשְׂרָאֵל׳ס תַּלְמִידִים, אוּנ דַאדוּרְךְ בִּין אִיךְ לְחֵן וּלְחֶסֶד בַּיי אַלֶע נִכְבַּדֵי הָעִיר. אוּנ וִויא וַוייט אִיךְ הָאבּ גִיהַאסְט דֶעגְסְטְמָאהְל אַיין בֶּן תּוֹרָה (כמ״ש ר״ע כשהייתי ע״ה אמרתי מי יתן לי ת״ח ואנשכנו כחמור) אַזוֹיא לִיבּ אִיךְ יֶעצְט פוּן גְרוּנְד הֶערְצִין אַיין בֶּן תּוֹרָה.

זֶעהְסְטוּ מַיין לִיבֶּער לֶעזֶער וִויא רִיכְטִיג עֶס אִיז, אַז תּוֹרָה לִשְׁמָהּ בִּילְדֶעט אוּיס דִיא הַארְץ פוּן מֶענְטְשִׁין, אַז עֶר וֶוערְט אַזַא אַדֶעל, גָאר אִיבֶּער נַאטִירְלִיךְ, אוּנ אַזוֹיא הָאט דִיא פָאלְק גִיהַאט הוּנְדֶערְטֶער מֶענֶער, וָואס זֵיא הָאט זִיךְ

מיט

מיט זייא געציערט אונ געריכט. — ליידער אבער זינט מיר האבין זיך ערווייטערט פון דער תורה, איז דיא יודישע ריינע הארץ זייער פארשטויבט געווארין דורך דעם גרויסין שטויב וואס דער רוח הזמן האט אויף איהר אן געטראגין, אז דעם ליכטיגען פסוק „לא תקום, ואהבת לרעך כמוך” האבין מיר פשוט פארגעסין אונ דיא נארישקייט פון ספרי כסילים גידיינקט זיך, עס גידיינקט זיך אונ עס טוט זיך. אונזער הארץ איז אזויא געווארין פארשטויבט, אז עס איז פשוט אגראבער טינק פון ליים אויף איהר באצויגין, אז עס קען ניט דורך שיינען איהר ליכטיגקייט (הן אמת (אשר) חפצת (תפשת עמוק עמוק בלבנו) בטוחות (מכוסה בטיח טיט עב, ע"י „השקר” מתבלי הזמן אשר „טפלנו” עליה). אונ ווען עס גיט אמאהל אשטראל פון דיא ריינע ליכטיגקייט וואס השי"ת האט פארפלאנצט אין אונזער הערץ (כמ"ש נצר מטעי, וחיי עולם נטע בתוכנו) וויל דער רוח הזמן דעם שטראל אויך פארטושעווען, וויא מיר הערין מאנכע מאהל ווען איינער טוט אדבר טוב זאגט ער „איך טוא עס ניט פון פרומקייט וועגין, נור מצד חאראקטער” איך פארשטייא עס גאר ניט, וואס איז די חרפה אז פון פרומקייט וועגין? וואס הייסט דען פרומקייט? פאלגין וואס השי"ת האט אונז געשריבין אין דער תורה „ועשית הישר והטוב”, וואס מיר דארפין מיט דעם שטאלצירען, לסוף שעמען מיר זיך אונ ווילען עס פארלייקענען, אחכם האט געזאגט זייער אגוט ווארט אויף דעם „מיר באהאלטין זיך אזוי לאנג, ביז וואנען מיר פארלירען זיך”. — עס איז נור אחיטראסט פון יצה"ר, ווייל ער ווייס גאנץ גוט, אז דיא גרעסטע ליכט קען איין ווינט פארלעשין, אבער דיא זוהן שיין איז קיין ווינט ניט אים-שטאנד צו פארלעשין, דרום שרעקט ער זיך אויב דוא טוהסט דאס, ווייל דיא תורה (סאג ליכטינקייט, תורה אור) האט בלייבין דיין סאוועסט, דאן וועט שוין קיין רוח תאוה וגאוה ניט קענען פארלעשין דיין גוטע הארץ, דרום סטאראיעט ער זיך אראפ נעמען דיא זוהן שיין פון איהר נור בלויז סאוועסט, אונ הגם סאוועסט איז אויך אגעטליכער שיין אין מענטשין*) וואס נייגט איהם צוא טאהן גוטעס אונ שטראפט אונ פלאגט איהם ווען ער טוט אפארברעך (כמ"ש (תהלים ע"ה) אמרתי להוללים אל תהולו עי' מלבי"ם), דאך אבער איז עס ניט זיכער, עס איז מעהר ניט וויא אליכט וואס באלייכטעט אפינסטערין זאל, אבער נור בעת עס איז רוהיג אן אווינט, וויא עס קומט אבער אגרויסער ווינט

פארלעשט

*) אוואלף אז ער צוא רייסט אשטאדע שעפסין פלאגט איהם ניט זיין סאוועסט ווארום האב איך גיטאהן אזא פאדלאסט? אבער אמענטש ווען ער טוט אב איין מארדטהאט פלאגט איהם דער סאוועסט, וויא דיא פראקטיקע האט געוויזין אז פיל מערדער וואס פאליצייא האט זייא ניט דער גאנגען, האבין זיך אליין אין אצייט ארום איבער געגעבין לבית המשפט (אגוטער בעוויז אז דיא נשמה איז אגעטליכער טהייל).

פארלעשט איהר, דאס גלייכין ווען עס קומט אגרויסער ווינט פון אגעלט זיין, אדער אגהויסע תאוה אדער גאוה, דאן ווערט פינסטער דער סאוועסט, און דער מענטש קען אב טאהן די גרעסטע פארדארבענהייט*). דרום דארפין מיר זעהען וואס מעהר צוא זייגין אונזערע גידאנקען סייא אין סור מרע (אין אויס ווייכין פון שלעכטעס). און סייא ועשה טוב (אין טאהן גוטעס) אז מיר טוען עס אלעס, ווייל דער רצון התורה איז אזויא (כמ"ש בכל דרכיך דעהו, וכל מעשיך יהיו לשם שמים) און גראדע שטאלצירען מיט דעם (כמ"ש ויגבה לבו בדרכי ה').

יעצט לאמיר אבליק טאהן דעם נייםאדישען יצר הרע וויא ער שפילט זיין ראליע גאר וואונדערליך, ער גייט מיט ריכטיג מיט די וועלט, אמאהליגע צייטין איידער עס איז ארויס גיקומען מאשינען, איז גיוועזן נור האנד-ארבעט, עס האט גידויערט איידער אמייסטער האט אויס גיארבעט אזאך, היינטיגע קלוגע וועלט האט ערקלעהרט מאשינען ארבעט זיך הונדערטער שטיק אין אשטונדע, דאס זעלבע מיט דעם יצר הרע, אמאהליגע צייטין איז ביי איהם גיוועזן האנד-ארבעט, ווען ער האט גיוואלט מאכין איינעם פאר איין אפיקורוס האט ער גידארפט הארעוועזן אויף איהם יאהרין לאנג, דורך פיהרין איהם זיינע 7 קלאסין (שבע שמות יש לו ליצה"ר) היינו פריער פון אלע למודים האט ער איהם גיהייסין לערנען ספרי מחקר ישרים (כמו המורה נבוכים וכיוצא) הגם זייא זיינען משמח דעם שכל וויא אגוטע גלאז וויין, אבער ניט אויף אניכטערע הארץ וואס איז נאך ניט אונטער גילע-הענט מיט לחם ובשר (ש"ס ופוסקים), נאכהער האט ער איהם אריין געפיהרט אין פרייע ספרי מחקר פון חכמי האומות (כמו דארווין וחביריו) עס איז אוועק יאהרין לאנג איידער ער האט אויס גיארבעט איין אפיקורוס, יעצט אין די קלוגע פאברי-קאציע וועלט איז דער יצה"ר אויך קלוג גיווארין, ער האט אויך גישטעלט מאשינען, ער גיט אדרייא די מאשינע פליהען ביי איהם אפיקורסים צענד-ליגע הונדערטע אין איין נאכט (בפרוח רשעים כמו עשב), היינו ער קומט צוא איונגען מענטשין און זאגט "וואצוא ברויכסטו לערנען, וואס וועסטו האבין פון דעם, מען דארף נור האבין הארעקטער, און הארעקטער לערנען דארף מען לייענען ראמאנען און שפאצירין אויף בולווארין און גערטנער. דארטין זעהט ער איין

לעבין

---

*) כמ"ש רק אין יראת אלהים במקום הזה (אף שיש שם נמוסי ד"א ויושר בכ"ז אינני בטוח יען כי רוח תאוה ליפת תואר כאמנו שרה יוכל לכבות את הסאוועסט) והרגוני ע"ד אשתי, ויי"ל כונת הכתיב (דברים ו' י"ח) ועשית הישר והטוב בעיני ה' אף כשתעשה דבר שיושר (סאוועסט) מחייב לזה, לא תעשה מצד משפט לבך (סאוועסט) רק לפי שהוא ישר וטוב בעיני ה' שכן גזרה חכמתו ית"ש, וכן יש לכוין בזה לשון "אנכי" תכנתי עמודיה סלה (תהלים ע"ה) שהיושר שופט ומחלים כי אקח מועד, אם אני מישרים (סאוועסט) אקבל העדה והתמוטטות אז נמוגים ארץ וכל יושביה כי רק אנכי מישרים (סאוועסט) תכנתי עמודיה העמדתי עמודיה על מכונם ובאו חז"ל והטעימו לנו מי הוא "אנכי" כלומר איזה סאוועסט הוא מעמיד העולם על כן ובסים בטוח, הוא אנכי שאמרתי נעשה ונשמע דבר ה' (אנכי ה"א) כלומר הסאוועסט המוא' באור התורה ואמונת אנכי ה"א היא המעמיד העולם, יען כי כל הרוחות שבעולם לא יוכלו לכבות את השמש, אף אם ינשאו עננים ואפילו כמעט רגע רוח בא ותסתרם.

לעבין מיט ראשקאס, זאגט ער איהם ברודער, מאך אויך אלעבין, עס אונ טרינק, אונ טהוא וואס דיין הארץ גילוסט, איי וועגין שפעטער (מען וועט דאך דארפין אב געבין דין וחשבון פאר דעם מלך מלכי המלכים), לאך זיך אויס יגאבין טויט מעג מען מיט דיר פארשפארין אפלאנקען׳, זעהסטו וויא אין אקורצע צייט האט ער שוין אפארטיגען אפיקורוס, אהולטייא וואס קען נור געבין, אונ אחכם אויך צו דעם (ער איז דאך אויס גיגאנגען 8 גערטנער (ראי דרוך „בניא״ אין גארטין „גאי״) ער זאגט וויא אזויא זאל איך גלויבין אזאך וואס מיין שכל נעמט דאס ניט, אז מען לייגט אריין אין דער ערד אונ פון קערפער ווערט פארך, טוא וועמען וועט מען נעמען צום משפט? הייגט איז ניט וואס פארצייטין, הייגט איז אקלוגע וועלט וואס מען פארשטייט אלעם מיט שכל, אונ איהם וואונדערט זייער, וויא האט מען זיך דאס פארצייטין גילאזט איין רידין אזעלכע זאכין. יע מיין טהייערער דוא וואונדערסט זיך שטארק אויף פארצייטיגע דורות, וועל איך דיר ווייזין אין דיא נייעמאדישע וועלט אגרעסערין וואונדער, עס שטייט אגרויסער אשטארקער בופעל-אקס, אז מען זאל איהם וועלין שלעפין אין בוינע צום שלאכט דארף מען האבין 10 גבורים, קומט אקליינער אינגיל אונ זאגט, איך אליין וועל איהם אוועק שלעפין אין בוינע׳, ווערין אלע פארוואונדערט, נעמט ער אהויפין הייא אונ ווייזט דעם אקס, חלעבין דער אקס האט אן גיהייבין צו גיין ביז וואנען דער אינגיל האט איהם צו געפיהרט (דורך דעם הויפין הייא) אין בוינע, נוא וואס זאגסטו אויף דעם? אזא גרויסער בופעל-אקס האט זיך גילאזט פארפיהרין פון אקליינעם אינגיל, אונ דורך וואס? דורך אהייפיל הייא, איז דאס ניט אפלא? ווארט דוא וועסט נאך זעהען אגרעסערין וואונדער, אז אמענטש מיט מארך זאל זיך אזויא ווייט לאזין פארפיהרין פאר אהייפיל הייא, דאס הייסט פאר אקליינע הנאה וואס ער וועט עסין טרפות אדער רויכערין אום שבת, זאל ער זיך לאזין אריין נארין אין זאק, גיווארפין צוא ווערין אין ים האבדון. וויא לאזט זיך דאס אקאפ מיט מארך איין ריידין, אז אמענטש וואס ער איז דער קרוין פון דיא גאנצע בריאה וואס מיט זיין שכל (וואס השי״ת האט איהם חונן גיוועזן) קען ער פשוט ארויף פליהען אויף דיא זוהן אונ אויס מעסטין איהר ריכטיג פיל זיא האלט, זאל נאכהער פון איהם ווערין גאר ניט, וויא קענסטו דאס גאר ארויף ברייגגען אויף דיין מוח. דיא גאנצע וועלט פריזנייען, אז עס איז דא השארת הנפש, אז די זעלע פון מענטשין פאר בלייבט אויף אימער אונ עוויג, ווילסטו פתי שוטה קומען אונ דאס אב לייקענען, אונ מיט וואס? ווייל דוא (מיט דיין עזעל קאפ) פארשטייסט ניט. איך וועל דיר פרעגין נאר אקלייניגקייט, ווארום שטאלצירסטו אזויא מיט דיין „איך״ ווען איינער זאל דיר באליידיגען ווערסטו

אנגיצונדען, אז עס איז רעכט (אין מאנכע ערטער) ארויס רופין יענעם אויף אדועל (מלחמת הבינים), ווען אין אמינוט ארום קען ווערין פון דיר גאר גישט פון קערפער אונ פון דיא זעלע אויך (נאך דיינעם פאלשין מיינונג), טוא ווער איז דאס דיין "איך"? זעהע אליין וויא דיינע מעשים זיינען סותר דיינע גידאנקען. אונ ווענין דיין טענה אז דוא פארשטייסט ניט (וויא אזויא וועט מען נעמען די פארך צום משפט), זאג מיר דוא חכם (אדער בעסער זאגענדיג דוא פתי) אונ זיך אליין פארשטייסטו? וויא האסטו זיך ענטוויקעלט אין מוטער-לייב פון אקליינעם טראפפען צו אזא קערפער פון 248 גלידער אונ 365 אדערין, אונ נאך אמיינגע טהיילין, געדרעווען, מוסקולין, אונ דאס גלייכין*) אזא וואונדערליכע מאשינע

וואס

*) ערקלעהר מיר דוא חכם! וואס דיין "איך" איז בייא דיר אזא גרויסער וועזען, וואס טהוט זיך בייא דיר אין דיין "איך"? אונד ווארום ווענן עס פאנגט דיר אן עטוואס צו שמערצין, עטוואס קיילע גיווארין אשרייפעלע אין איין קליינעם ערזאטץ-טהייל פון דיין מאשינע, גייסט דו זוכען ווער עס זאל דיר ערקלעהרין וואו דער פעהלער ליגט, אונד וויא צו פאפראווענען, שעמסטו זיך דאס גאר ניט דו גרויסער אויפגעקלערטער פרייגעזאנענער נאך צוא שיקען בייא אזא סלוציא נאך א רופא וועלכער איז נאך אפאנאטיקער פון אלטען דור, וואס ער האט נאך היינט גופא תפילין געלייגט אונד געשריען "אחד" מיט בונה, אונד ער ווייזט דיר אן וואו איז דאס דער דעפעקט בייא דיר אין דיין פהילאזאפישען "איך"? זאג מיר מיין פהילאזאף! דיא מילבען וועלכע דוא האסט פארשלונגען לאכענדיג פון דיא בטלנים וואס זייא היטען דעם איסור פון מילבען, אט דיא קליינע מילבען, וועלכע דיין פהילאזאפישע אויגע, אונד דיין שארפער קריטישער בליק, וואס דו ריהמסט זיך דערמיט, זיינען ניט אים-שטאנדע זייער וועזען זייער פארמע צוא בעקוקען אונד בעטראכטען, די שאפפונג פון דיזע קליינע וועזען פארשטייסט דוא? זייא זיינען אויך זכר ונקבה, זייא זיינען זיך אויך מזדווג, זיינען פרים ורבים, אין זייערע קליינע קערפערלאך זיינען אויך געוואלטיגע ארגאנען צו פערשלינגען זייערע שפייזען, צום קאכען אונד פערדייען. ביים מענליכען כלי הולדה, ביים ווייבליכען כלי הקבול והגידול, אונד אין זייער ולד ליגענדיג נאך אים מוטער לייב איז שוין אויך גאנצע ארגאנען דארטין אין זייערע אינגערליכקייט, דוא פארשטייסט דאס אלעס וויא עס טהוט זיך זאלכעס אדער ביזט דוא ווייניגסטען אים-שטאנדע צוא פערשטיין ווען אויסענדער וועט דיר דאס וועלין ערקלעהרין? — וויא אראפ צו נעמען אבארד שבת ווען דוא האסט ציים פארשטייסטו גאנץ גוט, אבער וויא וואקסט א וועלדיל אויף דיין פהילאזאפישע מארדע פארשטייסט דוא? [כמ"ש הקב"ה לאיוב (ג"נ ס"ו) הרבה נימין (שערות) בראתי באדם וכל נימא ונימא בראתי לה גומא בפני עצמה שלא יהו שתים יונקות מגומא אחת שאלמלא שתים יונקות מגומא אחת מחשיכות מאור עיניו של אדם וע"ש עוד] עס וואקסט פראסט אוואלד אויף דיין גוף מען שניידט אונד עס וואקסט ווידער, אונד עס געפינען זיך אויך דארטין דיוואטנע וויא אין אלע וועלדער. ערקלעהר מיר אויך אביסעל מיין ליבער ברודער! מיין אויפגעקלעהרטער! וויא שעמסטו זיך ניט אזויא דום צו זיין, אונד צו פארמאכין דיא אויגען אונד זאגין: "דאס וואס איך פארשטייא ניט גלויב איך ניט", זיך זעלבסט פאנגסטו גאר ניט אן צוא פארשטיין, היינט וויא אזויא גלויבסטו אין זיך זעלבסט? (ב-צא"צ).

וואס מיליאנען מענטשין שטודירען דארין טויזענדער יאהרען, אונ ווייסין נאך איהר ניט גרונטיג, דאס פארשטייסטו? — וויא אזויא ליגסטו 9 מאנאטין אויף נידריט וויא אקנויל בייא דיין מוטער, פארמאכט דיא מויל, דעם נאז, אונ דיא אויגין דאס פארשטייסטו? פרובירי יעצט פארשטאפין דיא מויל מיטין נאז וועסטו זעהען אויב דוא קענסט לעבין 5 מינוט. אונ נאכהער וויא דוא גייסט ארויס פון מוטער לייב, ווערט אין איין מינוט איין פערעמען, דוא עפינסט גלייך דיא אויגין מיטין מויל, אונ שרייסט „גיט עסין"! דאס פארשטייסטו? אונ וויא אזויא דוא לעבסט? וואס לעבט אין דיר, אונ וואס פעהלט אין דיר אז דוא שטארבסט? דאכט זיך דער קערפער איז אין גאנצין, דאס פארשטייסטו? אונ נאך פיל טויזענדער זאכין וואס לעבין דיין נאז איז פארשטייסטו? וויא לעבט דיא קליינע מילב, אדער נאך קלענערע ברואים וואס קוים דיא אויג דער זעהט זייא, וויא פאמיעסצעט זיך בייא זייא אקאפ מיט אויגין, אמויל מיט פים, וויא ארבעט זיך בייא זייא דיא שפייז, דאס פארשטייסטו? אז דוא פארשטייסט ניט וואס לעבין דיין נאז איז ווילסטו פארשטיין אזא איידעלע זאך.—יעצט גלויב איך וועסטו שוין פארשטיין דיא קלוגע פראקטישע רייד פון פרקי אבות „הקנאה והתאוה והכבוד מוציאין את האדם מן העולם". תאוה מאכט אונגליקליך דעם מענטשין זיא פיהרט איהם גאר ארויס פון גדר מענטש לגדר בהמה. באטראכט גוט וויא חיטרע דיין יצר הרע איז, ער האט אבליק גיטאהן וויא ווייט די נארישע חכמים שטייען גיפעהרליך, אז פאר אביסיל הייא וואס ער ווייזט זיי לאזין זיי זיך פיהרין אין בוינע, אונ ווערין זוללים וסובאים אונ טרייפנאקעס, פארזארגט ער פיליכט וועט דער שוידער פון דעם פינסטערין נאמען „זולל וסובא" זייא אויפמערקזאם מאכין אז זייא בלאנדזען, האט ער זיך מישב גיוועז, אונ גינומען אמנין ארימע לומדים (אין עני אלא בדעת) וואס לערנען גאנצע נעכט ביין גרינעם טישיל אונ האט זיי משנה השם גיוועז פון „זוללים וסובאים" אויף חפשים „פרייא גיזאנגענע" אונ קומט מיט אשמחה צוא זיין גיפעהרליכען חולה וואס ליגט אויף זיין טויטע דול-בעט, אונ זאגט איהם מז"ט דיר מיין קינד שרעק זיך ניט פאר דיין פינסטערין נאמען „בעל תאוה", „הולטייא", „זולל וסובא", „אויסוואורף". מען רופט דיר שוין יעצט „פרייא גיזאנגענער", דער פתי איז זיך גאר מחיה מיט דעם נייעם נאמען, ער האפט שוין צוא קריגען כבוד אויך, ער איז דאך שוין גאר איין פהילאזאף „אפרייא גיזאנגענער", דא האט שוין דער יצר הרע צווייא נעצין וויא צו שלעפין זיין העכט „תאוה" אונ „כבוד". נאכהער זאגט ער צוא איהם, מיין קינד וויא באלד אז דוא בינסט שוין יוא אזא לייט „אפרייא גיזאנגענער" וואורום זאלסטו לעבין געדריקט אונ יענער מיט אזא ראשקאם? (הא! וואו איז „קנאה" אין דער

וועלט

װעלט)? , װענדע אן אלע מיטלען װאס נור דוא קענסט , „מען טאר ניט" איז גאר היינט ניטא , דוא בינסט דאך „אפרייא גיזאנגענער" , אט דא בינסטו שוין פארטיג , דער יצר הרע האט דיר שוין גיבונדען מיט דרייא קייטען „קנאה , תאוה , כבוד" , דא בינסטו שוין זיכער זיינער , דא װעט ער דיר שוין ארויס שלעפין ניט אזויא פון דיא אייביגע װעלט , אפילו פון דער װעלט אויך , דיין לעבין איז שוין קיין לעבין ניט , דוא האסט שוין 3 פיאװקעס „קנאה , תאוה , כבוד" װאס זייא זייגין דיר דיין בלוט אן איין אויף הערונג , דוא װעסט שוין צאהלין גוטע געלט אונ בלוט פאר דיין נייעם נאמען „פרייא גיזאנגענער"*) .

דארום לערנען אונז אונזערע אמתע גוטע פריינד , ואל יבטיחך יצרך שהשאול בית מנוס לך , לאז זיך ניט פארפיהרין פון דיין בייזע תאוה , אז דוא װעסט זיך רעטין אין גרוב ד. ה. אז נאכין טויט מעג מען מיט דיר פארשפארין אפלאנקען , װייל דיין שכל נעמט דאס ניט , װיא אזויא װעט מען דיר נעמען צום משפט ? שעל כרחך אתה נוצר כו' , דיין באשאף אונ דיין גיבארין אונ לעבין אונ שטארבין איז אויך ועל כרחך ד. ה. נגד דיין שכל , אזויא װעט זיין ועל כרחך אתה עתיד ליתן דין וחשבון לפני מלך מלכי המלכים הקב"ה , אז דוא װעסט דארפין אב געבין דין וחשבון פאר אלע דיינע בייזע טהאטין , הגם עס איז נגד דיין שכל , אונ דוא פארשטייסט עס ניט . — דערהויפט אונגליק איז נור װאס מען װיל ניט אריין קוקען אין איין אידעשין ספר , װען מען װאלט לערנען ערינסט יעדער נאך זיין יכולת װאלט מען פון אלעם גירעטעט װערין , װייל די

תורה

*) אויף פראסט זארגאן רופט מען דאס „באד-יונג" װייל ער איז שטענדיג אויס גיטאהן פון בושה (בן בליעל , בלי-עול) אונ בלשון חכמים הייסט ער „מת" (טויטער) (כיון שמת אדם) װען עס שטארבין אב דיא סענטשליכע געפיהלען (נעשה חפשי מן התורה ומן המצות) דאן װערט ער „פרייא-גיזאנגען" , דוא פארשטייסט שוין אין װאס פאר אסקאמייקע דוא זיצט בייא אונזערע אמתע חכמים ? דיא װייסין גאנץ גוט דיין ערשטין נאמען „זולל וסובא" , „הולטייא" , „טונעניכטס" , „רועה זונות" , אז ניט דיין גרויס חכמה אונ פהילאזאפיע האט דאס דיר מיט גיבראכט , נור דיין גרויסע קראנקהייט דיינע דרייא פיאװקעס , דיא פארפלוכטע „תאוה" , אונ דיא נארישע „כבוד" אונ גרויס „קנאה" דוא װילסט אויך לעבין אנוטין טאג װיא יענער , דאדורך בינסטו גיװארין איין חכם . כמ"ש (ישעיה ה) „הוי מושכי העון" (טענת השכל לכפור במצוה או במצוה עלי') בגמולו ובעונשו , שזה נקרא בשם „עון" כי העוה דרכיו במזיד) „בחבלי השוא" (וקורי עכביש כי אין ממש בטענותיהם) „וכעבית העגלה (מושכים) חטאה" הוא בולמוס התאוה אל דברים האסורים , היינו שנתבונן על עקר הסבה אשר סבבה התפקרותם אם הי' זה מחקר השכל לבדו , אבל באמת לא כן הוא , כי עקר הסבה להתפקרותם הי' בולמוס התאוה אל דברים האסורים זה משך אותם בעבותות חזקים כעבות העגלה ולמען לא ייסרום כליותיהם כרשעים המלאים חרטות „משכו את העון" (שהוא טענת השכל לכפור בגמול ובעונש כחבלים בקורי עכביש) לעזרת התאוה והחטא (מלבי"ם) ולחזק דבריו אומר להלן שם הוי (סס) חכמים בעיניהם (סגס) שכנגד פניהם עומדים נבונים (ססוק גדול מתכם) ומדרך המשכיל האמיתי ליבטל נגד שכל הגדול ממנו אלף אלפים פעמים (כנר לפני מדורה) , והנמשל הוא שהרי בכל דור ודור יש לנו חכמים מחוכמים שגם נגד לי חכמי האומות חרדו לקראתם ובכ"ז היו חרדים על כל קוץ וקוץ שתורה שבכתב ושבע"פ והחכמים בעיניהם לא לקחו מוסר , מזה נראה בעליל שלא מופתי העיון סבבו להם הכפירה כי אם בולמוס התאוה התעם מדרך השכל לעמקי שאול וכנ"ל .

תורה איז גיגליכען צוא פייער וואס זיא ברענט אוים אלע מיאוסע תאוות אונ מאכט ריין דיא הארץ*). אבער זינט מיר האבין זיך ערווייטערט פון תורה, אונ דיא מענטשליכע-עהרע (דאס איז דיא מייל וואס השי"ת האט באגאבט דעם מענטשין מעהר פון אלע בעלי חיים) פארברויכען מיר צוא באלעמוטשע אלע נארישקייט, אונ אנדערע קלעהרין נאך אוים שקרים אום צוא שטאלצירין מיט דעם, אז זייא ווייסין אלע נייעס בעפאהר קיינער ווייס נאך, אונ פיל האבין נאך זייערע שקרים אונ נבול-פה גידרוקט אין ביכער, אונ דאס באשאטין מיט ראמאן-צוקער (אזא זארט צוקער וואס שמעקט גוט דיא דרייסיג-יאהריגע אינגלאך) אום צו קלארעפארמירען אונזערע ארימע ברי-דער אונ שוועסטער אריין ווארפין זייא אין אהארטען שלאף, אז זייא זאל זיך חלומען, אז דער מענטש האט קיין העכערין ציעל ניט פאר אבהמה, נור צוא עסין אונ טרינקען אונ שפאצירען אונ באלעמוצען וואו נור ער געפינט מיט ווען, עס איז קיין אונטערשייד, סייא אפין מארק, אדער אין שוהל אפילו בעת חזרת הש"ץ ובעת קריאת התורה, אונ דורך די פיל באלאמוטצין איז גאר אוים גילאשין פון אונז דיא רגשי קודש (עי' הערה באבן שלמה ע"ם, צד 76) אז מיר זיינען גאר ניט מבחין פון מארק ביז אמקום קדוש, אונ מיר זיינען פארטויבט אונ הערין גאר גיט וואס מען איז מכריז „הכל הבו גודל לאלקינו ותנו כבוד לתורה" אשיינער כבוד התורה איז עס, אז בעת מען לייענט איהר זיצין מיר אונ שמועסין אז מיר זיינען מבטל דעם צווייטין אויך פון צוא הערין, אונ אנדערע זיינען אזויא פארטיפט אין שמועסין בעת קריאת התורה (דענסטמאל איז זייער גישמאק ווייל דיא עבירה איז זייער גרויס אין לשער) אז ווען מען רופט זייא אויף לתורה חאפין זייא זיך אויף וויא

פון

*) דיא חכמים אונזערע דריקען זיך אוים מיט זייער אשיינע מליצה אויף דעם פסוק ושמתם את דברי אלה על לבבכם, אז דערווארט ושם-תם האלט אין זיך איין גאך איין גידאנקען ושם-תם (סם חיים) דיא תורה איז גיגליכין צוא איין הייל-זאלב, זיא היילט דיא הארץ פון מענטשין פון אלע בייזע תאוות, דריקען זייא זיך אוים „בראתי יצה"ר בראתי לו תורה תבלין", השי"ת זאגט איך האב טאקע בעשאפין אין מענטשין איצה"ר וואס באדורך איז דער מענטש אצווייפיסיגע חיה וואס קען חרוב מאכין אוועלט, (עי' הערה תורה מן השמים לקמן צד 7), דער יצה"ר איז אמזיק ריכטיג וויא אשטיק רויהע חריין ווען איינער זאל אויף עסין וועט ער דער שטיקט ווערין, אבער איך האב פאר איהם באשאפין אתורה זיא איז פאר דעם יצה"ר איין תבלין, דיא מליצה פון „תבלין" איז מען זאל נעמען מיט דיא תורה וואס זיא איז גיגליכען צו האניג (ומתוקים מדבש), אונ מיט איהר איין פרעגלין די חריין (דעם יצה"ר) וועט דער יצה"ר גאר ווערין אמין קאנפעטור פשוט אמחיה נפשות, דארום איז דער מענטש וואס לערינט תורה העכער וויא איין מלאך, ווייל אמלאך האט קיין יצה"ר ניט, איז דאס נור האניג אליין וואס מען קען עס קיין סך ניט עסין, אבער אמענטש וואס לערינט תורה איז וויא חריין איין גיפרעגילט אין האניג. (ומדוייק היטב לשון „תבלין" אשר לפי המשל והניח לו „רטיה" על מכתו היה צריך לסיים בראתי לו תורה „רטיה").

פון שלאף. אונ נאך אגרעסערין וואונדער איז צוא זעהען, אז בעת ער איז עולה לתורה קען ער גאר דיא מויל ניט עפענען, ער זאגט אב דיא ברכה אז קוים ער אליין הערט, דאכט זיך אקערסט האט ער גירעדט אזויא גראמקע, אונ יעצט קען ער שוין ניט עפענען דיא מויל. אונ ווען ער נעמט עפעס שפייזין אונ דארף מאכין אברכה, דא ווערין שוין גאר זיינע ליפען פארקילט אז זייא קענען זיך גאר ניט באוועגין, אונ פאר נויט עסט ער אונ טרינקט גאר אן אברכה, אבוואהל נארישקייט וואס ניט גישמויגין אונ ניט גיפלויגין ווערט איהם ניט מיאוס צוא באלעמוטצין שטענדיג נאך אנאנד. אה! וויא דום מיר זייגען, אז מיר באמערקין גאר ניט אז דאדורך האבין מיר אויף זיך אגרויסען פראצעס פון אלע בעלי חיים, זייא האבין אגרויסע טענה צום רבש״ע, ווארום האט ער זייא ניט באשאנקען מיט דעם כח הדבור*).

אה

*) מען ערציילט אז פיהע אונ טהירע האבין דערלאנגט אפראשעניע צום רבש״ע מיט דיזע ווארטין: „הער פון דער וועלט וואס דוא בינסט אטוב ומטיב לרעים ולטובים (ורחמיו על כל מעשיו), ווארום האסטו פון אונז פארמיטין דעם כח הדבור? וואס וואלט דיר ארין אז מיר חיות ובהמות וואלטין אויך קענען ריידין? וואלטין מיר ניט אזייא פיל סטראדייען אונ ליידין. מיר וואלטין קענען ערקלעהרין דעם מענטשין אונזער פארלאנג. אט האט נעבאך איינער פון אונז גיקראנגין דעם טויט פאר זיינע טרייהייט, נור ווייל ער קען ניט ריידין. די געשיכטע וואהר אזוי. אפאצט ציגאוניק האט געפיהרט דיא סומקע ווינטער אין אגרויסין פראסט, וויא ער איז גיוועזן שטארק איין געוויקעלט אין זיין פעלץ האט ער ניט גימערקט אז אצעמאדאן איז ארויס גיפאלין פון סליטין, זיין הונד האט עס דערזעהען, האט ער אנגיהייבין שטארק צו בילין, דער ציגאוניק האט עס ניט פארשטאנען, ער איז גילאפין אנטקעגין דיא פערד אונ גישפרונגען אונ זייא ניט גילאזין גיין, דער ציגאוניק האט אלעם ניט פארשטאנען, קורץ דערפון דער טרייער הונד איז גיפליינין דעם קוטצער אפין האלדז אונ איהם גיוואלט צוא רייסין פשוט, האט דער ציגאוניק גירעכינט אז ער איז גיווארין משוגע, האט ער איהם גישאסין, איז דער הונד גילאפין פון אינפעט צוא דיא סומקע, אונ איהר ארום גינומען מיט ביידע לאפעס אונ טויט גיבליבין אויף איהר ליגענדיג. דיא פאצט איז גיקומען צום סטאנציע ער באמערקט אז איהם פעלט אצעמאדאן, האט ער צוריק פארקערעוועט דיא פערד, ער געפינט זיין טרייער הונד ליגט טויט אויף דעם צעמאדאן. מיר קענען פארשטיין וויא ווייט ער האט איהם באדוירט. נוא רבונו של עולם אז מיר וואלטין אבער קענען ריידין, וואלטין מיר דאן ניט קומען צוא אזעלכע אונגליקען. — אנטווארט פון רבש״ע: „אבוואהל מיינע רחמנות איז אויף אלע מיינע באשעפענעס, איך באזארג פאר אלעמען זייער שפייז אין דער צייט, אונ אלעם וואס זייא פאדערט, דאך דארפט איהר וויסין אז דער העלד פון מיין וועלט-געשיכטע איז נור דער מענטש, איהם האב איך גיגעבין דיא קרוין פון רעדע קראפט, אונ ווען איהר זאלט אויך קענען ריידין וואלט דער מענטש האבין אונערטרעגליכע נעפריאטנאסט, ווען למשל צווייא הינט אדער צווייא פערד וואלטין ריידין איינע מיט דיא אנדערע אין גאס, גיוואונליך וואלט דאך זיין אהינטישער אדער א פערדישער ראזגאוואר, וואלט דען אמענטש קענען דורך גיין

אנאם

אה! מיינע טהייערע ברידער וואס איהר זייט וויטיג גילערינט אין אונזער ליכטיגע תורה אונ אין אונזער טויזינדער יאהריגע היסטאריע, אונ זייט צוא שפרייט אין אלע עקין וועלט, וויא ווייט דיא חלאראפארמירטע צוקערקעס (דיא נארישע ביכלאך) האבין אויף אייך ארויף גיווארפין איין הארטין שלאף, אונ אן גיטראגין אגרויסין שטויב אויף אייערע איידעלע הערצער, אזויא ווייט אז עס געפינט זיך צוא וויסין אייך אזעלכע וואס שטאלצירען גאר מיט זייער גרויסע חוצפה אראפ צו ווארפין עפינטליך פון זיך דעם איינציגען צירונג וואס אונז איז גיבליבין ירושה פון אברהם אבינו (דאס איז דיא מדה פון בושה) צו גיין אפין שבת אי- בערין גאס אונ רויכערין, אונ מאכין פארזאמלונגען אום פסח צוא עסין חמץ אונ מאכין בעלער יום כפור צוא כל נדרי, אונ נאך אזעלכע פאדלאסט וואס שוידערט הערינדיג, אה! מיינע ליבע אדעלע ברידער אונד שוועסטער וואס פון אייך איז גיווארין!

קוקענדיג אויף אייך ליבע ברידער אונ שוועסטער, שטעלט זיך מיר פאהר דיא טרויעריגע סצענע, פון איין געוויסען קופיעץ וואס האט באדויערט

דעם

אנאס? עס וואלט דאך איהם גיעקילט אונ געאיבילט הערענדיג. דיא קלוגע בעלי חיים האבין אן גינומען דעם אנטווארט אונ גיבליבין צופרידין מיט זייער שיקזאל. היינט אבער אז אמענטש האט אוועק גילאזין זיין מויל אויף אלע נארישקייט אונ זלזולים אונ קללות אונ מסירות וואס עס שוידערט גאר הערענדיג. טייגען דיא בעלי חיים צום רבש״ע. אז אזויא ריידין וויא דיא פערדישע מענטשין, אדער וויא דיא איזיל קעפ וואלטין מיר אויך ניט ערגער ריידין. אויף דעם זאגט דער נביא (מלאכי ב) הונעתם ה׳ בדבריכם כביכול השי״ת האט ניט קיין אנטווארט צו געבין די בעלי חיים. ער האט זייא נור פארגיטיגט מיט דעם הםח אין דער תורה (לכלב תשליכון אותו (ופסיד ני״) לא תשא שמע שוא) וויא חז״ל מערקען אונז אן, אז דער מספר לשון הרע (וואס דאס איז כולל אלע שענדליכע רייד), ראוי להשליכו לכלבים, ער איז ניט סטויעט איין הונד, אונ דער הונד האט איהם פאלגע פראוו צוא רייסין אונ בייסין. אונ דאס איזט דיא שארפזיניגע מליצה פון חכמי התלמוד (בלעם לא יכול לעמוד בפני תוכחתו של אתונו) בלעם האט ניט גיקאנט בייא שטיין בייא דיא פארווירפע וואס זיין עזעל האט איהם גימאכט, בעת ער האט איהר גישלאגין מיטין שטעקין, ווייל זיא האט ניט גיקענט ריידין אונ ערקלעהרין איהם דיא אורזאך וואס זיא וויל ניט גיין, אז השי״ת האט גיזעהען אז ער גייט דא באנוטצין זיין כח הדבור צוא שילטען אונ באליידיגען איין אונשולדיגען נארד, האט ער איהר גי- עפינט דיא מויל, אונ זיא האט איהם פארווירפע גימאכט, ווארום האסטו מיר גישלאגין דרייא מאהל? ווייל דוא האסט ניט פארשטאנען מיין גוטין מיין, ווייל איך קען ניט ריידין, אזויא ריידין וויא דוא גייסט יעצט האב איך אויך גימענט קענען ריידין. אונ דיזע קלוגע פארווירפע פון בלעם׳ס עזעל קען זיין אמוסטער פאר נאך אזעלכע בלעם׳ס וואס בילין אונ רייצין אויף דעם פראסטין נארד מיט עלילות שקרים אויף דיא אונשולדיגע פאלק, אונ אויף דעם זארט בלעם׳ס וואס מאכין פלענער וויא צוא פארדארבין דעם פאלקס גייסט, אום עס זאל ווערין אוים גינאסין אויף איהם נאטעם צארין. (אמנם אנחנו נקוה להאל הטוב כאשר הצילנו מפי בלעם הראשון, כן יצילנו מתלמידיו ויוליכנו קוממיות לארצנו).

דעם קאמעדיאנט*) דוא אונגליקליכע ארימעס קינד וואס איך האב דיר אויף מיין שוים ערצויגין, אה! וואס פון דיר איז יעצט גיווארין, דוא ווייסט גאר ניט אז דוא בינסט איין זאהן פון אגרויסין מיניסטער, דוא מיינסט געבאך אז דוא בינסט איין ציגיינער קינד, אונ דיין גליק שטעלסט דוא זיך פאהר באשטייט נור ווען דוא ברעכסט זיך אויף דער סצענע אונ קלעטערסט אפין שטריק, אונ נאכהער האפסטו אפאר קערבלאך מבריע פון דעם קאטרינשציק דער ציגיינער, אה! ווען דוא וואלסט אבער וויסין ווער דוא בינסט, אז ניט דער ציגיינער איז דיין פאטער, דוא שטאמסט גאר פון מאנארכין וואס דיא וועלט שעצט זייא, נור דיין ביטערער שיקזאל האט דיר גיבראכט צוא אזא לאגע, וואלסטו פון צער גיט אויס האלטין, אונ וואלסט גיבעטין מיט בכיות דיא וואס קענען דיינע עלטערין זייא זאלין דיר ארויס האפין פון דיין טרויעריגע לאגע, אונ וויא ווייט מעגליך בילדען אז עס זאל פאסין גירופין ווערין אויף דיר דער נאמען פון דיינע גרויסארטיגע עלטערין, אונ דאן וועסטו קענען פאהרין זיך זעהען מיט זייא.

דאס גלייכין מיין טהייערע צושפרייטע פאלק, וואס איהר שטאמט אזויא חויך, פון אזעלכע באריהמטע מענער אברהם יצחק ויעקב, וואס די גאנצע וועלט שעצט אונ ריהמט זייא, אונ אייער פינצטערער שיקזאל האט אייך צושפרייט אין אלע עקין וועלט, אונ איהר באגעגינט דארטין אזעלכע בעלי טובה'ס ציגיינער קאטרינשציקעס וואס האדעווען אייך (אום צוא מעלקין אייך) אונ איהר גיט געבאך נאך זייא נאך וויא דיא בלונדע שעפעלע. (אם לא תדעי לך היפה בנשים) אויב דוא אידעלע, שיינע פאלק אויף דער וועלט (וואס איז באצירט מיט אסך

*) דיא היסטאריע איז גוט באקאנט וויא איין אגענט פון א קאטרינסציק (אציגיינער) וואס דארף האבין שיינע מאנארכישע קינדער פאר קאמעדיאנטין, האט אמאהל גינגנבעט אקליין מיניסטערסע קינד, אונ האט איהם אוועק געפיהרט זאגראניצע אונ איהם אוים גילערינט זיך צוא ברעכין אויף דער סצענע. אין אמשך פון 15 יאהר ארום, איז איין גרויסער קופיעץ א שכן פון דעם מיניסטער (וואס דער קינד פלעגט זיך צוזאמען שפילין מיט זיינע קינדער) גיפאהרין אין אויסלאנד, האט ער גיזעהען וויא א יונגער קאמעדיאנט איין מאנארכישער געזיכט גייט אפין שטריק, נאכהער איז ער גיגאנגען מיטין טאץ מאכין געלט, זיין געזיכט איז איהם פאר גיקומען זייער בעקאנט, ער האט זיך אבער ניט גיקענט דערמאנען ווער דאס איז, קומענדיג צוא זיך אין נומער ברייגנט איהם דער שווייצער וועס פון פראצעסנע איין געוויקעלט אין איין אלטע בלאט צייטונג, ער טוט אבליק דיא אמאהליגע נעשיכטע וואס האט זיך דערנסטמאהל נעשריבין וויא דעם מיניסטערס קינד איז בלוצלונג פארפאלין גיווארין, פאלט איהם ארויף אפין גידאנקען, אז דאס מוז געוויס זיין דער קאמעדיאנט, ער איז איהם זייער פאדאבנע צוא יענעם קינד, קורץ דערפון ער איז מארגין ווידער גיגאנגען, אונ האט איהם ריכטיג באטראכט אונ עס וואהר ריכטיג דער זעלבער, אונ האט איהם זא באדויערט, (אונ האט איהם דורך קלוגע מיטלען צוריק גיבראכט צוא זיין פאטער דעם מיניסטער).

אסך מדות טובות) אויב דוא קענסט זיך ניט ווער דוא בינסט (צאי לך בעקבי הצאן) גייא נאך דעם סלאד פון דיא טריט וואס דיינע עלטערין זיינען אין זייא גינאנגען, דאס הייסט לעהרין גוט דורך דיין אלטע היסטאריע פון דיינע גרויס-ארטיגע עלטערין, דיא אבות הקדושים, נביאים, תנאים ואמוראים וועסטו ערסט וויסין ווער דוא בינסט, ווער האט נאך אזא יחוס בריף אונ אזא היליגע היסטאריע וויא דוא אידעלע, אונ דאן וועסטו ערסט אן פאנגען צוא שטאלצירין מיט דיין נאמען יוד, (ורעי את גדיותיך) אונ ווידע דיינע יונגע ציגעלאך ד. ה. ערציהע דיין יוגינד, זייא מחנך דיינע קינדער, (על משכנות הרועים) בייא דיא גיצעלטין פון דיא הירטען, וואס האבין גיווייעדט זייערע היליגע שאף נאך דעם גישמאק פון יודענ-טהום, אונ האבין זייא באשיצט פון דיא ווילדע טהירע וואס האבין זייא גיוואלט פארצוקען (אונ פארדארבין זייער היליגען געפיהל).

אלזא מיינע טהייערע שוועסטער אונד ברידער, אוים מיטלייד אויף אייער ארימע גייסטליכע לאגע, האב איך מיר באשלאסין צוא מאכין איין פאבריקיל ארבעטין גוטע הערצענס-בערסט, מען זאל קענען אב ריינינגען מיט זיי דעם גרויסין שטויב וואס דער רוח הזמן האט אן גיטראגין אויף אייערע איידעלע הערצער. אונ איך גאראנטיר אייך, אז ווען איהר וועט שטענדיג היטין צו ציסצען מיט מיינע בערסט דיא ליים מיט דיא שטויב פון אויבין, וועט אייך ארויס שיינען אריינע ליבטיגקייט פון טיפען הערצין, אז איהר וועט אן הייבין שפירין דעם ריינעם אמת אונ וועט שטאלצירען מיט דעם נאמען „עוויגער יוד״, וואס ער טראגט אויף זיך אגאנץ לאנגע וואונדערליכע היסטאריע.

בייא מיין אב-שייד נעמען פון דיר ליבער לעזער, וויל איך דיר ענטדעקין דעם סעקרעט פון מיין פאבריקיל, וועלכע פראפיט איך דיינק צו האבין פון איהר, הנה, ווען דו וועסט וויסין מיינע סעקרעטין וועסטו מיר פילייכט קאנקורירען, נור מיין פריינדשאפט צוא דיר שטייגט אריבער מיינע אייגענע נוטצין. איין ארינטליכער סוחר איז צוא קורץ גיקומען אונ האט ניט גיקענט צאהלין אין מקום, זיין פאב-ריקאנט איז גיוועו אגרויסער אדעל, אונ האט פון איהם ניט אב גיצויגין זיין קרעדיט, נור איהם גיגעבין ווייטער אונ ווייטער, דער סוחר האט זיך גוט אויס גירעכינט, אז עס איז איהם ניט מעגליך צו בלייבין בייא זיין עהרליכען נאמען, אונ זיין סאוועסט האט איהם זייער גיפלאגט, האט ער זיך באטראכט איין פלאן וויא זיין עהרליכען נאמען צוא ערהאלטין, אונ האט גישריבין צום פאבריקאנט מיט דיזע ווערטער: האכגישעצטער הער פאבריקאנט! אזויא וויא איך וויל בלייבין בייא מיין עהרליכען נאמען, אונ אזויא וויא מיין גישעפט אליין טראגט ניט אויף בידע, דורך צוא לעבין מיט אגעזינד, אונ אויך צאהלין אזא גרויסין

חוב, אלזא דיינק איך אז צוא מיין שטענדיגען גישעפט וויל איך עטוואס נאך ארבעטין, היינו נארייענען אייך קונדשאפט וועלכע זאלין אנהייבין צו האנדלען אין אייער פאבריק, מיינע קאמיסיאן וועל איך ניט אב נעמען, נור עס זאל זיך קלייבין ביא אייך, פילייכט מיט דער צייט, אביסעלע וועל איך אליין צאהלין אונ אביסעלע פון דיא קאמיסיאן וועט גידעקט ווערין דער גרויסער שולד.

דאס גלייכין מיינע טהייערע, יעדער מענטש איז אגרויסער בעל חוב דעם בורא ית"ש, פאר דיא פיהל גוטעס זיינע, וויא מיר זאגין על חיינו המסורים בידך כו' ועל נפלאותיך וטובותיך שבכל עת ערב ובקר וצהרים כו', והמרחם כי לא תמו חסדיך כו', אונ אין נשמת כל חי זאגין מיר אלו פינו מלא שירה כים כו' אין אנו מספיקין כו'. אונ וויא מען איז אזויא איין גיטרונקען אין עמל הפרנסה, אונ מען קען זיך ווייניג אב געבין צוא דינען השי"ת וויא עס גיהער צוא זיין, בלייבט מען אגרויסער בעל חוב, אונ דער עהרליכער סאוועסט פלאגט, מען וואלט וועלין צאהלין אונ בלייבין ביין עהרליכען נאמען, קענגין דעם גרויסין וועלט פאבריקאנט, אלזא קער איך זיך צום רבש"ע מיט דיא בקשה פון דוד המלך ע"ה, רבש"ע אלמדה פושעים דרכיך וחטאים אליך ישובו, איך וועל באקאנט מאכין דיינע ראיעלע סחורה אין דער וועלט, דיא ליכטיגקייט פון דיין תורה אונ פון דיינע מצות, וואס פאר ליכטיגע אונ הייליגע גידאנקען עס איז אן גיגאסין אין יעדער מצוה, זאגאר אפילו אין יעדער יודישען מנהג וואס איז נתיסד על פי התלמוד, אונ איך האף אז דיא וואס קענען מיר אביסיל פאר ערינסט וועט ווירקען אויף זייא דיא גלייכע רייד, וועל איך דיר נארייען פיהל קונדשאפט וואס האבין גאר קיין מאהל ניט גיוואוסט (אדער ניט גיוואלט וויסין) פון דיא ראיעלע סחורה פון דיין פאבריק*). אונ דיא קאמיסיאן וועכטו רעכענען אויף מיין חוב. אונ ווען דיר מיין ליבער לעזער גיפעלט מיין פראיעקט מעגסטו מיר קאנקורירען, שרייב אויך גוטע גידאנקען אונ גיב דרוקען, אדער פארשפרייט מיין ווערק צוא וויסין אסך מענטשין אום צוא-צוא-ברייננגען פיל סוחרים צוא אונזער גרויסין וועלט פאבריקאנט, וועלין מיר זיך בידע טהיילין מיט דיא קאמיסיאן, זיין קאססע איז זייער אורייכע, עס וועט קלעקין פאר דיר, אונ אויך עטוואס פאר מיר

דער פערפאססער.

---

*) דער נביא (ישעיה נ"א) זאגט הביטו אל צור חוצבתם כו' הביטו אל אברהם אביכם, קוקט זיך צו, צו דעם שטארקען פעלזין פון וועמען איהר זייט אויס גיהאקט גיווארין, ד. ה. קוקט זיך צו צו אייער פאטער אברהם דער שטארקער פעלזין וואס ער האט געשטריטין (מיט זיינע קלוגע רייד) קעגין אגאנצע וועלט געצין דינער, אונ איז ארויס מיט אקרוין פון נצחון, אונ האט זיך ערווארבין איין עוויגען נאמען. פון דיא

תיהל

פיל וויכטיגע לעהרונג וואס מיר האבין צוא לערנען פון אונזער פאטער אברהם, מערקט אונז אן דער תנא אין אבות (פרק בעשרה מאמרות) אזוי וואס איז פאסיג צוא אונזער אינהאלט. עשרה דורות מנח עד אברהם להודיע כו׳ פון דעם וואס דיא תורה באשרייבט אונז דיא 10 דורות פון נח ביז אברהם לערנען מיר וויא ווייט דער בורא ית״ש איז אמאריך אף (גידולדיג) ער גיסט ניט אויס מיט אמאהל זיין צאהרין אויף די זינדיגע מענטשין, נור ער ווארט פיליייכט וועלין זיי זיך בעסרין, אבער זיי האבין זיך ניט גיבעסערט ביז וואנען אברהם איז גיקומען, אונ האט מקבל גיוועזען דעם שכר פון אלע 10 דורות. מען קען זאגין די כוונה „וקבל שכר כולם״, אז השי״ת האט מקבל גיוועזען דורך אברהם׳ן דעם שכר פון דיא אלע פאריגע דורות, צום ביישפיל, אשר האט אויס גיטרויעט אגרויסין פאבריק, ער האט אויס גישאטין אגרויסין קאפיטאל אויף מאשינען אונ מאטריאלין, אונ האט אויס גיארבעט פארשיידענע טייערע ארטיקלען, ער האט ארויס געשיקט וואיעזארין איבער דער וועלט באקאנט מאכין זיינע סחורה, ער האט אבער מיט זיי ניט גיטראפין, זייא האבין ניט געהיט זייער ציעל, זייא פלעגין קומען אין אשטאט האבין זייא דער עיקר גיקוקט אויף אנוטע סטאנציע אונ פארגעניגען, אזויא דער ערשטער אונ דער צווייטער ביז ניין וואיעזארין, זייא האבין אויס גיבראכט אגרויסין קאפיטאל אונ גאר נישט אויף גיטאהן, עס האט גיהאלטין די פאבריק זאל זיך צו מאכין, דער פאבריקאנט האט געפרובירט, אונ ארויס געשיקט אצעהענטין וואיעזאר, אונ גראדע מיט איהם האט ער גיטראפין, ער איז גילעגין מיט לייב אונ לעבין אין זיין זאך, אונ מיט זיינע קלוגע רייד האט ער געוויזין יעדער סוחר די ראיעלקייט אונ די גוטקייט פון די סחורה, ביז וואנען זיא האט זיך זייער אן גינומען אין דער וועלט, אונ עס האבין אן גיהייבין צוא גיין זאקאזין אין פאבריק (פון יעדער שטאט וואס דער וואיעזאר איז נור דורך גיפאהרין), אונ דיא פאבריק איז אוועק מיט אגרויסין נאמען אין דער וועלט, אז דער פאבריקאנט האט איין גיקאסירט פון דעם צעהנטין וואיעזאר דיא אלע קאסטין וואס יענע האבין איהם אויס גיבראכט. – דער פאבריקאנט איז השי״ת, ער האט אויס גע־שטרויעט אוואונדערליכע וועלט מיט גרויס חכמה, דיא וואיעזארען זיינען דיא דורות וואס ביז אברהם, מיט זיי האט הקב״ה ניט גיטראפין, זייא האבין פארבראכט זייערע יאהרין אין תאוות הזמן, ביז וואנען עס האט גיהאלטין דיא וועלט זאל חרוב ווערין איבער זייערע בייזע מעשים וויא אין דור המבול, ביז וואנען אונזער פאטער אברהם איז גיקומען, ער איז גיוועזען דער קלוגער דער ערינסטער וואיעזאר, ער האט באטראכט זיין ציעל אויף וואס אמענטש איז באשאפין גיווארין אויף דער וועלט ניט צוא ליגען אין תאוות, נור צוא שטרעמען אויף וויכטיגע זאכין, באקאנט צוא מאכין דיא וויכטיגע סחורה פון דעם וועלט פאבריקאנט, (כמ״ש ויקרא שם אברם בשם ה׳), וואו ער איז נור גיקומען האט ער גידרשנת אונ מפרסם גיוועזען דיא ריינע אמונה, ביז וואנען ער האט ערווארבין אסך נפשות. ואת הנפש אשר עשו בחרן, פון איהם האט דער גרויסער וועלט-פאבריקאנט הקב״ה איין גיקאסירט דיא אלע אום קאסטין וואס דיא פאהריגע 9 דורות האבין אויס גיבראכט, אונ פון אברהם׳ן אן איז אוועק דיא גרויסע הימלישע פאבריק מיט אגרויסין נאמען אין דער וועלט, ביז היינטיגען טאג. אונ אזוי דארפין מיר איינציקלאך פון אברהם זעהען צוא סטארייען זיך, באקאנט מאכין דיא ריינע אמונה, אונ דיא ליכטיגקייט פון אונזער תורה צוא אונזערע ברידער, מקרב זיין זייערע הערצער לאהבת השי״ת, ואהבת הבריות.

א. דער אבשייד.

ערבארעם זיך אויף מיר מיין ליבעס קינד, אונ לאז מיר ניט איבער אליין צוא מיינע עלטערע יאהרין, דוא בינסט דאך מיין שווארצאפעל פון אויג, אונ מיין לעצטער טרייסט, זא רעדט דער מחבר צוא זיין ווערק בעת ער דארף זיך מיט איהר שיידין, אונ איהר ארויס לאזין צוא מאכין איין רייזע אין דיא גרויסע אונ ברייטע וועלט.

יא מיין ליבער פאטער, עס איז מיר זייער שווער צוא שיידין זיך מיט דיר, מיין לעבין, מיין זעעלע, אבער אז איך ערהאינער זיך דיינע זיסע אונ קלוגע רייד, וואס דוא פלעגסט מיר שטענדיג טריפפען אויף מיינעם הערצין, וויא א גוטער טויא אויף בלומען, אז דער מענטש איז ניט בעשאפין צוא לעבין פאר זיך אליין, נור צוא בעמיהען זיך, זיין וואלטהעטיג פארין צווייטין, אזויא וויא דער וועלט באשעפער האט באשאפין דיא גרויסע פראכטיגע וועלט, ניט פון זיינע נוצין וועגין, נור צוא טאן גינאדע אונ גוטעס זיינע ברואים, אונ דיינע זיסע רייד וואס זיינען ארויס פון דיין ריינע הארץ האבין ניט גיפעלט קיין מאל זייער ציעל, אונ זיינען אריין טיף אין מיין ווייכע הארץ, דארום וויא קאן איך יעצט גלייך גילטיג צוזעהן דעם גרויסין אונגליק פון דיא שיינע הינער וויא זייא ווערין איין אפפער צוא דיא פארפלוכטע שעסקע, ווען זייא דער שמעקין איהר ריח רע, וואס זיא לאזט ארויס פון זיך, פאר דריען זייא גלייך זייערע שוואכע קעפלאך, אונ איך זאל ניט אן ווענדין מיינע אלע קרעפטין צוא רעטען זייא.

דיינע רייד איז מיר ארעטענעס, ערקלער מיר ווער זיינען דאס דיא שיינע הינער?

וואס פארשטייסטו ניט מיין ליבער פאטער! דאס זיינען אונזערע יונגע קינדער, וואס פארצאדען זייערע שוואכע קעפלאך, פון דעם ריח רע פון מאנכע זארגאנישע ראמאנען, וואס לבד זייערע שמוטציגע גידאנקען אונ נבול פה, האבין נאך איינינע פון זייערע מחברים אום גימייקעט זייער גיפט אום אוים צוא לעשין דעם פונק פון דיא ריינע אמונה. אונ פון גרויס צד האבין געבאך אונזערע יונגע קינדער אוים גיבראכין גרין אונ גאל, אונ אסך ברעכין נאך אוים דיא ריינע מילך וואס זייא האבין גיזויגין ביי זייער

מוטער

מוטער, דאס איז דיא הייליגע אמונה. וואס זיא איז דער לעבין פון דעם נפש הישראלי. *)

דוא בינסט אפילו גירעכט מיין טייערע טאכטער, אבער איך פארשטייא נאך ניט וואס האסטו זיך אזויא צוקאכט אויף דעם? וואס איז דאס אזא רעש, אז אמיידיל לייענט איין ראמאן, אונ פארצאדעט אביסיל דיא קאפ! אז צוליב דעם איז ביי דיר רעכט צו פארוואגעלט ווערין אין דיא גרויסע אונ ברייטע וועלט.

באטראכט גוט וואס דוא רעדסט ליבער פאטער! וואס הייסט דאס איין מיידיל לייענט איין ראמאן? דיא מיידיל ווערט דאך נאכהער אפרוי צו איין מאן, זיא פיהרט דאך אשטוב, אונ ערציהעט דאך קינדער, אונ ווען זיא אליין האט אין איהר יוגענד פון צד אוים גיבראכין איהר אמונה וואס איז גיוועזן איינגישטעמפילט אין איהר בלוט פון איהרע עלטערין, טוא וואס פאר איין קרעפט קען האבין איהרע מילך וואס זיא זייגט ד. ה. וואס זיא איז מדריך איהרע קינדער. זיא איז דאך מדריך איין דור אן אמונה. אונ זא ווייטער אונ ווייטער, אונ במשך הזמן ווערט פון דיא איין מיידיל א גאנצע שטאט **).

מיט דיינע רייד מיין ליבע טאכטער, איז מיר ערקלערט גיווארין דיא גרויסע וואונדערבארע נייעס, וואס גאנץ אפט הערט מען לייענענדיג אין דיא בלעטער, אז דער אונ דער יונגער מענטש האט זיך דערטרונקען אין ים, אדער זיך גישאסין, וואס אגרויסער טהייל פון זייא זיינען אונזערע יודישע ברידער (הגם עס שרייבט זיך סערגיי איוואנאוויץ, מבינים פאר שטייען אבער אז דאס איז ישראל בן יונה), וואס פארצייטין פלעגט מען דאס קיין מאל ניט הערין ביי אונזערע אידישע קינדער, ווייל זייא האבין ערצויגען זייערע קינדער על ברכי האמונה הטהורה. אונ בעפאר מען האט זייא גילערינט איין טאלאנט, איין האנד ווערק אדער בילדונג האט

מען

*) פיל פון יעצטיגע זארגאנישע ראמאנען שרייבער האבין אן גיטרונקען דאס פאלק „מים המאררים" פון ווילד פרעמדע האראקטערין אונ אינטריגען פון באנדיטען אונ ראמאנישען פון שארלאטאנען אונ קאמעדיעס פון לצים, אונ אין דיא תלמידים פון דיזין שמאטאווין ליטעראטור קען מיט דער צייט ניט זיין צוא ערקענען קיין שפור פון דיא זיטליכקייט וואס אונזערע ערסטע פילאנטראפין האבין ביי אונז פארפלאנצט, אונ די אנזיכט פון יודענטהום קען באקומען אצורה פון חלשות, ה' ירחם. (צנ"ג).

**) ובפרט בדור הזה אז פרויען שפילין אזא גרויסע ראליע, אונ זייא האבין בכח איבער צו וועקסלין דיא גאנצע הנהגה פון מאן אין גוטין זייט, אדער חלילה להיפך, ובפרט אין הנהגת הבית, צב"ש, א כשרה קיך, אונ ערציהען קינדער

נאבי

מען זייא גוט איין גילערינט דעם יודענטהום, איז ווען דער עוויגער האט באגליקט זייערע קינדער מיט עשירות וגדולה, האבין זייא געווים גילעבט מיט פערגעניגען, אונ אים גילויבט אונ גידאנקט פאר דיא פיל טובות וואס ער האט אויף זייא משפיע גיוועז. דאס גלייכין האט זייא דיא אמונה*)

גילערינט

נאכין יודישין גישמאק, אונ נאך פיל וויכטיגע ענינים, ווען דיא פרויא איז איין ארינטליכע אונ אפרומע, גייט דיא גאנצע שטוב אוועק אין גוטען וועג, ווען אפילו דער מאן איז נאר שוואך אין אידישקייט מאכט זיא איהם איבער מקצה אל הקצה. אבער ווען דיא פרויא איז חלילה אויס גילאזין. גייט אוועק דיא גאנצע שטוב אין דער העל, סייא אין בשרות, אונ סייא אין הנהגת הבנים, אפילו ווען דער מאן איז גוט גיזאגען, ווייל עס איז זייער שווער צוא האבין איין מלחמה פנימית. וויא דער שפריכווארט זאגט „פון אהויז גנב איז זיך שווער צו היטין" דרום מוזין מיר זייער זארגין וועגין דיא גיזאנענהייט פון דיא פריילינס וואס נאנץ גיך ווערין זייא פרויען, אונ מיר מוזין זיך באמיהען צו געבין זייער גייסט גוטע אונ גיזונטע שפייז.

*) „אמונה" ריכטיג צו לערנען אונ וויסין אין מוח אונ אין הארצין איז אגרויסע סטודיום וואס מען ברויכט יאהרען לאנג סטודירען, נור אין קורצען באשטייט זיא אין דרייא יסודות (עלעמענטין) — א) „מציאות השם" (אז עס איז דא א גאט), ד. ה. דעם גרויסין פאלאטץ וואס מיר זעהען פאר אונזערע אויגין, וואס ער איז גיסטרויעט מיט פיל חכמה. דיא אלע חלקים וועלט, מיט דיא גרויסע ימים. מיט אלע מאטעריאלין אונ באשעפענעס וואס אין זייא געפינט זיך. דיא הימיל מיט אלע פלאנעטין, האט דאס גיסטרויעט אגרויסער אינזשעניער. דאס איז דער וועלט באשעפער. אונ ער איז דיא נשמה פון אלע זאכין, אונ אלע טאג איז ער אין זייא משפיע איין קראפט אז זייא זאלין ניט איספארצעט ווערין, נור שטיין אויף זייער באשטאנד, וויא ער האט זייא גישטעלט, אונ ווען ער זאל חלילה צוא נעמען איין רגע זיין השפעה פון דער וועלט, וועט זיא קריגען אזא צורה וויא איין קערפער בעת דיא נשמה גייט פון איהם ארויס, אונ ביי איהם אין האנד איז זייא צו ענדערין וויא זיין רצון איז, אזויא וויא מיר האבין גיזעהען אין מצרים האט ער גיענדערט דיא גאנצע סדרי בראשית (נאטור) וועגין דיא רעטונג אונ עהרע פון זרע אברהם. ב) „תורה מן השמים" (אז דיא תורה איז גיגעבין פון הימיל), משה רבינו ע"ה האט פון זיך אליין ניט געשריבין איין ווארט אין דער תורה, נור השי"ת האט איהם פאר גילעזין יעדעס ווארט, אונ ער האט גישריבין, פון בראשית ביז לעיני כל ישראל. ווייל אזויא וויא מיר זעהען אז דער מענטש איז דער קרוין פון דיא גאנצע בריאה, אונטער זיין האנד איז דיא גאנצע שעפפונג, צוא מאכין פאסאנען אויף דיא אלע מאטריאלין וואס דער וועלט באשעפער האט באשאפין, אונ ראספראזאיען זיך איבער אלע באשעפענעס, אונ וויא מיר זעהען אז דער מענטש ווערט גיבוירין מיט פיל תאוות וויא כעס, קנאה, תאוה, גאוה, אונ ד. ג. וואס מיט יעדער איינציגע תאוה איז ער אים-שטאנד אן צוא טאהן שאדין מעהר וויא איין ווילדע מזיק. וויא איין חכם האט גיזאגט „דיא צווייא פיסיגע חיה בעת דער גיפט פון כעס, גאוה, תאוה, קומט איהר אויף, קען זיא צורייסין מעהר וויפיל אלע פירפיסיגע חיות צוא זאמען", מיט זיין לאפע קען ער צוא דראפען טויזענדער

געזיכטער

גילערינט אז דער מענטש איז ניט גיבארין נור צוא עסין אונ טרינקען וויא איין בהמה, נור צוא טאן גוטעס זיך אונ דעם צווייטין מיט וואס נור ער קען. דאדורך זיינען זיי אריין אין די פאלאזעניע פון אלע אונגליקליכע אונד עלינדטע אוים צו העלפין זיי, סייא מיט איין עצה, מיט גוטע טרייסטונג אונ מיט געלט, פיל נור זייערע מעגליכקייט איז, אונ פון דעם האבין זייא אויך גיהאט גרויס פארגניגען, אונ גילויבט דעם עוויגען וואס ער האט איין גיטיילט דעם ארימאנס טהייל צוא זייא אין האנט א). אום דאמיט זייא מזכה צוא זיין פאר זייער גוטע הארץ, אונ וועו אפילו זייער הימעל איז אמאל גיווארין פארוואלקינט, ד. ה. עס האט זיך אב גיקערט פון זייא די הצלחה, האבין זייא דאס מקבל גיוועו באהבה, ווייל זייא האבין גיגלויבט אז עס איז

געזיכטער, מיט איין טראפין טינט קען ער פארפלייצין גאנצע שטעט, מיט איין בלאז מיט זיין צינגיל קען ער פארברענגען פיל מענטשין, מעהר וויא דער גיפטינגער שלאנג. אונ אום צוא מאכין די צווייפוסיגע חיה פאר איין בן תרבות. וואס דאס איז קיינער ניט אים־שטאנד מעהר ניט ווי זיין באשעפער אליין, נור ער וויים זיין גאנצע פארהעלטעניס פון זיין יצר, אונ נור ער קען באשאפען איין תרופה צוא דעם. (ווייל וועה וויים נאך אזוי גוט די מאטריאל וויא דער פאבריקאנט אליין וואס ער האט איהר גישפונען אונ גיוועבט. וויים ער מיט וואס וויך צוא מאכין איהרע הארטקייט). אלזא האט ער אליין ערשיינט אויף דעם בארג סיני, אונ גיגעבין (צוא די קינדער פון זיין גיליבטען אברהם) איין תורה, דאס איז די געטליכע פראג־ראמע וויא זיך אויף צוא פיהרין אין לעבין. אויף יעדער שריט אונ טריט. זיא איז איין גיטהיילט אין צווייא טהייל. 1) סור מרע (אוים ווייכען פון שלעכטעס), אוים צו ראטין פון הערצען אלע בייזע תאוות אונ זיטין, אונ אלע שלעכטע גידאנקען, מען זאל ניט זיין וויא די ווילדע טהירע. אונ 2) ועשה טוב (טאהן גוטעס) איין גיוואונען דעם קערפער צו טאהן מצות אונ מעשים טובים, סיי בין אדם למקום אונ סייא בין אדם לחבירו, איין צוא פליסין אין זיך גוטע גידאנקען אונ זיטין, ווערין אלעס נעהענטער אונ נעהענטער צו איידעלע געפיהלען צו ערקענען דעם באשעפער פון הימיל. אונ צו ליבין יעדער מענטשין וויא זיך, בכדי זיך גליכליך צו מאכין דורך דעם גוטען אויפפיהרונג אויף דיזע וועלט, אונ פאר עוויגען זיך אז זיין זעעלע זאל ניט אב שטארבין מיטין קערפער צוא זאמען, נור צו לעבין בתענוג הרוחני אין די עוויגע וועלט אשר עין לא ראתה. — ג) „שכר ועונש". אז דער עוויגער וויים אלע מעשים פון מענטשין זאגאר אלע זיינע גידאנקען. אונ ער גיט, אונ וועט געבין אגוטין לאהן פאר אלע זיינע גוטע טהאטין אונ גידאנקען וואס זייא שטימען נאך די געטליכע פראגראמע (תורה) אונ ער שטראפירט, אונ וועט שטראפירען אויף אלע בייזע טהאטען אונ גידאנקען וואס זיינען געגען די געטליכע תורה. (זיהע אין ספר אבן שלמה ע"ט צד 80 וועט דיר רעכט ווערין די פראגין אויף די הנהגה פון דעם עוויגען).

א) כמ"ש האלשיך ע"פ אם כסף תלוה את עמי (ר"ל אם תרצה להנצל מהתנגדות היצר למדה זו, תחשוב בלבך) את העני עמך (את הכסף העני הפקיד השי"ת עמך. ואתה נותן לו משלו).

איז אלעס מיט דיא השגחה פון דעם ערבארימיגען פאטער פון הימעל, וואס ער ווייס בעסער וואס פאר דעם מענטשין איז גוט, וויא דער מענטש אליין. אונ זיינען צופרידין גיוועזן וויא השי"ת מאכט*) אונ ווען דיא צייט האט זייא אמאל שטארק צוא געדריקט, האבין זייא גיהאט פארוועמען אויס צוא גיסען זייער ביטער הארץ, פאר זייער פאטער פון הימיל וואס אין זיין האנט איז דיא רייכטהום אונ עהרע. אונ דאס גופא האט זייא שוין ערלייכטערט זייערע שמערצין אונ דיא האפענונג האט פעסט גימאכט זייער מוטה. אונ דאדורך זיינען זייא גיבליבין מענטשין אויפין פלאץ, ביז וואנען דיא זון פון הצלחה האט ווייטער זייא אשיין גיטאן. וויא דער שפריך ווארט זאגט "אלעס פארלארין אבער דעם מוטה ניט פארלארין" א) — ליידער אבער ווען מען איז גיהאדעוועט אן אמונה, איז בעת דער הימעל איז לויטער ד. ה.

דיא

*) וויא דיא חכמי התלמוד ערציילין פון דעם גערימטען תנא ר' עקיבא אז ער איז שטענדיג גיוויינט גיוועזן (אויף אלעס וואס איהם האט פאסירט) צוא זאגין „כל מה דעביד רחמנא לטב עביד", וואס דער עוויגער טהוט איז אלעס צוא א נוטין ציעל. דיא לעהרע איז איהם גיקומען פון פיל פראקטיקע, אונ איינע פון זייא איז דיא געשיכטע וואס איהם האט פאסירט, אמאהל איז ער גינאנגען אין וועג מיט זיינע תלמידים, קומענדיג אין אשטאט האט איהם קיינער ניט אריין גילאזין נעכ־טיגען, איז ער גינאנגען נעכטיגען אין וואלד. ער האט מיט זיך גיהאט איין אייזיל (צום רייטין) איין ליכטערנע (צום באלייכטין) אונ איין האן (אויף צוא וועקין ביי נאכט לערנען) איז גיקומען אלייב אונ צו ריסין דעם אייזיל. אונ אווינט האט פאר־לאשין דעם פאנאר, אונ אקאץ האט צוריסין דעם האן. זייא האבין נעבאך איבער גינעכטיגט אין פינצטערנעס אונ שמערץ, האט ער זייא גיטרייסט מיט זיינע זיסע ווערטער „אז אלעס וואס דער עוויגער מאכט איז לטובה". אין דער פריה האט ער דערהערט אז דיזע נאכט זיינען רויבער־באנדעס בעפאלין דיא שטאט אונ זייא גיפאנגען פאר שקלאווין, זאגט ער צוא דיא תלמידים זעט איהר וויא ריכטיג עס איז מיינע ווערטער, „אז וואס דער עוויגער טהוט איז אלעס לטובה". ווען מען וואלט אונז אריין גילאזין נעכטיגען וואלט מען אונז אויך גיפאנגען, אונ ווען זייא זיינען דורך גינאנגען דעם וואלד אונ וואלטין זעהען פון ווייטין דיא פאנאר ברענגט אדער דער האן קרייט, אדער דער אייזיל שרייט, וואלט מען אונז אויך גיפאנגען, האט השי"ת גימאכט אונזער מכה פאר איין רפואה. אונ אזויא קען יעדער איידעלער מענטש שפירען כמ"ש ושם דרך (מי שמשים יבו על דרכיו) אראנו בישע אלהים איז ער זוכה צוא זעהען שיינבאר דיא ישועה פון דעם עוויגען, וואס ער פיהרט אלעס לטובה.

א) יש לטעמים רעיון נכבד זה במשכיות דברי התנא שאבות שאחד מעשרה נסים שנעשו לאבותינו בבהמ"ק הוא „עומדים צפופים ומשתחוים רוחים", היינו שמעלת קדושת האמונה הוא כל כך רם ונשגב שאף שהאדם עומד במצבו הגופני „צפוף" היינו צר לו מאד עד שאין לו דרך לנטות ימין ושמאל בכ"ז כאשר „משתחוה" ומוסף לקון לחשו לפני אביו שבשמים ורווח לו, ע"ד מן המצר קראתי יה ענני במרחב, וזהו רעיון נשגב להמתבונן בו.

דיא צייט גליקט איהם, אט לעבט זיך וויא עס איז (מען פאשעט דעם קערפער וויא איין בהמה), אבער חלילה ווען דער הימעל ווערט פארוואלקינט, אונ עס הייבט אן דונערין אונ בליצין הערין זייא פארטויבט אונ פארבלענדעט, אונ פון גרוים פארצווייפלונג דאכט זיך זייא [illegible] געפינען זייער רוהע אין שווארצין ים אדער אויפין גאלגען (תליה).

יא יא מיין ליבער פאטער, דיזער מארדטהאט (פון מאבד עצמו לדעת) קען נור פארהיט ווערין דורך אמונה. ווען דער מענטש גלויבט אז עס וועט אויף גיפאדערט ווערין פון איהם זיין אייגענע בלוט וואס ער האט פארגאסין, וויא דיא הייליגע תורה פארזאגט אונז ואך את דמכם לנפשותיכם אדרוש א). ווייל דיא רעגירונג קען נור אויף היטין דאס וואס איינער וויל דעם צווייטין ערמארדען, אבער ניט ווען איינער זיך זעלבסט וויל ערמארדען.

יעצט מיין ליבער פאטער אז איך נעם זיך באטראכטין דעם אויפפיהרונג פון דעם יונגין דור, וויא דיא עלטערין פאסין ניט אויף זייערע קינדער וואס פאר ביכלאך זייא לערנין, אונ ווער עס בעטראכט נור דעם בעפאל וואס עס איז פרייטאג פארנאכט בייא דיא יודישע בוך קראמען, יעדער ארימע קינד שפארט אפ פון עסין אום צוא נעמען אויף פראקאט לכבוד שבת איין ראמאן ביכיל, אדער בעסער זאגענדיג איין גיסאמטין טארט, אונ ווינטערדיגען פרייטיג צו נאכט זעצט מען זיך דאס ארום טיש, אונ מען לייענט מיט אזא התמדה אונ חשק, אונ אין מאנכע ערטער האבין נאך דיא עלטערין אויף פארגעניגען צוא הערין דיא געשיכטען מיט דיא גיפטיגע דברי נבלה ומינות. אונ אזויא בלייבין נעבאך אין אונמאכט אגאנצע פאמיליע פון צד.

ווער עס האט נור איין מענשענפריינדליכע הארץ מוז צוא נאסין ווערין, זעהענדיג דעם עלענד פון אונזערע טייערע שוועסטער אונ ברידער, וואס זייא ברייננגען אוים זייערע בעסטע רוהיגע צייטין*) אין דיא בעסטע

יאהרין

א) נפש האדם מתואר בכתבי הקדש בחמשה תוארים, נפש, רוח, נשמה, חיה, יחידה כו׳, ונקראת חיה לפי שהיא לבדה דבקה בעוה״ז בחיים עליונים באור החכמה. ואחרי הפרדה מן הגוף היא חיה תמיד, והוא עצמו ההשארות כנפשי המורגל בפי קדמונינו. ולכן בכל המקרא לא תמצא התאר הזה לנשמה זולתי כשידברו על הדבקות האלהי כשתדבק באור החיים, וזהו פי׳ הכתוב ואך את דמכם לנפשותיכם אדרוש, שהוא על ההורג עצמו, וממי ידרוש דמו? משיב מיד כל חיה אדרשנו ובזה גלה הסוד, שאין הכונה בחיים הללו תחת השמש, אלא מיד כל (אפילו הוא גדול בתורה ובמעש״ם) חיה, אחרי הפרדה מן הגוף אפרע ממנה על עונה, ולכן קראה חיה לפי שמדבר על הזמן שאינה עוד בגוף. (עיין לבנון אבות פ״ג מי״ח ע״ש בארוכה).

*) וויא צוב״ש שבת אונ יו״ט, וואס זייא זיינען גישטעלט גיווארין צו לערנען

וויא

יאהרין, אין גיפעהרליכע און גיפטיגע געזעלשאפטין, און גיפט דארף דאך קיין סך ניט האבין; נור וויא עס פארמישט זיך אין דיא בלוט אפילו פון קליינעם פינגער, גידויערט עס ניט לאנג, און עס גרייפט אן דיא הארץ און דעם מוח, אז מען קען איהם שוין ניט ראטירען, און ער איז שוין גיפערליך פאר זיין קאמפאניע אויך, ער קען זאראזען פיל מענטשין.

אה!! איהר טייערע מוטערס, איך פרעג אייך, ווער האט אייך ערלויבט אוועק צוא רויבין פון אייערע אידעלע און ליבע קינדער דעם היילינען באלזאם, דאס איז דיא ליכט פון אמונה, וואס זיא בעלייכט דעם מענטשין, איבערהויפט אין זיינע פינסטערע צייטין, און פערלייכטערט איהם דעם שמערץ פון זיינע וואונדין, וויא דער נביא זאגט „וצדיק באמונתו יחיה״, ד.ה. דער פרומער איז זיך מחיה מיט זיין פעסטין גלויבין, ווער האט אייך גאראנטירט אז אייערע קינדער וועלין עוויג גיזונד און רייך זיין, אז שטענדיג וועט זיא דיא זון פון גליק שיינען אין זייערע פענסטער, אז שטענדיג וועט זייער שיפעלע רוהיג גיין אויף דעם גרויסין שטורמישען ים פון לעבין. (און ווען אפילו דער גליק זאל זיא באגלייטין אויף אלע זייערע טריט, איז

זיא צוא זיין איין עובד השם, וויא דיא תורה לערינט אונז*). און אם ענדע ברייננען זייא אוים דיא היילינע צייטין אין לצנות ודברי ענבים ומינות (ולא רחוק לשער שרמזה תורה ע״ז בסוף המקרא (המובא בהערה) ושם אלהים אחרים לא תזכירו, לא ישמע על פיך). און בלייבין אזויא אונוויסענד פון זיטענלעהרע און מכש״כ פון צו טאן אמצוה וויא גיהער צוא זיין, און ווייל זייא ווייסין ניט קיין שום דין, איז ווען זייא ווילין טאהן איין מצוה פאלין זייא אריין אין דיא גרעסטע עבירה, וויא צוב״ש, דאס רוב יודישע פרויען זיינען זריז אין דיא מצוה פון ליכט בענטשין לכבוד שבת, און ווען עס טרעפט אמאהל אז זיא פארשפעטיגט, און דער מאן איהרער צינגט ליכט אין דער צייט, פאלט זיא אריין פון נאס מיט איין כעס, שטייטיש טייגע ליכט האסטו אן גיצונדין!! און חאפט און פארלעשט, און צינט אן מיט אברכה לכבוד שבת. און ווען זיא זאל לערנען ריכטיג דעם דין וועט זיא זעהן אז איהר אנציני־ דען איז ניט גיוועז לכבוד שבת, נור לחלול שבת, הרחמן יצילנו.

---

*) כמ״ש ויקהל משה כו׳ שלמדם שבשבת יקהילו קהלות לעסוק בתורה בכדי לידע איך להיות עבדים נאמנים למלכותא דרקיעא ולמלכותא דארעא. וכתוב עוד בפ׳ משפטים ששת ימים תעשה מעשיך וביום השביעי תשבות (מכל מעשה, אם קל ואם כבד, ופן יאמר עבודה קשה אסורה אבל אשתמש בעבדי ובבהמתי למעשים קלים, לכך לא אמר כאן תעשה מלאכה כי אם תעשה מעשיך כו׳ למען ינוח עבדך ואמתך, מנוחת נופש ומרגוע מכל מעשה (הרכסים לבקעה). וסיים הכתוב לאיזה מטרה צויתיך על שביתת השבת בכדי „ובכל אשר אמרתי אליכם תשמרו״ כמ״ש בספר חרדים שהחיוב על כל אדם להיות בקי בתרי״ג מצות דרך כלל בעל פה ממש, כי איך אפשר להיות עבד למלך אם לא ידע כל חקיו וגזרותיו, לזאת צויתיך על שביתת השבת מכל מעשה, למען יהי לבך פנוי ללמוד ולזכור את כל מצותי לעשותם ובזה יהיה שביתתך שבת שבתון קדש לה׳ (במות ל״א ס״ו) שמירת קדושתה לשמי ובמצותי (רש״י).

איז אלעבין אן איין אמונה ניט בעסער וויא איין אייזיל לעבין), וואָרום רעכינט איהר ניט אויס, טאמער וועט זייער הימיל אמאָהל פארוואָלקינט ווערין מיט אפינצטערין וואָלקין, אונ זייער שיפעלע וועט זיך ארום וואַרפין אין שטורמישען ים אין גרויסין טומאן אונ פינצטערנעס, אונ ווען זייא וועלין ניט האבין דעם שיין פון אמונה, קענען זייא פון גרויס פינצטערנעס פארקריכין אין שוואַרצין ים, אונ רעכענען דארטין צוא געפינען זייער רוהע (נאך זייער פאלשע אידעע, אבער אין דער וואַרהייט וועט מען זייא פון דארטין אויך וואַרפין אין כף הקלע, וויא טיטוס הרשע האט זיך גיקליגט אנטלייפין פון אידישען גאט, האט ער גיהייסין פארברענען איהם נאכין טויט אונ צושפרייטין זיינע אש אויף שבעה ימים, בכדי גאט זאל איהם ניט געפינען נעמען צום משפט אויף זיינע שלעכטע טהאטען, נור וואס איז זיין סוף, מען משפט איהם אזוי, אלע טאג קלייבט מען צוזאמען זיינע אש, אונ מען שטעלט איהם אויף צוריק אין לעבין אונ מען פארברענט איהם ווידער, וויא ער האט אליין דערציילט צו זיין פלימעניק אונקלוס הגר) 1).

אויב אזויא מיין ליבע טאכטער, אז פון ריינע ליבשאפט צוא דיינע טייערע שוועסטער אונ ברידער, בינסטו גרייט צו שטערין זיך דיין רוהע, אונ פארוואגילט ווערין אין דיא גרויסע אונ ברייטע וועלט, דורך צו ריידין זיך מיט זייא, עפענען זייא דיא אויגין, זייא זאלין זעהען אז זיי בלאנדזען, אונ אום קערין זייא צוריק אין דיא וועג פון לעבין, האסטו פאָלקאם רעכט, אונ מיט גרויס גידולד בין איך גרייט צוא זיצין איינזאם גישיידעט פון דיר מיין זעלע.

נור דוא דארפסט ניט פארגעסין מיין טאכטער אז אצוא שווערע עבודה האסטו זיך אונטער גינומען, געוויס ווייסטו אויך אז אגרויסע טהייל וועלט, אונ אין דעם אסך איידעלע מענטשין זייגען פארפיהרט אונ פארקאכט אין דיא ראמאנען ביכלאך, אונ איך צווייפיל אויב דוא וועסט מיט דיין שוואכע פעדער עטוואס ווירקען אויף זייא.

יא מיין ליבער פאטער! שוין צייט צעהן יאהר אז דער גידאנק שטערט מיר פון מיין רייזע, אונ איך זיץ רוהיג בייא דיר נור פון רוהיג זיצין קען קיין וואלטהאט ניט ארויס, אונ פון טאהן קען דאך עטוואס זיין. איך שטעל זיך ניט פאר קיין גדולות, איך בין אמסתפק

במועט

1) בינו נא זאת שוכחי אלוה „פן אטרוף“ ואין מציל, היינו ווען אפילו דוא בינסט נאך ניט פעסט אין דעם אני מאמין פון שכר ועונש. אבער שרעקין מענסטו זיך פאר דעם ספק, ווייל דאס איז זייער איין גיפעהרליכער ספק.

במועט, װען איך זאל נור װידערקען אויף אײנעם אין מײן גאנצע רײזע, בין איך העכסט צופרידין, אונ דער האפפענונג ערפרײט מיר, אז אויף מיר קוקענדיג, װעלין זיך ערװעקען גרויס-ארטיגע מענטשין מיט ליכטיגע פעדער, אונ װעלין אן הײבין צו פלײצין טײכין באלזאם אין דיא זארגאנישע שפראך, צו באלעבין אונזער ארימע פאלק, אום זײא זאלין שוין מעהר ניט װעלין טרינקען דיא גיפטיגע שמוטציגע װאסער פון דיא קװעלע פון מאנכע ראמאנען שרײבער. אונ װען אפילו מײן װערק זאל קײנע אנדערע נוטצין ניט ברײנגען, מעהר ניט, װיא אין דיא צײט, װאס אײניגע מענטשין װעלין איהר לעזין, װעלין זײא דערװײל ניט פארשמוטצין זײער מוח מיט אײן ראמאן, דאס אלײן האט אויך פיל צו בעדײטען, אונ עס איז כדאי אלע שװיריגקײט זיך אונטער צו נעמען.

אויב אזויא מײן טאכטער! אז דו בינסט אזויא באגײסטערט, װיל איך דיר ניט שטערין פון דײן גוטין געפיהל, אונ עס קען זײן אז דו װעסט פיל נוטצין ברײנגען, װיא מיר זעהן, אז דיא שײן פון אקלײנע ליכטיל פארשטױסט אויך אסך פינצטערנעס, נור זאג מיר מײן טאכטער, מיט װאס פאר אײן מעטהאדע דײנקסט דו צו הײלין דיא גרױסע װאונדין פון דײנע ברידער, װאס זײא זײנען אזויא פארבלענדעט, אונ יאגין זיך נאך, נאך דיא חיה רעה, דאס איז דער לוקסוס אונ דיא מאדע, װאס מיט איהרע גיפטיגע נעגיל האט זיא מזיק געװעזן כמעט דעם גרעסטין טהײל פון אונזערע ברידער, װעל כולם דיא פארדארבענע זארגאנישע ראמאנען, זײא האבין גיקאנצעט דיא איבעריגע װאס דיא חיה רעה (די מאדע) האט איבער גילאזט, מיט װאס פאר אײן אבפיהרונג װעסטו אציסצעגען זײער מאגין פון אלע שמוטץ, װאס זײא האבין זיך אן גיזופט פון זײא.

איך װעל באנוצין דיא מעטאדע װאס דו האסט מיר גילערנט א) אז רפואת הנפש איז עהנליך צו רפואת הגוף ב), צו דיא פארדארבונג פון

קערפערליכען

א) בספר אבן שלמה עיי״ש ד׳ כ״ט.

ב) חלי הנפש הוא כחלי הגויה, בשניהם לא תולד הרעה פעם אחת, כי אם תצמח ותשגה לאט לאט, ובמשך ימים ירגישוהו, אם נאכל למשל דבר משחית לנו, לא נרגיש בראשונה כל מכאוב, ואחרי שעות אחדות או למחרתו נרגיש כאב הבטן או הראש, ואם לא נבקש כרגע את הדברים הנכונים לעצור בעד הרעה. ואם נסכל עוד לאכול שנית מן המאכל המשחית הזה. ורבתה בנו הרעה מיום אל יום, עד כי באחרונה אין מזור למחלתינו, כן דרך אדם עושה רע, בראשונה נפשו לא תדע עלב, אך אם

ברגע

קערפערליכען מאגין איז דער בעסטער מיטיל ריצין אייל, דאס אציסצעט גלייך אונ עס היילט דעם מאגין, נור פאר דעם וואס קען אבער ניט נעמען היילע ריצין, האט חכמת הרפואה ערפונדין איין מיטיל, אריין געבין דיא ריצין אין קאפסולקעס, אז אין מויל שפירט מען ניט קיין איביל פון ריצין, נור אינעווייניג טהוט זיא איהר ווירקונג, דאס גלייכין אין רפואת הנפש, פארדעם וואס האט פארדארבין זיין גייסטליכין מאגין מיט שעדליכע שפייז (דעות כוזבות) איז דיא בעסטע רפואה לערנען מוסר השכל מספר המלהיב חובת הלבבות ומסילת ישרים, זייא זיינען גוטע אפ-פיהרונגען צו טמטום הלב (הערצענס פארשטאפונג), נור אבער דער וואס פארשטייט ניט וויא גיפערליך ער איז, אונ וויל זיך ניט אן שטריינגען צוא לערנען אייגפאכע מוסר השכל, פון דעם שטראף וואס עס גרייכט דעם מענטשין פאר זיינע בייזע טהאטען, אונ אלע דינים וואס אויף איהם גייען איבער פון יום המיתה עד אחר כף הקלע א)... פאר איהם האט חכמת המוסר ערפונדין ריצין אין קאפסולקעס, היינו פארשטעלין איין ספור המעשה וואס איז אנגינעהם צום לעזין, אונ איין ווינקלען אין איהר איין מוסר השכל, וויא נארעש עס זיינען דיא שלעכטע וועגין פון לוקסוס אונ דיא הבלי הזמן, אז אנשטאט וואס דעם נארישען מענטשין דאכט זיך צוא באקומען כבוד באקומט ער שאנד אויף דיזע וועלט, לבד דעם גרויסין שאנד אונ חרפה וואס וועט איהם גרייכין אויף דיא עוויגע וועלט, וואס אויף דעם בעטין מיר אלע טאג „ולא נבוש לעולם ועד", מיר זאלין אין דיא עוויגע וועלט ניט פארשעמט ווערין ב). אונ ווען ער וועט דאס לעזין מיט א געפיהל, וועט דאס איהם שטארק ווירקען, דורך צו טרייבין אלע שמוטץ פון דיא שלעכטע אויפפיהרונג, אונ באנייען אויף איהם אריינעם געפיל, אז ער זאל קענען געניסין נאכהער דיא געזונטע שפייז פון דיא תורה אונ גאטעס פארכט.

גוט מיין טאכטער, דיין מעטאדע גיפעלט מיר, נור זאג מיר וואס וועסטו אבער טאהן מיט דיא נארישע קינדער, וואס וויא זייא דער שפירין אז אין דיא קאפסולקעס איז ריצין, הערין זייא אויף צוא נעמין, ד. ה. וויא דער לעזער וועט שפירין אז אין דיינע ספורים איז גימישט מוסר השכל וועט ער אויף הערין צוא לעזין.

ברגע התחמץ לבבו ע"ז לא ינחם על חטאתו בכל נפשו. או אם ישנה עוד אולת לשנות בו יד הרע, והיתה אחריתו רק תוגה ועצב לנפשו ומחלתה הגבר מיום אל יום, ואולי אין עוד ארוכה לו, והבן (אב לבנים צד 4).

א) אבן שלמה ע"ס דף מ"ג. — ב) עי' אבן שלמה המשל מרבנו מלבי"ם צד 80.

צוא דעם מוז מען זיך באמיהען צוא ציהען זייא מיט גוטע רייד, וויא איין צערטליכע מוטער באגיים זיך מיט איהר קינד, בעת זיא דארף איהם איין געבין אלעפיל מעדיצין, אונ פארשטעלין זייא וועגין דעם גופא איין ספור, וואס וועט איהם ארויס ווייזין וויא דורך אליכטיגען שפיגעל דיא אורזאך, וואס איהם גילוסט זיך ניט צוא שפרעכין מיט מיר, אונ דאן וועט ער פארשטיין זיין קראנקייט, וואס ער יאגט זיך נאך הבלים, וויא דיא קריינקליכע שוואנגערע פרויא יאגט זיך נאך קאלך, אונ פארהאסט גיזונטע שפייז. אונ נאך דיא גוטע ערקלערונג איז צוא האפין אז ער וועט קריגין איין גרעסערין צובונד צוא מיר.

ערקלער מיר איין ביישפיעל פון דעם! זאגט דער פאטער.

איך בין גרייט צוא ערפילען דיין וואונש ליבער פאטער, דוא האסט פיליכט גיהערט דיא געשיכטע פון דעם גרויסין גביר פון שטאט פ. וואס ער האט גיוואלט נעמען פאר זיין בת יחידה אחתן איין אויסנאם אין דער וועלט, אונ געבין איהם איין האלבין מיליאן נדן, צום אונגליק איז דיא טאכטער גיוועזן זייער אהעסליכע, איין נידעריגע איין גישטופעלטע, קורץ גיזאגט עס איז ניט גיוועזן איין פעלער אין דער נאטור, וואס עס איז אין איהר ניט גיוועזן, דער גביר האט קיין מיטיל גיפונען צו ערגרייכען זיין ציעל, ווייל וואס מעהר געלט ער וועט געבין נדן, אונ זיין איידים וועט זיין רייכער, וועט ער אלס איהר מעהר האסין.

ויהי היום האט דער גביר גימעלדעט דיא לאנד שדכנים, אז ווער עס וועט שליסין איין פארטייא נאך זיין וואונש, וועט בעקומען אהון רב שדכנות. דיא שדכנים האבין גינומען קלערין אונ זוכין. אונ אז מען זוכט געפינט מען, זאגט איין אלטער שפריכווארט, אקלוגער לאנד שדכן האט פארגישטעלט אחתן אצאצקע, אקראסאוויץ, בלאנדע האר, אויגין וויא קירסען, אוואויל לערנער, אשרייבער, אקלוגער, אמיוחס, מיט איין ווארט אשלם בכל המעלות, אז ער איז פאר אגיראטענע כלה אויך ווערט אסך נדן. דער מחותן אונ דיא כלה קוועלין פשוט הערענדיג.

נוא! נוא! וואס וועט אבער זיין מכח?.... זאגט אצווייטער שדכן.

וואס הייסט דאס מכח? ענטפערט דער פארשטעלער פון שידוך —.

דאס הייסט דער זעהען זיך וועט גאר ניט שטערין אין דעם..?

ניין עס וועט גאר ניט שטערין! ענטפערט דער פארשטעלער, — אלע זיינען פערוואונדערט גיווארין אונ וואלטין שוין וועלין הערין, וואס איז דאס פאר אזארט גיראטענער חתן. —

וואס

וואס וואונדערט איהר זיך אויף מיר! דוכט זיך איהר ווייסט אלע, אז וואס מיר נור גיפעלט, גיפעלט על פי רוב דיא מחותנים אויך. —

דאס איז טאקע אונזער גרויסער וואונדער! וויא איז דאס מעגליך אז אזא גיראטעטער חתן וויא איהר שטעלט פאהר, זאל איין שטימען צו אזא פארטייא, געוויס מוז ער האבין אגאנץ גרויסין פעהלער.

ניין ער איז זייער א שיינער מיט שיינע קירשין אויגין, נור אקליינעם חסרון, עס איז כמעט ניט צוא דערקענען, ער האט דיא ליכטיגע שטאהר, זיא וועט געוויס זיין צופרידין פון איהם, אונ ער וועט אויך זיין צופרידין, ווייל ער וועט ניט זעהן זיין בראך, וועלין זייא לעבין צווישין זיך וויא א פאר טויבין.

בראוואו! בראוואו! האבין אלע אויס גישריען, עס איז גוט וואס גוט הייסט! עס איז מיט מזל גיוועזן תנאים אונ חתונה. דער מחותן מיט דיא כלה האבין זיך בעסער ניט גיוואונשין. עס איז אזויא אוועק איינע יאהר אונ עס איז אלעבין וויא אלעקאך, ער זעהט דאך ניט זיין בראך.

ויהי היום איז דארטין דורך גיפאהרין אגרויסער אויגין דאקטער, ער האט פיל בלינדע זעהענדיג גימאכט, מען האט זיינע וואונדער דערציילט אין אלע הייזער, אונזער יונגער גביר וויא ער האט ערהערט וועגין דעם פריפעסאר, רופט ער זיך אב צוא זיין פרויא, מיין טהייערע! איך פארלאנג מען זאל רופין דעם פראפעסאר צוא אונז, פיליכט וועט ער מיר אויס קורירען דיא אויגין, אז איך זאל קענען זעהען דיא ליכטיגע שיין, וועל איך דאן זיין העכסט גליקליך.

וויא איהר וואהר אויפין הארצין העהרענדיג זיינע ווערטער, פארשטייען מיר אלע, עס איז איהר פשוט פינצטער אונ ביטער גיווארין, זיא ווייס דאך גוט איהר אונגליק, אז וויא נור ער וועט עפענען זיינע אויגין, איז שוין איין ענדע פון איהר זיסין לעבין. ער וועט אנטלויפין פון איהר אין הרי חשך, עס איז לייכט צוא פארשטיין אז זיא האט אנגיווענדעט אלע מיטלען צוא פארשלאגין דעם ראזגאוואר, יעדער מאל ווען ער איז פאר גיקומען, בכדי ער זאל בלייבין בלינד, אונ זיך עלטערין מיט איהר.

אך! וויא שארפזיניג דער משל איז! זאגט דער פאטער — דאס איז דיא וואהרע ליכטיגע רייד פון דעם הייליגען נביא ישעיה (השמן לב העם הזה ועיניו השע, פן יראה בעיניו כו׳ ושב ורפא לו), דער נביא האט אונז ערקלערט, אז דיא גאנצע אורזאך וואס מיר הייגען זיך אויפין יצר הרע מיט אלע הבלים איז, ווייל מיר זיינען בלינד, היינט אז עס קומט איין

אויגין דאקטער ד. ה. איין חכם (מעיני העדה), אונ וויל שריפטליך אדער מונדליך ערקלערין אונזער בלינדהייט, אונ עפענען אונז דיא אויגין, דער שרעקט זיך דער יצר הרע, ער ווייס דאך גאנץ גוט, אז ווייא באלד מיר וועלין עטוואס עפענען דיא אויגין, וועלין מיר זעהן אויף וואסערע הבלים אונ שגעונות מיר היינגען זיך, אונ פארברייננגען דיא בעסטע יאהרין, אונ דאן וועלין מיר אנטלויפין פון איהם וואו פעפער וואקסט. וועט ער דאך אראפ פון זיין גאנצע גדולה. דרום וועגדעט ער אן אלע מיטלען צו פארדרייען אונז דיא קעפ, אונ ניט צו לאזין צו אזעלכע ראזגאווארין, אונ פארנאנדער שלאגין פון אונזער רעיון אלע איידעלע התבוננות, כבדי מיר זאלין בלייבין עוויגע בלינדע, וועלין מיר זיך שטענדיג היינגען אויף איהם*), ווייא יענער יונגער מאן אויף זיין שטיק בראך. — אונ איך דיינק אז וועד עס וועט נור הערין דעם משל מיט אגעפיל, איז לא די וואס ער וועט ניט אויף הערין צו לעזין דייגע קלוגע ריכטיגע רייד, אין געגין טהייל ער וועט נאך איבער לעזין אצווייטין מאהל אום גוט אריין צו נעמען אין גידאנקען, אונ עס איז צו האפין אז עס וועט אויף אסך ארינטליכע מענטשין פיל ווירקונג מאכין.

דרום מיין ליבע טאכטער, גייא מיט דיין מענשענפריינדליכען גייסט, אין דעם עוויגענם נאמען, אונ מאך אגליקליכע רייזע, גייא אין דיא וועג וואס אונזער אלטער פאטריארך הלל הנשיא האט אוס גיטראטין, (הוי מתלמידיו של אהרן אוהב שלום ורודף שלום אוהב את הבריות ומקרבן לתורה) ד. ה. זייא פון אהרנ'ס תלמידים, וואס ער ליבט דעם פרידין, אונ יאגט נאך צו ערהאלטין צווישען אנדערע דעם פרידען, ער איז איין מענשענפריינד, אונ פיהרט זייא נאהענט צו דער תורה.

אונ ווען דוא וועסט דארפין מאכין איגעם איין אפעראציאן, זאלסטו אויך שניידין מיט גרוים ערבארימונג, ווייא א צערטליכער פאטער מאכט איין אפעראציאן זיין בן יחיד. מיטין האנד שניידין אונ מיט דעם מויל בלאזין צו ערלייכטערין איהם דיא שמערצין. וואו מען דארף שניידין אדער ברענען ווילדפלייש ד. ה. דעם פארפלוכטען לוקסוס אונ מאדעס זאלסטו ניט שוינען, נור קריטיקירען אונ ברענען מיט זוד, געבין אגוטין אבפיהרונג עס זאל דורך טרייבין אלע שמוטץ, נאכהער אז דוא האסט שוין אויס גי־ברענט דיא ווילדפלייש זאלסטו היילין מיט גוטע אונ ווייכע רייד, צו ציהען

דיא

*) כמ"ש בס' מסלת ישרים שמעשה היצר הוא ממש עצת פרעה שאמר תכבד העבודה על האנשים כו' ואל ישעו כו' ע"ש בדבריו הנעימים.

דיא הערצער פון דיינע ברידער אונ שוועסטער לאהבת התורה ומדות ישרות, אונ דער עוויגער וואס ליבט אמת, זאל דיר פיהרין בדרך אמת.

אונ איך פארשווער דיר מיט אלעם וואס הייליג איזט, אז דוא זאלסט מיר שרייבין גאנץ אפט בריף וואס מיט דיר האט זיך פאסירט. אונ וואס פאר ווירקונג דוא האסט געמאכט מיט דיינע קלוגע ראזאנאוואנין, אונ דאס וועט זיין דיא איינע ערקוויקונג פאר דיין שוואכין פאטער, וואס זיין זעלע איז אן געקניפט אן דיין זעלע.

זייא רוהיג מיין ליבער פאטער, דיינע ווערטער זיינען בייא מיר הייליג, איך וועל דיר שרייבין פון יעדער האר ביז גאר, מיט דיזע ווערטער האבין זייא זיך אב געזעגנט, אונ ער האט איהר באגלייטעט צום וואגזאל.

גייענדיג מיט איהר האט ער איהר באמערקט וואס דיא חכמי המשנה לערנען אונז (ברכות נ״ד והובא באו״ח סר״ל) אז דער מענטש דארף שטענדיג זיין דאנקבאר השי״ת פאר דיא פארגאנגענהייט, אונ בעטין בייא איהם אויף דעם צוקונפט. איין פרט פון דעם כלל איזט, ווען מען פארט ארויס פון אשטאט דארף מען זאגין דיא תפלה, יהי רצון מלפניך ה״א שתוציאני מכרך זה לשלום, ד. ה. עס זאל זיין דיין גוטער ווילין דוא זאלסט מיך ארויס פיהרין פון דיזע שטאט מיט פרידין, עס זאל מיר ניט טרעפין קיינע נעפריאטנאסטין ביי מיינעם אב רייזין.

איך דאנק דיר זייער ליבער פאטער פאר דיזע באמערקונג, ווייל פיל מענטשין אפילו גילערינטע פארגעסין מחמת מרדה אונ פשיטא דיא אונגילערינטע ערזאינערין זיך גאר ניט, אז אלע זייערע צייטין איז ביי דעם עוויגען אין האנד.

אז יע אזויא מיין ליבע טאכטער! זאלסטו שוין גידיינקען אלעם וואס שטייט דארטין אין דער משנה, אז ווען דוא וועסט זיך זעצין לשלום אויפין באן, אונ דער צוג וועט אב גיין, זאלסטו געבין איין שבח והודאה צו השי״ת מיט דעם נוסח: מודה אני לפניך ה״א שהוצאתני מכרך זה לשלום ד. ה. איך בין דיר דאנקבאר מיין גאט אונ גאט פון מיינע עלטערין וואס דו האסט מיר ארויס געפירט פון דיזער שטאט לשלום וכשם שהוצאתני לשלום כו׳, אונ אזויא וויא דוא האסט מיר ארויס געפיהרט לשלום, אזויא זאלסטו מיר ווייטער פיהרין לשלום, אונ ברייננען צוא דעם ארט וואו איך באגער לשלום, אונ ווען דוא וועסט וועלין אראפ גיין אין אשטאט זאלסטו פריער מתפלל זיין יהי רצון שתכניסני לכרך זה לשלום ד. ה. עס זאל זיין אגוטער ווילין פאר דיר מיין גאט, אונ גאט פון מיינע עלטערין, אז דוא זאלסט מיר אריין פיהרין אין דיזע שטאט לשלום, אונ אז דוא וועסט אריין גיין מיט פרידין

זאלסטו

זאלסטו געבין איין שבח והודאה צום בורא ית"ש וואס ער האט דיך אריין געפיהרט אין שטאט לשלום. דיא הייליגע חכמים לערנען אונז מיט דעם אז דער מענטש זאל שטענדיג וויסין, אז ער מיט זיין האב אונ גאב איז אימער אונטער דיא השגחה פון בורא ית"ש, וויא דוד המע"ה זאגט מה' מצעדי גבר כוננו. פון השי"ת איז דיא טריט פון מענטשין באשטימט, אונ דער מענטש קען גאר ניט וויסין וואו זיינע פיס פיהרין איהם, צום גליק, אדער חלילה צוא וואס אנדערס, דרום מוז דער מענטש שטענדיג זיך ווענדין צום עוויגען, דאנקען איהם אויף עבר, אונ בעטין אויף הצלחה אין צוקונפט.

דוא האסט מיר דערמאנט ליבער פאטער וואס איך האב גיהערט ערצייילענדיג אויף אגרויסין חכם, אז איין שר האט איהם באגעגינט אונ גיפרעגט וואוהין גייסטו? ענטפערט ער אדוני השר איך וייס ניט. דער שר איז ברוגז גיווארין אויף דעם אנטווארט, אונ איהם גיהייסין איין זעצין, נאכהער וויא ער האט איהם בעפרייט האט ער איהם פאר גיהאלטין: דוא האסט דאך געווים גיוואוסט וואוהין דוא גייסט, טוא וויא אזויא זאגסטו מיר דוא ווייסט ניט? ענטפערט דער חכם, אדוני השר! זעהסטו דאך איך האב גירעכינט צוא גיין דארטין אונ דארטין, אם ענדע האסטו מיר גיהייסין פיהרין אין פעסטונג, נוא ווייס שוין אמענטש וואוהין ער גייט? דרום שפירט מיין הערץ אריינע ליבשאפט צוא אונזערע חכמי המשנה והתלמוד וואס האבין איינגעפליכט אין אונזערע גידאנקען ליבע צוא השי"ת אונ צוא זיין תורה וואס זיא שטעלט אונזער פוס אין אליכטיגען טריט כמ"ש נר לרגלי דבריך, דיא רייד פון דער תורה איז אליכט צוא מיין טריט, אונ מיט דיזע הייליגע ווארימע ליבשאפט זעגין איך זיך מיט דיר ליבער פאטער אונ ווינש דיר אגוטין עלטער. אונ ביי דיא ווערטער האט זיא באשאטין זיין האנט (כמ"ש ברכות ח: כשנושקין אין נושקין אלא ע"ג היד), מיט ליבליכע קושין. אדיע.

ב. דער ערשטער בריעף פון איהר רייזע.

לאבי יקירי, חמדת לבבי, מורי ומדריכי שלום.

מיט גרויס פערגעניגען נעם איך מיין פעדער אין האנט אב שילדערין פאר דיר מיין ערסטע רייזע, אום דיר צוא פארשאפין פערגעניגען פאר דיין מיהע, מיר צוא ערציהען אין גוטין וועג, אונ איבער הויפט צו פלאנצין אין מיר דיא זיטטע פון מענטשין פריינדשאפט, אבוואהל דיא מדה פאר

שאפט

שאפט מיר פיל מאל גרוים ליידונג, ווען איך זעהע אז יענער טוט אונרעכט, אונ איך האב ניט קיין גוטע געלעגענהייט וויא איהם צוא ערקלערין אז ער גרייזט, אז דיא רייד זאל זיין מיט נוטץ, קרענקט דאס מיר זייער, אזויא וויא למשל ווען איך זעהע יענער רויכט אציגאר, אונ עס פאלט איין פונק אויף זיין קלייד, עס ברענט דורך זיין קלייד, אונ עס קען גרייכין צום לייב. אונ איך קען איהם ניט זאגין ווייל ער איז טויב אונ הערט ניט, ווער איז אימשטאנד זיך פאר צוא שטעלין, דיא קריינקונג וואס דער מענשענפריינד האט פון דיזע סצענע.

אזא געשיכטע האט מיר גיטראפין גלייך ביי מיין ארויס פאהרין פון דיר מיין ליבער פאטער. וויא דער צוג איז אב גיגאנגען, אונ איך האב זיך גישטעלט צוא געבין איין שבח והודאה צוא מיין באשעפער שהוציאני מכרך זה לשלום, וויא דיא הייליגע משנה (ברכות פ"ט) לערנט אונז, אונ נאכהער האב איך מסדר גיוועזן מיין גיבעט (תפלת הדרך) אז השי"ת זאל מיר פיהרין לשלום, אונ זאל מיך אויס היטין פון אלע אומשטאנדין וואס קען חלילה פאסירען אין וועג, (ווען אפילו יעצט איז דא באהן, זאל אויך השי"ת אונז אויס היטין פון דיא אונגליקען וואס האט שוין פאסירט), איינציגע דאמען אונד הערין יודישע וואס זיינען גיוועזן אין וואגאן, האבין מיר אן גיקוקט מיט פארוואונדערונג, זייא האבין מיר באטראכט פאר איין אונ-וויסענדע, שטייטש וויא אזויא ווייס איך דאס ניט פון נייעם שזורנאל! ד. ה. דעם ניימאדישען תפלת הדרך, וויא זייא האבין גיטאן, באלד וויא דער צוג האט זיך גערירט פון סטאנציאן, האבין זייא ארונטער גיווארפין דיא שליאפע פון קאפ, אונ ארויס גינומען בולקעס מיט ווארסט, אונ ארין גיווארפין אין זיך אום גיוואשין אונ אהן המוציא, אונ ווער רעדט שוין ארום ברכת המזון, נור בעת טרינקען האבין זייא בארירט אגלעזיל אן אגלעזיל, אונ גיזאגט איינע צוא דיא אנדערע „לאמיר זיין גיזונד" פונקט וויא דאס וואלט זיך ווענדין אן זייא זעלבסט. נוא וויא גיפעלט דיר ליבער פאטער דער פינצטערער נייער שזורנאל?!

דוא קענסט זיך פארשטעלין מיין ליבער פאטער דיא קריינקונגען וואס איך האב גיהאט צוא זעהן דיא סצענע, — וויא דוא קענסט מיין נאטור אז איך בין יעדער מענטשין אפריינד מיט לייב אונ לעבין, אונ דא זעהע איך אזעלכע גראבהייט פון מיינע ברידער, וואו איז דיא דאנקבארקייט צו השי"ת פאר דיא שפייז וואס ער האט באשאפין? (דיא ברכה איז דאך בלויז דרך ארץ והכרת טובה, וויא ווייטער וועט ערקלערט ווערין). עס האט מיר גיפלאמט

מיינע

מיינע אויגן, עס זיצין קריסטין ארום, אונ וויא איך האב גוט באטראכט, איז דאס ביא זייא אויך זייער שפל אוים גיקוקט, זייא האבין אויך זייער מאליטווא ביא דעם צוג אבציהונג, אונ בעט געמען עסין מאכין זייא אויך זייערע צייכין פון דאנקבארקייט צום עוויגען, אונ אונזערע ברידער זיינען פרייא פון אלעם (פורקי עול מלכות שמים). —

נור וואס זאל איך פאריבעל האבין אויף דיא יונגע מענטשין, אז עס איז מיט גיפאהרין מיט זייא זייער פאטער, אמאן פון איאהר 50, אונ האט מיט גישפייזט מיט זיינע קינדער, אן איין אידישען ווארט, אונ גראדע איין איינפאכער מענטש, קאנטיג ניט קיין גרויסער אריסטאקראט, דיא גאנצע אריסטאקראטיע פון איהם איז נור גיוועזן צוא זעהן וואס ער עסט אן אהיטיל אונ אן אברכה. שא נאך עפעס האב איך גיזעהן פון איהם אריסטאקראטיע, עס איז ארײן זיינע אבעקאנטע דאמע אין אונזער וואגאן האט ער זיך אנידער גישטעלט פאר איהר, אונ איהר גירייכט דיא האנט, אונ זיך אזא בייג גיטאן להבדיל וויא צוא מודים. פון דעם בייג איז גיוועזן צוא ערקענען אז ער וויל געבאך מיט אלע מעגליכקייט נאך טאנצין דיא אריסטאקראטיע, עס איז אבער דאך צוא דערקענען פונקט וויא אגר רעדט אידעס. אנדערע קריסטען האבין דאביי אשמייכיל גיטאהן. מיר האט אבער מיין הערץ גיוויטאגט, איך טראכט ביא זיך, מיין גאט! וואס איז דאס פאר איין אונגליק אויף אונזערע ברידער, וואס זייא זעהען נור נאך צוא טאהן אין אלע נארעשקייט דער מאדע (אונ קוקען ניט וואס דאס איז פארבאטין על פי תורתינו, — קען מען דען ניט פריינדליך גערישין יענעמס פרויא, אונ ניט רייכען איהר דיא האנד *), אונ אין ארעכטע זאך טוען זייא ניט נאך דעם קריסט ו), דער קריסט דאכט זיך גיט אויך אדאנק דעם עוויגין פאר זיין עסין, אונ נאכהער אונ אונזערע ברידער עסין וויא בהמות, אונ האבין אפילו קיין בושה ניט פאר מענטשין.

איך זיץ אין גרויסע שמערצין אונ ווייס זיך ניט צוא געבין קיין ראטה, זאגין קען איך ניט, ווייל איך בין חס אויף זייער כבוד ניט צוא פארשעמען זייא, פאר דיא אנדערע מענטשין וואס זיצין ארום, אונ אויף איינע צווייפיל איך, אויב עס וועט גאר העלפין דער זאגין, ווייל זייא זעהען מיר אויס וויא

*) איין קלוגער דוחאווגער האט אמאהל גיענטפערט איינע פרעמדע פרויא וואס זיא האט איהם גירייכט דיא האנד (נאך היינטיגע נארישע מאדע), „איין דוחאווגעם קען מען טרויען אויפין ווארט, מען ברויכט ניט צוא נעמען ביא איהם אהאנד".

ו) וכמשפטי הגוים (כמתוקנים שבהם) לא עשיתם, (כמקולקלים שבהם עשיתם).

וויא דער העלד פון שירה*), ניט זאגין טוט מיר ווייא מיין הארץ, איך האב פשוט רחמנות אויף זייא, חיא דער ביישפיל פון פונק פון ציגאר כו'. אונ אום צוא ערלייכטערין מיינע פארדרוס, האב איך גינומען אספר, אונ האב פארטיפט מיין רעיון ביז וואנען איך האב גאר פארגעסין וואס ארום מיר טוהט זיך, עס איז נאכט גיווארין האב איך מיר ארויס גינומען מיין סידוריל, אונ האב גידאווינט מעריב ווארט אין ווארט, ווארום ווער קען מיר שטערין מיין רעליגיאן, וואס היינט בחסדי ה' זיינען מיר אונטער מלכי חסד, וואס עס איז אונז פרייא צוא היטין אונזער דת אויפין בעסטין אופן, אויף מיר קוקענדיג האבין נאך אייניגע יודין וואס פריער ווייזט אוים האבין זייא זיך גישעמט, האבין זייא יעצט אויך גידאווינט, נאכהער האב איך ארויס גינומען איין אייער בייגיל אונ גימאכט אברכה בורא מיני מזונות, אז דער צווייטער וואס זיצט לעבין מיר זאל הערין, אונ זאל ניט מיינען אז דאם איז איין פשוטער בייגיל, וועט ער רעכענען אז איך עס אן גיוואשין, אונ אויף אשלעכטע זאך אז מען טוט, ווערט מען גאנץ לייכט איין לעהרער, אונ מען באקומט אסך תלמידים, יעגער קוקט גאר ניט ווער איך בין, צוא בין איך ווערט אז מען זאל זיך לערנען פון מיר אדער גיין, נור מען זאגט גלייך אז יענער הייסט הענדיל מעג איך עסין פון זיין פענדיל'. הגם דאם איז זייער ניט פראקטיש, איין הענדיל טרעפט אויך אז ער ווערט טרייף. נור דאם איז שוין איין אלטער פעהלער ביא דעם וואס וויל פרייא זיין אראפ ווארפין פון זיך דעם עול מלכות שמים, נור אמאהל האלט איהם אב דיא בושה צוא טאהן אזא זאך וואס קיינער טוט ניט, איז נור וויא ער דערזעהט, אדער איהם דוכט זיך אז אצווייטער טוט דאם אויך, ווען אפילו יענער טוט אומ־גערין האפט ער דאם צוא וויא איין אבן טוב, אונ בויט שוין אויף דעם נאך פיל לייכטזיניגע זאכין, מיט דעם אויסדריק אז יענער וואס איז אפיינער מענטש

*) אשיירה (קאראוואניע) איז גיגאנגען אין דער מדבר. האבין זייא דערהערט אנישרייא פון אלייב, זיינען אלע פארציטערט גיווארין, איינער פון זייא איז גיגאנגען אזויא סמיעלע וויא איין העלד. עס איז קאנטיג גיוועזן אז עס האט איהם גאר ניט באריהרט דיא שרעק, אלע האבין זיך פארוואונדערט אויף זיין העלדענמוטה. ארויס גייענדיג פון סכנה האבין זייא איהם גינומען באטראכטין, אין וואס באשטייט זיין העלדענשאפט? האבין זייא גיפונען, אז דאם איז נור ווייל ער איז טויב וויא דיא וואנט. אונ הערט ניט, דרום בעטין מיר להבין ולהשכיל לשמוע אז מיר זאלין דער הערין, מיר זאלין ניט זיין חלילה פון דיא העלדין וואס ואזניו הכבד. אונ זיינען גיפלאגט מיט דיא קללה פון דער תוכחה ובתמהון לבב, וואס ער דער הערט ניט, ווען מען רעדט צוא איהם אגלייכע זאך.

שום דאס, מעג איך שוין מאהן נאך מעהר, אוי וויא דום דאס איז, צוא דען אז יענער גרייזט דארף איך אויך גרייזין?

אויף דיא צווייטע סטאנציע האב איך גינומען טהייא, אונ האב אויך טראקטירט פיל מענטשין מיט טהייא אונ צוקער, וויא דוא ווייסט דאך, אז דער הויפט פארגעניגען פון מיין עסין איז, ווען דער צווייטער געניסט אויך מיט מיר, נאכהער צינד איך מיר אן אליכט, אונ נעם ווייטער קוקין אספר, איך זעה פון ווייטין זיצין אקומפאניע אידין, אונ צינדין אויך אן אליכט, איך רעכין געווים ווען זייא אויך קוקען אספר, וויא ערשטוינט בין איך אבער גיווארין, אז זייא האבין זיך צוזאמען גיזעצט לערנען ש״ס, מיינסטו אפשר תלמוד בבלי? ניין ניט פאר אונז גידאכט קליין ש״ס, וויא קליינע שאפעלע מענטשין, איך האב ווייטער צורודערט וויא דוא קענסט מיין נאטור, וויא קומען אידישע קינדער צוא אזא נידעריגע זאך וויא קארטין? אונ מיט אזא הכנה צוא דעם, מיט נעמען אליכט פון צוא הויז. נאכהער זעהע איך, וויא מיין פאריגער אריסטאקראט וויל זיך נעמען צום עסין אבענד ברויט, דא טראכט איך וועט שוין זיין מיין מאס פון שמערץ אין גאנצין פול, פון דעם זייט שפילט מען אין קארטין, אונ פון דעם אנדערין זייט עסט מען אן אברכה, איך בין אזויא צורודערט גיווארין, איך האב גאר ניט גיוואוסט פון צער וואו צוא פאלין, איך האט מיין צעמאדאן אונ רעכין איבער צוא גיין אין אנדערין וואגאן, אום מיינע אויגין זאלין דיא שפלה אויפפיהרונג ניט זעהן.

קוים האלט איך שוין דיא קלאמקע אין האנט, ערינער איך זיך וואס טוא איך דא, הה!? וואס איז דער צוועק פון מיין רייזע? ווען צוא זיצין רוהיג אהנע שמערץ, וואס האט מיר גיפעלט צוא הויז ביי דיר מיין טהייערער פאטער, איך האב זיך דאך סאגלאסעט אלע שוויריגקייט פון דיא רייזע, נור צוא פארשאפין נוצין מיינע פארבלאנזעטע ברידער, היינט אז עס קומט מיר צוא דער האנט אזא פאקט, אנטלויף איך צוא זוכין רוהע פאר מיין הארץ, ניין! איך מוז זיך צוריק זעצין אויף מיין פלאץ, אונ באטראכטין עטוואס אמיטיל, וויא זייא צוא ערלייכטין דיא אויגין.

איך שטעל צוריק אוועק מיין צעמאדאן, אונ נעם ארוים אליכט מיט אלייכטעריל, אונ טראג זייא צוא מיט דיזע ווערטער ״מיינע טהייערע! וויא איך באמערק אז איהר ווילט יעצט שפייזין, וויל איך האבין דיא עהרע אייך צוא בעלייכטין אייער אבענד ברויט״. דיא הצלחה האט מיר גענליקט, אונ זייא האבין צוא גינומען.

וואוהין פאהרין זייא מיין פריינד? פרעגט דער פאטער ביי מיר. —

נאך פ. וואהר מיין אנטווארט.

אזאזויא פאהרין מיר גלייך, מיר פאהרין אויך אהין, זאגט דער פאטער.

איך וויל אייך עפעס פרעגין מיינע טהייערע, זאג איך צוא זייא, וויא עס איז באוואוסט, אז א מענטש דארף זעהן איין צוא שאפין זיך גוטע פריינד, וויא דער שפריכווארט זאגט „בעסער צעהן גוטע פריינד איידער איין שונא״ אונ בפרט אין אפרעמדע שטאט, דרום פראגע איך, מיט וואס בין איך אימשטאנדע צוא ערווערבין אייך פאר אמתע גוטע פריינד?

מיר זייגען שוין אייך גוטע פריינד פאר אייער גוט הארץ, אונז ליכטיג צוא מאכין ביין שפייזין.

יא דאס איז וואהר, דאס איז אבער נור אקליינינקייט, וואס דער חא־ראקטער ברייננט מיט. נור איין צוא פליסין איין אמתע פריינדשאפט, וואס זאל זיך נימאלס טרענען, איז דיזער וואהלטהאט נאך צוא שוואך, מען ברויכט צוא דעם פיל וויכטיגערע. — אלע שווייגין שטיל, אונ ווייסין מיר גיט וואס צוא אנטווארטין.

ווען זייא זייגען עס נייגעריג צוא וויסין, קאן איך זייא זאגין, דאס איז איין ראטה פון דעם גרויסין וועלט חכם שלמה המלך ע״ה, נור איך פארלאנג דאס צוא זאגין פריער דעם פאטער אליין.

דער באהן איז גיקומען צוא אסטאנציע, דער פאטער איז אראפ אויפין פלאץ פארמע, איך בין אויך אראפ.

דא קאנט איהר מיר זאגין וואס איהר פארלאנגט, שפריכט ער צו מיר.

יא מיין טהייערער פריינד, אנטווארטע איך, שלמה המלך זאגט, ווען דוא ווילסט קריגען אקלוגין מענטשין פאר אפריינד (הוכח לחכם ויאהבך), ד. ה. מערק איהם אן אויף דעם אירטהום וואס ער האט גיטאהן, אונ פיהר איהם ארוף אויף דיא אמתע וועג, וועט ער דיר בלייבין איין עוויגער גוטער פריינד.*)

וואס פאר איין פארזעהונג האט איהר גיזעהען אויף מיר? זאגט יענער.

געגין מיין ווילין האט זיך מיר ארויס גיחאפט אשטארקער זיפץ פון מיין טיפין הערצין אויף זיין פראגע, איך טראכט ביא זיך, אוי וויא נידעריג דאס איז, אז ער שפירט גאר ניט זיין פארברעך, אונ מיט אראפ גילאזענע אויגין (אום ניט צוא פארשעמען איהם) זאג איך, אייער פארזעהונג איז מיין טהייערער, וואס איהר האט זיך גישעמט צוא מאכין אברכה, אונ בענטשין

פאר

*) וכמ״ש במדרש ע״פ והוכיח אברהם את אבימלך כו׳ ריב״ח אמר כל אהבה שאין עמה תוכחה אינה אהבה.. ובמס׳ תמ״יד כל זמן שתוכחה בעולם טובה וברכה בעולם שנאמר ולמוכיחים ינעם כו׳.

פאר דיא קריסטין, געווים בייא אייך צוא הויז מאכט איהר יוא אברכה, אונ בענטשט, נור דער שעמען זיך איז אגרויסער אירטהום, ווייל אקריסט פארשטייט אויך וויא ארינטליך איז דער מכיר טובה (דער דאנקבארער מענטש), אונ אברכה איז נור בלויז דאנקבארקייט צום עוויגען, פאר דיא שפייז וואס ער האט באשאפין.

וואס איז דארטין אין וואגזאל אזא גירודער? הער איך איין פאסאזירער פרעגט דעם צווייטין.

מיר זעהען אז דער זאנדאר פיהרט איונגען מענטשין, אונ דער בופעטציג שרייט ״דוא זוליק! אונפארשעמטער יונג! האסט זיך אן גיפרעסין אונ אן גיזויפין, אונ ווילסט ניט באצאלין!

ער האט פאלקאם רעכט! — זאגט מיין אריסטאקראט. — הערענדיג דיזע ווערטער פון איהם בין איך מונטער גיווארין, אונ שפרעך צוא איהם, יא מיין טהייערער, איהר באמערקט וויא שענדליך דאס איז, צוא נעמען פון בופעט אונ ניט צאלין, אונ דאס פארשטייט יעדער מינדעס קינד, היינט ווארום זאלין מיר ניט באמערקען, אז דיא גרויסע וועלט מיט אלע איהרע שפייזין איז דער געטליכער בופעט, וויא דער הייליגער משורר זאגט (לה׳ הארץ ומלואה) צו גאט גיהער דיא וועלט, אונ אלעס וואס אין איהר איזט, איז דאך דיא וועלט דער געריכטער געטליכער בופעט, אונ מיר האבין קיינע מאנעטע ניט, מיט וואס איין צוא צאהלין דעם בורא פאר זיינע שפייז, נור השי״ת ברוב רחמיו איז מקבל דעם דאנק (דיא ברכה) פאר איין בעלאהנונג*), אונ ווען מען עסט אן אברכה, האט מען אפנים וויא דער וואס האט גיכאפט פון בופעט. אונ אזויא ריידענדיג זיינען מיר אריין אין בופעט 2-טע קלאס, מיר זעהען אז רייכע לייט צאהלין אב רעכטע מטבעות פאר איין מיטאג, ענדיג איך מיין ראזגאוואר מיט דיזע ווארטין: — עס איז צוא בעדויערין אונזער פארדארבענהייט, אז דעם בופעטציג איז אונז רעכט צוא צאהלין פיל נור ער הייסט, אונ דעם בורא וואס ער איז דער אמת׳ער ווירטה פון וועלט בופעט, איז אונז שווער צו געבין אברכה, אוי וויא אונפארשעמט מיר זיינען!!

מיין אריסטאקראט האט גוט פארשטאנען אז איך האב רעכט, דער צופאל פון דעם וואס האט גיכאפט פון בופעט, האט עפעס גימאכט אויף איהם איין התפעלות, נור אום עפעס ניט צוא פארשעמט ווערין זאגט ער, איך האב חלילה ניט גיכאפט פון געטליכען בופעט, איך האב גיטראכט אדאנק אין הארצין.

דא

*) וע״ד לחות נאמר שהמטבע האחת שבה נוכל לשלם לבורא עולם היא „מטבע" שטבעו חכמים בברכות

דא האב איך זיך שוין ניט גיקענט איינהאלטין, איך ווייס דאך אז דאס איז איין שקר מוחלט, ווייל דער מענטש וואס ערלויבט זיך צו טאהן געגין דיא הייליגע תורה וואס זיא שרייבט דייטליך ואכלת ושבעת וברכת כו׳, וויא איך האב אליין צו גיזעהען, אז ער האט ניט גיבענטשט, און ניט גימאכט קיין ברכה, דער איז שוין זייער וייט פארגאנגען, דער פייער פון אהבת ה׳ איז שוין קאלט אין זיין הארצין, ער דיינקט שוין ווייניג וועגין איהם צו טראכטין פארין עסין, „איך גיב איין שבח והודאה צום בורא, פאר דיא שפייז וואס ער האט באשאפין״, און אום ניט צו מאכין קיין גרויסין דיספוט וועגין דעם, אויף ווייזין אז מיטין טראכטין אין הארצין איז מען ניט יוצא על פי דין תורתנו (וויא עס ווערט גיפאסקענט אין שו״ע או״ח סי׳ קפ״ה וסי׳ ר״ו) גיב איך אשמייכיל פון פיין מיט דיזע ווערטער, „דעם קערפער ווילען מיר ניט פטרין מיטין טראכטין, מען צאלט אב גוטע געלט פאר איין מיטאג, און הארעווען מיט שוויים אידער מען פארדינט, און נאכהער ליידין פון קערפער טרחה, פיהרין איהם אב רייניגען זיין שמוטין, און פאר דיא נשמה זאלעווען מיר אייניגע ווארטין, הגם אין עסין וואס דענסטמאהל איז גיפעהרליך דער ריידין, עס זאל ניט אריין האפין זיך אין לינקען קעלער, דענסטמאל גראד פלאפילט מען גאר אן אשיעור, און דיא עטליכע ווערטער פון ברכת המוציא וברכת המזון איז אונז צו שווער צו זאגין, גוואלד! „וואו איז מיין איד״!?

דיזע ווערטער וואס איך האב גירעדט מיט אזא ענערגיע, און מיט רייגע מענטשענפריינדשאפט, האבין ניט גיפעלט זייער ציעל, ובפרט וויא ער ביא זיך ווייסט, אז ער האט גאר אין זיין לינקע פאה ניט גיהאלטין קיין מחשבה פון דאנקבארקייט צו השי״ת.

איהר זייט גירעכט! — וואהר זיין אנטוואורט, — אייערע אדעלע ווערטער האבין אויף מיר איין שטארקען איינפלוס גימאכט, איך וועל אייך מודה זיין, אז דיזע פארדארבענהייט קומט פון גיזעלשאפט מיט לייכטזיניגע מענטשין, אבער באמת איז דאס אגרויסער פארברעך געגין דיא תורה, און געגין דעם ריינעם געוויסען, און איך פארזיכער אייך, אז אייערע ווערטער וועלין ניט גיין אין ווינט, איהר האט גירעדט אויף איין גיהארכזאמען אויער.

אין דעם האט מען גיקלונגען דעם דריטען זוואנאק, און מיר זיינען אריין אין וואגאן, דער פאטער האט זיך גיזעצט לעבין זיין פאמיליע, און האט מיט זייא גירעדט, וואס האב איך ניט גיהערט, נור פארשטאנען האב איך, אז מיינע רייד האט פיל געווירקט אויף איהם, צום צייכין אויף צו-

פרידענהייט

פרידענהייט האט ער מיר געבעטין געמען איין פלאץ לעבין איהם, אונ וויא איך האב באמערקט איז דיין ציעל געוועזען. איך זאל מאכין אוירקונג אויף זיינע קינדער. — איך האב זיך ניט גילאזט שטארק בעטין, אונ גינומען איין פלאץ לעבין זייא. — איך נעם ארויס פון מיין צעמאדאן גוטע עפיל, אונ טראקטיר איהם מיט זיינע קינדער, אונ מאך איין הויכע ברכה בורא פרי העץ, ווארט אין ווארט. דער פאטער האט גיענטפערט אמן, נור די קינדער ניט. גיוואונליך ווייל זייא זיינען ניט גיוואוינט. וויא בעונינו הרבים ביא יעצטיגע פינצטערע פיהרונגען.

וואס קאסטין אזעלכע פיינע עפיל? פרעגט אפאסאזירער ביי מיר. — ביא מיר קאסטין זייא טייער, — איך פארלאנג 10 גילדין פאר איין עפיל. — די ארומיגע קוקין מיר אן — אייער בופעט איז נאך טייערער וויא אין פערווא קלאס — זאגט אייגער מיט אשמייכיל. — יא ביא מיר איז טאקע טייערער, דאפיר איז אבער זייער לייכט צוא האנדלען ביא מיר — איך פארלאנג נור, בעת איהר וועט מאכין איין ברכה אויף דעם עפיל, זאלט איהר אזויא גוט זיין מאכין הויך, בכדי איך זאל קענען ענטפערין אמן, „אונ אמן איז 10 גילדין" אזויא זאגט די וועלט*).

זייער גוט האט איהר גיזאגט — רופט זיך אב דער פאטער. — איך האב פארשטאנען, אז איך האב צוא גיטראפין זיין פארלאנג.

איהר האט מיך ערינערט איין וואונדערליכע סצענע, — אונ אויב איהר וועט מיר ערלויבין וועל איך אייך זיא דערצעילין, — רופט זיך אב איין אלטער אנשטאנדיגער קויפמאן, וואס איז גיזעסין ניט וויט פון אונז. —
גאר

*) איך האב אמאהל גיזעהען וויא אקלוגער ערהליכער איד האט אן גימערקט זיינעם אנאסט. וואס ער האט גיוואוסט, אז ער מאכט ניט קיין ברכה, (אונ על פי דין ווען יענער מאכט ניט קיין ברכה טאר איך איהם גאר ניט געבין, ווייל איך בין איהם מכשיל אין אהארבע עבירה. אונ זאגין יענעם בולט ער זאל מאכין אברכה איז אויך ניט לאויקע, ווייל ער וועט זיך געפינען באליידיגט), האט ער צוא גירופין זיינע אקינד וואס זיא איז גיוועזען גילערינט צו מאכין אברכה, אונ גיגעבין איין פרוכט, אונ גיזאגט צוא איהר שרה'לע מיין קינד, מאך הויך די ברכה, דוא ווייסט דאך אז איך האב ליב אז מען מאכט אברכה הויך, דוא אליין זאלסט הערין וואס דוא רעדסט „אז דוא גיסט דאס אדאנק דעם באשעפער פאר די שפייז", אונ איך זאל אויך הארכין וועל איך ענטפערין אמן. אמן, איז טייטש אמת, „עס איזט וואהר דיינע רייד, אז דער עוילער האט באשאפין די שפייז, אונ מען דארף איהם דאנקבאר זיין פאר דעם", שרה'לע האט גימאכט אברכה הויך אונ ער האט גיענטפערט אמן, אונ אזויא האט שוין אויך דער גאסט גיטאן. דאס איז מיר שרעקליך גיפעלין, דאס איז וויא די וועלט זאגט „די טאכטער זאגט מען, אונ די שנור מיינט מען".

גאר גערין האבין זיך אלע אבגירופין. — דיזע סצענע — זאגט דער קויפמאן — איז באקאנט מיט דעם נאמען „חיים׳קע דער קלוגער ישיבה׳מאן״.

דיזער חיים וואהר איין העכסט קלוגער אונ אדעלער קינד, אונ דער בעסטער תלמיד אין דער ישיבה, זיין רבי האט זייער אויפגיפאסט דיא תלמידים זייא זאלין פלייסיג לערנען, אונ זיך שיין אויפפיהרען נאך דיא אדעלע זיטין פון תלמוד. איבערהויפט האט ער גיפליסט אין זייא דיא וויכטיגע מדה פון „הכרת טובה״ שטענדיג דאנקבאר צוא זיין יעדערין וואס האט מיר גיטאן דיא מינדעסטע גיפעליגקייט (דאס איז דער אשענס פון דער תורה), דיזער חיים וואהר איין מאהל גילאדין אויף איין האכצייט, נאך דער חופה האט דער מחותן גיבעטין דיא געסט צוא געניסין פון בופעט, וואס ער פאר זייא צוא גיגרייט האט. — דיא אדעלע קלאס מחותנים, זיינען צוא גיגאנגען צום בופעט אונ האבין אליין עטוואס גינאסין, אונ האבין אויך געוויזין גאסט-פריינדליכקייט צוא די איבעריגע געסט, וואס האבין זיך גישעמט צוא געניסין, בכדי יעדער זאל אוועק צופרידין, אבער דיא נידעריגע קלאס מענטשין וואס קוקען נור אויף זיך, זייא זיינען צוא גיפאלין צום בופעט וויא דיא הייסהונגעריגע, גיגעסין גיטרונקען, אונ מאנכע האבין נאך אין דיא קעשענעס גילייגט, אן דרך ארץ, אונ אויך אן אברכה ראשונה ואחרונה. אונ גראדע אזעלכע וואס בלאזין זיך אונ מיינען, אז זייא זיינען וואהרע אריסטאקראטין.

חיימקע שטייט פון וויטין אונ באטראכט דעם אויפפיהרונג פון היינטיגע וואס רופין זיך געבילדעטע. אונ טראכט ביא זיך, מיין גאט! וואו איז דאס דיא רייגע איידילקייט, זעהען צוא ערפרייהען דעם ווירטה פון דעם בופעט, זעהען אז אלע זיינע געסט זאלין צופרידין זיין. אונ איבערהויפט מאכען אצופרידענהייט דעם גרויסין ווירטה, וואס דיא גאנצע וועלט איז זיין בופעט, דורך איין ברכה וואס זיא איז זיין דאנק.

וויא זאל איך זייא אבער אויפמערקזאם מאכין זייער אירטהום! אונ ארויף פיהרין זייא אויף דיא גראדע איידעלע וועג, זאגט חיימקע צוא זיך אליין שטילערהייט מיט אגרויסע ענערגיע. אה! וויא קען מען דאס צוזעהען אזא שפלות אין חאראקטער, ובפרט ביא דעם ניינצענטין יאהר הונדערט, וואס דיא בילדונג האט גיגרייכט צוא דיא העכסטע שפיצע, אונ דיא קאפ־לימענטין מיט דיא עטיקעטע איז אויפין האר, אונ אזא וויכטיגע זאך זאל מען ניט דער זעהען? *)

דיא

*) אשוטה איז אמאהל גיקומען פון מוזעאום אונ האט דערציילט, אז ער האט

דיא יונגע מענטשין זיינען זיך צופלויגין אין טאנץ זאל, יעדער מיט זיין פריילין, חיימקע געפינט זיך קיין עצה ניט. מען האט אב גיטאנצט, מען האט גיבעטין צום טיש, גיוויינליך ארינטליכע מענטשין האבין זיך גיוואשין גיזעצט צום טיש גימאכט המוציא, וויא איין ארינטליכער מענטש באדארף צוא זיין. דיא טענצער זיינען אויך גיגאנגען צום טיש, נור ווער רעדט מכח וואשין אונ המוציא, דאס איז ניט זייער זאך, מיין חיימקע זיצט אצוקאכטער, ער קען זיך קיין ראטה ניט געבין, מיט וואס פאר איין אופן זאל ער זייא אן מערקען זייער אירטהום, אז עס זאל בריינגען נוטצען, ניט גלאט זאגין וויא איין נאר, וואס חברה לצים זאלין מאכין איין גרויסין הורבא! ער האט קיין ראטה ניט גיפונען, אונ פון צער האט ער גאר ניט גינאסין ביין טיש, לבד דעם כזית המוציא, אונ האט זיך אזויא פארטיפט אין גידאנקען ביז ענדע חופה וועצערע, ער טראכט ביי זיך, לאמיר זעהען וואס וועט זיין מיט ברכת המזון.

צוא זיין גרויסין פארדרוס זעהט ער וויא אלע זיינען צופלויגין, אז עס איז קיין מנין ניט גיבליבין, אונ אלע גימיינטע אריסטאקראטין זיינען שוין אין טאנץ זאל, אונ מען טאנצט שוין, וואו בענטשין אונ וועז בענטשין, דא האט ער שוין ניט גיקאנט איבער טראגין זיין צער. אונ טרערין איז איהם ארויס פון דיא אויגין קוקענדיג, דיא שפלות וואס גייט צוא ביי אונזערע האבצייטין, וואס דאס איז דער ערשטער שריט פון דעם עוויגען בנין, אונ הייבט אויף דיא אויגין צום הימיל, אונ זאגט שטילערהייט, גוטער גאט! פאר דיר איז אנטדעקט מיין ריינע הארץ, אז איך מיין נור בלויז דיא ליבע צוא מיינע פאראיהרטע ברידער, שיק מיר אריין אגוטין גידאנק וויא איך זאל קענען ערלייכטין זייערע אויגין, זייא זאלין ערקענען דעם אמת, אונ זאל דא פארשאפין פריידע אלע מחותנים.

אין דיזע מינוט פאלט איהם איין אגידאנקען, אונ איידער מען האט

דער

גיזעהען אלערלייא חיות אונ פייגלאך, זאגאר אלע זארטין פליגין וואס קום צוא דער זעהען מיטין אויג — האסטו גוט באטראכט דעם גרויסין העלפאנד וואס דארטין איז? — פרעגט איהם איינער — דעם העלפאנד האב איך גראדע ניט באמערקט — וואר זיין אנטוואורט. צוא דעם דוראק זיינען גלייך אונזערע פינסטערע אריסטאקראטין, וואס אלע קלייניגקייטין האבין זייא דערזעהען פאר דעם שיין פון נייגצענטען יאהר הונדערט, צום ביי שפיעל ווען איין בארישנע ווארפט אראפ איהר טיכיל, בייגט ער זיך איין אין דרייען, אונ הייבט אויף, אונ זאגט איינינע מאל וויגעוואט, אונ נאך אזעלכע חניפות. אונ אזא וויכטיגקייט וויא צוא דאנקען דעם גרויסין ווירטה, פון וועלט וואונדערליכע בופעט, צוא דעם איז ער בלינד אונ באמערקט ניט.

דֶערלַאנְגְט מַיִם אַחֲרוֹנִים אוּנ וַויין צוּם בֶּענְטְשִׁין, גֵייט עֶר צוּא אֵיינֶעם ר׳ יַעֲקֹב וָואס הָאט גִיהַאלְטִין דָארְטִין אִין זַאל אַיין צַאסְטֶענֶעם בּוּפֶעט, אוּנ רוּפְט אִיהְם אָב אִן אַזַייט מִיט דִיזֶע וֶוערְטֶער — „נַאט אַייך 10 קָאפֵּייקֶען פַאר אַיין עֶפִּיל פוּן אַייעֶר בּוּפֶעט, מִיט דֶעם בַּאדִינְג אַז אִיהְר זָאלְט שְׁוַוייגִין, וָואס אִיךְ וֶועל דָא טָאהְן, אִיהְר זָאלְט אַייעֶר פְרוֹיא נִיט אוֹיס זָאגִין, אַז אִיךְ הָאבּ אַייךְ בַּאצָאלְט״. דִיזֶער ר׳ יַעֲקֹב הָאט אִיהְם פַארְשְׁפְּרָאכִין צוּא שְׁוַוייגִין אוֹיף אַלֶעם.

וָואס קָאסְט בַּייא אַייךְ דִיזֶער גוּטֶער עֶפִּיל? פְרֶעגְט חַיִימֶקֶע בַּייא ר׳ יַעֲקֹב׳ס פְרוֹיא, וָואס זִיצְט בַּייא אִיהְר בּוּפֶעט.

10 קָאפֵּייקֶען — וַואהְר אִיהְר אַנְטְוָוארְט — חַיִימֶקֶע לֵייגְט צוּרִיק אַוֶועק דֶעם עֶפִּיל. דֶערְוַוייל קוּמְט אַצְוַוייטֶער דִינְגֶעט אַיין עֶפִּילְסִין, וִויא דִיא וִוירְטִהִין הָאט זִיךְ פַאר קוּקְט אוֹיף יֶענֶעם, דֶערְוַוייל הָאט מַיין חַיִימֶקֶע שְׁטִילֶערְהֵייט דֶעם עֶפִּיל אַרַיין גִירוּקְט אִין אַרְבִּיל. אוּנ אַוֶועק שְׁטִילֶערְהֵייט אוֹיף אַבַּאנְק אוּנ גִימַאכְט הוֹיךְ אַבְּרָכָה בּוֹרֵא פְּרִי הָעֵץ, אוּנ עֶסְט דֶעם עֶפִּיל.

דִיא פְרוֹיא הָאט זִיךְ אַרוּם גִיזֶעהֶען אַז דֶער גוּטֶער עֶפִּיל וָואס חַיִימֶקֶע הָאט גִידוּנְגֶען אִיז נִיטָא. זִיא גִיט אַקוּק פוּן וַוייטִין אַז חַיִימֶקֶע עֶסְט דֶעם עֶפִּיל נִיט בַּאצָאלְטֶערְהֵייד, טוּז זִיא גִיט זִיךְ אַשׁוּס צוּא אִיהְם מִיט דִיזֶע וֶוערְטֶער.

דוּא יְשִׁיבָה בָּחוּר! שֵׁיין אַזוֹיא, גִיגַאנְבֶעט אַטַייעֶרִין עֶפִּיל, דוּא שְׁלֶעפֶּער בִּיזְט קְלֵיין צוּ עֶסִין אַיין עֶפִּיל פַאר 1 קָאפֵּייקֶע! גִילוּסְט זִיךְ דִיר דוּא טְרֵייפֶע הַאלְדְז צוּ גַנְבֶענֶען אַיין עֶפִּיל פוּן 10 קָאפֵּייקֶען! אוּנ הָאט זִיךְ שְׁטַארְק צוּקָאכְט אוֹיף אִיהְם מִיט זִלְזוּלִים, אַז עֶס אִיז גִיוָוארִין אַיין קָאךְ. גְלַייךְ הָאבִּין זִיךְ אַלָאז גִיטָאהְן אַלֶע טֶענְצֶער פוּן זַאל צוּא זֶעהֶען דִיזֶע סְצֶענֶע, אַז אַיין יְשִׁיבָה בָּחוּר הָאט גִיגַנְבֶ׳ת, חֶבְרָה הָאבִּין דָא גִיפוּנֶען אַגוּטֶע סְצֶענֶע וִויא זִיךְ לוּסְטִיג צוּא מַאכִין, וּבִפְרַט וֶועגִין אַיין יְשִׁיבָה בָּחוּר אַ גַנָּב, אוֹיךְ הָאבִּין דָא אַנְדֶערֶע גִיהַאט זֵייעֶר אַגוּטֶע גִילֶעגֶענְהַייט אַרוֹיס צוּא גֶעבִּין זֵייעֶר גַאנְצֶע הַארְץ וָואס אִיז פוּן לַאנְג אָן אָנְגִישְׁטוֹיסִין אוֹיף דִיא תּוֹרָה, אוּנ אוֹיף אִיהְרֶע לֶערְנֶער.

זֶעהְט גָאסְפָּאדַא! — רוּפְט זִיךְ אָב אֵיינֶער, — „דִיא בַּאנְק קְוֶועצֶער וָואס פַאר אַ צְבוּיַאקֶעס זַייא זַיינֶען, דַאכְט זִיךְ אוֹיפִין גֶעזִיכְט גָאר אַיין מְזוּזֶעל״, אַם עֶנְדֶע גִיט אַקְלַאפּ אִין רוּקֶען גֵייט אַרוֹיס אַגַנָּב. דֶער צְוַוייטֶער הָאט זִיךְ אוֹיס גֶעדְרִיקְט מִיט אַיין אַנְדֶער אוֹיסְדְרִיק, מֶען הָאט אִיהְם נִיט גִיזַאלֶעוֶועט קַיין כִּבּוּדִים, וֶועלְכֶע עֶר הָאט דָאס אִין זַיין לֶעבִּין נִיט גִיהֶערְט, אוּנ אִיבֶּערְהוֹיפְּט דֶעם נָאמֶען „בַּאנְק קְוֶועצֶער״ מִיט דֶעם הָאבִּין זִיךְ אַלֶע גִילָאכְט.

חיים'קע הערט אלעמען אין טראק, און עסט דעם עפּיל מיט גוטן אפּעטיט. — זעהט אביסיל וואס פאר פארשטאכענע אויגין ער האט נאך!! — רופט זיך אויס איינער, — דאס קען מעהר ניט וויא א-באנק קוועצער".

חיים'קע ניט אהויב דיא קאפּ, און טוט אקוק מיט זיין קלוגין בליק אויף יענעם, און זאגט זיך אזויא בנעימות: — איך פארשטייא דאס גאר ניט מיין פריינד, וועמען טוען מיר ישיבה-לייט שלעכטעס, מיט אונזער באנק קוועצין, זאלין דיא בעלי בתים מאכין ווייכע זאפּעס אין שוהל, און ווען ניט האבין מיר צוא זייא אויך ניט, אז מיר קוועצין דיא באנק איז אונז הארט, אבער קיינער שפּירט קיין מאנגיל פון דעם. באטראכט אבער ווען דיא אריסטאקראטין האבין אקוועץ גיטאהן דיא באנק*) האבין זייא צוא גיקוועצט הונדערטער פאמיליען, וואס קענען נאך עד היום ניט קומען צו זיך.

דיזער קלוגער אנטווארט האט גימאכט פיל פארגעניגען דיא מתותנים וואס זייען טרייא צוא דיא תורה מיט איהרע לערנער, און דיא שוטים האבין אראב גילאזין דיא נעזער.

וואס איז אבער מכח דעם גיגנב'טין עפּיל! חאפּט זיך ארויס אנייער האן, און חברה מענצער האבין זיך ווייטער גינומען לוסטיג מאכין וועגין דעם

איך פארשטייא דאס גאר ניט! — רופט זיך אב חיים — וואס איהר פריוויאזעוועט זיך צוא מיר, וויא דער רבי האט מיר גילערינט אין תהלים לה' הארץ ומלואה, אז צוא גאט גיהערט דיא וועלט, און אלעס וואס גע-פינט זיך אין איהר, ד. ה. אז דיא גרויסע וועלט איז דער געטליכער בופעט, און מיט וואס באצאהלט מען איהם, נור מיט איין ברכה. נוא גאספּאדא, איהר האט גיהערט וויא איך האב גימאכט הויך אברכה בורא פרי העץ? מיט דעם איז דאס גאר מיינע, ניט אייערע.

חא, חא, חא! האט ארויס גיפלאצט פון אפולע מענצער, אט זעהט דיא גוטע קעפּלאך, זייא קענען צוזאמען ברייגגען אוואנט מיט אוואנט, און עס איז שוין רעכט צו גנבענען און גזלענען, אבי ער האט גימאכט אברכה, קומט אהער גאספּאדא! און הערט ווערטער פון אגמרא למדן, קורץ דער פון דער טאנצזאל איז גיווארין פוסט, און דיא גאנצע פובליקע דאמען

מיט

---

*) דאס וואהר אין דיא צייט וואס פערוואא וואימנע באנק אין שטאט וו. האט באנקראטירט, וואס דער דירעקטער מיט פיל אנפיהרער זיינען גיוען יודישע אריסטאקראטין, וויא עס איז בעוואוסט אז זייא האבין אגוטין קוועץ גיטאן דיא באנק, און איהר בדלות גישטעלט.

מיט פְרֵיילִינְס אונ קַאוַואלֶערִין זַיינֶען אַרוּם גִיפַאלִין, זִיךְ לוּסְטִיג מַאכִין מִיט חַיִּים'קֶען, אַזוֹיא וִויא בִּינֶען אַרוּם הָאנִיג.

דוּא מַכָּה לַמְדָן! — חַאפְּט זִיךְ אַרוֹיס אֵיינֶער אַהַאלְבֶּער אַרִיסְטָאקְרַאט, — פוּן גְמָרָא בְּרֵיינְגְסְטוּ אַרְאָיָה אַז דוּא טוּסְט רֶעכְט? אִיךְ גְלוֹיבּ אַז דוּא פַארְשְׁטֵייסְט גָאר נִיט וָואס דִיא גְמָרָא זָאגְט. אִיךְ גִידֵיינְק אִיךְ הָאבּ אַמָאהְל גִילֶערִינְט (ב"ק צ"ד) הרי שגזל סאה חטים כו', אַז מֶען גַנְבֶ'ת אוּנ מֶען מַאכְט אַבְּרָכָה עֶרְצַארִינְט מֶען מִיט דֶעם גָאט, דֶער בּוֹרֵא ית"ש הָאסְט זַייעֶר גְזֵלָה אָדֶער אֵיין עוֹלָה, אֲפִילוּ אֵיין קָרְבָּן עוֹלָה וָואס אִיז אִין גַאנְצִין אוֹיפְין מִזְבֵּחַ צוּא גָאט, וֶוען זִיא אִיז גְזֵלָה אִיז זִיא אוּנְוֶוירְדִיג בַּייא גָאט, דִיא תּוֹרָה לִיבְּט נוּר עֶרְלִיכְקֵייט, עֶר מֶעג גֶעבִּין דִיא גְרֶעסְטֶע צְדָקוֹת, אוֹיבּ דִיא גֶעלְט אִיז דוּרְךְ עַוְולוֹת אִיז דָאס אוּנְוֶוירְדִיג, הַיינְט קָאמְסְטוּ אוּנ גַנְבֶ'עסְט אוּנ ווִילְסְט זַיין אַפַיינֶער מֶענְטְשׁ וָואס דוּא מַאכְסְט אַבְּרָכָה, וֶוען דוּא וָואלְסְט פְרִיעֶר בַּאצָאהְלִין פַאר אִיהְם, דָא בִּיזְטוּ אַפַיינֶער מֶענְטְשׁ, אַז דוּא מַאכְסְט אַבְּרָכָה.

חַיִּים'קֶע זִיצְט שְׁטִיל אוּנ עֶנְטְפֶערְט גָאר נִיט, עֶר טוּט נוּר זַיין זַאךְ, קַיים דֶעם עֶפִּיל, נוּר קָאנְטִיג אִיז עֶפֶּעס וִויא עֶר הָאט זִיךְ פַארְשֶׁעמְט אוֹיף דִיא גְלַייכֶע רֵייד וָואס דֶער הָאט אִיהְם גִיזָאגְט, אוּנ עֶר הָאט נִיט וָואס אָבּ צוּא וֶוענְדִין.

גוּט אַזוֹיא רֶבִּי?! וָואס אַייעֶר חַיִּים'קֶע הָאט גִיטָאהְן — הָאט זִיךְ אֵיינֶער אָבּ גִירוּפִין צוּם ראש יְשִׁיבָה, וָואס אִיז גְרָאדֶע אִין דֶעם מָאמֶענְט גִיקוּמֶען — אַייעֶר חַיִּים'קֶע הָאט גִיגַנְבֶ'ת אֵיין עֶפִּיל, אוּנ זָאגְט אַז אִיהְר הָאט אִיהְם גִילֶערִינְט, אַז וִויא בַּאלְד עֶר הָאט גִימַאכְט אַבְּרָכָה, אִיז דָאס זַיינֶע.

מַיין חַיִּים הָאט גִיגַנְבֶ'ת אֵיין עֶפִּיל?, דָאס אִיז נִיכְט וַואהְר, דָא מוּז עֶפֶּעס זַיין אֵיין סְצֶענֶע, מְשַׂמֵּחַ זַיין חָתָן וְכַלָּה, מַיין חַיִּים אִיז אַפְרוּמֶער אוּנ אַקְלוּגֶער.

עֶס אִיז טַאקֶע אֱמֶת חַיִּים? וָואס מֶען זָאגְט אַז דוּא הָאסְט גִיגַנְבֶ'ת דֶעם עֶפִּיל? שְׁפְּרִיכְט דֶער רַבִּי צוּא חַיִּים'קֶען.

רֶבִּי, אִיךְ עֶס נִיט קַיין גִיגַנְבֶ'טִין עֶפִּיל, אִיךְ הָאבּ גִימַאכְט אַבְּרָכָה, אוּנ וִויא אִיהְר הָאט מִיר גִילֶערִינְט, אִיז מִיט דִיא בְּרָכָה גִיצָאהְלְט דֶעם גְרוֹיסְין ווִירְטְה וָואס דִיא גְרוֹיסֶע וֶועלְט אִיז זַיין בּוּפֶּעט, אַזוֹיא עֶנְטְפֶערְט זִיךְ חַיִּים גָאר בִּתְמִימוּת, ווִיא עֶר וָואלְט גָאר מֶעהְר נִיט פַארְשְׁטֵיין.

שְׁטֵייטְשׁ עֶס שְׁטֵייט דָאךְ וּבוֹצֵעַ בֵּרֵךְ כו', אַז מֶען גַנְבֶ'ת אוּנ מֶען

מאכט

מאכט אברכה, ערצארנט מען גאט, — פאלט ארויס יענער האלבער אריסטאקראט. —

רוהיג גאספאדא! איך וועל אייך ערקלעהרין דיא לעהרע פון אונזער תלמוד, — רופט זיך אב דער רבי, — איהר האט מיר דערמאנט וואס איך האב אמאהל גיזעהן, אין אמייסטערסקייע (וואס מען נייט קליידער פאר מאגאזינען) איז אריין א יונגער מענטש, אונ איהם איז גיפעלין איין ראק, ער פאסט איהם אן, אונ ער וואהר ריכטיג אויף זיין מאס.

פיל נעמט איהר פאר דיזען ראק? פרעגט ער דעם מייסטער. — 5 רוביל ענטפערט דער מייסטער. — דער יונגער מענטש נעמט ארויס 5 רו״כ אונ גיט אב דעם מייסטער מיט דיא ווארטין: „דאס האט איהר פאר דעם ראק״, אונ מיט דיא ווערטער גייט ער ארויס. — דער מייסטער האט גימיינט ער איז א ווילע ארויס מענטשליכקייט ברויכין — ער טוט אבליק דורכין פענצ־טער, אז דער יונגער מאן גייט אוועק דורכין טויער, ער שיקט געשווינד איהם ארויף־טאהן אונ פרעגט איהם, ווארום האט איהר גינומען דעם ראק, אונ ניט באצאהלט?

הא! איך האב ניט באצאהלט? איך האב דאך אייך גיגעבין 5 רוביל פארין ראק.

הא, חא, חא! רופט זיך אב דער מייסטער, דיא 5 רוביל איז דאך נור פאר פאסאן (גיגייא), אבער פאר דיא מאטריאל 10 רוביל האט איהר נאך ניט באצאהלט, דאס ברויכט מען איין צאהלין אין מאגאזין.

דאס גלייכין ליבע ברידער, איהר זאגט אין ויכולו כי בו שבת מכל מלאכתו אשר ברא אלקים לעשות, השי״ת האט גירוהט שבת פון זיין ארבעט וואס ער האט באשאפין אין זעקס טעג „לעשות״ צום טאהן, וואס הייסט ער האט באשאפין צוא טאהן? דער גידאנק איז, גאט האט בא־שאפין אין 6 טעג אלע מאטריאל וואס דער מענטש זאל דאס בעארבע־טין אונ מאכין אפאסאן, צום בייא שפיל אלעביל ברויט דער מאטריאל גיהער צוא גאט, ער האט באשאפין דעם כח הצמיחה אין קערענדיל, עס איז ארויס אזאנג מיט קערנער, אונ דער מענטש מאכט דעם פאסאן, ער שניידט אונ דרעשט אונ מאלט אונ באקט, אונ מאכט פארטיגע ברויט. דארף מען דעם בעקער צאהלין פאר דעם פאסאן, למשל 2 קאפייקען פאר אפונט, אונ דעם עויגען דארף מען צאהלין פאר דיא מאטריאל, מיט דיא ברכה, וואס מען זאגט: „גילויבט בינסטו גאט דער קעניג פון דער וועלט, וואס דוא האסט ארויס גיגעבין דיא ברויט פון דער ערד״ אונ ד. ג. דארום

איז

איז ביידע מאמרי חז״ל רעכט. דער וואס גנב'עט און מאכט א ברכה, אבוואהל ער האט גיצאלט דעם עווינגען פאר דיא מאטריאל פון דיא ברויט, האט ער אבער גיטאהן אפארברעך וואס ער האט ניט באצאלט דעם בעקער פאר דעם פאסאן, און דאס גלייכין דער וואס באצאלט פאר דיא ברויט, און מאכט ניט קיין ברכה איז ער אונווירדיג, וואס ער האט ניט גיצאלט דעם עווינגען פאר דיא מאטריאל. יעצט מיין חיים, אבוואהל דוא האסט גימאכט א ברכה, און מיט דעם גיצאלט דעם עווינגען פאר דעם מאטריאל פון דעם עפיל, בינסטו מיט דעם ניט יוצא, ווייל דוא האסט ניט גיצאלט דיא ווירטהין פון בופעט פאר דעם פאסאן פון עפיל. דאס איז דיא מיהע וואס מענטשין האבין גיהאט אויפצופאסין דעם עפיל-גארטין, און אראב קלייבין און בריינגען היער אויפין בופעט, באטרעפט דער פאסאן לערך 10 קאפייקען.

יא ליבער רבי איהר האט רעכט, מיט דיא ברכה אליין איז מען ניט יוצא, אזויא וויא מען איז ניט יוצא מיטין באצאלין אליין אן א ברכה.

ר׳ יעקב! גיט אגישרייא חיים, איך האב אייך באצאלט 10 קאפייקען פאר דעם עפיל? נור איך האב אייך גיבעטין איהר זאלט שווייגין, אום איך זאל קענען שפילין דיזע סצענע.

יא גאספאדא — ענטפערט ר׳ יעקב, — ער האט מיר באצאלט.

נוא ליבע ברידער — שפריכט חיים — נעמט דאס גוט אין גידאנקען, אזויא וויא איהר האט מיר גיהאלטין פאר איין אונמענטש — בעת איהר האט גירעכינט אז איך האב ניט אין גיצאלט אפין בופעט, און האט מיט רעכט מיר אויס געזידילט, און גישאטין אויף מיר שווארצע מאן. דאס גלייכין באדיינקט זיך אליין, אז איהר האט ניט גיטאהן קיין קלענערין פארברעך פון מיר, אבוואהל איהר האט גיצאלט פארין פאסאן (ד. ה. דער מחותן האט איין גיצאלט און אייך טראקטירט), האט איהר אבער דאך ניט גיצאלט דעם עווינגען פאר דיא מאטריאל, איהר האט גיגעסין און גיטרונקען אן א ברכה, און יעצט צום בענטשין זייט איהר צופלויגין פון טיש, אז עס איז אפילו קיין מנין ניט גיבליבין, ביטע צוא אבראש-צאייען וונימאניע אויף דיזען פארברעך.

בראוואו! בראוואו! בראוואו! האט אן גיהויבין צוא דונערין פון פיהלע הויכארטיגע דאמען, חיים האט פאלקאם רעכט, מיר מוזין באקענען אונזער אירטהום.

גאספאדא! אלע צום טיש צום בענטשין, לויבין דעם עווינגען פאר דיא שפייז וואס ער האט בעשאפין פאר אונז מענטשין, וויא דער רבי האט

אונז

אונז דא ערקלערט, דער לאנגט צוויא כוסות ויין, אונ דער רבי וועט בענטשין.

דעם כוס פון ברכת המזון בין איך מכבד חיים'ען, ער האט עס כשר פארדינט, „שכר מצוה מצוה", לערינט אונז דער תנא אין אבות.

חיים האט זיך אפילו גישעמט צוא נעמען דעם כוס פון ברכת המזון, נור וייל דער רבי האט אזויא פערלאנגט האט דאס חיים גיטאהן, וויא ער איז שטענדיג גיוואוינט, ניט איבער צוא טרעטין דעם רבי'ס פערלאנג.

מיר קענען זיך פארשטעלין וויא אנגינעהם עס וואהר צוא זעהן וויא דיא גאנצע פובליקע אלט אונ יונג, זאגאר אפילו יונגע פרייליינס האבין גיבענטשט מיט אזא גישמאק, אז עס איז גיוועזן איין פארגעניגען צוזעהן, אונ ווער רעדט מכח חיים'ן, ער האט גיבענטשט מיט אזא שמחה של מצוה, אז ער האט באצויבערט אלעמען מיט זיין זאנפטע שטימע, ער האט זיך דאן געפיהלט וויא ער זיצט אין פאראדיז (גן עדן), אונ דינט גאט פון גרויס שמחה אז איהם האט אפגיגאלטין איין צוא פליסין אזא זיבטיגען רעיון אין אגאנצע פובליקע, אונ זיין פלאנצונג האט גיטראגין גוטע פריכטע.

וויא איך האב באטראכט חיים'ס בענטשין יעצטיגען — שפריכט איין הויכארטיגע דאמע צוא איהר יונגע טאכטער — וואס פאר איין הערציגם פרייד ער האט גיהאט, אז פשוט וויא מען זאגט דיא שכינה האט גירוהט אויף איהם בעת בענטשין, וויא יעדער ווארט האט גיפערילט פון זיין מויל, אונ איז גיוועזן אזויא באגייסטערט פונקט וויא ער וואלט ריידין ליצנע מיט השי"ת, זעהע איך וויא גליקליך איז דער אמתער עהרליכער איד, ער פערשאפט זיך אין זיין לעבין אזעלכע הימעלשע פארגעניגען *) גאר אן אקאפייקע געלט, וואס מיר קענען דאס ניט באקומען מיט אונזערע גרויסע קאפיטאלין, יעצט זעהע איך וויא ריכטיג איז דער ווארט, וואס איך האב אמאהל גיהערט פון אקלוגען געבילדיטין מאן: „דיא ישיבה'תע הארטע באנק ערציהעט פיל קלוגע אונ ווייכע הערצער".

ערכוויקט

*) דיזען אדעלען גידאנק זאגין מיר איינגע מאל אטאג אין ק"ש (נאר מיר באמערקען ניט) למען ירבו ימיכם, השי"ת פארזיכערט, אויב איהר וועט זיך אויפפיהרען וויא איך לערין איך, אין קריאת שמע, נעמען אין גידאנק אז עס איז דא אבורא יחיד (איין איינציגער באשעפער אונ וועלט פיהרער), אונ איהם ליב האבין אונ פיהרין זיך וויא דיא תורה הייסט, וועט איהר מיט אייערע קינדער האבין אריכות ימים, כימי השמים (איין הימלישען פארגעניגענדין לעבין) על הארץ (אויף דיזע וועלט אויך), לבד חיים הנצחיים אויף דיא עוויגע וועלט.

ערקוויקט זאלט איהר ווערין מיין ליבער קויפמאן — שפריך איך צוא איהם — אייער געשיכטע האט מיר ערקוויקט מיין הערץ, וויא אגוטער טויא אויף בלומען, אונ איך בין אייך זייער דאנקבאר דאפיר.

דיא געשיכטע מיט חיים'קען האט גימאכט אגרויסין איינדרוק אויף אללעמען, איבערהויפט אויף דעם פאטער, ער טראגט מיר צוא דעם לייבטעריל, אבער דיא ליכט וויקעלט ער איין אין אפאפיר, אונ נעמט פאר זיך מיט דיזע ווערטער: „וויא אנגענעהם איז מיר אייערע פריערדיגע ווארטין, אז מיט דיזע ליכט ווילט איהר מיר בעלייכטין מיין אווינד-ברויט — אונ איך האף אז דיזע ליכט וועט מיר באלייכטין אין מיין היים אויך, אונ וויל מיר באצאהלין פאר דיא ליכט.

ניין מיין טהייערער! ענטפער איך, איך האב שוין לאנג אב גינומען טויזענדער מאל פיל דיא ווערדע פון דיא ליכט, דיזע איינציגע פארגעניגען מיינע, אז איך בין גיזעהן דער גוטער שליח אייך ליכטיג מאכין דיא אויגין, אונ אייך קריגען פאר איין עוויגען פריינד, איז בייא מיר דיא גרעסטע באלאהנונג.

יא יא מיין טהייערע, איך אונ מיין פאמיליע בלייבין אייך עוויג טרייא, יעצט זעהע איך וויא וואהר עס איזט דער מאמר החכם: „החכם יקנה עבדים בלשונו, יותר מהכסיל בממונו". אדיע מיין טהייערע, ריידענדיג האט ער מיר גיגעבין זיין אדרעס, אונ מיר זייער גיבעטין צוא בעזוכין איהם אין מיין רוהיגע צייט.

איך בין מיר אראפ פון באן, אונ אריין גיפאהרין אין איין האטעל, איך לייג מיר אב רוהען, פון שמחה קען איך ניט איין שלאפין, איך ליג אונ טראכט, מיין גאט! וויא גליקליך בין איך, אז איך האב גליקליך גימאכט איין מענטשין, איך האב איהם גיעפינט דיא אויגין, צוזעהן דעם שיין פון הכרת טובה, אה! וואס פאר איין טהייערע מצוה דאס איז „הוכח תוכיח את עמיתך", דוא זאלסט זיך דורך ריידין מיט יענעם ווען יענער טוהט אפארברעך, סייא בין אדם למקום אדער בין אדם לחבירו, וועסטו יענעם ארויף פיהרין אויף דיא אמתע וועג, וויא גליקליך וואלט דאס גיוועזן דיא וועלט, אז אלע וואלטין זיך אזויא פיהרין, דורך צו ריידין זיך מיט יענעם אלס מענטשענפריינד, על פי רוב איז גאר יענער ניט אזויא שלעכט וויא איך רעכין איהם אויס, יענער איז מעהר ניט וויא פארבלענדעט, דער יצר הרע שטעלט איהם פאר איין פאלשע פאנטאזיע, עס דוכט זיך איהם אז עס איז איין עהרע, ווען ער ווייזט אז ער איז איין העלד,

ער עסט אן אברכה, ער רויכט שבת אפאפיראס, אונ שרעקט זיך ניט פאר קיין זאך, ער איז ניט קיין טרוש*), אונ נאך אזעלכע דומהייטין וואס קען פארקומען בעת דער שכל ליגט געבאך אונטער גיווארפין אונטערין חומר, דאס איז גלייך וויא איך האב אמאהל גיזעהן, אז א פערד האט זיך צוא יושעט, אונ האט אן גיהויבין צוא פליהען, אראפ גיווארפין דעם פורמאן-מיט דיא לייצעס אין האנט, אונ דער פורמאן האט זיך נאך גישלעפט אוים גיצויגין אויף דער ערד מיט דיא לייצעס אין דיא הענד, איבער שטיינער אונ בערג, ביז ער איז אן כחות גיבליבען, אונ ער אליין האט קיינע קרעפטין גיהאט צוא רעטין זיך, בעת דער פערד לייפט, אונ ער שלעפט זיך אויף דער ערד אוים גיצויגין. ביז וואגען עס זיינען אן גי-לאפין מענטשין, אונ גיכאפט דעם פערד פארין צאם, דאן איז גירעטעט גיווארין דער רייטער. דאס גלייכין איז דער שכל, בעת ער האלט דיא לייצעס גייט דער חומר אין גלייכין וועג**), ווען אבער אז מען גיט נאך דעם חומר,

אונ

*) מיר וואונדערט זייער אויף דיזע העלדין, וואס זייער גאנצין לעבין סטארען זייא זיך אלץ צוא ווייזין אז זייא זיינען ניט קיין טרושין, אונ שרעקין זיך פאר קיין זאך ניט, וואס מיט אמאהל ווערט פארשוואונדין זייער העלדינשאפט, בעת זייא ליגין אויף אטויטע בעט, ווארום זאלין זייא דענסטמאל ניט אראפ שפרינגען פון בעט אונ אוים פאצין דעם מלאך המות דיא צורה, אונ איהם אראפ ווארפין פון אלע טרעפ? אדער נאך בעסער אראפ שפרינגען פון טהרה ברעט, דאן וואלט מען וויסין אז זייא זיינען אמתע העלדין.

**) ז"ל הרמב"ם במכתבו לבניו זייט משעבד (מאכט אונטערטעניג) דעם חומר צום שכל (ד. ה. דעם גוף צוא דיא נשמה) ווארום דיא אונטערטעניגקייט פון קערפער צום נפש, איז דיא אמתע פרייהייט אין דיזע וועלט אונ יענע וועלט — דער שכל מיטין קערפער זיינען גלייך וויא א רייטער מיט זיין פערד (דער חומר איז דיא בהמה אונ דער שכל איז דער רייטער). ווען דער רייטער איז דער האר, ער האלט דעם צוים אין האנד אונ קערעוועט דעם פערד וואו מען דארף, קומען זייא ביידע לשלום, אבער ווען דער רייטער חאפט שלאפין, אונ לאזט ארוים דעם צאם, אונ דער פערד ווערט דער האר אונ גייט וואו ער וויל, קען מען פארשטיין צוא וואס פאר א אונגליקין זייא קומען ביידע, דער פערד קריכט אראפ פון וועג אין אזומפ אונ דער טרינקען זיך ביידע. דרום זאלט איהר האלטין דעם חומר שטארק איין גיצאמט, ניט לאזין ארוים טרעטין איין שריט פון דרך התורה, ווארום אז איהר וועט איהם איין מאל נאך געבין זיינע תאוות, וועט ער וואס ווייטער וועלין מעהר, אונ וועט ניט זאט ווערין ביז וואגען ער וועט באגערין אזעלכע זאכין וואס אונמיגליך איזט, אונ וועט זיך פארלירין מיט דעם געטליכען טהייל אויך (דאס איז דיא נשמה), אבער אז דער שכל רעגירט אונ האלט איין גיצאמט דיא תאוות, אונ דער חומר איז אונטער-טעניג ביין שכל, פארלאנגט ער נור וואס באדערפטיג אונ נויטוועדיג איז, אונ ווערט זאט מיט ווייניג, אונ פארהאסט דיא מותרות מיטין לוקסוס, אונ פארברייננט איין

זיסין

און ער צוא יושעט זיך, וואַרפט ער אַוידער דעם שכל, אונ טרעט איהם אונטער די פיס, אונ מען קאן זיך גאר ניט פאַרשטעלין וויא ווייט דער שכל קען אונגליקליך ווערין. — דרום האט די תורה גיגעבין איהר גוטען ראטה, אז גוטע פריינד זאָלין איהם פיר האַלטין אויף זיין פאַרברעך, אונ איהם ערקלערין זיין פעהלער מיט מענטשענפריינדשאפט. דאַן ווערט דער צוא יושעטער פערדיל (דער חומר) אָפּ-ענטיג, אונ דער שכל קומט צו זיין קרעפט, אז ער איז זיך מתגבר על החומר, אונ ער פאַרשטייט אַליין זיין אירטהום, אונ ווערט גירעטעט. אָבער בעונותינו הרבים, נאך אונזער פינצטערין פיהרונג, אז מיר זאגין יענעם תוכחה נור אונטער די אויגין, מען קריטיקירט איהם אָב פון קאפ ביז די פיס מיט אלע מיני באַליידיגונג, אונ אין די אויגין חנפעט מען איהם, מיינט ער נאך אז ער טוט גלייך, דערוויל פאַרשטאַרקט ער זיך אין די קרומע וועג, ביז תאגען ער ווערט אזויא מבולבל, אז ער מיינט אז ער טוט גלייך אונ אלע טוהען קרום, וויא דער שכור וואס מיינט אז די שטוב דרייט זיך אונ ער גייט גלייך. וויא גליקליך האַלטין מיר גיוועזין, אז מיר וואלטין זיך פיהרין על פי דרך התורה והמצוה, יענעם פירהאַלטין מיט פריינדשאפט, ניט וויא מיר פיהרין זיך, אז מיר שטראפין יענעם בעת מיר קריגין זיך מיט איהם, דאַן זאגין מיר איהם אלע זיינע פעלערין אין די אויגין, אונ מיר זוכין נאך אויף וואס אונטער דער ערד איז. אָבער דאס קען קיינע נוטצין ניט ברייגגען, אין געגענטהייל יענער קומט נאך אַרייך אין נצחון, אונ וויל זיך ניט נאך געבין, אונ בלייבט ביי זיין שלעכטין פיהרונג, אונ פון גרונט הארצין האב איך איינינע מאהל גיחאָעערט דעם פסוק וואס שלמה המלך ריהמט די תורה (דרכיה דרכי נועם) ד. ה. איהרע וועגין זיינען אנגינעהמע וועגין (וכל נתיבותיה שלום) אונ אויף אלע איהרע שטעגין הערשט פרידען, אונ אין פרידען האב איך איין גישלאפין.

ג. דער צווייטער בריעף

אויף מאָרגין פריה בין איך אַרויס אין גאס. פּילייכט וועט דער עוויגער מיר צוא שיקען עטוואס גישעפט, נוטציג זיין מיינע טהייערע ברידער אונ שוועסטער. איך באַגעגין דעם ה' .... וואס איז גיפאהרין מיט מיר אין וואַגאן, ער האט זיך העפליך גינייגט צוא מיר, אונ מיר זייער גיבעטין גיין

צוא

דיסין צימליכען לעבין, אונ טרייסט זיך מיטין טויט, וואָרום דענסטמאל וועט ער ערבט אָנהייבין צו לעבין אין עוויגען גליקליכען לעבין (כמ"ש ותשחק ליום אחרון), ע"כ.

צוא איהם פריהשטיקין, אבוואהל איך בין גיוועזן זאט, האב איך זיך שטארק ניט גילאזט בעטין אונ מיט גיגאנגען, מיט דעם גידאנק, אז צוליב מיר וועלין זייא מאכין אברכה. ווייל זייא קלינגט נאך געכטיגע געשיכטע, אונ אז איך וועל יעצט ווידערהאלין וועט דאס פעסט איין גיוואָרצילט ווערין בייא דיא קינדער, אונ עס וועט ווערין אצווייטע נאטור כמאמר החכם: „דאס גיוואונהייט איז דיא צווייטע נאטור", אונ דאן וועל איך אויספיהרין אזאך בשלמות.

מיר זיינען גיקומען צוא הויזע, זיינען מיר ארוס גיפאלין דיא קינדער מיט דיזע ווערטער „וואס מאכט איהר אונזער טייערער גאסט", עס קלינגט נאך אונז אייער נעכטיגער ראזגאוואר, מאמא! דאס איז דיא יעניגע וואס מיר האבין דיר דערציילט.

דיא מוטער האט מיר זייער פריינדליך צוא גינומען, קענטיג זייער איין אדעלע פרויא, אונ האט מיר זייער גידאנקט פאר נעכטיגע אויפמערזאמקייט, אונ בעט מיר איך זאל היינט ווידערהאלין נעכטיגען ראזגאוואר.

איך הייב אן מיט דיזע ווערטער — „מיינע ליבע קינדער, אייך קלינגט נאך נעכטיגער לארים? וויא דער זאנדאר האט יענעם געפיהרט, אונ דער בופעטציק האט נאך געשריען „דוא אונפארשעמטער יונג, ווארום האסטו זיך אן גיפרעסין, אונ ווילסט ניט באצאהלין"!!

יא יא, עס קלינגט אונז גוט אין מוח — ענטפערט דער קליינער זוהן, — נור איך האב מיט איהם מיטלייד, פילייכט האט ער ניט מיט וואס צוא באצאהלין, אונ פון נויט האט ער עס גיטאהן.

דוא האסט ניט גיזעהן — שפריכט דער פאטער — וויא דער זאנדאר האט איהם גישלעפט, איז איהם ארוס גיפאלין אטייסטער מיט געלט, אונ ער האט ניט ווילענדיג גימוזט באצאהלין.

אויב יא אזויא! ער האט גיהאט געלט, אונ ניט גיוואלט צאהלין, איז נאך ווייניג וואס דער בופעטציק האט איהם צוא זידילט, ער איז נאך ווערט גיוועזן פיל מעהר שאנדע.

בייא דיזע ווארטין, נעם איך ארוס מיין שערי תשובה זייטע 84, אונ גיב לעזין דיא מוטער, דארטין שרייבט זיך מיט דיזע ווערטער.

„אונ ווען דוא מיין ליבער לעזער, וועסט גוט באטראכטין דיזע מענטשין וואס עסין אן אברכה, אונ בענטשין ניט, וועסטו זעהען אז לא די וואס זייא זיינען פארדארבין ביז גאר אין אידישקייט, זיינען זייא אויך פארדארבין אין כאראקטער, וויא דער הייליגער תלמוד שרייבט (ברכות ל"ז) ר' לוי

האט

האט גיפרעגט, אין איין שטעל זאגט דוד המלך ע״ה „לה׳ הארץ ומלואה״ צוא השי״ת גיהער די ערד, אונ אלעס וואס אויף איהר איזט, אונ אין אצווייטע שטעלע זאגט ער „והארץ נתן לבני אדם״, די ערד האט השי״ת אב גיגעבין צוא דעם מענטשין? ענטפערט דער תלמוד, איידער מען מאכט אברכה (וואס דאס הייסט אדאנק צוא זיין ליבען נאמען), טאר דער מענטש פון קיין זאך קיין הנאה האבין, ווייל דאס איז קדשי שמים, ד. ה. עס גיהער צו קאזנא, צום קרוין פון מלך מלכי המלכים, Государственное имущество, אבער נאכהער אז דער מענטש האט איין גיצאהלט אין הימיל-קאססע מיט זיין ברכה (איין שבח והודאה צום ליבין גאט וואס ער האט באשא-פין די שפייז, צוא ערקוויקען מיט זיא דעם מענטשין) דאן גיהער עס שוין צום מענטשין, דרום זאגט דער תלמוד, אז דער וואס עסט אן אברכה, ווערט ער גירופין איין גזלן, ער האפט פון געטליכען בופעט.

ערקלערט דאס מיר בעסער, וואס הייסט ער גזלת דעם ליבען גאט? וואס פעלט דען השי״ת, אפילו ווען ער מאכט ניט די ברכה? פרעגט דער עלטערער זאהן.

איהר האט רעכט — אנטווארטע איך — באמערקט וויא דער תלמוד האט גיוואויגין זיינע ווערטער, ער זאגט ניט ער גזלת, נור (כאלו גוזל) ער איז גלייך וויא ער גזלת, ווייל אייגענטליך פעהלט דעם בורא גאר ניט, אפילו ווען דוא מאכסט ניט די ברכה. וואס בינסטו דען מיט דיין גאנץ לייב אונ לעבין, קעגין דעם היילינען גאט. אבער דוא פאר דיין ריינעם סאוועסט אליין, ביסטו וויא איין גזלן, דוא האסט גיכאפט פון געטליכען בופעט, אונ האסט ניט אב גיגעבין וואס דער בורא האט נאונאצעט דאפיר.

אבוואהל די זאך איז זייער ריכטיג (אז עסין אהן אברכה איז איין עולה קעגין גאט), דאפיר אבער קיין מענטשין טוען מיר קיין עולה ניט, אונ מיר האבין קיין מאהל איין קאפייקע קיינעם ניט גיגזלת, ענטפערט איין גאסט וואס איז גיזעסין ביא דער געזעלשאפט.

ערלויבט מיין פריינד — ענטפער איך — איהר האט מיר ערמאנערט איין וואהרע געשיכטע וואס האט פאסירט, איינער פון גרויסין אדעל האט גיפרעגט ביא איין חכם, וויא אזוי זאל איך זאגין יום כפור אין ווידוי „גזלנו״, ווען איך ווייס ביא זיך, אז איך האב קיינעם אקאפייקע ניט איבער געפיהרט אין מיין לעבין, היינט וויא קען איך זאגין אזא שקר יום כפור אין שוהל פאר דעם מלך מלכי המלכים, האט איהם יענער חכם ערקלערט, מיט דעם גידאנק, די משנה זאגט (אין ר״ה) בארבעה פרקים העולם נדון,

בפסח׃

בפסח על התבואה) אז איינע פון די פיהר צייטין וואס די וועלט ווערט געמשפט, איז פסח אויף תבואה, אויב עס זאל זיין געראטין די תבואה דעם יאהר, אדער חלילה ניט. (דרום זיינען מיר מתפלל טל דעם ערשטין טאג פסח), לאמיר באטראכטין וואס פאדערט מען אין הימיל פון דער וועלט אום פסח? אויב וועגין תפלין ציצית, און נאך אזעלכע פרוממקייט דאס געהער איבערהויפט ראש השנה צום גרויסין סוד, וואס דער מענטש ווערט געמשפט, פסח שבועות און סוכות פאדערט זיך דער עיקר איין אנדער זאך, וויא מיר זעהען צום בייא שפיעל, אז א פאטער קומט פון א רייזע, און ברייגט זיינע קינדער מיט זייערע פריינדליגען מתנות, איז אויב זייא זיינען איידעלע קינדער, און געבין א דאנק און א קוש אין האנט פאר די מתנות, איז דעם פאטער אנגינעהם צו ברייגען זייא א צווייטין מאהל אויך, אבער ווען זייא זיינען זיטענלאז מיט פארדארבענע כאראקטערין, און געבין א האפ די מתנה, און אנטלייפין אן א דאנק, פארדריסט דאס דעם פאטער זייער, און זאגט צו זייא, נוא! נוא! איך וועל אייך שוין אנברייגען! איהר ווערט זיך שוין האבין צו האלטין!! דאס גלייכין פיהרט זיך אונזער פאטער פון הימיל מיט אונז, צום יום הדין פון תבואה, פאדערט זיך איבערהויפט דער דאנק, אויב זיינע קינדער האבין געגעבין א דאנק פאר די מתנה פון די שפייז וואס ער בעריטעט צו פאר זייא, ד. ה. אויב מיר האבין געמאכט ברכות פאר די זעמיל און בולקע, און ד. ג. וואס מיר האבין געשפייזט א גאנץ יאהר, איז אויב עס רעכינט זיך אויס, אז דאס מעהרסטע, היינו 51% האבין געמאכט ברכות, איז דער בורא צופרידין, און בענטשט דעם יאהר מיט געראטענע תבואה. און אויב חלילה די גרעסטע טהייל איז אונדאנקבאר געוועזן, איז ער אונצופרידין, און וואס די פריכטע פון דעם איזט, פארשטייען מיר שוין זעלבסט. יעצט לאמיר זיך פארשטעלין — זאגט דער חכם צו איהם, — אז די וועלט איז צום בייא שפיעל געשטאנען פסח גלייך אויף גלייך, זייט איהר געקומען און געגעסין אן א ברכה, האט איהר דאך אריבער געוואויגן די שאל פון אונצופרידענהייט, קען זיין אז געראדע צוליב אייך אליין, איז געמשפט געווארין, עס זאל זיין דער יאהר אונגעראטין די תבואה, אדער די פרוכט, און עס קאסט יעדער איינציגען אפילו מיט איין קאפייקע טהייערער דער לעביל ברויט, איז שוין דא א רעכענונג פיל די גזלה באטרעפט? אז מען קען זיך דעם גאנצין לעבין ניט אויס צאהלין, דרום מעגט איהר גאנץ זיכער זאגין גזלנר מיט א גרייסין קרעכץ. און די גאנצע רעדע איז געפאסט אין א קורצען מאמר

פון

פון חַכְמֵי הַתַּלְמוּד (ברכות ל״ה) .כל הנהנה מן העולם הזה בלא ברכה כאלו גוזל להקב״ה וכנסת ישראל (ופרש״י שבשחטאו הפירות לוקו*) ד. ה. דֶער וָואס גֶע־נִיסְט פוּן דֶער וֶועלְט אָן אַבְּרָכָה, אִיז לְבַד וָואס עֶר גַזְל׳ת דֶעם עֶווִיגֶען, גַזְל׳ת עֶר אוֹיךְ מֶענְטְשִׁין, וַוייל דוּרְךְ דִיא זִינְד פוּן עֶסִין אָן אַבְּרָכָה, וֶוערְט דִיא תְּבוּאָה גִישְׁלָאגִין.

וִויא רִיכְטִיג דִיא הֵיילִיגֶע וֶוערְטֶער אִיזְט — הַאפְּט אוּנְטֶער דֶער פָּאטֶער —.

דִיא מוּטֶער לֶעזְט וַוייטֶער (אין שערי תשובה), דְרוּם זָאל יֶעדֶער פַארְשְׁטַאנְ־דִיגֶער מֶענְטְשׁ זַיין גֶעהִיט אִין דֶעם, אוּנ אִיבֶּערְהוֹיפְּט אַיינְגִיוַוייגֶען זַיינֶע קִינְדֶער פוּן יוּגֶענְט אָן, אַז זַייא זָאלִין זַיין מַכִּירֵי טוֹבָה, דַאנְקֶען יֶעדִין וָואס טוּט מִיט זַייא דִיא מִינְדֶעסְטֶע טוֹבָה, אוּנ נִיט עֶסִין אוּנ נִיט טְרִינְקֶען קֵיין זַאךְ אָן אַבְּרָכָה רִאשׁוֹנָה וְאַחֲרוֹנָה, אוּנ אַלֶעס מִיט כַּוָּנָה, ד. ה. זַייא זָאלִין פַארְשְׁטֵיין, אַז דִיא בְּרָכָה אִיז אַיין דַאנְק צוּא השי״ת, וָואס עֶר הָאט בַּאשַׁא־פִין דִיא שְׁפַּייז, אוּנ דָאס גְלַייכִין. אוּנ דִיא עֶלְטֶערִין וָואס עֶרְצִיהֶען אַזוֹיא זֵייעֶרֶע קִינְדֶער, וֶועלִין הָאבִּין פוּן זֵייעֶר גוּטִין אוֹיפְפִירוּנְג נַחַת אוֹיף דִיזֶע וֶועלְט, אוּנ נִיט פַארְשֶׁעמְט וֶוערִין פוּן זַייא אוֹיף דִיא עֶווִיגֶע וֶועלְט.

לָאזְט בַּייא אוּנְז אִיבֶּער דֶעם וִויכְטִיגֶען סֵפֶר שַׁעֲרֵי תְשׁוּבָה, וְסֵפֶר הַיִרְאָה לְרַבֵּינוּ יוֹנָה מִיט דֶעם אִיבֶּערְזֶעץ, אִיךְ הָאבּ גִיהֶערְט פוּן פִיל וִויכְ־טִיגֶע מֶענְטְשִׁין, רִימֶענְדִיג זֵייעֶר דִיא הַעְתָּקָה מִיט דִיא נוּטְצְבַּארֶע הֶערוֹת, אוּנ אִיבֶּערְהוֹיפְּט דִיא הֶערוֹת פוּן סֵפֶר הַיִרְאָה, וָואס רֶעדְט פַארְנַאנְדֶער וֶועגִין צִיצִית וּתְפִילִין, אוּנ וֶועגִין הִיטִין דִיא מוֹיל.

מִיט גְרוֹיס פַארְגֶענִיגֶען גִיבּ אִיךְ אִיהְם אַיין מַתָּנָה פַאר אַייעֶרֶע לִיבֶּע קִינְדֶער, זַייא זָאלִין אִיהְם אָפְּט לֵייעֶנֶען, אוּנ אוֹיס אֵיידֶלֶען זֵייעֶר חַארַאקְטֶער, וֶועט דָאס זַיין מַיין לוֹיהן, אַזוֹיא וִויא מַיין פָאטֶער הָאט אִיהְם גֶעשְׁרִיבֶּען נִיט פוּן גֶעלְט וֶועגִין, נוּר בְּלוֹיז פוּן מֶענְטְשֶׁענְפְרַיינְדְשַׁאפְט וֶועגִין.

דֶער שֵׁיינֶער מֹשֶׁהלֶע, (אָדֶער אַסוֹחֵר אַלְס מַטִיף).

גוּטִין טַאג! וָואס מַאכְט אִיהְר טַהַייעֶרֶער פֶּעטֶער! וָואס מַאכְסְטוּ לִיבֶּעס קִינְד! הֶער אִיךְ אַיין פְרֵיידֶענְשְׁטִימֶע, אִין קָאלִידָאר, אוּנ הֵייסֶע קוּשִׁין שִׁיטִין זִיךְ

*) ויש להטעים רעיון זה ע״ד לחות במקרא „הלא ידעו כל פועלי און" (המה הרשעים לשמים, אף שאין גונבים וגוזלים בפועל, בכ״ז לא יצאו מכלל, כי המה) „אוכלי עמי" (כמו הגזלנים והחמסים במה שהם) „אכלו לחם" (וקודם אכילתם) „ה' לא קראו" (היינו פרסום כבודו ע״י הברכה שהוא אדון העולם כמו אברהם אבינו שפרסם כבוד השם שהוא אדון עולם כמ״ש ויקרא שם אברם בשם ה' וכמ״ש חז״ל (ברכות ז') מיום שברא הקב״ה את עולמו לא הי' אדם שקראו להקב״ה אדון עד שבא אברהם וקראו אדון).

זיך. וואס מאכט איהר טהייערער פריינד! ווערט אשמחה בייא אלעמען, וואס מאכסטו טהייערער משה'לע! ווערט אשמחה בייא דיא קינדער, אונ פאלין ארופ איינע אויף דיא אנדערע קושין זיך. — דיא טיר פון זאל וואו איך בין גיזעסין עפינט זיך, אונ עס ערשיינט איין מאנארכישער מענטש, פיין געקליידעט, מיט א יונגען קינד פון א יאהר 10 אלויכטיגע אשיינע גישטאלט.

איך האב דיא עהרע אייך פארצושטעלין אונזער ליבען גאסט — שפריכט צוא מיר דיא ווירטהין — מיר רייכין זיך דיא הענד איינע דיא אנ־דערע, אונ מען זעצט זיך אלע ארום טיש, מען האט דערלאנגט אזידענדין סאמאוואר מיט פרוכט לכבוד דעם ליבין גאסט, עס וואהר פריידען איבער פריידען. דיא ווירטהין דערלאנגט דעם קינד איין עפיל, ער גיט אקוש אין האנד, אונ זאגט איהר אדאנק. עס פרייט מיר זייער צוא זעהען דיא אדיל־קייט פון דעם קינד, איך בין דא גערין צוא זעהען וואס ווייטער וועט זיין מכח אברכה, צוא וועט ער מאכין. וויא גרויס וואהר מיין פרייד צוא הערין, וויא דער קינד האט גימאכט הויך אברכה „בורא פרי העץ” אונ דער פאטער האט גיענטפערט הויך „אמן”. — איך האב באמערקט וויא אלע זיינען זייער פארוואונדערט אויף דיזע סצענע. ווייל דער מאן איז גאר ניט פון דיא בראנזע, אונ מיט א יאהר צוריק איז גאר אין זיין הויז קיין שפור ניט גיוועזן פון דעם.

איך באמערק אז אייך איז אוואונדער מיין משה'לעס ברכה — שפריכט דער גאסט — אונ איהר האט גאנץ רעכט, וויא קומט דאס בייא אונז אין ס. אזא ערציהונג, וואס דאס פאסט גאר פאר ירושלים, — דאס איז ערסט איין יאהר, דורך אצופאל וואס איך וועל אייך דא ערציילין, — פאהריגען יאהר איז בייא אונז אין ס. דורך גיפאהרין א סוחר, אונ האט מנדב גיוועזן שבת איין רעדע אין שוהל אלס וואהלטהאט, מיינע נאכבארין זיינען גיקומען שבת צוא נאכט פון שוהל, זייא האבין זיך גאר ניט גיקענט אב שמאקעווען פון זיין זיסע רעדע, מיר זיינען גיזעסין ביז שפעט אין דער נאכט, אונ זייא האבין אלעם איבער דערציילט, ווייל ער האט גיזאגט זייער אגרויסע רעדע פאר מנחה, אונ נאך מנחה ביז מעריב. — א מעשה א מעשה — זאג איך — וואס איך האב דאס ניט גיוואוסט, עס טוט מיר זייער באנק, פיליכט וועט ער נאך אמאהל דא זאגין, בין איך דער ערסטער איין אחאטניק צוא גיין הערין.

יא יא — זאגט מיין נאכבאר, — מען האט איהם מכבד גיוועזן אויף מארגין ווייטער געבין אטיעזנע פאר זיין אב רייזין, מארגין איהר וועט

געווים זיין אגרויסע פובליקע, ווייל מען איז זייער צופרידין פון געבטין. געגין מיין ווילין האב איך גראדע ניט גיקענט גיין, אונ מיין פרויא איז גיגאנגען הערין, עס זיינען אויך פיל אריסטאקראטישע מענטשין גיגאנגען הערין, עס איז גיוועזן וואס צוא הערין, קורץ דאפאן מיין פרויא קען זיך נאך ביז היינט ניט פארגעסין, זיא זאגט אז דאס איז בעסער פון טעאטער אונ אלע פארגעניגען, איבערהויפט וויא עס איז קאנטיג אז ער זאגט נור בלויז פון מענטשענפריינדשאפט, ניט פון קיין אנדער ציעל וועגין, ווייל קיין געלט אונ קיין מתנות נעמט ער ניט.

טראקטירט אונז אויך וואס פון דיא גוטע זאכין, וואס אייער פרויא האט אייך מיט געטהיילט, פון דיזין גוטין דרשן, אין וואס איז איבער הויפט באשטאנען זיין רעדע?

ה. גוואלד! וואו איז מיין איד!

דיא עלעמענטין (יסודות) פון דיא רעדע איז בעשטאנען, האט מיר מיין פרויא איבער דערציילט, זיא איז דאך זייער א גילערנטע וויא איהר ווייסט — זאגט דער גאסט — וויא ווייט אמענטש איז אגרויסער וועזין, ער איז דער קרוין פון דיא גאנצע בריאה, דיא גאנצע נאטור קניט זיך פאר איהם, (חביב אדם שנברא בצלם), ער איז דיא געליבטע פאטאגראף (אין קליינעם פארמאט), דרום דארף דער מענטש זיך וויסין וויא צוהאלטין, אונ וויסין וויא צוא שעצין זיין צלם אלהים, אלעס וואס ער טוהט דארף זיין מיט אויס רעכענונג, אונ איבערהויפט זיין ריידין, וואס דאס איז זיין הויפט צעסט, ער הייסט „מדבר", זיין ריידין זאל זיין נור איידיל אונ פיין, אונ אזויא וויא ער דארף שעצין זיין צלם אלהים, אזויא אויך דארף ער זייער שעצין דעם כבוד פון אלע מענטשין, אפילו איין ארינטליכין קריסט, ווייל דער פסוק „כי בצלם אלהים עשה את האדם", וואס דער תנא ר' עקיבא ברייטנט אראיה, גייט דאך אויף אלעמען, דאס איז דאך גיזאגט גיווארין צוא נח, איידער אברהם אבינו איז נאך גיוועזן, נאכהער האט ער גירעדט וועגין דעם העכערין קלאססע חביבין ישראל שנקראו בנים למקום, וואס פאר אהויכע זאך איין איד איז, סגולה מכל העמים, בנים למקום, וויא ווייט ער דארף זיך אטליצייען אין אלע זיינע אויפפיהרונגען, עס זאל אויף איהם ליגין אדילקייט, וויא עס פאסט פאר בנים למקום, אונ נאך העכער חביבין ישראל שנתן להם כלי חמדה דאס איז דער איד

וואס ווייס דיא תורה, אונ פיהרט זיך אויף וויא זיא לערינט איהם, וואס איהרע וועגין זיינען דרכי נועם וכל נתיבותיה שלום*). ובפרט ביי יעצטיגע צייט, ענדע ניינצעהנטין יאהר הונדערט, וואס מען זעהט צוא וואס דער מענטש האט דערלאנגט, צוא אזויא פיל חכמה, וואס אן איין שיעור, אונ וואס מעהר מען איז זיך מעמיק אין ים החכמה, זעהט מען אלס מעהר וועלכע עמוקות (טיפקייט) עס ליגט אין אונזער תורה, אונ אין תלמוד [א], ער האט

אויפגעוויזען

*) ער האט גיזאגט צוא דעם אטייערין וויטץ, וואס אומות העולם אנדערע זיינען מבזה דעם איד, אונ רופין איהם „זיד"!, אז דאס האבין מיר ריכטיג פארדינט. ווייל דיא עלעמענטין פון דער תורה איז 1) „אהבה" ליב האבין השי"ת דאדורך איז מען פלייסיג מקיים צוא זיין אלע מצות עשה, אונ 2) „יראה". פירכטין זיך פאר השי"ת דאדורך וועט מען זיין אב געהיט פון אלעם וואס מען טאר ניט (מצות לא תעשה) אונ פון דיא טייערע פאר אהבה אונ יראה ווערט נולד 3) „דביקות" אז זיין גאנצער גידאנק איז נור אין געטליכע אידעלע געפיהלען, אפילו זיין גישעפט, אדער עסין אונ טרינקען איז בכדי ער זאל זיין גיזונד, אונ קענען דינען השי"ת, אונ טאן גוטעס מיט מענטשין. ד. ה. פרום צוא גאט אונ גוט צוא לייטין, אונ ווען עס קומט אלעס צוזאמען, אהבה, יראה, דביקות, איז דאס פאלקאם „איד", אזא איד איז זייער גישעצט ביוא קריסטין אויך, אלע האבין פאר איהם יראת הכבוד (עהרענפורכט) ווייל מען זעהט דאך זיינע אדילקייט אונ גוטקייט קעגין אלעמען, אז דאס איז ניט נור אקעגפער וואס יאגט זיך נאך תאוות וויא איין בהמה, נור איין אדעלע ריינע זעלע, ניט קיין נוקם ונוטר, נור פוהל חסד ורחמים אפילו צוא דיא וואס האבין איהם שלעכטעס גיטאהן, פארברייננט זיין צייט אין וויכטיגע זאכין, תורה אונ חסד, ניט אוים ברייננען אין קארטין אונ נאך נארישקייט, זיינע טעג זיינען ניט וויא דיא בלעטלאך פון קאלענדאר וואס וויא עס גייט אוועק דער טאג רייסט מען איהם אב אונ וואלגערט זיך אונטער דיא פים, נייערט וויא דיא בלעטער פון אטייערין לעהרין—בוך, וואס באלעהרינט טויזענדער מענטשין, אונ בלייבט גישעצט אויף אימער אונד עווינג. דא פארדינט ער שעטצונג פון אלעמען, וויא דיא תורה שרייבט וראו כל עמי הארץ כו' ויראו ממך, אבער ווען דער מענטש פארבייט דעם א ל ף פון איד אויף איין ז י י ן, (פון אהבת השם, אויף זנות) ד. ה. אב קערין צוא אלע תאוות הזמן, אונ גייט אוועק אזויא וויים, אז ער קען גאר ניט צוזעהען וויא יענער טוט גוטעס, אונ ווערט פון דיא סעקטע זדים הליצוני עד מאד, ער מאכט ליצנות פון תורה ומצות. מאכט ער פון „איד" איין „זיד", אונ באקומט כשר דין שימפפ-ווארט, אונ דאס איז בהשגחה, ער זאל באמערקין זיין פעהלער כמ"ש ונפש כי תחטא (איז דאן) ושמעה קול אלה כו', אונ דאס איז ניט אזויא אוויטץ, וויא נור אריינער אמת, גיוואלד! וואו איז מיין אי"ד!!

א) ואיך לא ישמח לבי ותגלנה עצמותי, כי חבלי נפל בנעימים, לא לבד להדוף אחור את המתקוממים על המצוה הקדושה, כ"א גם להוכיח גלוי לכל, כי דעת חכמי התלמוד בדבר השח״טה, מתאמת לדעת החכמת והמדע, בכל הנוגע לדבר חמלה וחנינה. — הנני נושא כום למעלה למעלה לחיי כל אלה אשר יעמיקו חקר בתחום התלמוד, ויוכיחו לדעת לעיני כל, כי גם כל החוקים אשר חקקו לנו חכמי התלמיד מתאימים למחקרי החכמה והמדע שבימינו. אחשבה לשפט, כי בים התלמוד הזה ימצאו דברים רבים, אשר יפתרו לנו שאלות אשר לא נדע פתרונן, הידד! ! דברי החכם הד"ר דעמבא (המליץ, תרנ"ה № 279).

עוד

אויפגעוויזן פיל הויכע גידאנקען אין אללע ארטין חכמה אונ זיטענלעהרונג, וויא עס ליגט אין תלמוד. היינט וויא אזיא איז דאס רעכט גיווארין ביי אונז אב צוא רייסין אונזערע יונגע קינדער (וואס מיר אפפערין אונזער לעבין פאר זייער גליק) פון חכמת התורה, אונ אריין לאזין זיך אזויא פיל אין תאוות הזמן אזויא וויא איין בהמה, נור קוקין וואס יעצט איז, אז פאר דעם הייפיל הייא, איז בייא איהר רעכט צוא לאזין זיך פארפיהרין אין בויגע, פארשפילין איהר צוקונפט. אונ נאך מעהר איז צוא באדויערין וויא וויים עס איז בייא אונז אוים גילאשין גיווארין דיא הויפט מענטשליכע געפיהלע, דאס איז הכרת טובה (דאנקבארקייט) וואס דאס איז דער קרוין פון אדילקייט, אונ דיא אלע זייטיגע קאפלימענטין, איז נור איין טפל צוא דעם, אין נייגצענטין יאהר הונדערט וואס דיא אדילקייט מיט דיא קאפלי-מענטין האט גיגרייכט אויף דער לעצטער שטופפע, זאל פאסירין אזא גראבקייט אזא נידעריגקייט, אין דעם עיקר פון אדילקייט צוא האפין פון געטליכען בופעט אונ ניט באצאלין, ד. ה. צוא עסין אן אברכה. אונ מיר קוקען דאס גלייכגילטיג וויא אונזערע קינדער זיינען וויים פון תורה, זאגאר אפילו פון אונזער היסטאריע*)

בייא

עוד שם בפוליטאן, אבותינו הראשונים (חכמי התלמוד ז״ל), אך הם היו פתתים ולא אנו, אך הם היו בעלי—נפש, שכל מעינם וכל דאגתם היה, לקיום אמתם ותורתם, ואנחנו בעלי—חמר הננו אוהבי בצע, ודואגים לתאותם ולהנאתם, ואיך נאמר חכמים אנחני, פרגוגים אנחנו, ותורת ה׳ אתנו, הנה בספר ה׳ מאסנו, וחכמת מה לנו ? !

*) ער האט אונז אוים גימאלט איין קארטינע וויא מיר זעהען אוים, וויא יענער נארישער פאטער וואס האט גיוואלט חתונה מאכין זיין בת יחידה, נאך דיא לעצטע מאדע מיט אלע שפיטצלאך. האט ער צום ערשטין גינייט איהר גארדעראבע, נאכהער באשטעלט אזאל מיט מוזיק מיט לאקייען, אונ איין גיקויפט אלע זארטין שפייז אונ משקאות, אונ באזארגט אלע קליינינקייט, זאגאר אפילו דיא ליכטלאך וואס דיא קאוואלערין מיט דיא פריילינס האלטין צוא דער חופה, אונ איין געשטימט דיא פארטייען וואס מען רופט שאפיר אונ שאפירקע. — איך וואלט וועלין האבין דיא עהרע צוא זעהען דעם חתן — בעט איהם איינער פון זיינע פריינד — קיין חתן איז נאך ניטא! ענטפערט דער מחותן, אחתן איז דען אויך אוויכטיגע זאך? אשעה פאר דער חופה וועל איך מעלדין אשדכן וועט ווערין אחתן?!! נוא וואס זאגט איהר ליבע ברידער צוא אזא פתי וואס האט גימאכט פון טפל איין עיקר, אונ פון רעכטין עיקר איין טפל. נור וואס האבין מיר זיך צוא וואונדערין אויף איהם, אז מיר זיינען אויך ניט פיל בעסער, אלע קליינינקייט וואס פאסירט אין עק וועלט, אינטערעסירט אונז צוא וויכין, אויך דיא היסטאריע פון יעדער פאלק, זאגאר אפילו פון דיא בענערין ווילין מיר וויסין, נור אונזער געטליכע היסטאריע וואס האט פאסירט מיט אונז, זינט מיר זיינען גיווארין איין פאלק ביז יעצט, דיא געטליכע וואונדער, אונ אונזערע גרויסע העלדין וואס מיר האבין גיהאט בכל דור ודור, אונ

אונזער

אונזער תורה וואס זיא איז גישעצט ביי דיא גרעסטע חכמי האומות, דאס אינטערעסירט אונז גאר ניט צוא וויסן, זאנאר אז פיל פון אונז זיינען גאר פרעמד מיט אונזער שפראך, אונ מאנכע פון אונז שעמען זיך גאר מיט דעם נאמען אידא).

נאך אטייערין וויטץ האט ער גיזאגט (לבד דיא הויבע גידאנקען אין פסוקים ומאמרי חז"ל) אז דער אדעלמאן וואס גייט דורכין פאראדנעם חאד איז ביא אלעמען גישעצט אז מען רופט איהם „איד", אונ דעם שפלען מענטשין וואס גייט דורכין צארנעם חאד באמערקין אונזערע שונאים מיט דעם נאמען „זיד", דאס וועלין מיר פארשטיין דורך דיזע ערקלעהרונג, איין אנשטאנדיגע דירה איז גיבויט פון אקיך אונ אזאל אונ א קאבינעט, אונ 2 חאדין, דער פאראדנער חאד גייט גלייך צום קאבינעט, דארטין איז ברייטע ליכטיגע טרעפ מיט איין שווייצאר, גיוואנליך איז דארטין אויס גישטעלט מיט וואזאנעם אונ רייבענדע זאכין, דער אדילמאן וואס גייט דארטין אריין, ציהען אן זייגע קליידער איין גוטין גרוך, אז ווען אפילו ער גייט אמאהל אריין דורכין זאל אין קיך, פארטראגט ער אין קיך אויך אריח טוב. אבער דער צארנער מענטש וואס גייט שטענדיג דורכין צארנעם חאד, וואס איז פינצטער אונ דארטין באגעגינט מען פריער דיא קיך, גיוואנליך אין קיך איז שטענדיג צאדנע, ציהט אהן זיינע קליידער איין צאדנעם גרוך, איז ווען אפילו ער גייט אמאהל אריין אין זאל פארטראגט ער איין ריח רע. דאס גלייכין דער מענטש איז אויך געבויט דרייא עטאז איינע העכער פון דיא צווייטע, ניט וויא איין בהמה וואס זיא גייט אויף אלע פיהר, ביא איהר איז גלייך דיא בויך אונ דיא הארץ אונ דיא קאפ, קיינע ניט העכער פאר דיא אנדערע, ווייל אלע דיינקען וועגין איין זאך וועגין עסין, ביא מאנכע האט דיא קאפ נאך אפאר הערגער, ווען איהר דוכט זיך אז א צווייטע בהמה וויל חאפין איהר ביסיל היוא, גיט זיא אשטאך מיטין הארין, ווייל זיא דיינקט אז אלע לאנקעס הייא גיהערט נור צוא איהר, דער מענטש אבער גייט בקומה זקופה, דיא בויך נידעריגער. ווייל זיא דיינקט וועגין נידעריגע זאכין עסין אונ טרינ־קען. דיא הארץ שטייט שוין העכער, ווייל זיא דארף דיינקען וועגין העכערע זאכין. דיא קאפ שטייט נאך העכער, ווייל זיא דארף דיינקען וועגין דיא תורה, אונ וויסין דיא עקרי האמונה, אונ וועגין דעם תכלית פון מענטשין, אויף דיא נצחיות הנפש, איז דער אדילמאן גייט דורכין פאראדנעם חאד, דאס הייסט דער עיקר איז ביא איהם דער מוח אונ דיא הארץ צוא דיינקען וועגין תורה אונ מעש"ט. אונ ווען אפילו ער גייט אריין אין קיך ד. ה. עסין אונ טרינקען, אדער אין גישעפט פאר טראגט ער אויך איין ריח טוב. ד. ה. אגוטע כוונה ער טראכט דאביי. „איך גייא מאחן גישעפט בכדי השי"ת זאל מיר שפייזין בכבוד, איך זאל איהם קענען דינען ערינסט", אונ ווען ער גייט עסין אונ טרינקען טראכט ער דאביי, „איך עס אונ טרינק בכדי צוא זיין גיזונד, איך זאל קענען זיין איין ערינסטער דינער ביא דעם גרויסין וועלט קעניג, וויא ער האט אונז פאר ארדינט אין זיין הייליגע תורה צוא זיין איין ערהליכער יוד, אונ איין ארינטליבער מאן" (כמ"ש בכל דרכיך דעהו, וכל מעשיך יהיו לשם שמים

א) ולא רחוק לטעמים זאת כוונת הכתוב „הסר המצנפת והרם העטרה". כי הרגל שהורגלנו תמידי לילך בגלוי הראש (אף בעת שאין צורך לזה מפני הכבוד) גרם לנו שהורם העטרה ברכת הנהנין שהיא עטרת המדות, הכרת טובה (כמ"ש חז"ל האי מאן דבעי למיהוי חסידא לקיים מילי דברכות) „השפלה הגבה והגבוה השפיל" ימשיל אותנו הנביא ממש להמחותן הסכל שע"כ מהטפל עיקר ומהעיקר טפל וד"ל.

ביי דיזע ווערטער זיינע — דערציילט מיין פרויא — וויא ער האט דאס גירעדט מיט אזא ענערגיע אונ מענטשענפריינדליכקייט, איז איהר ארויס טרערין פון דיא אויגין, אונ האט שטארק באדויערט אונזער לייכטזיניגען אויפפיהרונג, אונ האט זיך פעסט בעשלאסין, צו לערנען די קינדער מאכין אברכה אויף יעדער זאך, אונ צו דינגען איין רבי לערנען איינינע שעה אין טאג תנ"ך אונ תלמוד, אונ ער וויים שוין אסך תנ"ך, אונ דעם ערשטין פרק מסכת ברכות.

צוא מיין שאנדע מוז איך אייך נאך עפעס דערציילין — זאגט ווייטער דער גאסט — וויא דיא מוטער האט איהם אנגיהייבין צוא גיוואונען אברכה, אונ איהם גוט ערקלערט דעם זינען אונ דיא אדילקייט פון אברכה, אונ פארזאגט דעם רבי אז ער זאל דאס איהם שטארק איין לערנען אונ אויפפאסין, פרעגט ער איין מאהל ביי דיא מוטער, מיט דעם אויסדריק, „מאמא! אז עס איז יא אזויא וויכטיג אברכה, ווארום מאכט דער פאפא ניט קיין ברכה"!? ביי דיא מוטער איז ארויס טרערין פון דיא אויגין, ביי אזא ערינסטע פראגע פון איהר ליבין קינד, ער האט דאך דאס גיפרעגט מיט אריינע תמימות וויא איין יונגער קינד.

דיא מוטער האט אונגעדולד ערווארט מיין קומען צוא הויז מיטאג שטונדע, זיא האט מיר אריין געפיהרט אין קאבינעט, אונ מיט טרערין אין דיא אויגין האט זיא מיר דערציילט דעם קינדס פראגע. מיין ליבער טרייער מאן — זאגט זיא צוא מיר — צוליב אונזער טייערין זאהן, וואס ער באמערקט אונ קאנטראלירט אונזערע פיהרונגען (כמ"ש ונחני באורח מישור למען שורדי, המביטים עלי) מוזין מיר זיך אויס בעסערין אונזערע טהאטין, אונ היינט גלייך צוא מיטאג פערלאנג איך פון דיר מיין טהייערער, דוא זאלסט מאכין אברכה הויך, אונ דער קינד זאל ענטפערין אמן, אונ נאכהער וועט ער מאכין אברכה הויך, אונ דוא זאלסט ענטפערין אמן. וויא דער גוטער מענטש (דער דרשן האט

שמים). אבער דיא שפלה מענטשין וואס גייען שטענדיג דורכין צארנעם האד ד. ה. וואס ביי זייא איז דער עיקר אנשטאפין דיא בויך ושארי הנאות. ציהט אן זייערע קליידער צד, גראבע בהמותע געפיהלען. איז ווען אפילו זייא גייען אמאהל אריין אין זאל. ד. ה. זייא קומען אין שוהל, אדער גייען טאהן איין מצוה. איז לא ימלט. אז זייא זאלין ניט פארטראגין צאד. ד. ה. פאלשע פניות, אונ דברים בטלים, ומחלוקת אין שוהל. דרום דארף זיך יעדער קלוגער מענטש סטארען צוא זיין איין אדילמאן, גיין דורכין פאראדנעם חאד. והבא לטהר מסייעין אותו. אזויא וויא אין פאראדנעם האד איז דא אשווייצאר וואס העלפט אויסטאהן אונ אנטאהן, אונ בעלייכטעט דיא ברייטע טרעפ, אבער הבא לטמא פותחין לו, גייא קריך אויף דיא פינצטערע שמאלע טרעפ. דער עוויגער זאל אונז רייניגען דיא הארץ, מיר זאלין זיין פון דיא אדיללייט, וואס גייען דורכין פאראדנעם חאד.

האט ערקלערט אין זיין דרשה, אז „אמן" איז דייטש „וואהר", עס איזט אמת", אז דער עוויגער האט אלעס בעשאפין, אונ מען מוז איהם דאנקבאר זיין דאפיר, איז נאך „אמן" העכער וויא אברכה, ווייל דאס באשטעטיגט דיא ברכה, אונ איז מיר ארויף גיפאלין אויפין האלדז אונ שטארק גיוויינט, מיין ליבער גימאהל, צוליב דעם גליק פון אונזער ליבין קינד, ער זאל אויס וואקסין אדיל אונ גוט, פרום צוא גאט אונ גוט צוא מענטשין, מוסטו מיר געבין דיין יא ווארט, אז דוא זאלסט זיך איין צייכענען ניט פארגעסין חלילה צוא נעמען עטוואס אפילו אטרונק וואסער אן אברכה ראשונה ואחרונה, אונ אלץ הויך ווארט בייא ווארט, אז אונזער קינד זאל זיך איינגיוואוינען נאך צוא טאהן. אונ איך האב איהר גימוזט געבין בייא דעם מיין יא ווארט, מיט דעם האב איך איהר אנשמה ארויין גיזעצט.

אבוואהל אין אנפאנג איז מיר זייער שווער גיוועזן, דיא נארישע בושה האט מיר זייער גיפלאגט, צוא מאכין אברכה הויך, וואס מען איז דאס קיין מאהל ניט גיוויינט גיוועזן, נור וויא איך האב דאס גוט פארשטאנען וויא גלייך עס איז, אונ ווידער וואסערע שוויריגקייט טוט ניט אפאטער צוליב אקינד, איך האב אן גיהייבין צוא טאהן מיין פרוים פארלאנג, זיא פלעגט מיר שוין יעדער מאהל דערמאנען מיט אוואונק מיט איהרע קלוגע אויגין, עס איז אוועק אפאר טעג, עס איז מיר שוין צוא הויז לייכט גיוועזן, איך האב שוין ניט געליטין פון דיא פארפלוכטע בושה, נאר אין דער פרעמד איז מיר נאך זייער שווער גיוועזן, איך האב זיך נור גיטרייסט מיט דעם גידאנק, ווען אציגאר וואס איז ביטער ווערט מיטין גיוואונהייט זיס, אפשיטא אזא אדעלע זאך וואס דאס איז באמת זיס ווער עס האט אגיזונטין נפש (כמ"ש ומתוקים מדבש ונופת צופים), אפשיטא אז דיא ביטערקייט וועט מיט דער צייט פארבייא גיין, אונ אזויא איז טאקע דיא ענדע, איך האב יעצט אמת פארגעניגען פון דיא ברכה, אזויא וויא דער קערפער שפירט הנאה פון דיא שפייז, אזויא שפירט עפעס מיין גייסט איין זעט פון דיא ברכה, אזויא וויא דיא ברכה וואלט גיוועזן אשפייז פאר דיא נשמה פון מענטשין*), אונ מיין קינד איז גאר גיווארין אטייערער מוסר פאר מיר, דורך איהם בין איך גיוואהרין אפאלקאמענער יוד.

*) דאס איז זייער ריכטיג אז דיא ברכה איז אשפייז פאר דיא נשמה, וויא דוד המלך ע"ה זאגט (כמו חלב ודשן) אזויא וויא אגוטע שטיק ברוסט מיט אבולקע זעטיגט אונ גיט קרעפטין דעם קערפער, אזויא (תשבע נפשי) איז זאט מיין נפש דורך דעם (ושפתי רננות יהלל פי) וואס מיין מויל זאגט צווייא מאהל לויב צוא דיר,

איין מאהל לויבט זיא דיר פארין שפייזין (אברכה ראשונה), אונ אצווייטין מאהל נאכין שפייזין (ברכת המזון וברכה אחרונה). אונ דאס איז גאנץ נאטירליך, אזויא וויא אין יעדע זאך איז דא איין בעהאלטענער שפירטום קראפט (אלקאהאל), צום בייא שפיעל, מען מאכט פון קארטאפיל ספירטוס, איז בייא דעם אונוויסענדען אגרויסער וואונדער, ער פרעגט דאכט זיך איך עס פיל קארטאפיל, אונ שפיר ניט איין גראד שפירטום, נור וויא איז אין דער ווארהייט? עס איז ווירקליך דא אבעהאלטענער קראפט, נור מען דארף האבין צוא איהם איין אפאראט (וויא אברויז) מיט וואס מען ציהט ארויס דעם אלקאהאל, אזויא איז פארהאנדין אין יעדער שפייז איין כח גשמי וואס מיר זעהען וואס עס שפייזט דעם קערפער. אונ איין כח רוחני וואס שפייזט דיא נשמה. אונ אויב דוא בינסט נייגעריג צוא ויסען פון וואנען קומט דער כח רוחני אין דיא שפייז, וועל איך ניט זאלעווען מיין מיהע צוא ערקלערין דיר מיין ליבער לעזער, דוא האסט געוויס גילערינט פרקי אבות בעשרה מאמרות נברא העולם, אז יעדער זאך פון דער בריאה איז באשאפין דורך איין מאמר פון השי״ת, ליגט אין יעדער זאך מוצא פי ה׳ (דעם עוויגענם ווארט) צוא בייא שפיל אין ברויט ליגט מוצא פי ה׳ פון דעם מאמר ויאמר אלקים תדשא הארץ דשא עשב מזריע זרע. אין פלייש ליגט מוצא פי ה׳, פון דעם מאמר ויאמר אלהים תוצא הארץ נפש חיה למינה בהמה ורמש, אין פיש ליגט מוצא פי ה׳ פון מאמר ויאמר אלהים ישרצו המים כו׳, צוא דעם גייסטליכען קראפט פון דעם עוויגענס ווארט וואס ליגט באהאלטין אין יעדער זאך פון ששת ימי המעשה, אונ פון דעם וואס דער עוויגער איז מחדש בכל יום תמיד מעשה בראשית, דארף מען האבין איין אפאראט ארויס צו ציהען איהם אל הפועל, אונ ווער איז דער אפאראט? דאס איז דיא ברכה, דורך דעם וואס מען זאגט ברוך אתה ה׳ גילויבט ביסטו דער באשעפער, קעניג פון דער וועלט וואס דוא האסט באשאפין דיא אונ דיא שפייז ווערט ארויס גיצויגין דער אלקאהאל רוחני, אונ שפייזט דיא נשמה. אונ דאס איז אונז דיא תורה מרמז (בפ׳ עקב) ויענך וירעיבך כו׳ למען הודיעך צוא לערנען דיר אגרויסע ידיעה, כי לא על הלחם לבדו יחיה האדם, אז דער מענטש וואס שפייזט זיין קערפער מיט ברויט אליין, ד. ה. ער מאכט ניט קיין ברכה אום ארויס צוא ציהען דעם כח רוחני פון מוצא פי ה׳, צוא שפייזין דיא נשמה, הייסט דאס ניט גילעבט, הגם מיר זעהען אבערייטין קארק מיט אנראבע בויך, הייסט דאס נור וויא איין גיקוילעטער אינדיק פיקט קערנער*) (רשעים בחייהם קרואים מתים) ווייל דער נפש איז בייא איהם טויט, כי על כל מוצא פי ה׳ יחיה האדם, ווען הייסט גילעבט? אז ער איז מחיה דיא נשמה מיט מוצא פי ה׳ ד. ה. ער מאכט אברכה וואס דאס איז דער גייסטליכער אפאראט, וואס ציהט ארויס דעם כח רוחני וואס איז אין יעדער שפייז דורך מוצא פי ה׳, יחיה האדם, דאן הייסט ער גילעבט, ווייל בייא איהם לעבין ביידע אדם׳ס, דער גוף וואס ער הייסט אדם (לשון אדמה) אונ דער נפש וואס הייסט אדם (לשון כדמותינו, אדמה לעליון) דרום שטייט 2 מאהל „אדם״ אין פסוק, וואס דער צווייטער מאהל איז ווארשיינליך איבעריג, נור דער ערשטער ווייזט אויף דעם גוף, אונ דער צווייטער אויף דעם נפש.

---

*) עס טרעפט אמאהל או אשוחט שניים איין דעם אינדיק דיא גרעססטע העלפט נארגיל, אונ דער ווושט בלייבט גאנץ (רוב סימן א׳ איז בדיעבד כשר בייא איין עוף) אונ אויפין הויף ליגט קערנער, אונ דער אינדיק איז הונגעריג, אונ אב גיבונדין דיא פיס׳אך, לויפט ער ארום אונ פיקט קערנער. קען מען דען זאגין אז דאס איז איין לעבעדיגער אינדיק? האס איז דיא ראיה מיר זעהען דאך ער לייפט ארום אונ פיקט קערנער.

יא יא, דאס איזט וואהר. — אנטוואורטע איך — דער חכם מכל אדם זאגט „בן חכם מוסר אב״, איין קלוגער זאהן (וואס גייט אין גאטעס וועג), איז איין מוסר פאר זיין פאטער, דער פאטער מוז היטין אלעס וואס דיא תורה הייסט, בכדי עס זאל ניט זיין וואונדערליך דעם קינד זייניע בייזע טהאטין, וויא איין יונגער קינד האט אמאהל גיפרעגט דעם רבין, מען האט גילערינט אין חדר דעם פסוק מחלליה מות יומת, דער וואס טוט שבת אמלאכה אדער ער רויכערט, איז ער מחלל שבת, פרעגט דער יונגער ערינסטער קינד, רבי רבי! ווארום רויכערט דער פאפא?! מוז שוין דער פאטער אויף הערין צוא רויכערין צוליב דעם קלוגין קינד. אונזערע הייליגע חכמים האבין וועגין דעם אויך אוואונק גיטאהן (שבת כ״ג) ת״ר מצות נר חנוכה. ד. ה. ווען איינער וויל אנצינדין דיא ליכט פון חנוך צוא ערציהען זייניע קינדער אין דיא ליכטיגע וועג נר מצוה ואור תורה (נר איש וביתו) מוז ער פריהער אן צינדין בייא זיך אליין דיא נר מצוה, אליין אב היטין יעדער אידישע זאך, וויא צום בייא שפיל מאכין אליין אברכה ווארט בייא ווארט, אליין דאווענען ארינטליך, שטיין אין שוהל מיט עהרענפורכט, ניט שמועסין, נאכהער וועט ער קענען אנצינדין דיא ליכט פון חנוך פאר דיא קינדער, מחנך זיין זייניע קינדער צוא מאכין אברכה, צוא דאווענען ארינטליך, צוא היטין שבת, אונ ד. ג.

וויא ליבליך איז צוא זעהען — שפריכט ווייטער דער גאסט — וויא מיין משה׳לע ערקלערט זיין 8 יאהריגע שוועסטעריל שרה׳לען, וויא מען דארף דאנקבאר זיין דעם עוויגען פאר זיין הערליכען בופעט וואס ער האט גיגרייט פאר דעם מענטשין, אונ זייניע לעקציאנען האבין פיל ווירקונג גימאכט, וויא איהר לעהרער האט ערציילט אין איין גרויסין ארט וועגין איהר קלוגין אנטווארט צוא דיא חברתות וואס האבין גילאכט פון איהר, אז זיא האט גימאכט אין קלאס אברכה אויף איין זעמיל, וואס זיא האט מיט זיך גיהאט, האט זיא זייא גיאנטווארטעט זייער בתמימות, איך פארשטייא ניט פון וועמען איז דא מעהרער צוא לאכין פון מיר וואס איך האב ניט גיגעסין, וואו איך האב ניט אב גיצאהלט פאר מיין שפייז, אדער פון אייך וואס איהר האט גיהאפט פון בופעט אונ ניט באצאהלט? וויא מיין פאטער האט מיר גילערינט, אז דיא גרויסע וועלט מיט אלע שפייז איהרע איז דער געטליכער גרויסארטיגער בופעט, וואס דער גוטער גאט האט גיגרייט פאר זייניע באשעפענעס, אונ דיא גיצאהלט וואס ער נעמט איז נור דער דאנק ד. ה. דיא ברכה אויף דיא שפייז, אונ אויף פיל קלוגע קינדער האט גימאכט

איהר

איהר אנטוואָרט אשיינע ווירקונג, אז זייא זיינען פון דענסטמאהל אן זייער פריינדליך גיוואָרין מיט איהר, אונ האבין בישלאָסין אנגעהויבין נאך צוא טאהן איהר גוטין פיהרונג, ניט צוא עסין אליין אן אברכה, אונ אויך צוא ערקלעהרין זייערע חברתות דעם אדעלען גידאנק פון דעם.

ו. איין מציאה פון אגנב.

וואס זאגט איהר מיין טהייערע, אויף דיא פראגע וואס מיין משה׳לע האט מיר נאך גיפרעגט, דער רבי האט מיט איהם גילערינט (ברכות י״ט) את מי נדו את אליעזר בן חנוך שפקפק בנטילת ידים. זעהען מיר וויא ביי דיא תלמודיסטין איז גיוועזן וואשין זיך צום עסין אזא הארבע זאך, זייא האבין פון דעם גימאכט איין גרויסין פאראד, היינט ווארום מאכין אונזערע גע-בילדעטע נאכבארין פון דעם ליצנות? זייא זאגין זייא האבין זיך שוין אין דער באדע גיוואסין.

איך וועל אייך דערציילין נאך אגרעסערין וואונדער, פון דעם בארימ-טען גיוועזענעם פאסטוך, דעם תנא ר׳ עקיבא האט איהר גיהערט? וואס לבד ער איז גיוועזן דער גרויסער תנא, דער גרויסער קאפ מענטש, איז ער אויך גיוועזן גיאכט ביי גרויסע גראפין אונ מאנארכין אין יענער צייט, דערציילט פון איהם דער תלמוד (עירובין כ״א) אז בעת ער איז גיזעסין אין תפיסה, אונ דער תנא ר׳ יהושע הגרסי האט איהם באדינט. האט איין מאהל דער שומר פון תפיסה באמערקט, אז ר׳ יהושע ברייננט איהם וואסער מעהר וויפיל דער שיעור אויף אטרונק, האט ער אוים גיגאסין העלפט, האט ר׳ עקיבא ניט גיהאט מיט וואס צוא וואשין זיך, האט ער (ר׳ עקיבא) גיפאסט אונ ניט גיגעסין אנגיוואסין, היינט שטעלט אייך פאהר, ר׳ עקיבא דער הייליגער מאן דער מדינה חכם, וואס איז גיוועזן גישעצט ביי גראפין אונ מאנארכין, האט ער געליטין הונגער אונ ניט גיגעסין אן גיוואשין, וואס זאלין מיר ריידין וואס מיר פארמאגין ניט זיין שיחת חולין, זיינען מיר גיוואָרין חכמים צוא פרעסין אונ זויפין ווען דיא הארץ גילוסט, אונ זיך פוילין דיא שטיקיל טרחה פון נטילת ידים, נוא וואס זאגט איהר אויף דעם?

נאך דיזע געשיכטע זעהע איך, אז אין דער מצוה פון נטילת ידים מוז ליגין זייער אגרויסער גידאנקען, אונ מיר ווילין האבין דיא עהרע, אז איהר זאלט דאס אונז ערקלעהרין.

דיא ערקלעהרונג ליגט אין דעם פסוק וואס מען זאגט „שאו ידיכם קודש״, אונ אין דיא צוויי ווערטער פון נוסח הברכה על „נטילת ידים״ וואס

איז

איז עפעס פאר איין אויסדריק „נטילת‟ פארלייפיג האט בעסער גיפאסט „רחיצת‟ ידים (וואשין דיא הענט).

זייער איין גוטע באמערקונג (שפריכט דער גאסט), איך בין זייער נייגעריג צוא הערין דיא ערקלעהרונג, געוויס וועט דא זיין גרויסארטיגע גידאנקען, וויא אין דעם גידאנק פון אברכה, וואס איהר האט אונז ערקלעהרט.

אז דיא השגחה האט מסבב גיוועזן אונזער באקאנגען זיך, וועל איך ניט שפארין קיין מיהע אום ארויס צוא ווייזין וויא גרויסארטיג, שארפזיניג אונ לעהרבאהר איז יעדער דין פון דער תורה, אונ אפילו איין מצוה דרבנן, אונ אפילו נור בלויז איין יודישער מנהג וואס איז נתיסד פון קדמונים, פיל זיטענלעהרנונגער ניט אונז, עס איז פשוט דרכיה דרכי נועם וכל נתיבותיה שלום. אונ איך בעט אייך אלעמען צוא זיין גיהארכזאם, ווייל דאס איז זייער איין וויכטיגע זאך, אונ אגוטער שריט אין יודענטהום, וויא מיר זעהען אז דער ערשטער בייזער שריט ארויס פון אידישע וועג, איז דער ניט וועלין וואשין זיך, אונ עסין וויא איין בהמה.

הערט קינדער אלע צו וואס אונזער טייערער גאסט וועט אונז באלערנען.

וויא מיין טהייערער אדעלער פאטער האט מיר שטענדיג גילעהרינט — הייב איך אן — צוא ליבין יעדער מענטשין וויא זיך, האב איך שטענדיג גרויס צער אויף דעם, וואס פיל איינפאכע מענטשין זייגען פארבלענדעט ביי איין רוביל פארדינען, אונ קוקען זיך גאר ניט ארום, אויב עס איז ערינטליך על פי דעת התורה והנהגת המדינה. צום בייא שפיל וויא האנדלען מיט גנבות ד. ה. אב קויפין מציאות פון גנבים, אונ מיר זעהען דאך, אז אין אגרויסע טהייל גישעפטין גייט דאס אהן. ווייל אלעם וואס ווערט גיגנבעט ווערט ניט צוריק אב גיגעבין, איז דאך איין בעווייז אז אויף אלע זארטין סחורה אונ כלים איז דא קונים. אה! גוואלד צוא שרייען וויא אונפאר־שעמט אונ פארדארבין דאס איז, זיך צוא פאלזעווען מיט יענעמס אונגליק, אז יענער איז איבער נאכט בדלות גיווארין, איז דאס פאר מיר איין שמחה, דערווייל וועל איך דא חאפין שיינע עטליכע קערבלאך, דאס איז שרעקליך, איך רייד ניט וועגין דיא גנבים אליין, וואס זייא זייגען דאך געווים גאר ניט בכלל מענטש, אבער אויף דיא וואס קויפין אב פון זייא, גאנץ ערינטליכע מענטשין אויפין בליק, אונ מאנכע פון זייא שטייען אין שוהל אויבין אן, וויא ערלויבט מען זיך דאס צוא טאהן, דאס איז כמעט ערגער וויא דער גנב אליין, ער איז זיך דאך מפקיר דעם לעבין אויף דעם אין גרויסע סכנות, אונ דער קויפער זיצט זיך גאנץ רוהיג אין שטוב, שלאפט זיך גאנץ רוהיג, אונ

פארטאג

פארטאג האט ער דיא גאנצע גנבה ביא זיך, אונ איז נאך אפיינער מענטש אויף דאביי, אונ עס העלפט ניט דיא גרויסע אזהרות וואס דיא תורה שרייבט אויף דעם „חולק עם גנב שונא נפשו", אונ דער תלמוד זאגט לא עכברא גנב אלא חורא גנב. אונ איז זייער שטארק מחמיר, אז ביא דעם וואס איז נור עפעס אסברא אז דאס איז גיגנבעט, טאר מען ניט קויפין, וויא צום ביא שפיעל (גדיים וחלב מרועה ופירות משומר הפרדס), אונ דיא שטרייגע שטראף וואס דיא רעגירונג גיט פאר דעם. ער זאגט נור איין מאהל „וואס טוא איך? איך גאנבע דאך ניט אליין".

אה! וויא, וויא שלעכט איז דאס דעם מענטשענס הערץ, וויא דער רוביל פארבלענדעט איהם זיינע אויגין, אונ פאר שטאפט איהם זיינע איידעלע געפיהלען, אה! וויא, וויא קען דאס רעכט ווערין, יענער זאל ווערין בדלות אין איין נאכט, אונ נאכהער דיא קריינקונגען, מען קען מאנכע מאהל פון דער וועלט אוועק גיין פון דעם, אונ ביא מיר זאל דאס ווערין רעכט, ווייל איך וועל האבין אטהייל אין דעם. אה! פאר דיא מויל, פאר דיא בייזע האלדז, איז רעכט אזויא איין צוא פלעקין דיא הענט אין יענעמס בלוט, (דמים תרתי משמע), אה! נייא, דער איד וואס איז אזויא אב געהיט פון בלוט, אז זיינע פלייש זאלצט ער אונ כשרת, אז ער געפינט אבלוטס טראפין אין איי ווארפט ער ארויס דיא גאנצע איי, אונ מאנכע מאהל 10 אייער אייגע נאך דיא אנדערע, אום ניט צוא עסין איין טראפין בלוט, אונ באמערקט גאר ניט, אז זיין גאנצער מיטאג איז דורך אוים בלוט, אונ נאך וועלכע בלוט פון איין פאמיליע וואס זיינען ערמארדעט אונ בדלות גיווארין, אט טאקע דיא נאכט*). אונ אום צוא בעזארגין אונ פארהיטין דעם מענטשין פון דאס, אונ פון נאך צעהנדליגע פארדארבענהייט וואס דער מענטש טוט וועגין זיין פונט ברויט, וויא צום ביא שפיעל מאנכע זארגאנישע ראמאנען שרייבער וואס פאר דיא קליינע געלט פון מאנכע פאקין טרעגער (איזיל קעפ) איז ביא זייא רעכט אן צוא שרייבין איין ראמאן פון שארלאטאנען, אונ אינטריגען פון באנדיטין, אונ קאמעדיעס פון לצים, אונ צוזאמען מישין דאס מיט דיא שמוטיץ פון דעות נפסדות מינות וכפירה, אונ אב לאבין פון אלעם וואס הייליג איזט, אונ אן טרינקען דיא פובליקע מיט מים המאררים (גיפט), צוא פאר קויפין דעם פאלקס גייסט פאר אקערביל, וואס ער נעמט ביין בוך-הענדלער פאר דעם ראמאן ביביל. אה! וויא, אזויא נידעריג צוא זיין, אונ אזויא ביליג צוא

פארהאנדל'ען

*) ויש להעמיס זה במליצת הכתוב רק „חזק" (כי גאל נפשו של אדם מחמדתו) לבלתי אכול הדם, כי הדם הוא הנפש, ולא תאכל הנפש (של רעך) עם הבשר, וד"ל.

פארהאנדלען אפאלקס גייסט*), איז פיל גיפעהרליכער אלס אפעלד מארשאל זאל פארקויפין זיין ארמעע פאר שוחד, ווער עס האט נור אפונק טרייהייט צוא זיין פאלק, מאג דעריבער אפפערין אזיפיל פון טיפין הערצין, אונ זוכין אלע מעגליכקייט וויא דיא קראנקהייט אוים צוא קורירען.

אונ וויא דיא חז״ל זיינען גיוועזען דיא אמתע רופאי הנפשות, אונ האבין באמערקט דעם ווארציל פון אלע קראנקהייט, פון וואנען עס נעמט זיך, אונ עקסעסטירט ביין מענטשין, אז דאס איז איבערהויפט וייל דער מענטש ליגט אליץ אין איין שוואונג צו זאמלין מיט דיא הענד אונ לייגין אין מויל (כל עמל אדם לפיהו) אונ באמערקט גאר ניט, אז זיינע הענד זיינען איין געריכט אין בלוט אונ זיין שפייז איז דורך אוים בלוט, האבין זייא אונז גיגעבין איין מיטיל עהנליך וויא דער נביא זאגט ידיכם דמים מלאו רחצו הזכו כו׳ טוב הארץ תאכלו ד. ה. איידער דוא לייגסט אין מויל וואס דיינע הענט האבין פאר הארעוועט וואש-אב דיא הענט, אונ הייב זייא אויף אין דער הויך אונ זאג ״שאו ידיכם קודש״ דאס זאל דיר באמערקען (לבד דיא כונה הפשוטה)**) אז דיינע הענט זאלין

*) וואס דאס פאלק איז ערצויגין אונ גיוואוגין גיווארין נאך דעם וואונש פון אונזערע פילאנטראפין דיא חכמים זכרונם לברכה, וואס האבין געצילט מיט אלע זייערע תקנות אונ מנהגים, אז עס זאל עוויג עקסעסטירין דיא פירמא ״יוד עט יודענ-טהום״ מיט איהרע מעשים טובים אונ מדות טובות, וואס יעדער אומה וועט זייא דערקענען נאך דיא אויפפיהרונג, דאס זייא זיינען אברהם אבינו׳ס אייניקלעך, אונ משה רבינו׳ס תלמידים׳לעך, כל רואיהם יכירום כי הם זרע ברך ה׳ (צנ״ג).

**) דיא כונה הפשוטה איז איינפאך, וויל ידים עסקניות הן, קיין מענטש קען ניט נאראנטירין פאר זיינע הענט, זייא זאלין שטענדיג ריין אונ זויבער זיין, ובפרט רוב מענטשין בעלי מסחר וואס האלטין פארשיידענע מאטריאלין אין האנט, וואס מאכין שמוטציג אונ פארשטויבט דיא הענט, אונ אין דיא שטויב קומט פאהר אלערלייא באקצילין אונ מיקראבין, אונ ווען דער מענטש וועט נעמען זיין ברויט מיט ניט קיין ריינע הענט, מי יודע וואס פאר סכנות עס קען פארקומען, (ואף שברוב פעמים אינו ניזוק מי יודע אם לא אכל עולמו כמ״ש לעולם אל יעמוד אדם במקום סכנה כו׳ ואם עושין לו נס מנכין לו מזכיותיו). דרום האט מען מתקן גיוועזען צוא וואשין זיך פארין עסין, אונ ריין מאכין דיא הענט פון אלע שמוטיץ, אז ניט איז איין חציצה, אונ עס העלפט ניט דער וואשין זיך. וויא דיא חז״ל זיינען דאס מסמיך אויף דעם פסוק וידיו לא שטף במים (ויקרא ט״ו י״א) אז דיא תורה אליין באמערקט אונז, אז דעם זב העלפט קיין טבילה ניט, בעפאר ער האט דיא הענט ניט אב גיוואשין, וייל ידים עסקניות הן (הענט רוהען ניט) האט ער זיך געווים אן געריהרט בזוב וואס דאס איז אחציצה (עי׳ באור רנה״ו שם), אונ אז מיר האבין אב גיצויגין פריער אגרונט ד. ה. דיא כונה ראשונה פון נטילת ידים, איז אונז ערלויבט צוא באפוצין מיט בלומען אונ קווייטין, ד. ה. איידעלע הויכארטיגע גידאנקען, וויא דער מיילער נאכהער אז ער ציהט אב אגרונט, גיט ער ארוף ציצים ופרחים.

זאלין זיין הייליג, ד. ה. אז יעדע בפיך זאל זיין וואס איז מותר על פי התורה והנהגת המדינה, ניט קיין גנבה, ניט קיין גזלה, ניט קיין פאלשע וואג, ניט קיין פאלשע מאס, אדער אנדערע פארדארבענהייטין חלילה*). אונ זאג דיא ברכה, ברוך אתה ה' געלויבט ביסטו גאט וואס דוא האסט אונז געהייליגט מיט דיינע מצות, אונ פארזאגט על "נטילת ידים" (לשון וינטלם וינשאם) צוא וואשין אונ ערהויבין דיא הענט, אז מיינע האנדוועדק זאל קענען זיין אויף געהויבין, אלע זאלין זעהען, ניט מען זאל דארפין פארטייענען, ווייל דאס איז פארבאטין על פי התורה, ועל פי חוקי הרעגירונג. אונ איך גלויב אז ביא

דעם

*) וויא פאלשע עדות חלילה וואס דאס איז בעונותינו הרבים זייער נתפרץ געווארין, דאס זיינען אזעלכע אייזיל קעפ וואס באטרעכטען ניט, אז אויסער דעם וואס דאס איז זייער אהארבע עבירה, וואס השי"ת האט אונז פארזאגט אין עשרת הדברות "לא תענה ברעך עד שקר" דוא זאלסט ניט זאגין קיין פאלשע עדות, פארקויפין זייא אויך זייער גאנצין מענטשין-עהרע כמחז"ל (סנהדרין כ"ט) סהדי שקרי אאוגרייהו זילי, פאלשע עדות זיינען פארעכינט פאר פאדלע מענטשין, אפילו ביי דעם וואס דינגט זייא.—עס איז ניט קיין אונטערשיעד, עס סייא ביא בית דין, אדער אין סוד, אין געגענטהייל אין סוד ווערט נאך דיא עבירה פארגרעסערט וואס ער (מיט זיין פאלשע עדות זאגין), איז מחלל שם שמים ושם ישראל.— אונ ווען מיר וועלין אריין קוקען נאר אין דיא הויכע פענסטער, וועלין מיר אויך געפינען פיל אונראיעלקייט, צום ביא שפיעל אדאקטער ווען מען רופט איהם צוא אריכין חולה, אונ ער זעהט צוא מעד-לעווען דיא קוראציע, בכדי ער זאל דא קענען מעלקין, איז דאס ניט וואהרע גנבה וגזילה? אונ נאך אזעלכע הונדערטער ביישפיעלען, וואס יענער נעמט געלט וואס איהם קומט ניט, ניט על פי דין, אונ ניט על פי יושר, נור ווייל מען דארף אן קומען צוא זיין לאסקע. הכלל ווען מיר וועלין ריכטיג קאנטראלירען אלער האנד געשעפטין אונ טאלאנטין (בין מלאכת מעשה ובין מלאכת מחשבת) וועלין מיר ארוים זעהען דעם שארפין בליק פון דיא חכמי התלמוד, וואס האבין עס כולל געוועזן אין צווייא ווערטער "רובם בגזל" ד. ה. דאס מעהרסטע טהייל מענטשין פאלין דורך אין גזלה, חז"ל מיינען ניט חלילה, אז דאס רוב מענטשין זיינען טאשין דיבין, אריין שטעקין דיא האנט אין יענעמס קעשענע, (אזעלכע איז נור אקליינער פראצענט), מען מיינט נור עלעקטרישע גנבים וואס מאכין מיט שווינדיל, עס זאל אליין פליהען פון יענעמס קעשענע צוא זייא (עי' בקצור תפלה זכה שלי הנדפס עברי דייטש בסדור ק"מ). אונ ווער רעדט נאך ביא דיא לעצטע צייט וואס אין עולם המסחר רעגינט מיט פראטעסטין, וואס מען שטרייגט זיך ניט אן צוא צאהלין, אונ פיל נעמען לכתחלה ניט אוועק צוא געבין, מען פיהרט אשטאט, מען עסט אונ טרינקט, מען קליידעט זיך, אונ מאנכע נאך טעאטער אויך, אונ דאס איז אלעס אויף יענעמס רעכענונג, דאס איז דאך וואהרע גנבים אונ גזלנים, נור היינט האט מען דעם זארט קראנקע משנה השם געוועזן פון "גנבים" אויף "באנקראטיסטין", דער שינוי השם איז איין גוטער בעוויז, אז דאס איז איין געפעהרליכע קראנקהייט. הכלל פון גרויס ביז קליין, רייך אונ גימיין, מטילי בפרד"ס,... ונושאי קוקארדעס, דארפין זיך אלע וואשין צום עסין, אונ זאגין "שאו ידיכם קודש".

אונ

דעם וואס דער סאהעסט איז נאך ניט פארלאשין ביזין לעצטין פונק, קען דער
גידאנקען מאכין אגרויסין ווירקונג, אונ איך גאראנטיר איהם אז צייט אחודש
ווען ער זאל זיך וואשין וויא גיהעריג איז, אונ הארכין דיא ווערטער „שאו ידיכם
קודש" אונ על „נטילת" ידים נאכין גידאנקען וואס איז ערקלערט גיווארין, וועט
ער גיהיילט ווערין, אונ אוועק ווארפין זיין פארדארבענע פרנסה, ווען אפילו
ער איז פון דיא ערגסטע קלאסע, וויא צום ביישפיעל אחולק עם גנב אדער
אזארגאנישער ראמאנען שרייבער*), אונ וועט פיל מעהר צופרידין זיין, פרנסה
מיד הקב"ה אפילו אביטערע בלאט, איידער די זיסע פאטיקע וואס ער נעמט
אליין מיד בשר ודם, וויא דער מוסר השכל וואס דיא חז"ל האבין אונז
באמערקט פון די איילבערט בלאט, וואס נח'ס טייבעלע האט גיבראכט אין מויל.

(אמרה יונה (צ"ש יונתי תמתי) לפני הקב"ה מוטב יהיו מזונותי מרורים כזית ומסורים בידך (עפ"י דרך התורה) ואל יהיו מתיקים כדבש ומסורים ביד בשר ודם (סנהדרין ק"ח).

פאטער! ערלויב מיר אקוש טאהן דיא ליבע גאבט, זיא האט מיר מיין הערץ ערקוויקט. אה! דאס איז גרויסארטיג, עס איז מיר גיווארין ליכטיג מיינע אויגין, אז איך פארשטייא וואס עס בעדייטעט דער וואשין זיך צום עסין, איך וועל דאס היטין וויא מיינע אויגין אין קאפ. אוי! וויא אונגליקליך זיינען געבאך אונזערע נאכבארין וואס זייא זיינען אזויא אונוויסענד, אונ זיינען מבזה אונזער יודענטהום א). עס קלינגט מיר יעצט דיא רייד פון נביא ירמיה, וואס דער רבי האט מיר געסטערין גילערינט מה מצאו אבותיכם בי עול, כי רחקו מעלי. וואס פאר אונרעכט האט איהר גיפונען אין מיינע מצות, אז איהר זייט אנט-לאפין פון זייא, די מצות פון דער תורה זיינען דאך אזויא ליבליך אונ אנגינעהם, זייא מאכין דאך ליכטיג דיא אויגין (מצות ה' ברה מאירת עינים) אה! וואו זיינען מיר אוועק גיקראכין וילכו אחר ההבל ויהבלו, מיר האבין זיך אריין גילאזין אין הבל הבלים וויא טעיאטערין, צירקען, קארטין, אונ נאך אזעלכע הבלים, ביז וואנען מיר זיינען גיווארין הבל. אה! וויא גליקליך מיר וואלטין גיוועזן, אז צוא יעצטיגע ציוויליזאציע וואלטין מיר גיוועזן פרום צוא גאט, אונ

היטין

*) אונ אנשטאט וואס ביז יעצט האבין זייא גיחאפט געלט, וועלין זייא יעצט אנהייבין צוא קלייבין געלט. ד. ה. וויא מען קלייבט ארבעס, אויס צוא מיידין דיא ווערימדיגע, אונ דיא ניט-כשרה.

א) בסיום מסכת ידים וכשלקה הוא אומר ה' הצדיק, ופי' שם הרע"ב בכדי שלא לסיים בדבר רע, ועפ"י הנ"ל רמז התנא בזה. אשר סיים המסכת בויכוח הצדוקים עם הפרושים וידוע שפרצה ראשונה הי' במצות נטילת ידים, והלכו מדחי אל דחי עד שנעקרו מן העולם, ולא הועיל להם כל ויכוחי הפרושים כי החכמה ומוסר אוילים בזו. ואין להם תקנה להודות על האמת רק ברפואת החכם מכ"א ושבט לגו חסר לב. ולזה סיים כי מי אשר אמר לא ידעתי את ה' לא יוסר בדברים רק כשלקה, אז הודה על האמת ואמר ה' הצדיק.

היטין די מצות וואס זיינען פשוט זיסער וויא פאטיקע, וואלטין מיר גיוועזן גליקליך איבער גליקליך מיט אזא פאצאט אונ חן בייא אלע אומות.

זייער גוט רעדסטו מיין ליבער זאהן! — שפריכט דער פאטער — בלי נדר פון היינט אן נעם איך מיר אפיר, אז אין אלע למודים וואס איך לערין מיינע קינדער, שפראך אונ קענטשאפט, וועל איך מייחד זיין פיל שטונדין אין טאג אויף תנ״ך אונ תלמוד, אונ אויף ערקלעהרונג פון יעדער מצוה (כמו ספר החנוך וספר החורב להרב הד״ר הירש). אה! ביז היינט האבין מיר גיקוקט אויף דעם וואשין זיך צום עסין מיט אזא גיזעקין בליק, אונ היינט האט איהר אונז דאך גיעפינט די אויגין צוא זעהען אזא ליכטיגע שיין, איך וועל דאס ערציי־לען אלע אונזערע געסט, אונ דאס ריידין מיט אלע אונזערע צלעגעס אין דעשעווגע קוכנע, אז מען זאל האלטין רעדעם פאר די גאנצע פובליקע, אום אז יעדער וואס קומט עסין זאל זיך וואשין וויא דער דין איז, אונ אויסער דעם וואס מיר ערקוויקען זייער קערפער מיט בילינע שפייז, וועלין מיר אויך ערקוויקען זייער זעעלע מיט טייערע הימיל שפייז.

ז. דער דריטער בריעף.

טהייערער פאטער! אזויא וויא דער פלאם פון מיין ליבע צוא דיר פאר גרעסערט זיך טאג צוא טאג, אז די פראקטיקע ווייזט מיר, אז די גוטע זאמען פון ריינע אמונה אונ וויסענשאפט פון דער תורה וואס דוא האסט גיזייט אויף מיין ריינע הערץ, טראגט גוטע פריכטע וואס גיט עהרע דעם ליבען גאט, אונ פארשאפט פארגעניגען פיל מענטשין, אה! מיט וואס בין איך אים־שטאנד דיר צוא צאהלין פאר דעם, נור צוריק ריידענדיג וואס פאר־לאנגסטו דען פון מיר? דאס גופא אז דיין ארבעט האט גיבראכט פיל נוטצין איז דיין בעסטער לאהן, דארום וועל איך ניט שפארין קיין מיהע, אונ שרייבין דיר אלעס פאדראבנע, וואס פאר ווירקונגען איך האב גימאכט בייא דעם פאהריגען וויזיט.

וויא מיר האבין זיך אזויא אמאזירט אין דעם איידעלען ראזנאווער איינינע שטונדין, גייט ארין די ווירטהין אונ שפריכט.

טהייערע געסט! איך וויל האבין די עהרע אייך צוא לאדין אויף אבענט ברויט, אונ דיר מיין שיינינקער משה׳לע וועל איך זעצין אויבין אן, ווייל דוא האסט אונז פארשאפט דעם גאנצין פארגעניגען מיט דיינע קלוגע פראגעס.

מיר זיינען אריין אלע אין סטאלאוויע, דער טיש וואהר גיגרייט מיט אלעם גוטען, איך נעם אראפ דיא רינגען פון מיינע פינגער, אום זייא זאלין ניט זיין קיין חציצה וויא דער דין איז, אונ גייא זיך וואשין, איך בעטראכט דיא קרושקע זאל זיין גאנץ וויא דער דין איז, אז מען דארף זיך וואשין מיט אגאנצע כלי. איך שטעק אריין דיא קרושקע אין כלי וואסער, באמערק איך דארטין ליגט חריין, וואס דיא קעכין האט אריין גיליינט, עס זאל ווערין שטייף אונ גוט צום רייבין (עס איז גיוועזן אב גישאבין אונ ריין).

מיינע טהייערע! — זאג איך — מיט דיזע וואסער קען מען זיך ניט וואשין, ווייל עס איז גיטאהן גיווארין מיט זייא איין מלאכה, דיא וואסער וואס מען דארף מיט זייא היילינגען דיא הענד צוא זיין איין עבד נאמן להתורה ולחוקי הממשלה, וויא מיר האבין פריער ערקלעהרט, דארף זיין בכבוד אזויא וויא דיא וואסער פון כיור, וואס דער כהן איז מקדש זיינע הענד צוא טאהן דיא עבודה על המזבח, דער שולחן וואס מיר עסין אויף איהם איז ביי אונז איין מזבח, ווייל דער עסין איז דער איינציגער פארמיטלער וואס בינדעט צוזאמען דעם קערפער מיט דיא זעלע, אונ ווען דער עסין וועט זיין נור וויא איין בהמה, וועט פארשטארקט ווערין דיא בהמיות אין מענטשין, אונ דער פערדיל וועט זיך צוא יושען אונ נעמען לייפין, אונ ארונטער ווארפין דעם גייסט (וויא מיר האבין מעתיק גיוועזן דעם מכתב הרמב״ם (איבין זייטע 37) — מען האט גיבראכט ריינע וואסער, איך האב זיך גיוואשין אונ אויף גיהייבין דיא הענד אונ גיזאגט הויך „שאו ידיכם קודש“, אלע קינדער האבין מיר ריכטיג נאך גיטאהן, איבערהויפט האב איך נחת גיהאט פון דעם שיינעם משה׳לע, ער האט מיר אב גיטיפט ריכטיג יעדער תנועה מיט אזא שמחה, אז זיין שיינע גישטאלט האט געלויכטין פון שמחה.

מיר זעצין זיך אלע ארום טיש, עס איז גיוועזן ברויט אן געשניטין אונ אויך גאנצע בולקעס, איך נעם מיר אגאנצע בולקע, דאס ערשטע ווייל חטים (ווייטץ) איז חשובע׳ר פאר שעורים (קארין איז אמין גערשטין), אונ ווידער ווייל אגאנצע זאך איז חשובע׳ר פאר אהאלבע, איך מאך הויך המוציא, נאכהער ברעך איך אב (בכדי דיא גאנצע המוציא זאל זיין אויף אגאנצע זאך, וויא דער דין איז), איך באטראכט וויא אלע מאכין המוציא הויך ובפרט מיין שיינער משה׳לע, עס איז מיר גיוועזן אחיות אין הערצין, (עס איז געווים פריעמנער צוא זעהען אזא טיש, איידער מיר זעהען פיל מאהל גאר אין פיינע הייזער גייט מען צום טיש אהנע היטלען, אונ ממילא איז שוין אנגיוואשין, אן המוציא, אונ אן ברכת המזון פשוט וויא בהמות), נור זייער

יאהן

זאהן יאזעף האב איך באמערקט, וויא ער האט נור אמורמיל גיטאן מיטין מויל צוא ברכת המוציא, קאנטיג גיוועזן עפעס אפין געזיכט, אז מיינע רייד איז נאך ניט אריין איהם אין הערצין טיף, נור מפני הבושה האט ער אשאקיל גיטאהן מיט דיא ליפין, אזויא וויא ער מאכט המוציא.

דאס איז אויך גוט טראכט איך, אז מיין רעצעפט האט גיווירקט צוא מאכין שוואכער דיא היטץ אויף איין גראד, איז צוא האפין, אז דער צוויי-טער רעצעפט וועט גאר איין שטילין דיא היטץ, ד. ה. אז מיין ערקלערונג וואס אברכה בעדייטעט האט גיווירקט, אז קאלטע ליפין היבין זיך אן עטוואס צוא באוועגין (אפילו זייער אשוואכע באוועגונג) קען איך האפין אז עס וועט זיך ווייטער בעסערין אונ בעסערין.

ווארום האסטו זיך זא גיזאמט אין רעסטאראן? — הער איך וויא דיא ווירטהין פרעגט בייא דיא קעכין. עס איז דארטין גיוועזן אפיינע סצענע מיט איין דייטש אסאלדרע — ענטפערט דיא קעכין — אדייטש האט דארטין גיגעסין אמיטאג, אונ איז גיגאנגען צום בופעט איין צאהלין, האט דער ווירטה פון בופעט ניט גינומען בייא איהם דעם פאפיר רוביל. — ווארום נעמען זייא ניכט דעם פאפיר רוביל? פרעגט דער דייטש פארוואונדערט, ער איז דאך ניט קיין פאלשער נור אריכטיגער קייזערליכע מאנעטע. — זייא ברויכען זעלבסט צוא פארשטיין, — ענטפערט דער ווירטה. — ווארום נעמען זייא ניכט דעם פאפיר רוביל?! פרעגט ווידער דער סאלדרע מיט אבייזער. — זייא ברויכין זעלבסט צו פארשטיין, ענטפערט ווידער דער ווירטה מיט אשמייכיל. — איך פארשטייא ניכט אייער סאחער מאכער, ענטפערט דער דייטש — אונ גיט אוועק דעם רוביל אפין בופעט, אונ לייפט צום טיר. אך דוא דומער קעריל — זאגט דער ווירטה — האסטו ניכט גיהערט אונ ניט גילעזין אין דיא בלעטער מיט איניגע יאהר צוריק, אז דיא רעגירונג האט געשריבין אז דיזע רובלען זאל מעהר ניכט גאנגבאר זיין, אונ מען וועט זייא אויס בייטין ביז דעם נאזנאצעניין סראק, גיבען זייא מיר איין אנדער רוביל וואס איזט גאנגבאר וועל איך נעמען.

יא יא — ענטפערט יאזעף — דער ווירטה האט זייער רעכט, וואס איז דיא מעלה וואס ער איז אריכטיגע מאנעטע, אז דיא רעגירונג האט איהם פסול גימאכט, ער זאל מעהר ניט גיין, צאהלין מוז מען מיט אמטבע וואס קיי-זערליכע באנק נעמט איהר אן.

יעהסטו מיין זאהן — שפריך איך צוא יאזעפין — אז מען גיט אמטבע וואס דער קעניג האט איהר גיפסלת הייסט עס ניט גיצאהלט. יעצט וועל איך

ביא דיר פרעגין וואס פאר איין מאראל קען מען פון דעם לערנען ? ווייל אקלוגער מענטש קען זיך ארויס נעמען איין לעהרנונג פון אלע מענטשין (איזהו חכם הלומד מכל אדם) אונ פון אלעם וואס ער זעהט אונ הערט*) — ובפרט וויא איך האב גיהערט וועגין דיר, אז דוא בינסט אגאנצער פילאזאף איין העכמיקער, טוא זייא אזויא גוט, אונ ציהע מיר ארויס דעם מוראלישען אלקאהאל פון דעם. — יאזעף שווייגט שטיל אונ ווייס ניט וואס צו ענטפערין — פארלאנגסטו איך זאל דיר זאגין ? — שפריך איך צוא איהם — יאזעף שווייגט ווידער. מיר אלע פארלאנגען איהר זאלט זאגין — ענטפערט דער פאטער.

דער מוראל פון דעם — ענטפער איך — לערנען אונז דיא חכמי התלמוד (ברכות מ״ז) „לא יזרוק ברכה מפיו׳, מען זאל ניט אב מורמלען דיא ברכה, נור זאגין לאנגזאם, דיא אויערין זאלין הערין וואס דיא מויל רעדט, ווייל ווען מען מורמילט נור מיט דיא ליפין, אבוואהל מען זאגט דעם נוסח וואס דיא חכמים האבין מתקן גיוועזן, אונ דאס הייסט מען צאהלט אויף דעם געטליכען בופעט מיט דיא מטבע שטבעו חכמים בברכות, דאך ווערט דאס ניט אן גינומען, ווייל אזא מטבע האט דער וועלט קעניג גיפסלת, וויא דער נביא ישעיה זאגט אין גאטעס נאמען (בפיו ובשפתיו כבדוני ·ולבו רחק ממני כו׳ ואבדה חכמת חכמיו כו׳), דער ליבער גאט איז שטארק ברוגז אויף דעם וואס מיטין מויל לויבט ער דאכט זיך גאט, אבער דיא הארץ איז גאר ווייט ביא איהם, מיר מוזין צאהלין פאר דיא שפייז פון געטליכען בופעט מיט איין מטבע וואס זיא איז גאנגבאר, וויא דוד המלך ע״ה זאגט ימלא פי תהלתך, מיין מויל זאל פול זיין מיט דיין לויב, דאס הייסט הויך, אונ ווארט ביא ווארט, דיא הארץ זאל הערין אונ טראכטין דאביי פירוש המלות: ברוך אתה ה׳ גילויבט ביסטו גאט קעניג פון דער וועלט, וואס דוא האסט אזויא איין גיארדינט דיין וועלט מיט חכמה אז דיא ערד זאל ארויס געבין שפייז.

פון יעצט אן מיין ליבער יאזעף, ווארף אוועק דיין נארישע פהילאזאפיע, אונ נעם זיך אפיר צוא גיין אין דיא וועג, וואס אונזער אלטער אמהער

פהילאזאף

*) מען ערציילט אויף דעם רבי ר׳ ישראל סלאנטר זצ״ל, ער איז אמאהל ארייין ביא נאכט צוא איין מייסטער וועגין אפאצינגקע, האט גיברענט איין ליכט זאגט דער ארבעטער צום ווירטה, איך וועל פריער ברייגגען קארעסין אונ אנצינדין דעם לאמפ, זאגט דער מייסטער מען דארף ניט, פארריכט יעצט „כל זמן דיא ליכטיל ברענט קען מען נאך אלעס פארריכטין”. פלעגט דאס דער רבי ר׳ ישראל שטענדיג חזרין מיט זיך אליין (זיך מעורר זיין צוא תשובה) „כל זמן דיא ליכטעלע ברענט (נר ה׳ נשמת אדם) קען מען נאך אלעס פארריכטען”. „כל זמן דיא ליכטעלע ברענט. קען מען נאך אלעס פארריכטין”.

פהילאזאף. אברהם אבינו" האט אויס גיטראטין, אז וויא עס קומט דיא צייט צוא טאהן א מצוה, דארף מען אוועק לייגין דיא פהילאזאפיע אן א זייט, אונ טאהן דיא מצוה בחרדת קודש (מיט עהרעפורכט) ווייל דיא מצוה איז דיא גיבאט פון דעם גרויסין הייליגען גאט, ווען אפילו אבערפלעכליך שטייט זיא (דיא מצוה) געגין דעם שכל, וויא עקדת יצחק צוא שעכטין אזוהן פאר גאט, וואס דער רייגער שכל פראטעסטירט זייער געגין דעם, אונ וויא אברהם אבינו אליין האט זיין גאנצין לעבין פראטעסטירט קעגין אלע עובדי אלילים וואס האבין גיטאהן תועבת ה' אשר שנא כי גם את בניהם ישרפו באש לאלהיהם, זייא פלעגין מקריב זיין זייערע קינדער פאר גאט, אונ אברהם אבינו האט גיהאט גרויסע דיספוטין אונ וויכוחים מיט זייא, אונ האט זייא אויף געוויזין, אז לא די וואס מיט דעם ווערט מען ניט גיפעליג בייא גאט, אין געגענטהייל מען ווערט נאך אונווירדיג בייא גאט, השי"ת ליבט נור חסד ורחמים, וויא אברהם אבינו האט גיטאהן וואס מען רופט איהם "חסד לאברהם", ער איז גיווארין דער חסד אליין, פון דעסטוועגין אז דער בורא האט איהם גיהייסין אויף דער עלטער נעמען זיין איינציגען זאהן, זיין שווארצאפעל פון אויג, וואס ער האט איהם געליבט מעהר וויא זיך אליין, אונ גיין איהם שעכטין פאר גאט, האט ער גאר ניט איבער גיקלעהרט, אונ איז גיגאנגען מיט שמחה אונ מיט גרויס תמימות צוא טאהן דעם רצון הבורא, ווייל ער האט גוט גיוואוסט כי גבהו שמים מארץ כן גבהו מחשבותי ממחשבותיכם, אז דעם מענטשענס שכל איז מיט א גבול, ביז וואנען ער קען דער קלעהרין, אונ מעהר טאר ער ניט קלעהרין, אונ עס וועט גאר ניט העלפין זיין קלעהרין, אין געגענטהייל ער וועט נור פארבלאנדזען, אונ ארויס פון דת אונ פון דעת, גלייך וויא איינער שטעקט אריין דעם פינגער אין שיסיל גיקעכטץ אום דאמיט צוא וויסין, אויבע עס איז גינונג זאלץ, מעג ער שוין האלטין אגאנצין טאג אונ וועט גאר ניט וויסין, נור איין שמוטצין דעם פינגער, הגם דער פינגער האט דאך אין זיך אגרויסין איינגעשאפט דעם חוש המשוש, אבער קיין חוש הטעם האט ער ניט, דעם חוש הטעם האט מען נור גיגעבין דעם צונג (מיט איין לעק וויים ער אלעס), דאס זעלבע דער שכל פון מענטשין איז מיט א גבול, אונ אריבער דעם גבול איז גלייך וויא דער פינגער אין שיסיל גיקעכטץ, אונ מיט דעם האט אברהם אבינו גילערינט אוועג דיינע קינדער, בעת זייא זיינען גיקומען צום בארג סיני, אונ משה רבינו האט זייא פארגילייענט דעם ספר הברית (פון בראשית ביז מתן תורה) אונ זייא האבין באטראכט דעם דרך פון אברהם אבינו, דאן האבין אלע גיענטפערט מיט איין שטימע "כל אשר

דבר

דבר ה' נעשה' (בעת דיא מצוה וועט אונז קומען צוא דער האנד וועלין מיר באזייטיגען דיא פהילאזאפיע אונ טאהן מיט אריינע תמימות, ווייל דאס איז דבר ה' (גאטעס רייד), אונ נאכהער „נשמע' וועלין מיר זיך סטארייען צוא פארשטיין דיא טעמי התורה*).

אלע געסט זיינען פשוט ענטציקט געווארין פון דעם שכל וויא איך האב גיצויגין איין גייסטליכען אלקאהאל פון דיא קעבינס ערציילונג, איבערהויפט משה'לע, ער איז גיזעסין לעבין מיר, אונ מיט אזא געהארכזאמען אויער האט ער איין גיהערט אונ גישלונגען יעדען ווארט.

אייערע רייד איז צוא דרוקען — זאגט משה'לעס פאטער —, אונ מיר זעהען דאס שיינבאר, אז היינטיגע יונגע מענטשין גלייך וויא זייא הייבין אן צוא לעזין דיא פהילאזאפישע ביכער, וויא דארבין'ס אונ שפינאזעס, חאטשיא זייער ידיעה אין פהילאזאפיע איז נור אויפין שפיטץ מעסער, ווערין זייא שוין גאנצע פהילאזאפין, אונ ווארפין אראפ פון זיך דעם גאנצין עול התורה והמצוה. מיר וואונדערט זייער, עס איז דאך גיוועזען גרויסע חכמים אונ פהילאזאפין וויא רבינו סעדיה גאון אונ דער רמב"ם אונ ניט לאנג הגאון מווילנא, וואס זקנים ערציילין אז פריפעסארין זיינען ענטציקט גיווארין פאר זייער חכמה, אונ פון דעסטוועגין זיינען זייא גיוועזען טריי צוא דער תורה, אונ יעדער ווארט פון תלמוד האבין זייא גישעצט מיט גרויס עהרענפורכט.

עס איז גאר איינפאך — אנטווארטע איך — אגוטע גלאז אלטע וויין אז מען טרינקט איהר, נאכהער אז מען האט פריער גיגעסין גוטע פיש אונד בראטין פארדאייעט זיא דעם עסין, אונ מאכט דעם מענטשין מונטער אונ פרייליך. ווען אבער אז מען טרינקט איהר אויפין ניכטערין הארצין, אפילו נור אהאלבע גלאז פארדולט זיא דיא קאפ אזויא ווייט, אז מען מיינט גאר אז דיא שטוב דרייט זיך, דאס גלייכין חכמה (וואס זיא איז גיגליכין צוא וויין). ווען מען לערינט פריער תנ"ך אונ תלמוד וואס דאס רופט זיך בלשון חכמים (בשרא דתורא) אונ נאכהער לערינט מען קענטשאפט שאדעט עס ניט, אין געגענטהייל עס מאכט נאך מונטערער, אונ מען קריגט יראת הרוממות (עהרענפורכט) פאר דעם גרויסין גאט וואס האט באשאפין דיא וועלט מיט אזויא פיל חכמה, אז דער וואס באמערקט מיט אליכטיגען געפיהל

וואס

*) והתבונן כי לא נאמר „נעשה ונשמע" כי אם בפ' משפטים אחר שלקח ספר הברית (ופרש"י מבראשית עד מתן תורה) ויקרא באזני העם אז כשהבינו אל הבריתם אביהם והתבוננו דרכיו עמו כל העם ואמרו כל אשר דבר ה' נעשה, תחלה „נעשה" מלך שדבר ה' הוא (ראשית חכמה יראת ה') ואח"כ יתן ה' שכל טוב לכל עושיהם ונזכה „לשמוע" כוונת התורה להתאים עם השכל, כי באמת פקודי ה' ישרים משמחי לב.

(וואס איז באלויכטען מיט דעם שיין פון דער תורה) דיא וואונדערליכע סטראיענע, וויא השי"ת האט גיסטרויעט זיין וועלט מיט אלע ברואים, ווערט ערשטוינט אונ זאגט מיט גרויס עהרעפורכט מיט דוד המלך ע"ה צוא זאמען, „מה גדלו מעשיך ה"" אה, וויא גרויס וואונדערליך זיינען דיינע ווערקע גאט! אה, וויא טיף זיינען דיינע גידאנקען! איש בער לא ידע, דער מענטש וואס איז פוסט פון איידעלע געפיהלען באמערקט דאס גאר ניט, ווייל ער זעהט דאס שטענדיג, איז דער הרגל פארלעשט אין איהם דיא התפעלות, ווען מיר זאלין אבער דיא קלענסטע זאך פון דער בריאה ארויס פיהרין פון הרגל אין איין רעטענעס, וועט יעדער אן שטעלין נאז אונ אויערין, אונ זיך ניט קענען אב וואונדערין אויף דיא חכמה נפלאה פון דעם גרויסין וועלט מעחאניק. צום ביישפיעל איך וועל אייך ערציילין אנייעס, איך האב גיזעהען אויף איין וויסטאווקע, אקליינע מאשינקע וואס קאסט אומגיפעהר 3 רו"כ, זיא באשטייט אין דעם, ווען מען זאל אוועק לייגין אפילו 10 קלאפטער ווייט אביסיל הייא דרייט זיך דיא מאשינקע אליין צוא, אונ האט אזעלכע לאפעקעלאך וואס זיא ווארפט אריין דיא הייא אין זיך, אונ צייט אשטונדע ארבעט זיא איבער דיא הייא אויף קלאהרע מילך וואס עס איז פריעמנע צוא טרינקען.

איהר האט דאס אליין גיזעהען? פרעגין אלע פארוואונדערט. — יא יא איך זעלבסט האב דאס גיזעהען, אונ איך קען זיא אייך אויס שרייבין פיל איהר ווילט. אה! וואס פאר אקינטצליכער מעחאניק דארטין מוז זיין, אויס צוא שטרויענע אזא מאשינע וואס זאל טאהן אזא קינטצליכע ארבעט, אונ אלעם אן הילף פון מענטשין, מיר זיינען זייער גערין צוא זעהען דאס, זאגט אונז דערווייל וויא רופט מען דיא מאשינע. — דיא מאשינע רופט מען — ענטפער איך — „ציג", זיא לייפט אליין צוא, צוא דיא הייא, וואס ליגט גאנץ ווייט פון איהר, אונ חאפט אריין אין זיך, אונ אין אקורצע צייט ווערט פון דעם ביי איהר קלאהרע מילך. — אה! וויא גרויס זיינען דיינע וואונדער גרויסער גאט — שרייען אויס אלע — דאס איז דאך איינע פון דיא קלענסטע זאכין פון גאטעס באשעפענעס, אונ מיר זיינען אזויא דום, אונ באוואונדערין דאס ניט. — איך וועל אייך ערציילין נאך אגרעסערין וואונדער, איך האב גיזעהען אז איין בעריהמטער מעחאניק האט גימאכט אקליינע מאשינע, וואס דיא גרעסטע מעחאניקעס אין דער וועלט, פארשטייען איהר ניט שפיציאלנע אין גאנצין, נור דער פארשטייט איין גליד פון דיא מאשין, אונ אצווייטער מעחאניק דעם צווייטין גליד, אבער איינער זאל וויסין שפיציאלנע דיא גאנצע מאשינע מיט איהרע אלע גלידער איז כמעט אויף דער

וועלט ניטא, — וואס איז דאס פאר אזא קינסטליכע מאשינע ? אז די גרעסטע מעכאניקער פארשטייען איהר ניט אין גאנצן, מיר זיינען עס זייער גערין צו וויסן — פרעגין אלע ערשטוינט.

דאס איז דער מענטש אליין, דאכט זיך אזא קליינע מאשינע, אבער אזוי קונסטיג געארבעט געווארין, אז עס איז כמעט ניטא איין פראפעסאר אין דער וועלט וואס זאל וויסען ריכטיג דעם גאנצין מענטשין, יעדער ווייס נור א קליינע טהייל פון איהם, דער איז איין אויגין דאקטער, דער איין נערפין דאקטער, דער אצאהן דאקטער, דער איין אקושער, און דער אחירורג, אבער עס איז זייער זעלטין אז איינער זאל וויסין ספיציאלנע דעם גאנצין מענטשין, און דאס איז וועגין זיין קערפער, היינט ווער רעדט וועגין די פסיכילאגיע (כחות הנפש) פון מענטשין, צום ביי שפיעל וויא פאמעסטצייעט זיך אין זיין קליינעם מוח (אפויסט די גרויס) אגאנצע ביבליאטהעקע ספרים, וויא מען בעשרייבט אויף ר' זלמעלע דעם ווילנער גאונס תלמיד (ר' חיים וואלאזענערס ברודער), אז ער איז געוועזן קלאהר (אויס ווייניג צו זאגין) גאנץ תנ"ך מיט אלע תרגומים, און ביידע ש"ס בבלי וירושלמי, רמב"ם וטורים, דאס איז מערקווירדיג. אוים צו לערנען און קענען דעם גאנצין מענטשין קערפערליך און גייסטליך, דארף מען לעבין משותלח'ס יאהרין. אה, ווען מיר וואלטין פארשטיין דעם גאנצין מענטשין ריכטיג מיט אלע פינטעלאך, וויא עס זיינען געשלאסין אלע 248 גלידער, און אלע 365 אדערין איינע אין די אנדערע, אז מען גיט אשטאך אין קליינעם פינגער פון פוס דערלאנגט גלייך אטעלעפאן אין מוח, און וויא עס בינדין זיך דער קערפער מיט די זעלע וואלטין מיר ערשט פארשטיין וויא עס שליסין זיך אלע רמ"ח מצות עשה און שס"ה מצות לא תעשה איינע אין די אנדערע, אז די גאנצע תורה מיט אלע איהרע מצות איז איין גאנצע זאך, און איין איד מוז מאמין זיין אין די גאנצע תורה מיט אלע איהרע מצות,

(עי' מלבי"ם תהלים פסוק ידיך עשוני ויכתנוני הבינני (וה"ז) אלמדה מצותיך ועי' קצור אבן שלמה ע"ם צד 56)

דרום די ראשונים וואס מעהר זייא האבין געלערנט חכמת הטבע צו דער תורה, האבין זייא אלעס מעהר געשמאק געקראגין אין דער תורה, און זיינען געווארין פרימער צו גאט, און בעסער צו לייטין, ווייל דער וואס איז איין אוהב את המקום, איז ער איין אוהב את הבריות, און דער וואס לערנט תורה לשמה, איז ער משמח את המקום, און משמח את הבריות, בזכות תורה לשמה איז מען איהם מגלה די פארהעלטענעם און סאקרעטנע זאכין פון דער תורה, און ער ווערט איין מעין המתגבר, די הכמה שטארקט

זיך

זיך ביא איהם פון טאג צוא טאג, אז זיין שכל וואס איז באלויכטין פון דעם אור התורה, זעהט וואס עס טהוט זיך אין דער גאנצער נאטור, אונ נאך העכער וויא דיא נאטור, וואס דיא אויג פון פהילאזאף (וואס דא איז ניט באלויכטין מיט דעם אור התורה) קען דאס ניט משיג זיין בשום אופן. אזויא וויא דער אסטראנאמיקער קען ניט משיג זיין וואס אויף דיא זוהן טהוט זיך אן איין מיקראסקאפ, דאס גלייכין דיא מיקראסקאפ פון שכל, משיג צוא זיין וואס איבער נאטירליך, איז נור דיא תורה, וויא מיר בעטין והאר עינינו בתורתיך בעלייכט אונזערע אויגין מיט דיין תורה, איז דאן ודבק לבנו במצותיך וועט אונזער הארץ באקומען איין השגה וויא גרויס ארטיג דיינע מצות איז. אבער דיא היינטיגע קינדער וואס לערנען חכמה אויף אניכטערע הארץ, וואס איז ליידיג פון תורה אונ פון יראת שמים, ווערין זייא גלייך בארוישט פון דיא פהילאזאפיע, אונ זייא מיינען אז זייא שטייען גלייך, נור דיא שטוב (בית יעקב) דרייט זיך, אונ אלע גייען מיטין קאפ אראפ. אבער אין דער ווארהייט שטייט „בית ישראל" גלייך, נור זייערע קעפ דרייט זיך.

נאך מיין מיינונג נאך — זאגט דער ווירטה — איז דיא הויפט זאך גאר די לייכטזיניגע חברים, וואס זייא לערנען צוזאמען מיט זייא אין די שוהלען, אונ זעהען צוא זייערע פיהרונגען מיט זייערע דעות כוזבות, דאהורך ווערט אויס גילאשין פון זייא דער אור התורה והאמונה.

יא יא דאס איז אויך ריכטיג — זאג איך, וויא דער תנא זאגט איזהו דרך רעה שיתרחק ממנה האדם חבר רע, אונ וויא מיר בעטין אין אונזערע תפלות שתצילני היום כו' מחבר רע, אבער ניט דאס אליין איז דיא הויפט אורזאך, ווען זייא וואלטין אבער פריער זיין איין גיוואקסין מיט תורה אונ יראת שמים וואלט אויף זייא דיא לייכטזיניגע חברותא ווייניג ווירקען צוא שלעכטעס, וויא אונזער היסטאריע ערציילט אונז, אז יוסף איז פארוואורפין גיווארין אין מצרים (ערות הארץ) צווישען ציגיינער שטופי זמה, פון דעסטוועגין וויא באלד ער איז גיוועזן גוט ערצויגין פון זיין פאטער יעקב (כמו שפירש"י בן זקונים בר חכים כל מה שלמד בבית שם ועבר מסר לו) איז ער ביא גישטאנען ביא אלע נסיונות אונ איז גיבליבין איין צדיק. אונ אין שפעטערדיגע צייטין זעהען מיר נאך מעהרער, אז דניאל חנניא מישאל ועזריה וואס זייא האבין גילערינט (ספר ולשון כשדים) צוזאמען אין איין שוהל מיט פארשיעדענע אומות, אונ אויף איין טיש גיגעסין מיט דיא אומות, פון דעסטוועגין זיינען זייא גיבליבין ביא זייער תמימות צוא דער תורה, זאגאר אז זייא האבין זיך צוזאמען גירעדט אויס צוא פיהרען איין פלאן וועגין כשרה עסין, אבוואהל זייא איז דאס

שווער

שווער אן גיקומען, (וויא עס איז בעשריבן אין ספר דניאל), אונ ווען מיר וואלטין זיך אויך אזויא פיהרין, פריער איין לערנען אונזערע קינדער תורה מיט יראת שמים, וואלט אויף זייא אקליינער ווירקונג מאכין דיא חברים רעים אין געגענטהייל זייערע פארדארבענע חברים וואלטין קוקענדיג אויף זייא אויך בעסער גיווארין, וויא דיא תורה שרייבט וראו כל עמי הארץ כי שם ה׳ נקרא עליך אלע נאראדין וועלין זעהען, אז עס איז קאנטיג אויף דיר (דורך דיינעם גוטין אויפפיהרונג) אז דוא בינסט גאטעס איין דינער ויראו ממך וועלין זייא קריגען עהרעפורכט פאר גאט צוליב דיר, ווייל דער אמת האט אין זיך אגרויסין כח, ער איז פרעזידענט, אונ דער שקר מוז פאלין פאר איהם, וויא דיא פינצטערנעס מוז אנטלייפין ווען דיא זוהן קומט אן, וויא מיר זעהען אז פאר דעם אידעשין תנ״ך ווערין אלע בטל, אלע זיינען מודה אז תורת ישראל איז דיא ערסטע תורה, אונ איהרע וועגין זיינען דרכי נועם, נור זייא זאגין אז דער איד מיט דיא תורה איז גאר צוויא זאכין, האלט דען דער איד זיין תורה? פאר איין קערביל פאר קויפט ער זיין תורה מיט זיין רעליגיאן, פאר אקלייניגעם ווינט פון איין תאוה וויא עסין טריפות, אדער רויכערין אום שבת ווערט אוועק גיבלאזין זיין גאנצע תורה, קריגט בייא אונזערע שונאים דיא צורה פון איד אפנים פון חלשות, אונ וואס ער רעדט אויף דעם אידין איז ער גירעכט, צוא אונזער גרויסין שאנד. אונ וואס קען דאבייא העלפין דיא וויכוחים וואס מיר האבין מיט דיא אנטיסעמיטים, ארויס ווייזין זייא דיא גירעכטיגקייט פון אונזער תורה אונ פון אידין, אז מיט אונזערע מעשים זיינען מיר אליין סותר אונזערע רייד*).

*) איין היגער יונגער מענטש (וואס סטודירט אין פאריז) שרייבט זיינע עלטערין אנטווארט אויף זייער פערלאנג, אז ער זאל זיך אויפפיהרין אין וועג פון דער תורה, סייא בין אדם לחבירו (יהי כבוד חבירך חביב עליך כשלך) אונ סייא בין אדם למקום וויא צום בייא שפיעל היטין שבת, (וואס שבת איז דער זנאק פאמענט אז עס איז דא אבורא יחיד וואס האט באשאפין אין 6 טעג דיא גרויסע וועלט, אונ שבת האט ער גירוהט), אונ דאווענען (וואס דאס מאכט אידיל דיא געפיהלען דאנקבאר צוא זיין דעם באשעפער פאר דיא פיל גוטעס וואס ער איז משפיע אויף דעם מענטשין אונ עס רייניגט דיא הארץ, אונ איז איהר מקרב צוא ליבין דעם גוטין נאמ), אונ תפלין לייגין (וואס זייא האבין אין זיך דיא סגולה משעבד צוא זיין דעם רצון פון הארצין. אונ דעם שכל פון מוח לעבודת הבורא, מיר זאלין ליב האבין גאט אונ דיא תורה, אונ אונזער פאלק בלב ונפש) אונ ווען עס טרעפט אמאהל, אז אין דער פריה איז איהם אונמעגליך צוא לייגין תפלין, זאל ער זאגין ק״ש ותפלה אן תפלין, אונ נאכהער קומענדיג פון שוהלע, זאל ער זיך פארמאכין אין צימער אונ לייגין תפלין אונ דאווענען מנחה. שרייבט ער זייא, ליבע עלטערין, ווען האב איך צייט צוא דאווענען

אז

זייער ריכטיג — זאגט משה'לעס פאטער — איהר האט מיך ערָאינערט איין וואהרע געשיכטע וואס איך האב ניט לאנג גילעזין אין איין אויסלענדישע בלאט, מיט דעם נאמען:

ח. דיא האלבע פאס ויין.

איין געוויסער פרינץ אגרוים גילערינטער מאן, אונ אגרויסער העברייער ער איז זייער קלאהר גיוועזען דעם אידעשין ביביל (תנ"ך), דאדורך האט ער זייער געליבט אידין. איין מאהל איז צוא איהם גיקומען אין גיזעלשאפט זיינער אפעטער, איין גרויסער אנטיסעמיט, אונטער זייערע גישפרעכין איז פארגיקומען וועגין אידין, עס איז זעלבסט צוא פארשטיין, אז דער אנטיסעמיט האט גישאטין אויף אידין וויא מען זאגט שווארצע מאן, דער פרינץ וואונדערט זיך אונ זאגט, ליבער פעטער, איך וויים ניט וואס האט איהר אויף זייא גיזעהען פאר שלעכטעס מעהר וויא אויף אלע נאראדין, וואס איז אונטער מיין פאטערס שוטץ, ווען עס גיבט איינינע פון זייא פארדארבענע, קען מען דען איבער איינינע באשולדיגען אגאנצין נארָאד? אונטער דעם אידילסטען נאראד גיבט מאנכע פארדארבענע, יודין שטייען ביי מיר זייער גישעצט איבער זייער תורה, וואס איך לעז איהר זייער אפט, אונ קען זיך ניט אב וואונדערין פון דיא איידעלע גיזעטצע, וואס אין איהר געפינט זיך, עס איז קאנטיג אז זיא איז ניט קיין מענטשליכע ארבייט נור געטליכע, אונ איבער הויפט וויא מיר זעהען מיט דיא אויגען, אז עס איז אלעס נתקיים גיווארין וויא דיא תורה שרייבט זייא מיט 3200 יאהר צוריק, אויב זייא וועלין גוט אונ פרום זיין וועלין זייא ערבין דיא לאנד וואס גאט האט פארשפראכין צוא זייערע עלטערין, אונ וועלין זיצין רוהיג אויף איהר אין גרעסטע הצלחה, אונ ווען זייא וועלין אוועק לאזין זייער תורה, וועט זייא גישעהען גרויסע צרות, אונ אם ענדע וועלין זייא פארטריבין ווערין פון זייער לאנד, אונ האבין
אזעלכע

אזבאיך דארף זיך שטענדיג רייסין אונ צאנקען מיט דיא אנטיסעמיטין, זייא אויף ווייזין אז מיר שטייען העכער פון זיי. — אה! וויא ניט פראקטיש דער אנטווארט איז, וואצוא דארפסטו זיך רייסין מיט זייא? אז דוא קענסט ראבע נעמען פון זייא גאר רוהיג. זעהע אב צו שטימען דיינע מעשים נאך דיא פראגראמע וואס דיא תורה האט אונז גינעבין, זיין פרום צוא גאט (אב היטין אידישקייט וויא מען דארף) אונ גוט צוא מענטשין, אונ סטאראייע זיך צוא זיין מיט דיינע מעשים איין מוסטער בילד פאר אלע דיינע חברים, אונ אז אלע וועלין זיך אזויא אויפפיהרען, אז אונזערע שונאים זאלין ניט געפיהנען אויף אונז קיין פעהלערין, וועלין זייא ממילא פארשעמט ווערין דאס איז זייער אקלונע ראבע בעסער וויא אלע צאנקערייא.

אזעלכע אונגליקען וואס האט ניט פאסירט קיין נאראד. אונ וויא מיר זעהען דיא וועלט היסטאריע איז דאך דאס פינקטליך גישעהען. אונ דאס איז נאך מעהר צוא באוואונדערין, אז אין אזעלכע אונגליקען וואס אויף זייא איז גיקומען, וואס פון איין אנדער נאראד אויף זייער שטעל וואלט קיין זכר ניט בלייבין, אונ זייא עקסעסטירין אונ האבין זייער תורה בייא זיך, עס פעלט ניט איין נקודה אין איהר, געגיז דיא אלע אומשטאנדין וואס האט זייער תורה פאסירט, וויפיל מאל האט מען די תורה שבע"פ גיברענט אז עס זאל פון איהר איין אות ניט בלייבין, אונ דאך זיינען זייא גיבליבין מיט זייער תורה אין גאנצין פונקט וויא זייער תורה שרייבט ואף גם זאת כו' כי לא תשכח מפי זרעו דאס איז איבער נאטירליך, דאס איז נור געטליך, — איך האב אמאהל פארבראכט מיט זייערין אגרויסין גילערינטען, האט ער מיר ערקלערט אזאך אז איך בין זייער ענטציקט גיווארין, אבייזענדער האט ערציילט, אז אין דיא אלטע פיראמידען פון עגיפטען האט ער גיזעהען איין וואונדערליכען מויער וואס ער שטייט שוין בענאהע 3200 יאהר, אונ איז נאך גאר נייא ריכטיג וויא היינט אוים גיסטרויעט, (דאס איז ניכט קיין מענטשליכע ארבעט, דיינק איך נור ענגעל ארבעט), מיט דיזין מויער איז דא אגרויסע געשיכטע — זאגט דער רייזענדער — עס זיינען שוין צענדליגע מאהל גיקומען פיל גבורים מיט הארמא-טין אונ מיט דינאמיט, מען האט גיוואלט צוא ברעכין דעם מויער, אונ קיין פולווער אונ דינאמיט נעמט איהם ניט צוא רירין אפילו איין ציגיל, אדער אפילו איין שניטצונג פון איהם.

אה! דאס איז ניכט קיין נאטירליכער מויער זאג איך, דאס איז נור איין געטליכער מויער, צוא שטיין פעסט טויזענדער יאהר געגין אזויא פיל קאנאנען אונ דינאמיט אונ צוא בלייבין גאנץ אונ פינקיל נייא — אויף דיזען וואונדערליכען מויער — דערציילט ווייטער דער רייזענדער — זיינען אראפ גיקומען פיל אינזשענערין אראפ נעמען איין פלאן פון איהם, אונ מען האט אראפ גינומען אונ נאך גימאכט, אונ עס הייבט זיך ניט אן צוא פארגלייכין צוא איהם, קיינער קען ניט דער גיין דיא פארהעלטעניע עלעמענטין (יסודות) אויף וואס דער מויער שטייט. אה! דאס איז וואונדערליך, איך בין זייער גערין צוא זעהען דעם מויער, וואס וואונדערסטו זיך מיין הער, זאגט זייער גי-לערינטער, דיזער מויער איז דיא יודישע תורה (כמחז"ל אני חומה, זו תורה) וואס זיא שטייט שוין העכער 3000 יאהר, אונ שטענדיג זאגט דער יוד „וזאת התורה אשר שם משה לפני בני ישראל", אונ מיט דיא אלע הארמאטין אונ דינאמיט וואס דיא יודישע פיינדע האבין גישאסען אויף זייער תורה,

איהר

איהר צו פארליהרן פון דער וועלט האבין זייא ניט געווירקט אב צוא שיסען פון איהר אפילו איין אות, זיא איז נאך פינקיל נייא וויא דער טאג וואס משה רבינו האט איהר געשריבען פון גאטעס מויל, אונ גיגעבין דיא אידין. איז אנשטאט וואס דער נאראד איז ווירדיג געריהמט צו ווערין, אם ענדע שענדסטו איהם נאך, אונ לייגסט אויף איהם דיא זינד וואס אייניגע מענטשין טוהען.

חא חא חא! לאכט זיך פארנאנדער דער פעטער, איך וועל גיט לייקענען אז זייער תורה איז ווירדיג צוא געריהמט ווערין, אבער וואס גיהער זיך אן דער יוד מיט דער תורה, האלט דען דער יוד זיין תורה? פאר איין קערביל איז ער גרייט צוא פארקויפין זיין תורה מיט זיין גלויבין מיט אלעם וואס ער זאגט אז בייא איהם הייליג איזט. — גיין מיין ליבער פעטער, רעדט ניט אזעלכע נידעריגע רייד אויף אזא פיינעם נאראד, אויב איהר האט גיזעהען שלעכטעם האט איהר נור גיזעהען אויף אייניגע גיציילטע מענטשין, אונ דורך זייא קען מען ניט באשולדיגען אגאנצין נאראד, איך קען זייא נור פון גוטען זייט. איך האב איין יודע איין פרעדסטאוויטעל פון מיין הויף, אונ ער איז זייער איין וואולער יוד, — נוא גוט זאגט דער אנטיסעמיט דאס איז אלעס בין דעם רובל, איך וועל דיר ווייזן איין פראבע, יעצט איז בייא זייא שבת שיק אריבער איין קארטעצקע צוא איהם אז ער זאל דיר שיקן אייניגע סחורות וואס מען דארף שניידין פון שטיק, וועסטו זעהען אז ער וועט שניידין אונ שרייבין אום שבת, אום צוא פארדינען געלט. — אונ איך זאג דיר ניין ער וועט דאס ניט טאהן, איך קען זיך מיט דיר וועטין. קורץ דאפאן זייא האבין זיך גיוועט אין אפאס שאמפאניער ויין, דער פרינץ האט אן גע-שריבין איין קארטע, אין דעם אינהאלט: איך בעט דיר מיין פריינד דוא זאלסט מיר שיקען 10 ארשין טייערע זיידינס מיט לענטעס אונ נאך זאכין, איך ברויך דאס נייטיג נור היינט, אונ שיקט דאס אוועק דורך ארייטער. דער רייטער האט גיבראכט דעם קופיעץ דעם בריף פון פרינץ, ער געפינט איהם ביין טיש שבת, ער לעזט דורך דיא קארטע, אונ עס טוט איהם זייער באנק וואס ער קען ניט ערפיהלען דעם וואונש פון פרינץ, ווייל עס איז שבת, ענטפערט ער דעם רייטער מונדליך ער זאל איבער געבין דעם פרינץ דיזע ווערטער: מיר טוט זייער לייד וואס איך בין ניט אים שטאנד ערפיהלען דיין וואונש גרויסער הער, הייטע איז בייא אונז יודין שבת איז אונז פארבאטין צוא טארגעווען אונ שניידין, אויב דער גרויסער הער מוז דאס נייטיג הייטע האבין, וועט ער זיין זא פריינדליך צוא שיקען דיזין מאהל צוא יענעם אונ יענעם קריסט אין געשעפט, דארטין איז אויך דא דיא פרעדמעטין, דער

רייטער

ריטער האט געבראכט דעם אנטווארט צום פרינץ, עס איז זעלבסט צוא פארשטיין אז דער פרינץ האט פיל נחת געהאט פון דיזע תשובה, אונ דער אנטיסעמיט איז געבליבן זיצין אין צרות. — דוא האסט ניט גוט געשריבן דיא קארטע — זאגט דער פעטער — גיב מיר איך וועל שרייבן, נוא שרייב דוא — זאגט דער פרינץ. — דער פעטער נעמט דיא פעדער אונ שרייבט דיזע ווארטין: ״מיין בעסטער פריינד ה׳ קופיעץ, איך בעט דיר נאך אמאהל דוא זאלסט ניט אנטזאגען מיין ביטטע, אונ זאלסט אזויא גוט זיין גיין גלייך אין בוד, אונ מיר געבין דאס וואס איך צייכין דא, אונ ווען דוא וועסט זיך עקשינען וויא אייער שטייגער איז עם קשה עורף, אונ איך וועל זיין גינייט צוא שיקען נעמען ביי יענעם קריסט אין בוד, זאלסטו וויסין אז איך וועל שוין שטענדיג נעמען ביי איהם, אונ דוא פארלירסט אזא הויז וואס דוא לייזט שיינע טויזענדער איין יאהר, אונ צוליב מיר וועסטו אפשר פארלירן נאך איינינע גרויסע הייזער, נעם דאס אריין אין גידאנקען, אונ וויים וואס דוא האסט צוא טאהן״. דיזע ווערטער — זאגט דער פעטער — וועט איהם שוין גוט שמעקין, ער וועט שוין לייפין אויף אלע פיר איספאלניען דיין בריף. — דער רייטער האט געשווינד אוועק געטראגין דעם בריף, ער געפינט איהם ביין רעכטין קוגיל, ער לייענט איבער דעם בריף, עס ווערט איהם קאלט אין אלע גלידער. — וואס האסטו זיך אזויא פארטראכט? דער קוגיל ווערט קאלט — זאגט דיא פרויא צוא איהם. — לאז מיר צוא רוהע מיט דיין קוגיל, נא לייען דעם בריף, איך פארלאז זיך אויף דיר וויא דוא וועסט רעשייען — דיא ווירטהין וואהר זייער אקלוגע פרויא אונ אגאטס פארכטיגע, זיא לייענט איבער דעם בריף אונ טראכט אווייליע אונ זאגט מיט אשמייכיל, עס פריער דעם קוגיל נאכהער וועל איך דיר זאגין מיין מיינונג.

שבת תשובה בין איך געגאנגען אין גרויסע שוהל דאווענען, פארין לייענען האט דער רב געזאגט עטליכע ווארימע ווערטער וועגין שבת, ער האט געטייצט וואס דיא תורה שרייבט אז שבת זאלסטו רוהען ״אתה ובנך ובתך״ דוא מיט דיין זאהן אונ טאכטער, אז דאס גייט אויף דיא וואס אליין גייען זייא אין שוהל, נור זייערע זיהן אונ טעכטער שיקען זייא עפענען דעם מאגאזין אונ טארגעווען שבת. דרום זאגט דיא תורה אז דוא בינסט ניט יוצא וואס דוא אליין רוהסט שבת, נור דוא מוזט זעהען אז דיין זאהן אונ טאכטער אונ דינער, זאגאר אפילו דיין בהמה זאלין אויך רוהען שבת. ער האט פארגעשטעלט אז שבת איז דיא הארץ פון יודענטהום, אונ אזויא וויא איין מענטש אן איין הארץ קען ניט עקזיסטירען, אזויא קען דער יודענטהום

ניט

ניט עקסעקסטירען, ווען מען היט ניט שבת. נאכהער האט ער פארגישטעלט איין קארטינע וואס פון איהר זעהט מען ארויס, וויא דום עס זייגען די מענטשין וואס איבער אקערביל זייגען זייא מחלל שבת: סוחרים זייגען גיפאהרין אויף איין יאהרמארק מיט אסך געלט, פרייטאג זייגען זייא אראפ אין אשטאט שבת האלטין, האבין נאך גיפרעגט אויף איין ארינטליכע אכסניא וואס מען קען דעם ווירטה אן טרויען אסוממע געלט, איין צוא שליסין ביא איהם אין שראנק איבער שבת. — שבת ביא טאג גייען זייא זיך דורך אויילע, באמערקט ראובן אז שמעון קוים וואס ער שלעפט דיא פיס, אזויא וויא ער וואלט טראגין אמשא. — וואס איז דיר מיין פריינד? — פרעגט ראובן, פיליכט בינסטו עפעס ניט אין גאנצין, לאמיר גיין צוריק אין נומער. נאכהער באטראכט ראובן, אז עס שטארצעט עפעס ארויס פון שמעונס קעשענע, ער גיט אטאפ וויא אזעקיל זילבער רובילס. — וואס האלסטו אין קעשענע? פרעגט ראובן פארוואונדערט. — אזעקיל מיט 100 זילבער רוביל ענטפערט שמעון — ווארום האסטו ניט אב גיגעבין דעם ווירטה איין שליסין ביא איהם אין שראנק? פרעגט ווייטער ראובן מיט גרויס פארוואונדערונג.

אן טרויען דעם ווירט? — 100 זילבער רוביל איז דאך עפעס אמטבע. — איזוואסציק דאוואי! שרייט ראובן צונקאכט — וואצו ברויכסטו איין איזוואסציק? — פרעגט שמעון. צוא פיהרין איך אין דול הויז —ענטפערט ראובן — וייל איהר שיינט מיר וויא וואהנזיניג, באטראכט נור אייער סאקוואיאז מיט הונדערט טויזינד רוביל האט איהר אן געטרויט דעם ווירטה איין שליסין אין שראנק, אונ דיא 100 זילבער רובעל טרויט איהר איהם ניט, אונ טראגט דאס אום שבת, דאס קען נור טאהן איין מענטש אן מארך. דיזע קארטינע איז יעצט אן גימאסטין פאר אונז, אז אזאך וואס איז נאך טייערער וויא הונדערט טויזינד רוביל, דאס איז אונזער לעבין אונ אונזערע קינדערס לעבין טרויען מיר דעם רבונו של עולם וויא מיר זאגין בידך אפקיד רוחי*) אונ איין הונדער-

טער

*) ער האט ערקלעהרט דעם פסוק מחלליה מות יומת (דער וואס איז מחלל שבת במזיד (בלא התראה) איז חייב מיתה ד. ה. כרת) מיט איין ביישפיל, מיר זעהען ווען מען וויל זיך באזעצין אין אלאנד, דארף מען באקומען פון מושל המדינה אפראווא זיטעלסטווא, נאכהער אז מען וויל מאכין איין נישעפט דארף מען ווידער קריגען אפראווא טארגאוולע, דער בר בעת זעהט צוא זיין איספראווגע, היטין דיא פונקטין פון פראווע טארגאוולע, ניט האנדלען מיט דיא פרעדמעטין וואס איז פאר-באטין על פי חוקי המדינה, אונ ניט אין דיא צייטין וואס איז פארבאטין, ווייל ער ווייס גוט אויב ער וועט ניט היטין דיא פונקטין פון דיא פראווע, איז לא די וואס מען ייעט צוא נעמען פון איהם דיא פראווע טארגאוולע, קען מען נאך צוא נעמען דיא

פראוועזיטעלסטווא

טער פרנסה ווילען מיר איהם ניט טרויען, ריכטיג וויא יענער וואהנזיניגער אלזא ערלויב מיר, וועל איך איהם ענטפערין.

האָרך איין — זאגט די ווירטהין צום רייטער — זאג דעם גינעדיגען העער (דעם פרינץ) אז מיט מיין בעסטין ווילין וואלט איך ערפיהלען זיין פארלאנג, נור דיא רעליגיאן שטייט העכער פון אלעם, היינט איז בייא אונז שבת וואס עס איז אונז פארבאטין קיינע גישעפטין צוא מאכין, איך בעט איהם טויזענדער מאהל פערצייהונג וואס איך בין דער ווידער זיין ווילין, דיזען מאהל בעט איך איהם צוא נעמען בייא איין צווייטין, אונ אויף ווייטער איז וויא גאטעס ווילין וועט זיין. — דער רייטער האט גישווינד גיבראכט איהר אנטווארט צום פרינץ, דער פרינץ האט פשוט אן גיקוואהלין פון פארגע-ניגען, אונ האט זייער באוואונדערט די פעסטקייט פון דיא פרויא, אונ האט פארווירפע גימאכט דעם פעטער אויף זיין באליידיגונג אזא פיינעם נאראד, אונ דער פעטער איז גיבליבין זיצין אין גיהאקטע וואונדין. עס איז אוועק איינינע טעג, שיקט דער פרינץ בעטין איין רעכענונג ביין קופיעץ.

געוויס וויל דער פרינץ שוין מיט אונז אב האנדלען — זאגט דער קופיעץ צוא זיין פרויא — זאל זיין אזוי, זאגט דיא ווירטהין, אז דער היילינער שבת קאסט אונז אזא טייערין קרבן בין איך נאך מעהר צופרידין, גייא אונ פאס זיך מוטה, דער זכות פון שבת וועט דיר באגלייטין, אונ דיר געבין חן אין דיא אויגין פון פרינץ.

שיין אזויא מיין טהייערער פריינד? האסט מיר גוט אב גיטאהן, זאגט

דער

פראוואזיטעלסטווע אויך, אונ מען וועט איהם הייסין נעמען זיין פעקיל אונ גיין, דאס גלייכין מיר מאמינים אז דיא וועלט איז ניט קיין הפקר, זיא האט איין קעניג וואס האט איהר באשאפין (שבת איז דער זאך פאמיעט אויף דעם) אונ מיר זיצין אויף גאטעס לאנד, בעטין מיר (זכרנו לחיים) השי״ת זאל אונז געבין לעבין אונד גיזונד ד. ה. איין פראוועזיטעלסטווע, אויך בעטין מיר פראווע טארנאוולע, אז השי״ת זאל אונז געבין פרנסה, אין דיא פראווע טארנאוולע איז אבער געשריבין אפונקט (ששת ימים תעבוד ועשית כל מלאכתך ויום השביעי שבת לה׳ אלהיך לא תעשה כל מלאכה) אז עס איז אונז ערלויבט צוא טאהן אמלאכה אונ טארגאוועון נור 6 טעג, אבער שבת האבין מיר קיין פראווע ניט צוא טאהן קיין מלאכה אונ ניט צוא טארגעוועון, דער וואס היט אבער ניט דיא חוקי השי״ת אונ טוט אמלאכה, אדער ער טארגעוועט אום שבת, פארדינט איין שטראף אז לבד וואס מען נעמט בייא איהם צוא דיא פראווע טאר-גאוולע, אז זיין פארדינסט האט חלילה קיין הצלחה ניט, נעמט מען חלילה צוא דיא פראוועזיטעלסטווע, אונ מען הייסט איהם נעמען דעם פעקיל אונ גיין חלילה פון דער וועלט. דרום דארפין מיר זעהען צוא זיין איספראווגע, היטין דיא פונקטין פון דיא פראווע, וועט השי״ת אונז געבין לעבין אונ פרנסה בכבוד.

דער פרינץ צום קופיעץ קאלט בליטיג, נוא נוא איך וועל דיר באלד ווייזן וואס דוא האסט זיך אן גימאכט דער פאר, זאגט ער מיט אשמייכיל.

טראג ארוף פון ווייןקעלער דיא 50 בוטלען סאמפאניער — זאגט דער פרינץ צום לאקייא — דיא דינער האבין ארויף גיטראגין — נא, דאס האסט דער פאר! — זאגט דער פרינץ צום קופיעץ, אונ האט איהם דערציילט דיא געשיכטע וויא ער האט גיוואונען צוליב איהם אפאס שאמפאניער, קומט דיר העלפט 50 פלאשין, אונ האט איהם גיבעטין זיצין מיט גרויס כבוד אונ זאגט יעצט זעהע איך וויא ריכטיג אייער קעניג דוד האט גיזאגט ומי כעמך ישראל גוי אחד בארץ (ש"ב ז, כ"ג) *).

משה'לע איז ארוף גיפאלין דעם פאטער אפין האלדז אונ האט איהם גיקושט, אונ מיט אזא ענטציקונג האט ער אויס געשריען, ליבער פאפא! דיין ערציילונג איז מיר אריין אזויא וויא אגוטער בוימיל אין אלע גלידער, זיא האט מיר באלייכטעט מייגע געפיהלען, וואס פאר אטייערע תורה מיר האבין, אז פרינצין קענען זיך ניט אב לויבין איהר, אונ דוא מיין טהייערער ברודער יאזעף, נעם זיך אין אכט דיזע וויכטיגע ערציילונג, אונ קער זיך צוריק ליבין דעם תנ"ך מיטין תלמוד וואס דוא האסט שוין איניגע יאהר ניט גיוואלט אריין קוקען אין זייא, איך קאוויר דיר אז ווען דוא וועסט נור פארזוכין דעם גישמאק פון דער תורה וועסטו ערסט פארשטיין היא וויט דוא האסט גיבלאנדזעט ביז יעצט.

יא יא דוא בינסט גירעכט מיין ליבער משה'לע — ענטפערט יאזעף וואס איז ענטציקט גיווארין פון משה'לעס רייד, — איך פארשפרעך אונזער ליבען גאסט, אז פון היינט אן, וועל איך זיך צוריק קערין צוא ליבען דיא תורה, אונ דוא ליבער פאטער נעם פאר מיר איין רבי ער זאל ביים מיר לערנען חומש אונ נ"ך אונ תלמוד. אונ איך וועל דאס אלע טאג אויס חזרין, ווייל וויא איך הער דא פארשטייא איך, אז דיא אמתע הערצענס בילדונג קען נור זיין דורך תנ"ך אונ תלמוד.

יא יא מיין ליבער יאזעף — שפריך איך — דוא זאגסט זייער ריכטיג,
אלע

*) פון דיזע געשיכטע איז ארויס צוא זעהען וויא ריכטיג איז דיא רייד פון שלמה המלך ע"ה „חכמות נשים בנתה ביתה" אז אקלוגע אנאטים פארכטיגע פרויא בויט אויף איהר הויז, זיא מיט איהר פעסטקייט צום גלויבין, ווייל זיא פלעגט שטענדיג לעזין אידישע ספרים, אונ ניין הערין אפט מוסר השכל, האט זיא איהם גליקליך גימאכט „ואולת בידיה תהרסנו" אבער דיא לייכטזיניגע פרויא וואס וויא עס קומט צוא ארויביל וועט זיא צוקאכט, אונ עס וועט שוין פארשוואונדין איהר גאנצע אמונה, מיט אזא ארט וואלט זיא איהם אום גליקליך גימאכט.

אלע חכמות בילדין נור דעם שכל אליין, אבער דיא תורה לבד וואס זיא בילדעט דעם שכל, בילדעט זיא אויך דיא הארץ פון מענטשין, אונ מאכט איבער פון לב אבן אויף לב בשר.

ט. מעשצאנעס פון סדום.

טייערער הימיל'שער נאסט! דעם איידעלין גידאנק פון וואשין זיך אונ אברכה, האט איהר אונז שוין ערקלעהרט, ווילען מיר האבין דיא עהרע איהר זאלט אזויא גוט זיין, אונ ערקלעהרין אונז דעם איידעלען גידאנק פון מים אחרונים.

לקראת צמא התיו מים, דעם דארשטיגען טראגט אנטקעגין וואסער, (ישעי' כ"א) ערקלערין דיא חכמי התלמוד דעם מוראל פון דעם, אז דוא זעהסט אז ביא יענעם איז ליב דיא תורה וויא ביין דארשטיגען וואסער, שפאר ניט קיין מיהע אונ באלעהרין איהם, ובפרט אז דער ליבער גאט האט מיר מזכה גיוועזן צוא זיין דער גוטער שליח אייך צוא מאכין אבעגריף אין אונזער רע־ליגיאן, פארזוכין איהר גישמאק, וויא אונזער קעניג דוד ע"ה זאגט טעמו וראו כי טוב ה' פארזוכט נור דעם גישמאק פון דער תורה, וועט איהר זעהען וויא גוט זייען גאטעס גיבאטע, אשרי הגבר יחסה בו גליקליך איז דער מענטש וואס באשיצט זיך אין דעם ליבען גאט, אונ מיט דיא גרעסטע פריידע בין איך גרייט צוא ערפיהלען אייער וואונש.

דער איינפאכער גידאנק פון מים אחרונים איז, אז צוליב דעם כבוד פון ברכת המזון דארפין מאכין דיא הענד ריין, אויך וייל עס גיבט אזא זארט זאלץ פון ים המלח (וואס ביא דיא שטאט סדום) וואס איז שעדליך צוא דיא אויגין, דרום מוז מען נאכין עסין (וואס געווייס קומט פאהר זאלץ ביא אטיש) אונ עס קען זיך אמאהל פארמישין אקערינדיל פון דיא שעדליכע זאלץ, דארף מען פארזיכטיג זיין. אויף דיזען גרונד וועל איך אייך ארוף ציהען איינינע צוועטין וואס דיא חז"ל האבין אונז באמערקט מיט דיא ווארטין להעביר זוהמת המאכל, אונ מיט דיא ווארפין מים אחרונים חובה מפני "מלח סדומית שמסמא את העינים" אז דיא מים אחרונים קומען אב רייניגען דעם מענטשין פון דיא זוהמא (שמוטץ, פארשטאפטע געפיהלען), וואס דער עסין ברייננט אויף איהם, וויא דער שפריך ווארט זאגט: "דער זאטער גלויבט ניט דעם הונ־געריגער, וייל פארין עסין בעת ער איז אויך הונגעריג האט ער געשפירט יענעמס צער, אונ איז אריין אין יענעמס פאלאזעניע, מיטלייד האבין אויף איהם, אונ סטאראייען זיך צוא העלפין וויפיל מעגליך איז, אבער נאכין עסין

פארליר

פארלירט זיך דער הרגש, אונ דיא הארץ ווערט פארשטאפט, אונ ווען אהונגעריגער אנויט באדערפטיגער קומט צוא איהם, ווערט ער נאך ברוגז אונ טראכט ביא זיך „וואס איז דאס עפעס פאר אצרה, ארופ ווארפין זיך אפין צוויטין, ער איז קראנק אליין צוא הארעווען אונ פארדינען”, אונ ווען יענער איז אפילו אקייליקער טראכט ער ביא זיך „ווער ווייסט זייא דיא גנבים זייא מאכין זיך, אום צוא נארין לייטין”, דער מיטאג איז איהם אזויא מזהם אז ער ווערט כמעט איין סדום׳ער מעשצאנין, אין סדום איז אויך געוועזן דיא מאדע אז פון גרוים זעט אונ הצלחה וואס זיי האבין גיהאט (גאון שבעת לחם ושלות השקט כו׳ ויד עני ואביון לא החזיקה, יחזקאל ט״ז) האבין זיי פארלארין דעם הרגש צו גלויבין דעם הונגעריגען אונ נויט - באדערפטיגען אונ האבין גיזאגט „וואס איז דאס עפעס געבין אורחים עסין אונ טרינקען, זייא זייגען דען קראנק אליין צוא הארעוועז אונ פארדינען”! אונ טאמער האט זיך יענער גיקלאגט אז ער איז אקייליקער אויף אפנים אדער עפעס אנדערש, האבין זייא גיזאגט „דאס איז געווים איין שווינדעל מען דארף איהם פרובין”, האט מען איהם אריין גילייגט אין אבעט אונ גיצויגין, זעהען צוא עס איז ריכטיג אויב ער מאכט זיך דאס ניט, ביז וואנען מען האט איהם ארויס גיצויגין דיא נשמה, צוא דעם גייסט-קראנקייט וואס קומט פון פיל זעט, האבין אונזערע רופאי הנפש בעזארגט ארפואה, אז נאכין עסין זאל מען ווייטער וואשין דיא הענד, אום צוא באמערקין אז דער עסין זאל אונז ניט מזהם זיין (פארגרעבין דעם הרגש) אונ האבין דאס אונז אן גימערקט מיט זייער קלוגין וואונק: „ווארום איז מים אחרונים חובה”? וויל עס איז דא מלח סדומית (סדומישע חריפות, — חריפות המוח קומט פון פיל חלקי מלח כידוע לטבעיים) „שמסמא את העינים” וואס פאר בלענדעט דיא אויגין מען זאל ניט זעהען חלילה (דיא קריטישע לאגע פון דעם אונגליקליכען) וואס מען דארף זעהען אונ אינטערעסירין זיך. אונ דעם גאנצין גידאנק פון מים ראשונים ואחרונים האבין אונז דיא חז״ל (ברכות נג:) ארויס גיגעבין אין קורצע ווערטער, אונ איין גיפאסט אין אפסוק פון דער תורה, ת״ר והתקדשתם אלו מים ראשונים, ד. ה. דיא מים ראשונים (וואשין זיך צום עסין) מאכין דעם מענטשין אויפמערקזאם, אז ער זאל זיך הייליג האלטין, ניט צוא קאכט ווערין, בעת ער דער זעהט אגרינגען רובל, אונ ארויס גיין חלילה פון דעת צוא טאהן צוליב איהם כל מעשים מתועבים*) נייערט „והתקדשתם” איהר זאלט הייליגין אייערע געפיהלען,

איהר

*) וויא אונזער הייליגע תורה שרייבט דייטליך. מען זאל ניט געבין קיין פאלשע וואג אונ קיין פאלשע מאס (כי תועבת ה׳ כל עושה אלה) דער וואס טוט דיזעס איז אונווירדיג ביא גאט. אונ ניט דווקא דאס, נור (כל עושה עול) נור ווער עס טוט

אונרעכט

איהר זאלט בראשי׳ען אזעלכע געלט דאס איז פאלשע געלט, דער מאכער פון דעם וועט שטרייננ געשטראפירט ווערין, וויא דען איהר זאלט זוכין אייער ברויט דורך אבשערין אהייליגען מיטיל. „והייתם קדושים״ אונ אום איהר זאלט פארבלייבין הייליג, אז דער עסין זאל אייך ניט פאר שטאפין דיא מענטשליכע רחמנות אונ מיטלייד-געפיהלען אויף דעם אונגליקליכען, אדער צוא טאהן אנדערע נארישקייט וואס פיל זאטקייט אונ וואוילטאג ברייננט מיט*) „אלו מים אחרונים״ אויף דעם באמערקט אונז דיא מים אחרונים, דאס וואשט אונז אב דיא הענט מיט דיא געפיהלען פון דיא מלח סדומית וואס איז מסמא את העינים (פארבלענדעט דיא אויגין) צוא ווערין חלילה בעלי תאוות, אונ אבירי לב מזעקת דל.

אה! וויא ריכטיג דער גידאנק איז, ליבער פאטער! איך בין ענטציקט פון שמחה, אונ איבערהויפט אויף דיא קורצע שארפזיניגע רייד פון תלמוד וואס אין 3 ווערטער אין דער תורה האבין זייא אונז באמערקט אזעלכע איידע-לע טיפע גידאנקען, וואס זאל פארהיטין דעם מענטשין פון דיא גרעסטע טהייל אונרעכט פון דער וועלט, אה! וואס פאר אליבע איך שפיר אין מיין הערצין צוא דיא תלמודיסטין, עס איז צוא קוסען זייערע רייד, יעדער ווארט זייערער איז אקרוין צוא יודישע קאפ, (כמחז״ל (ברכות נח) והתפארת זו תורה וע״ז אנו מברכים בכל יום עוטר ישראל בתפארה), מיר מעגין שטאלצירין מיט אונזער האכגישעצטען תלמוד, חאטשא אין דיא פינצטערע צייט האט מען איהם ניט איין מאהל גיברענט, אונ אונזערע

אונרעכט, אבי וועסען עס איז, סייא איין יהודי, סייא איין איננו יהודי, אין געגענטהייל צוא איין איננו יהודי איז נאך הארבער דיא עבירה, ווייל מען איז מחלל שם שמים אונ כבוד התורה, דער איננו יהודי קען מיינען אז אונזער תורה לערינט אונז צוא טאהן עולות. חלילה. — עס איז אגרויסע שאנדע, פאר אונז אידין, וואס מיר האבין אזא ליכטיגע תורה וואס זיא איז אונז זייער פיל מזהיר אויף עהרליכקייט, אונ בעשרייבט אונז דיא וועלט היסטארישע מיר זאלין זיך פון איהר לערנען פראקטיקע, וואס גזל וחמס האט מיט גיבראכט, אז השי״ת האט אויף זייא אמבול גיבראכט, אויסמעקין זייער גידעכעניס פון דער וועלט, אונ דאס אלעס ווירקט אויף אונז ניט, מיר זאלין זיך אליין ריינינען דיא הענד, אונ איין ארדענע ראיעלע וואג אונ מאס, נור מיר ווארטין אויף פאליציייסקע זייא זאלין קומען אונ מאכין אונז פראטאקאלין אויף דיא פאלשע וואג אונ מאס, אה! וויא נידעריג דאס איז!! עס איז שוין זייער צייט אז מיר זאלין זיך אליין סטאראייען צו זיין ראיעל אין משא ומתן, וועט דאן השי״ת משפיע זיין שפע ברכה והצלחה במעשה ידינו.

*) פן תאכל ושבעת ורם לבבך, — אין הסתה אלא באכילה ושתיה (חולין ד:) — מלוי הכרם מושך אחריו פריקת העול (מסלת ישרים פי״ג) — אין ארי נוהם מתוך קופה של תבן אלא מתוך קופה של בשר (ברכות ל״ב) ודומי׳ (וכאשר ראינו באנשי סדום שמרוב שיבע נעשו בעלי תאוה (הוציאם אלינו ונדעה אותם, הנה יש לי שתי בנות כו׳) לבד אכזריותם על האורחים).

אונזערע פיינדע האבין אנגיוועגדעט אלע מיטלען צו מאכין איהם פארגעסין פון אונז, מיר פאלין אבער ביא זיך ניט, אין געגענטהייל אונזער מוטה ווערט נאך אימער פעסטער אונ שטארקער, ווען מיר לעזין אלע טאג (אין אשרי ובא לציון) דעם קאנטראקט, וואס השי"ת האט מיט אונז גישלאסין דורך דעם נביא (ישעיה נ"ט) ואני זאת בריתי אותם, איך גאט גיב מיין פארזיכערונג (צוא מיין פאלק ישראל), רוחי אשר עליך, מיין גייסט וואס רוהט אויף דיר, דאס איז דיא אלע הבטחות אונ נחמות פון דיא נביאים וואס באגייסטערין דעם אידין, אונ גיבען איהם קראפט אונ מוטה, איבער צוא טראגין זיינע ליידענשאפט, וואס ער האט געליטין (בימי הבינים) אלעם מענטש, אונ איבערהויפט אלעם איד···· ודברי אשר שמתי בפיך אונ מיינע ווארטין וואס איך האב גילייגט אין דיין מויל, דאס איז תורה שבעל פה, דיא ערקלעהרונג פון יעדער מצוה (פון תרי"ג מצות) וואס איז ניט געשריבין דייטליך אין חומש, נור גיזאגט גיווארין מונדליך פון הקב"ה צו משה, אונ משה רבינו האט דאס גילערינט מיט דיא קינדער ישראל, אונ איין דור צום אנדערין (משה קבל תורה מסיני ומסרה ליהושע ויהושע לזקנים וזקנים לנביאים ונביאים מסרוה לאנשי כנסת הגדולה כו' עד רבינו הקדוש מסדר המשנה) וואס מיר רופין דאס "משנה ותלמוד", לא ימושו מפיך כו' מעתה ועד עולם, וועלין ניט אב גיטאהן ווערין פון דיין מויל, אונ פון דיינע קינדס קינדער ביז עוויג, אלע מיטלען וואס אייערע פיינדע (מרוץ ומפנים) וועלין אנווענדין צוא מאכין פארגעסין פון אייך דעם תלמוד וועט גאר נישט ווירקען, אייערע פיינדע וועלין פארלאהרין ווערין, אונ דער תלמוד וועט פארבלייבין ביא אייך אימער אונד עוויג (וכן אמרו חז"ל (גיטין ס:) לא כרת הקב"ה ברית עם ישראל אלא בשביל תורה שבע"פ שנאמר כי על פי הדברים האלה כרתי אתך ברית ואת ישראל) ווייל ער איז אייער זעלע אונד אטהעם, ער בילדעט אייער האראקטער עס זאל קענען שטימען דיא זעלע (וואס איזט פון הימיל) מיטין קערפער (וואס איזט פון ערד) דיא זעלע זאל ניט וועלין פארניכטין דעם קערפער אין גאנצין, וויא דיא חכמי יון (דיאגינים וחבריו) האבין זיך געפיהרט, אונ אויך פאר־היט ער, אז דער קערפער זאל ניט פארניכטין דיא זעלע, וויא דיא בני בליעל (בלי־עול, סווינעניכטסצן) פיהרען זיך, נור לעבט ביידע (דיא זעלע מיט דעם קערפער) פריינדליך, ליבט גאט אונ דיא תורה אונ ליבט אלע מענטשין, אונ זיך אליין אויך. מיט דעם פאר ענדיג איך מיין ליבער פאטער דעם בריף, אין קינפטיגען בריף וועל איך דיר שרייבין א וואונדערליכע סצענע וואס מיר האט פאסירט ביא איין האכצייט, עס וועט דיר פארשאפען פיל פערגעניגען.

דיין טרייע עווינליעבענדע טאכטער מ"א.

צווייטע טהייל.

פאר-רעדע.

עס איז שוין צייט, דיר – מיין ליבער זארגאנישער לעזער – צו ענטוואהנען, גענוג שוין פאר דיר צוקער-לעקאכלאך, דער פון מאכט מען נור קיילע די ציינער, אונ עס קלייבט זיך פון דעם אינערליך ווערים. דוא ברויכסט שוין אנהייבען צוא געניסען געזונטע שפייז, וועלכע פאסט פאר פאלקאמע מענטשין. דרום ביטע איך דיר גיין מיט מיר האנד ביא האנד, איך וועל דיר פיהרען אויף דעם לעבענס-באן אין פארשיידענע גרויסארטיגע שטעלען, איך וועל דיר פארשטעלין בילדער פון לעבין. אבוואל דו וועסט דא ניט זעהען קיין טיראנישע בילדער וויא אין די פוסטע ראמאנען, נור אלעס איידעלע, מילדע אונ צארטע, דאך פארזיכער איך דיר, אז דוא וועסט ניט ווייניגער פארגעניגען האבין וויא פון די פינסטערע ראמאנען. דוא וועסט דא פילייכט באגעגענען איינינע הארטע אויסדריקע אונ קריטיקען, וועלכע וועלין דיר צום אנפאנג ניט אזוי גוט שמעקין (אויב דוא בינסט אנגישמעקט מיט דעם דוך פון ראמאן-צוקער), דאפיר אבער שמעקין זייא מיר זייער גוט, אונ איך בין פון זייא העכסט צופרידען. אונ איך בין פעסט אין דער האפענונג אז מיט דער צייט וועלין זייא דיר אויך גוט שמעקין. אונ דאפיר וואס איך אפפער מיין צייט (אהנע האפפענונג אויף קיינע בעלאהנונג) צו שרייבין פילע זאכין וואס דוא ווילסט, דארפסטו אויך לעזען וואס איך וויל.

נור בעפאר מיר קומען צום וואגזאל פון לעבענס-באן, וועל איך דיר ערצייליז אגילעכטער וואס עס גיבט דוראקעס אויף דער וועלט, אנארישער סקאנדאליסט האט זיך (ניט באטראכטענדיג) איין געשמירט דיא געזיכט אין סאזע, נאכהער איז איהם פארגיקומען אריין צו גיין אין אַרייכע הויז וואס פונקט אנטקעגין טיר איז גישטאנען אגרויסער טריומא-שפיגעל, אבליק טוענדיג אין שפיגעל זעהט ער וויא עס גייט אריין אמענטש אויס געשמירט אזויא דיק אין סאזע, פארדריסט דאס איהם זייער: וויא קומט אזא מנוול צוא זיין אין אזא גרויסארטיגע הויז"? איז ער גיווארין מלא חמה, אונ גייט איהם אנטקעגין מאכין אסקאנדאל. חלעבין וויא ער הייבט אויף אהאנט זעהט ער אז יענער איז אויך קיין טרום ניט אונ הייבט אויך אהאנט, דא האט ער שוין זיין פארדרוס ניט גיקענט אריבער טראגין, אונ איז צו גילאפין האסטיג, אונ אראפ גילאזין יענעם אפאטש. פלוצלונג איז ער ערשראקין גיווארין אונ האסטיג ארויס גילאפין פון

זאל

זאל. — אויף געווים ווילסטו וויסין וואס דער נארישער סקאנדאליסט האט זיך דא אזויא פלוצלונג ערשראקין פאר יענעם? דאס איז גאר איינפאך, ווייל פריער האט ער נור גיהאט צוא טאהן מיט איינעם, אונ איינער אויף איינעם וויים ער אלע מאהל אז ער איז מנצח, אבער דא האבין זיך איהם פלוצלונג געוויאוועט נאך פיר אזעלכע העלדין (ווייל ער האט מיטין פאטש צוא בראכין דעם שפיגיל אויף 5 שטיק) איז ער אנטלאפין קוים מיטין לעבין, דיא פינף זאלין איהם ניט צוא מאלין אויף אש. נוא, וואס זאגסטו אויף דעם דוראק!? (מען ערציילט דאס אפילו נאר אויף איין באק מיט הערנער, נור עס מאכט ניט אויס, ווייל עס גיט מאנכע דוראקעס וואס האבין ניט מער פארשטאנד פון אבאק)

אזעלכע דוראקעס (אדער בעק) באגעגענען מיר פיהל, אז מען שטעלט זייא פאר אשפיגעל (שריפטליך אדער מונדליך) זייא זאלין אין איהם זעהען זייערע פעהלערין אום אב צוא וואשין זיך דעם שמוטץ אונ אום בעסערין זייערע פיהרונגען, ועסטו הערין בעת זייא גייען ארויס פון שוהל (דאכט זיך מיט גרויס התפעלות פון דער דרשה) וויא זייא זאגין: אט האט ער (דער דרשן) זייא גוט גיגעבין! ער האט זייא גוט גידעקט, גוט גיצוואגין דיא קעפ". ועמען? דעם אונ דעם, אלין יענעם אבער איהם חלילה וחלילה, ניט איהם מיינט מען דאס. ריכטיג וויא דער באק וואס מיינט אז דיא הערנער וואס ער זעהט אין שפיגיל איז דאס ניט זיינע נור אצווייטינס. אונ עס גיבט נאך מאנכע שוטים, אז ווען אפילו דער דרשן אדער דער לעהרין בוך חאפט איהם, נור איהם פאר דיא צופרינגעס, שפירט ער אלעס ניט, נור ער זאגט אז מען מיינט דאס יענעם אונ יענעם. ריכטיג וויא דער חכם זאגט (משלי כ"ז) אם תכתוש את האויל במכתש בתוך הריפות בעלי לא תסור מעליו אולתו, ד. ה. אויב דוא ועסט שטויסין דעם דוראק אין אשטופע מיט גאנגאלאך צוא זאמען, הגם ער באקומט גוטע קלעפ אין קאפ, קוים איז גאנגא-לאך אויך דא אין שטופע, זאגט ער אז ניט איהם מיינט מען דאס, נור דיא גאנגאלאך. צו איהם איז קיין אנדער מיטיל דא, נור דיא שטופע זאל זיין ריין, עס זאל זיך איין גאנגעלע ניט געפינען, דאן וועט ער ערשט פארשטיין, אז דיא קלעפ וואס ער וועט חאפין מיינט מען נור איהם, ד. ה. אז אין שוהל בעת דיא דרשה זאל קיין מענטש ניט זיין נור ער אליין, דאן וועט ער ערשט מערקען אז דער מטיף האט איהם גימיינט.

אה, וואס פאר א שלעכטע פריכטע ברייגנט דיא דומהייט וואס דער מענטש זעהט ניט זיינע פעהלערין ווען אפילו מען מערקט איהם אן, אונ מיינט אלעס אז ער איז פיין, אונ אלע פעהלערין איז נור ביי יענעם. עס איז זייער נייטיג צו דער גיין דעם ווארציל, פון וואנען דיא קראנקהייט נעמט זיך, אום מיר זאלין קענען וויא ווייט מעגליך איהר אויס קורירען.

דיא זאך אז גאר איינפאך, מיר קענען עס יעצט באטראכטין גייענדיג צום וואנזאל. דוא זעהסט מיין טהייערער, וויא עס לייפין מענטשין איינע נאך דיא אנדערע מיט קלומקעס, א זעקיל פון הינטין (אפין פלייצע) אונ א זעקיל פון פארינט, געוואנליך יעדער טראגט דעם גרעסערין אונ שווערין זעקיל פון הינטין, אונ דעם קלענערין פון פארינט (אזייא קומט אוים גרינגער צום טראגין), אונ דיא פאסאזירער וואס לייפין איינע נאך דיא אנדערע קומט אוים יעדערין צו קוקען אויף זיין אייגענעם קליינעם קלומיק, אונ אויף דעם צווייטינס גרויסין קלומיק. דאס איז א ריכטיגער בילד פאר אונז מענטשין וואס מיר אלע לייפין (אני רץ והם רצים כו׳, ברכות כ״ח) אונ יעדער האט אויף זיך 2 קלומקעס איינעם פון מעלות (גוטע מדות אונ מצות) אונ איינעם פון חסרונות (שלעכטע ויסען אונ עבירות), בייא דעם ערליכען מענטשין איז דער גרעסערער זעקיל פון מעלות אונ דער קלענערער פון חסרונות, אונ בייא דעם שלעכטין איז פארקעהרט, דרום קומט אוים ביין פרומען אונ ארינטליכען מענטשין דער גרויסער זעקיל מעלות פון הינטין ד. ה. אנדערע זעהען זיינע מעלות אונ לויבין איהם (יהללך זר ולא פיך), אבער ער אליין זעהט נור זיינע חסרונות (וחטאתי נגדי תמיד) אונ אויף דעם אנדערין זעהט ער נור מעלות. דרום האלט ער זיך קליין אונ יעדערין גיט ער כבוד (נבזה בעיניו נמאס ואת יראי ה׳ יכבד), ווייל ער רעכינט יעדערין העכער פאר זיך. אבער דער כסיל וואס זיין זעקיל חסרונות איז מעהר פון זיינע מעלות, קומט איהם אוים דיא חסרונות פון הינטין אונ דיא מעלות פון פארינט, פארגעסט ער גאר אן זיינע פיל חסרונות, אונ קוקט נור אויף זיינע עטליכע מעלות, אונ רעכינט דעם צווייטין אויך אזוי קומט איהם אוים צו קוקען אויף יענעמס חסרונות. דרום איז ער בייא זיך האפערדיג אונ האלט זיך שטענדיג העכער אונ קליגער פאר אלעמען, ווייל אויף יענעם זעהט ער נור חסרונות אונ אויף זיך נור מעלות, דרום איז גאר ניט דורך צוא בלאזין זייער שטאלץ, זייא קענען זיך ניט פארשטעלין וויא גרוים זייא זיינען, אונ דער צווייטער איז בייא זייא גאר נישט. אה! וויא דום זייא זיינען אז זייא באטראכטין גאר ניט אז זייער פיהרונג אליין איז א ריכטיגער בעוויז אויף זייערע נידעריגקייט (אז זייערע מעלות זיינען גאנץ ווייניג, אונ זייערע חסרונות זיינען גאנץ שווערע פעק). וויא דיא חכמי התלמוד זאגין סימן לגסות הרוח עניות דתורה, ד. ה. ווען דוא זעהסט אז איינער איז האפערדיג בייא זיך איז א גוטער בעוויז אויף זיין ארימקייט אין דער תורה. אויך זאגט דער תנא איזהו מכובד המכבד את הבריות דער מענטש וואס שעצט אלע מענטשין איז עס א גוטער באוויז אז ער איז ווערט כבוד. — אונ דיא זעלבע לעהרע לערינט אונז אויך דיא ריינע נאטור, ווען מיר גייען ארוים זומער שפאצירען וואו תבואה וואקסט, זעהען מיר פיל זאנגען

האלטין אראפ גיבויגין דיא קעפ, אונ מאנכע שטייען שטאלץ אונ פערריסען דיא קעפ, דיא אורזאך פון דעם איז גאנץ איינפאך, דיא זאנגען וועלכע זייען פוהל מיט גוטע קערנער האלטין אראפ גיבייגין דיא קעפלאך, אבער די פוסטע זאנגען האלטין פארריסין די קעפ. דאס גלייכין דער אדעלער מענטש וואס זיין מוח איז פול מיט וויכטיגע גידאנקען גייט בכובד ראש, אבער דיא פוסטע מוחות גייען בקלות ראש*) (לייכטזיניג).

יעצט מיין ליבער לעזער, אז מיר האבין זיך שוין ערקונדיגט פון וואנען די קראנקייט פון האפערדיגקייט נעמט זיך, אז דאס איז נור פון די פוסטע לייכט-זיניגע מוחות, וועט דיר שוין לייכט זיין אוים קורירען זיך פון דעם. אונ אז דו וועסט קוקען אין מיין שפיגעל וואס איך שטעל דיר פאר, אונ וועסט זעהען פלעקין (אין דיין פיהרונג) זאלסטו וויסין אז די פלעקין איז ניט אין שפיגעל, נור אויף דיין בילד וייל נור דיין געזיכט זעהסטו אין שפיגעל, דרום זאלסטו זיך סטאראייען גלייך אויסוואשין דעם פלעק פון דיין פיהרונג. אונ זאלסט וויסין אז אשפיגעל איז זייער אפייערע זאך, ווען ניט דער שפיגעל מי יודע וויפיל שטויב אונ שמוטץ עס וואלט אן וואקסין אויף אונזער געזיכט, אונ מיר וואלטין ניט געשפירט, נור דער שפיגעל ווייזט אונז גלייך ארוים דיא ווארהייט, אונ אז מען ווייס אז מען האט פלעקין סטאראייעט מען זיך אוים וואשין, דרום מיין טהייערער לעזער קוק גאנץ אפט אין מיין שפיגעל. אבער ניט חלילה וויא יענער דוראק, וואס האט גיגעבין יענעם אין באק. נור וויא איין חכם וואס פארשטייט וואס אשפיגעל בעדייט, וועסטו געפינען חן בייא גאט אונ לייט.

*) וע"ד צחות יש לכוין בזה המדה כנגד מדה מה שהעולם נידון בפסח על התבואה (ר"ה ט"ז). יען כי חמץ רומז על נסות הרוח כעין שאור שמתנפח (עס בלהזט זיך) ומצה רומז על הפשיטות והתמימות (ענוה) ואם אנחנו מבערין השאור מבתנו היינו יצרא דגאוה שהוא תועבת ה' ונלך בכובד ראש אזי השי"ת נותן ברכה על פני האדמה והשבלים מלאות וטובות וכפופים ראשם לארץ, לא כן אם ימצא חלילה שאור בגבולנו המחמיצנו ונלך בקלות ראש (יען כי גבהו בנות ציון ותלכנה נטויות גרון) אזי העונש נ"כ מדה כנגד מדה ויהיו השבלים צנומות דקות שדופות קדים ונטויות גרון, כעין בעלי גאוה.

א. דער פירטער בריעף.

לאבי מורי, הודי והדרי, שלום וברכה.

מיט גרויס פערגעניגען ערגרייף איך דיא פעדער אב שילדערין דיר אלעס וואס האט מיר פאסירט דיזע וואך, דיא זוהן פון הצלחה האט מיר גישיינט אויף מיינע אלע טריט, אונ איך האב אראפ גישטיגען פון דער סצענע וויא איין העלד, אונ אום דיר פיל פריידע צוא פארשאפען, איך דיר אלעס פאדראבנא.

וויא איך האב ערהאלטין איין איינלאדונגס קארטע אויף דיא האכציים צום ה'.... האבין אן גיפאנגען מיינע גידאנקען צוא שטרייטין אין מיר, פון איין זייט שרייט אשטימע: גייא ניט! וויל דוא וועסט ניט האבין אזויא פיל גידולד איבער צוא טראגין דיא נארישע צערעמאניע וואס איז ניט נאך דעם וואהרען יודישען גישמאק, אונ דוא וועסט ניט זיין אים-שטאנדע אום צוא בעסערין, וועסטו נור בלייבין בייא הערץ שמערצין, פון דער צווייטער זייטע דונערט איין העכערע שטימע: ניט אומזיסט האט דיר השי"ת באגאבט מיט אזא ספאסאב-נאסט צוא באלעבין פארשמאכטע זעלעם מיט דיינע זיסע אונ פריינדליכע רייד, דארום האסטו קיין רעכט ניט זיך צוא ענטזאגען, פיל דוא וועסט קענען אויס בעסערין איז זייער טייער בייא השי"ת, אונ נאך איין לאנגען ישוב הדעת האב איך גירעשעט צוא גיין, איך האב זיך ארינטליך אן גיקליידעט, אונ בין אוועק גיפאהרין אין זאל פ..........

דער זאל וואהר צוא געצירט זייער רייך, דיא בופעטין זיינען גיוועו צוא געריכט מיט דיא שענסטע אונ בעסטע שפייז אונ פרוכט, אשיינער ארקעסטער מוזיק האבין זייער הערליך געשפילט, מחותנים זיינען צונויף גיפאהרין גרויס-ארטיג גיקליידעט, דא נעמען זיך שיטין קאוואלערין מיט פריילינס מיט דיא ווייסע האנדשין, פעכערס אונ בלומען, אז עס פארשיינט אונ פארבליצט דיא אויגען, אונ מען שפאצירט איבערין זאל, איך גייא אויך ארום הין אונ צוריק איבערין זאל, איך הער אין דעם ווינקיל אמאזירין זיך הערין מיט דאמען, אונ מען פאסט זיך צוא, יעדער הער איין דאמע מיט וועמען צוא טאנצין, אין צוויי-טין ווינקיל זיצין פראנטין אונ האלטין איין ראזגאוואר וועגין יענע פריילין וואס האט יעצט ערשיינט אין אבאלאווע קלייד, וואס פאר אקאמפלימענט איהר צוא מאכין, וויא עס פאסט פאר איהר באלאווע קלייד? אדער וויא פאר איהר טאטין

דעם

דעם שכור ? אונ קענען נאך עד היום ניט רעשענען דעם וואפראס , אונ דא גייט ארום דער בדחן אגישטאפטער אינדיקיל מיט אברייטין קערקיל אונ בלאזט זיך , אונ אלע ווילע לייפט ער צוא דיא פראנטין אונ קערט וועלטין , ווארום זיינען זייא מבטל דיא צייט אין שמועסין אונ גייען שוין ניט טאנצין , ער איז ניט קיין מקפיד , עס מעגין זיך צוא זאמען פארין א פערד מיט איין קוה , אבי אקערביל דער צוא .

עס וועט נאך פיל דויערין ביז דער חופה ? פרעג איך דעם מחותן .

נאך צווייא שטונדין , וואהר זיין אנטווארט , וויל מיטין פאיעזד דארף קומען איין וויכטיגער מחותן , וואס ער וואהר דיא גאנצע קאפ פון דער שמחה .

מיין טהייערע ! זאגט צו מיר דער מחותן , מיר האבין גיהערט , אז איהר זייט אים-שטאנד צוא פארשאפין פארגעניגען איין גיעהרטע פובליקע מיט אייערע קלוגע רייד , פארלאנגען מיר צוא האבין דיא עהרע הערין עטוואס , אום צוא פארברייגען אין פערגעניגען , ביז דער צוג וועט אן קומען .

מיין גרעסטער וואונטש איז צוא דינען מיינע טהייערע ברידער מיט וואס נור איך פייהיג בין , — וואהר מיין אנטווארט .

בעפאהר איך האב אן גיהייבין מיין גישפרעך , פרעג איך ביי מיינעם אבעקאנטין אויף איינינע הערין אונ דאמען וואס דרייען מיטין עק וויא דיא פאוועס , אז עס איז גאר ניט דורך צוא בלאזין זייער שטאלץ .

דיזע פריילין איז איין ארימע קינד איין זעמסערקע , דער פאטער איז איין ארימער פורמאן , זיא פארדינט 2 רו"כ אוואך , דארף זיא זיך פון דעם שפייזין אונ קליידין , אונ דיזע איז דאס גלייכין איין קרעמערקע , אונ דיזע איין שטריקערקע פון גאנץ ארימע עלטערין , אונ דיא קאוואלערין זיינען אויך פון ארימען שטאנד , מיין גאט ! גיב איך אזיפץ פון גרונט הארצין , אה ! וואס פאר איין מאסקירטע וועלט עס איז !

איך זאג מיר שטילערהייד מיט גרויס כוונה דיא קורצע בקשה יהי רצון שיהיו דברי נשמעים לעבודתך , ד. ה. עס זאל זיין דאביי דער ווילען פון השי"ת אז מיינע רייד זאל זיין גיהארכזאם , צוא נייגין דיא הערצער צוא גאטעס ליבע דוא זאלסט מיר געבין א גלאטע זיסע אויס שפראכע מיינע ווערטער זאלין עפענען די הערצער פון די גיעהרטע פובליקע, אריין טריפין אין זייא אהבת תורה ויראת שמים , וויא פאר דיר פאטער אין הימיל איז אנטפלעקט מיין ריינע הארץ , אז מיין קריטיק איז ניט חלילה צוא שענדין דיין הייליגע פאלק, נור צוא צוריכטין אגוטין מעדיצין (אגוטין אב פיהרונג) אציסצין דעם שמוטץ, אונ אראפ נעמען דיא בעלמעס פון דיא אויגין, ערלייכטין זייא צוא זעהען דיא אמתע וועג על פי

התורה

הַתּוֹרָה וְהַמִּצְוָה, אונ מִיט דֶעם הָאבּ אִיךְ בַּאקוּמֶען מוּטה, אונ אָן גִיהֵייבִּין מַיין רֶעדֶע.

ב. דֶער וָואלְף מִיט דִיא פְּרַאנְטִין.

מַיינֶע תְּהַייֶערֶע שְׁוֶועסְטֶער אונ בְּרִידֶער, אִיךְ וֶועל אַייךְ עֶרְצֵיילִין אַ אִינְ־טֶערֶעסַאנְטֶע גֶעשִׁיכְטֶע וָואס אִיךְ הָאבּ צוּא גִיזֶעהֶען בַּיי מַיין לֶעצְטִיגֶע רַייזֶע, נור אִיךְ פַּארְלַאנְג גוּט אַיין צוּא הָארְכִין, וַוייל פוּן אִיהְר קֶען מֶען פִיל זִיכִין לֶערְ־נֶען, דִיא גֶעשִׁיכְטֶע וַואהְר אַזוֹיא.

פָאהְרֶענְדִיג מִיט פָּאצְט דוּרְכִין וַואלְד פ... אִיז מִיט אוּנְז גִיפָאהְרִין אַחַזָן מִיט הֶעלְפֶער.— דָא אִין וַואלְד אִיז אַגוּטֶע גִילֶעגֶענְהַייט אִיךְ זָאל מִיר אוֹיס פְּרוּבִין מַיין שְׁטִימֶע, — רוּפְט זִיךְ אוֹיס דֶער בַּאס — עֶר (דער באס) זָאל אִיהְם צוּא קַיין קִנְאַי נִיט זַיין, הָאט גִיהַאט אַשְׁטִימֶע עֶהְנְלִיךְ צוּא אַיין אַלְטִין בָּאק, וִויא עֶר הָאט זִיךְ זָא פַּארְנַאנְדֶער גֶעשְׁרִיעֶן אוֹיף דִיא הוֹיכֶע טֶענֶער, הֶערִין מִיר אַשְׁטַארְקִין רוֹישוּנְג אִין וַואלְד, מִיר קוּקִין זִיךְ אַרוּם הִין אוּנ הֶער, וִויא עֶרְשְׁטוֹינְט זַיינֶען מִיר גִיוָואהְרִין זֶעהֶענְדִיג, אַז עֶס לוֹיפְט אַגְרוֹיסֶער וָואלְף, אָפִין דִיא מוֹיל, אוֹיס גִישְׁטַארְצְט דִיא צֵיינֶער, אונ גְלַייךְ צוּם חַזָנ'ס בּוֹיד, מִיר הָאבִּין זִיךְ זֵייעֶר עֶרְ־שְׁרָאקֶען, אונ אִיבֶּערְהוֹיפְּט דֶער בַּאס, אַז עֶס אִיז פוּן אִיהְם פָּשׁוּט אַש גִיוָוארִין, נוּר דֶער חַזָן וַואהְר אַיין גְרוֹיסֶער הֶעלְד, עֶר שְׁפְּרִינְגְט אַרָאפּ פוּן בּוֹיד, אונ שְׁטֶעלְט זִיךְ שְׁטָאלְץ אַנְטְקֶעגִין דֶעם וָואלְף, אונ הֵייבְּט אָן פְרֵייעֶר מִיט גוּטִין „שָׁלוֹם עֲלֵיכֶם ר' זְאֵב, וָואס גוּטְס וֶועט אִיהְר זָאגִין"?

„לִיבֶּער הֶער קַאנְטָער"! אַנְטְוָוארְטֶעט דֶער וָואלְף, — אִיךְ בִּין שְׁרֶעקְלִיךְ הוּנְגֶערִיג, אִיךְ גֵייא אַרוּם אִין וַואלְד, אונ הָארְךְ טָאמֶער וֶועל אִיךְ דֶער הֶערִין עֶפֶּעס אַקוֹל פוּן אַשֶׁעפֶּעלֶע אָדֶער אַצִיקֶעלֶע, וִויא עֶרְפְרַייט בִּין אִיךְ גִיוָוארִין, אַז אִיךְ הָאבּ דֶער הֶערְט אַשְׁטִימֶע פוּן אַבָּאק, עֶס אִיז מִיר גִיוָוארִין לִיכְטִיג אִין דִיא אוֹיגֶען, דְרוּם לִיבֶּער הֶער קַאנְטָאר גִיט מִיר אַרוֹיס דֶעם בָּאק וֶועל אִיךְ אַנְטְלֵייפִין פוּן אַייךְ.

לִיבֶּער ר' זְאֵב — שְׁפְּרִיכְט דֶער חַזָן מִיט אַגְרוֹיסִין גִילֶעכְטֶער, — אִיהְר הָאט אַגְרוֹיסִין טָעוּת גִיהַאט, דָאס הָאט נָאר מַיין בַּאס גֶעשְׁרִיעֶן.

לִיבֶּער ה' קַאנְטָאר, — שְׁפְּרִיכְט דֶער וָואלְף מִיט צָאהְרִין — אַייעֶרֶע הַמְצָאוֹת וִויל אִיךְ גָאר נִיט וִויסִין, אִיךְ וֵויים מֶעהְר נִיט וָואס מַיין פָאטֶער הָאט מִיר אִיבֶּער גִיגֶעבִּין, בְּעֵת הַשִׁי"ת הָאט גִיבֶּענְטְשְׁט נֹחַ'ן אַרוֹיס גֵייעֶנְדִיג פוּן תֵּבָה מִיט דִיא וֶוערְטֶער ומוראכם וחתכם יהיה על כל חית הארץ ד. ה. אַייעֶר פָארְכְט זָאל זַיין אוֹיף אַלֶע ווילְדֶע טְהִירֶע פוּן דִיא עֶרְדֶע, אונ הָאט אוּנְז חַיוֹת שְׁטְרֵיינְג

פארבאטין

פַארְבָּאטְין מיד כל חיה אדרשנו , אַז עֶר וֶועט אוֹיפְפָאדֶערְן דִיא בְּלוּט פוּן מֶענְטְשִׁין פוּן אַלֶע ווִילְדֶע טְהִירֶען , הָאבְּין מַיינֶע עֶלְטֶערְן גִיבֶּעטְין בַּייא השי״ת, עֶר זָאל זֵייא גֶעבִּין סִימָנִים מִיט וָואס לַייכְט צוּא דֶערְקֶענֶען אַיין מֶענְטְשִׁין , זֵייא פַארְשְׁפְּרֵייטִין זִיךְ דָאךְ אוֹיף דֶעם גַאנְצִין עֶרְד קוּגִיל , וָואס זֵיא אִיז בַּאדֶעקְט מִיט פַארְשֵׁיידֶענֶע בְּרוּאִים , אִיז דָאךְ אוֹיף יֶעדֶער אוּנְבֶּעקַאנְטֶע בְּרִיאָה קֶענֶען מִיר מֵיינֶען אַז דָאס אִיז אַמֶענְטְשׁ , אוּנ מִיר וֶועלִין לַיידִין הוּנְגֶער אוּמְזָאנְסְט . וַוייל אִין דֶער ווַארְהַייט אִיז דָאס נִיט קַיין מֶענְטְשׁ , אוּנ מִיר הָאבִּין עֶרְלוֹיבֶּענֶעס אִיהְר צוּא רַייסִין , אוּם צוּא שְׁטִילִין אוּנְזֶער הוּנְגֶער . אוּנ מַאנְכֶע מָאהְל קֶען טְרֶעפִין פַארְקֶערְט , וֶוען אַנואהֶרֶער מֶענְטְשׁ וֶוערְט פַאר אִיהְרְט אוֹיף אַיין ווִיכְּטִין אִינְזִיל פוּן נוּר חַיוֹת רָעוֹת , אוּנ זַיין נוֹיט בְּרֵיינְגְט אִיהְם מִיט אָן צוּא טָאהְן זִיךְ אִין אַצִיגֶען פֶעל (ווִיא רָאבִּינְזָאהְן אַפִין אִינְזִיל) , קֶענֶען מִיר מֵיינֶען אַז דָאס אִיז אַצִיג , אוּנ אִיהְם צוּא רַייסִין , אוּנ פַאר זִינְדִיגֶען אוּנְזֶערֶע יָאהְרִין .

„דִיזֶען סִימָן זָאלְט אִיהְר הָאבִּין פוּן אַמֶענְטְשִׁין בִּיז אַיין בְּהֵמָה״ , — וַואהְר דֶער אַנְטְוָוארְט פוּן הקב״ה , אִין דִיא 4 קְלַאסִין דצח״ם*) וָואס אִיךְ הָאבּ בַּאשַׁאפִין אוֹיף מַיין וֶועלְט , זַייט אִיהְר חַיוֹת דִיא דְרִיטֶע קְלַאסֶע , ד. ה. אִיהְר זַייט נוּר „בַּעֲלֵי חַיִּים״ אָבֶּער דֶער מֶענְטְשׁ אִיז דִיא הֶעכְסְטֶע קְלַאסֶע „מְדַבֵּר״ (רעדנער) , אוֹיבּ אִיהְר הֶערְט פוּן אִיהְם דִיא שְׁטִימֶע פוּן אַמֶענְטְשִׁין טָארְט אִיהְר זִיךְ אָן אִיהְם נִיט אָן רִירִין , אַזוֹיא הָאט מַיין זֵיידֶע אִיבֶּער גִיגֶעבִּין צוּא מַיין פָאטֶער , אוּנ מַיין פָאטֶער הָאט מִיר אַזוֹיא גִילֶערְנְט , הַיינְט אַז אִיךְ הֶער אַז זַיין שְׁטִימֶע אִיז נִיט פוּן קַיין מֶענְטְשִׁין , נוּר פוּן אַיין בָּאק , הָאבּ אִיךְ פְּרַאוו מִיט אִיהְם צוּא זֶעטִיגֶען מַיין גְרוֹיסִין הוּנְגֶער .

לִיבֶּער ר׳ זְאֵב , — שְׁפְּרִיכְט דֶער חַזָן , — אִיהְר קֶענְט זִיךְ דָאךְ אִיבֶּערְצַייגִין אַז דָאס אִיז אַמֶענְטְשׁ , וַוייל עֶר גֵייט גִיקְלֵיידֶעט ווִיא אַ מֶענְטְשׁ .

וֶועגִין דִיא אִיבֶּערְצַייגוּנְג פוּן קְלֵיידוּנְג , — עֶנְטְפֶערְט דֶער וָואלְף , — הָאבּ אִיךְ שׁוֹין מִיט אַיָאהְר צוּרִיק גִיהַאט אַ דִיסְפּוּט (וִויכּוּחַ) מִיט אַגַאנְצִין דָארְף בּוֹיֶערִין , בִּיז וַואנֶען עֶס אִיז אָן גִיפָאהְרִין דֶער גְרַאף פוּן שְׁטֶעטִיל , אוּנ הָאט מַסְכִּים גִיוֶוען אַז אִיךְ הָאבּ רֶעכְט .

דִיא גֶעשִׁיכְטֶע וַואהְר אַזוֹיא — זָאגְט וַוייטֶער דֶער וָואלְף , — פָאהְרִיגֶען

*) דוֹמֵם , צוֹמֵחַ , חַי , מְדַבֵּר . „דוֹמֵם״ הֵייסְט , אַלֶע שְׁטוּמֶע , אוּנְבֶּעוֶועגְלִיכֶע זַאכִין צוּם בַּייא שְׁפִּיעל , שְׁטֵיינֶער , עֶרְד , נִיט זֵייא וַואקְסְן אוּנ נִיט זֵייא רֵיידִין . — „צוֹמֵחַ״ הֵייסְט אַלֶע שְׁפְּרָאצֶענְדֶע זַאכִין , דְהַיְינוּ גְרָאז , בּוֹימֶער . — „חַי״ הֵייסְט אַלֶע לֶעבֶּעדִיגֶע זַאכִין . — „מְדַבֵּר״ (רעדנער) , דָאס אִיז דֶער מֶענְטְשׁ , וָואס דוּרְךְ דִיא נְשָׁמָה וָואס השי״ת הָאט אִין אִיהְם אַרַיינְגִיבְּלָאזִין , הָאט עֶר גִיקְרָאגְן אַיין „רֶעדֶע גַייסְט״ (כמו שתרגם אונקלוס ויהי האדם לנפש חיה, לרוח ממללא).

באוויגאד האט זיך מיר אויך פאסירט אזא סלוצייא, איך האב אפאר טעג ניט גיקראגין קיין שפייז, איך בין ארום גילאפין ארום דיא דערפער, פילייכט וועל איך עפעס חאפין, אונ האב צוא מיין גרויסין אונגליק קיין זאך ניט גיטראפין, מיט אמאהל הער איך לעבין אדארף גענז סאקאצען, איך דער פרייא זיך אונ רעכין אז פארנויט וועל איך חאפין אגאנז, פארטרייבין מיין גרויסין הונגער, איך לייף צוא נאהענט, איך זעהע עס שטייען אגאנצע שטאדע בויערטעס אויס גיפוצט אין עסיג אונ אין האניג, אונ סאקאצען וויא דיא גענז, איך האב מיר מיין פאטערס סימן צוא ערקענען ווער אמענטש איז, ווען דיא שטימע אונ דער ריידין איז וויא אמענטש, אז איך הער אבער דא, אז עס איז גאר ניט גירעדט וויא מענטשין ריידין, ד. ה. איינער זאל ריידין גילאסין, אונ אלע הארכין צו, דא אבער סאקאצען אלע, איינע הערט ניט דיא אנדערע, אונ נאך אנאנד, פונקט וויא אסטאדע גענז, חאפ איך מיר איינע פאר דיא שלעפע פון הינטין, אונ וויל לייפין מיט איהר אין וואלד.

קוים האב איך נאך ניט אוסגעשפייעט ארויס לייפין פון דארף, אז עס האפט זיך דאס ארויס איין יונגער קאוואלער, אונ גיט אויף מיר אדונער מיט זיין שטימע, „דוא בלינדער צארט! זעהסטו ניט אז דאס איז מענטשין, וויא קומסטו צוא רייסין מענטשין"!?

מיט וואס זעה איך דאס מענטשין? ענטפער איך, וועדליג דעם סימן וואס מיין פאטער האט מיר איבער גיגעבין איז דאס גאר גענז.

דוא אונפארשעמטער וואלף! הער איך אדאנערשטימע פון אצווייטין קא-וואלער, וויא קומסטו אזויא צוא באליידיגען דאמען דוא אונגעבילדעטע בא-שעפענעס, דוא האסט זיך גאר ניט גילערינט וויא אב צו געבין דאמען רעכט?

בייא דיזע רייד איז אן גיפאהרין דער גראף פון שטעדטיל מיט זיינע 2 גרוי-סע יאכט הינט, די הינט האבין מיר אחאפ גיטאן אונ גיטראגין אין דער לופטין גלייך צום גראף, דיא קאוואלערין פאלין דעם גראף צוא דיא פיס, אונ ערציילין איהם די געשיכטע דעם מארדטהאט וואס איך האב גיוואלט טאהן, אונ איבער-הויפט וואס איך האלט ניט פון דאמען רעכט.

בכריעה והשתחויה בין איך גיפאלין דעם גראף צו דיא פיס, ער זאל מיר ניט פאר משפטין, בעפאהר ער וועט אויס הערין מיינע טענות, אונ ער האט מיר איין גענויליגט מיט דעם באדינג, אויב איך וועל מנצח זיין דעם וויכוח, וועט ער מיר געבין אגוטין מיטאג, אז ניט וועל איך געבאך זיין אמיטאג צוא זיינע הינט.

דוא אונוויסענדער וואלף! שרייט דער גראף, וויא אזויא האסטו דאס ניט

קיין

קיין בעגריף אין דאמען רעכט, וואס דאס ווייסין פיל בעלי חיים, ווארום האסטו זיך ניט גילערינט קיין דרך ארץ ביין האן? הנם ער האט אסך ווייבער, אונ דארף זייא ניט חנפענען זייא זאלין איהם ליבין, פון דעסטוועגין איז צוא באט־ראכטין, אז בעת ער ראמאנסירט מיט זיין געליבטע, דרייט ער זיך הערום ארום איהר, אונ לאזט אראפ זיין פליגיל צוא דער ערד, מיט דעם גיט ער איהר האַ־פענונג אז ער וועט איהר קויפין אשטאט קלייד מיט אשלעפע ביז דער ערד (עירובין ק: ובוננא ליך וינא כו׳) אונ דוא ביזט אזויא פארגרעבט, אונ הייבסט גאר ניט אן צו־וויסין קיין אנהייב פון דאמען רעכט.

וויא פארהונגערט אונ ערשראקען איך בין גיוועזן, — שפריכט דער וואלף, האב איך מיר גיפאסט מוטה צו געבין אנטווארט אויף אלעס, אויף די ערשטע פראגע, ווארום האב איך מיר ניט איבערצייגט פון דיא קליידער אז עס איז מענטשין? וואהר מיין אנטווארט אז עס איז אגרויסער אירטהום וואס כמעט אלע דאמען דיינקען, אז די גאנצע מענטשהייט ליגט אין די קליידונג, אונ די וואס איז שענער אונ גרויסארטיגער גיקליידעט, איז גרויסארטיגער אונ וויכטיגער, דיזער גרויסער אירטהום האט אזויא ווייט מיט גיבראכט, אז לא די וואס פון דעם איז גרויסע באנקראטין אונ גזלות, קומט נאך מאנכע מאל פון דעם גרויסע מארדין, וואס יונגע קינדער ערמארדען זיך זעלבסט מיט דיזען ארט, איין ארימע מיידיל וואס איהר פארדינסט איז זייער ווייניג, אונ זיא דארף זיך שפייזין פון דעם, קארגט זיא אזויא ווייט אונ פאר מארעט זיך, זיא קומט אב מיט 8 קאפ׳ ברויט אטאג, אונ צירקילט אויס אז עס זאל איהר בלייבין העלפט שכירות אויף מאדעס, אונ אלע נארישקייט, ווייסע הענצקעלאך אונ אלע וויילע איבער מאכין דיא היטעלע, אפעבער אונ פודרע, ביז וואנען זיא ווערט אב גישוואכט, אונ אז זיא האט חתונה בלייבט זיא נאכהער אגרויסע בעל חוב פינף טענדלערקעס וואס איינע וויים ניט פון דיא אנדערע, עס קומט אזויא ווייט אז אנדערע האבין קיין כח ניט אויס צוא טראגין אקינד. אה! דוא פארפלוכטע מאדע! דוא ווילדע טהירע! דוא מענטשענפרעסערין! שרייא איך מיט מיין פארביטערטע שטימע, איהר אונשולדיגע שעפעלאך (יונגע דאמען את פריילינס) פאלט אונטער דיא שארפע נעגיל אונ ציינער פון דיא פארפלוכטע מאדע פיהלע מעהר וויא דיא ציקלאך אונטער אונזערע וואלפישע ציינער*).

אונ

*) עס וואלט גיוועזן זייער אפיינע זאך, אז אונטער דיא אלע וואלטהאטין וואס אונזערע אדעלע דאמען האבין איפגיטאהן וועגין זייערע ארימע ברידער אונ שוועס־טער זאלין זיי אבראצייען וויכטיגע וועגין דיזען וויכטיגען וואלטהאט, היינו צונויף ריידין זיך מיט פיהל גרויסארטיגע רייכע דאמען אוועק צוווארפין דעם לוקסוס אונ דיא

מאדעם

אונ וויא האלסטו , מיין וועלוועלע ? זאגט דער גראף . מיט וואס דען באשטייט דיא עהרע פון איינע דאמע , אז ניט וויא מיט איהרען שייגעם אנצוג ?

ניין , ניין ! גאר ניט מיט דיזע דומהייט , אנטוואָרטעט דער ארימער וואלף , נור מיט איינע אנדערע וויכטיגע זאכין . — זאג מיר אויך מיט וואס ? פרעגט דער גראף

גראף

מאדעס , אונ גיין איינפאך גיקליידעט אן סאמעט אונ זיידינס , וואלטין זייא מיט דעם גירעטעט אונזער פאלק פון פיל אונגליקען , ווייל דער גימיינער נאראד שטרעמט אלעס נאך צו טאהן דיא רייכע דאמען פון הויכין קלאס , אונ פון דעם שטאמט גרויסע אונגליקען , דאס ערשטע בלייבין זייא (דיא גימיינע מענטשין) אן כחות נאך לייפינדיג דיא מאדע , וויא צום ביישפיל , ווען אפויערשער פערדיל וויל נאך האלטין אפאר גוטע אויס גירוהטע פערד וואס אגראף פאהרט ארוים שפאצירען , פארשטייט זיך דאך אז ער בלייבט אן קרעפטין , אונ קען זייא ניט נאך האלטין . דאס צווייטע איז ווען אונזערע שכנים זעהען וויא אידישע טעכטער גייען ארוים ארטיג גיקליידעט , רעכענען זייא נאר ניט אוים , אז אונטער דעם סאמעטענעם מאנטיל אונ זיידענע קלייד ליגט אגרויסער אבריייטער דלות , זייא רעכענען נור פארקערט , אז דיא קליידונג איז אזוי רייך , היינט וויפיל בלייבט נאך אין טאש , אונ דאדורך ציהען מיר ארויף אויף זיך פיל קנאה אונ שנאה אונ צרות גאר אן איין שיעור . — אונ דאס וואלט מעהר ניט גיוועזן שוועד נור דער אנפאנג , נאכהער וואלט שוין דאס אוועק וויא אמזמור . אונ מיט דיזע קלייניגקייט וואלטין זייא גירעטעט זייערע *ארימע ברידער אונ שוועסטער פיהל מעהר וויא מיט זייערע אלע וואלטהאטין . אונ דאס פאלק וואלט זייא האבין אימער צו גידיינקען , חויא דער תלמוד (כתובות ח:) דערציילט אויף דעם תנא רבן גמליאל הנשיא , אין זיין צייט וואהר די מאדע ביא אידין צו מאכין אגרויסע צערעמאניע ביא הוצאות המת לקבורה , היינו תכריכין זיידענע אונ בלומען קראנצין , אונ נאך אזעלכע זאכין וואס פלעגט אב קאסטין אמיינגע געלט , אז דיא שווירינקייט פון באערדיגונג איז גיוועזן ביי די פאמיליע ערגער וויא דער צער פון זיין שטארבין , אונ אנדערע ארימע פאמיליען פלעגין לאזין דעם נפטר אונ אנטלייפין . וויא דער נשיא האט באטראכט אז דיזע מאדע (הגם איהר יאדרע איז זייער אטייערע , זיא פארפלאנצט אין נאראד דיא אמונה פון השארת הנפש מיט תחית המתים , דאך אבער) פארשאפט זיא גרויסע אונגליקען אפין ארימען נאראד , איז ער ארוים דער ערשטער אונ האט גילאזין צוואה , אז מען זאל איהם באערדיגען גאנץ איינפאך אין פשוטע תכריכין אן בלומען קראנצין , אונ פון דענסטמאהל אן איז בטל גיווארין דיא צערעמאניע , דערציילט דער תלמוד אז עס איז גיווארין איין מנהג ביא אידין , קומענדיג פון בית עולם פלעגין דיא מנחמים אויף הייבין אכוס יין צום גוטין אנדיינקונג פון דעם היילינען מענטשין וואס האט גירעטעט דעם נאראד פון דיא גרויסע יסורים וואס זיי האבין געליטין פון דער מאדע . — דיזע גוטע לעהרע מעגין געמען אונזערע וואלטהעטיגע דאמען אין גידאנקען , אונ סטארייען זיך איהר נאך צוטאהן , אונ ווען ניט האב איך מורא צו זאגין אז די הויכארטיגע דאמען וואס פארברייטערין דעם לוקסוס אונ מאדעס , ערמארדען זייא דעם ארימען נאראד מיט זייער רעכטע האנד , חאטשיא מיט די לינקע האנד טוען זייא פיל צדקות אונ וואלטהאטין , אונ מען קען זייא חלילה פארגלייכין צו אמאהליגע וועלט - באנדיטען וואס מיט דיא רעכטע האנד האבין זייא מארדהאטין פארשאפט , אונ מיט דיא לינקע האנד האבין זייא זיך געוויזין פאר גרויסע מתנדבים כו' כו' .

גראף, איך בין עס נייגעריג צו הערין, ווייל אבוואהל וויא רייך איך בין שפּיר איך אויך פון מיין פאמיליע דעם ווייטאג פון דיא שארפע ציינער אוים דיא פארפלוכטע מאדע.

איך וועל אייך דערציילין ליבער הער — אנטווארטעט דער ארימער וועל־וועלע — מיין פאטער האט מיר ערציילט, אז זיין עלטער עלטער זיידע האט גי־האט דיא עהרע צוא זיין אבאדינער (וויל ער האט דאך גיהערשט איף חיות אונ אלע ברואים) אין טאנצזאל ביא שלמה המלך (בעת ער האט מגייר גיוועזן דיא טאכטער פון מלך צור, אונ גינומען איהר פאר איין פרויא), האט ער גיהערט וויא די משוררים בני קרח האבין גיזונגען אליד לכבוד המלך והמלכה, דיא מלכה איז דאן גי־גאנגען אין אקלייד פון טהייערע זיידינס גיקעסטילט מיט גאלד, אונ גיזעצט מיט בלומען אונ בריליאנטין, וואס דאס וואהר איינס אין דער וועלט. פון דעסטוועגין האבין דיא קלוגע משוררים ניט באזונגען דיא רייכקייט פון איהר קלייד, ווייל דיא האבין גוט פארשטאנען אז אין דעם ליגט קיינע עהרע*), ווייל דאס קען באהייבין יעדער שפלה דאמע, ווען זיא באקומט נור געלט מיט רעכט, אדער מיט אונרעכט, וויא איין ווירטהין פון איין עפענטליכע אונפארשעמטע הויז, קען זיא זיך שוין מאכין אטייערע קלייד, אשיינע הוט וויא איין פאווע, אדער

נאך

*) עהרע פאר שיינע קליידונג אונ ציהרונג, קומט נור וואיענע מענטשין וואס זייער פארמע ווייזט אויף זייער צין, אונ דיזעס האט מען זייא גיגעבין (ניט אליין גינומען) פאר זייער פארדינסט, אדער וויא עס האט זיך געפיהרט פארצייטין ביי די גרויסע מענער, אז מאנכע פרויען־ציהרונג איז זייא גיגעבין גיווארין נאך זייערע גוטע מעשים, וויא דער תלמוד ערציילט (ירושלמי שבת פ"ו) אז דער גרויסער תנא ר׳ עקיבא האט גימאכט זיין פרויא רחל׳ן איין תכשיט „ירושלים דדהבא" (אזא מין גאלדענעם ציהרונג. גיגראווירט דיא פא־טאגראף פון אונזער הייליגע שטאט ירושלים צוא טראגין אפין קאפ) האט דאס גיזעהען דיא פרויא פון דעם נשיא רבן גמליאל, אונ האט פארלאנגט פון איהר מאן (דעם נשיא) ער זאל דאס איהר אויך מאכין, האט ער איהר גיענטפערט, איך האב קיין רעכט ניט דיר דאס צוא מאכין, ווייל דיינע מעשים קומען ניט צו רחל׳ס מעשים, רחל האט אזויא ווייט געליבט תורה, אז אינפאיהרע שלעכטע צייטין האט זיא ניט גיוואלט שטערין איהר מאן פון תורה לערנען, אונ איז צופרידען גיוועזן צו לעבין אין אריטען אופן, זיא האט מאנכע מאהל זיך אפ גישארין איהרע שיינע לאנגע האר, אונ פארקויפט, אום דורך צו לעבין אונ ניט שטערין איהר מאן פון תורה לערנען, זיא האט גאר ניט געקוקט וואס זיא שטאמט פון אזעלכע רייכע עלטערין וויא כלבא שבוע (איינער פון דיא בארימטע מיליאנערין אין ירושלים), איהרע פערגעניגען אונ ציהרונג איז גיוועזן איבערהויפט דער קרוין פון דער תורה (כי מציון תצא תורה ודבר ה׳ מירושלים) דארום נאכהער אז ר׳ עקיבא איז רייך גיווארין האט ער איהר גימאכט אזא ציהרונג וואס האט גיפאסט צוא איהרע מעשים, אבער צאסטגע מענטשין וואס קליידין אונ ציהרען זיך וויא זייא אליין ווילין, ניט נאך זייערע גוטע מעשים גאך, היינט וואס פאר א עהרע קומט זייא?

נאך לייכטער גענומען עס אויף פריקאט, אונ וויא זיא האט דאס באקומען אן מיהע, זא קען זיא עס מארגין פארלירען גאר ניט געריכט.

פאר וואס דען קומט עהרע? פאר אזעלכעס, וואס דער מענטש ערווערבט זיך מיט זיין מיהע, ביז וואנען ער שאפט זיך דאס איין פאר איין אייגענטהום, אז קיינער זאל עס ניט קענען פון איהם אוועקרייבין, צום ביישפיעל, וויא חכמה, גוטע זיטין, גוטין איידעלען חאראקטער, וויא צו שעטצין יעדער מענטשין, באטראכטין יעדערין גרעסער פון זיך, היטין אונ שעצין יעדערינס כבוד, אריין גיין אין דיא פאלאזעניע פון ארימע אונ געדריקטע, וויא צוא בארוהיגען זייא פון זייער נויטה בדרך כבוד, זייא זאלין ניט פארשעמט ווערין, אונ דאס גלייכין פון גוטע איידעלע זאכין, וואס דיזע לערהרונג אונ איינשאפונג אין זיך קאסט גרויסע מיהע, אונ וויא וויים דיזע דאמע גייט גיקליידעט אונ געציהרט אויסערליך, זאל אלץ איהרע אינערליכע צירונג, ד. ה. איהר גוטין חאראקטער מיט איהרע גוטע זיטין אריבער שיינען אונ גלענצין, דאס איז דער ליכטיגער גידאנקען פון זייער שיר (כל כבודה בת מלך פנימה), דיא אינערליכע שמוק אונ עהרע, ד. ה. איהר גוטין חאראקטער אונ מדות טובות וואס גיבין איהר עהרע שטייגין פיהל מאהל אריבער (ממשבצות זהב לבושה) פון דיא טייערע גיקעסטילטע אין גאלד וואס זיא איז אן גיקליידעט אויסערליך.

אבער ניט וויא איהר אונוויסענדע פריילינס, וואס שמוקען זיך אוים וויא דיא גרעסטע גראפינעס, אונ האבין דער צוא נאך אזא נידעריגען חאראקטער, אפילו געגין זייערע אייגענע עלטערין, צום ביישפיעל, ווען די מוטער זאגט צוא איהר: „מיין ליבע קינד היינט איז ניט קיין שיינער וועטער, טהוא ניט אן דיא טהייערע קלייד, דאס איז דאך דיין גאנצער יום טוב, אונ אין אזא וועטער וועסטו פון איהר מאכין בלאטע״, גיט זיך מיין פריילין אגרויסין קרים קעגין דיא מוטער אונ זאגט צוא איהר: „שווייג שוין שווייג פאנע, ווער פרעגט ביי דיר״! אויך ביי איין אנדער צופאהל, ווען זיא זאגט איהר: „זעהע מיין קינד זאם זיך ניט אויפין שפאציר ביז 2 בייא נאכט, אונ נאכהער ביזטו שלעפעריג אגאנצין טאג בייא דיין ארבעט, אונ וואס דארפסטו מען זאל ריידין ארום דיר, אז דוא שלעפסט זיך ארום גאנצע נעכט מיט שארלאטאנעס, גלויב מיר מיין קינד, ווען איך הער ארום דעם ריידענדיג צוא גייט אין מיר מיין הארץ פון שמערצין״, גיט דיא אוים גיפוצטע פריילין דעם גרויסין גישרייא אויף דיא אלטע מוטער מיט דיזע ווערטער: „אויף דיר להכעיס וועל איך היינט קומען זייגער דרייא״, אונ גיט אקלאפ מיטין טיר אונ גייט אוועק, אונ היט טאקע איהר ווארט צוא קומען נאך דרייא אזייגער, אונ דיא מוטער זיצט געבאך אונ וויינט אונ ברעכט

מיט

מיט דיא הענט. גוואלד וואס טהוט מען מיט מיין נארישע טאכטער, וואס פארשטייט גאר ניט וויא אונגליקליך זיא מאכט זיך׳, אונ אזעלכע געפינט מען טויזינדער וואס ערשיינען אויף דיא בולווארין מיטין גרעסטין קוראז וואס זייערע עלטערין האבין זייא גילאזין צוא הויז ברעכענדיג דיא הענט אונ גיסין טייכין טרערין*) — אדער דיא דאמען וואס זיינען שוין אין אייגענעם רשות, אונ ציהען זיך אויס צוא אבשטאטין וויזיטין אין גיזעלשאפט, אונ דארטין ווערט אויס גיפלאפילט, אונ באליידיגט פיל ארינטליכע אונשולדיגע מענטשין, גלויב מיר אז דיא קליידונג אונ דיא ציהרונג אויף אזעלכע דאמען האט אצורה ריכטיג וויא נזם זהב באף חזיר, אנאלדענעם נאז-באנד אויף דיא נאזע פון אשווין, וואס לא די עס באציהרט איהם ניט, ציהט עס נאך ארוף אויף איהם מעהר האס, נוא מיין הער איז שוין אראיה פון דיא קליידונג אז דאס איז אמענטש?

בראוואו! בראוואו! — האט דער גראף אויס געשריען ענטציקטערהייט, — גלויב מיר ליבער וועלוועלע, איך האב דאך שוין גילעזין פארשיידענע איבער-

---

*) דער תלמוד (קדושין ל״א) ערציילט מען האט גיפרעגט בייא דעם תנא ר׳ אליעזר עד היכן כבוד אב ואם, וויא וייט דארף אמענטש שעטצין עלטערין? האט ער זייא גיענטפערט, לאמיר באטראכטין וויא אומות העולם פיהרען זיך, איינער פון די רומיים זיין נאמען וואהר דמא בן נתינה (אבריליאנטין הענדלער) זיינען גיקומען דיא חכמים צוא איהם קויפין ברילאנטין צום אפוד פון כהן גדול וואס איז איהם גישטאנען אין דעם מסחור צוא פארדינען גאר אמיינגע געלט, איז גראדע זיין פאטער גישלאפין אונ זיינע פים איז גיוועזען אויס גיצויגין אויף דיא קיסטע וואס דארטין איז גילעגין דיא ברילאנטין, האט ער גילאזין פאלין דעם גרייסין רווח, אום ניט צו וועקין דעם פאטער. אונ ווידער האט פאסירט ער איז גיזעסין אין רומישען פארלאמענט אן גיטאהן אין אקלייד גיוועבט פון גאלד, איז גיקומען זיין מוטער (וואס פלעגט איהר צייטענווייס חאפין איין טירוף), אונ האט איהם גישפויגין אין פנים אונ אראפ געריסין דיא קלייד פון איהם, אונ לא די וואס ער האט איהר ניט פארשעמט האט ער איהר נאך דערלאנגט איהר טוך וואס איז אראפ גיפאלין פון איהר, בכדי זיא זאל זיך ניט דארפין בייגין אויף הייבין. דארפין מיר זיך ניט שעמען? אונזערע חכמים וואס האבין זיך גערהיט, ניט נאך צו טאהן די טהאטין פון אנדערע אומות. ווען זייא האבין אבער גיזעהען אגוטע מדה האבין זייא גילערינט אפילו פון אנדערע אומות, מיר וואס מיר קוקען נאך מיט זיבין אויגין נאך צו טאהן, נור וואס אונזערע שכנים טוען, אם ענדע צוא אגוטע מדה ווילין מיר זיך ניט לערנען פון קריסט, אה! גוואלד געשריען וויא אונפארשעמט מיר זיינען, וויא שעצט אקריסט זיינע עלטערין אונ אונזערע פריילינס וואס ערשיינען אויף דיא בולווארין מיט אזא קוראזש, וואס פאר אונכבוד זייא גיבען זייערע עלטערין, נור וואס איז דער חדוש פון וואנען זאל מען קריגען אידילקייט אז מען וויל גאר ניט אריין קוקין אין איין אידעשין ספר בוך וואס פון דארטין וואלט מען שעפין פיל גוטע לעהרנונג, אונזערע פריילינס האבין זיך אריין גילאזין אין דעם המאטאוועו ליטעראטור (דיא נארישע ביכלאך) וואס דיא לעזער גייען אריין אין זייא מיט ניסט, אונ גייען ארויס וויסט.

זעצונגען פון דעם פסלתיר (תהלים), אונ האב נאך ניט גיפונען אזא צימליכין אונ וואהרין באדייטונג אויף דעם גיזאנג פון דיא קלוגע משוררים בני קרח, פאר געתים איז דאס דער וואהרער באשיידונג.

אונ אויף דיין צווייטע פראגע מיין ה׳ גראף, וואס איך האלט ניט פון דאמען רעכט, אונ לעהרין זיך ניט אב פון האן וויא דיא פוסטע פראנטין אונ קאוואלערין — זאגט ר׳ וועלוועלע — דוא האסט רעכט מיין הער, זייא האבין דעם גאנצין דאמען רעכט גילערינט, נור ביא דעם האן, היינט מאכט ער אקאמפלימענט צוא דיא אונ באלד צוא דיא אנדערע, ער איז קיין מקפיד ניט, דער פוסטער פראנט איז כמעט אין אלעם גלייך צום האן, מיט זיין בילדונג אונ מיט אלעם. נור איין זאך ארט מיר, דער האן טראגט ניט קיין זייגער אונ דער פוסטער פראנט טראגט יוא אזייגער, צוא וואס ברויכט ער אזייגער? — ער ברויכט דען צוא טהיילין זיינע שטונדין אויף לעקציאנען, דיא פאר שטונדין אויף דעם למוד, אונ דיא איבעריגע צייט אויף איין אנדער למוד? דאכט זיך ער איז לעהר פון אלע למודיות אונ וויסענשאפטין, זיין גאנצער רעיון איז אב גילייגט נור צום למוד פון דאמען רעכט, מיט אלע שפיטצלאך, היינט וואצו ברויכט ער אזייגער?

יא יא דאס איז זייער אגרויסע פראגע, פילייכט האסטו גיהערט אויף דעם איין אנטוואורט? פרעגט דער גראף.

דיזע פראגע איז אמאהל פארגיקומען אין אסעסיאן פון קלוגע טהירע (חיות), האט איין אלטער פוקס גיענטפערט גאנץ איינפאך, דער פוסטער פראנט ברויכט אזייגער נאך מעהר וויא אלע געבילדעטע, ווייל ביא איהם איז אלע זיינע טהאטין פינקטלאך אויפין זייגער, דהיינו עסין עסט ער אלע מאל פאר צ ע ה ע ן, טרינקען טרינקט ער אלע מאל פאר א י נ ס, אונ אלע לעהר-גונגען איז ביא איהם פאר-אכט, דער גראף מיט אלע קאוואלערין האבין זיך שטארק צולאכט.

בראוואַ! בראוואַ! דער פוקס האט גוט גיזאגט.

נאך איין זאך האב איך דיר צוא פרעגין—זאגט ווייטער דער וואלף צום גראף- ווען יע דיא פראנטין האלטין אזויא שטארק פון דאמען רעכט וויא דיא הענער, ווארום האבין דיא רעכט נור דיא געציהרטע אונד שיינע פריילינס, דאס זייער נעזיל שטייט פינקטליך פאד פלאנאם, אונ די גימיינע אונ די וואס זייער נעזיל איז אראפ פון פלאן, האבין ביא זייא גאר קיין רעכט? היפך פון דעם האן וואס ביא איהם האבין אלע איינע רעכט, ארים אונד רייך, איז ביא איהם גלייך.

יא יא דוא האסט רעכט, נוא וואס זאגסטו אויף דיזע פראגע?

דער וואהרער אנטוואָרט איז וויא דער לאקס (אזא מין פיש) האט גיזאגט צום פריץ, אמאהל בין איך גישטאנען ביין דניעפער, האבין די פאנגער ארויס גיצויגין אין נעטץ אגרויסין לאקס, רופט זיך אב איינער אפאריץ צו זיין פריינד לאמיר איהם אב קויפין, ווייל איך האב זייער שטארק ליב לאקס, זייא האבין איהם גיקויפט אונ טראגין איהם צוא הויז.

גייענדיג רופט זיך אב דער לאקס צום פריץ: „מיין גינעדיגער הער, הער־רינדיג אייערע ווערטער אז איהר האט זייער ליב לאקס, האב איך מיר זייער דערפרייט, איך האב גאר אנדערס ניט גירעכינט, נור איהר וועט מיר אויס קויפין פון מיין מערדערס האנד אום מיך צוריק אין וואסער אריין לאזין, אבער יעצט זעהע איך אז איהר טראגט מיר גאר צוא הויז אוננגליקליך מאכין, שניידין לעבענדיגערהייד, אונ קאכין אויפין פייער, ווען איהר האט מיר יוא ליב וויא איהר זאגט, לאזט מיר צוריק אריין אין וואסער, איך זאל לעבין אונ פאר־גניגען האבין".

חא חא חא זאגט דער פריץ, איך האב פאר דיר גיצאלט פיל געלט ניט אריין צוא לאזין אין וואסער, נור צוא מאכין פון דיר אזיסע שפייז פאר מיר.

טוא וואס זאגסטו אז דוא האסט מיר ליב? דוא פאלשער מענטש האסטו דאך נור זיך ליב ניט מיר, דרום שפירסטו ניט מיין אוננגליק, נור דיין פערגעניגען.

דאס גלייכין איז מיט די דאמען עהרע אונ ליבע פון די פוסטע פראנטין־זאגט ווייטער דער וואלף – זייא האבין ניט ליב דיא דאמען נור זיך, זיי ליגין מיטין גאנצין געפיהל אריין גילייגט אין דעם שענדליכען טראכט, אונ די יונגע פריילינס זייגען גאנץ שוואך אין געפיהל, דרום באגייען זייא זיך מיט זייא פונקט וויא דער האן מיט דיא הינער, פריער חנפעט ער דיא הון אונ זאגט איהר צוא הרים וגבעות, ער וועט איהר קויפין אשלעפע ביז דער ערד, אונ די נארישע הון לאזט זיך אן ריידין, נאכהער וויא ער בארויבט שוין איהר עהרע, מאכט ער צוא איהר אפינצטערין קאמפלימענט ד. ה. ער נייגט זיך צו איהר מיט דיזען וואונק (באדייטונג), זאל איך פאהרלירין מיין קאם (דאס איז בייא איהם זיין גאנצער שטאלץ), אויב איך האב מיט וואס, אונ קויף דיר ניט וואס איך האב דיר פארשפראכין, ווייל איך בין ניט פאר קיינעם גידאכט „נור איין ארימער פוסטער פראנט", דיא אוננגליקליכע הון גייט נעבאך אוועק ארים אונ דוהל.

דער אונגליקליכער באס, וואס ביז יעצט איז ער גיוועזן פארטיפט אין די ערצייילונג פון וואלף, וויא ער האט דערהערט דיא לעצטע ווערטער פון וואלף וואס דער חזן האט איהם ניט וואס אב צוא ווענדין, האט ער זיך אויף גיכאפט אונ זאגט צום חזן שטילערהייד (ווייל ער האט מורא צוא ריידין הויך מיט זיין באקען שטימע) זאגט דעם וואלף ער זאל זיך איבערצייגין אז איך בין אמענטש (אונ ניט קיין באק) ווייל אבאק גייט אויף פיער פים, אונ איך גייא אויף צווייא פים, אונ דאס איז אגוטער בעווייז אז איך בין איין מענטש.

חא חא! זאגט דער וואלף אגוטין בעווייז גיט ער מיר פון דיא פים, איך ברויך איין בעווייז פון קאפ ניט פון דיא פים, דאס וואס דוא האסט נור צווייא פים איז ווייל דו מוזט זיין איין ים באק׳ וואס ער האט אויך נור צווייא פים.

קורץ דער פון דער ארימער באס האט גיקענט אונגליקליך זיין ווען עס וואלט ניט אן קומען איין יעגער מיט צווייא גרויסע יאכט הינט איז דער וואלף אנטלאפין [אונ האט אונז איבער גילאזין דעם פיינעם מוראל (מוסר השכל)].

בראוואָ! בראוואָ! האט זיך גיהערט איין דאנערשטימע פון גאנצין זאל, די ארינטליכע מענטשין האבין גאר אן גיקוואלין פון מיין דערציילונג, אויך די פוסטע פראנטין, וויא ווייט דיא געשיכטע האט זייא גישטעלט אויף הייסע פרישיק, אונ האבין אראב גילאזין די נעזער מיט די אנגעשטרויעטע וואנצעס, דאך האבין זייא זיך ניט גיקענט אב האלטין פון צוא פאצין בראוואָ, איך האב זיך שטארק פארטיפט בליקענדיג אויף דיא פאנע מיט צווייא קעפ וואס וואהר אוים גינייט אויף אגרויסין לאנדשאפט אין זאל.

ג. צווייא קעפ פון איין קערפער.

וואס האבין זייא זיך אזוי פאר קוקט אויף דיזען לאנדשאפט? פרעגט מיר דער ווירטה פון זאל.

— זייער איין פאסינדער בילד איז ער צום זאל, — וואהר מיין אנטוואָרט, —

ער

ער גיט אונז אגוטע ערקלעהרונג וואס פאר איין פארפיהרונג אונ איין פאלשע אויסדריקע דאס איז דער נאמען „דאמען-רעכט“, דער אמתער נאמען וואהר גאר „מענטשען-רעכט“.

ערקלעהרט אונז אייערע ווארטין — שפריכט צוא מיר דער מחותן. —

עס איז גאר איינפאך, ווען איהר גייט אויף איין בולוואר וועט איהר באט־ראכטין, עס גייען פארשיידענע דאמען מיט הערין גיארימט, אונ ניט גיארימט, אנדערע גייען צו גירוקט איינע צו די אנדערע אנאז צו אנאז אויגין צו אויגין, אונ אנדערע גייען דאכט זיך גיארימט וויא איין קערפער, אבער די קעפ איז אב גירוקט, ער קוקט אהער אונ זיא אהין, אונ ווען איהר ווילט וויסין אריכטיגע ערקלעהרונג, ווער זיינען די וואס גייען אנאז צו אנאז, אונ ווער זיינען די וואס גייען אב גיקעהרט (זיא קוקט אהער אונ ער אהין)? גיט אונז דיא פאווע אריכטיגע ערקלעהרונג, ווען דיא 2 קעפ גייען ארויס פון איין קערפער, דאס הייסט אז דאס איז מאן אונ ווייב, דאן קוקט שוין דער אהער (צוא באטראכטין איין אנדערע) אונ דיא אהין (באטראכטין איין אנדערין), ווען זיינען זייא אבער אנאז צו אנאז? ווען עס איז נאך ניט איין קערפער (בעת זייא זיינען נאך פרעמד איינע צוא דיא אנדערע), ווען מען וואלט דאס אבער רופין „מענטשען-רעכט“ וואלט דאס אנדערש גיוועין. וויא מיר זעהען דעם אויפפיהרונג פון ארינטליכע פרומע מענטשין וואס מעהר זייא לעבין זיך איין מיט זייערע פרויען האבין זייא מעהר רעכט ביי זייא, זייא קוקען ניט נור אויף דעם געזיל ער זאל שטיין פאר־פלאנאם, אדער די פעלבעלע זאל גלאנצין (ר. ה. דיא הויט פון צורקע זאל שיין זיין) נור איבערהויפט אויף דיא מענטשעסקייט, איז וואס מעהר זייא לעבין זיך איין מיט זייערע פרויען, אונ האבין מיט זיי קינדער, שעטצט מען זיי מעהרער, ווייל זייא פאסין אויף זייער שטוב אונ ערציהען זייערע קינדער אין גוטין וועג, אונ וואס עלטער אונ מעהר מענצעשער געפינען זייא אלעם מעהר רעכט ביי זייא, פארקעהרט פון דיא פוסטע פראנטין וואס דער גאנצער רעכט איז ביי זייא, ווען דיא דאמע איז נאך ניט זייערע, אונ איהר געזיל איז פאד פלאנאם, אבער ווען דיא פעלבעלע פארלירט איהר גלאנץ פארלירט זיך צוזאמען מיט איהר דיא דאמען רעכט אויך.

פראכטפאהל! פראכטפאהל! האט זיך גיהערט דונערין פון אלע זייטין, זייער אריבע אונ אליכטיגע אנמערקונג האט איהר גינומען פון דיא פאווע צוויא קעפ.

יא מיינע טהייערע! אנטווארטע איך, דיא פאווע איז איין ליכטיגער שפיגיל, קוקענדיג אין איהם, זאלט איהר זיך ארום וואשין דעם נייםאדישען

שמוטין

שמוטץ, ווארפט אוועק דיא פארדארבענהייט! אונ קאמפאנירט זיך יעדער מיט דאס זייניגע, היט איבערהויפט „מענטשענ-רעכט" אונ קאמפאנירט זיך יעדער מיט זיין גלייכין, מענער מיט מענער אונ דאמען מיט דאמען, דאס איז שיין אונ ארינטליך, איבערהויפט צו געבין מעהר רעכט דעם וואס איז מעהר מענטשע-סער, אונ דיזער גוטער גידאנקען וועט אונז גאר איבערבייטין אונזער גאנצין פיהרונג, דיא מיידיל אדער אפילו דיא דאמע וועט שוין ניט קוקען איבערהויפט אויף דיא טואלעטע אונ דיא פודרע, בכדי צוא באקומען מעהר רעכט, נייערט אויף דיא גוטע אויפפיהרונג קעגין זיך אונ עלטערין אונ אלע מענטשין, ווייל נור צוליב דעם וועט זיא באקומען איהר רעכט.

מאכט וואהרע מאכט וואהרע, דער פאיעזד איז גיקומען אונ אונזער ליבער גאסט פאהרט, זיינען ארויס גיפליגין אייניגע מחותנים אן זאגין:

איך האב מפסיק גיוועזן מיין רעדע, אונ מיר זיינען אלע גיגאנגען קעגין דעם גאסט לקבלת פנים, איך האב מיר ערפרייט קוקענדיג אויף דעם גאסט, זייער אשייגער מאן, קאנטיג אקלוגער מענטש, מיר זיינען אריין מיט איהם אין זאל אונ זיך ארום גיזעצט ארום טיש, מען האט דערלאנגט טייא, די מוזיק האבין געשפילט אשיינעם מארש לכבוד דעם טייערין גאסט.

דיא מחותנים האבין אן גיהייבין זיך צוא צוא גרייטין צוא דער חופה, איך שפאציר מיר ארום זאל, פוהל מיט פארגניגען, באטראכטענדיג אז מיינע ווערטער האט פיהל ווירקונג גימאכט, דיא פוסטע פראנטין זיינען שוין פיהל גילאסענער אונ עטוואס ערווייטערט פון די פריילינס, אויך די פריילינס ווייכין שוין עטוואס אוים דיא פראנטין, איך קוועל פשוט פון שמחה, אונ טראכט אלס מיין אלטין ווארט „אז אידען האבין באמת גיזונטע אויגין, נור עס איז פארצויגין מיט בעלמעס, אונ ווען איין אויגין דאקטער ציהט זייא עטוואס אראפ די בעלמעס, ד. ה. אז מען ערקלערט זיי מיט שכל, אז די גאנצע מאדע איז נור אפארבלענדענעס, דאן ווערט ווייטער ליכטיג זייער קוק.

זעהט וואס פאר אפיינעם דרשה גישאנק עס האט געשיקט אגוטער פריינד דעם חתנ׳ס (רופט זיך אב דעם חתנ׳ס קליינער ברודער), זייער אשיינעם איילבום, איך עפין איהם אויף עס איז איין גאנצער ש״ס בבלי אין קליינעם פארמאט, דאגאלענע בלעטער פראכטיש גיבונדין וויא איין איילבום, עס איז גאר אמחיה צוא קוקען אויף אים, איך מיש מיר אזויא דעם איילבום צוא באטראכטין דיא שיינקייט פון דיא בלעטער, מישט זיך גראדע אויף (מס׳ ב״ב ד׳ ס:) וועגין אפר מקלה בראש חתנים*) דא פאל איך אריין אין אגרויסע פארלעגענהייט, וויא זאל איך

*) דער תלמוד רעדט דארטין וועגין דעם פסוק אם אשכחך ירושלים כו' דא אז פון גרוים

דא טאהן, אן מוטין דעם חתן וועגין דעם אדער ניט, פארלייפיג קומט מיר אוים אז ניט, אהיינטיגער אריסטאקראטישער בחור, דיא האר איז אוים געשמירט מיט פארפומע, וועל איך איהם הייסין ארוף שיטין אש, איז לבד וואס ער וועט ניט פאלגין, וועט ער מיר נאך האלטין פאר וואהנזיניג. אונ איך רעכין שוין גאנץ פעסט ניט דערמאגען, אין מיטין הער איך אבער אשטארקע שטימע שרייט צוא מיר פון הארצין: "וויא קענסטו דאס אזוי גלייכ-גילטיג זיין, לאזין יענעם בלייבין בלינד, אונ פיליייכט קען דאס אמאהל זיין איין סבה, אז זייער פארטייא זאל חלילה ניט באגליקען א) ביסטו דאך אונטריי, דוא קומסט צו יענעם געניסין פון זיין שמחה, אונ ווייזט צוא איהם אויסוויינינ פריינדשאפט מיט אלערלייא קאמפלימענטין, אונ בייא דיר איז רעכט צוא לאזין איהם בלינד, אין אזאך וואס קען פילייכט איהם שאדין צוא זיין גליק פון זיין פארטיי, ביזטו דאך איין פאלשער מענטש, מיט דעם גידאנקען בין איך גיגאנגען אין קיך, אונ גינומען אביסיל ריינע אש, אונ אריין גישאטין אין אשיינע פוסקעלע, אונ גייא מיר ארום אין זאל פארטיפט אין רעיון, מיט וואס פאר איין צופאל אוים צוא ווירקען אויפין חתן ארוף שיטין אביסיל אש אויף זיינע שיינע האר, אונ דאס וואלט איך נאך אפשר פועלין ביי איהם, ווייל עס וועט איהם ניט פאסטין מיר צוא ענטזאגען, וועט ער דאס אפשר טאהן, אבער מיט וואס בין איך זיכער, אז בעת מעשה וועט ער ניט טראכטין: "וואס זאגסטו צו דעם אנשיקעניש אויף מיין קאפ נעמען אזעלכע שיינע האר אונ פארשמוטצין מיט אש", אונ ווען ער וועט אזוי טראכטין דאן האב איך גאנץ ווייניג געווירקט, דאס הייסט נאר גישאטין אש אפין קיך, ניט אפין קאפ, וויא דער רעכטער מיינונג איז.

אונטערפיהרער

גרוים ליבע אונד ביינקונג צו אונזער לאנד האבין מיר איהר צו גישוואהרין אז מיר זאלין איהר עוויג ניט פארגעסין. מיר זאלין איהר דערמאנען אויף אונזערע גרעסטע שמחות (אם לא אעלה את ירושלים על ראש שמחתי), צום בייא שפיעל אחתן בעת ער גייט צו דער חופה, זאל ער ארוף שיטין אביסיל אש אויף זיין קאפ, אין דעם ארט וואו מען לייגט תפילין של ראש, (ונסמך על הפסוק לשום לאבילי ציון פאר תחת אפר) דאס ערינערט אונז אז אמאהל זיינען מיר גיוועזן איין הערליכע פאלק וואס מיר האבין געשפילט אגרויסע ראלע אין דער וועלט, אונ היינט איז פון אונזער פאר (הערליכקייט) גיווארין אפר (אש), אונ דיזע ערינערונג (ווער מיר זיינען אמאהל גיוועזן) גיט אונז מוטה אונ שטאלץ איבער צו טראגין אלע אונזערע ליידין, אונ זיין פעסט אין האפענונג, אז עס וועט אין גיכין קומען דיא גליקליכע צייט וואס פון דיא "אפר" (אש) וועט צוריק ווערין "פאר" (הערליכקייט אונ פראכט).

א) תקנו (חז"ל) כשהחתן הולך לחופתו נותן אפר מקלה בראשו במקום הנחת תפלין, והעולם אינם נזהרין בזה, ואפשר מה שכמה זווגים לא הצליחו הוא בעון זה, שאינם שמים על לב אבילות ירושלים בעת שמחתם (מסורת השלום).

„אונטערפיהרער טוט אן דעם חתן"! הער איך אשטימע פון בדחן, איך האב זיך ערמונטערט פון מיין טיפין פארטראכטונג, אונ גייא שנעל אריין אין צימער וואו דער חתן זיצט, איך זעהע מען טראגט אריין דעם חתנ'ס מתנות טלית וקיטיל, אונ מען לייגט אוועק לעבין חתן, איך רוק זיך מיר צוא נאהענט, אונ לייג ארוף אויפין טלית מיין פוסקעלע, אלע געסט קוקען פארוואונדערט אונ דיספוטירין צווישין זיך וואס דאס איז, דער זאגט דא איז פאפיראסין, דער זאגט שוועבעלאך, נור צוא וואס ברויכט מען יעצט פאפיראסין מיט שוועבעלאך? דער חתן זאל דען פאר רויכערין אפאפיראס אונטער דער חופה? קורץ זיי קענען ניט ערקלעהרין דעם רעטענעס וואס דא איז.

אויב איהר זייט יא נייגעריג מיינע טהייערע צו וויסין דעם פתרון פון דיא חדה? שיינקט מיר איין פערטיל שטונדע וועל איך אייך דערציילין איין ריכטיגע געשיכטע וואס איך בין ביא איהר ביא גיוועו, זיא איז זייער אינטערעסאנט צוא יעצטיגע מינוט.

מיטין גרעסטין פארגעניגען — אנטווארטין דיא אונטער פיהרער. — זייא זעצין זיך אלע ארום טיש, אונ שטעלין אן נאז אונ אויערין צוא מיין ערציילונג.

מיט 20 יאהר צוריק בעת מען האט גישטרויעט בריסקער וואגזאל זיינען צוזאמען גיפאהרין גרויסע פאדראציקעס אין בריסק, זייא האבין באדארפט דורך קומען צווישין זיך וועגין איינינע וויכטיגע זאכין, איז ביא זייא גיבליבין אריין גיין צום גדול העיר, דאס וואר אין 9 טעג, ביא זייער זיצין איז גראדע פאר־גיקומען איין שאלה וועגין פלייש אין 9 טעג, איינער פון דיא פאדראציקעס וואר איין גרויסער אריסטאקראט, פרעגט ער דעם גדול ווארום איז ביא דיא פרומע אידין אזא הארבע זאך עסין פלייש אין 9 טעג, אז דער וואס עסט פלייש איז ביא זייא גאר אפ גיפרעגט, איז דאס דען פון דיא יסודי הדת?

דער בריסקער רב וואר אין איין פארלעגענהייט צו געבין אנטווארט אויף דיא פראגע, ווייל דער אנטווארט פון א בריסקער רב (אונ בפרט אין אזא גרויסארטיגע גיזעלשאפט) וועט פארנאנדער פליהען אין דער גרויסער וועלט פאר איין הלכה פסוקה, ער באדיינקט זיך אקליין ווילע אונ פרעגט יענעם צוריק גאנץ לאנגזאם מיט דיזע ווארטין, „אונ אין דיא יסודי הדת גלויבט איהר"?

יא יא! זאגט יענער ערשראקען, דער בריסקער רב הייבט אן פארנאנדער צוגלידערין פאדראבנא דיא יסודי הדת מיט דיזע פראגען, אין „מציאות השם" (אז עס איז דא איין איינציגער גאט וואס האט באשאפין דיא וועלט) גלויבט איהר?

יא יא! וויא קען אנדערס זיין, וואר יענעמס אנטווארט.

אין „תורה מן השמים" גלויבט איהר? פרעגט ווידער דער בריסקער רב.

געווים גלויב איך, וואר דעם פאדראציקס אנטוואָרט.

אין השגחה „שכר ועונש" גלויבט איהר? אזויא פרעגט זיך אלס דער בריסקער רב לאנגזאם און קאלט בלוטיג.

יא יא ליבער רבי, אנטווארטעט דער פאדראציק.

אין „ביאת המשיח, ובנין ירושלים עה"ק" גלויבט איהר? פרעגט ווייטער דער בריסקער רב. — איך גלויב זייער פעסט, וואר ווידער זיין אנטוואָרט.

נוא, זאגט דער בריסקער רב, אז איהר גלויבט אין אלעם וועל איך אייך עפעס פרעגן, וויא גייט צוא דער אָרדענונג פון בויען א פאלאץ?

פריער קויפט מען איין פלאץ. — אנטווארטעט דער פאדראציק — נאכהער פיהרט מען אָן שטיינער, ציגיל, צימענט, וואפנע, געהילץ, נאכהער אז עס איז אויף גישטרויעט, שטעלט מען אויבינס, שויבן, מען שמידט אב מיט אייזין, מען ריכט צוא יושקעס, קלאמקעס, קייטלאך, און ד. ג.

ווען איינער זאל קיין זאך ניט האבין אפילו קיין פלאץ אויך ניט — פרעגט ווייטער דער בריסקער רב — און אפשיטא קיין ציגיל און קיין געהילץ, און ער שאפט זיך איין יושקעס און קלאמקעס. וויא זעהט ער אויס?

וויא מיר פארשטייען אלע — זאגט דער פאדראציק — וויא איין וואהנזיניגער.

אמאהל קען טרעפין אז אקלארער מענטש טוט דאס אויך — זאגט ווייטער דער בריסקער רב — צום בייא שפיעל, ווען עס ברענט אב חלילה איין קווארטאל הייזער און פאלאצין פון אסך בעלי בתים ביז דאס לעצט, און די בעלי בתים קומען געבאך מארגין אויף זייערע אב גיברענטע פלעצער, און געפינען קיין זאך ניט צוא נעמען, נור די יושקעס מיט דיא קלאמקעס די פאר רויבערטע, און זיי טראגין דאס אהיים, קען מען זיי דען רעכענען פאר וואהנזיניגע? הגם זיי האבין קיין זאך, ניט קיין ציגיל, ניט קיין געהילץ, אפילו דעם פלאץ נאך אויך ניט געווים, ביז וואנען עס וועט אראפ קומען א נייער פלאן.

ניין עס איז גאר ניט צולאכין פון אזא מענטשין, וואס האלט זיך נור בייא דיא פארשמיילעטע יושקעס און קלאמקעס, ווייל דאס איז זיין איינציגע רעטונג פון זיין פאלאץ (ענטפערט דער פאדראציק).

איך וועל אייך נאך עטוואס פרעגן — זאגט ווייטער דער בריסקער רב — אונטער די פיהל בעלי בתים פון דעם אב גיברענטין קווארטיל איז דאך פאראנען פארשיידענע, איינגע רעכענען זיך ווייטער אב צו שטרויענען, אז דער בורא וועט חסד טאהן אין אקורצע צייט, און אנדערע זיינען זיך גאר מיאש פון שטרויענען זיך, מיט וואס איז צוא ערקענען פון דעם ביז דעם?

גאנץ איינפאך — זאגט דער פאדראציק — דער וואס האלט למשמרת דיא

יושקעס אונ קלאמקעס שרידי חרבותיו, אונ פארקויפט זייא ניט, דאס איז איין בעווייז, אז ער דיינקט אלע טאג, אט באלד וועל איך זיך אב שטרויענען, אונ בעט ער גיט אקוק אויף דיא פארשמיילעטע יושקעס אונ קלאמקעס, אבוואהל ער גיט אגרויסין קרעכטץ אויף זיין אונגליק, ערמאנערט ער זיך אבער צוריק אונ עס שטעלט זיך איהם פאר אין זיין פאנטאזיע, וויא ער זעהט שוין פארטיג דעם שיינעם פאלאץ וואס ער רעכינט יעצט אב שטרויען גאר אויף פאריזער פארמע. אבער דער וואס פארקויפט פאר איין קליינינגקייט די לעצטע אנדיינקונגען, דאס איז איין קלאהרער באווייז, אז ער האט שוין גאר ניט בדעה אויף קיין פאל זיך אב צוא שטרויענען.

גאנץ ריכטיג האט איהר בארעכינט — שפריכט דער בריסקער רב — יעצט קענט איהר זיך איין קוקען אין דיזען שפיגיל, וועט איהר זעהען דעם יודישען בילד, מיר האבין גיהאט אשיינעם פאלאץ אויף איין אייגענעם פלאץ, וואס דורך איהם זיינען מיר גיוועזן גליקליך גישעצט אונ גיעהרט בייא אלע אומות, צוליב אונזערע שלעכטע אויפפיהרונגען האט איהם אגעטליכער פייער פארברענט, אז עס איז אונז פון איהם קיין איינציגע זאך ניט געבליבין, אפילו דער פלאץ אויך ניט, נור מעהר ניט דיא פארשמיילעטע יושקעס אונ קלאמקעס, דאס איז דיא היילגע אנדיינקונג (זכרוני קדש) די 4 תעניתים, אונ ניט עסין קיין פלייש פון ר״ח אב ביז תענית תשעה באב, איז דער וואס האפט עס זאל אין גיכען אב גיבויט ווערין דער היילגער פאלאץ נאך מיט מעהר פאראד וויא פריער, דער היט טייער דיא היילגע אנדיינקונג, אבער דער וואס פאר האסט דיא היילגע אנדיינקונג איז דאס אגרויך פון פוילונג, אז עס פוילט בייא איהם די יודישע הארץ, דאס איז דיא אמונה פון ביאת המשיח, אונ נחמות ציון וירושלים.

זייער ריכטיג! — האבין אלע פאדראציקעס מיט איין שטים אויס געשריען — וויא היילג אונ וויכטיג עס איז יעדער מנהג ישראל, אונ דער וואס איז זיך פורש פון צבור איז עס אצייכין פון פוילונג, אז עס פוילט בייא איהם דיא הארץ פון יודענטהום.

יעצט פארשטייען מיר שוין — רופט זיך אב דער גאסט — וואס אין דיא פיקעלע מוז זיין, איך גיב קיין 2 שילינגער ניט אז דא מוז זיין אש, ארויף צוא שיטין דעם חתן במקום הנחת תפלין של ראש, דאס איז איינע פון די היילגע אנדיינקונג פון אונזער לאנד מיט אונזער בית המקדש, אז מיר דארפין זייא דערמאנען בייא אונזער העכסטע שמחה, אונ דיא מינוט פון דער חופה איז איין מענשין דיא העכסטע גליקליכע צייט פון זיין גאנצין לעבין.

דער חתן עפינט אויף דיא פושקעלע, אונ געפינט ווירקליך אביסיל ריינע

אש

אש , אונ שפריכט:,נאך דיזע ריינע ערקלעהרונג בין איך גרייט צוא ערפיהלען דיזען היילינען פפליכט וואס מיר האבין פארשפראכין צו אונזער היילינע ירושלים צו ערהאינערין איהר אויף אונזערע העכסטע שמחות (ד. ה. אז אונזערע העכסטע שמחות וועלין ניט זיין אים-שטאנד צו פארגעסין איהר פון אונז) , אונ איך בין אייך העכסט דאנקבאר פאר דיזע אויפמערקזאמקייט , וואס ווען ניט איר וואלט איך געוויס פארגעסין , ווייל מען זעהט דאס ניט אויף קיין האכצייט , אונ דיא אורזאך פון דעם איז נור , דיא ניט אויפמערקזאמקייט מיט שכל . וויא איהר האט אונז ערקלעהרט .

מען האט אן גיטאהן דעם חתן , אונ דער אונטערפיהרער האט גינומען אביסיל אש אונ ארויף גישאטין דעם חתן אויף דיא שיינע האר אונ גיזאגט מיט אצוגבראכענע הארץ „לשום לאבילי ציון לתת להם פאר תחת אפר”, ד. ה. דער וואס טרויערט אויף דיא היילינע ציון וועט איהם השי"ת אום בייטין פון דיא אפר (אש) אויף פאר (הערליכקייט) .

איך קען דיר פאטער ניט פארשטעלין מיין שמחה , וואס מיר האט דא אב גיגאלטין דיא אויפמערקזאמקייט אויף דעם אידישין מנהג , איך בין אזויא גיוועזן פארטיפט אין שמחה , אז איך האב גאר ניט גיהערט וויא מען האט אוועק גע-פיהרט חתן כלה צוא דער חופה , נור דיא פריגלאשענע צוא בענטשין חתן כלה אונטער דער חופה האט מיר אויף גיוואכט פון מיינע טיפע גידאנקען , אונ מיט גרויס מוטה בין איך צו גיגאנגען צו חתן כלה אונ האב זייא גיבענטשט , אז דער עוויגער זאל רוהען צווישין זייער פארטיי , זייער ליבע אונ פריינהייט זאל שטענדיג זיין וויא יעצטיגע מינוט , זייא זאלין פרוכטבאר זיין אונ זייערע פריכטע זאלין ערפרייען גאט אונ לייטין .

ד. דער פינפטער בריעף.

מיין טייער הערצענס-געליבטער פאטער ! איך קען זיך ניט פאר מיידין פון ערציילין דיר דעם גידאנק וואס מיר איז ארויף גיפאלין בעת דער חתן האט גיזאגט „הרי את מקודשת לי”, דאס האט מיך אן גימערקט וויא הויכארטיג איין אידעשער ווארט איזט , אז ווען ער זאגט דיא איינינע ווארטין פאר עדות ווערט זיא פאר-היילינט צו איהם , אונ ווערט אסור אויף די גאנצע וועלט באיסור חמור שרעקליך וואס איין אידעשער ווארט בעדייטעט . וויא ווייט מען דארף האלטין ריין די מויל אונ אוים רעכענען יעדער ווארט , ווייל דער ווארט פון איין אידין האט קראפט צוא בויען וועלטין , אונ אווילע ריידענדיג מיט אונזער פאלקס-כלה (ד. ה. שבת וויא מיר זאגין בואי כלה בואי כלה) ווען מיר זאגין ויכולו

שלאגין

שלאגין מיר זיך אריין צו איין שותפות אין אזא גרויסין מאיאנטיק (כמחז"ל כל המתפלל בע"ש ואומר ויכולו נעשה שותף להקב"ה במעשה בראשית) *).

נאך די חופה איז גיוועןשׂשון ושמחה, די האבין זיך גיקושט די גיטאנצט דיא פובליקע האט זיך גינומען צום בופעט צוא געניסין עטוואס, איך האב באטראכט אז אסך חאפין זיך צום עסין אן אברכה, און אפילו די ערליכע וואס מאכין אברכה ווייסין פיל ניט אויף וואס פריער און וואס שפעטער, בפרט אויף אבופעט וואס קומען פאר אלע מיני ברכות און שבעת המינים, איך האב גי-געבין אוואונק צום בעל שמחה (וואס איך האב שוין געווירקט אויף איהם צוא דאנקען דעם עוויגען, איבערהויפט דורך די נעשיכטע פון "היים'קע דער "ישיבה-מאן" וויא איך האב דיר שוין אין מיינע פאריגע בריף געשריבין) ער האט גוט פאר-שטאנען וואס איך מיין, און האט גלייך אזאג גיטאן, שא שא גאספאדא ! און איך צו פארשאפין פיל פארגעניגען פארלאנג איך אז בעפאר איהר וועט געניסין פון אלעם וואס איך האב פאר אייך דא צוא גיגרייט, צוא צוהערין אקורצע תלמודישע ערציילונג וואס איך האב גיהערט פון דיזע טייערע פריינדין, ר' חייא ערציילט (שבת קי"ט) איך בין אמאל אריין גיפארין צו אר ייכין מאן אין שטאט לודקיא, וויא עס איז גיקומען מיטאג צייט האבין 16 מאן אריין גיטראגין איין גאלדענעם טיש, און אויף איהם וואר אלע טייערע שערוויזען און אלע טייערע שפייז און משקאות גאר קייזערליך, צוא דעם וואר נאך איין טייערע עטיקעטע נאך דעם נייסטין זורנאל, אז בעת מען האט איהם אוועק גישטעלט אין ארדענונג מען זאל גיין געניסין פון זיינע גוטע שפייז, איז אריין אסארוועער זייער פיין און זויבער גיקליידעט, און האט אויס גירופין דיזע ווארטין "לה' הארץ ומלואה" ! צו דעם עוויגען גיהערט דיא וועלט און אלעס וואס ערפילט איהר, דאס הייסט דער טיש איז דעם עוויגענס בופעט, און עס איז ניט ערלויבט צו געניסין ווער ניט באצאלט האט, און וואס איזט דיא גיצאלט ? איין דאנק פארין שפייזין און נאכהער, און ווער עס געניסט אן איין דאנק ווערט פאר צייכינט אין געטליכען בוך, אז ער האט גיחאפט פון בופעט ניט באצאלט, און וועט שטריינג געשטראפירט ווערין וויא גיגנב'ת פון קאזנא, דרום מיינע טהייערע איך האב דאך אן גיגרייט דיא אלע גוטע שפייז אייך צו פארשאפין פארגעניגען, עס זאל אייך גיין אין קריפט ניט חלילה איהר זאלט זיך פארזינדיגען און אוועק טראגין אגרויסע שטראף צו הויז, דרום ברייננט מיט מיינע טרייהייט צו אייך, איך זאל ערלויבען די וואס פארגעסין גאר צו מאכין אברכה, און אויך פאר צו שפרעכין דעם דין פון קדימה

בברכות

*) אויב דו פוילסט זיך ניט לייען איבער מיין הערה אין ספר הירא"ה (יר"י ע"ט צד י"ז עד כ"א) וועסטו ערשט וויסין וואס דיא מויל בעדייטעט.

בברכות, וויל ניט אלע זיינען קלאהר דיני קדימה ואיחור (אויף וואס פריער צו מאכין אברכה אונ אויף וואס שפעטער), הארכט מיר איין מיינע טהייערע, וועט דער ווייטער איך צוא הארכין.

פריער איז דיא ברכה „בורא מיני מזונות" (דהיינו אויף טארט, לעקאך), נאכהער איז „בורא פרי הגפן" אויף וויין, (די ברכה פרי הגפן פאטערט שוין אלע משקאות וואס שטייען אפין טיש, דהיינו בראנפין, מעד, ליפעץ, זעלטער, לימאנאדע). נאכהער „בורא פרי העץ" אויף אלע פרוכטין וואס פון בוים, אונ פריער דארף מען נעמען וויינטרויבען, וויל דאס איז פון די 7-ערלייא פרוכט וואס אונזער תורה ריהמט אונזער היילינע לאנד מיט דעם, נור וויל ווייטרויבין וועריך גיפאטערט מיט די ברכה בורא פרי הגפן וואס מען האט גימאכט אויף וויין, וויל וויינטרויבין זיינען דאך אויך פרי הגפן (פרוכט פון וויינשטאק בוים), דרום זאל מען מאכין בורא פרי העץ אויף תאנים (פייגען), זייא שטייען אין פסוק (ארץ חטה ושעורה כו') דערמאנט נאך ענבים, (נור באטראכטין די פייגען זאל ניט מילביג זיין וויא עס טרעפט גאנץ אפט), אדער מאכין בורא פרי העץ אויף תמרים (טייטלען). נאכהער איז „בורא פרי האדמה" אויף אלע פרוכט וואס וואקסט ניט אויף אבוים וויא צום בייא שפיעל, טרישקאפקעס אונ ד. ג. נאכהער איז „שהכל" אויף צוקערנע זאכין אן מעל, דהיינו צוקערקעס, שוקעלאדע, אונ זארטין שפייז וואס וואקסט ניט פון דער ערד, וויא הערינג, פיש אונ ד. ג.*).

אלע האבין גוט צו גיהארכט זיין איידעלע רעדע. נאכהער זאגט ער צו מיר מיין טהייערע, איך בין איך מכבד צו מאכין די ערשטע אברכה, איהר זאלט ווייזען די וועג די אלע יונגע קינדער וואס האבין דאס נאך ניט גוט איבער גינומען, איך האב גינומען אין רעכטע האנט (וויל אויף דער זאך וואס מען מאכט די ברכה

דארף

*) בשעת מען מאכט די ברכה [5]) מוז דער מענטש אליין זיין ריין, די קליידער מוזין זיין ריין, אונ דארט וואו ער שטייט מוז אויך זיין ריין, וויינגסטענס מוז פיר איילין ווייט פון איהם זיין ריין (דרום ווען מען גייט צוא צום כלי וואסער אטרונק טאהן, מוז מען אכטונג געבין עס זאל דערבייא ניט שטיין אכלי פון שופכין, וויא דער שטייגער איז אין גימיינע הייזער צו שטיין די כלי שופכים לעבין די כלי וואסער). אונ דארט וואו עס איז דא אריח רע אפילו ווייטער פון 4 איילין טאר מען אויך קיין ברכה מאכין. — [5]) מען טאר ניט טאהן קיין שום זאך בשעת מען מאכט די ברכה. — [6]) מען מוז די ברכה שארף ארויס זאגין, דיא אויערין זאלין הערין וואס מען זאגט, אונ מען טאר ניט גישווינד אוועק האפין די ברכה, נור מען מוז איהר זאגין גאנץ פאוואלע אונ פארשטיין וואס מען זאגט, אויך מוז מען אין זינען האבין, אז מען מאכט די ברכה צו זיין ליבין נאמען גילויבט איז ער. — [7]) אז מען האט עפעס אין מויל, אדער מען דארף אוים שפייען, זאל מען פריער אוים שפייען, אדער אראפ שלינגען דעם ביסין פון מויל, אונ נאכהער מאכין דיא ברכה.

דארף מען האלטען אין דיא רעכטע האנד) איין צוקער לעקאך (וויל אנאנצע זאך האט מעהר חשיבות וויא אהאלבע, דרום האב איך קיין מארט ניט גינימען) אונ גימאכט הויך ווארט אין ווארט „בורא מיני מזונות״, אויף מיר קוקענדיג האבין אלע גימאכט בורא מיני מזונות, אונ איך האב מיט גרוים שמחה גיענטפערט „אמן״, נאך מיין אראפ שלינגען דעם ביסין (בעת מען האלט אביסין אין מויל טאר מען ניט רידין), נאכהער האב איך אן גיגאסין אבאקאל וויין, אונ האב גימאכט „בורא פרי הגפן״, אונ גיטאהן אזופ (עס זאל ניט זיין קיין הפסק פון דיא ברכה ביז פארזוכין), אונ גיזאגט „לחיים חתן כלה״, השי״ת זאל אייך באגליקין איהר זאלט לעבין טרייא וויא אפאר טויבין, „לחיים מחותנים אונ מחותנ׳סטעס״, אייער מיהע זאל זיין צוא גרויסע נוטצין, „לחיים מיינע אלע טייערע געסט״, דער עוויגער זאל אונז זיין צו הילף מיר זאלין אלע גיזונד אונ גליקליך זיין, אויף מיר קוקענדיג האבין אלע אן גיגאסין דיא בעכערס גוטין וויין אונ גימאכט ברכות, אונ פון אלע זייטין האט גידונערט „לחיים לחיים, חתן כלה, מחותנים, טייערע געסט״, עס איז גיוועזן פארגעניגען צוא זעהען וויא אלע האבין נעטרונקען מיט אזא שטאדט אונ גיוואונטשין איינע דיא אנדערע אזעלכע איי-דעלע ווינטצעוואניעס, אונ ביא אלעם דערמאנט „מיטין עוויגענס הילפע״.

וויא גיפעלט דיר מיין טייערע דיזע סצענע? — שפריכט אגרוים-ארטיגע דאמע צוא איהרע אפריינדין — מיר זייגען וואהר אין פאראדיז, עס איז איין הימילשער פארגעניגען, אה! וויא שיין אונד הערליך עס איזט, אז עס גייט צו מיט געטליכע ארדענונג איין שמחה, איך האב ליב צו זעהען מיט וואס פאר אשטאדט יעדער טרינקט אונ עסט, זיא וואר איין געטליכע ענגעל אראפ גע-שיקט היער. — איך שטעל מיר יעצט פאר וויא אונפארשעמט זייגען די וואס געניסען אן אברכה — ענטפערט דיא פריינדין — עס איז ווירקליך זייא חאפין פון געטליכען בופעט ניט באצאלטערהייד, איך בין פאריגע וואך גיוועזן אויף איין האכצייט ביא ה׳.... עס איז גיוועזן גרוים-ארטיג דער בופעט, אבער ליידער איז גיוועזן צום באדויערין דעם בעז-פאראדאק, עס זייגען בעפאלין דיא שארלאטאנעס אן היטלען, אונ האבין צו חאפט אזויא וויא דיא וועלף, אונ ווער רעדט אן ברכות וויא די זוללים וסובאים אז עס איז אין אפערטיל שטונדע ניט גיבליבין אהאר, אונ פיל איידעלע לייט זייגען גיבליבין ניט טועם טעם גיוועזן, אונד היער זעהט מיט וואס פאר איין ארטיגקייט יעדער עסט אונ טרינקט, אונ יעדער איינציגער גאסט זעהט, אז דער צווייטער זאל אויך געניסען. — וואס איז דער וואונדער — זאגט ווייטער די ערשטע — אז עס איז וויא דער עוויגער האט גיבאטין, איז איין גוטע זאך ברייגגט דיא צווייטע, אז זייא דיינקען אז דאס איז דעם עוויגענס בופעט אונ דאנקען איהם, דיינקען זייא דעם עוויגענס גיבאט אונ

זיין

זיין היילינע תורה ואהבת לרעך כמוך, (דוא זאלסט ליעבען דעם צווייטען וויא זיך) יהי כבוד חבירך חביב עליך כשלך (דוא זאלסט שעצין יענעמס עהרע ריכטיג וויא דיינע)*) . איך בין פול מיט פרייד היינטיגען אווענד , איך שטעל מיר פאר וויא איך בין לעבעדיגערהייד אין גן עדן .

נאכין טרינקען דיא וויין האב איך גינומען אפאר וויינטרויבין און אברכה אונ געוויזען אלעמען דעם דין אז ענבים (ווינאגראדין) ווערין גיפאטערט מיט דיא ברכה בורא פרי הגפן. נאכהער האב איך און גיגאסין גוטע שנאפס אונ ווייטער גיזאגט לחיים צוא אלעמען , צוא וויזין אוועג אז יעדער קען זיך טרינקען וועלכע משקה ער וויל , ווייל מיט די ברכה אויף די וויין פאטערט מען אלע משקאות . דיא געסט האבין גיטרונקען איינע צוא דיא אנדערע , אונ יעדער האט אלץ צוא גיזעהען אז דער אנדערער זאל געניסין , וויא אמתע מענטשענ-פריינד גיהערין צוא טאהן . נאכהער האב איך גינומען אפייג אונ גיעפינט (זעהען צוא איז ער ריין ניט מילביג) אונ גימאכט „בורא פרי העץ״, אונ מיט דעם איז גיפאטערט אלע פירות אונ קאנפעטורין וואס קומען פון בוימער . נאכהער האב איך גימאכט „בורא פרי האדמה״ אויף טריסקאפקעס אונ גיגעסין אויך קאוואן , אונ נאכהער „שהכל״ אויף די צוקערנע זאכין , אונ אלע געסט האבין מיר נאך גיטאהן אונ גימאכט הויכע ברכות , אז עם איז גיוועזן אפארגעניגען צוא הערין .

דיא

*) אויך איז דיא ברכה אוויכטיגע מעטאדע אב צו היטין דעם מענטשין פון פיל פארדארבענהייט, (וואס קיין מוסר אונ קיין פלאן וואס אונזערע נוטע פריינד האבין אנגיווענדעט , קען אזויא ווייט ניט דערלאנגען) אז ער וויים אז דיא וועלט איז דער געטליכער בופעט , אונ דער מענטש מוז האבין ערלויבענעס פון בורא צו געניסין פון איהר , וועט ער שוין זיין אב געהיט פון שכרות (פיאנסטווע) אונ זולל וסובא , ווייל דאס ערלויבט ניט דער באשעפער ווען אפילו מען זאל צאלין, ד. ה. מאכין אברכה, אזויא וויא מיר זעהען אז ווען דער ווירט פון בופעט פארקויפט ניט די אונ די שפייז, העלפט דאך ניט וואס יענער צאלט געלט, אונ דאס גלייכין וועט ער זיין אב געהיט פון מאכלות אסורות (עסין טריפות), ווייל דאס איז אויך ניט ערלויבט פון דעם וועלט בא-שעפער , אונ דאס גלייכין וועט ער זיין אבגעהיט ניט צוא עסין אפילו כשרה שפייז אין דיא טעג וואס מען טאר ניט עסין וויא יום כפור, אונ ד. ג. — הכלל ווען מיר זאלין גוט באטראכטין דעם זינען פון אברכה וועלין מיר זעהען אז זיא נעמט ארום כמעט דיא גאנצע תורה, אונ איבערהויפט ווייל זיא באמערקט דעם אידין אויף דיא עקרי ושרשי הדת, אז ער זאגט (ברוך אתה ה׳) גילויבט ביסטו גאט קעניג פון דער וועלט , גלויבט ער דאך אז דיא וועלט איז ניט קיין הפקר , זיא האט איין ווירטה וואס האט איהר באשאפין אונ איז קעניג אויף איהר , אונ אז ער זאגט (אתה) „דוא״, גלויבט ער דאך אז מלא כל הארץ כבודו, אונ מיר ריידין צו גאט ליצגע „דוא״ אין געגענווארט , ריכטיג וויא ער שטייט אונז פאר דיא אויגין , אונ בליקט אויף אונזערע טהאטין , אונ ווען דער מענטש זאל דאס שטענדיג אב היטין וועט ער זיך גאר אנדערס שפירין אונ וויסין וויא אידיל אונ היליג זיך צוא האלטין .

די געהרטע פובליקע האבין זיך לוסטיג געמאכט געגעסין און געטרונקען פון אלעם גוטין, מוזיק האבין זייער פיין געשפילט, חתן כלה האבין געטרונקען קאווע מיט זעמיל נאכין תענית. איך בין מיר דערוויייל צו געגאנגען צוא חתן כלה זייא משמח זיין מקיים זיין מחז״ל (ברכות ו:) כל הנהנה מסעודת חתן ואינו משמחו עובר בחמשה קולות כו׳, איך האב זיך אהעפליכען גייג געטאן צוא זייא, און זייא פריינדליך געגריסט און געבענצט מיט דער ברכה שמח תשמח רעים אהובים דער עוויגער זאל ערפרייען די געליבטע, וויא ער האט ערפרייט זיין ערשטין באשאפענעם אין גן עדן, זייא האבין געענטפערט אז זייא זעהען שיינבאר דיזע ברכה איז מקוים געווארין, זייא האבין אין מיין געזעלשאפט איין הימלישען פארגעניגען ווירקליך וויא אין גן עדן.

יעצט פארשטייא איך ווירקליך – זאגט דער גאסט – דעם פירוש פון די
5 קולות וואס אין פסוק שטייט קול ששון וקול שמחה קול חתן וקול כלה, קול אומרים הודו את ה׳ צבאות, ד. ה. ווען הערט מען די שטימע פון חתן וכלה מיט אקול ששון ושמחה אז דאביי איז דא (קול אומרים) אהייליגע שטימע וואס ערקלערט מיט דיזע ווארטין: „גאטספאדא! הודו את ה׳ צבאות״! דאנקט דעם הער פון אלע הערשאפט פאר אלע גוטעס, פאר אלעס וואס איהר געניסט סייא עסין און טרינקען, סייא פריעמנע מוזיק, סייא פארגעניגען פון ששון ושמחה, פארגעניגען פון מענטשענפריינדשאפט וואס דאס איז אלעס גאטעס באשאף, וויא מיר זאגין אין נוסח הברכה אשר ברא ששון ושמחה כו׳ אהבה ואחוה כו׳ און דיזע שטימע פון „הודו את ה׳ צבאות״*) האט אונז פארשאפט דיזע טייערע, איהר האבין מיר צוא דאנקען פאר אונזער גרויסע פרייד.

ה. כדת ווילהעלים דער גרויסער.

יא עס איזט ווירקליך ווען עס איז „כדת משה וישראל״ איז אלעס צום בעסטין, ווען עס איז אבער „כדת ווילהעלים דער גרויסער״ דא איז אלעס שלים.

ערקלערט אונז אייערע ווארטין, וואס איזט דאס „כדת ווילהעלים דער גרויסער״?

דאס וואר אריכטיגע געשיכטע, אין קעניגסבערג פאר הגאון ר׳ יעקב צבי מעקלענבורג, דארטין איז די ארדענונג אז דער ראבינער איז מסדר קדושין, אן איהם טאר קיין חופה געשטעלט ווערין, ער האט זיך ערפאהרין אז פיל אריסטאקראטישע פרויען היטין ניט אב דיני טהרה וואס באלאנגט צו יודישע פרויען,

ער

*) אגרא דבי הלולי מילי (ברכות ו:) לשמחו בשמחת דביר של מצוה, להזכיר חסדי המקום בבריאה לקיום עולם, והוא שכ״ים באומרו קול אומרים הודו את ה׳ צבאות, שקולות השמחה יהיו בשבח המקום (מהרש״א). (מעשה אלפס, ח״ב)

ער האט זייער גיזארנט וועגין דעם, אונ האט חוקר ודורש גיוועזען אונ איז דער-באנגען, אז די הויפט אורזאך איז, די שוויריגקייט פון ערשטין מאל, די פריילינס וואס זייער שטאלץ איז גאר ניט דורך צוא בלאזין, איז זייער שווער פאר דיא עלטערין צוא פועלין ביא זייא, אונ ווען חלילה דעם ערשטין מאל גייט אוועק ניט גוט, איז שוין נאכהער געווים שלעכט צו פאררכטין, ווען אבער עס גליקט די עלטערין פארהיטין דעם ערשטין מאל, איז שוין נאכהער לייכט צו פיהרען אפין גראדין יודישען וועג. האט ער ביא זיך באשלאסין ניט צוא גיין מסדר קדושין זיין, וואו דיא עלטערין האבין איהם ניט גיזאגט זייער יא ווארט אז עס איז צוא גיגאנגען טהרה וויא דאס רעכט איז, אונ דאס איז גיוועזען אגרויסע באמערקונג אונ זריזות פאר די עלטערין אן צו ווענדין אלע מיטלען צו פועלין ביא די טאכטער צו טאן כדת. איין מאל האט פאסירט אין אגרויסין ארט, וואס דיא עלטערין האבין פאר קיין פאל ניט גיקענט פועל זיין ביא די פריילין דאס יודישע-טעכטער-רעכט, אונ וויל די כלה וואר זייער באקאנט מיט דעם גובער-נער, האט זיא אויף גיפאדערט דעם ראבינער דורך די געריכט, אז ער מוז גיין מסדר קדושין זיין. דער ראבינער האט גיזעהען אז ער האט דא קיין עצה ניט איז ער גיגאנגען אונ האט גיזאגט ברכות אירוסין וויא גיהעריג איז, עס איז גיקומען צוא הרי את מקודשת, איז דיא מאדע דארטין אז דער ראבינער זאגט ווארט אין ווארט מיטין חתן (אום ניט צוא פאר שעמען דעם וואס קען ניט), האט ער איהם פאר גיזאגט הרי, את, מקודשת, לי כו', „כדת וויל־העלים דער גרויסער".

וואס איזט דאס „כדת וויל־העלים"? מען ברויכט דאך צו זאגין „כדת משה וישראל". האבין אן גיהייבין צוא דונערין פיל שטימען פון אנשטאנדיגע דייטשען.

יא יא דאס איזט נור „דת וויל־העלים" וויא דיא געריכט האט גיהייסין, וויל נאך „דת משה וישראל" מוז מען אב היטין טהרה, אונ ווען עס איז ניכט אב גע-היט טהרה איז ניט דת משה, וויא אזויא זאל איך זאגין איין שקר, ובפרט פאר איין גיעהרטע פובליקע.

בראוואָ! בראוואָ! האט זיך גיהערט דונער שטימען פון גאנצין זאל, זייער קלוג האט דער ראבינער געפיהרט.—וואס איז גיוועזען דיא ענדע מיט דיא חופה?

וויא פארשטייט איהר? מהסתם איז אב גילייגט גיווארין אין אבטאג ארום, אונ עס איז גיוועזען אחופה וויא ביא אלע אידעשע טעכטער גיהערט צו זיין, די איינציגע ווארטין „כדת וויל־העלים" האט (די כלה) גוט ערקלערט איהר אירטהום, די געריכט האט איהם גיגעבין גירעכט, דאס איז דאך ווירקליך כדת וויל־העלים, וויל ער האט גיפאלגט דיא געריכט, אונ איז גיגאנגען מסדר קדושין זיין.

ערקוויקט זאלט איהר ווערין — ענטפערט דער חתן ענטציקט — וויא איהר

האט

האט אונז ערקוויקט מיט אייערע זיסע ערציילונגען . פון דעם איז ארויס צוזעהען וואו תורה איז חכמה , איהר זאלט געבענטשט ווערין מיט אלע ברכות וואס דיא חכמי התלמוד בענטשין דעם וואס ערפרייט חתן כלה , איינער זאגט ער איז זוכה צו תורה וואס זיא איז געגעבין געווארין בה׳ קולות [כי נתינתה היתה יום שמחת לבו וחתונתו עם ישראל כמו שכתוב וארשתיך לי לעולם (מהרש״א)] . אונ איינער זאגט מביאים תודה בית ה׳ דא איז ווירקליך , דיא אלע געסט דאנקען דעם עוויגען כי טוב כי כו׳ , אונ איינער זאגט גלייך וויא ער וואלט בויען איינע פון דיא חורבות ירושלים , איהר האט אונז ווירקליך אויף געבויט מיט אגיזונטין אפעסטין שכל , אונ בפרט מיט פאריגען ראזגאוואר פאר דער חופה דיא ערציילונג פון בריסקער רב , פון שמחה שטעלט זיך מיר פאר אין פאנטאזיע וויא ירושלים איז אויף געבויט .

אה! אה ! — שפריכט דער גאסט מיט גרויס ענטציקונג — , יעצט פאר־שטייא איך דעם דיוק פון דיא הייליגע תלמודיסטין וואס מיר איז שטענדיג קשה געוועזין דער לשון כל המתאבל כו׳ „זוכה ורואה" (בלשון הוה) עס האט גידארפט צו שטיין (בלשון עתיד) „יזכה ויראה״ , דער לשון הוה איז אונז מרמז אויף די רייד פון נביא שישו אתה משוש כל המתאבלים עליה אז פון גרויס אמונה זאלט איהר פאנ־טאזירין אז ירושלים איז געבויט , אונ איהר זעהט איהר בבנינה אונ פרייט זיך מיט איהר , „כל המתאבל״ . דער וואס טרויערט מיט איין אמת אונ האלט טייער דיא זכרוני קודש (דיא יושקעס מיט דיא קלאמקעס) „זוכה״, איז ער זוכה אונ זעהט וויא זיא איז געבויט, איהם שטעלט זיך פאר אין מחשבה פון גרויס אמונה וויא ירושלים איז הערליך געבויט, אונ אין מיטן טרויער איז ער זוכה צוא פרייען זיך (שישו אתה משוש כל המתאבלים כו׳) .

יא יא ! זאגין איינגע דאס איז אשיינער אונ אריכטיגער דיוק , ברוך שבחר בחכמים ודבריהם הקדושים .

איך האב מיר באטראכט וויא מען האט שוין אב גילייזיגט דעם בופעט, זאג איך: „מיינע טהייערע! יעצט לאמיר מאכין איין ברכה אחרונה , דאנקען דעם עוויגען פאר אלע גוטעס וואס מיר האבין גיגאסין , אונ ווייל עס איז פארהאנדין פיל וואס קענען ניט מאכין אויסווייניג דיא ברכה על המחיה ועל הגפן , דרום וועל איך זאגין בקול רם , אונ איהר אלע זאלט אזויא גוט זיין איין הארכין ווארט בייא ווארט, ניט פארטראכטין זיך , אונ מכל שכן ניט שמועסין אונ נאכהער ענטפערין אמן״, איך האב גימאכט בקול רם על המחיה ועל הכלכלה, ועל הגפן ועל פרי הגפן , ועל העץ ועל פרי העץ , ווייל מען האט גיגעסין מזונות (איז על המחיה) אונ וויין (איז על הגפן) אונ פירות פון שבעת המינים וויא פייגין אונ וויינטרויבין

איז

(איז על הגפן) אונ גיקאנצעט על המחיה ועל הגפן ועל פרי העץ. אונ נאכהער גימאכט בורא נפשות, אויף די צוקער זאכין אונ די פרי האדמה, ווייל אויף די פרי העץ וויא עפיל אונ מאנדלין ברויכט מען שוין ניט קיין בורא נפשות, ווייל דער "על העץ" האט שוין גיפאטערט אלע פרי העץ, (הגם ווען מען עסט זייא אליין אן שבעת המינים מאכט מען "בורא נפשות", נור יעצט אז מען האט גיגעסין שבעת המינים אונ גימאכט על העץ איז שוין גיפאטערט אלע פרוכט). עס איז גיוועזן איין פארגעניגען וויא אלע האבין איין גיהארכט דיא קלארע ליכטיגע ווערטער וואס איז ארויס פון מיין מויל, אונ אלע האבען גיענטפערט "אמן".

יעצט מייגע טהייערע — זאגט דער מחותן צו דיא פובליקע — גייט איך האבין פארגעניגען טאנצין וואס יעדער פארלאנגט, מוזיק איז פרייא פאר אלעמען.

דיא יונגע מענטשין זייגען זיך אריין אין טאנצזאל מיט חתן כלה, מוזיק האבין געשפילט, די יונגע מענטשין האבין גיטאנצט, איך בין מיר פארבליבין אין זאל מיט אייניגע עלטערע מענטשין וואס זייגען זייער גערין גיוועזן צו הערין מייגע זיסע רייד. —

ו. אוי למי שבניו נקבות!

וואס זייט איהר עפעס אונמוטהיג מיין טהייערער? — זאג איך צום מחותן — וואס איז אקערסט אריין צוא אונז אין זאל.

מיר טוט לייד, עס זייגען יעצט גיקומען פריינדינען דיא כלה׳ס, אונ מיט זייא זייגען גיקומען זייערע בעקאנטע שטודענטין מיט גימנאזיסטען, אונ מען טאנצט הערין מיט דאמען, אונ אויף זייא קוקענדיג האבין זיך שוין אויף גיצובעט דיא אייניגע פוסטע פראנטין, וואס האבין זיך שוין גיוועסט מיאש גיוועזן פון טאנצין מיט דאמען הערענדיג אייערע זיסע רייד. איך וואלט אפשר גיט אזויא גילארימט אויף דעם, נור וויא איך קען אייך אז איהר וועט גיוואהר ווערין פון דעם וועט איהר האבין גרויס עגמת נפש, אויף דעם טוט מיר זייער באנק.

בארוהיגט זיך מיין טהייערער, מיר גייען אריין באלד אין טאנצזאל, וועט ווערין אלעס רעכט! דיא מוזיק זייגען דאך פרייא, וועט דאך זייא קיין שאדין ניט זיין.

יא יא עס וועט זייא קיינע שאדין זיין, איך גיב זייא אשיינע מטבע זייא זאלין בייא קיינעם קיין קאפייקע ניט גענמען, אפילו ביין טיש ניט גיין בעטין קיין פעניג.

מיר זייגען אריין אין טאנצזאל, נאך אונז זייגען נאך גיגאנגען אגרויסע פובליקע פון עלטערע מענטשין. איך געפין עס קערט דיא וועלט, הערען מיט

דאמען

ראמען, טאנצין צוא זאמען. איך זעהע איין אנשטאנדיגע דאמע טאנצט מיט אבחור אפראנט ארום גיארימט, איך באמערק גוט דעם בחור, דאכט זיך דאס איז אברהם'קע?

אויב דוא מיין ליבער לעזער ווילסט וויסין ווער איז דאס דער אברהם'קע? וועל איך דיר ערציילין. מיט איניגע טעג צוריק בין איך גיוועזן אין הויז ביא דיזע פרויא וועגין גישעפט, זיצענדיג בעט איך אקינד דערלאנגען מיר אגלאז וואסער. — "אברהם'קע! רופט זיך אב דיא ווירטהין, דערלאנג אגלאז וואסער"! זיא האט באמערקט אז מיר איז עפעס קשה די פראסטע אויסדריקע "אברהם'קע דערלאנג". "דאס איז ניט קיין פריקאסציק — זאגט זיא — נור אמשרת ניט לאנג אן גיקומען", אונ היינט טאנצט ער מיט די ווירטהין ארום גיארימט!?—דאס זיינען אונזערע שטאלצע דאמען, וועלכע עס איז גאר ניט דורך צוא בלאזין זייער גרויסקייט, נור ווען אפראנט (אפילו איין פוסטער) פריגלאשעט זייא צום טאנצין, ווערין זייא גרויסע ענוים אונ אנטזאגין ניט.—ריכטיג האט איינער גיזאגט אגלייך ווארט, (כי הלל רשע) דער רשע, אבוואהל ער איז אגרויסער בעל גאוה פון דעסט-וועגין טרעפט צייטין אז ער איז אויך איין עניו וויא הלל הנשיא (וואס דער תלמוד דערציילט וואונדער פון זיין גרויסע ענוה), אבער ווייסטו וו"ז דער רשע שטעלט איין זיין ענוה? נור (על תאות נפשו) בעת ער דארף ממלא זיין אתאוה. דאכט זיך אין שטוב האט זיא שטאלצירט, אונ עס האט איהר ניט גיפאסט צו זאגין: "אברהם זייא אזויא גוט הייס דערלאנגען אגלאז וואסער" וויא דיא אדילקייט פון ענוה ברייגט מיט צו באהאנדלען מיט כבוד יעדער מענטשין, נור "אברהם'קע דער לאנג"! יעצט אבער אוים צו פיהרין איין תאוה איז רעכט מיט אברהם'קען צו טאנצין גיארימט!?

איך וועל ביא איך עטוואס פרעגין מיינע טהייערע, וויא איך זעהע זייט איהר זייער ספיציאלגע אין דאמענ-רעכט, נאך די לעצטע מאדע נאך, אונ נאך מיין מיינונג איז דאס זייער פיין. אונזער תלמוד מאכט אגרויסין פאראד פון מענטשענ-רעכט, אונ אויך פון דאמענ-רעכט, זייא דריקען זיך אוים מיט דיזע ווערטער (אוקירו לנשייכו). גיט עהרע אייערע פרויען דאדורך וועט איהר רייך זיין", (אתתך גוצא גחין ולחוש לה) "ווען דוא בינסט אהויך געוויקסיגער מאן אונ דיין פרויא איין נידעריגע, בייג זיך איין צוא איהר אונ האָרך וואס זיא זאגט דיר". פארשטייא איך ניט איין זאך. וואס אין איין שטעלע דריקט זיך אוים דער תלמוד מיט אזא ווארט וואס איז אגרויסע באליידיגונג פאר דאמען, היינו דער תלמוד זאגט. אי אפשר לעולם בלא זכרים ובלא נקבות, דיא וועלט מוז האבין עס סייא מענער אונ סייא נקבות, נור וואויל איז דעם וואס זיינע קינדער זיינען זכרים, אונ

וועהע

וועהע איז דעם וואס זיינע קינדער זיינען נקבות, וויא קען זיין אנגרעסערע באליידיגונג וויא דאס איז? אונ נאך פון אזעלכע חכמים וואס האבין פארשטאנען וויא צוא שעטצין דאמענ-רעכט. אלזא זאג איך אייך פריילינס, אז בעפאר זייא (די קאוואלערין) וועלין ניט אבעסנייען דיזען תלמודישען מאמר, זאלט איהר ניט אן הייבין צוא טאנצען מיט זייא. אז זייא קענען הערין אזא באליידיגונג אויף אייך, אונ זיך ניט סטאראייענען צו פאר ענטפערין, איז זייער גאנצע דאמענ-רעכט פאלש, וואס פאלש הייסט, נור אייגענע ליבע, וויא דער לאקס האט גיענטפערט דעם פריץ.

מיינע גימינאזיסטען זיינען גיבליבין שטיין טאקע פשוט וויא די הענער, עס יכול'ת ניט, חאטיא נעמט זייא ארוים אלע ציינער.

איך זאג אייך נאך אמאהל איהר גיעהרטע פריילינס, אז ניט אזויא טאנצין מיט זייא, איהר זאלט גאר אפילו ניט ריידין מיט זייא. אז זייא קענען הערין אזא באליידיגונג אויף אייך „וועהע איז דעם וואס האט טעכטער" אונ זיין גאר גלייכגילטיג, גאר ניט צו לייגין די קאפ, ווען זייא וואלטין צו דעם צו לייגין די קאפ לפחות אהעלפט וויא צו דאמענ-רעכט וואלטין זייא געוויס געפינען איין אנדער אביאסנענע, ניט וויא פארלייפיג ווייזט אוים.

וואס זאגט איהר אויף דעם? — זאגט דער מחותן צו מיר, — איך קען טאקע ניט צוזעהען אזא באליידיגונג אויף די דאמען, זאגט וואס גיכער איין ערקלעהרונג אראפ נעמען דיא באליידיגונג, איך מיין זיך אויך אין דעם. איך האב זאלין גיזונט זיין 4 טעכטער מיט 1 זאהן.

אז איהר וועט מיר געבין אייער יא ווארט, אז איהר וועט אויף הערין צוא טאנצין תערובות, הערען זאלין זיך טאנצין באזונדער אונ דאמען באזונדער, הערען האבין זיך אנדערע זארטין טענץ אונ דאמען אנדערע זארטין, וועל איך אייך אויס לייזין פון דיזע ביידא. איך גלויב אז די ערשטע צייט וועט אייך זיין שווער זיך אב צו גיוואוינען, ווייל דאס האט זייער אשטארקען רייץ (כמחז"ל עריות נפשו ש"א מתאוה לחם כו') אונ די באזונדערע טענץ וועט בייא אייך קיינע גישמאק האבין, נור וויא נהמא בנהמא (ברויט מיט ברויט) אהער מיט אדאמע האט עפעס גאר אנאנדער רייץ. נור דער פארשטעל פון די זאך איז שטראשנער וויא דיא זאך באמת, אונ אז איהר וועט זיך אב גיוויינען וועט איהר ערשט זעהען וויא שענדליך דאס איז, ריכטיג וויא דער וואס איז צוא גיוואונט צו שכרות אדער צו פיל-רויכערין שטעלט ער זיך פאר אז מען קען גאר ניט לעבין אנדערש, אבער נאכהער טוט איהם הנאה, אונ ער פאר ליידעט ניט ווען אצווייטער רויכערט אין זיין געגענווארט, איהם חאפט צאדין דיא קאפ פון יענעמס רויך.

וואס

וואס איז דאס פאר אזא פארברעך צו טאנצין הערין מיט דאמען ? חאפט זיך ארוים איין גימנאזיסט וויא פון פייער .

אין דעם בין איך ניט מחוייב אריין צוא קלעהרין, איהר קענט זיך נור נעמען איין ביישפיעל פלייש אליין איז כשר, מילך אליין איז אויך כשר, פלייש מיט מילך צוזאמען איזט טרייף אונ וויא טרייף אפילו בהנאה, אונ פאר וואס ? דארפין מיר ניט אריין קלעהרין, מיר קענען נור פארשטיין אז יעדער פאברי-קאנט וואס ארבעט זיינע צייג ווייס ער איהר גיטע, דער בורא וואס האט גיוועבט דעם מענטשין פון זיין מוטערלייב ווייס ער וואס פאר איהם איז גיזונט פאר זיין קערפער אונ פאר זיין זעלע, אונ אז ער האט פארבאטין בשר בחלב, ווייס ער אז פאר זיין זעלע איז דאס גיפערליך, אונ דאס גלייכין תערובות זכרים ונקבות איז גיפערליך פאר זיין זעלע, אונ פילייכט נאך פאר זיין קערפער אויך, וויא קלוגע פארשטייען .

זייער ריכטיג ערקלעהרט, ענטפערט דער גאסט, נוא וואס איז אבער דיא אביאסנענע אויף דעם מאמר אוי למי שבניו נקבות ? מיר זיינען זייער נייגעריג צו וויסין, מיר קענען ניט ערטראגען די באליידיגונג פון די גיעהרטע פריילינס .

אנדערס וועט דאס ניט זיין, וואו איהר וועט מיר ניט געבין אייער יא ווארט אז איהר וועט ניט טאנצין קיין תערובות, וועל איך אייך ניט ארוים נעמען פון בידא, וויא באלד איהר זייט אריין גיפאלין וויא בלינדע צו מיר אין האנט, ליגט אויף מיר איין הייליגער פפליכט צו סטארייען זיך ליכטיג מאכין אייערע אויגין פון דיא גרויסע פארבלענדענעס .

ניט ווילענדיג מוזין מיר געבין אונזער יא ווארט, רופין זיך אויס 2 אין דעם נאמען פון אלע קאוואלערין .

יעצט מיינע טהייערע וועל איך אייך ערקלעהרין, נור הארכט מיט אזינען. באטראכט זייערע קלוגע ווערטער אשרי מי „שבניו" זכרים, ואוי למי „שבניו" נקבות, וועהע איז דעם וואס זיינע „זיהן" (ד. ה. זיינע „אינגלאך") זיינען מייד-לאך, וויא הייסט עס אינגלאך זיינען מיידלאך ? עס האט דאך באדארפט שטיין אוי למי „שורעו" נקבות, פון דעם זעהען מיר דיא ווארהייט אז דיא חז"ל מיינען חלילה ניט צוא שענדין דעם וואס דיא נאטור האט חונן גיוועזן מיט נקבות, דיא וועלט דארף האבין נקבות גלייך וויא זכרים, אונ וואס דער בורא גיט איז גוט, זאל נור זיין אויף לאנגע יאהר. נור דא ליגט גאר אוויטציגער גידאנקען. מיר גידיינקען מיט 30 יאהר צוריק, אז אשדכן האט פארגישטעלט אחתן האט מען דערציילט זיינע מעלות, אין וואסער פאך ער איז גיוועזן, אפילו אבעל מלאכה אדער אקרעמער, האט מען איהם גערימט ער איז אגוטער מייסטער

אהעלד

אהעלד אין גישעפט, אטייער קינד, אבחור וואס ווייס זיך וויא צו האלטין, ער איז שפארזאם, קלייבט דעם רובל, פארשווענדעט ניט, שבת און יום טוב שטאטייעט ער זיך ניט ארום אין די גערטנער, נור האט זיך אקביעות מיט נאך ערליכע קינדער צו לערנען, אום ניט צו פארגעסין וואס דיא עלטערין האבין גיסטראדאייעט צו געבין איהם לערנען. ער האט אפאר מאהל אוים גיהאט משניות, לערינט אלע שבת די סדרה חומש מיט רש״י, אביסעלע תנ״ך, חיי אדם, צוויסין אדין וויא איין איד צו זיין, וויא צו לייגין תפלין, וויא צו היטין שבת, וויא צו באהאנדלען און שעטצין עלטערין. לערינט אביסעלע מוסר השכל צו וויסין מיט וועלכע מיטלען אוים ראטין פון הארצין די פארדארבענע זיטין וויא כעס, גאוה, תאוה, קנאה, שנאה, און ד. ג. און איין פלאנצין מדות טובות וויא ליב האבין יעדערין און שעטצין יעדערינס כבוד, כמה מאל אין דער וואכין אויך אביסיל גילערינט. אין די ליידיגע צייט גילערינט זיך שרייבין. קורץ עס איז אבחור אהעלד איין שלם, וויא די משנה דריקט זיך אוים „יפה תלמוד תורה עם דרך ארץ״, עס איז שיין און הערליך, אמייסטער און האט אגרויסע ידיעה אין לערנען*). דאס גלייכין ווען איינער האט סטודירט האט ער ניט אוועק גי-

ווארפין

*) די וואך פון דער חופה האט ער זיך געסטאראייעט דורך צו לערנען דיני צניעות פון שולחן ערוך, וויא איין יוד דארף זיך באגיין מיט זיין פרויא אין די צייט וואס זיא דארף זיין באזונדער, ער זאל דאס אליין ריכטיג וויסין, און נאכהער זאל ער דאס איהר אויך קענען באלערנען, זיא זאל זיך וויסין אויפצופיהרען וויא עס פאסט פאר איין יודישע טאכטער, און ווער רעדט דעם טאג פון דער חופה האבין חתן כלה גיפאסט, און עוסק גיוועען אגאנצין טאג בתשובה ומעשים טובים, באווארנט אז זייער שמחה זאל צו גיין אין אלעם נאכין יודישען גישמאק (רחמנים, בישנים, גומלי חסדים), פיליכט דארף מען איינינע פון זייערע ארימע פריינד געבין וואס צוא ווארפין דרשה גישאנק, בכדי זייא זאלין ניט פארשעמט ווערין. — אויך באווארנין אז אלע באדינער, סארווער, לאקייען, זאלין זיין פון אחינו בני ישראל, ווארום זאלין מיר אוים ווייבין אונזערע ברידער און אוועק געבין זייער פרנסה איין אנדערין? ובפרט אז דאס איז נוגע צו כשרות אויך, וויא צו דערלאנגען ווין,

— ולאהבת אחי ורעי אביא פה איזה דברים טובים ומועילים (מקור ש״ע סי׳ קס״ז) צריכין החתן והכלה להתקדש עצמן במאד מאד בהכנסם לחופה ויעשו תשובה ביום ההוא ויפשפשו במעשיהם מיום הולדם עד היום הזה, ויתודו ויבקשו מחילה וסליחה וכפרה מהשי״ת, ויהיו מודים ועוזבים, ויתחרטו חרטה גמורה בשברון לב, ויעשו הסכמה חזקה מהיום ההוא והלאה לעבוד את ה׳ באמת ובתמים, ולהיותם קדושים וטהורים ואח״כ יכנסו לחופה, ויתפללו שהקב״ה ישרה שכינה ביניהם וכמו שאמרו חז״ל איש ואשה שכינה בינידם, ונוהגין שאומרים הוידוי בתפלת מנחה כמו בערב יו״כ. וכמה רחמים צריכין בל יגרום החטא להטריד החתן והכלה חלילה בהבלי העולם כל יום הקדוש הזה, כמ״ש חז״ל (סוף יומא) האומר אחטא ויוה״כ מכפר אין יוה״כ מכפר (היינו שאין מספיקין בידו להתנהג כראוי לקדושת היום) שאין קטגור נעשה סנגור, וכמה פתאים חוטאים בשאט נפש על סמך החופה באמרם „דיא חופה איז נאך פאר מיר״ ומה מראות עיניהם שבזה מעידין על עצמן שאתמה בודים גמורים שאף דבר פשוט כזה אינם יודעים. — עוד שם, נוהגין לעשות החופה תחת השמים לסימן ברכה כה יהיה זרעך ככוכבי השמים. — השושבינין מלבישין את החתן בקיטל [כדי שיזכור שכל שעשועי הזמן כלים ונפסדים ומאומה לא ישא בידו כי אם חליפות בגדים לבנים ועי״ז יתעורר לקבל עליו לילך בדרך טובים ולשמור ארחות צדיקים] גם נוהגין שהאבות והקרובים אנשי צורה מברכים את החתן ואת הכלה ומתפללים עליהם שזווגם יעלה יפה. ונכון להזכירם

שיכוונו

ווארפין זיין דת, אונ האט גילערינט אסך תנ"ך אונ תלמוד ניט צו פארגעסין דעם לערנען פון יוגענד ולהוסיף לקח, וויא מיר געפינען דיא בארימטע קענער בחכמת הרפואה, וויא דער רמב"ם אונ דער אבן עזרא אונ ד. ג., אויף דעם איז גיזאגט „אשרי מי שבניו זכרים" זיינע זיהן פיהרען זיך אויף וויא מענער גיהערין זיך צוא פיהרין. — ליידער אבער יעצטיגע פינצטערע צייט זעט איהר בחורים העלדין, פארדינער אונ האבין אקאפיקע ניט, עס איז נאר צוא לאכין אויף זייער אנטווארט „וויא קומט אבחור צו געלט"? איך פארשטייא דאס נאר ניט ווער דען דארף האבין געלט אז ניט אבחור? נור דער תירוץ איז זייא זייגען שארלאטאנעס, לא די וואס זייא פארשווענדען זייערע געלט, פארשווענדען זייא אויך זייער גיזונד אונ זייער גליקליכע רוהיגע צייט אין פרוזירען אונ פוצין זיך ריכטיג וויא פריילינס, שטייען צוויא שעה ביין שפיגעל מאכין די טואלעטע ביז ער קומט אין שוהל צום אויב שפייען. אלע למודים ברויכין זייא ניט, נור א נייעם למוד האבין זייא היינט ערקלערט, ער לעהרינט זיך טאנצין*), אונ אז מען

דארף

שיכוונו לצאת בברכת בורא פרי הגפן מהמסדר קדושין בכדי שלא ישתו בלא ברכה, וכן אחר החופה שהסארוועך מקבל פניהם בכוסות יין יברכו תחלה לקיים והתקדשתם והייתם קדושים, אדם מקדש עצמו מעט מקדשין אותו הרבה. — עוד שם, אין עושין קנין בשבת, ולכן אם הנשואין בע"ש צריכין ליזהר מאוד שיהיה יחוד הקונה קודם שבת (יחוד הקונה נקרא מה שאחר החופה מוליכין את החתן והכלה לחדר מיוחד ואוכלים שם יחד במקום צנוע, ויש למנוע שלא יכנס לשם שום אדם כדי שיהי' יחוד גמור וזהו החופה הקונה ועושה נשואין) אבל אם לא נעשה היחוד הקונה מבעוד יום אז אסור לבא עלי' בשבת בראשונה, דאין קונין קנין בשבת. — ונכון להזכיר את הכלה להצניע הכתובה אשר מפני הטרדה עלולה מאוד לאבדה (ואסור לשהות עם אשה בלי כתובה). — (עי' ברכות ס"ז) ר' אמי ור' אסי הוו קא קטרין לי' גננא לר' אלעזר (כיו נוהגין שהרעים האהובים לחתן היו מיפין החופה בעלי הדס וכיוצא) א"ל אדהכי והכי איזיל ואשמע מלתא דבי מדרשא (אם גדול ורם השבת לתורה ובאהבתה שגו תמיד) ואיתי ואימא לכו אזל אשכחי' לתנא כו' א"ל ר' יוחנן אבל פתח בלמען ירבו ימיכם סרכי' נקיה ואתא אתא וא"ל אמרו לי' אילו לא באנו אלא לשמוע דבר זה דיינו. ויש לפרש שזימנו לו מן השמים דבר בעתו, כי כאשר ע"י תשובתו ומעשיו הטובים ביום חופתו נתדבק כל כך לאהבת האשת חיל (היא התורה הנקראת במ"ח דברים כמנין ח"ל) אז מוגשת אליך לנסח דרכו כל ימי חייו כי סרכי' נקיה ואתא ויומשך אחר הרגלו הטוב כשהרגילנו בתורתך (אז) ודבקנו במצותיך כו' ולא נבוא לידי בזיון ולא נתחבר לאדם רע ולחבר רע כו' ונשא להן בעיני ה' ובעיני כל רואינו כו'.

*) אונ דער לערנען זיך טאנצין אליין איז נאך ניט די ענדע, דאס איז נור דער ערשטער שריט צו די בייזע וועג, נאכהער פיהרט איהם דער יצר הרע ווייטער אונ ווייטער ביז ער פארפיהרט איהם אין פינסטערנעס אונ טומאן וואס ער זאל זיך שוין ניט קענען ארויס פלאנטערין פון דארטין זיין גאנצין לעבין, וויא דיר מיין ליבער לעזער איז געוויס באקאנט, דער ביישפיעל פון דיא חיה ברדלס (דעבע) וואס איך האב באשריבין (בספר אבן שלמה ע"ט) אז מיט איהר טאנצין אנטקעגין דעם מענטשין צו טומילט זיא איהם אזויא ווייט אז ער לייפט נאך איהר נאך צו איהר נארע, אונ דארטין שמאקצעט זיא איהם אויס זיין מארך פון קאפ, אזויא אויך דער יצר הרע פריער פיהרט ער איהם לערנען זיך טאנצין, נאכהער דארף מען דאך ווייזין וואס מען קען, ווערט מען אשטאט מהותן אויף אלע חתונות, וואס דארטין געפינט זיך נור אבעקאנטע טענצערקע, דאדורך ווערט מען באקאנט מיט גוטע ברידער וואס פרינגלאשען צום גריגעם טישיל, אונ ביין גריגעם טישיל שאדעט ניט אגלעזיל, אונ מאנכע מאל עטליכע אויך, אונ דאס קאסט אלעס צייט אונ גוטע געלט, עבירות שטייט יעצטיגע צייט אין גוטין קורס (ווייל עס איז דא פיהל קונים אויף זייא), פאר איין עבירה האט מען גיקאנט האנדלען פיל מצות (וועלכע

אויה

אויף זייא איז ווייניג קונדין) אונ אט אזויא ווערט מען אבחור אצאצקע.—נאכהער קומט צוא איהם דער יצר הרע מיט אנייעם פראיעקט, אזויא וויא איך האב דיר באטראכט, היינטיגע נאכט, פאר אטענצער אפראכט, פאסט אז דו זאלסט ווערין איין צלען אין קרוזאק פון די וועלט-בעלי-טובות (אזא זארט פינסטערע געזעלשאפט), דער פלאן גיפעלט איהם זייער, וייל דארטין וועט ער האבין אינטערעסע מיט פיל שיינע טענצער-קעס, דא איז ער שוין אפארטינער ייט, ער ווערט איין הפקר מענטש וואס וייס שוין ניט וואס עלטערין זיינען, אונ איז גיפערליך פאר מענטשליכע געזעלשאפט. אפראקטיקע איז צו זעהען, אז אין די פינסטערע גיפעהרליכע קומפאניעס זעהט איהר דאס מעהרסטע נור טענצער מיט טענצערקעס, אונ פון די וואס גייען לערנען אין תפארת בחורים ופשיטא אין חברה פועלים פון זייא וועט איהר איינעם ניט געפינען, וייל דער וואס האט נור אויף זיך עפעס מורא שמים, האט אויך מורא מלך ושרים, וויא דער חכם מכל אדם זאגט (משלי כ"ד) „ירא את ה' בני ומלך", פירכטע זיך מיין קינד פאר גאט אונ פאר דעם קעניג, „עם שונים" מיט די וואס ווילין ענדערין די פאליטישע הנהגה „אל תתערב" זאלסטו זיך ניט פארמישין, דו זאלסט גאר אין זייערע ד' אמות ניט שטיין, איבער צוויא אורזאכין, דאס ערשטע „כי פתאום יקום אידם" דען פלוצלונג וועט אויפשטיין זייער בראך, דאס איז גאר פשוט פראוויטעלסטווע וועט דיר דערגיין אונ דיר פארשיקען לעזאזל, היינט וארום זאלסטו שטעלין דיין לעבין מיט דיין פאטער אונ מוטערס לעבין אין גיפאהר? וייל זייא וועלין דאך געוויס ניט אויס האלטין פון צער, אונ אויך מאכין אגרויסין פלעק אויף דיין פאלק וואס שטענדיג אפילו אין גאר זייערע ערנסטע צייטין, זיינען זייא געבליבין טרייע אונטערטאנער, אידין זיינען מאנכע מאהל פארמישט גיוען אין פראצעסין פון פארשיידענע שווינדלעריא. נור אלעס וועגין ארוביל פארדינען, אבער ניט חלילה וועגין מאטעזין, איבער די אלטע שבועה וואס מען האט אונז באשווארין אז מיר זאלין ניט מורד זיין באומות וואס זייא שיטצין אויף אונז אונ שטערין אונז ניט צו האלטין אונזער דת, ווער עס לייענט אונזער אלטע היסטאריע פון דעם תנא בבא בן בוטי מיט הורדס המלך ווערט ערשטוינט אויף דיא אידעשע טרייהייט געגין מלוכה. — אונ דאס צווייטע דאס וואס דיר חלומת זיך אז דוא וועסט גליקליך מאכין דעם נאראד מיט אייער הנהגה אויב איהר וועט מצליח זיין, דאס הייסט איהר טרוימט אז איהר זייט וועלט-בעלי-טובות, זאג איך דיר אז דאס איז אגרויסער טעות, דאס איז טאקע מעהר ניט וויא אחלום מיט גאר אסך דברים בטלים, וייל „ופיד שניהם" (פי' שינויהם עי' מלבי"ם) „מי יודע"! ? דעם בראך פון זייער ענדערונג ווער וייס! ? ד. ה. ווער איז גאר אים-שטאנד פאר צו שטעלין דעם גרויסין אונגליק וואס דאס וועט ברייננען אויף דער וועלט, מאטריאליש אונ גייסטליך, מאטריאליש? עס וועט ווערין חלילה פון דאס נייא אדור המבול, חמס ושוד, זייא וועלין זיך איינע די אנדערע די קעפ ארונטער נעמען באין מורא שמים ומורא מלכות איש את רעהו חיים יבלעו), אונ גייסטליך? וואס קען דיר (עזעל קאפ) טרייסטין, די האבער וואס זייא זאגין דיר צו, אז זייא נעמען דיר פריהער ארונטער די (מענטשליכע) קאפ, צו לעבין וויא אבהמה אן אגלויבין, נור זיין אהפקר מענטש, (ורמז בלשון „שניהם" על החומר והרוח ועל שני האופנים, אופן א' (הנראה ברור) שלא יצ"יחו ויושלחו לעזאזל ובאופן השני יתחדש חלילה דור המבול שני כנ"ל), אונ דער נאמען „סואבאדע" וואס זייא האבין דיר איין גירעדט איז אגרויסער טעות, ווען אמענטש מאכט זיך פרייא פון גלויבין ווערט ער ערשט איין עוויגער שקלאפען-דינער ביא זיינע 3 פיאוויקעס, קנאה, תאוה, כבוד, ביז זייא שלעפין איהם ארויס פון דער וועלט, (עי' פאר-רעדע ח"א צד XV). — דרום

מיין

דארף דערציילין זיינע מעלות זאגט מען גאר איינע מעלה, אה! איז ער דאס אמענצער גאר אפגעבראכט! אויף אזעלכע זיהן זאגין דיא חכמי התלמוד אוי למי "שבניו" נקבות, וועהע איז צו דעם וואס זיינע "זיהן" זיינען גאר מיידלאך, גאר מענצער, יענעם איז טאקע ווינד און וועהע, ווארום דאס איז גאר איין "טומטום" ניט קיין זכר און ניט קיין נקבה.

בראוואַ! בראוואַ! בראוואַ! האט גינומען דונערין איבערין גאנצין זאל פון אלע פרייליגם און דאמען, און מיינע פוסטע פראנטין מיט די גימינאזיסטין האבין זיך ניט גיהאט וואו צו באגראבין, און ניט ווילענדיג געבאך האבין זייא אויך מיט געשטימט און גיפאצט בראוואַ, גוט גוט האט איהר אביעסנייעט אראפ גינומען דיא באליידיגונג פון דיא פריילינס.

יא יא, מיינע טהייערע, איהר פארשטייט שוין אליין דיא נארישקייט פון אייער פינצטערין פיהרונג. איך וועל אייך נאך עטוואס טיפער ערקלעהרין וועט איהר ערשטוינט ווערין אויף אייערע פארבלענדענעם, נור ווייל יעצט איז דיא צייט קורץ, די אוהר איז שוין 2, מען דארף שוין גיין צום טיש, וועל איך נור איינייגע ווערטער זאגין, און פרייטאג צו נאכט צו שבע ברכות, דער ווינטער אווינד איז גרויס, וועל איך אייך מיט טהיילין אגרויסע ערציילונג פון מיין רייזע וועט איהר עפענען דיא אויגין וויסען אויף וועלכע וועלט איהר זייט.

אין קורצע ווארטין איז אזויא, שטעלט אייך פאר, וויא אונזער גאסט וואס מיר האבין גיווארט 2 שטונדין אויף דעם פאיעזד, ער וואהר ווירקליך דער גרעסטער מחותן ביי אונז, ער האט אויס גיהאדעוועט די מחותנת׳טע אקליינע יתומה

מיין ליבער לעזער אויב דוא ביסט טרייא זיך, און דיין פאטער און מוטער און אלע מענטשין וויא דוא בארימסט זיך, און דוא ווילסט באמת זיין אבן חורין (האבין סוואבאדע) זאלסטו אנטלייפין פון די פינסטערע גיזעלשאפט, און זיך באהעפטין צו איידעלע קאמפאניעס וואס ליבען די תורה, דאן וועסטו האבין אמתע סוואבאדע וויא דער תנא זאגט (אבות פ״ו) "חרות על הלוחות שאין לך בן חורין אלא מי שעוסק בתלמוד תורה". און ווען דוא מיין ליבער לעזער בינסט איין אמתער מענטשין-פריינד ערקלער דאס אלע דיינע באקאנטע, און זאג זייא אז די צייט וואס זייא פארברייגנען לערנען זיך טאנצין, און אין גיפעהרליכע פינסטערע קאמפאניעס, זאלין זייא זיך בעסער לערנען אביסיל שרייבין, וואס מאנכע טענצער קענען איין אידישען בריף ניט אב שרייבין, און קיין אדרעס ניט אויף שרייבין, און לערנען אביסיל הלכות כבוד אב ואם וויסין וויא צו האלטין פאטער און מוטער. זייא זאלין ניט זיין וויא דיא בהמות וואס ווייסין גאר ניט ווער עלטער איז. ויש לפרש בדרך צחות מאחז״ל (קדושין ל״א) יודוך ה׳ כל מלכי ארץ כי שמעו אמרי פיך, כאשר שמעו מלכי ארץ דבור כבד את אביך, ואז הודו לדברות הראשונות, יען הבינו כי כאשר אדם מכבד אבותיו בטח יהיה נאמן למלכו (ווען מען איז טרייא דעם פאטער, איז מען אויך טרייא פאטער-לאנד).

יְתוֹמָה אוּנ הָאט אִיהר גִיגֶעבְּן בִּילְדִין, לֶערְנֶען וִוירְטְשַׁאפְט, אוּנ נָאכְהֶער גִינֶע-בִּין אַסַךְ נְדָן אוּנ אַנוּטְצְלִיכֶען מֶענְטְשִׁין פַאר אַמַאן, עֶר הָאט דָאךְ אַנְטְקֶעגִין אִיהר גִיטָאהְן רִיכְטִיג וִויא אַפָאטֶער. אוּנ נִיט אַלֶעס-אֵיינֶענֶע-נוּטְצִין, עֶר וַואהר דָאךְ נִיט קֵיין בְּעֲזְדֶעטְנִיק, עֶר הָאט אֵיינֶענֶע טֶעכְטֶער אוּנ זִיהְן, נוּר בְּלוֹיז מֶענְטְשֶׁענְפְרַיינְד, דָאס אִיז בֶּאֱמֶת אַפְרַאכְטְפָאלֶע זַאךְ. דְרוּם הָאט עֶר פַאר דִינְט צוּ וַוארְטִין אוֹיף אִיהם. אוּנ דִי פְּרָאזֶענְטִין וָואס עֶר הָאט גִיבְּרַאכְט דִי יוּנְגֶע פָּאאר, פָּשׁוּט וִויא אֵיין וַואהְרֶער גְרוֹיס פָּאטֶער, עֶר אִיז וִוירְקְלִיךְ בַּייא אוּנְז דֶער הֶעכְסְטֶער מְחוּתָּן. אַזוֹיא הָאבּ אִיךְ בַּייא גִיוָואוּנְט אוֹיף אֵיין הָאכְצַייט נָאךְ אַהֶעכֶערִין זַארְט מְחוּתָּן וָואס הָאט עֶרְצוֹיגִין דֶעם מְחוּתָּן מִיט דִי מְחוּתֶּנֶת'טֶע אוּנ הָאט זַייא חֲתוּנָה גִימַאכְט, אוּנ זַייא גִיהָאלְפִין אוֹיס הָאדֶעוֶוען זַייֶערֶע קִינְדֶער, אוּנ נָאכְהֶער גֶעשְׁטִיצְט אֲפִילוּ אוֹיף נְדָן פַאר זַייֶער זוּהְן. קוּרְץ זַייא הָאבִּין אִיהְם גִילַאדִין אוֹיף דִי הָאכְצַייט פוּן זַייֶער זוּהְן, עֶר וַואר דֶער עֶרְשְׁטֶער מְחוּתָּן, אֵיין אַדִיל אֵיין מַאגְנַאט, עֶר הָאט פַארְלוֹיכְטִין אַלֶע זַאלִין. הֶערְט אַבִּיסִיל אֵיין אַקְט וָואס דִי פּוֹסְטֶע פְּרַאנְטִין הָאבִּין דַארְטִין אָב גִיטָאהְן, עֶס קְלִינְגְט מִיר מַיינֶע בַּיידֶע אוֹיעֶרִין, עֶס צִיטֶערְט מִיר אַלֶע גְלִידֶער, מַיין צוּנְג וֶוערְט אַנְשְׁטַאנֶען פוּן רֵיידִין.

זָאגְט שׁוֹין מַיין טְהַייֶערֶע, וָואס פַאר אֵיין אַקְצִיֶע הָאבִּין זַייא אָב גִיטָאהְן?

זַייא הָאבִּין אַבִּיזַייעֶט דֶעם גְ״וֹיסְפַארְטִינֶען נַאסְט, הָאבִּין אִיהְם פַארְשַׁאפְט שְׁרֶעקְלִיכֶע נֶעפְרַיאטְנָסְט, הָאבִּין גִיטָאהן אִין זַיין גֶעגֶענְ-וַוארְט אַזֶעלְכֶע זַאכִין וָואס עֶר הָאט עֶס בְּתַכְלִית הַמִיאוּס, אַז עֶר הָאט גִימוּזְט אָב טְרֶעטִין מִיט פַארְדְרוּס פוּן זַאל, אוּנ אַוֶועק אוּנְמוּטְהִיג אוּנ בַּאקִימֶערְט צוּא הוֹיז.

אָה! אָה! אַזַא פָאדְלָאסְט! אִיךְ וָואלְט זַייא אוֹיס גִיפָּאצְט דִי מְרֵייפֶּענֶע צוּרוֹת, הָאט זִיךְ אַרוֹיס גִיחַאפְּט אֵיין אַרִינְטְלִיכֶער גִימַנַאזִיסְט.

חַארְט עֶס אִיז נָאךְ גָאר נִישְׁט, אִיךְ וֶועל אֵייךְ דֶערְצֵיילִין דִי אַדִילְקַייט פוּן נַאסְט, אוּנ דִיא פָאדְלָאסְט פוּן דִיא פְּרַאנְטִין, אַז עֶס פַאר קְוֶועצְט אִין הַארְצִין הֶערֶענְדִיג.

זַיין אַדִיל אִיז אַזוֹיא גְרוֹיס, אַז אָבְּוָואהְל עֶר אִיז דֶער פַאבְּרִיקַאנְט פוּן דִי עֶלֶעקְטְרִישֶׁע אַנַאן, אוּנ עֶר הָאט בַּאלַייכְטֶעט דִי אַלֶע זַאלִין, אוּנ נֶעמְט דַאפִיר נִיט אֵיין קָאפֵּייקֶע, נוּר בְּלוֹיז גוּט הֶערְצִינְקַייט, אוּנ עֶר הָאט גִיקֶענְט אַרוֹיס גֵיי-עֶנְדִיג מִיט פַארְדְרוּס פַארְשְׁרוֹיפִין דִיא מַאשִׁינֶע, וָואלְטִין זַייא אַלֶע בְּלַייבְּין אִין דֶער פִינְצְטֶער וִויא דִיא בְּלִינְדֶע.

אוּנ עֶר הָאט דָאס נִיט גִיטָאהן? — הָאט זִיךְ אַרוֹיס גִיחַאפְּט אַגְרוֹיס - אַרְטִינֶע דַאמֶע - אָה! וָואס פַאר אֵיין אַדִיל דָאס אִיז, וָואס פַאר אֵיין גוּט הַארְץ דָאס

אִיז

איז, ליידין אליין שמערצין אונ ניט געמען קיין ראכע בעת מען קען, אום ניט צו פארשטערין יענעם זיין שמחה, דאס איז גראסארטיג! ענגעל טהאט!

נוא, וואס האט דער מחותן זעלבסט גיטאהן? ער האט צוא גיקוקט דעם בזיון פון זיין גרויסארטיגען נאסט, אונ האט גאר געשוויגין? ווער זייגען דאס גיוועזן אזויא די פראנטין? זייא וואלטין מעגין זיין אפילו חתן כלה'ס ברידער וואלט איך זייא צוא פאצט דיא צורות אונ דורך גיווארפין! שרייט דיא איידעלע דאמע.

דער מחותן האט דאס צו גיקוקט גלייך גילטיג, ער האט נאך אנגרעסערע נארישקייט גיטאהן, דען לבד וואס די גאנצע צייט פון נאך דער חופה אן, זינט מען האט אן גיהייבין צו טאנצין איז דער נאסט ניט גיוועזן דאביי, ווייל ער האט ניט גיקענט צו זעהען זייערע גראבקייט, ער איז ביין גאנצין עסין ניט גיוועזן, איז נאך אם ענדע נאך דרשה גישאנק האט מען גיזאגט פאר עטליכע מחותנים (אסך זייגען צופלויגין פון טיש, אנדערע צוהויז אונ אנדערע טאנצין). גילויבט איז אונזער גרויסארטיגער מחותן וואס די גאנצע שמחה אונ דיא גאנצע סעודה איז כמעט זיינע, אונ מיר לעבין כמעט אלע אין זיין גוטץ.

אה! אונ דעם גרויסארטיגען מחותן האט מען גאר ניט גיבעטין צום טיש? אה, איך האלט ניט אויס! וואס איז דארטין פאר אזא אונמענטש? אט דעם גרויסין סקאנדאל האבין די פראנטין אב גיטאהן, מיר האט דערציילט אגוטער פריינד, אז עס איז שוין זייא ניט דעם ערשטין מאל, דעם וויפעלטין מאל שוין אבזייענען זייא דעם העכסטען מחותן, ווען איך וואלט האבין פאלמאכט וואלט איך אויף זייא גימאכט איין פריגאוואר, אונ אוועק שיקען זייא הינטער הרי חשך, אונ דיא בעלי שמחות וואס האבין דאס צו גילאזין וואלט איך געבין אגוטע פארציע הייא*).

וואס

---

*) איך בין בייא גיוועזן אויף איין האכצייט פון אקלוגען מחותן וואס האט פארזארגט פריער אוים צו מיידין בייא זיך די „הולע־שעטני־טענץ" אונ האט באדונגען פרייא־מוזיק, נאכהער באמערקט ער וויא די פוסטע פראנטין (פוסט פון תורה אונ חכמה) ווילין אנהייבין זייערע „צוטישטע־טענץ", גייט ער אריין אין טאנצ־זאל מיט זיינעם אקליין איינגעלע אונ אמיידעלע אונ זאגט „נאספאדא! איך שטעל פאר אלע הערין צו טאנצין מיט דיזע יונגע דאמעלע, אונ אלע פריילינס צו טאנצין מיט דיזען יונגען הערעלע, אונ דאס איבעריגע טאנצט זיך דאמען מיט דאמען אונד הערין מיט הערין, די גיעהרטע פובליקע האט דאס גוט פארשטאנען אונ קיינער האט זיך ניט ערלויבט צו טאהן נעגין זיין ווילין, אונ די פובליקע האט פיל מעהר פארגעניגען גיהאט מיט די טענץ, מענער מיט מענער נאך דעם יודישען גישמאק. אזויא דארף לפחות פיהרין דער וואס טראגט אויף זיך איין דהאווענעם נאמען (כל יתחלל שם שמים חלילה ע"י רוב ענותו) אונ פיליייכט גיפעלט עס ניט איינינע פוסטע פראנטין אונ וועלין נעמען אבשייד, זאלין זייא גיין גיזונטערהייד.

וואס איז דאס עפעס פאר אמין געריכט וואס ווערט גימאכט פון הייא ? פרענט איין סארווער פארוואונדערט .

חא ! חא ! האבין זיך איינינע קלוגע פריילינס פארנאנדער גילאכט וואס פארשטייט איהר ניט , אזעלכע בעלי שמחות וואס ווייסין ניט צו שעטצין זייער גליקס-פארשאפער זיינען דאך בהמות. דארף מען זיי קארמענען מיט הייא .

נאך מיין מיינונג זיינען זייא קיין הייא אויך ניט ווערט — רופט זיך אב אקלוגע דאמע — אבהמה האט אויך פארשטאנד צוא דערקענען איהר ווירטה, כמ"ש ידע שור קונהו וחמור אבוס בעליו , אונ זייא האבין אויף דעם אויך קיין פארשטאנד ניט , האבין זייא קיין הייא אויך ניט פארדינט , נור הייסע שטיינער .

זאגט אונז מיין טהייערע , ווער זיינען דאס די אונפארשעמטע פראנטין מיר ווילין זייא קענען , אונזער הארץ איז שרעקליך אויף גירעקט אויף זייא , מיר וועלין לייפין יעצט אין מיטין נאכט אויף רייסין זייא פון שלאף אונ צוברעכין רוק אונ לענד, ניט לאזין אגאנצע גליד. אונ ווער איז דער טהייערער מענטש , מיר וועלין לייפין איהם טרייסטין אונ ערפרייען זיין פארוואונדעטע הארץ פון דיא נידערטרעכטיגע טהאטין פון דיא אונפארשעמטע יונגעו .

אה ! גיב איך אגרויסין זיפץ פון גרונד הארצין , דיא הארץ האט מיר פאר קוועצט , אונ בין גיפאלין אין אונמאכט אפין פאטעל.

גיכער ראטעוועט ! דערלאנגט עסיג ! שפירעטעס ! — האט זיך גיהערט קולות,געפילדער , אונזער טייערע באשעפענעס איז אין אונמאכט געבליבין — וואס פאר אגוטס איז איך ! לאזט זיך ניט אב, אונזער זעלע , אונזער לעבין ! ביז וואנען מען האט מיר אויפגעמינטערט, אונ צוריק אין לעבין גיבראכט.

זעהסטו אזא איידעלע זעלע, זאגט אגרויסארטיגע דאמע צו איהר איידעלע טאכטער , אזא איידעלע גוטע הארץ , אז זיא האט גינומען ליידין וועגין די פאר-דארבענהייט פון דיא אונפארשעמטע יונגען , אונ פון דעם בזיון פון דעם גרויס-ארטיגען גאסט,האט איהר דיא הארץ פארקוועצט , ביז זיא איז אין אונמאכט גיבליבין .

די יונגע מענטשין זיינען נאך מעהר אויפגירעקט גיווארין פון דיזע סצענע , אונ שרייען מיט איין שטימע , אבער אום גאטעס ווילין זאגט אונז ווער זיינען זייא ! מיר וועלין שוין מאכין פון זייא אסוף , אז עס זאל זיך שוין מעהר אזעלכע פאדלאסט ניט הערין אונד ניט זעהען , אונ דעם אדעלע מענטשין וועלין מיר מיט אונזערע ווייכע רייד ערקוויקען זיין הארץ .

איך שווייג שטיל אונ טרערין וויא פערל קייקילט זיך מיר אויף די באקען , אונ מיט גרויס גיוויין זאג איך צו זייא , עס איז מיר זייער שווער מיינע טהייערע

צוא אנדעקען אייך ווער זייא זיינען, איך וועל אייך פארשאפין מיט דעם גרויס שאנד.

זאגט, שטערט אייך ניט! זייא מעגין זיין אונזערע ברידער וועלין מיר ניט קוקען אויף קיין זאך, מיר וועלין מאכין פון זיי אתל! אט שוין די זעלבע מינוט!

יא מיינע טהייערע איהר האט האלב גיטראפין, דאס זיינען אייערע אייגענע ברידער, אונ איהר זעלבסט אויך, האב איך גיענדיגט מיט אפארציטערטע אונ אצוּבּראכענע געמיט.

דיא אלע יונגע מענטשין וואס האבין גיטאנצט „שעטני-טענץ", זיינען גיווארין ווייס וויא קאלך, זייא האבין גינומען עטוואס פארשטיין, אונ איך האב מיר גיפאסט מוטה אונ זיך אנידער גישטעלט, אונ האב זייא ערקלערט דעם נמשל.

דער גרויס-ארטיגער גאסט, וואס האט אוים גיהאדעוועט די מחותנים אונ זייא חתונה גימאכט אונ שפייזט זייא, דאס וואהר דער עוויגער, ניט אזויא נור די מחותנים, חתן כלה אויך, ער האט אלע גוטעס אויף דער האכצייט גיגעבין, אונ באלייכטעט אונז בייא טאג מיט זיין ליכטיגע שטראלינדע זוהן, אונ בייא נאכט מיט די נאז באלייכטונג וואס ער ערשאפען האט. די איידעלע מחותנים האבין איהם גילאדין אויף דער האכצייט, האבין איהם גידאנקט אונטער דער חופה „שהכל ברא לכבודו", אלע פרעדמעטין אונ אלע כחות פון דער וועלט האט השי"ת באשאפין, אז דער מענטש זאל דורך זייא אנערקענען די גאטהייט, ווען ער זאל זייא יעדער איינציגען גוט באטראכטין מיט אריינעם פארשטאנד, אונד נאכהער זעהען וויא אלע צוזאמען הארמאנירען צו איין צוועק, לקיום העולם*) אויך האבין מיר איהם גידאנקט וואס ער האט באשאפין „ששון ושמחה כו' אהבה ואחוה" ברידערליכע ליבשאפט, פריידע אונ געזעלשאפט וואס פארשאפט גרויס פערגעניגען דעם מענטשין, האבין מיר אלע זיך באדארפט פרייען מיט אזא הויכארטיגען גאסט, אונ זעהען צו טאן וואס נור אים איז גיפעלין, אם ענדע ערלויבט איהר זיך צו טאן אזעלכע אונפארשעמטע זאכין, גיוואלט חאפין פון זיין בופעט אפילו אן איין דאנק, אן היטלען, אן מורא שמים, אונ דאס אליין איז נאך אויך ווייניג, האט איהר גינומען טאהן אזעלכע מעשים וואס זיינען מתועבים בעיניו (אלהיהם של אלו שונא זמה) וויא תערובות נשים ואנשים אונ טאנצין צוזאמען פשוט זייא שיכורים. מען זעצט זיך בייא אטיש, ווער רעדט פון אדבר תורה, נור נאריש־קייט

און

*) שנאמר כל הנקרא בשמי (שהם כל מעשה בראשית ששמו של הקב"ה נקרא עליהם) בראתים לכבודי להיות משמש למשפטי החכמה העליונה לצורך הנהגת העולם אף שנעלם מבינתנו, דהרי יצרתיו, נתתי לכל אחד צורה נאותה, וגם עשיתיו, תקנתי צורתי של כל אחד עד להפלא לכל חוקרי הטבע שראו במיקראסקאפ שיש נמלים בעלי כ"ד רגלים, איה מקום לרוחב שערה שיכיל כ"ד רגלים על רחבו? והרי זה יותר פלא מבריאת הפיל, וכיון שנברא כל א' כ"כ בדקדוק וחריצית גדול ובכל כלי השמירה הצריכים להם לקיומם, מנה תדע כי כולם לתכלית גדול נבראו (יין לבנון ות"י אבות פ"ו ע"ש). והסכלים האלו תחת להבים אל פעולת ה' ואל מעשה ידיו נמשכו אחר כנור ונבל תוף וחליל ויין משתיהם, הה! לשכרות הזאת כמה היא כוללת!!

אונ ליצנות, דעם בדחנ׳ס אלע נארישקייט, עס איז פשוט כל שולחנות מלאו קיא צואה בלי מקום, דער ליבער גאסט קען דאס ניט צוזעהן, ער איז מסלק שכינתו מבינינו, אונ מיר נעמען דאס גאר ניט חנימאניע. אונ מיר זיינען נאך אזויא אונפארשעמט, אונ זאגין נאך פאר די עטליכע וואס בלייבין צום בענצין, שטיינס גיזאגט די טענצער פרעסין זיך אן אונ גייען באלד טאנצין, וואו בענצין וואו וואשין זיך, די איינציגע ארינטליכע וואס בלייבין ביין טיש זאגין, „שהשמחה במעונו״, די פריידע איז אין זיין וואהנונג (אין זיין גמילשאפט, אין דיין גענענוואהרט), אשיינער „שהשמחה במעונו״? ער האט דען גאר אבליק גיטאהן אין אונזער ווינקיל? ער האט דאך כביכול גאר אב גיטראטין „דובר שקרים לא יכון לנגד עיני צוות הכתוב״. אז אזא אונפארשעמטע פיהרונג מאכין מיר ביין ערשטין שרים פון אונזערע קינדערס גליק, אזא אונפארשעמטען פאראדאק וויא אונזערע האכצייטין פיהרין זיך, דאס איז נור כדת המלך אחשורוש, ניט כדת משה וישראל, היינט וואס פאר אגוטס קענען מיר נאכהער האפין צו זעהען אויף אינזערע קינדער? מיר באקלאגין זיך די צייט גייט אונז שלעכט, מען יאגט אונז מען טרייבט, צרות אונ חורבונות, אונ מיר ווייסין גאר ניט פאר וואס? אה, מיר ווייסין ניט פאר וואס? „אולת אדם תסלף דרכו ועל ה׳ יזעף לבו״ אונזער פינסטערער פיהרונג ברייגט אויף אונז גרויסע אונגליקין, אונ נאכהער זיינען מיר ברוגז אויף השי״ת. ווען מיר זאלין קיין אנדער פעלער ניט האבין, נור דעם שמוטציגען ארדענונג פון אונזערע האכצייטין קלעקט אויך. וויא די תורה זאגט „ואבדיל אתכם מן העמים להיות לי״ דער פסוק זאגט דאך דייטליך, אז איהר מיט אלע נארארין קענט ניט שטיין אויף איין גלייכין פלאטץ איהר שטייט אשטאפיל העכער פון אלעמען „ואשא אתכם על כנפי נשרים ואביא אתכם אלי״, נוא אין דער וועלט איז פארהאנדין חיות, בהמות, מענטשין אונ „מבחר מין האנושי״, איז בעט מיר זיינען דער „מבחר מין האנושי״ זיינען דיא איבעריגע „מענטשין״, ווען אבער מיר שטייגען אראפ איין שטאפיל פון „מבחר מין האנושי״ אויף „איינפאכע מענטשין״ שטייגען אנטקעגין אראפ פיל פון אנדערע אויך איין שטאפיל, פון „מענטשין״ אויף „פיהע״, ניט צוא געבין אונז קיין עהרע וויא „פיהע״ ווייסין ניט פון כבוד הבריות. ווען מיר שטייגען נאך אראפ חייטער פון „מענטשין״ אויף בהמות״ וויא אונזער יעצטיגער אויפפיהרונג „סוסים מיוזנים משכים היו איש אל אשת רעהו יצהלו״ (ירמיה ה׳) אזויא וויא די פיהע וואס הירזעגען איינער צו דעם צווייטינס פרויא, שטייגען אנטקעגין אראפ איינער פון די איבעריגע פון „פיהע״ אויף „טהירע״, אונ עס שפראצט אויס אנטיסימיטען וואס מען רייסט אונ מען צופט אונז, האט מען דאס אלעס אונז פריהער פארטרעגעט, אונ נאכהער זיינען מיר אזויא דום אונ נאך ברוגז אויף דיא הנהגה פון

השי״ת

השי"ת*). דרום מייגע טהייערע וואַרפט אַוועק דיא אונפאַרשעמטע פיהרונגען, אונ האַפט זיך צוריק אַרויף מדרגות ווייס, ביז אונזער רעכטע מדרגה „עם סגולה", אונ אז מיר וועלין שטיין אויף די שטופּע פון מבחר מין האנושי, דאן וועלין זיך אונזערע שכנים מיט אונז אַרויף האַפּין אויף זייער מדרגה פון „מין האנושי", אונ וועלין וויסין וויא אונז צו געבין עהרע, ונהי' לשם ולתהלה אמן.

גראַסאַרטיגע געטליכע באַשעפּענעס, האַבין מיט איין שטימע געשריען אַלע גימינאַזיסטין פאַלענדיג איהר צו די פיס מיט דאַנקבאַרע טרערין. אַבוואַהל עס פלאַמט אונז די אויגין פון די אַפּעראַציאָן וואָס איהר האַט אונז גימאַכט, דאָך זייגען מיר זייער צופרידין, וויל איהר האַט אונז אַראַפּ גינומען דיא בעלמעס פון דיא אויגין, מיר זעהען שוין איין בלאַסק פון דיא ליכטיגע געטלי-כע שיין, וויא זיך אויפצופיהרען על פי דת משה וישראל. לאָמיר אַלע איבער חזרין דעם גרויסאַרטיגע נאַסט וואָס מיר האַבין איהם באַליידיגט מיט אונזערע פינסטערע פיהרונגען, אונ אַלע מיט איינע שטימע האַבין אָנגעפאַנגען: „גרויסער גאָט! גינעדיגער אונ באַרימהערציגער, פאַרצייהע אונז פאַר אונזער אירטהום, מיר האַבין דאָס ניט גיטאָהן דיר להכעיס חלילה, נור אונזערע בלינדהייט האָט אונז פאַרפיהרט אין אַלע העלין, מיר האָפין פון היינטע דאָס מעהר ניט צו טאָהן, גוטער גאָט! מיר ווייסין דיר ניט וויא אָב צו דאַנקען פאַר דיין גינאַדע צו שיקען אונז איין ענגעל צו קורירען אונזערע בלינדע אויגין אונ מאַכין זייא ליכטיג. באַספּאַדא! לאָמיר יעצט אונזער אויגין דאָקטער לאַזין אָב רוהען, וויל ער האָט זיך פיל אָנגעשטריינגט, אונ דער זייגער איז שוין 3, אונ מען דאַרף גיין צום טיש, פריישטאָג צו נאַכט זאָל קיינער פון אונז ניט פעלין. מיר וועלין נאָך ברייגגען יעדער אונזערע בעסטע גוטע פריינד צו הערין דיא הימיל זיסע ערציילונגען פון דיזען געטליכען ענגעל.

איך

*) דער תנא זאָגט (אבות פ"ו) אז אַלע טאָג גייט אַרויס אַבת קול פון הר הורב (עי' תפארת ישראל) אונ ערקלערט אונז „אוי להם לבריות" אַז אַלע אָה! וועהע! וואָס מען הערט אין דער וועלט, דער שרייט נעבאַך: אָה! וועהע! איך האָב קיין פּרנסה ניט. דער נעבאַך שרייט אָה וועהע! איך האָב צער פון קינדער ערציהונג. פון דאָרטין הערט מען קולות עס איז הונגער, מענטשין פאַלין אין דיא גאַסין. פון אַנדערס וואו הערט מען פינסטערע נאַכריכט פון שריפות ר"ל, רייכע פאַמיליען זייגען אין איין נאַכט בדלות גיוואָרין אונ וואַלגערין זיך אין פראָסט הויזע נאַקעטע אונ הונגעריגע, פון יענעם ווינקיל הערט מען קולות וואָס צושפאַלט דיא האַרץ אויף שטיקער, אָה! וועהע! מען טרייבט אונ מען יאָגט, דיזע אַלע אָה! וועהע! איז נור „מעלבונה של תורה" וויל מיר פאַרשעמען דיא גוטע וועג וואָס דיא תורה האָט אונז גישטעלט „חוקי חיים" איהרע גיזעטצע גיבען דעם מענטשין לעבין מיט פאַרגעניגען אויף דיזע וועלט, אונ גוטע האָפנונג צו דיא אייביגע גליקליכע וועלט.

(מעשה אלפס, ח"ב 4)

איך בין ניט אים-שטאנד דיר מיין ליבער פאטער פארצושטעלין דיא פרייד פון דיזע נאכט, העכער וויא איין שטונד האט געווערט איידער די געסט זיינען צוא זיך גיקומען פון דיא אויפרעגונג פון מיין רעדע, מען האט גיהיינט פון פריידע, אונ איך האב אויך גיוויינט פון גרויס שמחה. איך שרייב דיר דיזין בריעף, אונ פריידע טרערין קייקלען זיך מיר אויף דעם פאפיר, איך פארקירץ מיין שרייבין וויל איך וויל אויס רוהען, איך האב מארגין (פרייטאג צוא נאכט) פאר זיך אשיינע אונטערנעהמונג, עס וועט דארטין זיין אגרויסע פובליקע פון פארשיידענע מענטשין, אונ איך האב פאר זייא אַרעכטע ערציי-לונג, דער עוויגער זאל מיר געבין כחות אונ אגוטע אויסשפראך, עס זאל מאכין אגוטע ווירקונג אויף זיינע איידעלע קינדער, והיה זה שכרי, אונ איך ענדיג מיין שרייבין מיט מיינעם שטענדיגען ווארט „כל זמן שתוכחה בעולם טובה וברכה בעולם". געווים וועל איך דיר שבת-צו-נאכט איה שרייבין דיא גאנצע געשיכטע פון דעם „ליכטיגען פרייטאג צוא נאכט".

ז. דער זעכסטער בריעף.

ליבער אונ טייערער פאטער! איידער איך פאנג אן אב צו שילדערין דיא קארטינע פון דעם ליכטיגען פרייטאג צונאכט, וועל איך דיר מיטטהיילען אין קורצען וואס האט זיך פאסירט ביי דיא חופה וועצערע.

וויא איך בין זיך גיזעסין אויף מיין שטוהל רוהען פון דיא גרויסע אנשטרענגונג פון דיא פאריגע רעדע, האב איך גיבליקט פון וייטין מיט פיל פערגעניגען זעהענדיג דיא גוטע פריכטע פון מיינע זאמען, וואס איך האב גיזייט אויף זייערע הערצער, דיא פובליקע זיינען זיך געגאנגען וואשין פון גרויס ביז קליין זאגאר אפילו פריילינס אונ מען האט גיזאגט „שאו ידיכם קדש" אונ „על נטילת ידים", מען האט געקאנט לייכט ערקאנען אז זייא האבען גילעזין דעם פרק „אמציאה פון אגנב" פון מיין צווייטין בריעף

איך האב אזוינק געמאהן צום מחותן ער זאל הייסען דערלאנגען עטליכע קלארע האנטיכער, בכדי עס זאל ניט אויסקומען זיך ווישין מיט אין נאסין האנטוך, וויא עס פאסירט גאנץ אפט אין אגרויסע פובליקע ווערט דער האנטוך גלייך נאס אונ אלע ווישין זיך מיט אנאסען האנטוך, וואס דאס איז זייער ניט ציכטיג אונ ניט כשר עפ"י דין*), איבער הויפט האב

איך

---

*) עס איז אויסר אז אין דיא גרויסע בתי מדרשים אדער וואו מען דאוינט

אסך

איך פערגעניגען געהאט וויא דער מחותן האט איינגעארדענט דיא פלעצער פיר מענער בעזונדער אונ דאמען בעזונדער, עס האט זיך ניט געפונען איין דאמע זאל זיצין צווישען מענער אדער איין הער צווישען דאמען, וויא עס פאסירט אויף מאנכע האכציטען וואס זייא איז נאך קנאפ דיא שעכנה-טענץ, איז נאך ביין טיש אויך שעכנה דאמען מיט הערין פאר מישטי*), אונ אנדערע קאוואלערין בענוצין דיזע גוטע געלעגענהייט צו ווייזין דיא פריילין זיין אריסטאקראטיע אז ער עסט אן אברכה אונ אז אהיטעל, אונ וועכען עס גילט נאך אב אז זוכענדיג דיא בייטעלע קען ער אב שפילעווען דיא זילעטקע אז דיא פריילין זאל באמערקען אז ער טראגט ניט קיין ציצית, אום זיא זאל וויסען אז ער איז אפאלגער ריכטיגער אריסטאקראט, דער שעצט זיך גאר פיר גליקליך איבער גליקליך, דא איז יעצט ניט גיוועז קיין שפור פון אלע פארדארבענהייטען, וויל דער מחותן האט גוט באזארגט מיר ניט צו פארשאפין קיין פערדרוס, מען האט אב גיגעסין פיש, מוזיק האט געשפילט זייער אשיינעם מארש.

נאכהער הער איך מיינע פראנטין האבען אנגעהייבען צו לייענען טעלעגראמעס אונ זייערע מיט-העלפער שרייען „הורר א"!! איך צייל דיא טעלעגראמעס לערך 50 שטאטיגע לבד ניט היגע, איך גיב אוואינק צו מיינע איבערגעגעבענע אז בעת דיא פראנטין וועלין שרייען „הורראַ" זאלין זייא שרייען „הוא טוב"! עס איז געווארען אגרויסער גילעכטער פון דיא צווייא קאנטראכטען קולות.

גאספאדא! זאג איך — איך וועל אייך ערקלערין אז ביידע שטימען זייען ריכטיג, „הוא טוב" איז געווים ריכטיג. אונ „הוא-רע"! איז אויך ריכטיג, דיזער מנהג איז זייער אונבארעכינט מען קען איהם רופען פשוט „אמנהג רע", דיא צענדליגע רובלס וואס גייט אוועק אויף דיא טעלעגראמעס האלט מען קענען פון דעם אויפטאן גרויסע וויכטיגע זאכען, נור לאמיר ניט זוכען גאנץ וויט, דא איז פאראנען דער גבאי פון הכנסת כלה, זאל מען

אסך מינים זאלין דיא גבאים אכטונג געבין, עס זאל זיין זאפאסנע האנטוכער אונ איבער בייטין איניגע מאל אטאג, עס איז זייער ניט ציכטיג אונ ניט כשר אז דער האנטוך איז נאס אוים צודרייען אונ מען ווישט זיך מיט איהם, אונ בפרט שבת קומט עס נאך אריין אין איין איסור סחיטה. איך וויים פון איינעם אקלוגען מענשין וואס גיט אפט האנטוכער אנדבה אין בתי מדרשים, דאס איז זייער אוויכטיגע נדבה.

*) צריכין ליזהר שלא יאכלו אנשים ונשים בחדר אחד ופשיטא על שולחן אחד) שאם אוכלין אנשים ונשים בחדר אחד אין אומרים „שהשמחה במעונו" כי אין שמחה כשיצר הרע שולט (קצור שו"ע סי' קמ"ט).

מען פובליצירן און באקאנט מאכען אז יעדערער וואס וויל שיקען איין טעלעגראמע זאל ארויף טראגען צום גבאי און דער גבאי זאל מאכען איין טעלעגראמע מיט אלע אונטערשריפטען און זאל מארקירען עס זאל אן קומען ריכטיג צום טיש, העט בלייבען אין קאסע פון צדקה ארעבטער קאפיטאל, וואס מען וועט קענען חתונה מאכען פיל ארעמע יודישע טעכטער, מען וועט דאך פשוט אויף בויען וועלטען מיט די געלט וואס עס גייט לאבוד. אין איין כרך קען ווערין פון דעם 1000 רו"ב א יאהר, אדער נאך אזעלכע וויכטיגע זאכען וואס מען קען אויף טאהן מיט דיזען קאפיטאל.

נאכהער באמערק איך וויא דער בדחן וויל דא אנהייבען די פוסטע גראמען מיט זיינע שמייכלעריי צוא די מחותנים, וואס איז עקיל־האפט פיר איין ריינעם תאראקטער, און אום צו פארהיטען עס זאל צו דעם ניט קומען פאר־חאפ איך אפריער, און זאג צו איהם "ליבער הער משמח חתן וכלה ("בדחן" איז דייטש "ערפרייער" חייל ער איז דער שליח פון די פובליקע משמח צו זיין חתן וכלה מיט אידעלע און קלוגע רייד אבער ניט מיט לצנות און דומהייט וואס דאס הייסט נור "הוללות") שירו לנו משיר ציון זינגט אונז עפעס אפייגע ליעד פון ציון".

גאספאדא! — רופט אוים דער מחותן — אלע אויף די פלעצער, מען דארף בענטשין, לויבען השי"ת פיר די שפייז, און איהם לויבען מיט שבע ברכות פיר די שמחה וואס ער האט אונז פערשאפט, עס איז געווען אפערגעניגען צו קוקען וויא אלע יונגע מענשין, פריילינס און קאוואלערין האבען. זיך אלע געזעצט אויף זייערע פלעצער און געבענשט מיט צוא שמחה של מצוה, אז מיר איז פשוט יאהרען לעבען צו געקוקען*) —

נאכין בענטשין און שבע ברכות האבען מוזיק געשפילט אפייגע האפקע און מאנסעפעזאנען אלטע און יונגע האבען געטאנצט מקיים זיין כיצד

מרקדין

*) איך האב אן גימערקט דעם מברך ער זאל בענטשין הויך ווארט ביי ווארט, בכדי אז די וואס ווייסן ניט ברכת המזון אויס־ווייניג זאלין קענען מיט־זאגין מיט איהם ווארט אין ווארט — אויך האב איך איהם אן גימערקט ער זאל מכוון זיין מוציא זיין חתן כלה מיט ברכת "בורא פרי הגפן", און חתן כלה האב איך אנגימערקט זיי זאלין טראכטין יוצא צו זיין, ווייל זיי דארפין טרינקען פון די כוסות פון בענטשין אז וועט זיי טראכטין ניט יוצא צו זיין מיט דער ברכה, "בורא פרי הגפן", טרינקען זיי דאך אן א ברכה. —

מרקדין לפני הכלה, איך האָב דער ווייל שטילער־הייד אָן גיטערקט דעם פאַטער פון חתן, ער זאָל איבער געבן זיין זאָהן (דעם חתן) איינינע גייסטיגע ווערטער וויא צו בּאַגיין זיך מיט דיא כּלה אין דיא ענוה צניעות (אָב צו שיידען זיך פון איהר נאך דיא ערסטע התקרבות) דעם גלייכען דיא מוטער פון דיא כּלה אז זיא זאָל איבער געבן איהר טאָכטער דיא עניני צניעות, וואס דאס שפּילט אַגרויסע ראָליע אין זייער צוקונפט אונ אין דיא טהרה וקדושה פון זייערע פרוכט וואס זייא האָפען צו זעהען פון זייער בוים וואס זייא האָבען דא גיפּלאַנצט. מיט דיא עניני צניעות אַטליצאַיעט זיך דיא גאנצע מענשהייט ער זאל זיין אָבגעזונדערט פון די נידעריגע גיפילען, אונ זאָל קענען הייליג מאַכען זיין כאַראַקטער, דער פאַטער האט דאס דורך גירעט שטילער־הייד מיטן חתן אונ דיא מוטער מיט דיא כּלה אונ מיט דעם האָבען מיר פריינדליכע אָבשייד גינומען אונ פאַראנאנדער געגאַנגען מיט גרויס פרייד.

ח. דיא פּערדישע פּאַדקעווע.

פרייטיג-צו-נאכט נאך קדוש זיין איך מיר אין מיין צימער, פאַרטיפט אין גידאַנקען, וועגין דעם וואס מיר שטייט דא פאר, וויא אונטער צו האַלטען זיך מיט אַזא הערליכע פּובּליקע וואס וועלין זיין אויף שבע ברכות, אַז איך האָב גאר ניט בּאַמערקט וויא דיא מיהר האט זיך גיעפענט אונ דיא אונטערפיהרער זיינען אריין, נור דער קלאנג פון זייער "גוט שבת" האט מיר אויפגיוואַכט פון מיין גידאנקען.

אַגוט יאָהר אייך מיינע ליבע געסט, — ענטפער איך, אונ בעט זייא זיצין, — מיר פארלאַנגען איהר זאָלט אַזויא גוט זיין זיך פאַרטיג מאכען אונ גיין מיט אונז, ווייל עס האָבען זיך שוין פאַרזאַמעלט כמעט אַלע מחותנים אונ מען וואַרט נור אויף אייך — אונזער ליבער נאָכט — צו פאַרשאַפען אונז פאַרגעניגען מיט אייערע זיסע היסטאָריעס, איך האָב זיך פאַרטיג געמאכט אונ גלייך געגאַנגען מיט זייא.

העריין טרעטענדיג צו דיא כּלה אין שטוב, גיב איך אַבּליק אויף דיא מזוזה — וויא איך בּין שטענדיג גיוואוינט, — איך בּאַמערק אַז קיין מזוזה איז ניטא, דאפיר אָבער מערק איך אָן וויא איך האָב אַרויף גישראַפין אויף איין איזין, איך גיב אַבּליק עס איז אָנגעשלאָגען איינינע פּאַדקעוועס

אפין

אפין שוועל, איך זאג מיר שטילער-הייד מיין געוויינליכען פסוק „שקר הסוס לתשועה“ (דער פערד מיט זיינע פערדהייט איז איינע פאלשע הילפע) אונ גיב אזיפץ פון טיפען הערצין, איך טראכט ביא זיך, אה! וואס פיר א גימיינעם בייט מיינע ברידער האבען גימאכט פון איין אונשאצבארען ברילאנט אויף אפערדישע פאדקעווע.

דיא מחותנסטע באמערקענדיג מיין וואונדער וואס קיין מזוזה איז ניטא, האט זיא מיר גיוואלט בארוהיגען, זאגט זיא מיט אשמייכיל: „א מזוזה איז דאך נור צו באשיצין פון ניט-גוטע (שדים), היינטיגע צייטין איז קיין שדים ניטא“. דיזער אנטווארט וויא וויט דום ער איז, דאך האט ער מיר פיל בארוהיגט, ווייל פון איהם זעהע איך ארויס אז דיא אורזאך איז נור דיא אונוויסענהייט, איך האב מיר געשטארקט ניט צו מאכין דער ווייל קיין ראזגאוואר פון דעם, — איך גייא אריין אין זאל אונ גירים זיך מיט אלע מחותנים מען זעצט זיך צום טיש מען עסט אונ טרינקט, איך באמערק אבער וויא אלע זיינען גערין צו הערין פון מיר עטוואס נייעס.

דיא אלטע היסטאריע דער ציילט (מס׳ ע״ג י״א) בעת דער מאנארכישער מאן אונקלוס (פון רוימישע קייזערליכע פאמיליע) האט אן גענומען יודישע רעליגיאן, האט זיין מוטער אנגיווענדעט אלע מיטלען אים צוריק קערין צו היידנישען גלויבען, האט זיא געשיקט צו איהם איניגע וויכטיגע מענשין מען זאל איהם איבער ריידען, אויב ניט זאל מען איהם ארעסטירען, וויא זייא האבען זיך מיט איהם פארנאנדער גירעט האט ער מיט זיין חכמה זייא צו גיצויגען צו זיך, אז זייא זיינען צו געשטאנען צו זיין מיינונג, אונ אזויא דיא צווייטע פארטיע וואס זיא האט גישיקט איהם נעמען אונ אזויא דיא דריטע, זיא האט גיזעהן אז מיט וויכוחים וועט זיא איהם ניט מנצח זיין, האט זיא באטראכט איין אנדער פלאן, אונ האט גישיקט צו איהם אשר מיט אנשי חיל אונ האט זייא אן גיזאגט אז מען זאל מיט איהם קיין ראזגאוואר מאכען, נור נעמען איהם אונטער דיא הענט אונ אריין זעצין אין אקארעט אונ ברייגען, דער שר האט אזויא גיטאן אונ איהם גיפירט פון שטוב, קומענדיג צום טיר לייגט אונקלוס ארויף זיין האנד אויף דער מזוזה אונ זאגט ה׳ ישמר צאתי ובואי כו׳, ווייל ער וואר שוין איין פאלגער יוד, דער שר וואס האט דאס קיינמאל ניט גיזעהן, פרעגט איהם פארוואונדערט: וואס בעדייטעט דאס? „אויב זייא פארלאנגען — זאגט אונקלוס — בין איך גרייט זייא צו ערקלערין“ אונ בעט איהם זיצין, (פון גרויס התפעלות, האט דער שר פארגעסין וואס מען האט איהם אן

גיזאגט

גיזאגט, אז ער זאל זיך היטען ניט אריין מיט איהם אין אר־ייד.

ליבע מחותנים לאמיר לאזין דיא צוויא גרויסע לייט אזוילע זיצין אונ איך וועל אייך פירען אין אגרויס־ארטיגע שוהל פון גרויסע תנאים, דארטין וועלין מיר זעהן וויא איין אלטע פרויא שטייט אונ בעט — מיט טרערין — דיא חכמים, זייא זאלען אוים מוסרין איהר בן יחיד ר׳ ישמעאל׳ן אז ער זאל פון היינט אן אנהייבען צו פאלגען אונ ניט זיין דער ווידער זיין אלטע מוטער.

דיא חכמים איז דאס זייער וואונדערבאר פארגעקומען, זייא האבען ניט גיקאנט פארשטיין וואס הייסט דאס ר׳ ישמעאל דער גרויסער תנא זאל ניט פאלגען זיין מוטער, אונ אזויא וויט נאך אז עס האט איהר אנגעגריפען זיא זאל מיט טרערין ערציילין דיא חכמים, אונ האבען מיט גרוים אונגעדולד ערווארטעט אז ר׳ ישמעאל איז געקומען אין שוהל.

ערצייל אונז ליבער ברודער וואס האט פאסירט צווישין דיר מיט דיין אלטע מוטער, פרעגין דיא חכמים ר׳ ישמעאל׳ן. געגען מיין ווילען מוז איך אייך ערציילין רבותי, מיין מוטער האט מיר זייער ליב (געוויס איז ער ווירדיג געוועזן מען זאל איהם ליבען), זיא באדינט מיר אונ דער לאנגט מיר אלעם בעת איך קום פון בהמ״ד, עס איז מיר אפילו זייער ניט אנגענעהם זיא זאל מיר באדינען אין געגענטהייל איך דארף איהר באדינען, נור וויל איך האב באמערקט אז זיא האט צער אז איך לאז זיך ניט באדינען אונ דאס איז איהר פערגעניגען, בין איך מבטל רצוני וועגין איהר רצון, נור יעצט ניט לאנג האט זיא זיך באטראכט אניים, עס איז איהר ווייניג אלעם וואס זיא באדינט מיר בדרך כבוד, איז איהר נאך גיפעלין מיר צו וואסין דיא פים אונ אוים טרינקען דיא וואסער, דאס איז ביא מיר געבליבען בשום אופן זיך ניט צולאזין, שטייטש מיין אלטע מוטער זאל מיר וואסין דיא פים אונ טרינקען דיא וואסער! דאס איז רבותי וואס איך פאלג איהר ניט.

אה! אה! זאגין דיא חכמים וויא וויט „אהבה מקלקלת את השורה״, ליבשאפט האט אזא קראפט אז זיא פירט ארוים פון גראדע ליניע, פון גרוים ליבשאפט קומט דאס ביא איהר אוים פיר אכבוד, דיא חכמים האבען גינומען קלערין וויא זאל דא באמת זיין, אויב ער זאל זיך לאזין וואסין דיא פים אויב ניט, עס איז געבליבען גירעשעט אז ער מוז דאס פארביידין אונ זיך לאזען, וויא באלד אז דאס איז איהר נחת רוח, וויא מיר זעהען דאך ארוים אז דער ניט לאזין זיך איז איהר אזויא וייט מצער

אז זיא זאלעוועט זיך אויף איהם מיט טרערין אז ער איז ניט מקיים כבוד אם.

מיט דעם געדאנקען אז „אמתע ליבע איז מקלקלת השורה“ וועלין מיר זיך אום קערין הערין דיא ערקלערונג פון אונקלוס צוא דעם שר.

דוא האסט גיזעהן מיין ליבער הער וויא עס גייט צוא אין קיניגליכען הויף, אז דער קעניג זיצט ביא זיך אין זאל אונ זיינע דינער, דיא גרעסטע הערין זיינען ביא איהם דעוורנע ביין טיר, אבער דער גרויסער וועלט-קעניג זיין ליבע צו זיינע דינער איז גאר מקלקל את השורה, זייא זיצין אין זייערע זאלין אונ זיין הערב (דאס איז דיא מזוזה) איז ביא זייא דעוורנע ביין טיר (והנה ה׳ נצב עליו כו׳, ושמרתיך בכל אשר תלך כו׳, ה׳ ישמר צאתי ובואי כו׳), נוא האב איך דען ניט גוט אויס געקליבען? דער שר איז שטארק פארוואונדערט געווארען אויף זיין קלוגע ערקלערונג, ער האט גוט פארשטאנען זיין גירעכטיגקייט אונ האט ביא זיך קיין מוטה גיפונען איהם אנרירען צוא שלעכטעס, אונ ער איז ווירקליך געבליבען גישוצט פון אלעס ביין אונ איז נאכהער געווארען אגרויסער מאן אונ זיין נאמען איז פארעוויגט געווארען ביא יודען דורך זיין תרגום אונקלוס וואס אויף דער תורה.

דרום מוזען מיר איהם אומקערין צוריק ליבע — ענדיגט אונקלוס — אונ איהם ליבען מיט אונזער גאנצע הערץ אונ זעלע, בכל לבבך ובכל נפשך, אונ מיט אונזער גאנצען פארמעגען (בכל מאדך, בכל ממונך*).

זייער

*) דער מדרש ערציילט וועגין אונקלוס בעת ער האט זיך גירעשעט פארין פון רוים קיין ארץ ישראל זיך מגייר זיין נור ער האט זיך געפירכטעט פיר זיין פעטער (אנדריגוס קיסר פון רוים), ווייל יודין זיינען דאן גיוועזן אונטער רוים. קומט ער אב־שייד נעמען ביין פעטער מיט דעם אויס־רייד, אז ער וויל פארין אויף דער וועלט האנדלען, זאגט אנדרינוס צו איהם מיין קינד עס איז פאר דיר פריי מיין אוצר, נעם פיל דוא ווילסט. וועלכע סחורה זאל איך איבער־הויפט האנדלען? — פרעגט אונקלוס אנדרינוס׳ן — . איבער־הויפט זאלסטו האנדלען אזא סחורה וואס יעצט איז גראדע איהר קורס גיפאלין אונ שטייט גאנץ נידעריג, איהר האנדיל ווייל עס וועט קומען דיא צייט וואס איהר קורס וועט זיך הייבין וועסטו פארדינען אסך. זייער גוט מיין ליבער פעטער — זאגט אונקלוס — אונ איז אוועק קיין ארץ ישראל אונ האט זיך מל גיוועזן אונ גילערינט אסך תורה ביי דיא תנאים ר׳ אליעזר ור׳ יהושע. אנדרינוס האט עס ערהערט האט ער איהם גירופין צו זיך אונ פרעגט איהם וואס האסטו דאס גיטאן? איך האב גיטאן וויא איהר האט מיר גיראטה — זאגט אונקלוס — צו האנדלען נור אזא סחורה וואס איהר קורס איז זייער ניפאלין, איך האב באטראכט וויא יודין מיט זייער תורה שטייען יעצט זייער נידעריג (דאס איז גיוועזן ניט לאנג נאך חורבן בית שני) האב איך גיהאנדילט דיא סחורה, עס וועט קומען אצייט וואס דיא סחורה וועט זייער

שטייגען

זייער אַפּיינע היסטאָריע—זאָגט דיא מחותּנסטע צו איהרע אַפּראַיינדין זעהט איהר וויא גילערינטע מענשין פאַר שטייען אַזאַך מיט אַגרונד ניט וויא מיר אונוויסענדע פרויען האָבען גירעכינט אַזעלכע דומהייטען.

אַז מיר האַלטען דאָ בייא איין געשפּרעך וועגען מזוזה — רופט זיך אויס אַוויכטיגער גאַסט — בעט איך אייך צו ערקלערין אונז דעם בעדייטונג פון נוסח הברכה, ווען מען שלאָגט אָן איין מזוזה מאַכט מען „לקבוע מזוזה", דער וואָרט „מזוזה" אין העברייעש בעדייטעט (פּפאָסט, ביישטידיל) פעלט דאָך אין דער ברכה דער עיקר, וואָס זאָלין מיר אָנשלאָגען אָן ביישטידעל?

יאַ, יאַ, איהר פרעגט ריכטיג, איך וועל אייך ערקלערין אַז דער נוסח הברכה „לקבוע מזוזה" באַדייטעט איין הויך-אַרטיגען גידאַנקען, דער וואָרט „מזוזה" איז פון שורש „זיז" (ויז שדי (תהלים פ') שהוא תואר לבעלי חיים המתנועעים ממקום למקום) דיא מצוה פון מזוזה באַדייטעט „לקבוע מזוזה" אַפּעסטען כאַראַקטער צו בעזיטצען' ווייל דער מענש איז שטענדיג אַבּאַוועגליכעם וועזען, מצד ער איז געשלאָסין פון 2 פערשיידענע טהיילען, פון אַקערפּער עפר מן האדמה (ומצד זה איז ער נוטה צו תאוות וויא אַבהמה) אונ ער באַזיצט אַזעלע וואָס זיא איז אחלק אלוה ממעל (ומצדה איז ער נוטה צו אַלע גוטעס), וואָס אָן דיא 2 קאָנטראַסטליכע טיילין זיינע, איז אָבהאַנגיג דיא גוטעס אונ דיא שלעכטעס פון זיינע געדאַנקען אונ טהאַטען, דרום שטייט ער ניט שטענדיג אויף איין באַשטאַנד, נור שטענדיג איז ער אין באַוועגונג, אַמאַל רעכטס אונ אַמאַל לינקס, ווען דער נפש המשכלת שטאַרקט זיך אונ זיא רעגירט אונ דיא האַרץ איז רוהיג פון דעם שטורם פון בייזע גידאַנקען דאַן גיפינט דער מענש אַגעפיל אונ אַגישמאַק אין גוטעס טאָן, אונ עס ווערט איהם וואויל געפעלין דיא דרכי נועם (אַנגינעהמע אונד ציכטליכע וועגין) פון דיא הייליגע ליבע תורה אונ איהרע מצות, ער קריגט איין לוסט צו טאָן גוטעס, צו האַנדלען ערליך, צו ליבען דעם אמת, זיין „יאַ וואָרט" זאָל זיין אוואָרט, זיין „ניין" זאָל זיין ניין, ער קריגט אַגיפיל וויא זיס אונ ציטליך עס איז
דיא

שטייגען וויא דער נביא זאָגט (ישעי' מט) כה אמר ה' גאל ישראל קדושו לבזה נפש למתעב גוי לעבד מושלים אַזוי האָט גיזאָגט דער עוויגער אויף דעם יודין וואָס איז יעצט אַזוי שפּל אונ פאַראַכט ביי אַלעמען, עס וועט קומען אַצייט וואָס אַלע נאַראָדין וועלין ערקענען זיין גירעכטיגקייט אונ דיא ליכטיגקייט פון זיין תורה, מלכים יראו וקמו שרים וישתחוו אַז מלכים וועלין זיי געבין עהרע למען ה' אשר נאמן (לשמור הבטחתו) קדוש ישראל ויבחרך זיי וועלין פאַרשטיין וואָס פאַר אַטייערין שאַץ דער עוויגער האָט אויס-ערוויילט פאַר זיך.

דיא ערליכע שטיקעל ברויט, וואס ער האט איהר מיט גאטעס גאבע אונ דורך זיין ערליכען טרוד ערווארבין, וואס קיינער גיט אויף איהם ניט קיין זיפץ דאס ער האט איהם חלילה וועהע גיטאהן. ער קריגט אריינעס בליק וויא שיין אונ פיין עס איז צו זיין טרייא צו זיין פארטיא, וואס ער האט מיט איהר גישלאסין איין עוויגען קאנטראקט ביז זייער ענדע לעבין, צוא ערווארטין פון זיין ליבען בוים שיינע אונ ליבע פרוכט וואס זאל ערפרייען גאט אונ לייטען (אשתך כגפן פוריי)—. אבער חלילה זאל דיא שעה ניט זיין ווען דער חומר הייבט זיך אן פירנאנדער צו קאכין אונ דיא פלאמען פון תאוה אונ חמדת הבצע הייבען אן צו היצען זיין הארץ, דאן פארגעסט ער דיא תורה מיט איהרע זיסע גיבאט, אונ עס ווערט פינצטער דער שיין פון נפש, אונ דער שטראל פון שכל ווערט פארצויגין מיט אפינצטערין וואלקין פון דמיון, אונ זייא ווארפין ארונטער דעם נפש המשכלת פון איין ווירטהין, אונ דיא תאוה מיט דיא חמדה נעמען דיא ממשלה צוא זיך אין האנד, דא איז זיין אונגליק פארטיג, דער כח התאוה פירט איהם ארויס פון סוג מענש לסוג בהמה, אז עס איז רעכט הייגט דיא אונ מארגין אצווייטע אונ אדריטע (וכל כוס שרואה רוצה לשתות ממנו). דאכט זיך אפין בליק איז ער אפייגער ליגאנטנער הערעלע, ער לאזט זיין דאמע גיין פאר׳אויס, אבער ווער עס איז אמבין אויף בילדער לייענט אויף זיין שטערין וויא עס פירט זיך ביי איהם צו הויז, וויא דער פאעט שרייבט:

ווען איך זעהע דארטין א גאלאנטין הערר
דאמען-רעכט היט ער גאנץ פיל,
מיט שפילקעס אין קלאפע, אפאלנער קאוואלער
שטעלט איהר נאך אשטול צום קאדריל,
בין איך שוין זיכער, אז זיין אייגענע ווייב
איז איהר באקאנט דער טעם פון זיינע הענט....
טראגט צרות אין הארצען, שינאקעס אפין לייב,
אונ קלאגט אויף דיא שעה, וואס זיא האט איהם ערקענט —

אונ די תאוה פירט איהם נאכהער ארויס פון שטאט אז ער פארלירט די בושה, ריכטיג וויא אבהמה, אונ נאכהער פירט דאס איהם ארויס פון גיזונד אונ פון דער וועלט ר״ל (התאוה מציאה את האדם מן העולם)—. אונ חמדת הבצע פאר־שטיינערט איהם דיא הארץ, אז ער שפירט מער ניט וויא זיך, ריכטיג וויא דיא בהמה וואס זיא דיינקט אז אלע לאנקעס היי וואקסין נור פון איהרט וועגען, אונ נור צוא דעם ציעל האט איהר השי״ת גיגעבין אפאר

הערנער

הערנער, אז ווען דיא צווייטע וויל ביא איהר נעמען אביסל היי, זאל זיא איהר געבען אשטאך מיטין הארין. אזויא מיינען אויך דיא נארישע מענשין אז דיא גאנצע וועלט איז נור פיר זייא באשאפין געווארען, קיינער דארף ניט לעבין מעהר ניט וויא ער, דרום איז עס רעכט מיט אלע מיטלען אונ אלע פוקסעריי צו פאר שווינדלען דעם צווייטין אונ אוים נארען ביי איהם, דעריבער איז ביי דער לעצטער צייט נתרבה גיווארין אזויא פיל בעטריגעריי אונ באנקראטין וואס האט קיין מאל ניט פאסירט, עס איז גוואלד צו שרייען וואס פיר אחורבן עס איז געווארען אין עולם המסחר, עס אינטרעסירט גאר ניט וועגין יענעם וואס ווערט געהארגעט אונ צוא יעדער וועקסיל דארף מען צו לייגין קבורה-געלט (פראטעסט קאסטען), אונ דער אנזעצער זיצט זיך גאנץ רוהיג, עסט אונ טרינקט פרעמדע בלוט, בעת דעם סוחר גיסט זיך בלוט פון הארצין פון יעדער פראטעסט, אונ מאנכע קליינע סוחרים קאנען עס גאר ניט איבער-טראגען אונ פאלין נעבעך אונטער דיא האנד פון אונגליק, אה! דער אדעלער סאוועסט קען עס גאר ניט צוקוקען וואס ביי דיא לעצטע צייט איז אין עולם המסחר גיווארין, יענעם גיסט זיך בלוט אונ דער שטייט מיט אקראם סחורה אונ טארגעוועט אונ פון נעכטין ביז היינט איז ער שוין גאר איין אנדערער געווארען, נעכטין איז גיוועזן דער גישעפט אויף זיין נאמען אונ מארגין איז ער אויף דיא ווייבס אונ איבער מארגין אויף דיא באבעס נאמען. אונ ער איז נאך אפיינער מענש, ער ענטפערט קורץ מיט אשמייכיל: „הייטע צאל איך ניט האט איהר עפעס צו איהם? אפיינער מענש, אזעלכע זיבען יאהר זאל ער האבען.—אנדערע אן-זעצער זיינען ניט פיל בעסער פיר דיא קעשינע גנבים וואס איז נתרבה געווארען ביי דיא לעצטע צייט, וואס נאר עפענטליך גייט מען אין דיא גאסין אונ מען שטעלט בדלות מענשען פיר אלעמען אין דיא אויגען, ווייל דיא וואס זעהען האבען פשוט מורא אן-צו-זאגען, זייא זאלען ניט קריגען אטויט קלאפ, עס שוידערט צוא זעהען וויא ביא דיא לעצטע צייט איז געווארען אין מאנכע ערטער וויא אין דור המבול מלאה הארץ חמס, אונ דיא אן זעצער מיט דיא קעשענע גנבים ווערען נתרבה מיום ליום, ווייל עס איז זיי אגרינגע מיתה, צו לעבין אויף יענעמס פלייצעס, אה! וועה! צו וואס דער מענש קען קומען בעת די תאוה אונ דיא חמדה ווארפין ארונטער דעם נפש המשכלת פון איין ווירטהין, ער קען ווערען פשוט אצוויי פיסיגע חיה, אוואלף אין אטוכענעם פראק (עי׳ ח״א צד 7 בהערה). —

אונ וויא באלד אז אלע טהאטין פון מענשין זיינען אבהאנגיג אן

דיזע

דיזע באוועגונג (בין תנועת הנפשית והחומרית) דרום איז געקומען דיא תורה אויף צו הייבען דעם קראפט פון רעגירונג פון נפש, צו נייגין אלע זיינע באוועגונג צוא דיא תנועה פון דיא הייליגע נשמה אונ האט אונז אן געזאגט אז ביי דיא טירען פון אלע צימערין ופשיטא ביי דיא טיר וואס ער גייט דורך איהר ארויס אין גאס צו זיינע געשעפטין, וואס דארטין איז מער עלול עס זאל אויפגיפלאמט ווערין חמדת הבצע אונ ער איז עלול צו זעהן בילדער וואס קענען איהם אויפרייצין זיין תאוה, דארטין זאל ער קובע זיין דיא צוויי הייליגע פרשיות שמע והי׳ אם שמוע וואס ער זאגט צוויי מאל אטאג, וועלכע דארטין ווערט ערקלערט דיא עקרים פון דת: „אז עס איז דא אבורא יחיד ומיוחד, אגרויסער אינזענער וואס האט געשטרויעט דעם הערליכען פלאן (דאס איז דיא וועלט), וואס זיין אויג קוקט אויף אלע טהאטין פון מענשין אונ אויף אלע זיינע געדאנקען, אונ וויא ווייט מען דארף איהם ליבען מיט לייב אונ לעבען אונ קאפיטאל (בכל לבבך ובכל נפשך ובכל מאדך). אונ מען דארף געהארכזאם זיין צו זיינע ליבליכע געבאט׳, אונ ווען מען וועט זיך אזויא פירען אונ משפיע זיין דעם הייליגען גייסט אויף קינדער, צו פלאנצין דיזע געטליכע פלאנצונג דורך גוטין חנוך אויף דיא יונגע הערצעלאך פון קומענדיגען דור וועט מען גליקליך זיין אויף ביידע וועלטין (למען ירבו ימיכם וימי בניכם) מען וועט מאריך ימים זיין אין גליק אונ פערגעניגען כימי השמים על הארץ (איין גליקליכען הימעלשען לעבין אויף דיזע וועלט אויך) אז ווען ער וועט ארויס גיין אין גאס וועט דער הייליגער געדאנקען איהם פארהיטען, ער זאל חלילה ניט אריינפאלין אין תאוה אדער חמדה, אויך ביא זיין ארין גאנג פון גאס אז ווען עס האט חלילה אברען געטאהן אין זיין הארץ אפלאם פון תאוה אדער חמדה, זאל דער בליק אויף דער מזוזה (מיט אריינעם געדאנקען) ווירקען אויף איהם אז דער פייער פון גאטעס ליבע זאל אריבער שטייגין איבער יענעם פייער (בטל רצונך מפני רצונו) אז דער פייער פון תאוה אונ חמדה זאל פאר לאשין ווערין, אונ ער זאל צוריק קומען צו זיינע הייליגע גיפילען.

דיזער גאנצער רעיון ליגט אין דיא ווערטער „לקבוע מזוזה״, מאכען איין פעסטען באשטאנד צו אלע אונזערע באוועגונגען (איין פעסטין האראקטער צו באזיטצען), צו באשטימען אלע באוועגונגען נאך דעם רעליגיאזען גרונד-זאטץ, אלזא קומט עס אויס אז דיא מצות מזוזה איז ניט אין דיא רעגע פון אנשלאגען אליין, נור דאס איז אשטענדיגע מצוה, אז אין יעדער ארויס גאנג אונ אריינגאנג אין שטוב זאלין מיר זיך מצייר זיין דעם וויכטיגען

אתד

אונד הייליגען ציור, אז מיר זאלען שטענדיג שטרעמען צו שטייגען פון טאג צו טאג אלעס העכער אונ העכער אין אידעלע געפילין, ביז וואגען מיר וועלין קומען צו דיא העכסטע מדרגה פון גאטעס ליעב־האבער אונ זיינע ערינסטע דינער, אז אלע תכונות הנפש זאלין זיין גיהארכזאם צוא דיא אידעלע גיבאט פון דער תורה.

אהו — רופין זיך אב איניגע הויכארטיגע מענער — וויא טיף זיינען דיא געדאנקען פון אנשי כנסת הגדולה, וואס זייא האבען אונז איינגיפאסט דעם הויכען רעיון פון מזוזה אין דיא קורצע ווארטין פון דיא ברכה — וויא זים אונ אנגינעהם דאס איז צוא הערין. — נאך אייך וואלטען מיר גערין פארשטיין וואס בעדייטעט דער שם „שדי" וואס איז אנגעשריבען אויף דיא מזוזה פון דרויסען, געוויס מוז אין דעם אויך זיין גיפאסט הויכע געדאנקען אונ מיר ווילען האבען דיא עהרע איהר זאלט דאס אונז ערקלערין.

איהר האט מיר ערינערט וואס איך האב אמאל גיהערט פון אוויכטיגען מאן, אז דיא שטימע וואס דער גרויסער וועלט־קעניג (השי"ת) האט גירעט פאר דיא גרויסע פובליקע יודען ביין הר סיני, דיא 10 גיבאטע וואס אין זייא איז נכלל אלע תרי"ג מצות (וויא דיא ראשונים שרייבען), דיא שטימע ווער עס האט נור איין טעלעפאן ביי זיך הערט איהר שטענדיג, וויא משה רבנו זאגט, אונז (אין פ' ואתחנן) קול גדול ולא יסף נאט האט צוא אייך גירעט אגרויס־ארטיגע שטימע אונ זיא הערט ניט אויף, שטענדיג הערט איהר דער וואס האט אויערין אונ אטעלעפאן ביי זיך אין שבוב.

וואס איז דאס פיר אזא וואונדערליכער טעלעפאן, וואס דורך איהם הערט מען אלע טאג דיא געטליכע שטימע פון הר סיני, מיר זיינען דאס זייער גערין צוא וויסען — פרעגין אלע פערוואונדערט —, מיר וואלטין צאלין פיר אזא טעלעפאן פיל מען וואלט בעטין.

יענער האט מיר ערציילט וואס ער האט גיזעהען צופעליגער ווייזע פון אגרויסען מאן, אז ביין אויפשטיין פריה אונ פארין שלאף פלעגט ער צו גיין צום מזוזה אונ איהר א־קוש גיטאן אונ גישטאנען אהיפשע ווילע שטיל מיט גרויס עהרען-פורכט, נאכהער האט ער שטילער'הייד גירעט, וויא ער ענטפערט איז טעלעפאן אויף דעם וואס יענער רעט צו אים, פאר שטייט איהר שוין מיינע טייערע ווער דער טעלעפאן איז? — דער טעלעפאן איז דיא מזוזה וואס דורך איהר הערט דיזער, וועלכער האט אריינעם אגיזונטין אהער, וויא אשטימע שרייט צו איהם „שמע ישראל" האריך-איין דוא יוד „ה' אלקינו"

דער

(דער וועלט באשאפער ער איז דיין אויפפאסער) — דאס איז דיא שטימע פון הר סיני אנכי ה' אלקיך - "ה' אחד" — דאס איז לא יהי' לך כו' — ואהבת כו' — דאס איז לא תשא — (כמ"ש הגר"א ז"ל דבפרשה ראשונה של ק"ש נרמז עשרת הדברות), אונ דער איד דארף ענטפערין צוריק אין טעלעפאן — "יא יא, איך בין אויף זיך מקבל, צו זיין א טרייער אונטערטאנער צו דיר ליבער וועלט קעניג, איך מאך דיר קעניגען אויף אלע מיינע גלידער, אז יעדער גליד זאל זיין גיהארכזאם ניט איבער צו טרעטין דיא גיזעטצע פון דיין ליבע תורה, דיא אויגען זאלין ניט קוקען וואו מען דארף ניט, דיא אויערין זאלען ניט הערין וואס מען טאר ניט, דיא מויל זאל ניט ריידין וואס מען טאר ניט אונ וואס עס פאסט ניט, דיא פיס זאלען ניט גיין וואו מען דארף ניט אונ דאס גלייכען אלע גלידער, אויך מאך איך דיר קעניגען אויף מיינע נאכקאמע אז איך וועל אן זאגען מיינע קינדער אונ קינדס קינדער זייא זאלין בלייבין דיינע טרייע אונטערטאנער" (למען אשר יצוה את בניו ואת ביתו אחריו ושמרו דרך ה').

דער נביא (ישעי' מא) זאגט הלא ידעת כו' בורא קצות הארץ, השי"ת וואס איז בלתי גבול ותכלית האט ער באשאפין זיין וועלט מיט קצוות, ד. ה. מיט איין ענדע, ניט וויל זיינע קרעפטין האט חלילה ניט גישטייעט אויף גרעסער וויא א בשר ודם וואס בויט אקליינע הויז ווייל זיין קאפיטאל ערלויבט איהם ניט אויף גרעסער, לא ייעף ולא יגע, השי"ת איז ניט מיד גיווארין, ער איז איין כל יכול. אונ ניט ווייל זיין קענטשאפט איז צו קורץ גיקומען וויא א בשר ודם וואס בויט ניט ארויף אפערטין עטאז ווייל עס פעלט איהם דיא ידיעה פון אינזשענער צו וויסין אויב דער פונדאמענט וועט קענען האלטין אויף זיך אזא הויך, אין חקר לתבונתו צוא דיא חכמה ותבונה פון השי"ת איז גאר קיין איבערפארשטונג אונ קיין גרונד ניטא האט ער דאך געקענט באשאפין דיא וועלט גאר אן איין עק פון דעסטוועגין בעת ער האט גיזאגט "עס זאל ווערין באשאפין א וועלט" אונ דיא בריאה האט זיך גינומען שפרייטין גאר אן אגבול האט ער גיזאגט האלט! גינוג! ("שדי" שאמר לעולמו די), דאס איז צו לערנען דעם מענשין וואס ער איז אויך אקליין וועלטיל (עולם קטן) ווען זיינע כחות נעמען זיך שפרייטין אונ שפרייטין זאל ער אויך זאגין די! גענוג, האלט! צב"ש דער מענש דארף ליעב האבען א קערביל ווייל מען דארף האבען, אבער אז דער כח נעמט זיך שפרייטין אונ וויל ליב האבען א קערביל וועלכער ניט כשר איז, דארף ער זאגן צו דעם געלט-גייץ "די"! האלט! — מען דארף ליב האבען מאכען

געשעפט

געשעפט, ליב האבען לייזין ארובביל וויא עס קומט אבער שבת צו דיא שקיעה אונ דא גראד קומען קונדין אונ מען קען לייזין גישמאק, דא דארף דער מענש זאגען צום לייזונג-גייץ די! האלט!*). ווען איין ארבעטער גייט אריין אין שיינק מאכין אשנאפס פאר מיטאג אונ ער גיפינט גוטע ברידער אונ מען וויל אנהייבען לעבין אטאג, ובפרט פרייטאג פאר נאכט בעת מען גייט אריין אין אטראקטיר זיך צו רעכענען מיט ארבעטער דענסטמאל איז יעדער בדיחא דעתא, צייט איז דא אונ אקערביל אין טאש איז אויך דא, זאל ער זאגין צום שכור-גייץ, צום זולל וסובא-גייץ „די"! האלט! — דיין פרויא ווארט מיט אויסגעשטעלטע אויגין אויף דעם קערביל וואס זיא האט אגאנצע וואך גיבארגט אונ גיזארגט, אויך זאלסטו קומען פרייטאג פאר נאכט אהיים באצייטין מיט ארוהיגע (ניט קיין פאר שכורטע) קאפף דוא זאלסט קענען גיין דאווענען אונ זיצין ביין טיש וויא איין איד, איין ארבעט מענש דארף נעמען אביסעלע בראנפין אבער מיט אמאס אונ וויא עס האלט ביי איין איבעריגע גלעזיל דארף ער זאגען די! האלט! הבלל השי"ת מיט זיין זאגין צו זיין וועלט די! האט אונז גילערינט אז דער מענש וואס ער איז איין עולם קטן זאל ער אויך זאגין צו זיין וועלטיל די! אין אלע קצוות אין אלע קאנטין וואו ער קערט זיך, אויף דעם ווייזט דער
שם

*) שלמה המע"ה זאגט אל תרשע הרבה ד. ה. ווען דוא האסט שוין גיגעסין קנאביל אונ עס גיט זיך אב פון דיר אשלעכטין גרוך אונ עס ציט דיר דיא תאוה צו עסין נאך זאג איך דיר מיין קינד, האלט! עס מער ניט, ד. ה. ווען איינער צב"ש פערברייננט מיט קומפאניא איין אווענד אין קארטין דס חפט זיך ביי איין אידעלין גיפיל וויא גיגעסין קנאביל וואס גיט זיך אב אשלעכטין גרוך, דוא זעכט אז עס איז שוין 11 אזייגער זאג צוא דעם קארטין-גייץ די! האלט! מען דארף גיין צו הויז רוהען מען זאל קענען אוף שטיין אין דער צייט, מיט אקלארע קאפ, ניט וויא בעונותינו הרבים עס איז גיווארין אין פיינע היזער קארטעווענעס, מען שפילט גאנצע אווינדין אונ גאנצע נעכט אין קארטין, אונ פיינע אידעלע מענשין מאנכע פון זייא זיינען גבירים אונ בני תורה ויראי שמים) ווערין אריין גישלעפט אין דיא מיאוסע תאוה ה' ירחם. — אנדערע העמיקער האבין גיוואלט מאכין פון וואנצין קומפאט, ד. ה. איין געבילדעטע דאמע איין דאקטערשע האט פראיעקטירט אום צו פארשפארין טרחה, גיין אפט צוזאמען מאכען פיר דיא נויטווענדיגע, זאל מען שטעלין פוסקעס אין דיא גרויסע היזער אונ פון יעדער קאן קארטין-שפיל זאל דער גיווינער ארייןווארפין 10 ק' (מחיר כלב) האבין אנדערע ניט איינגעשטימט, ווייל דאדורך וועט מען וויסין אז ביי זיי שפילט מען אסך (ווען אין פוסקע וועט זיך גיפינען אסך 10 קאפיקענע) וויא עס ווייזט אויס איז פון וואנצין שווער צו מאכין קומפאט!

שם „שדי" שאמר לעולמו די. — נאך אבאדייטונג האט דער שם „שדי" שמשדד הטבע, אמאל שטעלט ער אב אין גאנצען דיא נאטור, וויא ער האט געטאן פיר אונז אין מצרים אונ ביין ים, צו לערנען דעם מענשין אז אמאל מוז מען אין גאנצין אב שטעלין אויף אווייל'ע דיא נאטור צב"ש אזויא איז דאך עסין ערלויבט נור מען דארף זאגין „די"! ניט אריבער האפין דיא מאס, ניט צו עסין וויא אזולל וסובא אונ ניט צו טרינקען וויא אשכור, אז עס קומט אבער יום כפור דא דארף דער מענש אויף אגאנצין מעת לעת אב שטעלין דיא נאטור, גאר ניט עסין, גאר ניט טרינקען. אדער ווען איינער האט אריבער גיהאפט דיא מאס אונ איז גיווארין איין שכור מוז ער אויף איין חודש אב שטעלין דיא נאטור (פון טרינקען משקה) אין גאנצין, געמען אויף זיך גזירות פון שנאפס גאר ניט טרינקען אחודש בכדי צו פאר לעשין דעם שכור-גייץ, נאכהער וועט ער זיך קענען שטעלין אויף אמענשליכע מאס, צוא טרינקען אביסעלע וויא אמענש דארף. — אדער ווען ער גיפינט יענעמס געלט, אונ דער געלט-גייץ הויבט אן צו זידין (ובפרט ווען עס איז ארעכטע מטבע), דא דארף ער זעהען צוא ברעכין דיא טבע פון געלט-גייץ אונ אב געבין יענעם אפילו צו אבריסט אום מקדש צו זיין שם שמים, מען זאל זעהען וואס פיר אפיינעם כאראקטער דיא תורה האט גיבילדעט דעם יודין. הכלל דיא מזוזה איז דיא איינציגע ליכט וואס זיא באלייכט זיין טריט (נר לרגלי דבריך) אין אלע זיינע וועגין, ווען דיא זאך איז בעצם ערלויבט וויא האנדלען אונ עסין כשרות רעגולירט זיא איהם ער זאל ניט אריבער האפין דיא מאס, וייל וואס „צו" איז אומגיזונט, אונ אמאל דארף דער מענש אין גאנצין ברעכין (אויף אבעשטימטע צייט) דיא נאטור, אט דיזע גאנצע לעהרע צייגט אונז דער אייןווארט „שדי" (ע"ש שאמר לעולמו די ועל שם שמשדד הטבע בעת הצורך).

אה! גרויס ארטיג איז דער געדאנק — האט זיך אוים גירופען אגרויס ארטיגע דאמע — איך דיינק דאס אלע מאל אויף מיינעם איין נאכבאר אגביר אדיר וואס ער פארדרייט זיך דיא קאפ מיט פיעל גישעפטין אונ סטראיענעס, ער פליט אונ לויפט אין אויסלאנד וועגין סחורה, אז עס בלייבט איהם ניט קיין צייט, ווער רעט וועגען אידישקייט צו דיינקען דאס איז אב געהעט — אונ גראדא איין אידישער מענש — אפילו אין וואלטהאט האט ער קיין צייט ניט צו ארבעטין, אונ פאר וועמען — דרייט ער דעם מוח אזויא פיל —? אלע קינדער זיינע זיינען גבירים, אה! ווען ער וואלט פאר זיך לאזין איינציגע שעה אין וואך צו באדיינקען עפעס וועגען וואלטהאט,

פיל גוטעס וואלט ער דאס קענען אויף טאן, (כמ"ש חז"ל הוי ממעט בעסק ועסוק בתורה שהיא מביאה לידי מעשה) אגרויסער שאדין וואס ער באמערקט ניט די מזוזה וועלכע זיא ערמאנערט איהם ער זאל זאגין לעולמו די! גינוג! האלט! גינוג צוא פאר דרייען זיך דיא קאפ מיט פיל געשעפטין! לאז צייט אויף וואלטהאט צו טאן — גענוג צו נעמין צינזין, לייג אב עטליכע טויזענדער צוא פאר לייען גמילות חסדים (גמ"ח בין לעניים בין לעשירים), אזויא וויא דוא טרויסט יענעם אויף אוועקסיל אז ער גיט דיר צינזין, מעגסטו איהם אויך טרויען אגמ"ח אחודש אויף אוועקסיל אדער אויפין ווארט, ווען דוא ווייסט אז זיין ווארט איז היילינער פון אוועקסיל, איך זעהע מאנכע מאל צו, ווען איינער קומט צו איהם בעטין אגמ"ח, אונ גראדע אויף אזיכערין זאלאג, אויף אווינרישנעם בילעט (וואס אפריינד האט איהם גיליען) לאזט ער (אדער זיא ווען זיא זיצט ביין קאסע) אראפ דעם נאז אונ זאגט. ביי מיר איז ניט קיין גמילות חסד, אונ ווען יענער גיט איהם אבער דאפיר צינזין דא הויבען זייא שוין אויף דעם נאז אונ קוקען שוין גאר אנדערש, אה! עס איז זייער נייטיג זייא זאלין באמערקין דיא מזוזה, זיא זאל זיין וויא א טעליפאן איין ברעג ביין טיר אונ דער צווייטער ביי זייא אין אויער, עס זאל זייא קלינגען אין אויער דיא היילינע שטימע ואהבת את ה"א בכל מאדך — בכל ממונך — כבד את ה' מהונך גיב עהרע דעם עוויגען פון דיין קאפיטאל וואס ער האט דיר באגאבט. — מיר וואונדערט זייער צווישין דיא אלע פערגעניגען וואס דיא רייכע זוכין (וויא מיט ליכט) צו פארשאפין זיך, ווארום זאלען זייא ניט זעהן פארשאפין זיך דעם הימלישין פערגעניגען, פון וואלטהאט טאן? — וואס קען נאך געבען אגרעסערין פערגעניגען אין דער וועלט וויא געבין? — בעת איך שטיץ דעם באדערפטיגען, דעם נויטווענדיגען, איך לייה איהם אגמילות חסד, איך קערעווע איהם, איך שטעל איהם אויף דיא פיס, וואס לבד דער גרויסער שכר אין דיא עוויגע וועלט, וואס איז פאר איהם גיגרייט שפירט דאך דער ארענט-ליכער מאן בעת מעשה אגרויסען פערגעניגען — וואס זאלין מיר אבער ריידין מיט שכורים, דיא גבירים זיינען דאך פאר שכור'ת וויא דער גרויסער חכם האט פותר-חלום גיווען דיא אלטע פרויא *).

יעצט

*) ביי דעם גרויסין גאון החכם ר' יוסף בעל מבריסק זצ"ל איז גיוועזן אמאל איין אסיפה וועגין אכלל זאך. זעלבסט פערשטענדליך אז זיין מיינונג וואהר צו פירין דיא זאך נאך דעם ריינעם ליכטיגן גייסט פון דער תורה, אייניגע חיינטיגע גבירים האבין פראטעסטירט אויף דעם, ער מיט זיין ווייטין בליק האט גוט גיזעהען וויא ניט אנגינעהם עס וועט זיין דיא ענדע פון זייערע פלענער, האט ער מיט קלוגע רייד גיגעבין זיי צו פארשטיין זייער אירטהום, עס איז אבער שווער גיוועזן ביי זיי פועל צו זיין. גראדע אין דעם מאמענט זאגט מען איהם אז איין אלטע פרוי האט אשאלה אדבר נחוץ, גייט ער צו ביין טיר פון זאל אונ ביגט איין דיא קאפ צו הערין איהר שאלה אונ ענטפערט איהר אונ זיא גייט אוועק. אייניגע מענשין זיינען גיווע

יעצט טייערע שוועסטער אונ ברידער — זאג איך — באטראכט צו וואס אונזערע אונוויסענהייט האט גיבראכט, אז אזאך וואס מיר זאגען צוויי מאל אטאג אונ מיר האבען דאס פיר אונזערע אויגין שטענדיג איז לא די וואס מיר האבין פארגעסין דעם גידאנק פון דעם, וואס ער איז כמעט בולט אין דיא קלארע ווערטער פון דער תורה, אז אום מיר זאלען קענען קומען צו דיא 3 הויכע מדרגות היינו ואהבת את ה׳א בכל לבבך ובכל נפשך ובכל מאדך, אז מיר זאלין ליב האבען אונזער באשעפער מיטין גאנצען רצון אונ שכל אונ פארמעגין האט זיא אתז גיגעבין די זעלבע מיטלען וועלכע מיר בענוצען אין גישעפט, היינו ווען איינער וויל מאכין אגישעפט באנוצט ער זיך מיט מחשבה דבור ומעשה, היינו פריער טראכט ער דורך אלע זייטין פון גישעפט אין געדאנקען, נאכהער רעט ער וועגין דעם גישעפט מיט זיין פרויא אונ קינדער אונ זיינע גוטע פריינד, נאכהער איז מעשה טוט ער איהם בפועל ממש, דאס גלייכין האט אונז דיא תורה גילערינט מיר זאלין פירין דיא עסקים פון נפש (וכמ״ש החכם מכ״א אם תבקשנה ככסף ד. ה. וויא געלט גישעפט, אז תבין יראת ה׳ ודעת אלקים תמצא), פריער והיו הדברים האלה אשר אנכי מצוך היום על לבבך דאס איז מחשבה, מיר זאלין שטענדיג טראכטין וועגין דעם, נאכהער ושננתם לבניך ודברת בם מיר זאלען שטענדיגריידין וועגין דעם בשבתך בביתך ובלכתך בדרך ובשכבך ובקומך סיי אין שטוב סיי אין גאס סיי ביין לייגין זיך אונ ביין אויפשטיין, נאכהער זאלין מיר טאן אמעשה וקשרתם לאות על ידך, דאס ווערט ווירקען אויף „בכל לבבך" (ושמתם את דברי אלה על לבבכם) אז דיא פרשיות זאלען ליגען אויף דיא לינקע האנד קעגין הארצין (על ידך זו קיבורת, קבלתנו הנאמנה) לשעבד בזה תאוות ומחשבות לבנו לעבודתו יתברך שמו, צו צו ניינען אונזערע תאוות אונ אונזערע געדאנקען לעבודת הבורא, איז דיא תפילין של יד אנעטליכע סגולה זוכה זיין צו ליבין השי״ת בכל לבבך. נאכהער האט אונז דיא תורה גיגעבין אסגולה זוכה זיין צו ובכל נפשך והיו לטוטפות בין עיניך, נעמען דיא זעלבינע פיר פרשיות אונ מאכין זייא אין פיר בתים אונ טראגין זיי איין צירונג בין עיניך, אויפין קאפ וואו דיא קוועלע פון דיא אויגין זיינען, דאס איז דער ארט פון מוח וואו ביי אמענד איז ווייך, („עין

אין

נייגעריג צו הערין וואס פאר אדבר נחוץ דאס איז גיווען. ענטפערט דער חכם, דאס איז ניט קיין שאלת נחר איין פתרון חלום. דא זייען זיי נאך מער נייגעריג גיווארין הערין דעם חלום מיט זיין פתרון, — איהר האט זיך גיחלומט דיא נאכט — זאגט דער חכם — אז איהר בן יחיד וואס האט פער רייזט וועגין גישעפט האט מען איהם גישלעפט אשכורין איבערין גאס, קלאפט איהר זייער דיא הארץ אויף דעם, שטייט איהר בן יחיד וואס זיא האט איהם אזוי פיל אב גיהיט פון דיא מיאוסע זאכין איז ער צום סוף גיווארין. אין שכור — האב איך איהר גערוהיגט אז דאס ווייזט ער וועט באגליקען אין דער נסיעה אונ וועט ווערין אגביר, גבירים זיינען דאך וויא „פאר־שכור׳ת".

איז טייץ איין אויג אונ אקוואל (עין חמים), ד. ה. אויף דעם ארט פון מוח וואו
דיא קוועלע פון דיא ראיה איז *) וואס פון דארטין גייען דינע עדערלאך אין
אויג אריין אונ דיא ראיה קומט דורך דיא אויג גלייך אין מוח). כדי דיא
נשמה (דער שכל) וואס איז אין מוח מיט אלע חושים וכחות וואס קומען
אריין אין מוח זאלין זיין משועבד לעבודת הבורא **). נאכהער גיט דיא תורה
אמיטעל למעשה וויא זוכה צו זיין צו דיא העכסטע מדה ובכל מאדך אז אהבת
הבצע זאל חלילה ניט אראפפירען דעם מענשין פון גראדע אידעשע אונ
מענשליכע וועג וכתבתם על מזוזות ביתך ובשעריך נעם דיא צוויי פרשיות
שמע והיה אם שמוע אונ באהעפט אויף דעם בייששטידיל פון דיין הויז אונ
פון דיינע טויערין, בכדי אז ווען דוא וועסט ארויס גיין אין געשעפט אונ
וועסט אריין קומען פון גישעפט זאלסטו אבליק טאהן אויף דעם אונ בא-
טראכטין „אז עס איז ניטא אזאך וואס זאל בלייבין דיינע אויף אימער אונ
עוויג נור דיא געטליכע וויסענשאפט אונ גוטע מעשים", אונ ווייטער איז
אלעס הבל הבלים, וואס דער מענש איז ניט זיכער מיט דעם אויף איין
טאג, זייא קענען יעדער ווייליע צו גענומען ווערין פון מענשין אדער חלילה
דער מענש פון זייא, אונ דער גידאנק קען פעסט ווירקען אפין מענשין,
בלייבען ביי זיין פעסטין היילינען קאראקטער ***), איז אונזער אונוויסענהייט אזוי
גרויס אז מיר פארגעסין אז דאס איז אהייליגע גיבאט, איין געטליכע ראטה
וויא דוד המלך ע"ה זאגט (תהלים קי"ט גם מצותיך שעשועי אנשי עצתי) אלע דיינע מצות זיינען
איינע זיסע אונטערהאלטונג פיר מיך, אונ מיינע טרייסטע ראטה-געבער
וויא גליקליך צו מאכין דעם מענשין אויף ביידע וועלטין, אונ מיר דיינקען
גאר אז דאס איז עפעס אבבא מעשה איין פאנאטישע סגולה צו ניט-גוטע
אונ וויא. באלד אז היינט זאגט מען אז עס איז ניטא קיין שדים דארף מען
דאס גאר ניט, אונ מיר ווערען אזויא ווילד פאנאטעש אז אונז איז בעסער
געפעלין

*) קורא יקר ראה בעיניך איך הקבלה הנאמנה מתאים לפשוטו של מקרא, אשר „על ידך" זהו קיבורות שהוא כנגד הלב לא כהקראים המפרשים שהוא פס ידו (מגילה פ"ד) כי הלא הוא מקביל אל בכל לבבך. וכן בין עיניך הוא מקום שמוחו של תנוק רופס ובין עיניך הוא מקור הראי', כי הלא הוא מקביל אל בכל נפשך מקום משכן הנפש), והמשך הענין מכה על קדקוד הקראים אשר לא ירדו לעומק הפשט וחכונה.—

**) אויב דוא ווילסט וויסין גרונטיג ווארום אין של יד ליגין אלע פיר פרשיות אין 1 בית אונ אין של ראש אין 4 בתים, אויך דעם שינוי הנוסח „להניח" תפילין ועל „מצות" תפילין אונ וואס בעדייטין דיא 7 כריכות פון האנד לייען דורך מיין העתקה לספר היראה לרבינו יונה צד 18 וועסטו זעהען אז יעדער דין אונ יעדער מנהג א אידישער איז אן גיגאסין מיט הייליגע וויכטיגע גידאנקען.

***) חייב אדם לזהר במזוזה מפני שהיא חובת הכל תמיד, וכל זמן שיכנס ויצא יפגע ביחוד השם, שמו של הקב"ה ויזכור אהבתו ויעור משנתו ושגיותיו בהבלי הזמן, וידע שאין דבר העומד לעולם ולעולמי עולמים אלא ידיעת צור העולם, ומיד הוא חוזר לדעתו והולך בדרכי מישרים. אמרו חכמים הראשונים כל מי שיש לו תפלין בראשו ובזרועו וציצית בבגדו ומזוזה בפתחו מוחזק הוא שלא יחטא, שהרי יש לו מזכירין רבים והן הם המלאכים שמצילין אותו מלחטוא שנאמר חונה מלאך ה' סביב ליראיו ויחלצם (רמב"ם סוף ה' מזוזה).

געפעלין פערדעשע פאדקעוועס צו פירין אונז צום גליק, אה! עס שוידערט מיר אלע גלידער פון דיא ווילדע פאנאטיזום, אונ דיא הארין האט מיר פארקוועצט פון גרויס אויפרעקונג אז איך בין כמעט באלד אין אונמאכט גיבליבין, איך בין אנטשוויגען גיווארין אונ האב מיר אוויילע אב גירוט, ביז איך בין גיקומען צו זיך.

אה! דאס איז ווירקליך אטראגאטעלנע (איין ריהרענדע) שצענע, עס באריהרט אלע נערפין, וויא זיא האט דא אונז ערקלערט דיא ריינע איידעלע גידאנקען וואס איז אנגינאסין אין דיא היילינע מצות פון דער תורה —, רופט זיך אב אהויבארטינע דאמע צו איהר שיינע טאכטער — אה! עס איז צוא באדויערין אונזער אונוויסענהייט, איך זעהע שיינבאר אז ווען מען לערינט ניט דיא רעליגיאן צוא פאר שטיין איהר גישמאק, איז מען גאר וויא אנגעקעכץ אן זאלץ.

מיר האלטען דאך עפעס וועגען משמח זיין חתן וכלה אונ איך בין גאר אריין אין אמוראלישען ראזנאוואר, וועל איך אייך ערציילין אנעלעכטער, אלע שטעלין אן נאז אונ אויערין צוא הארכין.

איך בין אמאל גיפארין פער-אקס, קומענדיג צו אטייך האט זיך דער פערד אב געשטעלט טרינקען, איך באטראכט ער טרינקט ניט נור ער בריקעט מיטין פאדקעווע אין וואסער איין היבשע ווילע, ביז וואנען ער האט געמאכט מוטנע דעם וואסער נאכהער האט ער געטרונקען, זעהענדיג דאס טראכט איך ביי זיך „דוא פערד איינער! ווארום איז דיר ניט גיפעלין גיווארין צו טרינקען פריער ריינע קלארע וואסער, נור דיר גיפעלט מוטנע בלאטינע וואסער" אונ בין שרעקליך פארוואונדערט אויף דעם — דער פערד האט אב געטרונקען מיר פארין ווייטער, דיא פאגאדע איז גיוועזן זייער פיין, איך נעם מיר ארויס א תנ"ך אוויילע קוקען, גראדע מישט זיך אויף תהלים דער פסוק אל תהיו כסוס כפרד אין הבין במתג ורסן עדיו לבלום כו', איך טראכט ביי זיך סימנא מלתא היא אז נאך דער מעשה פון פערד מישט זיך אויף גראדע דער פסוק אל תהיו כסוס, דארף מען דא עפעס זעהן צו פארשטיין, פאלט מיר איין אשכל, דאס איז בוואוסט אז דער פערד איז אגרויסער בעל גאוה (זכר לדבר מוצא הסוסים ממצרים הנקראים רהב) אונ א בעל גאוה מיינט אלעס אני ואפסי עוד „אז נור איך איינער אונ מער קיינער", ד. ה. דער פערד דיינקט אז אלע לאנקעס איז פיר איהם אונ פשיטא דער טייך איז אין גאנצען פיר איהם, הײנט אז דער פערד בייגט איין דיא קאפ צו טרינקען בעת דער טייך איז קלאהר אונ עס שיינט איהם אב אנטקעגין אז נאך אפערד טרינקט, קען דען דער

בעל

בעל גאוה דער פערד ערטראגין אז נאך איינער זאל טרינקען ?, באטראכט זיין פערדישע קאפ זייער אגוטין מיטעל, פארפירען אשטרייט אונ בריקען איהם מיטין פאדקעווע, ער זעהט אבער אז יענער איז אויך קיין טרוש ניט אונ הויבט אויך דיא פוס אונ לאזט אראפ, ווערט ער נאך מער אין כעס וויא אפערדישער בעל גאוה, ביז וואנען ער מאכט מוטנע דעם וואסער אונ זעהט שוין מער קיין פערד אנטקעגין, דא ווערט ער מונטער אונ רוהיג, וויל ער האט גיזיגט דיא מלחמה, ער האט אב געטריבען יענעם פערד, טראכט איך מיר: „דוא פערדישע קאפ וואס האסטו אוים גיפירט, אנשטאט וואס דוא האסט גיקענט טרינקען ריינע וואסער האט דיר דיין פערדישע גאוה אנגעטרונקען מיט מוטנע וואסער", אז דוד המע"ה האט דאס בא-טראכט האט ער גינומען פון דעם אפיינעם מוראל פיר דעם מענשין, דאס איז אריכטיגער שפיגעל, וויל בייא פיל מענשין עקסעסטירט אויך דיא נארעשע גאוה „אני ואפסי עוד" אונ אנשטאט דיא ארענטליכע וועג וואס דער געדאנק פון מזוזה ווייזט אויף דעם, ואהבת את ה"א והאוהב את המקום אוהב את הבריות, ד. ה. „לעב אונ לאז לעבין", לעב אונ וויל אז דער צווייטער זאל אויך לעבין", השי"ת האט באשאפין אגרויסע וועלט, אגרויסען טייך עס קען קלעקין פיר אלעמען ריינע וואסער, קומט דער נארעשער מענש אונ ווארפט אראפ דיא מזוזה נור ער חאפט זיך צו דיא פאדקעווע ער קלאפט מיט דיא פאדקעווע אונ צו מישט אונ מאכט א קאסע אונ זאגט „גם לי גם לך לא יהיה" ניט מיר אונ ניט דיר, עס איז רעכט בייא איהם צו טרינקען בלאטע אבי יענער זאל ניט האבען.

דרום זאגט דוד המע"ה אין דעם נאמען פון דער תורה*) אשכילך ואורך בדרך זו תלך, איך וויל דיר קלוג מאכען אונ ווייזין די גלייכע וועג פון דער תורה וואס דוא זאלסט גיין אין איהר, איעצה עליך עיני דיא תורה ווייזט איהר קלוגען וואונק וויא צב"ש תפלין ציצית מזוזה וואס דאס איז קלוגע געטליכע ווינקען פיר דעם פארשטאנדיגען מענשין צו ויסין וואס ער האט צו טאן, אבער אל תהיו כסוס כפרד אין הבין, איהר זאלט ניט זיין וויא נארישע בעלי גאוות וואס איהם פאסט ניט צו האבין אמזוזה ביי זיין טיר, וויל זיין פערדישער מוח פארשטייט ניט דיא קלוגע געדאנקען וואס איז פאר וואונקען אין דעם אונ ממילא אז ער האט ניט דעם שוטץ פון דער

תורה

*) נאכהער, וויא ער ערקלערט פריער (תהלים לב) „אתה סתר לי מצר תצרני" וויא דיא מצות פון השי"ת שוצין אויף דעם מענשין וויא ער זאגט אין איין אנדער ארט „חונה מלאך ה' סביב ליראיו" וכמ"ש חז"ל חביבין ישראל שסבבן הקב"ה במצות תפלין כו' מזוזה בפתחיהן כו'

תורה ומצוות אונ ער גייט ארויס אין גאס היצט איהם אויף דער פלאהם פון תאוה אונ חמדה אונ גאוה אז „אני ואפסי עוד“ אונ ער ווייזט גאר אויף מי יחיה, אונ זיין גליק אונ צופרידענהייט געפינט ער בעסער אין דיא פערדישע פאדקעווע „ניט מיר אונ ניט דיר“ אונ מאנכע מאל זיך ביידע אויגען ארויס געמען אבי יענעם איין אויג. דוא מענש ווען דוא טוסט אזויא! בינסטו פיל ערגער פיר דעם פערד, ווייל דער פערד איז דאך אונשולדיג, ער האט מעהר קיין פארשטאנד ניט, אבער דוא מענש וויא אזויא האסטו פארלארין דיין פארשטאנד, אונ אוועק אין אזא ווילדע וועג וויא איין חיה מזיק צו זיין מענשין. אונ וויא אזוי פארשטייסטו דאס ניט אז דאס איז גאר אגרויסער טעות, אז דוא האסט גאר קיינעם ניט אב געטריבען מיט דיין בריקענען אונ מוטנע מאכין דעם וואסער, דוא האסט נור מוטנע געמאכט פיר זיך, אבער פיר יענעם ביסטו גאר קיין בעל דעה ניט, השי״ת וואס ער איז מכין מזון לכל בריה וועט פאר איהם באזארגען אריינעם איסטאצניק צום לעבין והבוטח בה׳ חסד יסובבנו, ד. ה. דער חסד וועט זיין אגוטער סרסור געפינען פיר איהם אמקור לפרנסה, נור פיר דיר האסטו מוטנע געמאכט אונ צוהאקט, דרום דארפסטו מיט דיין שכל מאכין איין „מתג ורסן“ איין צוים „עדיו“ זיין אב קערונג „לבלום“ איין צו צאמען „בל קרוב אליך“ עס זאל ניט קומען אויף דיר „רבים מכאובים לרשע“ דיא פיל ווייטאגין אונ יסורים וואס איז מובן פון די השגחה עליונה צו קומן סוף כל סוף אויף די שלעכטע מענשין.

יעצט אז מיר האלטען ביי דעם ראזנאוואר לאמיר באטראכטין דיא חיטראסט פון יצר הרע, אז אפילו ביי דיא וואס גליקט איהם שוין ניט, צו מאכין דעם וחלופיהן בגולם, דעם גולם־חלוף (פון מזוזה אויף אפערדישע פאדקעווע), זעהט נור וויא ער קליגט זיך מיט זייא אויך צומאכין גישעפט, היינו לפתות זעהן צו פארבלענדין זייא דיא אויגין ניט צו פארשטיין דיא קלוגע ווינקען פון דעם, אום דאדורך זייא זאלין ניט וויסין צו שעטצין דיא הייליגע מצוה, אונ זיא זאל ביי זייא נור זיין וויא מצות אנשים מלומדה, אב צו קומען וויא עס איז, אונ געגין דעם הייליגען רעיון וואס מזוזה ווירקט אויף דעם מענשין צו ליבין השי״ת בכל מאדך מיט דיין גאנצען פארמעגען, שטאראיעט ער זיך גראדע פארקערט, אז 15 קאפ׳ זאלין זיין טייערער בייא איהם פיר דיא גאנצע מצות מזוזה, אונ פאר גינט זיך ניט צו קויפין איין רעכטע מזוזה נור צום העכסטין ביז 10 קאפ׳ וואס עס איז גאר ניט מעגליך צוא זיין כשר על פי דין תורה*).

ויא

*) וויא יעדער בר דעת פערשטייט, ווען אמענש זאל ארבעטין 3 שעה (אמזוזה שרייבין גיווערט

יא יא, עס איז ריכטיג — רופט זיך אויס איינער — אז דאס רוב מזוזות וואס ווערט גיקויפט פיר 10 קאפ׳ זיינען פסול עפ״י דין, נור וואס הארט דאס אונז, מיר קויפען דאך בייא איין אידין אסופר אדער אמוכר ספרים, אויב דיא מזוזה איז פסול איז אויף זיין קאפ דיא עבירה, אונ צו אונז האט דאס ניט, הייסט ער „הענדיל״ מעג איך עסין פון זיין פענדיל.

חא, חא, חא! — חאפט זיך ארויס אקלוגער מענש — יא, יא, ריכטיג „אויף זיין קאפ דיא עבירה״, איהר האט מיר דער מאנט אגעלעכטער וואס חיים דער קלוגער ישיבה-בחור האט אויף דעם געענטפערט, ער האט אמאל פאר-געהאלטען א בעל הבית וואס ער גייט אזעלכע גימיינע תפלין, ווארום אין אלע קערפערליכע קליידונג זאלעוועט מען ניט ארובּיל, מען זאגט „אז גימאכט זאל זיין גימאכט, אלע טאג מאכט מען ניט״, אונ ווארום ביי א תפלין וואס דאס קויפט מען איין מאל אין וויפיל יאהר זאלעוועט מען א קערבּיל, ובפרט אז גימיינע תפלין וואס קאסט נור 1 רו״כ אונ אפשיטא ווייניגער איז זייער שווער עס זאל זיין כשר עפ״י דין, וויא מיר האבען געשריבען קעגין מזוזה, ענטפערט איהם דער בעל הבית: „וואס האט דאס צוא מיר איך

ניט ווינציגער וויא 3 שעה) דארף ער לפחות פארדינען 15 קאפ׳ אונ דיא פארמעט קאסט אויך, דארף אכשרה מזוזה קאסטין לפחות 20 קאפ׳. טא וויא אזוי בעשטייט מען צו לייזין 8 קאפ׳. דאס איז נור וויל עס איז גיווארין פאבריקין פון תפלין ומזוזות וועלכע לערין-אינגלאך שרייבין, וואס לבד עס איז קיין רעכטער אות ניטא וואס אונזער אויג זעהט דאס, קען אונז נאך קיינער ניט גאראנטירען אויף דיא דינים וואס דיא אויג זעהט ניט, וויא שרייבין דיא שמות מיט כונה (לשם קדושת השם) וואס עפ״י רוב זיינען דיא אינגלאך אן אפונק יראת שמים, אזוי וויט אז אייניגע שרייבען בגילוי ראש, אונ מאנכע זיינען נאך קטנים (שלא הביאו שערות) וואס זיינען פסולים עפ״י דין, אונ נאך פיל דינים (וואס מען קען ניט באמערקין דעם פסול מיטין אויג), אונ היינטיגע צייטען איז צו גיקומען נאך אונגליקען אין דעם, וואס דער אינגיל ווערט אמייסטער פאר זיך אונ פאצקעט מזוזות אונ פארקייפט דיא פאקין-טרעגער דארטין איז גאר דיא צרות, כאשר בעיני ראיתי אז עס פעלט אותיות אונ מאנכע מאל גאנצע ווערטער וואס פשוטה מענשין אונ ווייבער האבין אין דעם קיין מבינות ניט, איז לבד וואס זיי וואוינען אן מזוזות מאכט מען נאך אברכה לבטלה. — אויך דארפין מיר וויסין אזוי וויא ביי אמענשין קען ניט רוהען קיין נשמה וואו דער קערפער זאל ניט זיין גאנץ מיט אלע אברים הפנימים, מיר זעהען אמענש שטארבט ר״ל, דאכט זיך פון אויבין פעלט אין איהם קיין האר ניט אפילו אשפרינקעלע אויף זיין קערפער איז ניטא, נור וויל אינעווייניג איז גיפעלערט דער לונג, דער לעבער, דיא הארץ אדער דער מוח, דאן קען דיא נשמה ניט רוהען אין אזא קערפער, דאס גלייכין קען ניט רוהען דיא נשמה (ד. ה. דיא גייסטליכקייט) פון דער מזוזה אז זיא זאל לעבין אונ טאן איהר ווירקונג (געבין אטלעפאן פון ביישטידיל פון טיר צום מענשין אין אויער ווירקען אויף איהם וואס זיא דארף), נור אז זיא איז גאנץ אין איהרע אלע אברים הפנימיים והחצונים ד. ה. דער כתב זאל זיין גוט אונ גישריבין מיט יראת שמים כדין התורה. אבער אז עס שרייבט איהר אלאבוס וואס האט אין זיך ניט קיין ריח יראת שמים אונ איז ניט מקדש השמות אונ נאך אזעלכע דינים וואס פון דרויסין זעט מען ניט הייסט עס אז דיא מזוזה האט קיין הארץ ניט דרום קען אין איהר ניט רוהען דער רוח קדושה אז זיא זאל וואס ווירקין אפין מענשין. אונ דער מוכר ספרים וואס קויפט אזעלכע טויטע מזוזות (שאין בהם רוח חיים) איז ער אמכשיל רבים אונ דיא גאנצע געלט וואס ער נעמט (ניט אזוי דיא קאפיקע וואס ער פערדינט אן איהר נור דיא גאנצע געלט) איז גזל, ריכטיג וויא מען רוקט אריין יענעם אפאלשע מטבע, איז דען אתירוץ אז מען האט מיר אויך אריין גינארט? ווען דוא ווייסט ניט ווער עס האט דיר גיגעבין מוסטו איהר אריין ווארפין אין פייער אונ טארסט איהר קיינעם ניט אריין נארין, דאס גלייכין דוא פאקין-טרעגער אז דוא האסט גיקויפט פסולה מזוזות אין דיא שמאטאווע פאבריקין (וואס זייא שטייען ניט אונטער דיא השגחה פון יראי אלקים) ופשיטא ביי דיא אינגלאך טארסטו ניט פארקויפען זיי, אונ ווען דוא פארקייפסט זיי, איז לבד וואס דיא גאנצע געלט איז גזל דוא פארקייפסט דאך יענעם אבר-מינן (אטויטע מזוזה) ביסטו נאך יענעם מכשיל בברכה לבטלה ובבטול מצות עשה בכל יום, ת׳ ירחם.

איך האב דאך גיקויפט ביי איין אידין וואס האט מיר גיזאגט אז דאס איז כשרה תפלין, ווען ניט איז אויף זיין קאפ דיא עבירה', חיים האט באטראכט פון זיין אנטוואָרט וואס פיר אגימיינער בר דעת דאס איז, האט ער אב גילאזט דעם גישפרעך אויף אצווייטין מאל, פיליכט וועט זיך מאכין אגוטע גילעגינהייט צו ריידין וועגין דעם. אין אמעך ארום קומט דער בעל הבית צו חיים'ען אויפין שטאנציע ווייזין דיא קניה וואס ער האט גיקויפט פיר זיין פרויא אויף איין יריד אפאר בריליאנטענע אויריגען וואס איז ווערט 300 רו"כ האט ער גיקויפט פיר 50 רו' דער חיים וואר אגרויסער מבין אויף בריליאנטין, ווייל זיין פאטער האט גיהאנדילט מיט דעם, חיים גיט אבליק אז עס איז גאר פראסטע שטיינדלאך (ער האט גיקויפט דיא קניה ביי דיא ליגקע הענדלער וואס זייא האבען איהם גיוויזען גוטע, נאכהער אומגעביטען אויף פראסטע), חיים זעהט שוין דיא צרה וואס דא איז, וויא מען האט איהם גוט אב גיחויזעט נעמט ער אזויא ארום קוקען דיא קאראבקע און זאגט מיט אשמייכעל. דיא קאראבקע איז גאר אפראכט! אין איהר פאסט טאקע צו ליגין טייערע בריליאנטין', און חזערט אזויא איבער עטליכע מאל, אח! דיא קאראבקעלע איז גאר אפראכט'! יענער האט ערסט באמערקט זיין צרה וויא מען האט איהם גוט אבמאנעוועט, ניט ער אגרויסען קרעכץ, וואס קרעכצעט איהר אזוי?— פרעגט איהם חיים — זייא האבען דאך אייך דאס פארקויפט פיר בריליאנטין, איי עס איז ניט אמת. איז אויף זייער קאפ דיא עבירה" — דער בעל הבית קוקט איהם אן, און זאגט מיט אוואונדער. וואס הייסט דאס אויף זייער קאפ דיא עבירה, דער ווייל האב איך דאך פראסטע שטיינער ניט קיין בריליאנטען.

יא יא זאגט חיים, זאלין אייערע אויערין הערין וואס אייער מויל רעט, איהר גידיינקט וואס איהר האט אמאל געענטפערט וועגין אייערע תפלין אז אויף דעם סופר'ס קאפ דיא עבירה, יא יא עס איז טאקע אזוי אויף זיין קאפ דיא עבירה, אבער דער ווייל טראגט איהר שטיינער ניט קיין תפלין. און איהר שלאגט אן ביא זיך ביין טיר איין שטיין און ניט קיין בריליאנט (מזוזה), באטראכט וויא השי"ת באצאלט מדה כנגד מדה, דיא גאנצע געלט וואס איהר האט אב גיקארגט אין אייער לעבין פון דיא תכשיטין פיר דיא נשמה היינו תפלין וציצית ומזוזה און דאס גלייכען, האט איהר יעצט פאר-לארין מיט גרויס פארדרוס בעת איהר האט גיוואלט קויפין תכשיטי הגוף אוים צו פוצין אייער צווייטען האלבען קערפער (זו אשתו). פון יעצט אן נעמט זיך אין אכט אז דיזער טייערער רעצעפט וואס ער קאסט אייך אשיינע מטבע זאל זיין מיט נוטץ, אז פון היינט אן זאלט איהר ניט זאלעווען אקערביל אויף

דיא תכשיטין פון דיא נשמה אונ זעהן אלעס וואס כשרער אונ וואס שענער (לקיים זה אלי ואנוהו התנאה לפניו במצות סוכה נאה לולב נאה ציצית ותפלין נאים ומזוזות נאה) וועט איך השי"ת ממלא זיין אייער הזיק אין גוטין אופן.

אה! זייער פראכטפאהל האט חיים געענטפערט — האט זיך אוים גירופין אגרויס-ארטיגע דאמע — דיזער חיים איז אונז שוין גוט באקאנט פון יענע האכצייט וואס ער האט אב גיפירט איין הערליכע שצענע מיט דעם עפיל, וואס דיא בופעטציכע האט געמיינט אז מען האט ביי איהר גיגנבעט, אונ איך וויים פיל יונגע מענשין וואס דאס האט אויף זייא גימאכט אגרויסע ווירקונג אז זייא עסין ניט אן אברכה, אונ אן בענטשין, אונ צו לויפין שוין ניט פון טיש ביא אחופה וועצערע ביז נאכין בענטשין וויא אמאל פלעגט פאסירין.

מיין באבוניע האט דאך מיר פארט גיזאגט אז א מזוזה איז אסגולה נצול צו ווערין פון מזיקים, אונ וויא איהר האט אונז יעצט ערקלערט איז דאך דער געדאנקען פון מזוזה גאר אנדערש, ווירקליך דאס איז פיל גרוס ארטיגער אונ גרעסער, אבער צו דען האט שוין מיין באבוניע גאר גיפלוידערט? זיא וואר דאך אפארצייטיגע פרויא אגרויסע צדקניות, רופט זיך אב דיא ווירטהין, וואס זיא האט זיך פריער פארטהיידיגט מיט דעם אנטווארט אויף דעם וואס ביא איהר איז ניטא קיין מזוזה.

— יא יא דאס איז אויך ריכטיג, לבד דיא גרויסע ווירקונגען וואס דיא מזוזה ווירקט אויף דעם יודין וויא מיר האבען פריער ערקלערט, האט זיא אויך אין זיך דיא סגולה זיא פאר־היט דיא שטוב פון אלערהאנד מזיקים, פון דיא ניט-גוטע וואס אמאליגע צייטין איז גיוועןָ*) אונ איבער הויפט פון דיא ניט-גוטע וואס הייניטיגע דורות זייען זייא פיל פאר פלאדעט אין דער וועלט**).

אה

*) דאס איז ווירקליך אז עס איז פארהאנדין שדים אויף דער וועלט, וויא דיא חכמי התלמוד ערציילין פיל היסטאריעס פון זיי, אונ חכמי התלמוד זיינען ביי אונז באגלייבט וויא תורת משה, נור ווארום זיינען זייא יעצט ניט מצוי? איז גאר איינפאך, צב"ש בעת עס האט עקסעסטירט לייב-שטראף ווען מען האט איינעם באדארפט נאקאזעווען אז עס זאל שפריצין בלוט אונ דאס קען דאך אמענש מיט אחאראקטער ניט מאן שניידין יענעמס פלייש לעבענדיגערהייד האט מען גיפאדערט צו דעם אקאטערזניק פון סיביר, ואס ער האט איין מערדערשע הארץ, ער זאל זיין דער תלין. ווען אבער אז אין דער שטאט וואו מען דארף יענעם נאקאזעווען איז דא אטורמע פון קאטערזניקעס. פארשפארט מען צו שיקין נאך סיביר. דאס גלייכין האט דער בורא באשאפין מזיקים וואס זיי רופין זיך „נגעי בני אדם" צו נאקאזעווען מיט זיי דיא זינדיגע, אז ווען איינער האט גיזינדיגט אונ איז מחויב גיווארין דורך דעם משפט צדק פון בית דין של מעלה נאקאזעוועט צו ווערין האט השי"ת אראפ גיבראכט פאר אים אקאטערזניק פון סיביר ד. ה. אניט-גוטין פון דער מדבר אונ דער הוטא איז נזוק גיווארין דורך איהם, אבער יעצט אז, עס איז דא טורמעס פון קאטערזניקעס אין אלע שטעט וויא מיר ערקלערין דא דיא אלע סארטין מזיקים ניט גוטע וואס זיינען פול אין אלע שטעט, צו וואס דארף השי"ת אראפ ברייגגען קאטערזניקעס פון סיביר? באשטראפט ער זייא דורך דיא שטעטישע ניט-גוטע, (ע"ד אשור שבט אפי) זייא בגנבענען אונ באראבעווען אז מען ווערט דורך זייא בדלות אונ מאנכע מאל קומט מען אום פון דער וועלט אויך".

**) מצוה לקבוע פרשיות שמע והיה אם שמוע על מזוזות כל פתח בית ישראל, למען קדש באלה

אה! שומר ישראל! וואס רעט איהר מיין פריינד! היינטיגע צייטען איז אויך דא שדים, ניט-גוטע? — שרייט די ווירטהין. — אה! וויא נאך, פיל פיל מעהר וויא פארצייטין, פארצייטין זיינען זייא גילעגין אין דיא וועלדער אונ דיא חורבות (דבר באופל יהלוך) אבער אין שטאט ובפרט בייא טאג האט מען זייא אין דיא אויגין ניט גיזעהן, אונ היינט זיינען זייא פול אין רעכטין מיטין שטאט אונ זיינען מזיק זייערע שכנים, אונ ווער עס באגעגינט זיך מיט זיי (קטב ישוד צהרים). — אייערע ווארטין איז ארעטענעס, ערקלערט מיר וואס הייסט היינט איז דא ניט-גוטע? — גאר אייגפאך, פרצייטין אז מען האט גיהיט מזוזה וויא גיהעריג איז, האט דאס גיווירקט אויף דעם יודען ליב האבען זיין תורה אונ זיין פאלק „בכל מאדך" (מיט זיין גאנצע רייכקייט) ד. ה. דיא ליבע צו גאט אונ צוא דער תורה אונ צו זיין חבר איז פיל העכער גיוועזן וויא די ליבע צו א קערביל, האט דיא ליבע פון קערביל ניט גיהאט בכח צו פאר-בלענדין דיא אויגין, נור מען האט גיקוקט מיט אפענע אויגין בעת האנדעל אז מען זאל חלילה ניט שאדין טאן קיינעם, ניט אין געלט ניט אין כבוד ופשיטא אין זיין קערפער, דיא ווערטער זיינען שטענדיג גישטאנען פאר דיא אויגין: „לעב אונ לאז לעבין", — „לעב אליין אונ וויל אז דער צווייטער זאל אויך קענען לעבין", דרום ווען אפילו עס איז איינעם פארגיקומען אפראיעקט וואס ער קען דער ביי גוט פארדינען, האט ער אבער באטראכט אז דורך דעם וועלין פילייכט פיל פאמיליען גישעדיגט ווערין, פיל מענשין וועלען בלייבען אן ברויט, אדער דאס וועט איהם שטערין צוא זיין רעליגיאן וויא שבת אונ דאס גלייכען, האט דיא ליבע צו זיין רעליגיאן אונ צו זיינע ברידער אריבער גיוואויגין דיא ליבע פון קערביל, אונ איז צופרידען גיוועזן צו לעבין אביסעלע גימיינער אבי ניט שאדין צו טאן פיל מענשין, אדער ניט עובר צו זיין על חוקי התורה, אונ דיא מזיקים היינו גזלנים רוצחים שודדים זיינען גילעגין נור אין דיא וועלדער אין די חורבות, אונ גנבות האט פאסירט זעלטין אונ נור בייא נאכט, ווען קיינער זעהט ניט. אונ ווען איינער האט חלילה פון נויט זיך גישטעלט אונ ניט גצאלט זיינע קרידיטארין האט ער פון שאנד ניט געהאט וואו זיך צו באהאלטין, אונ האט זיך גיבילבט פון דאס לעצטע צו צאלין פאדראבנע פיל זיין מעגליכקייט איז נור גיוועזן, אום ער זאל

כל בית ואהל יעקב ובכלל כל מקום המוגבל לדירה ושימוש האדם, לחיות המקום ההוא מקום קדוש מקום שם ישכון כבוד ה' ושמה ימלאו את חובת עבודת ה'. — גם להראות בזה כי כל חייך, פעולתך וקבלת שפע הטוב, כי כולמו יחד מיד ה' המה לך. — ובבואך אל הבית הניחה ידך על המזוזה וזכור כי על אדמת קדש תצעדנה רגליך, ובצאתך מביתך הניחה את ידך על המזוזה ומסור את ביתך תחת מחסה ה', אשר לו תקדש את ביתך מכון לשבתך (ד"ר הירש בהחורב).

זאל ניט האבען אויף זיך דעם נאמען גנב, גזלן, לוה רשע ולא ישלם, אונ נאך אזעלכע פיינע נעמען וואס דיא תורה רופט איהם „עול, שנאוי״, משוקץ תועבה״. — באטראכט אבער היינטיגע צייטין זינט מען האט אויף געהערט צוא היטען ריכטיג מזוזה (ובכל מאדך) אונ דיא ליבע צום רוביל שטייט פיל העכער וויא דיא ליבע צוא דער תורה, דיא ליבע צום קערביל שטייגט איבער דיא ליבע צו עלטערין אונ ווער רעט צו זיין פאלק, אונ מען קוקט גאר ניט וואס מען מאג אונ וואס מען טאר ניט, אבי פארדינען א קערביל, מען קוקט גאר ניט אויב עס פאסט פיר אידין אדער ניט אבי חאפין א קערביל, פון זיינט וועגין מעג נתחלל ווערין דער כבוד התורה, אונ עס מעגין נזוק ווערין אטייל וועלט, אבי ער וועט חאפין אביסעל געלט. עס זיצין מזיקים, ניט-גוטע אפין אין גאס אפין רעכטין מארק, מען פארקויפט סחורה מיט 10 פריצענט אונטעריין קרן, וואס אלע קרעמער ארום קענען א קאפיקע ניט לייזין אונ דער מזיק דער ניט-גוטער שטייט אונ לייזט געשמאק מיט 90 פריצענט פרנסה גאר אן זארג, זאל דער פאבריקאנט בעסער זארגין בעת עס וועט איהם קומען דער וועקסיל צוריק מיט אגרויסין פארטאך, אונ וועט נאך צאלין קבורה געלט (פרימעסט קאסטען) פיר זיין טויטין וועקסיל. — אונ ווען יענער קומט נעבעך צופליהען אטויטער מיט דיא וועקסלען אונ חלעסט לעבין איהם, אונ בעט איהם מיט טרערין: „וועהע האב רחמנות איך בין אומגליקליך דאס איז מיין לעצטע ביסעל קערעוואנע, ווען דוא נעמסט דאס ביי מיר צו, בלייב איך מיט מיינע קינדער אן ברויט״, שטעלט ער איהם אוים אקופערנע צורה, „ווער בינסטו איך קען דיר גאר ניט״! נעם אויב דוא קענסט! אונ וויא פארשטייט איהר? דער געשעפט איז שוין גאר אין איין טאג פאר ענדערט געווארין אויף דיא באבעס נאמען, אונ אז עס קאסט יענעם שוין אב נוט אונ בלוט אונ דער אדוואקאט צו ברעכט שוין זיין פאלשע מאכעריי פון דיא באבעס נאמען, אונ שרייבט שוין אב דעם געשעפט, געפינט זיך דער זוליק אנדערע מיטלען, גיט ער ארוים 40 אינפיקטיווגע וועקסלען זיינע גוטע ברידער אונ גיבען אן (וואס האט ער דען צוא זאלעוועז, קאסט איהם נאך 10 פריצענט, ער באדעט זיך דאך אין פרעמדע בלוט) ביז עס בלייבט נעבעך יענעם קוים 10 פראצענט אז עס שטייעט ניט אויף ראסחאדין פון פראצעס, אונ יענער פאבריקאנט פארט נעבעך אייעק אן געלט אונ אן געזונד, אונ פיל גייען אוועק פון דער וועלט פון איינגעשאפט אונ הארץ ווייטיג, אט אזעלכע מזיקים אזעלכע ניט-גוטע גייען ארום אפין

אין גאס אונ שעדיקען מענשין אין רעכטין מיטין טאג *), דאס איז ניט־גוטע אין קאסטיום פון קויפלייטע, הײנט װעל איך אײך װײזין ניט-גוטע אין אײן אנ-דער קאסטיום, לאמיר ארויס גײן אין גאס װעט איהר זעהן דירענדע שצענעס דא חלעשט אײן שװאכע ארעמע פרויא, מען האט אקערסט בײ איהר ארויס גינומען פון קעשענע אטיביל מיט 10 רו' װאס זיא איז געגאנגען אב געבען דעם קרידיט אז מען זאל איהר בארגען אנדערע סחורה, װעט זיא קענען אויס שפײזען איהרע 5 יתומים, אונ יעצט אז מען האט דאס בײ איהר ארויס גינומען האט מען ארויס גינומען בײ 6 נפשות דיא נשמות, זיא דארף זיך מיט איהרע יתומים לײגין אונ שטארבין, אונ נאך אזעלכע פיל שצענעס װאס מענשין שטײען אונ זעהן מיט דיא אויגין װיא דיא זוליקעס שטעלין בדלות מענשין אונ מען האט מורא אן צו זאגען יענעם, מען זאל ניט קריגען פון זײא אטויס קלאפ, אה! עס איז גיװאלד צו שרײען אויף אזעלכע מארד־טהאטין װאס פאסירט אין רעכטין מיטין טאג פיר אפובליקע מענשין.

הײנט װער רעט װעגין דעם „אשמדאי' דער אנפירער פון דיא מזיקים װאס ער איז דער לאקים־אטיף װאס שלעפט פיל װאגאנען ניט-גוטע, — דיא אלע מזיקים ניט-גוטע װאס בגנבענען אויף דיא באנען אונ טוהען שרעקליכע מארד-טהאטען מיט דיא פאסעזירער (װיא עס װערט געשריבען גאנץ אפט אין דיא בלעטער) װערין גיקעריװעט מיט עצות דורך איהם (דעם אשמדאי) לחרפת מין האנושי.

אויך איז דא אזארט ניט-גוטע (מזיקים) מיט דעם נאמען „רויטע העגער" װאס זײא מאכין דיא ברכה „להדליק" אום ר"ח תמוז. — װאס איז דאס פיר אײן יו"ט ר"ח תמוז צו מאכין להדליק?, דאכט זיך להדליק נר חנוכה מאכט מען גאר ענדע כסליו? — פרעגט אײנער פארװאונדערט.

זײא זײנען ניט קײן מקפידים אויף דער צײט, װען נור זײא פאר-

גילוסט

*) אה! װיא װערט מען דאס אזוי פערבלענדעט, ניט ארויס צו זעהען דיא פארדארבענהייט פון דעם, װאס יעדער רײנער בר דעת סײ אידעדי אונ סײ אקריסט פארשטײט, װיא אונװירדיג דאס איז, אונ װיא אונזער תורה שרײבט איז דאס אזא הארבע עבירה װאס קײן תשובה אונ יום כפור העלפט ניט אויף דעם, נור מען מוז פריער אב געבין יענעם זײן שאדין אונ איבער בעטין פיר זײנע שמערצין װאס מען האט איהם פערשאפט, דאן העלפט תשובה אונ יום כפור אויף דעם פארברעך װאס מען האט גיזינדיגט קעגין השי"ת, אונ דער װאס פירט איבער פרעמדע בלוט װעט קײן תקומה ניט האבין, ער װעט דארפין נתגלגל װערין אין אבהמה אונ גײן אב דינען בײ יענעם װאס ער האט פארטראגין זײנעם ארובל, אח! װיא ניט גוט אונ שרידערהאפט עס איז דיא שרעקליכע דירה װאס דיא הויכע נשמה פון מענשין דארף זײן צוזאמען מיט דעם נפש הבהמה, מיר קענען זיך דאס גאר ניט פארשטעלין דיא יסורים פון דיא נשמה — אל תתן שנה לעיניך ותנומה לעפעפיך הנצל כצבי מיד, כל זמן דײנע אויגין זײנען אפין זעהע דאס צו פאר ריכטין, דורך קומען אונ מפײס זײן יענעם װעלכען דוא האסט אײן עולה גיטאן. אונ װען דוא קענסט איהם ניט פרעג בײ אײן חכם װיא צו באגײן זיך װעט ער דיר לערנען אין גוטין װעג. — אונ אויף װײטער זאי אלײן װײער פארזיכטיג אונ בעט רחמים אז השי"ת זאל דיר העלפין ניט דורך צופאלין אין דעם עון פלילי פון פארנעמען אפרעמדע פרוסה תלילה.

גילוסט זיך מאכען גוטע לאטקעס איז רעכט צו מאכין להדליק אפילו אום שבעה עשר בתמוז. דער זארט ניט-גוטע זייגען מזיק אלע זייערע שכנים, פיל ווערען בדלות פון דיא שרפה אונ פיל צוא גנבת מען קלייבעניזיכדיג, אונ מאנכע מאל ווערין פארברענט נפשות אויך, אונ פיל ווערין קראנק פון שרעק, ה׳ ירחם — לבד וואס זייערע געלט וואס זיי נעמען אב ביי סאראנס איז דאך דאס וואהרע גנבה, זיי זייגען גנבים אונ רוצחי נפשות. — היינט דער צארנער קלאס מזיקים וואס פיר אהאלב קערביל מיט אשנאפס איז רעכט צוא גיין זאגען פאלשע עדות, אדער אזויא מוסר זיין ממון ישראל לטמיון אונ נאך אזעלכע פאדלאסטען וואס איז בעונינו הרבים נתרבה געווארען דיא לעצטע צייטין, אז עס איז גיווארין הפקר יענעמס געלט אונ יענעמס גיזונד ה׳ ירחם.

ביז יעצט האב איך אייך גיוויזען דעם בעל׳באטישען אונ דעם צארנעם קלאס מזיקים, יעצט וועל איך אייך ווייזין דיא ענטילינענציע פון דיא ניט-גוטע (מזיקים)׳ איך ווייס אבייכע הויז וואס דארטין איז איינר לא עלינו שלאף גיווארין איז, געגאנגען איודישער דאקטאר איינינע וואכין דריי פיר מאל אטאג ער האט דאס אנגענומען פיר אטיף ר״ל, קיין רעצעפטין האט ער ניט גיזאלעוועט 2 אויף אמאל, ער איז דאך בטוח אז זייא וועלין גיווים ווירקען, אויב ניט דעם חולה ווירקען זייא דעם אפטייקער אונ א טהייל איהם אויך (דעם דאקטער)׳ דער חולה איז באלד פון דער וועלט אוועק ביז וואנען מען איז מיט איהם געפארען אין אויסלאנד, האבען יענע פראפיסארין גיזעהען אז עס איז גאר ניט קיין טיף נור איין אנדער זאך, וואס מיט אקליינע אפעראציאן האט מען איהם אוים גיהיילט, אונ עס האט זיך ארוים געוויזען וויא ווייט דיא ליבע צום קערביל האט דעם היגען דאקטאר פארבלענדעט, ער האט דיא קראנקייט פארשטאנען ניט מער וויא מיין עלטער באבע, נור וואס דארף ער מער אבי ער האט דא גיהאט אגוטע קיעלע צו מעלקין, אין דער פריה 1 רר׳ ביי טאג ווידער אקערביל, פאר נאכט 2 קערבלאך, אין מיטין נאכט 3 קערבלאך אונ וואו האט ער ניט גיהאט אקערביל פון אפטייקער, אזויא האט ער גינומען העכער 50 קערבלאך אוואך, היינט וואס דארף ער מעהר? — וועק ער וואלט אבער האבין א מזוזה איז שטוב (אונ אין גידאנקען) וואלט אנדערם גיווען, דו זעהסט אז דוא פארשטייסט ניט די קראנקהייט, זיי זיך מישב מיט נאך אפאר דאקטוירים, ניט לויף ארייין אונ טוה אבליק אונ חאפט דעם קערביל אונ אנטלויפט, ער האט דאך קיין צייט ניט, אונ אמאל טרעפט אז דיא קאפ איז אים גאר דול, וויל ער האט ביז גאנץ שפעט אדער נאך בסער ביז גאנץ

פריה

פריה, גישפילט אין קארטין. הכלל עס איז דא פיל זארטען מזיקים וואס זיי גיפינען זיך נור וויל עס פעלט ביי אונז דיא מזוזה (אהבת ה' ואהבת אחים בכל מאדך), ביי זייא איז דיא ליבע צום רוביל דיא העכסטע ליבע זייא דריקען דעם רוביל צו זייער ברוסט אונ זאגין. דוא (ליבער רוביל) בינסט מיין פאטער אונ מיין מוטער, דוא בינסט מיין שוועסטער אונ מיין ברודער, דוא בינסט מיין לעבין אונ מיין רעליגיאן", זייא בוקען זיך צוא עגל הזהב אונ זאגען. דוא בינסט מיין גאט, אונ אויסער דיר איז קיינע גיבאט. מיט אזעלכע מזיקים איז געפעהרליך צוא געכטיגען, זייא קענען אוים שניידין דיא קעשענע, אונ מאנכע מאל באנוצין זייא צוא דעם געפערליכע מיטלען היינו פיר חלאראפארמירען יענעם אז ער זאל איין שלאפין אויף עוויג, וויא עס האט פיל מאל פאסירט.

אונ אום נצול צו ווערין פון דיא אלע זארטין מזיקים אונ ניט-גוטע, אונ נאך פון פיל כתות רוחין ולילין האט אונז דיא תורה גיגעבין דעם הייליגין מיטיל דאס הייסט דיא מזוזה, דאס דער מאנט אונז ביין ארוים גיין אין געשעפט אונ אריין קומען פון גישעפט אן דיא הייליגע אמונה, אונ אז מען דארף מאכין איבער שטייגין דיא ליבע צום רעליגיאן אונ צוא מענשען העכער וויא דיא ליבע צום קערביל (לחיות אוהב את המקום ואוהב את הבריות בכל מאדך), אז איך מיט מיינע בני בית זאלען נור עהרע פערשאפען דיא רעליגיאן אונ נוצין ברייגען דיא פאלק ומכש"כ זיך צוא פערהיטען ניט ברייגען דאס מינדעסטע שאדין קיין מענשין אין דער וועלט, דאן וועט דיין הויז זיין פתוח לרוחה, קיינער וועט ניט ניזוק ווערין ביי דיר אין הויז, אין געגען טהייל יעדער וועט פאלזע גיפינען ביי דיר, אונ אז דוא וועסט זיין אזוי ווייט אב געהיט אז קיינער זאל פון דיר אונ פון דיין הויז ניט האבען דאס מינדעסטע שאדין אונ פארדרוס נור פאלזע אונ נוצין, וועט דיא השגחה דיר באשוצין, (יברכך במטון וישמרך מהמזיקין) אז דוא זאלסט ניט ניזוק ווערין פון אנדערע מזיקים אונ ניט-גוטע (אם עליון שמת מעונך (היינו שקבעת מזוזה במעונך אז) לא תאונה אליך רעה ונגע לא יקרב באהלך), יעצט פאר שטייט איהר שוין דעם קלוגין ווארט אז מזוזה באשוצט פון מזיקים אונ ניט-גוטע?

ערקוויקט זאלט איהר ווערין ליבע פריינדין, איהר האט מיר גאר מיין מוח געעפינט צו פארשטיין דעם טייערין שאץ, דיא ברילאנטין פון אונזער רעליגיאן, גלייך שבת-צו-נאכט שיק איך קויפין גוטע טייערע מזוזות אן שלאגען ביי מיינע אלע טירין, אונ ריים גלייך אראפ דיא פאנאטישע דומהייט דאס איז דיא פערדישע פאדקעווע פון דיא שוועלין.

איך

איך פארענדיג דיר ליבער פאטער דיזין בריף מיט די קורצע ערציילונג אז גלייך שבת-צו-נאכט וויא מיר זיינען דארטין גיזעסין ביין שבע ברכות אונ איך האב טיפער ארום גירעט דעם עגין פון מזוזה (אום עס זאל פארבלייבען ביי זייא פעסט אין געדאנקען) האט דיא ווירטהין גלייך געשיקט צום סופר קויפין גוטע מזוזות אונ האט שוין ניט גיזאלעוועט קיין געלט, דער שליח האט גיבראכט איינינע מזוזות איך האב זייא איבער גיזעהען זייא זיינען באמת גוט גיוועזן, זיא האט גיצאלט 30 אונ 50 קאפ׳ אמזוזה, אונ גיבראכט צו דעם שיידלאך פיינע פון מעשענע בלעך, מיט גלעזלאך אנטקעגין דעם ארט פון שם (אום מען זאל ניט אב מעקען דעם שם מיט דעם וואס מען לייגט אריף שטענדיג דיא האנט), אונ דיא גאנצע פובליקע זיינען גיגאנגען זיך בעשעפטיגען מיט דער מצוה, דאס ערסטע „סור מרע״ אויס ווייכען פון שלעכטעס, פון שלעכטע מעשים, פון שלעכטע זיטין, פון נארישע גידאנקען, האבען מיר גענומען אצוואנג אונ אראפ גיריסין דיא פאדקעווע פון טיהר, אויס דיא פערדהייט! אויס דיא פינצטערע דומהייט! נאכהער האבען מיר זיך גענומען צו „ועשה טוב״ טאן גוטעס, איך האב גינומען איין ארשין אונ האב אויסגימאסטין דיא הויך פון טיהר אונ ריכטיג בתחלת שליש העליון, אין אנפאנג פון אויבערסטין דריטעל פון דיא הויך פון ביישטידיל (פון רעכטין זייט פון אריינגאנג) האב איך צוגעפאסט דיא מזוזה, אונ דיא ווירטהין האט געמאכט אהויכע ברכה „אשר קדשנו במצותיו וצונו לקבוע מזוזה״ אונ זיא האט אנגעשלאגען אלע מזוזות מיט אגרוים שמחה וואס זיא האט זוכה גיוועזן צוא פארשטיין דעם ליכטיגען געדאנקען פון דיא היילינע מצוה, אונ וואס זיא האט אזא גרויסע עהרע אז דער קייזערליכער הערב פון מלך מלכי המלכים ערשיינט אויף איהר שטוב.

אה! ליבער פאטער איך קען דיר גאר ניט פארשטעלין, וואס פיר א פייערער פונק עס ליגט ביי יעדער יודין אין הארצען, דאכט זיך ער איז גאר דונקיל, ווען מען נעמט איהם אבער פארנאנדער בלאזין וויא ליכטיג עס ווערט. וויא איך האב יעצט באמערקט דיא שמחה וואס איז גיוועזן ביי דיא גאנצע פובליקע, ריכטיג האט עס אונזער קעניג דוד ע״ה באטראכט פקודי ה׳ ישרים (גאטעס באפעלע זיינען רעכטפארטיג אונ גראד, אונ ווען דער מענש פארשטייט זייער גלייכקייט) משמחי לב (ערפרייען זיי זיין הערץ), מיר האבען דארטען פארבראכט אין זייער אנגינעהמע שמועסין. איך האב זייא ערציילט אקורצען ספור וואס מיר האט זעלבסט געטראפען, ביי אגרויסין גביר האב איך באמערקט אז דיא מזוזה איז ארוים גיפאלין, עס איז נור

נעבליבען

געבליבן די בלעכיל ביין טיר האב איך דאס איהם אן געמערקט.

יא יא מען דארף איין זעצין איין נייע מזוזה — ענטפערט ער — איך קום אצווייטין מאל אין איניגע טעג ארום איך גיפין ווידער די זעלבע, באמערק איך איהם נאך אמאל, ענטפערט ער יא יא, איהר זייט גירעכט מען דארף....מען דארף....אין איניגע וואכין ארום האב איך גידארפט צום גביר, באדיינק איך מיר מען דארף מיט געמען אמזוזה מיט גענאלאך, חלעבין איך האב גיטראפין עס הייגנט דער זעלבער בלעכיל, דאן עראינגער איך איהם ווידער, יא יא מען דארף....אויב זיי ווילין קען איך זיי אב לאזין מיין מזוזה וואס איך האב גראד גיקויפט פיר זיך — זאג איך צום גביר — גוט — זאגט ער — ער שטעלט זיך אונ נעמט די מזוזה אונ שלאגט אן מיט אברכה וויא איך האב איהם אויפמערקזאם גימאכט.

וואס דארף איך אייך צאהלין די ווערטה פון איהר? — פרעגט מיר דער גביר.

די ווערטה פון די מזוזה? — זאג איך — איך דיינק אז איהר האט דאס ניט איינגנס, אונ האב ניט גינומען קיין גיצאלט.

דיזען אנטווארט האב איך גילערינט ליבער פאטער פון די היסטאריע וואס דער תלמוד ערציילט (ירושלמי פאה פ"א) איינער אבייכער מאן מיט דעם נאמען ארטבון האט גישיקט צו רבינו הקדוש (דער וואס האט מסדר גיוועזן משניות) אמתנה אטייערין ברילינאנט אונ האט פארלאנגט אז רבינו הקדוש זאל איהם אב שיקין דאפיר אמתנה איהר גלייכען, האט איהם רבי אב גישיקט איין מזוזה, פרעגט איהם ארטבון „איך האב אייך גישיקט א אונשאצבארין ברילינאנט אונ איהר שיקט מיר אב אמתנה וואס איז ווערט אהאלב קערביל"? — ענטפערט איהם רבי, מיין פארמעגין (רבי איז גיוועזין אגרויסער גביר) אונ אייער פארמעגין זיינען ניט אים שטאנד אב צו צאלין די ווערטה פון א מזוזה (כל חפצים לא ישוו בה), אונ ווידער (אין דעם פרט שטייט זיא העכער פיר אלע רייכקייט) ווייל אונזער רייכטהום מוזין מיר היטין אבער די מזוזה היט אונז (בשכבך תשמור עליך ט'). דיזער ארטבון (וויא עס ווייזט אויס) איז גיוועזן פון די היינטיגע גבירים וואס זיי באגייען זיך אן מזוזות אונ איז ניט צופרידען גיווארען מיט רבינו הקדוש אנטווארט, דרום האט רבינו הקדוש גירעכינט איהם אב צו שיקען זיין ברילאנט, דיזער ארטבון האט גיהאט נור איין איינציגע טאכטער (שאלתות דר"א פ' עקב) זי וואר ביי איהם די אויגין אין קאפ — די ביי אזוי אבייכען מאן וואס האט נור איין קינד — איז די בת יחידה לא עלינו פארחאפט גיווארין, האט מען אראפ גיבראכט די גרעסטע פריפעסארין אונ קיינער האט איהר ניט גיקאנט

ראסעווען

באטעטן, אונ מען האט איהר אב גיזאגט דעם לעבין. איין מאל זיצט זיך ארטבון איינזאם ביא דיא טויטע בעט פון זיין איינציגען טרייסט שרעקליך נידער גישלאגין, ער זעהט פיר זיינע אויגין אז זיין איינציגער שיין ווערט דונקיל אונ וועט זיך אונגיזאמט אוים לעשין, — אה! וואס פיר אפאלשער חלום איז דאס דיא וועלט מיט איהרע גליקען — רעט ער צו זיך אליין — וויא דער מענש איז דאס ניט זיכער מיט זיינע גליקין אונ פערגעניגען אויף איין טאג ניט, דאכט זיך אקורצע צייט צוריק האב איך גימיינט אז דיא וועלט איז מיינע, גילעבט אזוי רייך אין אזא ראסקאש אונ יעצט פלוצלונג איז מיין וועלט פינצטער גיווארין אונ מיין ליכט גייט אוים פיר מיינע אויגין, וואס טויג מיר דיא רייכקייט אז מיין הערצענס פרייד ווערט ארוים גיריסין מיט גוואלד פון מיינע ארימס אונ מיין הימעל לאזט זיך ארונטער —. אה! יעצט שפיר איך וויא ריכטיג עס זיינען דיא קלוגע רייד וואס מיין גוטער פריינד רבינו הקדוש האט מיר ערקלערט, אז דיא מזוזה עראינערט דעם מענשין אז דיא אלע תענוגי הזמן זיינען כלים ונפסדים, אונ עקסעסטירען אויף עוויג קען נור דער פערגעניגען פון וויסענשאפט אין געטליכקייט, דאס איז קיינער ניט אימשטאנד אוועק צו רויבען פון מענשין, אונ דיא אלע אונגליקען פון דער צייט קענען דעם פערגעניגען ניט שטערין, אין געגענטהייל וואס מער עס ווערט גימינערט דיא תענוגי הזמן פארגרעסערט זיך אלעס דער תענוג הרוחני*), אבער אז איך בין זייער ווייט פון תענוג רוחני איז גאר ניטא קיין באלזאם צו היילין מיינע וואונדין, אז איך בין אזויא ווייט פון דיר גאט, איך דער מאן דיר קיין מאל ניט, מיט וואס פיר איין העצה זאל איך צופאלין צוא דיר אוים בעטין מיין ליבעס קינד מיין ליכט פון מיינע אויגין, אה! פינסטער איז מיין וועלט אונ אשטראם טרערין האט ארוים געפליסט פון זיינע אויגין אונ איז שיער אין אונמאכט גיפאלין קוקענדיג וויא עס צופט איהר אונ עס דרייט איהר אונ זיא ארבעט מיט דער גסיסה ר"ל —.

איך מוז באקענען מיין אירטהום — זאגט ער צו זיך — גאט איז גירעכט אונ זיין משפט איז גירעכט ער האט גישריבען אין דער תורה וכתבתם על מזוזות ביתך ובשעריך למען ירבו ימיכם וימי בניכם כו' אז אויב איהר וועט היטין מיינע גיבאט, ליב האבען גאט מיט לייב אונ לעבין אונ איהר וועט

דיא

*) וויא מען ערציילט אויף אקלוגע גילערינטע פרוי במדינות ספרד (בשנת ת'רנ"ב אשר היתה עת צרת ליעקב) האט מען גישאכטין איהרע .. קינדער פיר איהרע אויגען, האט זיא מצדיק הדין גיוועזן אונ גיזאגט „גוטער גאט ביז יעצט האב איך דיר גיליבט נור מיט אהאלבע הארץ וויל דיא צווייטע העלפט הארץ איז גיוועזן פאר נומען מיט ליבע צו מיינע קינדער, אבער יעצט איז שוין מיין הארץ ליידיג גיווארין פון ליבע צו מיינע קינדער וועט זיא פול ווערין ליבע צו דיר ליבער גאט ואקיים ואהבת את ה"א בכל לבבך".

דיא פרשיות שרייבען אונ קובע זיין אויף דיא ביישטידלען פון טיר אז דאס זאל אייך ערמאנערן אז אייער הויז איז הייליג צו פירן זיך אין גאטעס וועג ווערט איר מיט אייערע קינדער מאריך ימים זיין, פארשטייט מען פון דעם היפוך, אז אויב איהר וועט דאס ניט היטען וועלן אייערע קינדער האבען קיצור ימים ח"ו (שדברי תורה נדרשין מכלל הן לאו) אונ איך בין גאר אנטלאפין פון דיא אנגינעמע וועגין פון דער תורה אונ האב קיין מזוזה ניט קובע גיוועען ביא מיר אין שטוב, אין דער צייט וואס אלער האנד שפיל-צאצקעס אונ נאך אזעלכע דומהייט האב איך יא גיזעהן אריין צו ברייינגען ביי מיר אוים צו פוצין מיט דעם דיא זאלין אונ סטאלאווס אונ אויך דיא פערעדנעס, אונ אזא ליבין צירונג וויא א מזוזה דאס האב איך גיווארפין אן אזייט אונ גאר ניט גיוואלט קוקען אויף דעם, אה! וויא דום מיר רייכע לייט זיינען ריכטיג וויא קליינע קינדער וואס שפילן זיך מיט שטומע פאפקעס אין לאלקעס אונ דיא ווירדע פון איין אינשאצבארען ברילאנט פאר שטייען זייא ניט.

אט האב איך מיין פסק, אז מיין טייערער בלום ווערט אוים גיריסען אין איהרע רעכטע בליהענדע יאהרען, אה! פינסטער איז מיר, איך זעלבסט בין דער מערדער פון מיין קינד! ליבער גאט איך האב חרטה אויף מיין ביז יעצטיגען פיהרונג אונ וויל זיך נעמען אין גוטין וועג אונ מיט דיזע ווערטער איז ער צו געגאנגען צום שאפע אונ האט ארוים גינומען דיא מזוזה וואס רבינו הקדוש האט איהם גישיקט אונ האט איהר אנגעשלאגען ביין טיר — אין דעם מאמענט האט איהר אב גילאזין דיא צופענעס אונ זיא האט געעפינט דיא אויגין.

אה! גרויסער גאט, דיינע וואונדער איז ניט צוא באשרייבען, דוא מאכסט פון טויט לעבעדיג, איך בין ניט אימשטאנדע דיר אב צו דאנקען פיר דיא גרויסע מתנה וואס דוא האסט מיר יעצט גישאנקען, אה! וויא אנגינעהם אונ ליבליך זיינען דיינע מצות, זייא זיינען אסם חיים (איין הייל זאלב), ווען קיין דאקטאר איז ניט אימשטאנד צו היילין, היילין דיינע זיסע גיבאט, איך נעם אויף זיך פון היינט אן צו היטין דיינע מצות, אונ איבער הויפט דיא ליבליכע מצוה פון מזוזה, אונ ניט אזויא איך אליין וועל איהר היטין איך וועל נאך סטאראיען זיך אז אנדערע זאלין איהר אויך היטען וויא גיהעריג איז, איך וועל איין מאל אין יאהר בעשטימען אצייט גיין קאנטראלירען אויב אלע אידין האבען כשרה מזוזות ביי זיך, אינ ביא וועמען עם וועט זיין אפסולע אדער גאר ניט וועל איך מנדב זיין פון מיין מאש מזוזות, אונ אזויא איז געוועזן וויא חז"ל ערציילין (יומא י"א) מעשה

בארטבון שהי' בודק מזוזות כו' (עין שדי חמד להחח"ם ח' ד"ח סי' קל"ח) אז ער האט איספאלנאיעט זיין נדר, אפילו אין אצייט וואס מען האט ניט גילאזט היטין דעם דת האט ער זיך מוסר נפש גיוועז אונ בודק גיוועז מזוזות*) אונ האט באצאלט דאפיר שטראף טויזינד גילדין, אזויא איז ער גיוועז פארקאכט אין דער מצוה פון מזוזה, אונ נאך דיא היסטאריע אז ער האט פריזנאיעט אז דיא מזוזה איז אזא פעריל וואס גאר ניט אב צו שאצין האט ערסט רבינו הקדוש צו גינומען זיין מתנה דעם ברילאנט. אונ מיין מיינונג איז ליבער פאטער ווייל רבינו הקדוש האט גוט גיוואוסט דעם נידעריגען גיפיל פון היינטיגע גבירים אז אלע נארעשקייט, אלע שמאנזעס, שניצונג, פאטרעטין, שטומע בילדער וועלין זייא אנהיינגען אין זייערע זאלין נור ניט דיא אונשולדיגע מזוזה (איך וויס ניט וואס האט זיא אזויא פארזינדיגט?) דרום האט ער איהם אבזיכטליך גישיקט א מזוזה, בכדי איהם אן צומערקין אז דאס שטייט העכער פיר דיינע צירונג אונ ברילאנטין, אונ דוא האסט זיך ניט מיט איהר וואס צו שעמען, אין געגענטהייל ווען דוא זאלסט האבין פארשטאנד דארפסטו שטאלצירען מיט איהר אז דער געטליכער הערב ערשיינט אויף דיין הויז וויא אונקלוס הגר האט ערקלערט**).

דיזע

*) אזוי האב איך אויך גיזעהען אין ירושלים עה"ק (בשנת תרל"ג) אז אפיינער מאן איז גיגאנגען איבער זעהען מזוזות אונ וואו ער האט גיפונען אפסולת מזוזה אונ יענער איז ניט גיוועז אימשטאנד צו צאלין האט ער איהם גיגעבין אנייע מזוזה במתנת. אויך אין ווילנא האב איך אמאל גיזעהען אקלוגין מענשין פוענדיג אזוי, ער האט גילאזין שרייבין אייניגע הונדערט מזוזות ביי אסופר ירא שמים, אונ גימאכט בלעבענע שיידלאך אונ גיגאנגען מבית לבית איבער זעהען מזוזות אונ גיפונען זייער פיל תקון, אין מאנכע ערטער איז גיוועזן גאר פסול פון אנהייב, אונ מאנכע זיינען פסול גיווארין פון אנשלאגין ווייל מען האט אריין גישלאגין דיא צוועקעס אין דיא אותיות (איך האב דאס אויך כמה וכמה מאל ביי גיוואוינט) אונ מאנכע מזוזות אפילו כשרה זיינען גיוועז אנגישלאגין גאר אויף דיא לינקע זייט פון אריינגאנג (עס דארף זיין ביי דיא רעכטע זייט פון אריינגאנג), אונ מאנכע זיינען גיוועז אנגישלאגין גאנץ הויך נאהענט צום אויבערשטין אושאק (עס דארף זיין אטפח נידעריגער פון אושאק) אונ מאנכע זיינען גיוועז אנגישלאגין מיטין קאפ אראפ אונ נאך פיל פעלערין וואס קומט פון אונוויסענהיים. אונ וואו מען האט גידארפט אנאיע מזוזה אונ יענער האט ניט גיקאנט באצאלין אדער פשוט ניט גיוועלט צאלין האט ער איהם גיגעבין אנאיע מזוזה במתנת. אונ הלואי וואלטין זיך גיפינען אין אלע שטעט יראי שמים עוסקי במצות אונ דאס טאן אונ איך דרשינען ברבים, ערקלערין דעם גידאנק פון מזוזה וויא מיר האבין עפוואס דא ערקלערט וואלט דאס גיוועז אגרויסער זכות הרבים, ווייל ביי פיל מענשין ופשיטא היינטיגע גבירים איז דער גיפיל זייער נידעריג, וויא מיר האט פאסירט איך האב זיך אריין גיצויגין אין אגרויסין וואהנונג מיט אסך טירין, איך האב איבער גיזעהען דיא מזוזות חעלכע איך האב דארטין גיפונען זיינען זיי גיווען זייער גימיינע אונ אייניגע כמעט פסולת, האב איך גילאזט שרייבין כשרה מזוזות גיצאלט פאר אייניגע צו 50 ק' אונ גימאכט שיידלאך פון מעשינע בלעך. נאכהער איז דער וואהנונג מיר ניט בעקוועם גיוועזן אונ האב זיך ארויס גיצויגין פון איהם, האט זיך גראדע אריין גיצויגין אהין דער ווירט פון דעם הויף אגרויסער גביר, פרעג איך איהם פילייכט וועט איהר מיר איין צאלין פיר דיא מזוזות? (כי מי שהבית שלו הוא מחויב במזוזה מדאורייתא מיר) ענטפערט ער מיר ער וועט ניט צאלין, פאר אים איז גוט גיוועזן דיא אלטע מזוזות וואס פריער איז גיוועזן — איך שיינק אייך דיא נאיע מזוזות — ענטפער איך איהם — ניצט זיי גיזונטער-הייד אונ איך האב גילאזט שרייבין נאיע מזוזות. פאר שטייט איהר שיין מיט אקאפ דעם גיפיל פון היינט-מאדישע גבירים! ? איך דיינק אז אין קארטין שפילין האבין זיי אגרעסערין גיפיל.

**) זעהסטו מיין ליבער לעזער וואס פיר אהייליגע מצות דיא מזוזה איז, אז לבד דיא גרויסע ווירקונג איהרע אויף דעם כאראקטער פון מענשין ער זאל זיין עהרליך, ניט וועלין פארנעמען חלילה אפרעמדע פרוסה איז זיא נאך אגרויסע סגולה אז כען איז מאריך ימים, אונ קליינע קינדער שטארבען ניט חלילה. או,

דיזע היסטאריע פון ארטבון מיט זיין טאכטער, וואס ער האט דער זעהן דעם ריינעם אמת בעת זיין וועלט-סצענע האט זיך געהאט אראפ גילאזין, זעהען מיר גאנץ אפט, אבער ניט אלע האבען אזכות זייא זאלין דאס נאכהער קענען חאפין צוריק, דאס מערסטע היינט-מאדישע גבירים שלאפין איין זייער זיס אין שויס פון דומהייט. יא זייא חאפין זיך אויף אבער צו שפעט, וויא מען ערציילט זייער אשיינע גישיכטע וואס עס איז פאסענד צו דעם גידאנק.

איינער אוויכטיגער מאן האט נושא חן גיוועזן ביי אגרויסין קעניג, דער קעניג האט זיך באשלאסין איהם גליקליך צו מאכין ווען ער וועט בייזשטיין ביי אקליינעם נסיון און בלייבין ביי זיין פעסטין פארשטאנד, דרום האט ער פיר איהם גיעפינט אויף 3 שטונדען דעם אוצר המלך און איהם ער-לויבט צו שפאצירען אין איהם און באטראכטין אלע אנטיקין, און אלעס וואס איהם וועט גיפעלין איז איהם פריי צוא נעמען פיר זיך. דער נסיון איז באשטאנען אין אקלייניקייט, אין פרעדיע פאר דעם אוצר המלך איז גע-שטאנען אשפיל-קאסטין וועלכער האט גישפילט גאר פארטרעפליכע קו-ראנטין, דער קעניג האט באפוילין זיין שווייצאר אז גלייך וויא דער גאסט וועט אריין טרעטין אין פרעדנע זאל ער אקוועץ טאן דיא ספראנזינע פון שפיל-קאסטין ער זאל אנהייבען צו שפילען, דעם גאסט איז זייער גיפעלין דיא זיסע קאנצערט פון שפיל-קאסטען און האט זיך שטארק פארטיפט אין דיא זיסע קוראנטין ביז וואנען עס איז אוועק אשטונדע און 2 שטונדען, וויא עס האט גיהאלטין איין מינוט דער זייגער זאל קלאפין 3, האט דער שפיל קאסטין אויף גיהערט צו שפילין, דאן האט זיך דער גאסט אויס גיצוקעט פון זיין זיסען שלאף און וויל אריין גיין אין אוצר המלך האט זיך דיא טיר צו געמאכט און אשטימע שרייט צו איהם: „וואו בינסטו ביז יעצט גיוועזן? „דארום האסטו פארגעסין וואס מען האט דיר פאהער גיזאגט אז דעם

אוצר

דער איד דארף זייער שטאלצירין מיט דיא מצוה וייל זיא צייגט אויף דיא ליבע פון השם יתברך צו אידין, אז זיין הערב ערשיינט אויף דעם יודינס הויז, דארום דארף מען זייער פארזיכטיג זיין צו האלטין ריין דעם ארט פון דיא מזוזה, נים וויא ביי אנדערע אונוויסענדע מענשען שטיים דיא כלי פון שופכין לעבין מזוזה אויך קערט מען צוא דיא מישט פון שטוב לעבין דיא מזוזה, זאל מען נזהר זיין ניט צו טאן דאס, נור האלטין דעם ארט ריין ציכטיג און בכבוד וויא דיא הייליגע היסטאריע ערציילט אונז (שמואל ב׳ ו׳) אז גאט האט גיבענטשט דיא הויז פון עובד אדום וויל זייא האבין גיהאלטין ריין דעם ארט וואו דער ארון-אלקים איז בייא זייא גישטאנען 3 מאנאטין, און דער וואס איז נזהר צו האבין אשיינע אכשרה מזוזה און איהר האלטין בכבוד איז לבד וואס ער איז מאריך ימים אויף דער וועלט, האט זיא נאך אסגולה וויא דער מדרש (ב״ר פל״ה ע״ש בפי׳ מהרז״ו) שרייבט בשכבך ביי דיין שטארבין תשמור עליך וועט דיא מזוזה דיר ביי היטין אז ווען דיא נשמה פון מענשין גייט ארויס אין אשטוב וואס דארטין איז דא אכשרה מזוזה און מען האלט איהר בכבוד וועט זיא נים נמסר חלילה אין דיא הענט פון משחיתים נור אין דיא הענט פון מלאכי השרת

אוצר המלך עפינט מען פאר דיר נור אויף 3 שעה פון זייגער 12 ביז דרייא דיא גאנצע 3 שטונדען האסטו גיהאט פראוו צו באטראכטין אלעס און געמען וואס דיין הארץ גילוסט, און אז דוא האסט זיך פארטראכט אין פרעדנע אויף דיא קוראנטין פון שפיל-קאסטען וואס איז נור גישטעלט געווארען דיר צוא פרובירען אויב דוא פארשטייסט צוא וועלכין ציעל מען האט דיר הערין גילאזין און האסט פארזאמט אלעס ווער איז דיר שולדיג? דוא האסט אלעס פארזעהען דורך דיין לייכטזיניגקייט און אז פארזעהען איז פארשפילט! — מען קען זעלבסט פארשטיין וויא ווייט דער מענש האט באדויערט זיין לייכטזיניגקייט און זיין אירטהום אז ער האט בידים מאבד גיוועזען אזא עהרע און גליק, וואס ער וואלט זיין גאנצין לעבין גליקליך גיוועזען, און וואלט נאך איבער לאזין פיר קינדער און קינדס קינדער — דאס גלייכין איז מיט דעם מענשין אין קליינעם פארמאט און אין גרויסין פארמאט — אין קליינעם פארמאט? בעת ער קומט אויף אהאכצייט ווס דארטין איז אגוטע גיזי לעגינהייט צו שעפין הויכע געטליכע גידאנקען, אם ענדע פערטראכט ער זיך אין די מוזיק מיט דיא טענץ וויא דער נביא זאגט (ישעי׳ ה׳) והי׳ כנור ונבל תוף וחליל ויין משתיהם ואת פועל ה׳ לא יביטו ומעשה ידיו לא ראו! און אין גרויסען פארמאט? דאס איז דיא גאנצע געשיכטע פון מענשין מיט זיין קומען אויף דיזע וועלט וואס זיא איז אויך גלייך צו איין בי הלולא (איין חתונה זאל) וואס ער קען דא שעפין געטליכע הויכע געדאנקען און פארשאפען זיך גרויסע אנטיקען פון אוצר המלך (חכמה ודעת, יראת ה׳ היא אוצרו) אם ענדע פאר־טראכט ער זיך אין דיא מוזיק און דיא נגונים וואס דיא וועלט מיט איהרע תאוות שפילין איהם אין דיא אויערין*) און פארשלעפערט זיין נפש אין א הארטין שלאף ביז זיין לעצטין טאג, וואס דאן הערט אויף דער שפיעל־קאסטען זיין קאנצערט ד. ה. בעת ער ליגט אויף זיין טויטע בעט און דיא תאוות מיט דיא גאוות ווערין בטל און ער זעהט זיך ארום אין וואס ער האט אוים גיבראכט זיין וועלט, און זיין גאנצע פראצע בלייבט פיר אצווייטין און מאנכע מאל פיר זייגע שונאים, וואלט ער דאן וועלין חאפין צוריק, אבער עס איז שוין פארפאלין, דער אוצר המלך ווערט צו געמאכט און עס

העלפט

*) שמעתי מפי מורי הרב כו׳ ר׳ יחזקאל מאיוויע ז״ל שהי׳ ר״מ בישיבת דז״ק פה עירנו בשם הרב תמ״מ ר׳ זלמן זאב ז״ל לרמז בזה ע״ד צחות במקרא (דברים ד, יב) קול דברים אתם שומעים (מפי מטיפים, ומפי המטיף הגדול הוא הטבע העומד ברום עולם ומשמיעים ביראת יחד בקול דברי אלקים חיים ע״ד השמים מספרים כו׳ ובכל יום ב״ק יוצא מה״ח כו׳ וא״כ למה) ותמונה אינכם רואים? למה אינו מצוייר יראת ה׳ לנגד עיניכם ע״ד שויתי ה׳ לנגדי תמיד, לזה אומר תשובה לזה יען כי „זולתי קול״ היינו קול השפיל-קאסטין כנ״ל ע״ד אלמלא קול המונה של רומי הי׳ נשמע קול גלגל חמה (יומא כ׳), ושפ״י.

העלפט ניט קיין ביט אונ גיבעט, אונ ער מעג אוועק געבין זיין גאנצען קאפיטאל קען ער ניט קויפין קיין 5 מינוט לעבין, מען קען זיך גאר ניט מציייר זיין די קריינקונג וואס דער מענש האט בשעת מעשה אז פון צער אליין קען מען אומקומען —. איין גוטען פריינד וואס ער רעטעט אונז פון די טרויעריגע סצענע האבין מיר נור די מזוזה, וואס זיא שיינט אונז ארוים בולט מיט דעם שם „שדי", אונ שרייט צו אונז: „האלט! גענוג די יא מען דארף מאכין גישעפט אונ פירין אוועלט, אבער ניט שטארק איין שלעפערין אין איהר שוים, פאר געס זיך ניט אז דוא שטייסט אין פרעדיגע פון אוצר המלך (תעות"ז דומה לפרוזדור בפני תעוה"ב התקן עצמך כו'), וואס ער איז נור אפין אויף אבעשטימטע קורצע צייט (כי לא ידע האדם את עתו) דרום זאלסטו היטין שטענדיג וואס איך זאג דיר אן (והיו הדברים האלה אשר אנכי מצוך היום על לבבך) אונ צוא יעדער זאך וואס דוא טוסט, לייג צוא אריינעם גיפיל וועסטו פון דעם ציהען אהייליגין אלקאהאל (ויסען לעהרנונג אונ מוסר השכל) דאן וועסטו מיט דיינע קינדער מאריך ימים זיין אין גליק אונ פערגעניגען (כימי השמים) איין הימלשין לעבין (על הארץ) אויף דיזע וועלט אויך, אונ נאכהער וועסטו זוכה זיין צום אמת'ן לעבין לחיי העולם הבא וואס איין שעה פערגעניגען דארטען איז העכער אונ וויכטיגער (מכל חיי תעוה"ז) פון אלע פירשטליכע פערגעניגען וואס קען נור געבין.

איך האב דיר נאך פיל צו שרייבען, וויא איך האב זייא ערקלערט די אדעלע גידאנקען וועלכע מען קען באמערקין פון אחתונה זאל, נור איך בין זייער מיד, עס איז יעצט 3 אוהר ביי נאכט, איך דארף גיין רוהען, אין די קינפטיגע בריף וועל איך דיר מיט דעם עוויגינס הילפע אלעס אוים שרייבען, נור איין זאך רעכין איך פיר נייטיג דיר צו באמערקען יעצט ליבער פאטער וואס צוא ענטפערין די יעניגע וועלכע וועלען אין מיינע בריף בעגעגינען זייער בילד, אונ איבער הויפט אין דעם לעצטין בריף אונ פיליכט וועלין זייא פאלש אורטהיילין אז איך האב חלילה זיי גימיינט צו באליידיגען פיר אפובליקע, זאלסטו אזוי גוט זיין ליבער פאטער זייא בא־רוהיגען מיט דיין קלוגען אנטווארט וועלכען דוא האסט מיר גיענטפערט אין מיין יוגענד, בעת דוא בינסט מיט מיר געגאנגען קויפין אויף יום טוב אהיטעלע אונ דער מייסטער האט אבליק גיטאן אויף מיין קעפעלע אונ האט מיר ארוים גיטראגין אהיטעלע ריכטיג אויף מיין מאס, האב איך דיר גיפרעגט פארוואונדערט, פאטער? פון וואנען קען מיר דער מייסטער אזויא גוט אז ער האט גיוואוסט אב צו שטעלין די היטעלע ריכטיג אויף מיין מאס?

גיין מיין ליבעס קינד! — וואר דיין אנטוואָרט — דער מייסטער קען דיר באקע ניט אונ האט גאר ניט גימאכט אביזיכטליך פיר דיר, נור ער מאכט פארשיידענע מאסין פיר דער וועלט, אונ אז דוא בינסט גיקומען אונ גיפונען אהיטעלע וואס פאסט אויף דיין מאס ווינשט ער דיר, אז דוא זאלסט טראָגען גיזונטער הייד" — דאס גלייכין דיא וואס וועלין זיך באקלאגין אויף מיין שרייבין קענסטו ענטפערין אז איך קען זייא גאר ניט אונ מיין זיי ניט, נור איך מאך היטאלאך צוא באצירין דיא וועלט, איך קריטיזיר נור דיא פארדארבענהייט ניט דיא מענשין, „יתמו חטאים" דיא זינד זאל אויס גיראט ווערין אבער ניט דיא מענשין חלילה, אין גענענטהייל איך באטראכט יעדער מענשין — אפילו דעם ערגסטין — אין גוטין זייט, וויא דער תנא אין אבות לערינט אונז (אל תהי בז לכל אדם) פער-האס ניט קיין מענשין (שאין לך אדם שאין ל שעה) וייל יעדער מענש — אפילו דער ערגסטער — קען זיך אקער טאן (מלשה ואל קין ואל מנחתו לא „שעה") אונ ווערין אזויא ווייט גוט אז ער זאל נאך לערנען גוטעס לייטין, אזויא וויא אגוטע בארסט (משער חזיר) וואס זיא פוצט אונ ריינינגט דעם צווייטין, אבוואהל זיא איז גאר פריער גיוועז אויף דעם קערפער פון גרעסטין אונציכטיגען בעשעפענעס (מי יתן טהור מטמא!) — אונ אויף וועמען מיין היטעלע קליידט, ווינש איך ער זאל איהר טאקע טראגען געזונטערהייט.

אונ דיר ווינש איך מיין ליבער פאטער, זאלסט זוכה זיין צו זעהען מיט דיינע אויגין וואס דוא האפסט אלע טאג (על כן נקוה לך כו') עס זאל נעמען בלאזין אגוטער ווינד פון מזרח, ער זאל סטאלירען דיא פרטומילטע מוחות, אז דיא יעניגע וועלכע פון זייא איז גאר אויס גילאשין דער רוח האמונה והדעת אונ זיינען געבליבען נור „בני-בשר" זאלין זייא פון דאס ניי באלויכטין ווערין מיט ליכטיגקייט פון אמונה טהורה, אזוי ווייט אז זייא זאלין נאך פרעדיגען אונד בעקאנט מאכין דיינעם נאמען אונד דיין היילינע תורה פאר דער וועלט (וכל „בני בשר" יקראו בשמך), אום צו צוא-ווענדין צו דיר אלע אנדערע פערדארבענע וועלכע זיינען נאך היינט פערבלענדעט וויא זיי זיינען אמאל געוועזען (להפנות אליך כל רשעי ארץ, יכירו וידעו כו'). אונ ווען מיר זאלין זוכה זיין דאס אויף זייא צוא ערווארטען, אט דאס וואלט זיין אויף זייא אונזער העכסטע נקמה, אדער נחמה.

דיין טרייע עווינליעבענדע טאכטער מ"א.

3-טע טהייל.

א. דער ערשטער בריף פון דיא צווייטע רייזע.

לאהובי אבי, חמדת לבבי, מורי ומדריכי, שלום!

הערצענס געליבטער פאטער! ביא מיין ארויס פארין יעצט דיא ערשטע סטאנציע האב איך ערפאהרען, וויא טייער עס איז ביא דיר מיין שרייבען, אז דוא האסט גילאזט דרוקען מיינע אלע בריף פון דיא ערשטע רייזע, איך האב באמערקט פיל רייזינדער אין וואגאן לעזינדיג דיא בראשורען „מעשה אלפס“. דאס פרייט מיר זייער, און נאך מער האט מיר פארשאפט פערגעניגען דער ראזגאוואר וואס איז ביא גיקומען ביא דעם.

דיזער בוך „מעשה אלפס“ האט מיר גאר גיראטעוועט — רופט זיך אב איין פאסאזירער צום צווייטין, הערט אגעשיכטע, פאריגען זומער באגעגינט מיר מייניער אבעקאנטער און זאגט מיר: „אויב איהר ווילט עפעס נייעס לעזט אנייעם בוך“, איך האב איהם גיבראכט צוא הויז און אוועק גילייגט אפין פענסטער, פארנאכט בין איך אוועק אפין דאצע, אין שטוב האבין גינעכטיגט ביא מיר דרייא ישיבה בחורים, דענסטמאל האט מען גראד איבער גימאכט ביא מיר דיא קיך, האט זיך פארטייעט אבעל טובה (אגנב) אונטערין בעט און האט מיר גיוואלט גוטס-טאהן, ער האט נור גיווארט אז דיא ישיבה בחורים זאלין איין שלאפין. צוויא פון זייא האבין שוין גישלאפין דער דריטער האט גראדע דער זעהען אפין פענסטער „א הערצליכע ליבע“, ווער איז נאך אזא בעלין אויף דעם וויא איונגער בחור? מהסתם האט ער איהם גינומען לייענען, דער זייגער שלאגט צוועלף, דער בחור לייענט, עס שלאגט 1 און 2 און 3 דער בחור לייענט. דער בעל טובה ליגט אונטערין בעט אין גיהאקטע וואונדין, בקצור עס איז גיווארין גוט ליכטיג, אז דיא זון שטראלין האבין גיגרייכט אונטער'ן בעט, האט דער גנב גיוואלט אב טראגין זיינע ביינער און האט זיך צו גישארט שטילערהייד צום טיר און גינומען אב שליסין צוא אנטלייפין, דער בחור האט דער הערט אז מען פורקעט דיא טיר, האט ער זיך אויפגיצוקעט פון דיא ליבע, ער זעהט ביין טיר שטייט אהויכער א גיזונטער פויער, און זאגט צוא איהם: „אויב רוא ווילסט דעם טויט קום אהער“! מיין בחור האט אב גישפרונגען צוריק

און מיין בעל טובה האט אב גישלאסין דיא טיר און גימאכט ויברח. דער זכות איז נתגלגל גיווארין דורך דעם „מעשה אלפס".

און מיר האט ער גיראטעוועט גאר פשוטו כמשמעו. — ענטפערט דער צווייטער — מיינער אשכן אקאנקורענט האט מיר גיטאן אשטוקע אין לעבין אריין, האב איך גיהאט אויף איהם אהארץ און האב גיזוכט אגילעגענהייט צוא רעכענען זיך מיט איהם, ווייל נקמה (ראכע) איז זייער אזיסער ביסין, איך האב גיזוכט און גיקראגין, און בין שוין גיוועזען גאטאוו צוא דעם, אז יענער וואלט מיר האבין צוא גידיינקען. גראדע דעם טאג האט מיר דער פערפאסער אריין געשיקט אבוך. איך עפין איהם אויף און זעה דיא ערשטע זאגלאוויע „טאן טאר מען ניט, אבער אב טאן מעג מען". און אזוי וויא איך זוך דאס מן הסתם איז עס מיר זייער גיפעלין. איך האב גאר ניט באמערקט דיא קליינע ווערטערלאך (אז דאס איז אפינסטערע לעהרע פון ספר כסילים) מיין איך אז ער וועט מיר נאך צוא געבין אהאטע האניג לעקען, איך לייען דורך דיא ערשטע בלעטיל, עס איז גאר הייסע קוילין, איך לייען ווייטער דיא היסטאריע פון ר' ישראל סלאנטער, זיא האט מיר גאר דערלאנגט וויא מיט אבאמבע און צוא מישט דעם מוח, ניט טאן קאכט מיר דיא הארץ אויף יענעם, און דיא ראכע וואס זיא איז זיס וויא האניג רייצט מיר זייער, ווידער טאן, שטייט מיר אנטקעגין דיא גלייכע רייד און איבער הויפט דיא וואונדערליכע מעשה פון ר' ישראל האט אויף מיר גימאכט אגרויסען איינפלוס. און בין גיבליבין איין שב ואל תעשה, ביז וואנען דיא הארץ איז מיר אב גיגאנגען. און נאכהער אז מען איז בייא מיר גיקומען פרעגין אויף יענעם וועגין איין ענין, וואס איך האב איהם גיקענט באגראבין מיט אפאר ווערטער אז ער זאל קיין תחיית המתים ניט אויף שטיין, האב איך גיטאן ר' ישראל'ס עצה און האב גיזאגט גוטעס וואס איהם איז גיוועזען דורך דעם דיא גרעסטע טובה. און נאכהער אז יענער איז גיווואר גיווארין, אז לא די וואס איך האב ניט גירעט קיין שלעכטעס אויף איהם וויא ער האט פארדינט, נור גוטעס. האט ער גיקראגין שרעקליכע אונגריזענע סאוועסט, ער האט גיזעהען דעם קאנטראסט פון איהם ביז מיר, און אזוי ווייט האט איהם דער סאוועסט גיגריזעט אז ער איז גיקומען מיר איבער בעטין, און מיר זיינען יעצט דיא בעסטע פריינד, איך האב פון איהם דיא גרעסטע טובות און ער דאס גלייכין פון מיר. און יעצט זעהע איך ארויס, אז ווען חלילה איך וואלט גיטאן וואס איך האב אנגישטרויעט וואלט איך אליין אריין גיפאלין אין אמפלה נאך מער וויא ער, ריכטיג וויא אין תהלים שטייט

בור

בור כרה ויחפרהו ויפול בשחת יפעל. פון דעם אונגליק מיר און יענעם האט גירעטעט דער מעשה אלפס, עפעס וויא זכות אבות האבען מיר איהם גראדע אין דער מינוט צו גישיקט.

איהר האט מיר דערמאנט — זאגט אדריטער — וואס איך האב גיהערט פון דעם בארימטען חכם-תלמודי (גצ"ב מוולאזין זצ"ל) אויף דעם פסוק אין משלי (י"ז י"ג) משיב רעה תחת טובה לא תמוש רעה מביתו, דער וואס גיט אב ארעה א שטאט אטובה זאל זיך ניט אב טאן קיין שלעכטעס פון זיין הויז, דער פסוק איז פארלייפיג זייער שווער, דאס ערכטע דיא רייד פון אחכם דארף זיין מיט ערקלערונג ניט גלאט גישאלטין, און ווידער יעדער שטראף דארף זיין גימאסטין נאך דיא זינד, מען וועט דאך ניט אב משפטין איינעם אייביגע קאטערזנע פאר דעם אבטאן יענעם ארעה פיר אטובה, הייגט וויא אזוי שילט שלמה המלך איהם לא תמוש רעה מביתו עס זאל זיך ניט אב טאן קיין אונגליק פון זיין הויז, דאס רופט זיך דאך אייביגע קאטערזנע. האט דער וואלאזענער רב זצ"ל גיזאגט זייער גוט, דאס איז אויך ניט קיין קללה נור איין ערקלערונג וויא דער חכם זאגט ווייטער (י"ט י"א) שכל אדם האריך אפו, אז דיא מצוה פון דער תורה „לא תקום" ניט צו נעמען קיין ראכע גלייך, נור צוא זיין אמאריך אף דאס איז אשכל וואס יעדער בר דעת פאר שטייט, אבער דיא אנדערע אזהרה „ולא תטור" גאר ניט צוא האלטין דאס אין זינען, נור פאר בייא גיין פון דעם גידאנקען, דאס איז שוין איין תפארת, דיא מדה באצירט דעם מענשין ותפארתו עבור על פשע צו זיין עובר על פשע ד. ה. וויא מען זאגט „גאר ניט שטעלין אויף דיא פיסלאך" וויא דיא זאך וואלט גאר ניט פאסירין דאס איז שוין איין תפארת — יעצט אין דעם פסוק פון משיב רעה ערקלערט ער דעם שכל פון אמאריך אף, ווייל באמת איז נקמה זייער אפייגע זאך, נור ניט וויא נארין נעמען נקמה ד. ה. „טאן טאר מען ניט אבער אב טאן מעג מען". הייסט דאס דען אב טאן יענעם? און יענער וועט שוין גאר שווייגין? עס קען זיין אז דיא קויל וואס דוא וועסט איהם שיסין וועט אב שפרינגען צו דיר, אויף מארגען וועט ער דיר אב טאן אגרעסערע רעה און איבער מארגען דוא איהם, און ווייטער ער דיר, איהר וועט זיך אזויא שיקין איינער דיא אנדערע משלח מנות ביז איהר וועט ביידע ניט וויסין פון ארור המן לברוך מרדכי, און דיא רעה וועט בייא דיר שטענדיג ליגין אין שטוב, דוא וועסט פון איהר קיין מאל ניט פטור ווערין, דיר דאכט זיך אז דוא שיקסט איהם אב אבער זיא וועט צוריק אב שפרינגען צוא דיר. דיא נארישע נקמה איז

נור

גגר זיס, אבער ניט גוט, האניג איז אויך זיס אבער זיא מאכט קיילע דיא בויך אז מען האט נאכהער דיא לייפענעס – ווען דוא ווילסט געמען אקלוגע נקמה ? ד. ה. אב שיקין איהם דיא רעה אז ביי דיר זאל קיין שפור פון איהר ניט איבער בלייבען, אז דיא קויל וואס דוא ווילסט איהם שיסין זאל פאר קיין פאל צו דיר ניט אב שפרינגען, אונ דוא זאלסט שטענדיג האבין פון דעם נחת, לאז זיין משלוח מנות (דיא רעה) ביא זיך, אונ איהם שיק אב אטובה, דאן וועסטו פטור ווערין פון דיא רעה אויף עוויג אט וויא ר׳ ישראל האט גיטאן. דאס מיינט שלמה המלך „משיב רעה״ דער נאר וואס וויל אב געבין צוריק יענעם דיא רעה וואס ער האט איהם געשיקט, „תחת״ אנשטאט (כמו וארבע צאן תחת השה) וואס ער האט באדארפט בעסער איהם אב טאן דאפיר „אטובה״ וויא דער רבי ר׳ ישראל האט אונז גילערינט, אבער דער וואס טוט ניט אזוי ערקלער איך דיר וויא נאריש ער איז אונ וואס פיר אגרויסין טעות ער האט, ער מיינט דאך אז ער איז פטור גיווארין פון דיא רעה, ווייל ער האט איהר צוריק אב געשיקט יענעם, אבער באמת איז דאס אגרויסער אטעות „לא תמוש רעה מביתו״ דיא רעה רירט זיך ניט ביא איהם פון שטוב. אונ זיא וועט בלייבין ליגען אונ ליגען, אונ זיא קען נאך חלילה וואקסין גרעסער אונ גרעסער. דאס איז דער שכל וואס לערינט דעם מענשין צוא זיין אמאריך אף.

קענין אונז איז גיזעסין אגרויס-ארטיגער קריסט, אונ האט זיך אזויא צוא גיהערט אונזער ראזגאוואר, קאנטיג אז ער האט פארשטאנען דעם אינהאלט פון אונזערע רייד.

מיינע הערין! – זאגט צוא אונז דער קריסט אויף דייטש – איך וועל אייך ערציילין איין אדילקייט פון אייערין אברודער, אין מיין הויז אויף דער פאבאדנער שטראסע זיצט איוד, ער צאלט מיר פארין וואוינונג מיטין גישעפט 1500 רוב׳ ארענדע, פאריגען יאהר קומט אצווייטער יוד, אונ באט מיר ארייין פיר דיא זעלבע פאמעסצענע 2500 ר׳. איך האב איהם אב גילייגט אויף מארגין אונ געשיקט רופין דעם אלטין שכן, אונ ערצייל איהם אז מען גיט מיר 2500 רובל, אלזא וויא איך בין פון דיר צופרידין לאז איך דיר פיר 2000 רו׳, אונ אזוי וויא ער האט ניט גיוואלט העכערין האב איך איהם גיזאגט אז איך וועל פארדינגען אצווייטין. אויף מארגין איז דער נייער גיקומען אונ גיבראכט 625 רוביל פיר אפערטיל יאהר. האב איך איהם גיזאגט מיין „יא ווארט״ אז עס איז פיר איהם.

אין 5 טאג ארום קומטווידער דער נייער שכן צוקאכטערהייד אונ

זאגט

זאגט: „הארינגקע, איך אנטזאג דיר דעם וואוינונג. צוא דוא וועסט מיר אב געבין צוריק דיא 625 רו"כ אדער ניט איך וועל ניט אוים דינגען דיין אלטין שכן חיים'ן. — איך האב ערקענט אויף זיין געזיכט אז ער איז זייער ראש־טראיעט — פרעג איך איהם, זאג מיר דיא אורזאך וואס פריער איז ביא דיר יוא רעכט געוועזן צוא קריגען אויף דיין ברודער אונ יעצט ניט? פילייכט איז עטוואס איין אנדער אורזאך, שעם זיך ניט אונ זאג. — ניין מיין הער ענטפערט דער יוד — קיינע אנדער אורזאך, נור איך וויל ניט קריגען אויף חיים'ן, צוליב דעם וואס איך וועל דיר ערציילין.

מיט א מאנאט צוריק, איז חיים אריין צו מיר בעטין לייען 500 רובל אגמלות חסד אויף אפאר טעג, ער האט געוואוסט אז איך האב פרייע געלט, אונ באמת קען מען איהם לייען אז ער זאגט אויף דרייא טעג איז דאס היילינ, „את חטאי אני מזכיר" אז ווייל איך האב גירעכינט איהם אוים צוא דינגען, איז איין פארדארבענהייט ברייננט די צווייטע (עבירה גוררת עבירה) האב איך זיך גראדע גימאכט הארטלייביג אונ גיזאגט אז איך האב ניט! ער האט מיר שטארק גיבעטין אונ געוויזין דיא פאוועסטקע פון א געכטינגען צאלונג טויזינד רו"כ אונ עס פעלט איהם אוים פינף הונדערט רו"כ, עס קען זיין ער וועט מיר שפעטער אב געבין, נור לא יאוחר וויא דרייא טעג. דער זייגער איז שוין עלף, אונ צוועלף וועט מען אב שיקען דעם וועקסיל צים נאטאריוס, וואס דאס איז פאר איהם אשטראם. איך האב אבער איין מאהל גיזאגט אז איך האב ניט! האט מיר שוין ניט גיפאסט צו געבין.

בקצור ער איז ארוים אצוקאכטער, אונ איז אריין גילאפין צו אצווייטין אונ גיקראגין 300 רו"כ, עס איז שוין באלד 12 אונ עס פעלט איהם 200 רו"כ, ער האט קיין ברירה גיהאט, ווייל דער שטראם פון נאטאריוס איז איהם זייער גרוים האט ער גינומען דיא קאראבקעלע מיט זיין פרוי'ס צירונג, אונ אריין געשיקט אין צווייטין הויף אין סודנע־קאסע אונ גינומען אויף צווייא טעג 200 רו"כ אויף ציגזין, אונ מיט א איזוואסציק האט ער אוספייעט אין באנק צוועלף אזייגער אונ גיצאלט. גראדע אפין שלימזל האט אין אווינד זיין פרוי באמערקט אז דיא צירונג איז ניטא, אונ ווייל ער האט איהר ניט גיוואלט מצער זיין האט ער איהר ענדעקט דיא היסטאריע דא האט זיך אנגיהויבין א קאטאסשטראפע, זיא האט איהם אב גיגריזעט דעם לונג. פאר וואס לייט קריגען גמילות חסדים?! נור דוא בינסט קיין מענש ניט, דער פאר האלט דיר קיינער פיר קיין מענשין ניט, אונ נאך אזעלכע ליבע פראזען אז עס איז איהם געוועזן פינסטער אונ ביטער, ניט

צוא

צוא זיין אין שטוב איבער דעם פייער פון דיא פרויא, אונ ניט ארום צוא גיין איבערין גאס אגאנצע נאכט איבער דעם פראסט. איך שטעל זיך פאר וויא וויט זיין הארץ האט גידארפט קאכין אויף מיר, אונ מיר האט שוין אליין פארדראסין אויף דיא נארישקייט וואס איך האב גיטאן, נור עס איז פארפאלין.

דיא וועלט זאגט אשפריך ווארט „טורא בטורא לא פגע אינש באינש פגע„ אבארג מיט אבארג קומען ניט צוזאמען, אבער אמענש מיט אמענשין באגעגענען זיך". גראדע האט מיר נעכטין אויך פאסירט אזא היסטאריע איך האב גיהאט פופצין הונדערט רוביל וועקסלען צו צאלין אונ האב נור גיהאט ניין הונדערט רובל איך בין ארום גילאפין לייען גמלות חסדים אונ אויף טעגליכע ציגזין אונ אזויא וויא להכעים האב איך דעם ניט גיפונען צוא הויז אונ דער האט ניט, הַיינט פריה בין איך ווייטער ארום גילאפין ביז עלף אזייגער אונ עפעס אזויא וויא מן השמים האט מען פארשלאסין פאר מיר אלע שערי רחמים אונ פארשטעלט אלע וועגין, קורץ דאפאן איך האב קיין ברירה ניט גיהאט נור צוא פאלגין מייגעם אפריינד וואס האט מיר גיראטה צו גיין צו חיים'ן ווייל ער האט יעצט גיזעהן אין באנק וויא ער האט אב גינומען טויזינד רו"ב „דיא קאץ וויים אז זיא האט גינאסט" זאגט אשפריך ווארט, הַיינט וויא אזויא זאל איך האבען פארשטאבענע אויגען אונ גיין? אבער „נויט ברעכט אייזין" זאגט אצווייטער שפריך ווארט, דער זייגער איז שוין באלד צוועלף, איך פאס זיך מוטה אונ גיי אריין צו חיים'ן.

גוט מארגין חיים! אונ וויל ריידין ווייטער — אבער עס רעט זיך ניט, דער צונג איז צו גיקלעפט צום גומען, איך שטארק זיך אונ נעם ארויס דיא פאוויעסטקעס אונ 9 הונדערטער סיגנאציעס ער זאל אליין פארשטיין, ער טוט אבליק אויף דיא פאוויעסטקעס מיט דיא געלט אונ גייט צום קאמאד נעמט ארויס אקאראבקעלע פון צירונג, דא מיין איך אז ער וויל מיר ווייזין דיא פרוים צירונג אונ מיר ענטפערין וויא איך בין ווערט, „דוא געדיינקסט מיט אחודש צוריק וויא מיין בלוט האט זיך גיגאסין לעבין דיינע פים? אונ נאכהער פון נויט האב איך גימוסט נעמען דיא פרוים צירונג אונ האב גיהאט א פינסטערין אוינד, הַיינט טאנץ אויך דעם זעלבין קאדריל" אונ ווען ער וואלט מיר אזויא ענטפערין וואלט ער זיין גירעכט וויא דיא וועלט, איך וויים דאך ביא זיך אז איך האב בעסער ניט פארדינט, אבער וויא ערשטוינט בין איך גיווארין אז ער האט ארוים גינומען פון קאראבקע אפינפהונדערטער בילעט מיט 10 אפריאלין אונ דערלאנגט מיר,

מיט

מיט אשמייכיל, איז מיר פשוט ליכטיג געווארין אין דיא אויגין, אונ האב גאר ניט גיקאנט אבוואונדערין אזא אדעלען כאראקטער, ניט צו רעכענען זיך בעת מען קריגט א געלעגענהייט אויף דעם, אונ ארויס לאזין אזא זיסען ביסין וויא ראכע איזט. דאס איז איינע פון דיא גרעסטע העלדענטהאטין (איזהו גבור הכובש את יצרו). נאכהער באמערק איך אז ער וויל מיר עפעס זאגין, דא האב איך גאר אנדערש ניט גירעכינט אז ער וועט זאגין: „נא דיר מיין פריינד! אבער גידיינק אז איך בין ניט אזא פאדלעץ וויא דוא, דוא גידיינקסט יענע מעשה”? ! דאס וואלט אויך גיוועזען זייער אגרויסע אדילקייט. וויא אויסער זיך בין איך אבער גיווארין אז איך האב גאר גיהערט אנדערע דבורים ניט וויא איך האב גירעכינט, איך הער גאר ליכטיגע אדעלע ווערטער: „נא דיר מיין פריינד גיי גיזונטערהייד, נור זעהע זאלסט מיר אב געבין ריכטיג צו דער צייט איך דארף עס האבין”. אונ האט מיר גיקוועטשט דיא האנט צום צייכען פון פריינדשאפט, איך האב קוים אויס גירעדט אגוטין טאג דיר מיין ברודער איך דאנק דיר זייער, אונ בין גישווינד גילאפין אין באנק, אונ האב אב גיצאלט. — איך האב זיך גיוואלט נעמען צום שרייבען בריף עס לאזט מיר אבער ניט, איך שפיר דיא געוויסענס־ביססע (גריזעניע סאוועסט) עסט מיר אויף, איך זעהע דעם קאנטראסט פון איהם ביז מיר, איך זעהע אויס געגען איהם אז איך בין נור אמענש וואס האט זיך ענט־וויקעלט פון איין א בעזיאנע נאך דיא פינסטערע שיטה פון דארווין אונ ער איז אמענש וואס שטאמט פון דיא אבות הקדושים ביז אדם הראשון וואס איז גיוועזען יציר כפיו של הקב״ה וויא דיא ליכטיגע שיטה פון דער תורה. איך האב זיך א גאנצין טאג קיין ארט ניט גיפונען פון גריזעניע סאוועסט, איך בין אראפ אין גישעפט אונ האב גיפונען אין קאסע ב״ה היפשע לייזונג, איך נעם זעכס הונדערט רוביל אונ גיי גלייך: צו חיים׳ן אב טראגין פאר דער צייט נאך. איך גיפין איהם ביי טהעע, ער שטעלט מיר אשטול אונ בעט מיר מיט טרינקען.

„איך קען ניט טרינקען מיין פריינד — ענטפער איך — וואו איך זאל אייך ניט בעטין פערצייהונג פיר דיא קרענקונג וואס איך האב אייך פאר־שאפט ניט לאנג דורך מיין אונמענשליכע באהאנדלונג, אונ פאל איהם אויפין האלדז מיט טרערין אונ בעט איהם אום פערצייהונג. אונ דאנק איהם זייער, פיר זיינע אדעלע בעהאנדלונג קעגין מיר.

מיר קומט גאר קיין דאנק ניט — ענטפערט ער — איך האב נור איס־פאלניעט מיין פליכט וואס דיא היילינע תורה לערינט אונז וויא צו זיין אמענש

צוא מענשין, דיא תורה זאגט אונז דייטליך „לא תקום" זאלסט ניט נעמען-קיין ראבע פון דיין גיזעלין אבוואל דאס איז זייער זיס, אבער זיא איז ניט גוט אונ ווען אפילו דוא רעכינסט זיך ניט מיט יענעם, נור דוא דיינקסט צו דער מאנען בעת מעשה צו ערגערין יענעם. זאלסטו דאס אויך ניט טאן (לא תטור), הכלל „וואס דוא ווילסט ניט יענער זאל דיר טאן, זאלסטו יענעם ניט טאן". דער מענש דארף זיך סטאראיען שטענדיג צו ליב האבין פריד, בּיי זיך אונ ביי אלעמען, אויס היטין זיך, ניט פארשאפען-קיינעם-קיין פארדרוס ד. ה. צו זיין אמענשין פריינד איבער נאטירליך, דאדורך וועט ער זיי מקרב זיין צו די ליכטיגע וועג פון דער תורה (אוהב את הבריות ומקרבן לתורה). אלע זאלין נתפעל ווערין פון דעם פיינעם חאראקטער וואס דיא תורה בילדעט אויס דיא וואס לערנען איהר ערינסט אונ ליבען איהר, דאדורך וועלין זיי אויך ליבען השי"ת וואס ער האט אונז באגליקט מיט אזא תורה, וויא אונזערע טרייע לעהרער (דיא חכמי התלמוד) פאסין איין אצווייטע כוונה אין פסוק ואהבת את ה"א (אהבהו על בריותיו), דיין הארץ זאל זיין אזויא פייכט באגאסין מיט גאטעס ליבע אז דוא זאלסט ווירקען (מיט דיין שיינעם אויפפיהרונג) פייכט צו מאכין אנדערע הערצער אויך, ווייל ווען אמענש לערינט תורה אונ ער בעהאנדילט אלע מענשין ארינטליך, סייא אין גישעפט זאכין, אונ סייא אין פארנעהם מיט מענשין, אז הען יענער פארצעפעט איהם אפילו אין געלט אדער אין כבוד, קומט ער דורך ווייך אונ פריינדליך. איז יעדער מקנא זיין פיהרונג אונ זאגט: „וואויל אונ גליקליך איז יענער וואס לערינט תורה, גיבענצט זאלין זיין דיא עלטערין אונ דיא לעהרער וואס האבין ערצויגין אזא ארינטליכען אונ אדעלען מענשין", מיט דעם ווערט דיא תורה באליבט ביא אלעמען — היינט אז איך האב איספאלנייעט מיין שולדיגקייט וועלכען דאנק קומט מיר? — איך האב דארטין פארזאמט נאך אוויילע, אונ פון איהם גייא איך גלייך צוא דיר מיין הער, פרעג איך דיר קען מען גאר טאהן בייז אזא אדעלע זעלע? דרום מיין ליבער הער צוא דוא וועסט מיר אב געבין דיא 625 רו"כ אדער ניט, איז ביא מיר פיל גלייך, פון דעם וואוינונג בין איך אנטזאגט. גליקליך בינסטו מיין הער, אז דוא האסט אזא הימיל-מענשין ביא זיך אין הויף.

חויא דער אמת זאגענדיג האט זיך מיר ניט גיוואלט אב געבין צוריק דיא 625 רו"כ — זאגט דער דייטש — נור דיא היסטאריע האט אויף מיר אויך גרויס התפעלות גימאכט, וויא ווייט אייער תורה פאר איידילט איהרע ערינסטע לערנער, איך האב איהם גיבעטין מיר ברייננען אייער תנ"ך

מיט

מיט אדייטשען פערעוואד, אונ אטהייל פון אייער תלמוד מיט אפערעוואד.
ער האט מיר געבראכט איין תנ״ך אונ א מסכת אבות מיט פערעוואד,
איך האב דורך געלעזין עטליכע פרקים אין מסכת אבות בין איך ענטציקט
געווארין פון דיא איידעלע ברילליאנטין וואס דארטין איז, אונ האב זיך גע-
וואונדערט וויא קען געבין פארדארבענע מענשין, ביא אפאלק וואס האט
אזא ליכטיגע תורה, קיין אנדער סברא ניט סיידין זייא לערנען איהר ניט,
פון דענסטמאל אן האב איך ליעב געקראגין יודין אונ זייער תורה, אלע וואך
לעז איך דורך איינינע מאהל דיא סדרה וואס מען לייענט ביא אייך שבת
אין שול, אונ לעז גאנץ אפט דיא מסכת אבות, אונ איך זאג אייך סער-
יאזנע אז פון דענסטמאל אן איז ביא מיר דער חאראקטער פיל איידעלער
געווארין, די 625 רו״כ האב איך איהם אב געשיקט, אונ טהוא פיל טובות סיי
יודען אונ סיי קריסטין, אונ איך זאג אייך נאך אמאל אז וועלכער יוד
עם לערינט ניט דעם תנ״ך אונ דיא ״מסכת אבות״ אויף קלאהר איז
ווערט אגרויסין שטראף. אונ דיא אלע צרות האט איהר נור פיר דעם וויא
אייער תורה אליין שרייבט.

איך אליין האב גרויס התפעלות בעת איך לעז אין אייער תורה אז
מיט 3200 יאהר צוריק האט זיא אבגעשריבן אייער צושטאנד מיט אייערע
אונגליקען, וואס ווען אייך טרעפין בעת איהר וועט אב טרעטין פון דיא
וועג וואס זיא לערינט אייך. אונ וויא דיא היסטאריע ווייזט, אונ וויא
מיר זעהען אליין איז דאך פינקטליך אלעס נתקיים געווארין, סייא דיא
גוטע וואס זיא זאגט אייך פאראוים, אז איהר וועט האבען בעת איהר
וועט איהר היטען אונ ליעבען, אונ סייא דיא אונגליקען וואס אייך וועט
טרעפין בעת איהר וועט אוים ווייכין איהרע גוטע וועגין. נאך מיין מיינונג
האט דאס אליין באדארפט אויף אייך מאכין אגרויסע ווירקונג וויא צוא
קערין זיך צוריק צוא אייער תורה.

יא יא! איהר דיינקט ריכטיג מיין ליבער הער—רופט זיך אב
א וויכטיגער מאן—מיר האפין שטארק צוא דעם, אז מיט דער צייט וועט
דאס זיין, וויא דיא תורה אליין מערקט אונז אן (דברים ל׳) וְהָיָה כִּי יָבוֹאוּ
עָלֶיךָ כָּל הַדְּבָרִים הָאֵלֶּה הַבְּרָכָה וְהַקְּלָלָה וַהֲשֵׁבֹתָ אֶל לְבָבֶךָ כו׳ וְשַׁבְתָּ כו׳
עס וועט קומען אצייט וואס דוא וועסט באמערקען אז דיין טויזינד-יאהריגע
היסטאריע פון דיינע גליקליכע צייטין, אונ דיינע אונגליקען שטימען ריכטיג
מיט דיא פארשריפט וואס דיא תורה האט דיר פאראוים געצייכינט,
וועט דאס אויף דיר מאכין אגרויסע ווירקונג, אונ דוא וועסט זיך ארעכטין
ערק

קער טאן צוא דיין תורה איהר צוא ליבען אונ ערפילין איהר פארלאנג, אונ דאן וועט השי"ת דיר צוריק פארזאמלען מארבע כנפות הארץ אין דיין היילינע לאנד, אונ וועסט דארטין בליהען אונ גלאנצין, אונ זיין אליכט פאר דיא גאנצע וועלט.

ב. דער קאמעדיאנט אויף איין פוס.

דיזער גישפרעך וואס האט זיך אנגיפאנגען וועגין דעם בוך „מעשה אלפם" אונ איז אוועק אין אזעלכע פיינע רייד האט מיר פארשאפט גרוים פערגעניגען, איך טראכט ביא זיך ווען דער בוך זאל קיין אנדער נוטץ ברייגגען, נור וואס ער האט צוגעפיהרט צוא אזא אדעלען ראזגאוואר איז אויך גענוג.

אה! — רופט זיך אוים אפיינער מאן — ! וויא ריכטיג עס איז חיים'ס רייד, אז אבן־תורה איז מחויב זיך אויפצופיהרען ערליך אונ אדעל, בכדי ער זאל מאכין באליבט דיא תורה ביא אלעמען, ליידער אבער געפינען זיך איינינע לערנער וואס האבין אפארדארבענעם כאראקטער, אלע שווינדלעריא צוא מאכין אין גישעפט, אונ זיינען אזויא ביסטרע (ניט פריעמנע) אין צוזאמענקומען מיט מענשין.

יא יא עס איז ריכטיג, — רופט זיך אב אצווייטער — אויף דעם שטורימען זייער די חכמי התלמוד, אונ רופין זייא מחללי השם, ווייל ווען דער לערנער האנדעלט ניט ערליך. אונ איז ניט פריעמנע צו מענשין, וואס זאגט מען אויף איהם? איז אלעמען בעוואוסט, ער שטויסט אב ביא פיל מענשין דעם אפעטיט אונ דיא ליבע צוא דער תורה. אונ אויף איהם זאגט דער חכם מכל אדם „כל משנאי אהבו מות" אלע וואס מאכין האסין דיא תורה ביא מענשין איז איין ריכטיגער באווייז, אז זייא אליין ליבען ניט דיא תורה, (ווייל דער וואס ליבט דיא תורה ליבט אלע מענשין וויא דיא תורה פארלאנגט (יחי כבוד חבירך חביב עליך כשלך), נור זייא ליבען גאר וואס אנדערם. אונ אום זייא זאלין קענען קומען צוא זייער ציעל פארקליידען זייא זיך אין לבוש התורה, כדי אוים צוא פיהרען זייער פאלשען ציעל. אין דעם ארט קען מען דאך ניט באשולדיגען דיא תורה, אין געגענטהייל דאם איז נאך אגרויסער באווייז, אז אבן תורה איז זייער אפיינע זאך, אז ווען איינער וויל אב נארען דיא וועלט, פארקליידעט ער זיך אין אקאסטיום פון אבן תורה.

ריכטיג זאגט איהר — רופט זיך אויס אדריטער — איך וועל אייך דער-
ציילין אפאקט, אין אונזער געגענד איז גיוועזען א רייכער בויער, איין מאהל
בייא נאכט איז ארייַן גיקומען א זאנדארמיסקער פאלקאווניק מיט זאנדא-
רין, אונ זאגין איהם אז עס הערט זיך אז דוא האנדילסט מיט פאלשע
סיגנאציעס, אלזא ווייל דיינע געלט מען דארף זייא דורך זעהען, דער
בויער וויסענדיג אז ער איז גאנץ ריין פון דער עלילה, נעמט ער ארויס
אפאק סיגנאציעס פון פינף טויזינד רוביל אונ גיט זייא דורך זעהען.

מען מוז דאס אוועק טראגין אין קאזנאצייסטווע — זאגט דער זאנ-
דארמיסקער — ער האט אויס גיציילט ריכטיג אונ ארויס גיבונדין אונ גי-
לייגט זיין פאצאט. אונ גילאזין דעם פאצאט ביין בויער, ער זאל מארגין
קומען מיט דעם פאצאט אין פאלאטע, וועט מען פאר איהם אין דיא
אויגין עפענען אונ איבער זעהען, אונ אויב זייא זיינען ראיעלע וועט מען
איהם אב געבין, אונ נאך געבין אמתנה פיר דעם פאלשין חשד. דער
בויער איז שטארק צופרידען גיוועזען פון דעם. אונ זייא זיינען אוועק מיט
דיא פינף טויזינד רו"ב, אויף מארגין שפאנט ער איין דעם פערדיל פארין
אין שטאט אין פאלאטע, ער קומט אהין עס איז אין גאנצין אפלאדער,
דאס זיינען גאר גיוועזען זוליקעס. מען האט דער הערט אין דארף דיא גע-
שיכטע, רופט זיך אויס אפויער: אט זעהט וואס פיר פאלשע מענשין
אזאנדארמיסקער מיט זאנדארין זיינען, צוא באראבעווען איין אונשולדיגען מאן.

דוא פתי איינער! — חאפט זיך ארויס אקלוגער שלאכצעץ — שוין
ווייסטו ניט אז דאס זיינען גאר גיוועזען זוליקעס ניט זאנדארין, אדרבה פון
דעם זעהסטו דאך אז איין זאנדארמיסקער איז ארעכטער ווערניק, והראיה
אז דיא זוליקעס האבין גיוואלט מען זאל זייא טרויען דיא פינף טויזינד
רוביל האבין זייא זיך אנגיקליידעט אין קאסטיום פון אזאנדארמיסקען, דאס
גלייכין קענען מיר דאך פארשטיין אז א לערנער איז אפיינער איין אדעלער
מענש, והראיה אז ווען אזוליק וויל פארשווינדלען וועמען, פארקליידעט
ער זיך אין קאסטיום פון אבן תורה.

בראווא! בראווא! זייער גוט האט איהר גיזאגט, אז דער אמת'ר
בן תורה וחרד על דבר ה' איז טאקי איין ערליכער מאן אין האנדיל,
אונ אפריינדליכער מענש צוא מענשין, ווייל אזוי וויא אונזער תורה האט
אנגיזאגט פיל אזהרות וויא דער מענש זאל זיך פיהרין בין אדם למקום
האט זיא אויך אנגיזאגט דיא זעלבע צאל אזהרות וויא דער מענש זאל
זיך באהאנדלען בין אדם לחבירו, אונ אמוסטער בילד אויף דעם איז דיא

לוחות

לוחות פון דיא צעהן גיבאט זייא זיינען צווייא טאפלען אויף דעם רעכטין וואס איז אנטקעגין אונזער געזיכט, שרייבין זיך פינף גיבאט פון בין אדם למקום אנכי ה׳א (אמונה), לא יהיה לך, לא תשא, זכור את יום השבת, כבד את אביך, אונ. אנטקעגין זייא אין דיא לינקע זייט, קומט פינף גיבאט פון בין אדם לחבירו, לא תרצח, לא תנאף, לא תגנוב, לא תענה, לא תחמוד. דאס איז דיא צווייא זיילין וואס דיא אלטע פירמע „יוד עט יודענ־טהום״ שטייט אויף זייא, אונ דיא צווייא פיס וואס גיבין אגלייכין גאנג דעם מענשין, דיא רעכטע פוס רופט זיך (אויף זארגאן) „איין ערליכער יוד״ אונ דיא לינקע פוס רופט זיך „איין ערליכער מאן״, תורת ה׳ תמימה משיבת נפש, ביי דעם וואס ביידע פיס זיינען גיזונד ד. ה. ער איז אערליכער יוד אונ א ערליכער מאן, אזא הנהגה ערקוויקט דיא זעלע, אבער דיא וואס צו ברעכין דיא לוחות איבער העלפט, דער האפט דעם רעכטין לוח איין ערליכער יוד (ד. ה. ער דאווינט אונ זאגט תהלים אבער אין געשעפט איז ער אשווינדלער אפאלשע זאך אונ צוא מענשין איז ער וויא אזוויער). אונ דער האפט דעם לינקען לוח איין ערליכער מאן, (ד. ה. ער באהאנדילט אלעמען ארינטליך אונ וויעזליווע, נור בין אדם למקום איז ער הינקעדיג, ניט קיין אמונה, ניט קיין שבת, ניט קיין תפלין, אונ ד. ג.), זיינען ביידע נור קאמעדיאנטין וואס טאנצין אויף איין פוס״, אדער גאר קיילקעם הינקעדיגע, וויא מען זאגט „א האלבער הדר״ *)

יא יא עס איז פארהאנדין פיל אזעלכע קאמעדיאנטין וואס טאנצין

אויף

*) א ישובניק איז אמאהל גיקומען צום רב קויפין איין אתרוג „דעם בעסטין הדר״, זאגט אים דער רב אז דער בעסטער אתרוג וואס איך האב יעצט קאסט 10 רו״כ, אונ ער האט מער ניט וויא 5 רו״כ, וויל דער רב אים געבין אביסיל אגימיינערין אבער אויך אפיינעם. — ניין רבינקע זאגט דער ישובניק, איך וויל דוקא דעם בעסטין הדר. גראדע איז גיקומען נאך א ישובניק פון אצוויטין גאסצעניץ, אונ האט אויך מעהר ניט וויא פינף רו״כ, אונ וויל אויך דוקא „דעם בעסטין הדר״ — דער רב טראכט דא וואס זאל ער טאהן מיט זייא, רופט זיך אויס דער ערשטער ישובניק „רבינקע איך וועל אייך געבין איין עצה טיילט איבער דעם אתרוג אויף צווייען, גיט מיר איין האלבין הדר את איהם אהאלבין הדר, אז איך קען ניט באהייבען א גאנצין לאמיך האבין לפחות אהאלבין אבי דעם בעסטין הדר. — ניין מיין קינד זאגט דער רב — „אהאלבער הדר איז גאר פסול״. גלייכער צוא האבין א גימיינערין אבי אגאנצין אכשרין. — דאס גלייכען דער מענש וואס האט אין זיך תורה מיט מעשים טובים, איז גיגליכען צוא איין אתרוג וואס האט אטעם אונ אריח (הדור הוא לפני קונו), אבער דיא וואס צו טהיילען איבער העלפט דיא לוחות, דער איין ערליכער מאן אליין, אונ דער איין עדליכער איד אליין, האפין זייא אויך „אהאלבין הדר״, בעסער עטוואס גימיינער דער הדר אבי א גאנצין.

אויף זייער וועלט-סטענע נור אויף איין פוס. אדער בעסער גיזאגט אזעלכע קיילקעס וואס גייען נאר אויף איין פוס, אונ די צווייטע איז לא עלינו פאראליזירט אונ דייסטעוועט ניט, זיא שלעפט זיך נאך וויא אשטיק האלץ דער אויף דיא רעכטע (איין ערליכער יוד) אונ דער אויף דיא לינקע (איין ערליכער מאַן) נור וועלכער קיילקער פון דיא ביידע איז חשוב'ר?

אויף דעם קאן איך אייך זאגען אריכטיגען פאקט, ביי אונז אין שטאט זיינען גיוועזן אזעלכע צוויי פאראליזירטע קראנקע, איינעם האט אב גענומען לא עלינו דיא רעכטע פוס אונ דעם צווייטען דיא לינקע פוס, איז גראד דורך געפארין אגרויסער פראפעסער פון אויסלאנד אונ האט זיי גימאכט אוויזיט אונ פארארדינט מיטלען אונ איבערהויפט עלעקטריזירין, איז אויף דעם קיילקען פון דיא לינקע פוס האט דער עלעקטריזירין גי-ווירקט אין אקורצע צייט איז ער פאלקאם גיזונד גיווארין עס האט ארוין גיטריבין דעם בלוט שטראם אין לינקער פוס, אבער אויף דעם פאראלי-זירטין אויף דיא רעכטע פוס האט דער עלעקטריזירין ווייניג גיווירקט, אזוי האט פאסירט אפאקט ביי דיא קערפערליכע פאראליזום אונ דאס גלייכין איזט ביי דיא גייסטליכע פאראליזום, ביי דעם וואס דיא רעכטע פוס איז גיזונט ד. ה. ער איז אמאמין אין דער תורה אז זיא איז מן השמים, אונ היט דיא מצות פון בין אדם למקום וואס שטייען אין רעכטין לוח נור דיא לינקע פוס (דער בין אדם לחבירו) וואס שטייט אויפין לינקען לוח איז ביי איהם לא עלינו פאראליזירט, צו איהם האבין מיר אמיטעל אגוטע עלעק-טריזיר מאשין וואס איז אימשטאנד אין אקורצע צייט צו ווירקען מיר קענען אים שטרייננ זאגין מוסר, שטייט וויא אזויא זייט איהר דאס ניט זהיר אין יענעמס ארובעל? בארעכינט וויפיל אזהרות גיפינט זיך דאס אין דער תורה וועגין יענעמס אגראשין לא תגנוב, לא תעשוק, ולא תגזול, לא תלין פעולת שכיר, כל הגוזל מחבירו שוה פרוטה כאלו נוטל נפשו. אונ וועגין כבוד הבריות האבען מיר צו איהם גוטע מעדיצין הונדערטער מאמרי חז"ל איזהו מכובד המכבד את: הבריות, יהי כבוד חבירך חביב עליך כשלך, איך קען נאך צו שטעלין דיא עלעקטריזיר מאשינע שטרייננער איך זאג אים ווען דוא בינסט ניט ארענטליך צו מענשין בינסטו אמחלל השם. וואס יום כפור אונ תשובה אונ יסורים קענען ניט העלפין (אם יכופר העון הזה לכם עד תמותון) בקצור ווען מען זאל אויף איהם אן שטיין עטליכע טעג נאך אנאנד גוט עלעקטריזירין איז אהאפענונג אז מען וועט ארוין פליסען ארוח חיים אין דיא לינקע פאראליזירטע פוס. אונ זיא וועט זיך אנהייבין ביסלאכ-

ווייס

וויים באוועגין, ביז זיא וועט אוועק גיין וויא דיא רעכטע. אבער ביי דעם וואס דיא רעכטע פוס איז לא עלינו פאראליזירט, ער איז ניט-קיין מאמין אין השי"ת אונ ניט אין דער תורה, אונ ניט אין דברי חז"ל, וועלכע מיטלען האבין מיר צוא איהם? ובפרט אויב ער איז נאך אחכם בעיניו זאגט ער אז ער איז קליגער פיר אלעמען, ער בלייבט לא עלינו איין איי-ביגער-קייליקע, וויא דיא חז"ל זאגען (כל המכות ת"ח אך רפואה למכתו) דער וואס איז מבזה דיא תורה מיט איהרע לעהרעגער איז גיטא-קיין מעדיצין צוא זיין וואונד.

אין קורצין שרייב איך דיר ליבער פאטער, אז דיא איינינע שטונדין וואס איך בין גיפאהרין מיט דיא קלוגע מענשין האב איך פיל גילערינט פון זיא. וואס מיר וועט דאס נוטצין צוא לעהרען מיינע ברידער.

ג. דער וואיעזאר פון דיא סמאטעס.

נאך א קליינינקייט האב איך ביי גיוואוינט ביי דיא רייזע, וואס פון איהר האב איך ארויס גינומען א וויכטיגע ענטשיידונג אויף א הארבע פראגע וואס פיל פרעגין. עס איז מיט אונז געפארין א וואיעזאר פון איין פאבריק, אונ האט זיך פונאנדער גינומען זיין מוסטער-קאלעקציאן, אונ האט זיך שטארק גינומען צוא א בארימטין קויפמאן וואס איז מיט אונז גיפאהרין. פון וויטין האב איך אבליק גיטאהן, איז דיא סחורה זייער א רייצינדע, אבער אז איך האב זיך גוט איין גיקוקט האב איך גיזעהען אז עס איז ציסטע אבמאן. דער בארימטער קויפמאן האט אויך באמערקט אז דאס איז נור שווינדלעריי אונ פאקוס, אונ האט דאס גאר ניט גיוואלט אן קוקען, נור דער וואיעזאר האט זיך אן איהם אנגיטאהן אז ער האט איהם פשוט ניט גילאזט אב דיהעגען. דער קויפמאן האט איהם איינינע מאל גיבעטין ער זאל איהם צוא רוהע לאזין, אז פיר איהם איז דאס-קיין ארטיקעל ניט, נור דער וואיעזאר ווארף איהם אקאץ אין דיא אויגין, ער טוט דאס זייניגע, אונ רעט איהם אלס איין, אונ לאזט איהם בחצי חנם. אונ שטייט אן אויף איהם ער זאל מאכין בייא איהם חאץ אקליין זאקאז, וויא מען זאגט 'אפין שפיץ מעסער'. דער קויפמאן האט געבאך ניט ווילענ-דיג גימאכט א זאקאז אויף פינף אונ צוואנציג רוביל, אונ ביא אזא ארטיקעל איז דאס כמעט מעהר ניט וויא אויף גילעכטער. אונ דער וואיעזאר איז מיט דעם גיוועזן זייער צופרידען.

דער

דֶער קױפְמַאן אִיז אַרָאפּ אױף דֶער סְטַאנְצְיֶע, אונ אִיךְ מִיטִין וַואיֶעזָאר פָאהרִין וַייטֶער, דִיא צוּפְרִידֶענְהַייט פוּן וַואיֶעזָאר וָואס אִים הָאט דָא אָב גִיגָאלְטִין אַרַיין צוּקְרִיגֶען דֶעם קױפְמַאן פַאר אַ קוּנְד אִיז מִיר זַייעֶר קָאמִישׁ פָארְגֶעקוּמֶען, וָואס הָאט עֶר דָא גִיחַאפְּט פַאר אַמְצִיאָה? פִינְף אונ צְוַואנְצִיג רו״כ אַזַאקַאז מִיט אַזַא בִּילִיגֶען פְּרַייז וָואס קוים בְּלַייבְּט צְוַויא פְּרָאצֶענְט רֶוַח פַאר וֶועמֶען וֶועט דָאס זַיין פְּרִיעֶר? פַאהרִין פַאבְּרִיקַאנְט אָבֶּער זַיינֶע פֶּעט, אונ נָאךְ זַיינֶע צוּפְרִידֶענְהַייט זֶעהְט אוים וִויא עֶר הָאט דָא גִינוּמֶען אַיין זַאקַאז פוּן פִינְף טױזִינְד רו״כ מִיט צֶעהְן פְּרִיצֶענְט רֶוַח לְפָּחוֹת, דָאס אִיז מִיר פָארְגִיקוּמֶען אַ וַואהרֶער רֶעטֶענִיש.

זָאגְט מִיר מַיין לִיבֶּער פְרַיינְד אַ פִּתְרוֹן אויף דִיא חִידָה, אויף אַייעֶר שִׂמְחָה פוּן דֶעם קְלֵיינֶעם זַאקַאז, וָואס דֶער בַּארִימְטֶער קױפְמַאן הָאט אַייךְ גִיגֶעבִּין, וָואס וֶועט אִיהר הָאבֶּען פוּן דֶעם? פָארְלֵייפִיג הָאט עֶר מִיר נִיט גִיוָואלְט עֶנְטְפֶערִין, נוּר אַז אִיךְ בִּין אויף אִיהם שְׁטַארְק אָן גִישְׁטַאנֶען וִויא עֶר פְּרִיעֶר אַפִין קױפְמַאן, אונ עֶר הָאט גוּט פַארְשְׁטַאנֶען אַז עֶר וֶועט פוּן מִיר נִיט לויז וֶוערִין, הָאט עֶר מִיר פַארְטְרוֹיט דֶעם אֱמֶת, אַז עֶר הָאט דָאס גִיטָאן צוּ לִיבּ אַנַוייטִין קוּק, עֶר רֶעכִינְט פוּן דֶעם צוּ הָאבִּין זַאקַאזִין אויף הוּנְדֶערְט טױזִינְד רוּבִּיל מִיט צֶעהְן פְּרִיצֶענְט, וַוייל דֶער קױפְמַאן אִיז אַ בַּארִימְטֶע אָרִינְטְלִיכֶע פִּירְמַא וָואס הַאנְדִילְט נוּר רַאיֶעלֶע סְחוֹרָה, דַארְף אִיךְ מֶעהר נִיט הָאבֶּען זַיין נָאמֶען בַּייא מִיר אִין בּוּךְ, אַז דִיא בַּארִימְטֶע פִּירְמֶע הַאנְדִילְט אויךְ בַּייא מִיר, וִויפִיל אונ וָואס דַארְף קֵיינֶער בַּיי מִיר נִיט ווִיסֶען, נוּר אַז מֶען זֶעהְט זַיין נָאמֶען בַּייא מִיר אִין בּוּךְ קְלֶעקְט, מִיט דֶעם וֶועל אִיךְ שׁוֹין קְרִיגֶען בַּייא דִיא קְלֵיינֶע סוֹחֲרִים (וואס ווייסין ניט לייכט צו ערקענען אבלינדע סחורה) זַייעֶר פִיל זַאקַאזֶען מִיט גְרויס פְּרִיפִיט, פַארְשְׁטֵייט אִיהר שׁוֹין אַז עֶס אִיז כְּדַאי גִיוֶוען דִיא כְּחוֹת וָואס אִיךְ הָאבּ גִילֵייגְט צוּ חַאפִּין בַּייא אִיהם אַבְּרֶעקִיל זַאקַאז חָאץ אַפִין שְׁפִּיץ מֶעסֶער?

נוּא! — טְרַאכְט אִיךְ בַּייא זִיךְ — וִויא וַוייט חִיטְרָאסְט שְׁטֶעקְט, וֶוער ווייסְט וִויפִיל קְלֵיינֶע סוֹחֲרִים הָאט עֶר שׁוֹין אָבּ גֶעשְׁווִינְדִילְט מִיט דֶעם אָבּ-מַאן, נוּר יֶעצְט בִּינְסְטוּ בְּרוּדֶער אַרַיין גִיפַאלִין, וואוּ אִיךְ וֶועל נוּר פָאהרִין וֶועסְטוּ שׁוֹין קַיין גִישֶׁעפְטִין נִיט מַאכִין, וַוייל אִיךְ וֶועל עֶנְדֶעקֶען דַיין סֶעקְרֶעט אַלֶע קְלֵיינֶע סוֹחֲרִים, צוּ רֶעטֶען זֵיי פוּן דַיינֶע שְׁווִינְדֶלֶערַיי.

אַזַא קַארְטִינֶע — פוּן וַואיֶעזָאר דֶעם אָבְּמַאנְשְׁצִיק — זֶעהֶען מִיר אִין אוּנְזֶער אַלְטֶען בֶּעקַאנְטִין דוּרְךְ-גֶעמַאכְטִין וַואיֶעזָאר (דעם יצר הרע) וָואס עֶר פָארְט אַרוּם מִיט זַיינֶע שְׁווִינְדִיל סְחוֹרָה אִין דֶער וֶועלְט, אונ אִין יֶעדֶער גֶע-

גענד וואו ער קומט שטייט ער אן וויא א פעך אויף דיא הויפט ראיעלע פירמעס, דאס איז דיא ערליכע אידען לומדים, זייא אריין צוא חאפין מיט אקליינע עבירה, הגם ער לייזט פון זייא גאנץ ווייניג אונ כמעט אויף קרן דאך שטייט ער אן אויף זייא מיט אלע כוחות וואכין לאנג, ביז וואנען ער חאפט זייא עטוואס אריין, מיט דעם האט ער איין אפענע וועג צו גענומען אסך זאקאזין ביי דיא קליינע מענשין וואס פארשטייען ניט מבחין צו זיין פון ראיעלע ביז שווינדיל סחורה, זייא זייען נור יוצא אז זייא זעהען אז יענע באַרימטע פירמע (דער למדן דער ערליכער איד) טוט עטוואס ניט קיין יושר אדער חלילה א קליינע עולה וויא זייא דוכט זיך אב, היינט מעג ער שוין דאך מאכין אגרויסין זאקאז פון דעם ארטיקעל, אונ אט אזויא מאכט דער יצר הרע גילדערנע גישעפטין. — אונ אין מאנכע ערטער מאכט ער נאך חלוף גישעפטין וויא אמאל דיא איראפייער מיט דיא ווילדע אינדיאנער, געגעבין זייא פאצערקעס גלעזערנע אונ גענומען גאלדענע ציגעל, אגלייכוועדטעלע אליצנותיל אין מיטין קריאת התורה, אונ דער ביי פאר הערין גאנץ קריאת התורה אונ חזרת הש״ץ, אלץ אויף דיא אסגאוואַנגיע, וואס דער למדן דער איידעלער איד וואס זיצט אין מזרח האט אויך אמאל גירעט אַוואָרט אין קריאת התורה, מעג ער דאך שוין שמועסין דיא גאנצע צייט — דרום דער וואס איז אמענשין פריינד דארף מפרסם זיין פיר דיא קליינע סוחרים זייא זאלין זיך ניט לאזין פארשווינדלען פון דעם אבמאנשציק דעם וואיעזאר, אונ דאס וואס ער ווייזט אייך ביי איהם אין בוך יענע אונ יענע גרויסע פירמא! איז דאס גאר פאלש, יענע פירמא האט איהם גיגעבין אברעקיל זאקאז, ניט ווייל זיא פארשטייט אז זיינע סחורה איז ראיעל, ניין גאר, לא מיט איין אלף, יענע פירמא ווייס גאנץ גוט אז זיינע סחורה איז אין פייער צו ווארפין, נור ער איז איין אנוס, ווייל ער איז אויף איהם אנגעשטאנען (כל הגדול מחבירו יצרו גדול ממנו) וויא דלילה אויף שמשון אונ האט איהם דעם טויט געמאכט, האט ער קליימערסט אלעק גיטאן, אבער איהר קלענערע סוחרים וואס אויף אייך שטייט ער ניט אן אזויא, זאלט איהר איהם דורך יאגין מיט דיא שמאטעס. איהר זאלט איהם זאגין גאנץ אפין, „אז קיין שמאטעס דארפט איהר ניט״. אונ וועגין דעם נאמען פון דיא גרויסע באַרימטע פירמעס וואס ער ווייזט אייך, ענטפערט איהם „אז איהר זייט אויך מבינים אויף שווינדיל*).

גיוואלד

---

*) דאס האבין מיר געשריבען וויא מיר זאלען דן זיין לכף זכות ווען מיר זעהען אז אבן תורה, אדער אזוי א ערליכער איד טוט עפעס יענעם א שלה אין געלט

גוואלד! וואו נעמט מען געלט?!

"די פראקטיקע איז דער בעסטער לעהרער", זאגט אקלוגער שפריך-ווארט. איך בין גיוועזן אין דער מיינונג אז א מענש איז אימשטאנד צוא פאר לעשין אין גאנצין אכח פון דער נאטור, צב"ש איך האב זיך שטענדיג געוואוינט צו זיין "אטוב עין" האבין אגוטע אויג אויף יעדערין, צו פארגינעז יעדערין וואס ער האט, זיין צופרידין אז יענער פארדינט אן מיר, ניט ארוים דריקען יענעם די זעלע, אונ אפשיטא ניט מקנא צוא זיין וואס יענער האט, וויא דוא האסט מיר שטענדיג גילערינט. אונ איבער הויפט ניט צו זיין קיין חומד ממון, (קיין להוט נאך געלט), וואס דאס איז די מוטער פון אלע זינד (עי"ן אבן שלמה ע"ט ד' ל"ה) אונ אז איך האב פיל יאהרין ניט גישפירט אין זיך קיין קנאה אונ קיין חמדת הממון האב איך גירעכינט אז די כחות זיינען שוין אוים גילאשין ביא מיר, פלוצלונג האט מיר דער גרויסער לעהרער (די פראקטיקע) גיוויזין מיין אירטהום, אונ וויא ריכטיג עס זיינען די רייד פון אונזער געטליכען לעהרער הלל הנשיא (אבות פ"ב) "אל תאמין בעצמך עד יום מותך" טרויא זיך ניט אליין ביז דיין לעצטין טאג, זיצענדיג אויף דעם וואגזאל פ. ווארטין אויף דעם פערעסאדעצנעם פאיעזד, זעה איך וויא אזאנדאר האלט אפאר גוטע אוירינגען (אין מיינע אויגען זיינען זייא ווערט 50 רו"כ), אונ פרעגט ביא איינינע מענשין וואס מען גיט דאפיר. דערביא זעהע איך וויא אפרויא וויינט, זיא האט אדרעמיל גיטאן אין וואגאן האט מען ביא איהר צוא גינומען דעם צעמאדאן זאכין מיטין בילעט, אונ זיא דארף ביז קומען צוא הויז נאך האבין לערך צעהען רו"ב אונ זיא האט קיין מיטיל ניט וויל זיא פארקויפין איהרע אוירינגען, דא האבין זיך גיפונען איינינע וואס האבין זיך גיוואלט פאלזעווען מיט די גילעגינהייט, אונ האבין דאס גיוואלט אב האנדלען פאר צעהען רוביל, דיזע

זאכין אדער אין כבוד. וויל צו אזעלכע מענשין שטריינגט זיך דער יצר הרע שטארק אן אום מיט זייא אריין צו חאפין אסך מענשין, דעם זכות אבער דארפין מיר נאר נוצין פיר דעם צווייטין (בצדק תשפוט עמיתך) אבער פיר זיך אליין טארין מיר איהם ניט באנוצין, ד. ה. דער בן תורה אליין דארף זיין זייער פארזיכטיג אין דעם אונ אויב ער שפירט אז ער איז עלול דורך צו פאלין אין דעם, זאל ער לערנען פיל מאל אטאג ספרי הלכה אונ מוסר וואס ריידין וועגין דעם, אום ער זאל חלילה ניט מחלל זיין שם שמים מיט זיין שלעכטע אויפפיהרונג קעגין מענשין, ובפרט ביא יעצטיגע צייט וואס דער המון קוקט מיט זיבין אויגען אויף דעם בן תורה צו געפינען אויף אים עפעס אהאר אפעלער אונ מאכט פון אווארט אקווארט, אזויא וויא די פליג זוכט נור אקליין פריסציקיל מאכען פון דעם אגרויסע וואונד, דארף דער בן תורה זיך זעהען צו פוצין אין בין אדם לחבירו אפין שענסטין ארט וואס קען געבין.

פארדארבענהייט האט מיר זייער אויפגערעגט, איך טראכט ביי זיך וויא וייט חמדת הבצע קען דאס פארבלענדען דעם מענשין, לבד וואס ער גייט ניט אריין אין דיא לאגע פון דיא אונגליקליכע פרויא, איהר אויס צוא העלפין פון איהר נויט, וויל ער זיך נאך פאלזעווען מיט איהר אונגליק אב האנדלין אחפץ פון פופציג רו"כ פיר צעהען, איך האב שרעקליך מיטלייד גיהאט אויף דיא פרויא, אונ בין אריין אין בופעט 1-קלאס, איך זעהע עס זיצין איינינע פראנטין אונ לאזין זיך געבין גוטע פארציעס, אונ לעבין אטאג, טראכט איך ביי זיך ,גוואלד וואו נעמט מען געלט"! מיינסטו אפשר ליבער פאטער אז מיין גוואלד איז גיוועזן עהנליך צום פוסטין פראנט וואס ער שרייט אויף שטענדיג ,גוואלד וואו נעמט מען געלט"! ער זאל אויך קענען לעבין אטאג, ניין ליבער פאטער. איך ווייס גאנץ גוט אז דאס לעבין אטאג איז אפוסטע זאך וויא דיא פוסטע פראנטין אליין, אונ אמאהל טרעפט נאך אז אין זעלבין טאג שפירין דיא אשטארקען בויך וויטאג פון דיא גוטע פארציע וואס זיי האבין דא גיגעסין אפין האנגזאל, וויל עס טרעפט גאנץ אפט אז דיא שפייז איז ניט פרישע, אונ דער פאסאזירער פירט מיט זיך אוועק א קאטאר זאלודאק, נור מיין גוואלד איז גיוועזן וואו נעמט מען געלט צוא באטעווען דיא אונגליקליכע פרויא, ווען איך זאל האבין ביי זיך פרייע צעהען רו"כ וואלט איך איהר גילייען אגמלות חסד, אפין ווארט אדער געמען אין זאלאג איין אוידינגיל, אונ איינעם לאזין ביי איהר, אונ איך וואלט דאס צוא שיקען דורך פאסט אין איהר שטאט אין ראסייסקי אבצעסטוואַ אז זיא וועט אריין טראגין צעהען ורו"כ זאל מען אים איהר אב געבין אונ מיר אב שיקען דיא צעהען רו"כ. איך האב אבער ניט באמערקט איינעם אבעקאנטין וואס איך זאל ביי איהם קריגען צעהען רו"כ.

פלוצלונג האט זיך מיין געלט-גייץ איבער גיוועקסילט אין קנאה. ארויס גייענדיג פון בופעט זעהע איך מיינעם אבעקאנטין, וואס האט שוין אליין אב גיטאהן מעהר וויפיל איך האב זיך גיוואונשין. ער האט איהר גיליהען אגמ"ח צעהען רו"כ אפין ווארט, אונ האט גיראטעוועט דיא אונ- גליקליכע פרויא פון איהר טרויעריגע לאגע. איך האב שרעקליך מקנא גיוועזן אזא וואלטהאט. דער יונגער מענש איז ניט קיין רייכער, ער איז א קאסיר אין ראסייסקי אבצ. נור ער האט אמאהל גיגעסין בייגיל מיט פוטער דיא בייגיל מיט פוטער האט פיל צוא באדייטין, וועד עס האט נור פארזוכט דעם תלמוד מיט גוטין אפעטיט, אונ האט גיטרונקען זייערע רייד מיט

דורשט. אין דעם דאזיגען מוז אביין שיינען אפונק איידילקייט*).—אין אצייט ארום האב איך זיך באגעגנט מיט דעם אדעלען מענשין האט ער מיר ערציילט אז אין אקורצע צייט ארום איז אים אן גיקומען דיא צעהען רו"כ מיט אדאנק בריף פון איהר מאן. איך האב זיך שטארק גיפרייט אז דער יונגער מאן האט גיטאן גמ"ח מיט ארינטליכע מענשין, וואס זייא ווייסין צו דאנקען ווער עס טוט זייא גוטעס.

מיין פאיעזד איז גיקומען ווייטער צוא אסטאנציע, איך בין אראפ אפין וואגזאל, העער איך א ראזגאוואר וויא איינער זאגט צום צווייטין אנטליא מיר ברודער צווייא רו"כ, מיין פאיעזד מיט וועלכין איך בין גי-קומען איז אוועק מיט מיינע זאכין מיטין בילעט, דארף איך האבין אויף א דעפעשע, אראפ צו נעמען מיינע זאכין אונ קויפין א נאיעם בילעט ביז צו הויז. איך האב נישט קיין געלט—וואר יענעמס אנטווארט—. ער גייט צו צו אצווייטין אונ צו אדריטען אונ באקומט דעם זעלבין אנטווארט.

זעה ברודער איך וועל האבין גרוים שאדין ווען איך וועל קיין דע-פעשע ניט געבין אונ וועל דא פארבלייבין אפין סטאנציע ביז פארנאכטיגין פאיעזד. אונ מיט דיא צווייא רו"כ וועסטו מיר ראטעוועען — זאגט ער צוא אפערטין — אונ באקומט דעם זעלבין אנטווארט וויא פון יענע דרייא, גראדע אפין פערטין האט מיר פארדראסין איך האב גיזעהען אז ער האט געלט.

יא יא טראכט איך בייא זיך. דיא צייט איז שלעכט מען קען ניט איספאלנייען אין גאנצין דיא פליכט פון בין אדם לחבירו נור העלפט, וואלטין

לפחות

---

*) אונזערע חכמים לערנען אונז (אבות פ"ב) יהי כבוד חבירך חביב עליך כשלך, דיין חבר'ס עהרע אונ זיין געלט זאל בייא דיר אזויא טייער זיין וויא דיינע. אזוי וויא דוא שפירסט דעם צער ווען איינער רירט דיר אן דיין כבוד. אדער ער טוט דיר שאדין אין געלט, אונ ביזט גערין אז יענער שעצט דיין כבוד אזוי זאלסטו וויסין צו שעצין דעם צוויטינס כבוד אונ חס האבין אויף זיין געלט. אונזערע חכמי המשנה והתלמוד פיל זייא האבין אונז גילערינט צוא גוטין, האבין זייא אליין נאך מעהר גיטאן, דער תלמוד ערציילט (תענית כ"ה) א קארעבעלניק איז דורך גיפארין אונ האט פארגעסין ניט וויט פון דעם תנא ר' חנינא בן דוסא עטליכע הינער, האט זייא גיפונען זיין פרויא אונ זייא ארייין גינומען אין שטוב, האבין זייא אן גיליינט פיל אייער אונ זיך גיזעצט אויף זיי אונ אוים גיבריט הינדאלאך, אז עס איז אבער גיווארין פון דיא דרייא הינער אסך הינדאלאך מיט אייער האבין זייא גיהאט גרוים חלאפאט פון דעם, האט רחב"ד גיהייסין דאס פארקויפין אונ קויפין ציגין, דאס איז ווייניגער חלאפאט. אין אצייט ארום איז יענער קאראבעלניק דורך גיפאהרין, אונ האט זיך נאך גיפרעגט פילייכט האט ווער גיפונען דא הינער? האט רחב"ד אוים גיפרעגט ריכטיג דיא סימנים, אונ האט גיזעהען אז ער איז ריכטיג דער אייגענטהימער פון זייא האט ער איהם אב גיגעבין דיא ציגען. היינט באטראכט מיין ליבער לעזער וויא וויים מען האט דאס חס גיהאט אויף יענעמס גילדין, אזויא פיל טרחה צוא לייגין אויף דעם!—

לפחות אונזערע ברידער אנהייבין פון דיא ערשטע העלפט, ליידער אבער האבין זייא זיך גיכאפט צוא דיא צווייטע העלפט, ד. ה. אונזערע חכמים האבען געזאגט ווען מיר באגעגענען זיך מיט איין אונבעקאנטין מענשען ״כבדהו וחשדהו״ גיב איהם עהרע, שעטץ איהם וויא דעם גרעסטין מענשין, וויא באלד דוא קענסט איהם ניט קען דאך זיין אז ער איז א גרויסער נכבד וואס עס קען נור געבין. און צוריק ווייל עס קען דאך זיין ער איז דער נידעריגסטער מענש וואס קען געבין, אלזא ״וחשדהו״ היט זיך פיר איהם, גיב אכטונג ער זאל ביי דיר וואס ניט צו נעמען. און אונזערע ברידער זיינען נור מקיים דיא צווייטע העלפט דעם ״וחשדהו״, אז יעדער ציטערט פאר זיין גראשין ער זאל ניט עטוואס ריזיקירען און וויל גיין אויף איין אייזערנעם בריק און גייט גאר ניט אריין אין יענעמס פאלאזשניע וואס איך קען איהם באטעווען מיט דיא צוויי רו״כ, ווען דער ״כבדהו״ וואלט פאר נעמען ביי אונז א גרויסען פלאץ, וואלטען מיר ניט זוכען קיין אייזערנע בריקען —

וואוהין פארט איהר? פרעגט ער מיר, איך פאר נאך א. ענטפער איך, אויב אזויא פיליכט קענט איהר מיר לייען צוויי רו״כ איך וועל אייך קומענדיג צו הויז אב געבין מיט דאנק, איך ווייסענדיג גוט אז דער ״כבדהו״ שטייט פריער און ער דארף פארנעמען ביי אונז דעם ערסטען פלאטץ, ענטפער איך: ״ענטשולדיגט מיר מיין פריינד, אלעם אונבעקאנטער ווייזע פארלאנג איך איהר זאלט מיר עטוואס זיכער מאכין״, יא יא איהר זייט גי-רעכט — ענטפערט ער — און שפילעוועט אב דיא קייטיל פון זייגער און גיט מיר, זיא איז אפילו אין מיינע אויגין ניט ווערט גיוועזן מעהר וויא איין רו״כ, נור דיא פאריגע מעשה מיט דיא צעהען רו״כ וואס דער יונגער מאן האט גילייען דיא פרויא גאר אן אזאלאג איז מיר גישטאנען פאר דיא אויגין טראכט איך מיר וואס איז דיזער גישעפט ערגער וויא אונזערע אלע גישעפ-טין, אז מען לייזט הונדערט רו״כ, וואס מען פארדינט קוים צעהען פראצענט טרויט מען פופציג אוועקסיל, און פיל מאל טרעפט אז ער קומט צוריק מיט אפארטוך ריזיקירט מען דאך יע. ווען מען זאל ניט עטוואס ריזיקירען קען מען ניט מאכין קיין גישעפטין. און ווער עס פארשטייט אז גמלות חסד איז עפעס אויך אשטיקיל גישעפט מוז ער אויך עפעס ריזיקירען.—איך נעם ארויס מיט שמחה צווייא רו״כ און דערלאנג איהם מיט דיזע ווערטער ״גייט מיין פריינד גיט אדעפעשע, השי״ת זאל אייך העלפין אז מען זאל אב געפינען אייערע וועסצעס איהר זאלט קיין שאדין ניט האבין״. ער האט

גיגעבין

גיגעבין איין טעלעגראמע, אונ מיר זיינען גיפאהרין ווייטער.

קומענדיג אין שטאט א. האבין מיר געפונען דיא וועסטעס ביא דיא זאנדארין, מיר האט זייער גיפרייט אז איך האב מיט מיין גמלות חסד איהם אויס געמייט פון שאדין, ער געמט א איזוואסציק אונ זאגט צו מיר קומט מיין פריינד צו הויז, איך וועל אייך אב געבין אייערע צוויא רו״כ. איך גיב איהם גלייך אב דיא קיטעלע, ער זאל זיך ניט געפינען באלייידיגט פיר זיין פרויא, אז איך האב ביא איהם אזאלאג גענומען. מיר פארין צו צו זיין וואוינונג ער גיט מיר אב דיא צוויא רו״כ מיט דיזע ווערטער: „איך וואלט פערלאנגען דיא גיפעליגקייט, זיין ביא מיר סטאנציע דיא קורצע צייט וואס איהר דארפט דא פארברייגגען, עס איז מיר אנגינעהם אז מיין פאמיליע וועלין פארברייגגען אפאר טעג מיט איין אדעלען מענשין וויא איהר זייט”. איך האב זיך אוויילע פאדומעט אויב איך זאל דאס טאן אדער ניט, נור וויא איך האב באמערקט וויא ווייט ער איז דאס גערין, טראכט איך ביא זיך אפשר איז דאס אויך אזארט גמלות חסד יענעם טאהן א נחת רוח, וואס ער איז דאס שטארק גערין אונ בין פארבליבין. — מען האט דערלאנגט טהייא, אונ מיר האבין זייער שיין פארבראכט, איך נעם ארויס קאנדיטערסקי אונ גיב דיא קינדער, זייא גיבין מיר אקוש אין האנד אונ אדאנק, אונ נעמען עסין.

ליבע קינדער! זאג איך — יעצט דארף מען געבין אדאנק דעם ווירטה וועמעס דאס איז. זייא קוקין מיר אן מיט פערוואונדערונג, — דאס איז דאך אייערע! זאגין זייא, — יא דאס איז מיינע, אבער נור דער פאסאן איז מיינע, ווייל איך האב גיצאלט אין צוקערנע פיר דעם אויס ארבעטין דיא אלע מאטריאל פון וועלכע דאס ווערט גימאכט, ביז עס איז גיווארין אפארטיגע שפייז, אבער דער עצם מאטריאלין גיהער צום עוויגען דארף מען איהם אדאנק געבין, ד. ה. מאכין אברכה, גילויבט בינסטו גאט דער קעניג פון דער וועלט וואס האט באשאפין פערשיעדענע זארטין שפייז. אונ איך האב זייא דורך גילעזין דיא סצענע פון חיים׳ן מיטין גיגנבעטין עפיל. עס איז זייא זייער גיפעלין גיווארין, אונ דיא קינדער האבען אן גיטאהן דיא היטאלאך אונ גימאכט ברכות אונ איך האב גיענטפערט אמן, אונ האב זייא ערקלעהרט וואס אמן באדייט, אונ דער פאטער איז מיר זייער דאנקבאר גיוועזן פאר דיא גוטע לעהרע. מיר האבין זייער שיין פארבראכט ביז שפעט אין דער נאכט, נאכהער זיינען מיר גיגאנגען רוהען.

אויף מארגען בין איך אויף געשטאנען גאנץ פריה האב זיך איין

גיוואשין

גיוואשין אונ גידאווינט, בעפאר דער סאמאוואר איז פארטיג געווארין, נאכהער האבין מיר זיך גיזעגנט צוא טהייא מיט זעמיל. — מאמא מען דארף צאלין אפין בופעט פיר דיא טהייא מיט זעמיל וויא מיר האבין געסטערין גילעזין" ! רופט זיך אב אקליינע טאכטער פון איאהר זעקס. — יא מיין ליבעס קינד דוא זאגסט גוט — ענטפערט דער פאטער. דיא קינדער האבין אלע גימאכט אברכה, אונ דער פאטער האט פיל נחת גיהאט. אונ פון פרייד האט ער זיך אוים גירופין מיט דיזין אויסדריק: „יעצט זעהע איך אויף זיך וויא ריכטיג עס איז וואס איך האב נעכטין גילעזין בייא אייך אין ערשטין בוך (אין אבשייד) דיא מעשה פון ר׳ עקיבא וואס ער פלעגט זאגין אויף אלע געפריאטנאסט וואס איהם האט פאסירט „כל מה דעביד רחמנא לטב עביד" אלעם וואס דער בורא מאכט איז צוא א גוטין ציעל, נעכטיגע נעפריאט־נאסט וואס דער באן איז אוועק מיט מיינע זאכין, האט דאס אויך גיפירט צוא אגוטין ציעל באקאנט צוא ווערין מיט אייך, אונ מאכין אויף מיינע קינדער אגרויסע ווליאנע אין אדילקייט. מיט איין ווארט גירעט אלע זיינען גיווארין צוא געבונדין צוא מיר וויא צוא איין אלטין גוטין פריינד, אונ דיא קינדער האבין מיר ארום געפיהרט אין אלע צימערין, אונ האבין מיר גי־וויזין וויא עס איז שיין צוגיקליבין. איך האב באטראכט וויא שיין עס איז איינגיארדינט אצימער מיט אוואנע, עס גייט אריין אקראן מיט קאלטע אונ א קראן ווארימע וואסער וואס ציט זיך פון קיך, פון דיא אלע צימערין האב איך נור מקנא גיוועזין צוויי קליינע שטילע צימערלאך איינעם פון דיא וואנע וואס מען קען שטענדיג ציכטיג אונ ריין זיין, אונ דעם צווייטין וואס מען קען אפט איינזאם זיך פארמאכין אונ דורך טראכטין עפעס וועגין תכלית פין מענשין. אונ פון גרוים תשוקה בין איך אריין אצווייטין מאל באטראכטין דיאביידע צימערליך. באטראכטענדיג דיא וואנע האט מיר עפעס אשטארקען צופ גיטאן דיא הארץ, אונ איך האב אליין ניט גיוואוסט וואס דאס בעדייטעט, עס איז מיר זייער ניט גוט גיווארין, אונ עס האט מיר גיחאפט ווארפין אין קעלט. דיא ווירטהין איז זייער ערשראקען גיווארין אזויא וויא זיא וואלט עפעס אויך שפירען מיין הארץ, אונ אום ניט צוא בעאונרוהיגען איהר האב איך זיך גישטארקט אונ אריין צוריק אין זאל אונ זיך אוועילע צוא גישפארט אפין זאפע ביז עס איז מיר בעסער גיווארין, איך האב שוין דעם טאג גאר ניט גיגעסין, איך האב געשפירט אז דיא ביינער ברעכט מיר, אונ ווען איך דערמאן מיר אן דיא וואנע גיט מיר עפעס וויא אצופ אין הארצין, אונ וואס דאס בעדייט ווייס איך אליין ניט.

איד

איך וואלט אייך ראטהען מיין ליבע גאסט — זאגט די ווירטהין — איהר זאלט דורך שוויצין אין א ווארימע וואנע, איך הייס שוין מאכין פיר אייך. — איך וועל בעסער גיין אין אשוויץ באד — זאג איך, איך דיינק דאס וועט מיר בעסער ווירקען, נוא זאל זיין אזויא, מיין טאכטער וועט מיט אייך מיט גיין, טאקע אין דער שטראסע איז זייער אטייערע פעטערבורגסקע באד, זייער גוט זאג איך, איך האב זיך אן גיטאהן אונ אוועק מיט די צוועלף יאהריגע מעדכען.

ה. דער קליין־טייכעלע.

גוט גאווינד פריילין וואסערצווייג! זאגט די ווירטהין פון באדע, אנאסט אנאסט, דאכט זיך שוין העכער זעקס מאנאטין האב איך אייך היער ניט גיזעהען. מיר וואונדערט ווען איהר האט גיוואוינט ווייטער פון היער פלעגט אייער פאמיליע קומען היער אלע מאנהייט צווייא מאל, אונ יעצט אז איהר האט זיך אריין גיצויגין דא נאהענט זעהט מען אייך אין די אויגען ניט, וויא עס ווייזט אויס וויל די מוטער האבין שבר הליכה צוא גיין אין די פינפטע שטראסע, דאכט זיך אז בייא מיר איז שענער אונ בעקוועמער וויא אומעטום.

ניין — זאגט די יונגע פריילין — מיר גייען אין ערגעץ ניט, זינט מיר האבין זיך היער אריין גיצויגין איז דא אצימער מיט אוואנע, מאכין מיר זיך יעדערע אוואנע אלע וואך, אונ מאנכע מאל צווייא מאל אוואך, היינט צוא וואס דארפין מיר נאך? איך וואלט יעצט אויך ניט קומען, נור צוליב דעם גאסט וואס זיא ברויכט אשוויץ באד.

הערינדיג דעם ערינסטין אנטווארט פון די יונגע קינד האט מיר ווייטער אשטארקען צופ גיטאהן די הארץ, אונ עס איז מיר אריין אשרעקליכער גידאנק אין מוח, וואס איך האב זיך אליין ניט גיגלויבט.

איך האב מיר גוט דורך גישוויצט אז עס איז מיר אב גיגאנגען אלע גלידער, אונ האב זיך געפילט גאר לעבעדיג, איך האב זיך ארום גיוואסין, וויא דער דין זאגט*) פריער די קאפ, ווייל זיא איז דער קעניג פון אלע

גלידער

*) דער עיקר מענש איז דיא נשמה וואס זיא איז איין עווינטהום, אונ דער קערפער איז נור אלבוש (אנצוג) וואס אין איהם ערשיינט זיא (דיא נשמה) אויף דיזע וועלט, אונ בעת זיא דארף ערשיינען אין אהעכערין ארט (אין עולם העליון) טוט זיא אוים דעם פראסטין אנצוג (דעם גוף) אונ קליידעט זיך אן אין איין אדעלען אהערליכען אנצוג וואס ווערט גיארבעט פון תורה ומעשים טובים (כי הלבישני בגדי ישע מעיל צדקה),

גְלִידֶער, נאכְהֶער דִיא הַארְץ וָואס זִיא אִיז דִיא צְוֵייטֶע הַאנְד פוּן קֶענִיג, נַאכְהֶער דִיא רֶעכְטֶע הַאנְד נַאכְהֶער דִיא לִינְקֶע אוּנ דָאס גְלַייכֶען דִיא פִּיס דִיא רֶעכְטֶע פְרִיעֶר אוּנ נַאכְהֶער דִיא לִינְקֶע. — אִיךְ וָואלְט וֶועלִין אַלֶעפְלִיכֶע וַואגֶע, זָאג אִיךְ צוּ דִיא יוּנְגֶע פְרַיילִין. קוּמְט אִין צְוֵוייטִין צִימֶער — עֶנְטְפֶערְט זִיא — אִיז דָא אַ קְלֵיינֶער-טַייכֶעלֶע, אַיידֶער מִיר הָאבִּין זִיךְ אַרַיין גֶעצְווּיגֶען אִין נַאיֶעם וואוינוּנְג פְלֶעגְט דִיא מוּטֶער מִיט מִיר גֵיין דָא אִין קְלֵיינֶעם-טַייכֶעלֶע — אִיךְ וואוּנְדֶער מִיר וִויא קוּמְט דָא אַטַייכֶעלֶע, עֶס אִיז אַרוּם אוּנ אַרוּם גָאר קֵיין טַייךְ נִיטָא, אִיךְ גֵיי מִיט אִיהר אַרַיין אִיךְ זֶעה אַמִקְוֶה פוּן וַוייסֶע קַאחִיל, קְלָאר דֶער וַואסֶער וִויא קְרִיסְטָאל אַז מֶען קֶען טְרִינְקֶען, אִיךְ הָאבּ מִיר אָבּ גִיקִילְט אַיינֶעוֵויינִיג. דִיא פְרַיילִין הָאט זִיךְ דָארְטֶען גִיפְלוּסְקֶעט וִויא אַקַאצְקֶע, אִיךְ בִּין שׁוֹין אַרוֹיס הָאט זִיא נָאךְ אַלֶעם גִיפְלוּסְקֶעט זִיךְ אִין טַייכֶעלֶע.

קוּם שׁוֹין אַרוֹיס מַיין קִינְד — זָאג אִיךְ צוּא אִיהר — נָאךְ אַוַויילִינְקֶע לִיבֶּע פְרַיינְדִין, וֶוען נָאךְ וֶועל אִיךְ זִיךְ זֶעהן מִיט דֶעם טַייכֶעלֶע, שׁוֹין [8] מָאנַאטִין אַז מִיר זַיינֶען נִיט גִיוֶוען דָא אִין טַייכֶעלֶע, פוּן יֶענֶעם וואוינוּנְג פְלֶעגְט דִיא מוּטֶער מִיט מִיר כִּמְעַט אַלֶע חוֹדֶשׁ גֵיין דָא אִין טַייכֶעלֶע אוּנ זִינְט מִיר הָאבִּין דִיא וַואנֶעם גֵייעֶן מִיר שׁוֹין נִיט אִין בַּאדֶע נִיט אִין טַייכֶעלֶע.

דִיא וֶוערְטֶער פוּן דִיא יוּנְגֶע קִינְד אִיז מִיר שְׁטַארְק אַרַיין אִין נָאז, אוּנ הָאבּ אָנְגִיהֵייבִּין צוּא מֶערְקֶען וָואס מִיר הָאט אַזַא שְׁטַארְקֶען קְלַאפּ גִיטָאן דִיא הַארְץ זֶעהֶענְדִיג דִיא וַואנֶע פוּן שְׁטוּבּ, נוּר אִיךְ הָאבּ זִיךְ אַלֶעם נִיט גִיקָאנְט גְלוֹיבִּין אַז דָאס זָאל אֶמֶת זַיין. אִיךְ הָאבּ גִירֶעכִינְט, פִילַייכְט הָאט זִיא גִישְׁוַואנְגֶערְט אָדֶער גִיזֵייגִין אַקִינְד, הָאט זִיא נִיט גִיבְּרוֹיכְט צוּא גֵיין אִין קְלֵיינֶעם טַייכֶעלֶע, וַוייל עֶס הָאט זִיךְ מִיר נִיט גִילֵיינְט אַפִּין מוֹחַ, וִויא קֶען דָאס זַיין אַז אַ אִידֶעשֶׁע טָאכְטֶער זָאל זִיךְ גְרִינְג מַאכִּין אִין אַזַא הַארְבֶּע עֲבֵירָה פוּן כָּרֵת.

אִיךְ זָאג אַייךְ דֶעם אֶמֶת אִין דִי אוֹיגִין — זָאג אִיךְ צוּ דִיא וִוירְטִּהִין — אַז אַייעֶר בַּאדֶע אִיז וֶוערְט אַיין רוּבּל אַמָאהל, אוּנ אִיבֶּערְהוֹיפְּט דִיא צִיכְטִיגְקַייט אוּנ פַיינְקַייט פוּן קְלֵיינֶעם-טַייכֶעלֶע, אִיךְ בִּין אַייךְ מְקַנֵא דֶעם גְרוֹיסִין זְכוּת פוּן דֶעם, נָאךְ מַיין מֵיינוּנְג מוּזִין גֵיין דִיא גְרֶעסְטֶע אַרִיסְטָאקְרַאטְקֶעס

בייא

רופט זיך דער קערפער „בגדי מלכות" וואס אין זייא ערשיינט דער קעניג פאר זיין פובליקע, אונ בגדי מלכות דארף מען זייער שעצין אונ האלטין ריין אונ זויבער. דאס גלייכען דארף דער מענש היטין דיא גיזונד פון קערפער אונ האלטין אים שטענדיג ריין, ובעת ער וואסט אונ ריינינגט איהם דארף ער פריער ריינינגען דיא וויכטיגסטע טיילין פון אים דאס איז דיא קאפ, נאכהער דיא הארץ אונ זא ווייטער

ביא איך אין קליינעם טייכעלע, עס איז דאך ציכטיגער אונ ריינער פון דיא בעסטע וואנע״.

דאס האט אונזער רב—אברכה אויף זיין קאפ—איין גישטרויעט, פינף צימערלאך אזעלכע מיט כשרה מקואות, ווארימע אונ קאלטע, אונ דיא וואס וויל א מקוה פיר זיך עקסטרע, לאזט מען ארויס דיא וואסער אונ מען מאכט איהר ריין וויא אגלאז צו טהיי, אונ אין 10 מינוט לאזט מען אן אריינע וויא גאלד, קאלטע אונ ווארימע, אז מען מעג פון דיא וואסער טרינקען, אין דיא פאריגע יאהרען איז דאס גיוועזען אגרויסער תועלת, אז עס האבען אנגעהייבען צו גיין דיא גרעסטע אריסטאקראטקעס, מען פלעגט גיין פשוט פון פערגעניגען, נור צייט אפאר יאהר זינט עס איז ארויס דיא נייע סטראיענעס מיט וואנעס אין דיא הייזער האבען אסך הייגט-מאדישע פרויען אויף גיהערט צו באזוכען דעם קליינעם טייכעלע, אונ וואס מער עס קומט צו הייפין מיט וואנעס ווערין ווייניגער דיא מאנאטליכע געסט.

יא יא זאג איך, עס גיפעלט זייא דער פלאן פון יענעם פאראחאד-פאסאזירער, וואס האט געפיהרט אגרויסין טראנספארט ציגון, האט זיך דיא שיף אן גיהייבין צו טרינקען, שרייט דער קאפיטאן „נאספאדא! מען דארף אב לאדען משא פון שיף. מען מוז ווארפין אין ים, ווען ניט קענען מיר חלילה אלע אונטער גיין! אלע האבין גינומען ווארפין זייערע שווערע באגאז אין ים, ווייל דער לעבין איז טייערער פון אלעם. דער קויפמאן וואס פירט דיא גרעסטע משאות חאפט אויף זיינעם אוועסין אונ ווארפט אין ים, מיינט איהר אפשר דיא גרויסע ציגונעס? ניין נור זיין טלית ותפלין מיטין סדור, צוא דעם שוטה זיינען גליך דיא יעניגע וואס זייער שיף איז באלאדין מיט גרויסע הוצאות וויא הייגטיגער לוקסוס, אונ זייא טרינקען זיך, דיא הכנסה קען ניט טראגין דיא הוצאה, האבין זיך דיא קלוגע פרויען מישב גיוועזען אגוטען מיטיל, איין שפארין דיא הוצאה פון קליינעם טייכעלע, דאס איז דאך עפעס שיינע עטליכע רובל אאהר, אויף דעם רעכענונג קען מען שוין נעמען אגרעסערע דירה.— איך זעגין זיך מיט דיא ווירטהין פון באדע, אונ גייא צוא הויז שטארק צוא טראגען.

ניין!—טראכט איך ביא זיך—איך קען שוין ניט פארין מארגין, וויא איך האב גירעכינט, פאר מיר שטייט שוין דא פאר אגאנץ וויכטיגע זאך, וועלכע מען דארף זיך גוט קלערען וויא צוא בעארבעטין איהר, אונ זאג מיט גרויס ענערגיע דעם מאמר פון ר׳ עקיבא „כל מה דעביד רחמנא

לטב

לטב עביד״. איך בין שוין שטארק צופרידען וואס עס האט מיר געבראכט די בײנער, ווייל דורך דעם בין איך דער גאנצען אגרויסען סעקרעט. אונ אויב השי״ת וועט מיר צוא שיקען גוטע געדאנקען וויא אוים צוא ווירקען אויף די ווירטהין, איז דאס אליין ווערט מיין גאנצע רייזע.

וויא שפירט איהר זיך יעצט מיין פריינד? פרעגט מיר די ווירטהין זייער פריינדליך, — דאנקען דעם עוויגען פיל בעסער. איך וועל שוין קענען מארגען איה פארין.

עס איז דאך מארגין פרייטיג, — ענטפערט זיא — איך וועל אייך ניט אוועק לאזין איבער שבת. נור דערווייל טרינקט טהעע, אונ זופט יוך היי־גערשע וואס איז צוא געגרייט פיר אייך, אונ לייגט זיך אוים רוהען פון די באדע.

וואס פיר געראטענע חלות אייער קעכין באקט! — זאג איך פרייטיג פריה צוא די ווירטהין — גיין מיין פריינד — ענטפערט זיא —, דאס קויפין מיר ביין טערק, ווייל דא איז ניטא קיין יודישער גוטער בעקער, איהר וועט פילייכט ניט וועלין עסין ווייל אן חלה? זייט רוהיג מיין פריינד, זעהט איהר וויא עס איז אב געבראכין אברעג פון די קיטקע, דאס האב איך גינומען חלה מיט אברכה. ביז פאריגען יאהר פלעגט מיין אלטע מוטער באקען חלה אין שטוב אונ פלעגט אליין נעמען חלה, פארין טויט האט זיא מיר פארזאגט, אז איך זאל אלע פרייטיג נעמען חלה, קויף איך קיט־קעס ביין טערק, אונ מאך אברכה אונ נעם חלה.

אה! וויא געשייט דער יצה״ר איז — טראכט איך ביי זיך. — אין קליין טייכעלע הייסט ער איהר ניט גיין, ער זאגט איהר אז זיא איז יוצא מיט אוואנע אין שטוב. אונ חלה פון טערקס געבעק הייסט ער איהר יא נעמען מיט אברכה, וויא עס ווייזט אוים איז זיין גאנצער אנשטריינגען זיך ניט צוא לאזין בלאזין שופר מיט כוונה נור אום ר״ה, אבער אום פורים הארט איהם גאנץ ווייניג בלאז מיט די גרעסטע כוונות אונ מאך אברכה אונ שהחיינו וויא דוא ווילסט אליין. דאס גלייבען כטארייעט ער זיך, נור ניט צוא צוא לאזין באקען אליין אשעור חלה אונ נעמען חלה, אבער אז הא קויפסט ביין טערק מענסטו פון זיינט וועגין נעמען פינף מאל חלה (ווייל מען דארף ניט), נעמען חלה פון דעם וואס ניט קיין יוד האט געקנאטין אונ געבאקען צוא פארקויפין, איז גלייך וויא שופר בלאזין אום פורים, אונ די ברכה איז אברכה לבטלה.

גיין מיין פריינד! — זאג איך צוא איהר פריינדליך. — פיל מענשין

רעכענען

רעכענען אז דרום היטין זיך פרומע מענשין ניט-צוא-קויפין גיבעק ביי ניט קיין יודישען בעקער, ווייל דאס איז אן חלה. דאס איז אטעות אין געגענטהייל, דאס וואס נישט קיין יוד קנעט און באקט צום פארקויפין איז פטור פון חלה. און ווען מען נעמט פון דעם חלה מיט אברכה, איז דאס איין עבירה פון אברכה לבטלה. מען עסט ניט קיין ניט-יודישע גיבעק איבער א אנדער אורזאך (המבואר בתלמוד), און ווען איהר ווילט היטען אייער מוטער'ס צוואה דארפט איהר טאן וויא אלע אידישע טעכטער טוען און וויא אייער מוטער זעלבסט האט גיטאן, באקען חלה אין שטוב אדער פארקנעטין אין שטוב און נעמען חלה און שיקען צום בעקער אוים באקען. — איך דאנק אייך זייער מיין פריינד — זאגט דיא ווירטהין צוא מיר — דעם צווייטען פרייטיג וועל איך שוין טאהן וויא איהר לערינט מיר, ווייל דיא צוואה פון מיין מוטער איז ביי מיר זייער טייער.

צוויי שטונדין פאר שקיעת החמה, זעה איך וויא מען גרייט צום טיש מיטאג עסין, און דיא ווירטהין בעט מיר אויך גיין עסין. — גיין מיין פריינד! — ענטפער איך, — עסט אייך מיט גוטין אפעטיט איך וויל יעצט ניט. — וויא איז דאס מעגליך אז איהר ווילט ניט? עס איז שוין העכער זעכס שטונדין אז איהר האט גיפרישטיקט — זיא איז צו מיר זייער צוא געשטאנען אז איך האב גימוזט ענטדעקען דיא אורזאך, אז צו ליב כבוד שבת איז רעכט מען זאל ניט עסין מיטאג נאהינט צו שבת, בכדי מען זאל עסין דיא סעודה פון שבת מיט אגוטען אפעטיט, וויא דער שפייגער איזט אז עס קומט צוא מיר אוויכטיגער גאסט, און איך וועל איהם טראקטירען און ניט מיט-שפייזין מיט איהם איז עס אבאליידיגונג, ווען איך האב זיך גירייכט אויף איהם האב איך צו ליב זיין כבוד ניט באדארפט עסין וויא גיוואונליך אלע מאל, נור עטוואס צוא שטילין דעם גרויסין הונגער, און דער עיקר סעודה עסין מיטין גאסט צוא זאמען, דאס איבערצייגט דיא פריינדשאפט צוא איהם, דאס זעלבע דער וואס נעמט צוא שבת פיר אגרויס-ארטיגען גאסט און ריכט זיך אויף איהם, דארף ניט עסין קיין סעודה קבועה פרייטיג פאר נאכט, נור עטוואס מיני מזונות צוא פארטרייבין דעם גרויסען הונגער, בכדי צו עסין לכבוד שבת מיט אפעטיט. — דיא ווירטהין האט פארשטאנען אז איך האב רעכט, און האט צוא ליב מיר. אויך גימאכט בקצור דעם מיטאג.

נאך מיטאג האב איך זיך גינומען צוא גרייטין צום היילינען גאסט דעם שבת, דיא גרויס ארטיגע מתנה וואס דער גרויסער קעניג פון דער

וועלט האט אונז יודין גיגעבין, צום היילגען פאמיאט אז ער איז דער גרויסער אינזינער וואס האט גיבויט אזא הערליכען פאלאץ וויא די וועלט איז, אונ האב גיבעטין דיא ווירטהין זיא זאל מיר ערלויבין אליין גיין קויפין ליכט לכבוד שבת פיר מיין אייגענע געלט. איך האב מיר גיבראכט ליכט אונ צוא גיגרייט אלעס אין מיין צימער, נאכהער האב איך מזרז גיוועזן דיא קינדער וואס גיהער צוא צוא פוצין דיא צימערין, אונ ניט איבער לאזין אלעס אויף דיא משרתת פון שטוב, וויא דער שטייגער איז, אז ווען מען ריכט זיך אויף אגרויסין נכבד פארלאזט מען זיך ניט אויף קיין פרעמדין מענשין, נור מען טוט אליין וויא ווייט מעגליך איז, אונ אזויא געפינען מיר ביא אונזערע היילגע תנאים וואס אנדערע זיינען גאר גיוועזן פרידווארנע מענשין וויא ר' אבוהו וואס איז גיוועזן אגרויסער איינגייער אין קייזערליכען הויף, פלעגט ער אליין לכבוד שבת טאהן פיל ארבעט, אלעס צוא ווייזין אז דער שבת איז ביא אונז איין הויכארטיגער גאסט וואס גאר ניט אב צו שאצין. אונ האב זייא דערמאנט אז זייא זאלין אלעס אן גרייטין באצייטין וויא צב"ש ווין לקדוש, עסיג צוא חריין אונ הערינג, ביר, ארום פוצין דיא קינדערשע שוכוואר, זיך אלע ארום וואשין אונ אן טאן נייע וועש, אלעס זעהען צוא טאהן פאר דיא שקיעה, צוא רעכט מאכין דיא לאמפען אין אלע הייזער אונ אין פערעדנע אונ אויף דיא טרעפ אלעס אהאלבע שטונדע פריער בכדי מען זאל קענען אן צינדין דיא לאמפען לפחות צעהען מינוט פאר דיא שקיעה, זייא זאלין זיך קענען איין ברענען מען זאל ניט דארפין פאריכטין נאך דיא שקיעה, ווען אמאהל רויכערט אלאמפ אדער צוא פינסטער, זאל דאס אלעס פאריכט ווערין פאר דיא שקיעה. וועיל ווען דיא שקיעה קומט ד. ה. זון אונטערגאנג איז שוין שבת אונ מען טאר קיין זאך ניט טאן. איך אליין האב גיהאלפין דיא משרתת אן רייבין חריין לכבוד שבת, אונ נאך אייניגע זאכין, דיא משרתת האט מיר זייער פיל גידאנקט, וועיל פיל מאהל קומט איהר אוים צוא רייבין דיא חריין נאך ליכט בענצין, אונ קויפין ווין אונ עסיג, שיקט מען איהר פיל מאל בעת מען קומט שוין פון מעריב. אונ היינט וועיל איך האב מזרז גיוועזן איז אלעס פארטיג גיוועזן גאנץ באצייטין, אז מען האט נאך גיטרונקען גאנץ רוהיג טייא פאר ליכט בענצין. אונ נאכהער א פערטיל שעה פאר דיא שקיעה האב איך גיבענצט ליכט, אונ דאביא גיזאגט דיא גיבעט וואס דוא מיין ליבער פאטער מיט הגאון ר' יעקב תריף (רב הכולל דנויארק) האבין מסדר גיוועזן*) אונ אויף מיר קוקענדיג האט דיא ווירטהין מיט דיא עלטערע פריילינס אויך

*) נדפס בסידור ק"ם דפוס מ"ז

אזויא גיטאהן. (דיא קעכין האט מיר פארטרויט אז איך האב דא פיל אויף גיטאהן וייל שטענדיג פלעגט ארויס קומען אצייט נאך דיא שקיעה).

נאך ליכט בענצין האב איך זיך גענומען צו מיין רעכטין ציל, וואס איך קוק דא אויס. אונ וואס נור צוליב דעם בין איך דא פארבליבען איבער שבת, דיא מאנסלייט זיינען אוועק אין שול הערין דעם קאר חזן איך בין געבליבען מיט דיא ווירטין אונ מיט דיא קליינע קינדער. — אבער וויא אזויא קומט מען דא צוא צו דער זאך וועגין דעם קליינעם - טייבעלע? זיא זאל ניט מערקין אז איך וייס אלעס אום ניט צו פארשעמען איהר. אונ ווידער באטראכט איך זיך אז אזא מכה קען מען ניט האפין גלייך באקין. מען מוז פריער אן וועגדען מיטלען איהר וייך צו מאכען, נאכהער וועט מען איהר ערסט קענען עפנען. — איך פאנג אן מקבל שבת זיין הויך ווארט אין ווארט אונ פאר טייטש פיר דיא קינדער אייניגע נייטיגע ווערטער, אין געגעין-ווארט פון דיא מוטער, מיט דעם גידאנק אז דאס איז אגוטער מיטל וייך צוא מאכין דיא מכה, ד. ה. דאס הערצענס פארשטאפונג (סטטום הלב) וואס האט מיט גיבראכט צוא אזא פארדארבינהייט, צוא אזא מכה.

איך הויב אן צופארטייטשין „התנערי מעפר”, טרייסיל זיך אב פון דיא שטויב „עמי” מיין פאלק, וואס דוא בינסט אגאנצע וואך פארשטויבט פון רוח הזמן, וועלכער האט אנגיטראגין אויף דיין הערץ אגרויסען שטויב, ביז עס איז גיווארין אדיקער טינק, אונ האט פארשטעלט דעם שיין פון אמת וואס זיצט טיף בייא דיר אין הערצין (תן אמת חפצת בטוחות) „קומי”, שטייא אויף פון דיינע נידעריגע קינדערשע געפיהלען, וואס דוא דיינקסט אז דער גליק פון מענשין באשטייט נור אין גוט עסין אונ טרינקען אונ קליידען זיך אלע ווייבע אנייע מאדע, שפאצירען אין גערטנער, באזוכען טעאטערין אונ קלובין, מאכען אווינדין מעניגעם איינע בייא דיא אנדערע, שפילען גאנצע אווינדין אין קארטין, וואס ארעכטער בר דעת זעהט ארויס אז דאס איז הבל הבלים, (ארא צוא פאהרין פון יאפאן, פון אוסטראליע אין גיזונע נאוונגאראד טרינקען קאפע?!*), דיא טעג פון אזא לעבין זיינען נור וויא

בלעטלאך

*) א קויפמאן האט אמאהל מיט גינומען זיין קליינעם זאהן אפין יאהרמארק, גייענדיג פון באן גייען זייא אריין אין אקאנדיטערסקע קויפין אזעמיל, זעהט דער קינד עס זיצט אמאנס פערזאן מיט א פארפלאכטענעם צאפ אונ עסט זעמיל מיט קאפע, פרעגט ער דעם פאטער ווער איז דיזער (ער האט עס קיין מאהל ניט גיזעהען), דאס איז מיין קינד איין קיטאייעץ — אונ דער? — איין יאפאנעץ, אונ דער? — איין אווסט-ראלעץ. וויא וויט איז יאפאן פון דאנען? — פרעגט דער קינד — לערך דרייא מאהל אזויא פיל וויא אין אמעריקא אונ אוסטראליע נאך וויטער — אזוי אזוי!? זאגט דער קינד פארוואונדערט. איז דא אזעלכע גוטע קאפע אז מען פארט אז פון יאפאן אונ

בלעטלאך פון קאלענדאר וואס זייער ווירדע איז נור איידער דער טאג גייט אוועק, אבער נאכהער פליקט מען איהם אב, אונ וואלגערט זיך אונטער דיא פיס. „לבשי בגדי תפארתך עמי" קלייד זיך אן דיינע שטאט-קליידער דיין שטאלץ מיט דיין גרויס-מוטה. ערקונדיג זיך דורך דיין היסטאריע וועד דוא בינסט, אז דוא בינסט דיא חלה פון דער וועלט „ראשית תבואתו" (דיא ערסטע אונ בעסטע סארט אין אלע פריכטע פון זיין גרויסע וועלט), דוא בינסט דיא ליבט פון דער וועלט וואס בעת אלע נאראדין זיינען נאך האלב ווילד גיוועזן, זיך געשפילט מיט פאפקעס אונ ליאלקעס, האט שוין דאמאלס דיין עלטער פאטער אברהם ערקענט, אז דער הערליכער פאלאץ (דיא וועלט) האט א ווירט, וואס האט איהר גיסטרויעט, אונ אזויא וואונדערליך קלוג איין גיארדענט, בעת דיא גרעסטע טהייל וועלט זיינען נאך בארפוס גיגאנגען, זיינען שוין דיינע עלטערין גישטאנען ביין בארג סיני, אונ העכער אמיליאן מענשין האבין גיזעהען וויא גאט האט ערשיינט צוא זייא, אונ האט מיט זייא גי-רעדט פנים אל פנים דיא רעכטע כללים פון דער תורה ד. ה. דיא עשרת הדברים, וואס זינט דיא וועלט שטייט האט קיין נאראד ניט זוכה גיוועזן צוא אזא הערליכע ערשיינונג (השמע עם קול ה' ?). „על יד בן ישי" דער משורר שטעלט פאר, וויא צייטין וויים פארלירט געבאך דער איד זיין מוטה, אונ זאגט נעבאך פארצווייפילט: „אה! וויא קען איך זיך אן קליידין מיינע שטאט-קליידער אז דיא אנטיסימיטען האבין אויף מיר אן גיווארפין אזויא פיל שטויב, גאנצע בערג, אז עס איז גאר ניט מעגליך זיך אב צוא טרייסלען פון דעם, אונ פון דיא עלילות שקרים אונ רדיפות וואס ווערט נתחדש אויף מיין גוף אונ נפש טאג צוא טאג מיין איך אז מיין הימיל לאזט זיך אראפ אונ מיין פירמא „יוד עט-יודינטהום" גייט שוין אונטער, עס איז שוין קיין אנדער האפענונג ניטא, נור דורך דעם זאהן פון ישי אוים בית לחם „קרבה אל נפשי גאלה" זאל געגעהען צוא דיר מיין זעלע, דיא ערלייזונג. — שטעלט דער משורר פאר וויא איין היילגע שטימע פון הימעל ענטפערט דעם יוד. „התעוררי התעוררי" (מונטער זיך אויף, מונטער זיך אויף) „כי בא אורך" אבוואהל עס איז יעצט
אונטער

אווסטראליע, קויף מיר אויך אגלאז קאפע, — ניין מיין קינד, דאס זיינען גרויסע פאבריקאנטין, גרויסע קויפלייטע, זייא זיינען גיקומען היער צום יאהרמארק מאבין גרויסע גישעפטין. פארקויפין זייערע וואהרע אונ קויפין מאטריאלין וואס מען קריגט עס בייא זייא ניט. — דאס גלייבען מיינען דיא דרייסיג-יאהריגע-אינגלאך, אז זייער נשמה מאכט אזא וויטע רייזע פון עולם העליון אויף דיזע וועלט, נור צו עסין זעמיל מיט קאפע! ? אונ פארגעסין גאר אז דא איז אגרויסער יאהר מארק צוא האנדלען טייערע סחורה וואס מען קען עס אפין עולם העליון ניט קריגען (יפה שעה אחת בתשובה ומעשים טובים בעולם הזה מכל חיי העולם הבא).

אונטער-גיגאנגען דיין ליכטיגקייט. דוא האסט פארלאהרין דיין לאנד דיין קעניגרייך, אונ בינסט צושפרייט אין אלע עקין וועלט אונ אלע אנטיסימיטין פוסצאקעס האלטין דיר אויף דיא ציינגער, דאך פארליהר ניט דיין מוטה-„קומי אורי״ שטעל זיך שטאלץ אונ שיין, ווייז זייא מיט דעם גופא אז דוא בינסט איין עוויגע געטליכע פאלק. וויל איין אנדער פאלק אויף דיין שטעל צוא זיין טויזענדער יאהר נע ונד אן אלאנד אן אקייזערטהום, גיאגט גיפלאגט פון יעדער טויגעניכטס, וואלט שוין פון זייא לאנג אזכר ניט גיוועזן, וויא דיא היסטאריע באווייזט, אז גרעסערע העלדין פאר דיר, וואס דיא וועלט האט פאר זייא גיציטערט וויא אשור, בבל, דיא רעמער, נאכהער אז זיי זיינען אראפ פון סצענע איז פון זייא גאר ניט גיווארין, אונ דוא האלסט זיך קעגין אלע גרעסטע שטראמען אונ פלייצונגען. דאס אליין איז גינוג באווייז, אז דיר היט אפארבארגענע אויג, אונ עס פארשטעלט דיר פון אלע אונגליקען אפארבארגענע האנד. דאס אליין קען דיר גינוג שטאלץ אונ מוטה געבין. — „עורי עורי״ וואך זיך אויף, אונ וואך אויף אלע נאראדין פון זייער הארטין שלאף וואס דער שפיל-קאסטין פון דער וועלט האט זייא פאר-שלעפערט. זאלין זייא זיך אויף צוהען אונ אוים רייבין דיא אויגין אונ אבליק טאהן ווער עס האט אלעס באשאפין. „שיר דברי״ זאג לויב גיזאנג צום דיין באשעפער, זינג צו זאמען מיט דיין קעניג דוד דיא הערליכע ליד „מזמור לדוד ה׳ רועי״, זעהט אלע נאראדין שיינבאר אז דער עוויגער איז מיין הירט „לא אחסר״ זעלבסט פון דעם וואס איך פעל ניט *), איך עקסעסטיר טויזנ-

דער

*) וויא עס איז ידוע אַז דוד המע״ה האָט גיזאגט דעם תהלים פֿאַר זיך אונ פֿאַר דיא גאַנצע כנסיה. פֿאַר זיך? ווער עס באטראַכט זיין היסטאָריע זינט ער איז גיוואָרין אַשטיקיל מענש, דיא געשיכטע פֿון דיא ווילדע חיות וועלכע האָבין אַוועק גיטראָגין אַשעפּעלע פֿון זיין סטאַדע, וואָס אַנדערע אויף זיין שטעלע וואָלטין זיך באַהאַלטין חדר לפנים מחדר היטין זייערע ביינער, אונ אין איהם איז נתעורר גיוואָרין אַרוח גבורה, אונ האָט איינער אַליין גישטריטין מיט זייא אונ אַרוים גיריסין איהר פֿון זייערע ציינער. נאַכהער וויא מען האָט איהם גיזאַלבט פֿאַר אַמלכות, דיא געשיכטע פֿון גלית הפלשתי וואָס אַלע גבורים פֿון אידין זיינען צולאָפֿין פֿאַר דיא אימה פֿון דעם העלד, אונ ער האָט זיך אַסמיעלעוועט צוא גיין מיט איהם אויף אַדועל, אונ האָט בייא איהם דעם שווערד אַרוים גיצויגין, אונ מיט איהם גופא אָב גישניטין איהם דיא קאָפּ. אונ נאַכהער דיא געשיכטע מיט שאול המלך וואָס פֿיל מאָהל האָט ער איהם גיוואָרפֿין מיטין שפיז אַנטקעגין האַרצין, אונ בהשגחה האָט ער אָב גיטראָטין אַיין טריט. נאַכהער. אַז ער איז גיוועזן אַנרדף אונ האָט זיך אוים גיוואַלגערט אַלע מדבריות. דאָס איז דען אַגלייך ווערטיל? אַז מען איז גיאָגט פֿון אַמלך איז דיא וועלט איינג, אונ ניט איין מאָהל האָט איהם שאול שוין גיהאַלטין אין האַנד אונ ער איז נמלט גיוואָרין, נאַכהער וויא מען האָט איהם גיבראַכט צוא אָכיש מלך פלשתים אַז דאָס איז דער דוד וואָס האָט גיהאַרג׳ת דעם גלית, וויא ער איז דאַן נמלט גיוואָרין. עס איז אַסברא אַז אַכטצעהן יאָהר האָט איהם שאול גיאָגט. אונ ער איז אַלעס נמלט גיוואָרין פֿון זיין

דער יאהרין אין אזעלכע גרויסע גיפאהרין, אזעלכע גרויסע שטורמען וואס האבען אויסגעריסען דיא גרעסטע בערג האבען מיין קליינעם בערגעלע ניט גיקאנט רירען פון ארט, מיט דעם ווייז אלעמען אז עס איז דא איין באשעפער, „כבוד ה׳ עליך נגלה״ דיא הערליכקייט גאטעס איז אויף דיר בעוויזען. דוא זיי איין עמוד אש, אפלאם עלעקטרי פיר אלע נאראדין, אז אלע זאלין נאך גיין נאך דיין שיין (והלכו גוים לאורך), דוא ווייז אלעמען אז דיין קראפט ליגט ניט אין הערשין אויף דעם צווייטין נור צוא באהערשין זיך (איזהו גבור הכובש את יצרו ומושל ברוחו מלוכד עיר). דאדורך קען קיינער דיר ניט באהערשין ווייל מיר זיינען מבטל אונזער רצון אונזערע אלע תאוות, מיר גייען אונזער רצון צוא דעם רצון פון דער תורה, איז השי״ת מבטל דעם רצון פון אונזערע פיינדע צוליב אונזער רצון (בטל רצונך כו׳ כדי שיבטל כו׳) וואס אונזער גרויסע היסטאריע איז פול מיט דעם.

דיא צווייא פערזין „התנערי און התעוררי״ האב איך געזאגט מיט אזא התלהבות ריכטיג וויא איך וואלט ריידען אין אשול פיר אגרויסע פובליקע און האב גימערקט אז איך האב באגעגינט און אנגירירט דיא נערווין פון איהר הארץ, און דיא מכה פון איהר נאכלעסיגקייט און לייכטזיניגקייט איז פיל וייכער געווארין.

זייער אנגינעהם איז מיר אייערע ווערטער. אה! וואס פיר טיפע ריינע

גידאנקען

האנד. נאכהער וויא ער איז ארוף אפין טראהן, דיא אלע כלחמות מיט דיא פלשתים און מיט גלית׳ס ברידער. נאכהער אפערבייסונג מיט דיא מרידה פון אבשלום. קורץ דער פון דער וואס בלעטערט גוט דורך זיין היסטאריע און זעהט וויפיל הונדערטער מאהל איז דער טויט גילעגין בייא איהם אפין האלדז און ער איז נמלט גיווארין, זעהט מען אז דאס איז ניט נאטירליך, אמקרה קען נור טרעפין איין מאהל און צווייא מאהל ניט הונדערט מאהל. אזא מענש אז ער האט אוים גילעבט זיינע יאהרין און שטארבט וויא אקעניג אויף זיין בעט, קען זאגין סטיעלע צוא דיא וועלט: „זעהט אלע אז עס איז דא אגאט אויף דער וועלט וואס ער איז מיין הירט, ווייל איך פעל ניט, איך עקסעסטיר, נאך אזויא פיל הונדערטער מאהל וואס דער חלף איז גילעגין אויף מיין האלדז״. איז ער אליין אהערליכער בילד וואס ווייזט אז עס איז דא אגאט אויף דער וועלט, און שיצט דיא וואס האפין צוא איהם. און דאס גלייכין קען זאגין סטיעלע דיא גאנצע כנסיה צוא אלע אומות „ה׳ רועי״ מיט דעם וואס „לא אחסר״ נאך אזוי פיל מלחמות מיט חיות רעות וואס זיינען בעפאלען אויף מיינע שעפאלאך, און דיא השגחה האט זייא ארוים געריםען פון זייערע ציינער (וויא משה רבינו פון מייד וכדומה), נאך אזויא פיל גלית׳ן וואס האבין זיך גישטעלט מיט מיר אויף דועלין, און האבין מחרף גיוועזן מערכות ישראל (וויא בלעם וכדומה), נאך אזויא פיל רדיפות און נע ונד העבער אכטצעהן הונדערט יאהר, און בייא דיא לעצטע צייט דעם פערבייסונג אז איך בין גיאגט פון אייגענע קינדער וואס זיינען מורד אן זייערע עלטערין, און נאך אלעם דעם עקסעסטיר איך, און האב מיין תורה אין גאנצין, עס פעלט אין איהר איין אות ניט, דאס איז איין לעבעדיגער באוויז אז „אנו צאנך ואתה רועני״.

גידאנקען עם ליגט אין דיא קורצע ווערטער פון אונזערע תפלות. זייא זיינען אים-שטאנד אריין פליסין אליכטיגקייט אין הערצין. איך זאג אייך גאנץ אפין ווען מיר וואלטין דאס גאנץ אפט הערין וואלטין מיר זיך גאר אנדערש אויפפיהרען, פארטייטש מיר ווייטער איך בין גערין צוא הערין.

יא יא מיט גרעסטען פערגעניגען בין איך גרייט צוא פארטייטשין דיא פעריגע רייד פון אונזערע תפלות ובקשות, איך האב נאך אייניגע פסוקים פאר טייטש נור בקיצור, ווייל איך האב זיך גיצעלט צו קומען גיכער צום במה מדליקין, וואס דארפין דיינק איך צו עפענען דיא מכה פון קליינעם-טייכעלע, — איך פאר טייטש איהר דעם במה מדליקין, אז דא לערנען אונז דיא חכמי המשנה איינפאך וועלכע פעטס (אייל) אונ קנייטלאך קענען מיר נוצין צו דיא ליכט פון שבת אונ וועלכע ניט, ווייל דיא בוימיל ציט זיך ניט נאכין קנויט (איהם נוט פעט מאכין) אדער דער קנויט קען אויף זיך ניט האלטין דעם פייער, נור דער פייער שפרינגט אראפ אונ ארויף אונ מען וועט דארפין אלע ווייל פאפראווען וועט מען קומען צוא חלול שבת, אדער עס וועט זיך גאר פארלעשין, אונ מען וועט בלייבען זיצען אין דער פינסטער.

דער איינפאכער דין האט אין זיך אגרויסין מוראל (מוסר השכל) אזויא וויא מיר זעהען אז ווען דער קנויט קען ניט ציהען דעם בוימיל אדער ווען דער בוימיל איז ניט קפאסאבנע אריין צו גיין אין קנויט (אונ איהם פעט מאכין) קענען זיי ביידע ניט האלטין אויף זיך דעם פייער אונ קענען ניט שיינען, דאס גלייכין איז ביין מענשענס-ליכט אויך, וויא דיא גרויסע חכמים גלייכין דעם מענשין אויך צו אליכט, זיין קערפער איז אגיפלאכטענער קנויט אונ זיין נשמה איז דיא בוימיל, אונ דיא תורה איז דער הימיל'ס-פלאם, אז דער מענש באהעפט זיך מיט דער תורה, ווערט פול זיין הויז מיט ליכ-טיגקייט. ווען אבער זיין קערפער איז פארדארבען מיט מדות רעות אדער זיין זעלע איז פארשמוצט מיט דעות כוזבות קען דער פייער פון דער תורה אויף איהם זיך ניט האלטין עס שפרינגט אוועק פון איהם אונ זיין הויז בלייבט פינסטער. — נאכהער לערינט אונז דיא משנה "על שלש עבירות נשים מתות בשעת לדתן, על שאינן זהירות בנדה בחלה ובהדלקת הנר". ווען דיא פרויא איז ניט פארזיכטיג אין דיא דריי זאכען. אפילו זיא איז ניט עובר מוטוויהליג להכעים (ארום אזעלכע פארדארבענע פרויען האנדילט ניט דער תנא, ווייל אזעלכע העלפט קיין רייד ניט) נור דורך נאכלאסיגקייט היטין זיי ניט אב ריכטיג דיא דרייא מצות. ברייגגט דאס מיט אז ווען זייא קומען אין

דיא צייט פון זייער גיבוירין אקינד. וואס דאן דארף מען האבין דיא הילפע פון גרויסין וועלט-דאקטער, פירט ער מיט זייא אויך מדה כנגד מדה, אונ איז אויך נאכלעסיג. וויא פארשטייט איהר אז אקינד גייט אויף אגליציגען פלאטץ אונ דיא מוטער נעמט צוא איהר האנט פון איהם, גליצט ער זיך ממילא אויס אונ צוברעכט רוק אונ לענד, ד. ג. ווען דער הימיל-אקישער שטייט פון ווייטין אונ לייגט ניט צוא זיין האנד, פארשטייען מיר שוין אליין וואס עס ווערט געבאך פון איהר.

מיר זעהען דאך אבער פיל פרויען וואס זיינען ניט אב געהיט אין דעם, איך אליין ווייס פיל פרויען וואס נעמען ניט קיין חלה, אונ היטין ניט אב קיין פרויען ריינטליכקייט, אונ אויך בענטשין ניט קיין ליכט אונ קומען איבער בלאגא-פאלוצנא? — פרעגט דיא ווירטהין אזויא האסטיג — אונ ווידער פארשטייא איך ניט — פרעגט זיא ווייטער — וואס איז דאס דיא חלה פאר אזארט מצוה נעמען גרוים וויא אכזית אונ אריין ווארפין אין פייער?

ערלויבט מיין פריינד — ענטפער איך מונטער, — ווייל דא האב איך אנגיטאפט דעם פולס אונ זעהע וויא דיא טעמפעראטורע שטייט, דא האט מיר דער חולה געוויזין דעם צונג, אונ האב גיזעהען נאך דיא שוואמען וואס אויף איהם אין וואס דיא קראנקהייט באשטייט — אז עס הייגט אשטרויא אפין נאז אונ זיא קען איהם ניט אראפ נעמען. — ערלויבט ערלויבט איך וועל אייך אביסעל ערציילין אונזער היסטאריע אונ ערקלערין וואס די דרייא מצות פון דיא פרויען בעדייטין, דאן וועט איהר פארשטיין אז אייער פראגע הייבט זיך גאר ניט אן.

ג. דער צווייטער בריעף.

אז איהר וועט לערנען תנ"ך (ירמי' א') וועט איהר וויסין אז דער בורא רופט אונז "ראשית תבואתו" (דיא ערסטע אונ בעסטע סארט פון אלע פריכטע פון זיין גרויסע וועלט). אונזערע עלטערין האבין ערקענט דעם בורא בעת דיא וועלט איז נאך גיוועזען האלב ווילד, אברהם אבינו איז גיוועזן דער ערסטער וועלכער האט גימאכט ערקענען אלעמען אז עס איז דא איין באשעפער, וויא דער מדרש (ב"ר פל"ט) שילדערט דאס אב (אר"י משל לאחד כו' אמר תאמר שהבירה הזו בלי מנהיג? כו') עס האט אוועלט רייזינדער אין אפינצטערע נאכט גיבלאנדזעט, ער האט דיא וועג ניט גיטראפין, פלוצלונג האט ער דערזעהען אשיין פון פייער, איז ער נאך דעם שיין נאך גיגאנגען ביז ער איז גיקומען צוא אהויז.

וויא

זויא ער האט נור דיא טיר געעפינט איז איהם שוין ליכטיג געווארין אין דיא אויגען. ער זעהט פאר זיך איין אויסנאהמע פראכטיגע הויז, — דער סופיט איז געפאקאסטירט דונקיל בלאה, אין סופיט איז אריין גיצויגין פיל פלאטען גאזע באלייכטונג, אין מיטין צווייא גרויסע עלעקטרישע פלאמען, אויף דיא פענסטער גארדינען, פון דרויסין לאדינס, אין הויז זייער אגישמאקער לופט.

דיא דילין איז באצויגען מיט טייערע ניקאלירטע דיוואנעס, אין דיא ווינקלען שטייען טייערע גרויסע וואזאנעס, צום הויז איז דא אגארטין, אוואלד, אטייך, אוואסער צאנג גייט איבעראלל, אויך גייען ארום אלע זארטין עופות, בהמות, אין הויז איז דא פערשיעדענע פריפאסין וועלכע נייטיג איז. פון אלע זאכין איז קאנטיג, דאס דא וואוהנט אהרייכער ווירט, מיט קאפ אונ גרויס חכמה איז אלעס איין גיארדענט, קיין ווירט זעהט ער אבער ניט, ער זעהט נור קינדער שפילען זיך אין פאפקעס אונ ליאלקעס, רופין דיא פאפקע מאמא, אונ דיא ליאלקע פאפא. ער פרעגט ביי זייא וואו איז דער ווירט? זייא שווייגען אונ ווייסען איהם ניט וואס צוא ענטפערין.

ער טראכט וואו איז ער דא אין דער וועלט? איז דאס מעגליך אהויז, ובפרט אזא גרויס-ארטיגע זאל זיך פיהרין אהן א ווירט? אפאטער תארפט ניט אוועק קיין קינדער, — וויא ער גייט ארום אזויא פארטיפט אין געדאנק, פלוצלונג האט פאר איהם ערשיינט אגרויסער גראף אמאנארך, אונ זאגט איהם: „איך בין דער ווירטה! אונ דאס אלעס וואס דוא זעהסט, האב איך אליין מיט מיינע הענד גענרינדעט. אליין גיבויט אליין גיפלאנצט, אליין באלויכטין, אונ דאס זיינען מיינע קינדער, וואס איך וויל זייא גליקליך מאכין אויף עביג, ווען זייא זאלין נור פארשטיין וויא מיר גיהארכזאם צו זיין.

ער איז שרעקליך ערשטוינט גיווארין פון דיא חכמה פון דעם מאנארך. אוים צוא שטרויען אליין אזא פאלאץ מיט אלע בעקוועמליבקייט. אונ וויא ער האט ערקענט אויף איהם אז ער איז פול מיט גינאדע אונ וואהלטהאט, איז ער זייער צוא גיקלעפט גיווארין צוא איהם. אונ האט אן גיהויבין צוא ערקלערין דיא קינדער זייא זאלין אוועק תארפין דיא פאפקעס מיט דיא ליאלקעס אונ צוא לייגין דעם מוח צוא באטראכטין דיא חכמה נפלאה פון זייער פאטער, אונ סטארייענען זיך, זיין איהם גיהארכזאם, פאלגין אלעס וואס ער לערינט זייא צו זייער גליק. אונ זעהע אז אין אלע זייערע טהאטין זאל זיך אב שפיגלען, אז זייא שטאמען ארוים פון אפאטער אזא חכם אונ איין אדעל.

דער ביזינדער דאס איז אונזער פאטער אברהם. ער האט גיבלאנזשעט,

וויל

וייל זיין פאטער תרח איז געוועזן אגעצין דינער, נמרוד דער גבור ציד איז דאן קעניג געוועזן, אונ דיא געצין דינסט האט געשפילט דיא ראלע, אברהם האט אנפאנגס דיא וועג ניט געטראפען, ער האט גיקלערט אויף דיא זוהן, דיא לבנה, אפשר איז דאס גאט. נור זיין געזונטער פארשטאנד האט דאס איהם ניט געלאזט גלויבין, ער האט זייער פיל גיהארעוועט, געטראכט געדיינקט וויא צו דער גיין דעם אמת, ווער עס האט באשאפין דיא גרויסע וועלט, אונ אויך דיא קליינע וועלטיל, דאס איז דער מענש וואס ער האט אין זיך דיא כחות פון דיא גאנצע נאטור, אונ צו וואס פיר אצעל דער מענש איז באשאפין גיווארין? איז דען מעגליך אז זיין תכלית איז נור וויא אבהמה צוא עסין אונ טרינקען, אונ לעבין אטאג? (מאכען אריינצ צוג יאפאני נאך ניזנע-נאווגאראד, טרינקען קאפע!? עי' צד 45 בהערה) אז זיינע טעג זאלען זיין וויא דיא בלעטלאך פון קאלאנדאר, וואס זייא עקסעסטירין נור בעת דער טאג איז דא, נאכהער וויא דער טאג פארגייט פליקט מען זייא אב אונ מען טרעט זייא אונטער דיא פיס, אזויא זאלין אוועק גיין דעם מענטשינס טעג? אויב נור אזויא איז ער דאך פיל אונגליקליכער פאר די בהמה, דיא בהמה באקומט דאך איהר שפייז אן מיהע, איהרע קינדער גיבוירט זיא אונ האדעוועט אן מיהע אונ שמערצין. איהר שרעקט ניט אב דיא אונגליקען וואס קענען מארגין זיין, אונ דער מענש איז אין אלעם דער היפוך —.

דיזע גידאנקען האט איהם ניט גילאזין קיין רוהע, ער האט ניט גיגעסין ניט גיטרונקען נור גיזוכט דעם אמת, גאט האט צוגיזעהען זיין ריינע הארץ מיט זיין מיהע אז ער וויל וויסין דעם אמת, האט ער אין איהם אריין גישיינט אשטראל פון אמת ואמונה. איז ער צוא גיגאנגען נעהענטער צוא דער זאך, ער האט דערזעהען דיא וועלט מיט איהרע גרויסע אר־דענונגען, אלעס אב גישטימט פינקטליך צוא דער צייט אין וואג אונ אין מאס, ער האט דערזעהען דיא צווייא עלעקטרישע פלאמען וואס בעלייכטין דיא וועלט, דאס איז דיא זוהן מיט דיא לבנה, דער הימיל מיט דיא שטערין וויא גאזע פלאמען, דער שאטען צוא פארשטעלין דיא היץ וויא גארדינען, דיא פינסטערע נאכט וויא לאדינס, דער גישמאקער לופט איבעראל.

דיא ערד איז באדעקט מיט פערשיידענע שפראצונג אונ געוואוקס, אין דיא ערד געפינט זיך פערשיידענע מעטאלען. אלע מיני ברואים פון דער וועלט, יעדער מין מיט זיין נאטירליכען פארשטאנד ער זאל קענען עקסעסטירין. דיא ימים מיט דיא ברואים וואס אין זייא, דער וואלקען מיט זיין רעגין אלעס גיוויגין אונ גימאסטין ריכטיג.

אברהם

אברהם איז גיווען דער גרויסער פילאזאף, האט ער אנגיפאנגען קלערין, איז דאס מעגליך אזויא אגרויסע וועלט, יעדער זאך קינסטליך געארבעט, אונ עס איז נאך אלעס נייא וויא היינט גימאכט, זאל ניט זיין איינער וואס האט דאס אלעס געארדענט, אונ פיהרין די גאנצעווירטשאפט? עס איז אונמעגליך צוא גלויבען. ער זעהט אבער דיא מענשין פון דער וועלט פארשטעהען גאר ניט, זייא פארנעמען זיך גאר מיט פאפקעס אונ ליאלקעס ד. ה. מיט דיא געצין-דינסט. — ער האט זיך אזויא פיל פארטיפט אין גידאנקען, ביז גאט האט זיך צו איהם באוויזען בנבואה, אונ זאגט איהם: "איך בין דער ווירטה פון דער וועלט, איך בין דער באשעפער אונ דער פיהרער, אונ אלע מענטשין זיינען מיינע קינדער וואס איך האב זייא באשאפין צוא אגרויסען ציעל״.

אט יעצט האט אברהם דערשפירט וואס פארגעניגען איזט, אז דיא אלע פארגעניגען פון דער וועלט הייבט זיך גאר ניט אן קעגין דיא איין מינוט פארגעניגען וואס דער מענש ווערט אויס גיטאהן פון קערפער אונ איז זיך מתדבק צוא גאט, וויא ער האט יעצט געשפירט בייא זיך אין דיא צייט וואס ער איז גיוועזן אויס גיטאהן פון גשמיות אונ גירעט מיט גאט, האט ער פון דענסטמאהל אן זיך אנגיהייבין אלעס וואס מעגליך איז אב שיידין פון דיא גראבהייט פון חומר, וואס ער איז נור וויא אבהמה, אונ זעהען אלעס פארגלייכען זיך צוא דיא טהאטין פון השי״ת, אונ אזויא וויא דער ערסטער געפיל וואס ער האט משיג גיוועזן פון דיא בריאה וואהר אז השם יתברך האט באשאפין דיא וועלט ניט פון אייגען-נוטצין וועגין, נור בלויז חסד ורחמים, גליקליך צו מאכין דעם מענטשין אויף עוויג, האט ער אויך אנגיהייבין צוא טאהן חסד מיט אלעמען, ביז וואנען ער איז גיווארין דער חסד אליין (חסד לאברהם), אונ ניט נור אייניפאכע חסד, וויא באהילפיג צוא זיין יעדערין קערפערליך. זאנדערין איבערהויפט גייסטליך, מאכין אלעמען ערקענען דעם נאמען פון דעם באשעפער אונ דעם פירער, דאס אלע זאלין וויסין אז עס איז דא אגאט וואס האט באשאפין דעם הערליכען פאלאץ (דיא וועלט) אונ ער איז דער פיהרער פון דער וועלט. דיא אלע לעקציאנען וואס ער האט באלערינט דיא וועלט האט איהם גי-קאסט גוט אונ בלוט, האב אונ גאב. ווייל נמרוד׳ן מיט זיין סוויטע האט דאס זייער ניט גישמעקט (זייא האבין גיוואלט דיא וועלט זאל זיין פינסטער ער וועלין זייא איהר קענען מעלקין) האבין זייא איהם שטארק רודף גיוועזן אונ באהעהר גיווארפין אין קאלך אויבין, אונ ער האט זיך פעסט גיהאלטין

בייא

בייא זיין גידאנק, אונ איז ניט מיד גיווארין ארום וואנדערין אין דער וועלט פארשפרייטין אום-אונד-אום זיין הויכען אידיאל. ביז גאט האט איהם גי-האלפין, אז ער האט באלויכטין אגרויסין טהייל וועלט, אונ אלע זיינע פיינדע זיינען אונטער איהם גיפאלין.

דאס זאגט דער נביא ירמי' אין גאטעס נאמען (זכרתי לך חסד נעוריך), איך דערמאן דיר דיין גינאדע פון דיין יוגינד, בעת דער יודינטהום האט זיך אנגיהויבין אקארסט צוא ענטוויקלען אין אברהם'ס צייט, וואס דיין פאטער אברהם האט: מיט מיר (גאט) חסד גיטאהן, מיר באקאנט צוא מאכין אין דער וועלט, (אהבת כלולתיך) אויך גידיינק איך דיא ליבע פון דיין האכצייט, דאס איז דיא צייט וואס זרע אברהם האבין גישלאסין פרטיא מיט השי"ת, אוועק ווארפין אלע גלולי מצרים אונ דינען נור דעם גאט פון אברהם אונ מקבל גיוועזן אתורה על הר סיני, (לכתך אחרי במדבר) אויך גידיינק איך דיין טרייהייט מיט דיין איבער געבונג צוא מיר אוועק ווארפין אזא פרוכט-בארע לאנד וויא מצרים (כגן ה' כארץ מצרים), אונ גיין נאך מיר אין דער וויסטע (בארץ לא זרועה), אויף איינעם ערד-באדען, וועלכער נאך נימאלס קיין זאמען עמפפאנגען האט (קודש ישראל לה') פיר דאס אלעס וועסט בייא מיר זיין אהייליגטהום וויא דיין פאטער אברהם, וועלכער האט דער ערסטער פארשטאנען וואס דער אמת'ר פערגעניגען איזט, אונ האט זיך סאגלאסעט צוא זיין מיין הויז לעהרער, צוא לערנען אלע מענשין דיא אמתע וועג, אזויא וועט איהר דיא גאנצע פאמיליע ישראל בייא מיר זיין הויז לעהרער, צוא באלערנען אלע נארדין דיא אמתע וועג פון לעבין, צוא פאר ענדיגען דיא פובליצירונג דאס גאט-הייט (פעולת ההכרזה) וואס אייער פאטער אברהם האט אנגיהויבין. (ראשית תבואתו) איהר זייט בייא מיר דיא ערשטע אונד בעסטע סארט פון אלע פריכטע פון מיין גאנצע וועלט (ויא מען רופט דאס קרוין, פרימא).

אויף דיא היסטאריע באציהט זיך דיא דרייא מצות פון דיא פרויא, (ווייל זיא איז די עקרת הבית, פונדאמענט אונ ווארצעל פון איין יודישעם הויז), וויא דער תלמוד זאגט (שבת ל"ב, ראשית קראתי אתכם על עסקי ראשית הזהרתי אתכם), ווייל איהר זייט בייא מיר דיא קרוין פון מיין באשאף, וואס איהר דארפט מיט אייערע טהאטין באלייכטין, פארשיינען אונ באלערנען אלע מענשין פון דער וועלט. (דער נביא ישעי' רופט דאס יודישע פאלק „כרם ה' צבאות" גאטעס-גארטען נטע שעשועיו' גאטעס ליבליכעס-פלאנצונג וועלכע זייער פליכט איזט צוא ברייגען וואהלשמעקענדע פריכטע אויף דער וועלט). — נור וויא אזויא איז דאס אבער מעגליך אז אלע יודין זאלין שטיין מיט אזא

הויבען

הויכען אידיאל, אונ מיט פייהיגקייטין צוא זיין לעהרער פאר דער וועלט, צוא מאכין דיא גאנצע וועלט פאר גאטעס-גארטען? דיא באשעפטיגונג וועגין דעם קערפער אויס האלטין פארנעמט דאך איהם דיא גרעסטע טהייל צייט, אונ אויף דיא ביסעלע צייט וואס פארבלייבט איהם וואו איז דער יצה״ר אין דער וועלט? וואס הייסט איהם זיך פארגלייכין צוא מאנכע פעלקער פארברייגנגען אין טעאטערין אונ קארטין שפיל, אונ מיט אזא פיהרונג וועט ער דען קענען זיין אליכטיגקייט פאר דער וועלט? דרום האט השי״ת אב גישייד פון אונז דעם שבט לוי, ער זאל ניט נעמען קיין חלק אין דער לאנד, אונ זיין חלק האט דאס פאלק גינומען צוא בעארבייטען אונ איהם צו געבין אלעם פארטיגע אום איהם צו בעפרייען פון אלע קערפערליכע טרדות, ער זאל זיין פרייא נור צוא תורה ומעשים טובים, דאפיר וועט ער מיט זיין תורה וואס ער איז אב גילייגט אויף דעם זיין גאנצין לעבין, בעלעהרען דיא גאנצע פאלק, אז דיא פאלק אין איהרע רוהיגע צייטין זאל זיא איהם נאך טאהן, קערין זיך צוא גאטעס דינסט, ניט נאך צוא טאן דיא הבלי אומות הקדמונים. אונ האט אונז אן גיזאגט, אז אלע ערשטע זאלין מיר געבין דעם כהן. איך מאך פארטיג דיא תבואה אריין צו נעמען אין זאסיק דארף איך דיא ערשטע (תרומה ומעשר) געבין דעם כהן ולוי, איך קנעט ברויט זאל איך דאס ערשטע אב שיידען אטהייל פון פיר אונ צוואנציג (ווען איך קנעט צוועלף פונט דארף איך נעמען אטייגיל פון אהאלב פונט (אבעקער וואס זיין טייג איז אגרויסע דארף נור געבין אפערטיל פונט) מאכין אבולקע פאר דעם כהן, צוא דעם תכלית אז ער זאל זיין רוהיג פון אלע טרדות-הזמן נור צוא תורה ומעשים טובים, דאדורך וועט דיא גאנצע פאלק קענען זיין ממלכת כהנים וגוי קדוש, אז אלע אומות זאלען קענען גיין פאר איהר שיין, צו ערקענען דעם באשעפער אונ דעם פיהרער פון דער וועלט *).

יעצט

*) נור וויל היינט זיינען מיר מיט דיא כהנים טמאים, וואס מיר קענען דיא חלה ניט עסין נעמט מען נור אכוית אונ מען פארברענט, בכדי דער גידאנקען פון חלה-נעמען זאל בייא אונז ניט פארגעסין ווערין. אונ מיר זאלין איהם ערפילען דורך אנדערע מיטלען וויא שטיצען תורה אונ מחזיק זיין ישיבות. — לבד וואס דיא מצוה פון חלה-נעמען האט אין זיך נאך טייערע גידאנקען, אזוי וויא תרומה ומעשרות וואס לערנען דעם מענשין אז אלע זיינע קנינים איז אמתנת אלקים (אגאטעס גאבע), דער בורא איז דער ווירט פון דער וועלט, ער גיט דעם מענטשין פראוואזיטעלסטווא (לעבען) אונ פראוואטארגאוולע (פרנסה) אונ אן דעם רצון הבורא העלפט ניט קיין השתדלות (אזוי וויא מען האט אונז געוויזען אין דער מדבר בייַן מן, אז דער וואס האט גילייגט השתדלות אונ גיקליבען אסך מן האט קומענדיג צוא הויז ניט גיפונען מעהר וויא איין עומר לגולגולת) אונ ביי עבודת האדמה זעהט יעדערער שיינבאר אז זיין גאנצע מיהע פון אקערין אונ זייען קען גאר ניט געבין ווען עס זאל ניט זיין דערבייא גאטעס גאבע

יעצט פארשטייא איך שוין — חאפט זיך ארוים דיא ווירטהין ערשטוינט —
וואס מיין אלטע מוטער פלעגט מיר ערציילין פון דיא באקען אז גלייך
וויא זיא פלעגט אריין ווארפין דיא חלה אין אויבין, פלעגט זיא זאגין:
„מען דארף מאכין איין חלה׳לע פאר דעם ישיבה-מאן". האב איך ניט
פארשטאנען וואס גיהער זיך דאס איינע צוא דיא צווייטע. יעצט פארשטייא
איך אז עס האט אגרויסע שייכות, ווייל אונזערע עלטערין האבין גיוואוסט
דעם אידיאל וואס ליגט אין חלה-נעמען, אונ וויא באלד יעצט וואס דיא
חלה אונ דיא כהנים זיינען טמא, אונ עס גייט לשריפה ווערט דאך דער
תכלית פון חלה ניט איספאלנייעט, דרום האט זיא גלייך גימאכט צום
ערשטען איין חלה׳לע פאר דעם ישיבה-מאן. וויא דיא צרפתית מיט אליהו
הנביא

רעגין אונ גוטע לופט אונ אוים היטונג פון אלע פגעים וויא היישעריגין אונ ווערים אונ ד. ג., דרום וויא עס ווערט פארטיג דיא תבואה (אפין פעלד אדער דיא פרוכט אפין בוים) דארף ער דיא ערסטע בכורים פירען מיט שמחה אין בית המקדש, וויא דער אריס (וואס ארבעט אגארטין פון אגראף צו נעמ׳ן אטייל פון דיא פירות) טראגט דיא ערסטע פרוכט צום גראף. נאכהער וויא ער נעמט אראפ, דארף ער געבין אחלק צו גאט תרומה ומעשרות, דאס זאל אין איהם איין פליסען טיף דעם געדאנקען אז אלעס וואס ער נעמט אראפ פון דיא פעלדער איז גאטעס גאבע, אום זיין הארץ זאל זיין ווייך אונ אדעל צו באנוצין מיט דעם נאך גאטעס וואונש, צו טאהן גוטעס זיך אונ אלע מענשין.

דער פאבריקאנט וויים דאך אבער זיינע מאטריאל! השי״ת וויים דאך דיא הארץ פון מענשין, אז בעת ער איז נאך ניט זיכער מיט דער זאך (עס זאל זיין געוויס זיינע) דיינקט ער טאקע צו טאהן מיט דעם גוטעס, אבער נאכהער אז ער האט שוין אריין גיקראגין, שטעלט זיך איהם פאר אז דאס איז זיינע נור זיינע אונ דער עוויגער איז שוין גאר קיין מחותן ניט מיט דעם אונ ער האט שוין בילבערע זאכין אויף וואס צו פארברייננגען זיין געלט, נאך צו געבין זיין תאוה אונ זיין לוקסוס מיט דיא גאוה. אונ זיין הארץ ווערט שוין הארט וויא שטיין (איינער האט אמאל גיפרעגט אגביר זאג מיר מיין פריינד עס איז דא אגאט אויף דער וועלט? איך וויים ניט — וואר זיין אנטווארט — פרעגט ער איהם ווידער טוא פון וואנען לעבסטו? קוקט איהם דער גביר אן אין דיא אויגין וואס הייסט פון וואנען לעב איך? איך שנייד קופאנעס פון אינגרישע בילעטין אונ לעב פון דעם, נוא איז ער שוין עפעס א מחותן מיט דעם עוויגען?) דאס גלייבען דיא תבואה וואס איז שוין אוים געהיט געווארען פון אלע אומשטענדע וויא היישעריגען אונ ד. ג. אונ ער האט איהר שוין אריין גינומען אין אוצר (מאגאזין) מיינט ער אז עס איז שוין גאר זיינע. אויף דעם קומט דיא תורה מיט דיא מצוה פון חלה־נעמען אן צו מערקין דעם מענשין אז אפילו בעת דיא תבואה איז שוין בייא דיר אין שטוב, דוא האסט שוין צו מאלין אונ גיקנאטין אונ דוא דיינקסט אז דוא בינסט שוין גאר זיכער מיט איהר, זאלסטו דאן אבשיידען אשטיקעלע צו ליב גאטעס באפעל, בכדי דוא זאלסט גידיינקען אז אפילו אין דיין הויז וואס דוא בינסט אבעל הבית אין איהר אונ ראספראזייעסט זיך דארטען מיט דיין אייגענעם גוילען בינסטו נאך אלעס ביי גאט אין האנד, אלע ווילע קען ער צו נעמען ביי דיר דיינע אלע קנינים אויב דוא וועכט ניט וויסען וויא צו באגיין זיך מיט דעם. אונ דיא ציים וואס דוא האסט דאס איז דאס נור גאטעס גאבע, צו באנוצין צו אבעשטימטען ציעל, טאהן זיך גוטעס אונ לייטין (ד״ר תירש בס׳ חורב, דבש וחלב תחת לשונו).

הנביא (מ"א יז) פריער האט זיא גימאכט פאר איהם אקוכין נאכהער פאר זיך
מיט דיא קינדער*).

יא יא געווים איז עס אזויא, יעצט באטראכט וויא דיא מצוה פון
חלה-נעמען מאכט דיא יודישע טאכטער טריי צו איהר נאמיע, דאס קלינגט
איהר אין אויער: „אך מענש, דוא מענש! וויא טייער עס דארף ביי דיר
זיין דיין לעהרער וואס לערינט דיר גאטעס וועג, אז ווען דוא באקסט
ברויט זאלסטו גלייך ביין קנעטין דעם ערסטען ביסין מאכען פיר דיין
לעהרער נאכהער פיר זיך, אה! וויא דער היילינגער געדאנק האט אויף
דיא יודישע פרויא גיווירקט צו ערציהען איהרע קינדער נאך דעם גישמאק
פון דיא רעליגיאן, און אנצינדין זייער ליכט מיט דעם פייער פון דער תורה
וואס אויף דעם באמערקט דיא מצוה פון ליכט בענטשין, וויא אונזערע
חכמים זאגען (ברכות י"ז) „נשים במאי זכיין" וואס איז דער עיקר זכות פון דיא
פרויען? מיט דעם וואס זייא בריינגען אראפ דיא ליכטיקייט פון דער תורה
צו זייערע מאנען און קינדער, ווי מיר האבען פריער דער מאנט, אז דער
מענש מיט דיא תורה איז אגעטליכע ליכט אויף דער וועלט, דער קערפער
מיט דיא זעלע איז וויא אקנויט מיט בוימיל און די תורה איז דער געט-
ליכער פונק, אז דער פונק קומט צוא זאמען און באהעפט זיך מיטין לאמפ,
ווערט פול דיא אידישע הויז מיט ליכטיקייט, אז זיא זאל עוויג עקסעס-
טירין אויף דיא וועלט, און נאכהער אויף דיא עוויגע וועלט, און אונטער
וועמעס האנד ליגט דאס? נור אונטער דיא פרויא וואס זיא איז די ווירטין
פון שטוב און דיא גיהילף פון מאן, איהם מזרז צו זיין בעת ער קומט פון
זיין ארבעט און זיא דערלאנגט איהם קערפערליכע שפייז און ער רוהט זיך אבי-
סיל אויס דאן דארף זיא איהם אויך געבין גייסטליכע שפייז פיר זיין זעלע און
זאגין פריינדליך: „זעהע מיין ליבער מאן נעם אוויילע אספר אין האנד, לערין
אליין, הארך וואס דיא קינדער האבין גילערינט אין חדר צוא וויסין זייא,
עס זאל אונזער מיהע ניט גיין לאיבוד". און וויא חייט א גוטע פרויא קען
ווירקען מיט גוטע רייד אויף איהר מאן, דאס איז גאר ניט אויס צו שרייבין
וויא דער חכם זאגט (אשת חיל, עטרת בעלה) אקלוגע גאטס-פארכטיגע פרוי
איז דיא קרוין פון איהר מאן, (חכמות נשים בנתה ביתה) דיא קלוגע פרוי
בויט

*) דאס איז דער גידאנקען פון מדרש, בראשית בשביל חלה שנקרא „ראשית"
עריסותיכם נברא העולם. וויל דער גידאנקען פון חלה לערינט אונז מיר זאלען זיין
קודש לה' ראשית תבואתו. צו זיין לאור עולם און דאס איז טאקע דער אמתער
תכלית פון בריאת שמים וארץ, שימלא כבוד ה' את כל הארץ על ידי ישראל
נושאי דגל התורה והמצוה.

בויט איהר הויז, זיא צינדעט אן דיא געטליכע ליכט. דיא ליכט פון שבת וואס דאס באדייט אויף דיא עוויגקייט (ליום שכולו שבת) צינדעט זיא אן ביא איהר אין הויז, אז עס זאל לייכטין אימער אונד עוויג. ווער עס איז קלאהר אונזער היסטאריע ווייס וויפיל פרויען האבין אריין געבראכט געטליכע ליכטיגקייט אין בית ישראל, דיא שיינע רחל דעם אידישען מיליאנער'ס (כלבא שבוע'ס) טאכטער האט געבראכט אגרויסין שטערין דעם תנא ר' עקיבא מיט פיר אונ צוואנציג טויזינד קליינע שטערין אויף יודישען הימיל, ביא אונזערע מוטער'ס שרה'ס האט געברענט דיא ליכט (פון שבת) פון שבת צוא שבת אז דיא ליכטיגקייט פון דער תורה וואס זייא האבין מזרז געהען זייערע מאנען עוסק צו זיין אין דעם טאג פון שבת (ד. ה. בעת דער מענש איז אוים גירוהט אונ פגוי פון ארבעט) האט גימאכט מוטה אונ פלייס צו שיינען אגאנצע וואך (וואס מען איז מאנכע מאל טרוד אונ מיד פון ארבעטין). ניט אום זיסט האט דער בארימטער חכם גיגליכען דיא תורה צו א אשת חיל, ווייל א אשת חיל איז איינע פון דיא טייערסטע אנטיקען אין דעם וועלט-אוצר. דאס איז דיא כוונה פון אונזערע חכמים „נשמה שנתתי בכם קרויה נר' דיא נשמה וואס דער בורא האט געגעבין אין מענשין הייסט נר" וויא דער פסוק זאגט נר ה' נשמת אדם, דיא נשמה פון מענשין איז גאטעס ליכט, אליכט דארף האבען א קנויט ד. ה. דיא נשמה דארף האבען אקערפער, אונ מען דארף איהר ליכטיג מאכען מיט פייער, אליכט אן פייער איז פינסטער, דיא פרוי דארף אן צינדין דיא ליכט פון שבת אז עס זאל שיינען, דאס באמערקט איהר אז איהר פליכט איז אריין צו ברייגען דעם אור התורה אין איהר מאנס אונ קינדער'ס ליכט, ווייל ווען איהר מאן אונ קינדער זיינען אן תורה איז זייער ליכט אן פייער.

מיר האבין פריער גילערינט „במה מדליקין ובמה אין מדליקין אז דיא ליכט וואס דארפין ברענען שבת דארפין זיין געמאכט פון אזעלכע בוימיל אונ קנויטין וואס דער פייער זאל זיך האלטין אן זיי אונ ברענען העל אונ ליכטיג, ווען אבער דיא בוימיל איז ניט קיין ריינע אונ דער קנויט איז ניט פייהיג אז דער פייער זאל זיך אן איהם אן האלטין דאס קען מען ניט באנוצין אויף שבת, ווייל אם ענדע וועט מען בלייבין זיצין אין דער פינסטער אונ אויב איהר געדיינקט דעם קלוגען ווארט פון דעם געטליכען פהילאזאף (דער בחינת עולם) אז דער קערפער מיט דיא זעלע פון מענשין דאס איז דער קנויט מיט דיא בוימיל וואס דער פאבריק פון זייא איז דיא מוטער (זיי ווערין ענטוויקילט אין מוטער-לייב) אויב דיא פאבריק ארבעט ריכטיג וויא דער מייסטער

האט

האט איינגיסטרויעט, דאן קומט ארויס דער קנוט מיט די בוימיל ריין און פייהיג אז דער פייער זאל זיך לייכט אן נעמען און ברענען העל און קלאר. דאס איז ווען די פרויא היט אב איהר ריינטליכקייט נאך די פראגראמע וואס דער וועלט-פאבריקאנט האט גיארדינט, דאס איז נאך דעם אר-דענונג פון דער תורה, וואס זיא שרייבט (ויקרא ט"ו) „והזרתם את בני ישראל מטומאתם" איהר זאלט אב ציהען די יודישע קינדער פון די אונריינ-ליכקייט?, דאס איז איין אויפמערקזאמקייט אז די יודישע טאכטער נאהינט צו איהר מאנאטליכען זפלוס זאל זיא שוין זיין באזונדער, נאכהער ווער רעכט די גאנצע צייט פון פלוס דאס איז דאך אפאסנע פיר דעם קערפער אויך, אם ענדע וויא דער פלוס הערט אויף דארף זיא ציילין 7 ריינע טעג, און דעם זיבעטין ריינעם טאג אוונד דארף זיא גיין טבילה אין אכשרה מקוה, דאן ווערט זיא טהור, אויב זיא היט אב אלעס וויא די תורה לערינט איהר, פארמעהרט זיך אויס ביי איהר דאס קינד אגוף טהור מיט אנשמה קדושה, וואס נאכהער קען זיך אן נעמען דער פייער פון די תורה אן זיין ליכט, און ווען חלילה זיא היט ניט אב איהרע ריינטליכקייט וויא דת התורה, פערא‌ונריינינט זיא זיך און דעם מאן, און די קינדער וואס זיא האט זיינען פון דעם ארט קנויטין און בוימיל וועלכע דער פייער נעמט אן זייא ניט אן, ד. ה. זייער קערפער און זעלע זיינען אונריין, וואס דער אור התורה קען זיך אן זיי ניט אן האלטין און בלייבען אין דער פינסטער.

מיט וואס איז די וואסער פון מקוה בעסער פון די וואנע וואס מיר מאכען אין שטוב ענדע 7 טעג נאכין פלוס, דאכט זיך מיט קלארע וואסער און זייף זיך ריין און זויבער אויס גיוואשין. ריינינט דען די שמו-ציגע וואסער פון מקוה בעסער וויא די ריינע און קלארע וואסער פון וואנע? — פרעגט אצווייטע פרויא אשכנה וואס איז אויך גיזעסין מיט אונז.

ווען איהר זאלט לערנען תנ"ך (מ"ב ח) — ענטפער איך — וואלט איהר זעהען אז דיזע פראגע האט שוין לאנג גיפרעגט גאר אוויכטיגע פערזאן א פעלד-מארשאל פון ארם. ער וואר אגרויסער העלד און זייער תקיף ביי זיין קעניג נור ער איז גיוועזן מצורע וואס קיין דאקטער האט איהם ניט געקענט אויסהיילען, און וויא ער האט גיהערט אז ביי אידין איז דא אנביא איז ער גיקומען צו אלישע הנביא בעטין ארפואה האט דער נביא איהם ארויס געשיקט זאגען, ער זאל זיך טובל זיין אין ירדן וועט ער ווערין גע-זונד, איז ער געווארען שטארק אין כעס, ער האט געמיינט אז דער נביא וועט צו אים ארויס גיין און תפלה טאן צו גאט און מיט אפענבארע געטליכע

וואונדער

וואונדער איהם קירירין (דען זא אמאנארכישער מאן איז דאך זעלבסט-פערשטענדליך אז אלע נאטירליכע מיטלען האט ער שוין אנגעווענדעט גינוג, האט זיך מיט דיא גרעסטע וועלט-פראפעסארין באראטהען אונ דיא טהייערסטע בעדער אונ וואנעס געברויכט). אבער אז ער הייסט איהם גאר טאן א איינפאכע רפואה זיך טובל זיין אין ירדן, זאגט ער וואס דארף איך דעם יודישען קליין-טייכעלע, איך האב אין אונזער רעזידענץ (דמשק) טייערע פלוסין „אמנה אונ פרפר״. איז דען דער יודישער שמוציגער קליין-טייכעלע בעסער פיר אונזערע קלארע וואסער? וויא איינער זאגט אז אונזערע קלארע שטראמען האט ניט געהאלפין, וועט העלפין דער יודישער קליין-טייכעלע? וואס איז אבער גיוועזען דיא ענדע? ער איז ווייטער גיווארין אונ האט זיך טובל גיוועזען אין ירדן וויא דער נביא האט איהם געהייסין אונ איז גלייך טהור גיווארין, אונ זיין לייב אין געווארין צארט אונ זאנפט וויא ביי אקליין קינד אונ איז געקומען מיט פאראד צום נביא אונ געזאגט פיר דיא גאנצע פובליקע „יעצט ווייס איך אז דיא געטער פון אלע נאראדין זיינען גאר ניט, איין גאט איז נור ביי אידין״

אבער דיא פרויא וואס איז ניט פארזיכטיג אונ טוט אפארברעך אין די מצות וועלכע איז אבהענגיג אן איהר מוטער-לייב (היא קלקלה בחדרי בטנה) דאפיר ווערט זיא שטראפירט אין איהר מוטער-לייב (לפיכך תלקה בחדרי בטנה) אונ איז גיפערליך בעת זיא גייט צו קינד, אונ מאנכע מאל גייט זיא אוינגע פון דער וועלט צוליב דעם. אונ ווען אזכות פון אמצוה אדער זכות אבות שטייט איהר ביי, אז זיא זאל דעם מאל איבער קומען, אדער דער משפט צדק פון השגחה עליונה ברייננט מיט, אז דעם מאל זאל אצווייטע ארינטליכע פרויי אגעווינערין ליידין פיר איהר, ווייל זיא האט פיר איהר גיגעבין אזירא (ערבות) אונ מען מאנט איין דעם שולד ביין זיראנט, ווערט אויף איהר (אויף דיא אונרעליגיעזע גיווינערין) מקויים דיא משנה פון „מתות בשעת לדתן״ אין איין אנדער זינען, זיא איז אטויטע אבוואהל זיא געבירט אקינד (אפרויא וואס האט ניט קיין קינדער רופט זיך „איין טויטע״ וויא אונזער מוטער רחל האט גיזאגט (הבה לי בנים ואם אין „מתה״ אנכי), דאס גלייכען הגם זיא געבוירט יעצט אקינד רופט זיא זיך דאך „אטויטע״ ווייל דער קינד איז איין עוויגער „פגום״ ער הייסט „בן הנדה״ וואס זיין ליכט איז ניט פעהיג עס זאל זיך אויף איהם אן נעמען דער אור התורה). אונ צייטענווייס ווערט „מתות״ מקויים

גאר

גאר איינפאך, זייא שטארבין בעת גיבורט און לאזין איבער זייערע קינדער יתומים ר"ל. — היינט פארשטייט איהר שוין ווייא אונוויסענד דיא פראגע איז וואס מיר זעהען אמאהל, אז דיא אונרעליגיעזע פרויא וואס היט ניט אב טהרת ישראל קומט איבער לייכט און דיא ערינטליכע וואס האט אמאהל ניט אב געהיט גייט געבעך אוועק פון דער וועלט ביין געווינען? וויל גראד זיא האט גיהאט א זכות פון א מצוה אדער זכות אבות, ד. ה. א זאסטיטניק וואס האט ניט צוא גילאזט דעם מאהל איין צוא מאנען ביי איהר דעם חוב, נור וויל דער מקטרג (דער אנקלאגער) האט דאך גימאנט, האט דערוויל געבאך געצאלט דער ערב (דער זיראנט), ד. ה. דיא ערינטליכע פרויא, וויל אידין זיינען ערבים איינע פיר דיא אנדערע.

ערקלערט מיר וואס איז דער ענין פון ערבות — זאגט דיא ווירטהין — פאר וואס זאל געבעך ליידען דער אונשולדיגער פיר דעם שולדיגען? פא-ריגען יאהר בין איך אין איין צייט גילעגין געווארען מיט א שכנה פון הויף, בין איך, וואס איך בין ניט פרום איבער געקומען, און יענע א כשרה נשמה איז געבעך אוועק פון דער וועלט, און איבער גילאזין 5 פיצינקע קינ-דערלאך, וואס דער הימיל האט זיך גימאגט שפאלטין פון דיא בכיות ויללות, פאר וואס זאל דאס אזוי זיין?

ווען איהר וואלט לערנען אונזער היסטאריע וואלט אייך קיין פראגע ניט געווען, ווייא איך האב אייך פריער עטוואס ערציילט פון אברהם אבינו ווייא ער האט ערקענט דעם בורא עולם און האט אן געהויבין צו רייזען אויף דער וועלט באקאנט מאכין אז דער גרויסער פאלאץ וואס מיר זעהען (דיא וועלט) האט איין ווירט וואס האט איהם גישטרויעט און פירט דיא ווירטשאפט (ער איז אבורא ומנהיג לכל הברואים) בעת ער איז גיקומען אין ארץ כנען און האט זיך דארטין באזעצט און גיזאגט גרויסע רעדעס צוא ערקלערין אלעמען אז עס איז דא א בורא יחיד וואס האט באשאפין דיא וועלט ניט פון זיינע נוטצין וועגין, נור בלויז צוא טאהן חסד ורחמים מיט זיינע באשעפענעס און ער שיצט און באהיט דיא אלע וואס האפין און פארטרויען זיך אין איהם, און סטאראיען זיך נאך צוא גיין אין זיינע וועגין צוא טאהן חסד ורחמים איינער מיט צווייטין, האט דער בורא ב"ה איהם גיפרובט מיט דעם נסיון פון הונ-גער וואס ער האט גיבראכט אויף דיא לאנד כנען, אז עס איז איהם גיווארין אזויא איינג אז ער האט גימוזט מאכין א רייזע פון כנען נאך מצרים, איז גיווארין א גרויסע פראגע אויף זיין סיסטעם, אלע האבין איהם גיפרעגט אויב עס איז ריכטיג ווייא איהר האט גידרש'ט, וואראום זייט איהר גראדע אזויא

ארים

ארים אונ געדריקט געווארין? אונ צוליב אייך וואס מיר האבין אנגינומען אייער סיסטעם ליידין מיר אויך, ביז אהער אז מיר האבין גידינט דיא זון מיט דיא לבנה האבין מיר גיהאט אלע גוטעס, אונ האבין פון קיין נויט אונ הונגער ניט גיוואוסט, אונ אזויא האט מען איהם גיפרעגט אין זיין גאנצע וועג פון כנען נאך מצרים, וואו ער האט נור גידרש'ת וועגין אחדות הבורא, אויב עס ריכטיג וויא איהר זאגט, ווארום זייט איהר אזוי גישטראפט אז איהר האט ניט אויף לעבענס-מיטעל אונ בלייבט אבעל חוב אויף יעדער סטאנציע וואס איהר שטייט איין? אונזער פאטער איז דאך אבער גיוועזען א גרויסער מאמין אז אלעס וואס דער בורא טוט איז אלעס לטובה האט איהם פאר זיך אליין גאר ניט גיארט. ער איז גיוועזען פעסט אין גלויבין אז השי"ת ווייס בעסער וואס פאר איהם גוט איז איידער ער אליין ווייס, אונ אז השי"ת האט אזויא גימאכט ווייס ער וואס ער טוט. נור וויא טוט מען אבער מיט דיא קורצזיכטיגע מענטשין וואס זעהען נור וואס יעצט איז, האט ער זייא גיגעבין צוא ערקלערין אין דעם ארט, אונ דער וואס איז באקאנט אין עולם המסחר פארשטייט דאס גאנץ ריכטיג, איך האב דאס אליין בייא גיוואוינט, איך בין אמאהל גישטאנען אין אגרויסען גישעפט זיינען גיקומען 2 קויפלייטע איינער פער-קאססע אפין טיש אונ דער צווייטער פער-וועקסיל, איז דער אגולניק גיוועזען צוא דעם וואס פער-וועקסיל זייער פריעמנע אונ צוא דעם וואס קאסע אפין טיש גאר קאלט.

ערקלערט מיר ליבער קופיעץ—פרעג איך איהם פארוואונדערט—דאכט זיך טויזענד רוביל קאסע אפין טיש איז בעסער וויא א וועקסיל פון 8 מאנאטין, היינט ווארום זייט איהר צוא דעם וואס פער-קאסע אזויא קאלט, אונ צוא דעם וועקסיל אזויא ווארים?

דער וואס צאלט קאסע אפין טיש—ענטפערט דער קופיעץ—דריקט דעם פרייז ביז ביין, אז עס בלייבט קוים איינס פריצענט, היינט וואס דער לעב איך פון איהם, בייטין נור געלט אויף געלט? אבער דער וואס נעמט פער-וועקסיל לאזט פארדינען, עס בלייבט מיר 10 פראצענט, אונ דיא וועקסלען זיינען פרימא, אט דאס איז א פדיון, מיט דעם קען מיין גישעפט בליהען.

היינט פארשטייט איהר שוין? ווען דער עוויגער וואלט האנדלען מיט אונז פער-קאסע אפין טיש, היינו ווען איינער טוט א מצוה, ער היט שבת וואלט ער האבין אגליקליכע וואך, עס וואלט איהם גיין דורך מיר אונ דורך טויער, ער לייגט תפלין אונ דאווינט ארינטליך וואלט ער האבין גלייך אגליקליכען טאג, היינט זאגט מיר וועלכער דוראק וואלט דאס ניט דאווענען

אונ

אונ ניט היטין קיין שבת, דיא שולען וואלטין זיין גיפאקט, אונ מען וואלט דארפין אוים בויען נאך וויפיל שולין. דאס גלייכען ווען איינער וואלט מחלל שבת זיין אדער עסין חמץ בפסח אדער עסין יום כפור אדער עובר זיין דעם אסור נדה וואלט גיוועזן כרת אויפין ארט, טוא וועלכער משוגענער וואלט דאס עובר גיוועזן? היינט וואסערע גישעפטין וואלטין מיר מאכין מיט דעם רבונו של עולם, פאר זיין תורה ומצות? דער שומר תורה ומצוה וואס וועט קומען אויף דעם עולם האמת בעטין שכר, וואלט ער האבין אפנים וויא דיא סצענע וואס איינער האט גיזעהען אין חלום, וויא אמענטש איז גיקומען אויף דיא אייביגע וועלט אונ גיזאגט אז עס קומט איהם איין האלבין גן עדן, פרעגט מען איהם וואס האסטו דאס אזויא וואויל גידרש'ת? — ענטפערט ער, זעהט דורך מיין לעבענס-בוך אויב איך האב איין מאהל אין מיינע 70 יאהר גיגעסין סם המות, נוא בין איך ניט אצדיק תמים? דאס גלייכין ווען דער שטראף וואלט גיוועזן גלייך אפין ארט איז דאך דאס סם המות גיגעסין, היינט וועלכער נאר עסט דאס סם המות? דרום האט השי"ת איין גיארדינט אז קיין קאסע אפין טיש איז ניטא, נור פער-וועקסיל, ווען דוא מענטש טוסט א מצוה, שרייבט דער בורא ב"ה אונטער אוועקסיל („אני ה' נאמן לשלם שכר) ווען דוא מענטש טוסט איין עבירה שרייבסטו אונטער אוועקסיל (הפנקס פתוח והיד כותבת, וביד כל אדם יחתום), בייא אונז שטערבליכע מענטשין זיינען דיא וועקסלען אויף 6 חדשים אונ דיא גרעסטע 12, אבער ביין רבש"ע וואס ער איז איין חי וקים קען זיין אויף איינגע יאהר, נור דאס ווייסין מיר אז אוועקסיל ווערט ניט פארפאלין, זייא קומען ריכטיג צום טאג ווען זייא זיינען פעליג, אונ דאן מוז מען צאלין מיט טרערין, עס העלפט קיין ביט אונ גיבעט ניט.

נאכהער וויא אברהם איז גיקומען אין מצרים, אונ עס איז איהם פאר-גיקומען דער צווייטער נסיון וועגין זיין פרויא שרה, קענען מיר פארשטיין וויא וייט נעבאך דיא הארץ האט איהם גישראקען, מען זאל שרה'ן ניט מטמא זיין, אונ ער זאל זיין לעבין אויך ניט פארשפילען, פיליכט דערוויסט מען זיך אז ער איז איהר מאן, וועט מען אויף איהם געווים אוים זוכין איין פריצינגע אב צוא ראמען פון פלאץ בכדי שרה זאל בלייבין אפנויה, נור ער האט זיך אלעם גישטארקט אין האפענונג, אז דער בורא ית"ש פאר-לאזט ניט דיא וואס האפין צוא איהם ערינסט, אונ האט אלעם גידרש'ת אז מען מוז טרויען השי"ת אויף קרעדיט, אונ דאס איז דער בעסטער גי-שעפט, בעסער וויא צוא האנדלען אויף מזומן. נאכהער אין דיא קורצע צייט

וואס

וואס שרה איז גינומען גיווארין אין קייזערליכען הויף, אונ איהם האט מען פאר רעכינט פיר איין ברודער איהרין, אונ מען האט איהם רייך גימאכט אונ גיגעבין א פאלאץ וויא עס פאסט פיר דעם קייזערס שוואגער, דאן האט ער אן געהויבין ארויס צו זעהן אז דער גרויסער וואלקין וואס האט פאר-פינצטערט זיין הימיל (דאס איז דער הונגער פון כנען אונ דעם צו נעמען שרה׳ן) גיט גוטע רעגין וואס וועט וואקסין גוטע פרוכט, ווייל יעצט קומען איהם הערין דיא גרעסטע פובליקע, וויא באלד ער איז א קייזערליכער מענש, מאכט זיינע רייד אוויכטיגען איינדרוק אויף דיא העהרער, וויא מיר זעלבסט פארשטייען אז עס איז ניט גלייך ווען איין איינפאכער מאן זאגט ארעדע אדער איין מאן פון קייזערליכען הויף. — ובפרט נאכהער ווען דער בורא ית״ש האט גיפאדערט זיין אבידע פון דיא מענשין וועלכע האבען פארנומען זיין פרויא שרה, אונ פרעה האט איהר גימוסט אב שיקען צו איהר מאן מיט גרויס כבוד אונ רייכקייט, האבין אלע גיזעהן אז ער איז אגעטליכער מאן אונ אגעטליכע האנד שיצט אויף איהם, אום צו היטין פון אלע אונגליקען אונ צוא פירען צו אלע גליקען, דאן אז ער האט גיזאגט רעדעס וועגין ענני אמונה וואס פיר אגרויסין איינדרוק דאס האט גימאכט

גיצאהלט דיא אלע קרעדיטין (וילך למסעיו בחזרתו „פרע חקפותיו״), דיא געלד-שולדין וואס ער האט אן גיבארגט פאהרינגדיג קיין מצרים אין זיין ארימען צושטאנד, אונ איבערהויפט דיא „גייסטליכע קרעדיטען״ וואס ער האט גידרש׳ת אז מען מוז טרויען דעם בורא עולם אויף קרעדיט, ווייל עס לוינט ניט צוא בעטין קיין קאססע אפין טיש, ד. ה. דער בורא זאל גלייך צאלין דעם מענטשין בעת ער טוט א מצוה, האט ער יעצט גיוויזין פאקטיש וויא ווייט ראיעל עס זיינען דעם וועלט-באשעפערס וועקסלען, אונ וואס פאר גילדערנע גישעפטין עס מאכין דיא וואס קרעדיטירען איהם, אז עס פאסירט פיל מאהל אז ער צאלט גאנץ גיך אונ גוט. אונ דיא אלע אומשטאנדען וואס זיינע טרייע דינער פאסירט, איז דאס אלעם בהשגחה, צוא פיהרין זייא

צוא

צוא זייער גליק, וויא מיר האבין דא ארויס גיזעהען אז דער אונגליק פון הונגער וואס האט פאסירט אונזער פאטער אברהם, אונ נאכהער דער פארביסונג פון דעם צונעמען זיין פרוי שרה, וואס אין ערסטין בליק האט אויס געוויזין אז דאס וועט איהם גאר פארקאנצין זיין לעבין, איז דאס אלעס גיוועזן צוא זיין גרויסין גליק, סייא קערפערליך וואס ער איז רייך גיווארין אונ אגרויסין נאמען גיקראגין, וויא דער בורא האט איהם פארשפראכין „ואברכך" „ואגדלה שמך" (איך וועל דיך בענטשין מיט רייכטהום) (איך וועל דיר מאכין אגרויסען נאמען אויף דער וועלט) אונ גייסטליך איז דאס נאך מעהר גליק גיוועזן, ער זאל קענען ווייזין פאקטיש וויא עס איז פארהאנדין איין גאט וואס האט באשאפין הימיל אונ ערד, אונ ער איז דער פיהרער פון דער וועלט, אונ דיא וואס דינען איהם טרייא אונ האפין צוא איהם, אויף זייא איז איין השגחה פרטית אויף יעדער שריט, אונ אלעס וואס פאסירט זייא איז דאס נור צוא זייער גליק אויף דיזע וועלט, אונ איבערהויפט אויף דיא עוויגע וועלט.

נוא וואס איז אבער מכח דיא ערבות? — פרעגט דיא ווירטהין.

דאס איז אויך איינפאך — דעם פלאן פון קרידיט איז נור גוט פיר צדיקים, דאדורך וועט זייא בלייבען פיל רוח, אבער פיר דיא רשעים איז דער פלאן ניט צום בעסטין, מיצות ומע״ט טוען זיי ניט ווייל זיי טרויען ניט דעם רבש״ע פער-וועקסיל, עבירות טוען זייא אסך ווייל דער שטראף איז ניט גלייך אונ באלד, דארום שרייבין זייא אונטער אסך שולד וועקסלען, זייא מאכין פינסטערע אונ ביטערע גישעפטין, זייא גיבען ארויס אויף זיך טויזענדער וועקסלען, אונ וועקסלעך אויף דעם רבונו של עולם האבין זייא גאר ניט ווייל זייא טרויען איהם ניט. פאר זייא וואלט אסך גלייכער גיוועזן צוא האנדלען פער-קאסע, אונ הגם זייא וואלטין אויך קיין גלענצענדע גישעפטין ניט מאכין, עס וואלט קוים זייא בלייבין 1 פראצענט, דאך אבער וואלטין זייא קיין וועקסלען אויף זיך ניט ארויס געבין, ווייל מען וואלט זייא אויך ניט טרויען אונ ווען זייא וואלטין זיך עפעס פארשולדיגען וואלט מען זיך מיט זייא אב-גירעכינט גלייך אויפין ארט. אבער פאר דיא צדיקים וואלט דאס ניט לוינען, וויא באלד מען זעהט אז דיא רשעים (וואס טוען עבירות) שטראפט מען גלייך וואלט דאך ניט זיין איבער צייגט אז זייער אבשיידין זיך פון עבירות איז צוליב אמונה, פיליכט ווייל זייא זעהען אז מען שטראפט דיא רשעים גלייך אפין ארט, אלזא וויא זאל דא זיין? דיא צדיקים ווילען בעסער וועקסילגישעפט, ווייל זייא קאסירין איין פולע פארטעפעלין מיט פרימא וועקסלען אויף דעם רבש״ע, אונ אויף זיך היטין זייא זיך פון צוא געבין אוועקסיל,

מאכין

מאכין זייא דאך גלענצענדע גישעפטין, אבער וויא זאל מען טאהן מיט דיא רשעים? טרויען דעם רבש"ע ווילען זייא ניט, דער בורא זאל זייא טרויען קען מען אויך ניט, זייא זיינען אויך קנאפע בטוחים, וויא זאל דא זיין? האט דער בורא גימאכט אפלאן, אז דיא צדיקים זאלין געבין זיירעס אויף דיא וועקסלען פון דיא רשעים, ווייל זייא האבין דאך פון דעם גרויס פאלזע, אום דיא וועלט זאל געפיהרט ווערין אויף וועקסיל גישעפט, (אגב איז אפאלזע אז דיא צדיקים וועלין ערקלעהרין אונ דערמאנען דיא רשעים זייא זאלין זעהען צו צאלין אליין דיא וועקסלען, אום זייא (דיא צדיקים) זאלין ניט דארפין צאהלין פאר זייא), אזויא וויא דיא קאמיסיאנערין זירירען קונדעשע וועקסלען ווייל זייא פארדינען איינינע פראצענט, איז דען איין עולה אז ווען דער קונד צאלט ניט מאנט מען ביין קאמיסיאנער דעם זיראנט? דאס גלייכען ווען דיא רשעים גיבין ארויס וועקסלען (זיי זינדיגען) אונ צאלין ניט (זייא טוען ניט קיין תשובה) מיט דעם אוים צו קויפין אונ צו רייסין זייערע וועקסלען (מחוק ברחמך הרבים כל שטרי חובותינו) מוזין דיא זיראנטין (דיא צדיקים) צאלין.

יעצט נאך דעם ריכטיגען חשבון, באטראכט זיך דוא מענש! וויא דום דוא בינסט אז צו ליב א הנאה פון אקליין ווייליע ווערט ביי דיר רעכט צו שטעלין זיך אין אזא גיפאר פון א איסור כרת (דיא יאהרין ווערין פארשניטין, דיא פעדים פון נפש וואס ער איז אנגיבונדין אין צרור החיים ווערין איינינע אב גישניטין) וואס דוא וועסט מוזין צאהלין ריכטיג דיא וועקסלען, אדער דוא אליין ביא דיין קינד-בעט וועסטו חלילה אוועק איונגע פון דער וועלט אונ איבער לאזין דיינע קינדער יתומים, אונ ווען דוא פארלאזט זיך אויף דעם וויא אלע אנזעצער אז דוא וועסט ניט צאלין, זייא וויסין אז עס וועט נעבעך דארפין צאלין דיין אונשולדיגער זיראנט. וויא ערלויבט דאס דיר דיין סאוועסט, אז מען זאל צוליב דיר צו רואינירען דעם אונשולדיגען זיראנט? שטעלט אייך פאהר, אז איהר זאלט ערהאלטין איין פאוועסטקע פון אקרוזנאיע סוד וועגין אייער שכנה וואס איז גישטארבין אין קינפעט אונ גילאזין 5 קליינע יתומים אז איהר זייט שולדיג אין איהר טויט, אז איהר האט איהר פארברענט, אונ עס איז דא עדות וואס מען וועט אייך ליצנע אויף ווייזין, וואלט אייך דאך ציטערין הענט אונ פיס פון שרעק, ובפרט ווען איהר אליין ווייסט ביא זיך אז עס איז ריכטיג, עס קען דאך חלילה חאפין פאפלעקסיא פון שרעק, ווען איהר זאלט דאס אוים רעכענען מיט אריינעם געפיהל, דארף זיך אייך שטעלין דיא האר פון קאפ, אז דיא אורזאך וואס האט אייך אין אנפאנג קאלט גימאכט דיא הארץ, וואס איז? איהר האט גיזעהען אז

איהר

איהר זייט איבער גיקומען בלאגא-פאלוצנע, אונ זיא איז נעבעך אום גיקומען? דער גיבאנקען גופא דארף דאך חאפין שוידערין אלע גלידער, אז באמת דער וויגאזוניק זייט איהר גיוועןְ, נור וייל איהר האט ניט גיוואלט צאלין, איז מען נעבעך בעפאלין אויף איהר צוא ליב איהר זירע, זייט איהר דאך אמערדערין וואס האט ערמארדעט 6 נפשות.

דיזע ווארטין האב איך גירעט מיט אשטארקע ענערגיע אונ האב גינומען ארום גיין איבערין זאל אונ ריידין מיט טרערין „על שלש עבירות" איבער דיזע 3 עבירות וואס דיא ערסטע פון זייא איז „נדה" ווען א אידישע פרויא איז ניט פארזיכטיג אב צו היטין וויא גיהעריג איז, ובפרט ווען זיא איז זיך מיקל גאר ניט צוא גיין אין וואסער נור אין וואנע, „נשים מתות" שטארבין פרויען אין קינד-בעט, אויב ניט זיא אליין צאלט נעבעך איהר זיראנטקע דיא אונשולדיגע כשרה נשמה, אונ עס בלייבען נעבעך אונשולדיגע יתומים, אה! וויא גרויס דער גוואלד-טהאט איז פון דעם! אונ האב זיך שטארק צו וויינט.

מיין רעדע האט ניט גיפעלט איהר ציעל — דיא ווירטהין האט גינומען שטילערהייד איבער זאגין „על שלש עבירות" אונ טרערין האבין זיך גע-קייקלט ביי איהר אפין סדור. זיא האט מיר אנגינומען ביין האנט אונ איז מיט מיר אריין אין צימער פון דיא וואנעס, אונ גיעפינט פאר מיר איהר הארץ, אז איינגע מאל האט זיא באנוצט דיא וואנעס אנשטאט דעם קליין-טייכעלע, אונ וויא זיא ערקענט יעצט נאך דיא גלייכע רייד אז זיא האט אגרויסין פארברעך גימאכט. וואס פיר ארטה גיב איך איהר אז זיא זאל קענען אויס קויפין דיא וועקסלען וואס זיא האט אויף דעם אונטער געשריבען? בכדי נאך אזיראנט זאל ניט דארפין חלילה ליידין פיר איהר.

— דאס ערשטע טריט פון תשובה איז, מען זאל זיך היטין ניט צוא מאכין מעהר קיין וועקסלען, ד. ה. אום קערין זיך פון דיא בייזע וועג וואס מען איז פריער גיגאנגען, וויא דער ווארט „תשובה" באדייט (אומקערין זיך) וויא איינער צב״ש פארט אין וועג. כל זמן ער האלט דיא לייצעס אין האנד גייט דער פערדיל אויף דיא גראדע וועג, ווען אבער ער שלעפערט איין אונ לאזט אב דיא לייצעס אונ דער פערדיל שפירט אז ער איז פרייא, טוא וואס לוינט איהם צוא גיין אויף דעם טרוקענעם זאמד? בעסער גייט ער אן אזייט אפין גראז, אי וואס דארטין איז אזומפ אונ וועט זיך דער טרינקען מיטין ווירט צוזאמען? אויף דעם איז ער דאך נור אפערד, וואס זעהט מעהר ניט וויא דיא גראז פון אויבין, ער קיט דיא גראז אונ גייט וואס ווייטער טיפער אין

זומפ ביז עס גייט אן וואסער אין בריצקע, אז דער ווירטה גיט זיך אחאפ פון שלאף און גיט אביטערין זיפץ, אה, וואו בין איך דא! — אה, צו וואס מיין דרעמלען האט מיר געבראכט, אז מיין פערדיל האט מיר פארשלעפט אין אזומפ! דאן איז ווייניג דער זיפץ אליין, נור דיא ערסטע זאך איז „תשובה" זעהען ארויס צו קריכן פון זומפ אויף דיא גראדע וועג, אבער כל זמן ער ווענדעט ניט אן קיין קרעפטין און בלייבט שטיין אין זומפ, וואס איז דיא פעולה פון זיפצין? דער מענטש איז אויך אבייטער, אויף אפערד, דער חומר איז דער פערדיל, און דער שכל (וואס איז באלויכטין מיט דעם שיין פון דער תורה) איז דער רייטער, איז כל זמן דער שכל איז וואך און האלט דעם פערדיל פאר דיא לייצעס קומען זייא ביידע צום תכלית, ווען אבער דער שכל שלעפערט (ד. ה. ער קערט זיך אב פון דער תורה) און לאזט דעם חומר גיין וואו ער וויל, און פארקריכט אין אלע זומפיגע תאוות, איז דיא ערסטע זאך וויא דער מענש באדיינקט זיך אז ער איז פארקראכין, דארף זיין „תשובה" אום קערין זיך פון זומפ אויף דיא גראדע וועג פון דער תורה, זיין פאר-זיכטיג פון היינט אן היטין ריכטיג וויא דער דין איז. און אויב מען ווייס אליין ניט ריכטיג דעם דין, דארף מען לערנען אין ספרים וואס שרייבען וועגין דעם, אדער פרעגין בייא דעם וואס ווייס. נאכהער אז מען איז שוין גיזיכערט אז קיין נייע וועקסלען וועט ניט צו קומען, דארף מען זיך געמען אויס לייזין בישלאך נייס דיא אלטע וועקסלען, סיי דיא וואס ליגען נאך ביין רבש"ע אין האנט, און סיי דיא וואס מען האט שוין איבער גיגעבין דעם זיראנט אין האנט, ווייל ער האט גיצאלט פיר זייא.

וואס טויגין זייא פיר דעם זיראנט, וואס וועט ער טאן מיט זייא? — פרעגט דיא ווירטהין.

גאר איינפאך — ענטפער איך — דיא זעלבע וואס דער קאמיסיאנער טוט מיטין קויפמאנס וועקסלען, וואס יענער האט ניט גיצאהלט, און ער האט געבעך גימוזט צאהלין פאר זיין זירע. איז אויב דער קויפמאן האט אהויז אדער ער וועט האבין אהויז וועט ער לייגין אויף איהר איין ארעסט, און וועט אמאהל אבנעמען זיין געלט נאך מיט קייזערליכע ציגזין, דאס זעלבע יעדער מענטש האט דאך עפעס אהויז אין דיא אייביגע וועלט פיר זיינע גוטע טהאטין וואס ער האט ביז הער גיטאן, אדער ער וועט טאן, לייגט דער צדיק וואס האט געבעך אומשולדיג גיליטין פיר דעם שולדיגען, איין ארעסט אויף זיין עולם הבא און נעמט פון דעם אגרויסין טהייל מיט קייזערליכע ציגזין, און אויב דיא זיראנטין האבען גיצאלט פיר איהם אסך וועקסלען,

נעמען זייא צוא דיא גאנצע אימעניע זיינע, ד. ה. גאר דיא עולם הבא אונ ער בלייבט ארים אונ שפל אויף דיא עוויגע וועלט, לבד וואס אויף דיזע וועלט אויך, וועט איהם דיא אומשולדיגע בלוט וואס איז דורך איהם גיגאסין גיווארין ניט גישיינקט ווערין, דרום דארף מען זעהען ביסלאכווייז אויס צוא קויפין דיא וועקסלען ביין זיראנט, דורך תשובה אונ מעשים טובים.

וואס פאר אמעשה טוב זאל איך איבער הויפט טאהן? אז דאס זאל זיין אתשובה צוא אזא פארברעך וואס איך האב גיטאהן ביז יעצט?

דיא וועלט זאגט אשפריך ווארט: „אין דעם ארט וואו דוא האסט פארלארין, דארטין זעהע צוא געפינען". איהר דארפט גאר וייט ניט אוועק גיין, דא גופא ביי דיא 3 מצות פון דיא פרויען, וואס איהר האט דא פערלארין, ווייל איהר זייט ניט גיוועין פארזיכטיג אין זייא, דא גופא איז אגרויסער פלאץ צוא מאכין גאלדענע גישעפטין, אבאראטעווען אויף מיליאנען, אז ווען עס זאל זיך אייך אב שטעלין נור [1] פריצענט רוח, קען טראגען אסך, אז איהר זאלט קענען איין-לייזין אלע שולד-וועקסלען, וועלכע איהר האט אונטער-געשריבען (ותותם יד כל אדם בו) אונ עס זאל זיך אייך נאך אבשטעלין ארעכטין קאפיטאל אין טאש. — דאס ערסטע וועגין דיא מצוה פון טבילת נדה זאלט איהר זיך צוזאמען ריידען מיט פיל אדעלע פרויען זעהען אויס צושטרויען אמקוה אגרויס-ארטיגע, ריין אונ זויבער, אז אפילו דיא פרויא וואס איז ביז יעצט גיוועין נאכלעסיג אין דעם, זאל גאר וועלין גיין פון פערגעניגען וועגין, וועט איהר דא ראטעווען פיל יודישע טעכטער מיט זייערע מאנער פון אזא הארבע עבירה וויא כרת, אונ זייערע קינדער אונ קינדס-קינדער פון איי-ביגע פגומים „בני-נדה", דאס וועט זיין פאר אייך אזעלטענער זכות. — אונ ווען איהר וועט צוא לייגען אייער גידאנקען זעהען אויף צוא טאהן אין דעם ענין, וועל איך אייך פארטרויען אסוד, אז אפילו ביא דעם איינפאכען נאראד וואס היטען-אב טבילה, איז דארטין אויך דא פיל וואס מתקן צוא זיין, ווייל דער יצר הרע האט דארטין אויך פארשפרייט אנעץ צו חאפין קליינע פיסלאך.

זאגט מיר אויך וואס איז דא אן צוא מערקען ביא דעם איינפאכען ארינגטליכען נאראד? דאכט זיך זייא היטין אב טבילה וויא גיהעריג איז?

איך בין אמאהל פרייטיג-צונאכט גיוועין אין אידעשע באד-שטוב — ענטפער איך — האב איך באמערקט אז פון איינגשאפט וואס פיל ארימע פרויען (ווייל אנאנצע וואך זיינען זייא טרודים) לייגען אפ דיא טבילה אויף פרייטיג-צונאכט, אונ דיא וועסערקע מיט דיא נעגעל שניידערקע אוספייענען ניט פארפארטיגען אלעמען פאר דיא שקיעה, קומט ארויס אז שפעט אין דער נאכט צוואגעו

זייא

זייא אונ שניידין נעגיל, היינט זעהט איהר שון מיין פריינד וויא וויים דער יצר הרע ארבעט זיין זאך? אפילו דיא ארינטליכע פרויא אויך ארין צוא האפין אויב ניט מיט דעם איסור נדה, האפט ער איהר בייא דעם מיט דיא עבירה פון חלול שבת, אונ דאבייא פון דיילינעם ווער קען גארא:טירען אז עס גייט צוא אלעם ריכטיג וויא דער דין פאדערט. אלזא זאלט איהר זעהען באקאנט צוא מאכין ווערמען איהר קענט נאר, דאס ערשטע דיא פרויא וואס איהר צייט קומט אוים צוא גיין פריער, טאר זיא ניט אב לייגין איין טאג ניט, אונ ווען זיא לייגט אב אויף פרייטיג-צו-נאכט טאר זיא על פי דין ניט גיין פרייטיג-צו-נאכט (קצור שו"ע קס"ב ס"ו), אונ דיא וואס קומט אוים דער זיבעטער טאג פרייטיג וואס זיא מעג יא גיין טבילה פרייטיג-צו-נאכט, זאל זיא זיך אויסוואשין אונ אוים צוואגען אונ אוים קאמען אונ אב שניידין דיא נעגיל אין דערהיים אונ בענצין ליכט אין דער צייט אונ נאכהער גיין טבילה. אדער נאך בעסער זיא זאל גיין בייטאג אין באד-שטוב זיך אויסוואשין אונ אב שניידין דיא נעגיל אונ גיין צוא הויז ליכט בענטשין אונ נאך ליכט בענטשין גיין צוריק זיך טובל זיין. — אונ אויב עס איז איהר אטרחה צוא גיין פון באדע צוא הויז בענטשין ליכט, זאל זיא דעם מאהל איבער געבין ליכט בענטשין דעם מאן ער זאל בענטשין מיט אברכה, ווערט זיא קענען פארבלייבין אין באד-שטוב ביז נאך דיא שקיעה צוא גיין טבילה. אבער זיא מוז זעהען זיך צוא פאר-פארטיגען מיט אלעם פאר דיא שקיעה*) נור דיא טבילה זאל זיין נאך דיא שקיעה. אונ אויב דיא ווערעקעס אונ דיא נעגיל שניידערקע אומפייען ניט אלעמען פארפארטיגען פאר דיא שקיעה? (גיוואוינליך באשעפטיגען זייא זיך פריער מיט דיא רייכערע) זאלין דיא קלוגע פרויען ניט ווארטין אויף דיא פוסטע כבוד, אז דיא ווערעקע זאל זייא אוים צוואגין, נור איינע דיא אנדערע, דיא פרויא זאל אוים צוואגין אונ ארום וואסין דיא צווייטע, אונ נאכהער דיא צווייטע איהר דאס איז דער גרעסטער כבוד אז זייא זעהען איינע דיא אנדערע פארהיטען פון חלול שבת. אונ דאס גלייכין נעגיל שניידין זאלין זייא איינע דיא אנדערע אב שניידין (דרום זאלין זייא מיט נעמען אשארפען מעסעריל פון צו הויז). אונ זאלין היטין ניט וויא דיא דומע נעגיל שניידערקעס שניידין צום גרונד אז זיי בלוטיגען פיל פרויען אונ מאכין וואונדין, דאס איז אגרויסע פראסטאקייט, מען דארף
אב

*) דער איבערזעצט פון ווארט „שקיעה" אויף זארגאן איז „זון-אונטערגאנג", דאס הייסט ווען דיא זון האט זיך אזוי ווייט אראפ גילאזין, אז פון דעם קערפער פון דיא זון זעהט זיך שוין גאר נישט, קיין ברעג אויך נים ווען אויך עס איז נאך גינוג ליכטיג, צב"ש וויא זומער אין דיא לאנגע טעג, אבער מען זאל נים מיינען אז „שקיעה" הייסט ווען עס איז שוין פינסטער. — דאס איז זייער נייטיג צוא וויסען ווייל פיל אידישע זאגין.

אב שניידין וויא געוועהנליך, אבער ניט חלילה ביז בלוט. אונ איין קלוגע פרויא זאל זיך ניט וועלין פאלזעווען מיט דעם, איין צו שפארין דיא איינינגע קאפייקען וואס מען גיט דאפיר דיא נעגיל שניידערקע, ווייל דאס איז דאך איהר פרנסה, זאל זיא דאס איהר אב געבין. אמענש דארף זיך געוואוינען שטענדיג וויא דער שפריכווארט זאגט: „לעב אונ לאז דעם צווייטין לעבין, לעב אונ וויל אז יענער זאל אויך לעבין", ווען זיא וועט אזויא טאן וועט דאס זיין איבער-צייגט אז זייא מוזען דאס נור ערינסט, אום צו פארהיטין פון חלול שבת, אבער ניט איין צו שפארין, וועט דאס זיין פיר זיי אגרויסע עהרע, אונ עס וועט זיין שלום ושלוה, דיא וועשערקע מיט דיא נעגעל שניידערקע וועלין זיך ניט האבין וואס צו צעפען אונ זוכין עלילות. — אונ ווען חלילה מען האט זיך פאר שפעטיגט מיטין נעגיל שניידין ביז נאך דיא שקיעה, טאר איידישע פרויא ניט שניידין.

אין דיא ערטער וואו עס קומט אן שווער אמקוה אונ מען גייט אין אקומפיילנע אדער אפין פרייען טייך, מוז מען זיך ריינינגען אלע פארבארגענע ערטער אונ זיך אוים צוואגין פריער צו הויז מיט ווארימע וואסער, אונ גוט אויס קאמען אונ אב שניידין דיא נעגיל אונ מיט-טראגין אקאם ביין טייך זיך אצווייטין מאל אויס קאמען, אונ מען מוז זיין פארזיכטיג עס זאלין גיין עטליכע פרויען צו זאמען אבער ניט ווייניגער וויא זעלב-אנאנד אונ איינע דיא אנדערע זאל ארום קוקען אויב עס איז ריין ארום געוואשין דער גאנצער קערפער אונ אלע פארבארגענע ערטער אונ אויב דיא נעגעל איז גוט אב געשניטען, אום עס זאל חלילה ניט זיין קיין חציצה אין דיא טבילה. אונ איינע זאל שטיין דער ביי אונ אכטונג געבין אז בעת אונ־טער טונקען זאל דיא גאנצע האר זיין אין וואסער. אונ זאל זעהען צו גיין ווייט אין וואסער, אז דיא וואסער זאל איהר גרייכין ביזין ברוסט, נאכהער זיך אונטער טונקען, ובעת הדחק וואו דער וואסער איז ניט טיף, זאל זיא זיך לייגין חויא אפיש, אז עס זאל צו געדעקט ווערין דער גאנצער קערפער מיט דיא האר מיט איין מאל, אונ ווען זיא שרעקט זיך אונטער צוא טונקען אונ דיא צווייטע מוז איהר צו האלטין, זאל דיא צווייטע פריער אב טונקען איהרע הענט אין וואסער אונ נאכהער איהר צו האלטין, לויז בכדי דיא וואסער זאל קענען צו קומען אין דעם ארט וואו זיא האלט איהר. — אונ אויב ביין ברעג טייך איז לייטיג, דארף זיא בעת אריין גיין אין טייך (פאר טבילה) אב וואשין גוט דיא פיס אונ צווישין דיא פינגער פון דיא ליים,

אונ

און נאכהער זיך אונטער טונקען, (אונ אויב זיא קען נעמען פון צוא הויז אברעטיל אריבער לייגין איבער דעם לייטיגען ארט איז אם-בעסטין),

נאך פסח ווען דיא טייכען ווערין גרוים פון דיא שנייא וואס צו גייט, אדער יעדער צייט נאך גרויסע רעגינס וואס דער טייך ווערט גרוים, מוז מען פרעגין אשאלה ווענין טבילה אין טייך.

דאס האב איך געוויזין נייטיגע זאכין ווענין טבילה, וואס מען דארף באמערקין אפילו דיא גאנץ ארינטליכע וואס היטין אב, הייגט וועט רעט ווענין דיא גאנצע צייט פון באזונדער זיין, אין דעם זייגען גאנץ פיל יונגע פרויען זייער אונוויסענד, אלזא זאלט איהר זיך נעמען דיא מצוה צו באמערקין זייא, אז פון דיא ניין מאס רייד וואס פרויען האבין גינומען, איז אויסער זייא זאלין אב שיידען מעשר (דאס איז קרוב איין מאס) אונ בעת זייא קומען צו זאמען איינע מיט דיא אנדערע אין שול אדער אין וואלד אפין שפאציר אדער פאר-נאכט אפין פריזבע, אנשטאט צו ריידין וואס ביי יענעם אין טעפיל טוט זיך, אדער וואס פיר אקלייד יענע האט גימאכט, אדער וואס פיר אמערכה יענע האט פאר איהר מאן, אדער גאר אין וועלכע אויסלענדישע באדע יענע וועט פארין, זאלין זייא בעסער (אין די צייט) איינע דיא אנדערע באקאנט מאכין וואס זיי נייטיגער איז צו וויסין, איך רעכין אז דאס איז נאך פיל נייטיגער וויא צו וויסין וואס מען וועט הייגט שפילין אין טעאטער!

איך בין זייער גערין צו הערין פון אייך די גאנצע פראגראמע פון איין יודישע טאכטער, וויא אויף צוא פיהרין זיך אין דיא צייט פון באזונדער זיין, עס קען זיין אז איך אליין בין אויך אונוויסענד אין איינגע זאכען.

צו דיזע ערקלערונג — אנטווארטע איך — פארלאנג איך, מיר זאלען ארויין גיין אהוייזע אין עזרת נשים (ד. ה. דא אונטען, אונטערין שטריך, דארפין וועלין מיר דאס לערנען פאדראבנע *)

---

*) עזרת נשים

1) וויא עס קומט דיא צייט פון איהר מאנאטליכען פלום דארף זיא זיין באזונדער 12 שטונדען פריער, צב"ש ווען איהר צייט דארף קומען זונטאג בייא טאג דארף זיא דעם שבת צו נאכט פריער שוין זיין באזונדער, אונ ווען דיא צייט קומט איהר שבת-צונאכט דארף זיא צוועלף שעה פאר נאכט זיין באזונדער.

2) ווען זיא שפירט נור אקוואל עפענונג (אפילו ניט אין דיא צייט פון איהר מאנאטליכען פלום), אפילו זיא האט זיך אונטערזוכט אונ גאר ניט גיפונען איז זיא טמא, נור אז זיא האט גיפונען אליחות אן אשום רויטקייט, זאל זיא פרעגין אשאלה*).

וועו

*) הכלל ווען נור עס מאכט זיך אין דיא ענינים אספק, זאל זיא גלייך פרעגין א שאלה, אם-בעסטען איז זיא זאל אליין פרעגין ביים רב (דורך דיא פערמיטלונג פון דיא רעבעצין, דרום דארף דיא פרויא פון

3) ווען זיא געפֿינט ארויטין פֿלעק אַפֿין לייב, אָדער אויף דיא וועש אָדער אויף איהר בעט, אונ עס קען זיין אַז ער קומט פֿון איהר קוועלע, אפילו זיא האָט פֿריער אין זיך גאָר ניט געשפּירט איז זיא אויך טמא, נור ווען דער פֿלעק איז ניט גאַנץ רויט דאַרף זיא פֿרעגין אַ שאלה.

4) דיא בעשטימטע צייט פֿון איהר מאָנאַטליכען פֿלוס אויב עס איז אַריבער אונ זיא האָט גאָר ניט געשפּירט מוז זיא זיך גוט בודק זיין, אונ אויב זיא גיפֿינט ניט איז זיא טהור, אונ דיא בעסטע איז זיא זאָל מיט אַשעה פֿריער (פֿאַר דיא בעשטימטע צייט) אַריין טאָהן אַ ווייסע ווייכע זאַנפֿטע טיכעלע גאַנץ וויט אין דעם געוויסן אָרט, עס זאָל ליגען ביז איבער איהר געוועהנליכע צייט (ווען איהר גאַסט קומט שטענדיג), דאַן וועט זיא וויסן קלאָהר דיא זאַך. אונ אויב זיא האָט דאָס ניט גיטאָהן, אונ אַז דיא צייט איז אַריבער האָט זיא זיך גיבאָדין אָדער גיוועזן אין אַוואַנע אונ האָט גאָר ניט גיעשפּירט מוז זיא פֿרעגין אַ שאלה. ווייל עס איז אַחזקה אַז דער גאַסט קומט אין זיין צייט.

5) ווען איהר פֿרויען-גאַסט האָט ניט קיין בעשטימטע צייט, אָדער ער הייבט יעצט אָן צוא וועקסלען זיין צייט, דאַרף זיא פֿרעגין אַ שאלה.

6) דיא גאַנצע צייט פֿון אונריין ווערין ביז נאָך טבילה גיין, טאָר דער מאַן מיט איהר קיין שפּאַס ניט מאַכין, אונ ניט נעמען איינע בייא דיא אַנדערע פֿון האַנד קיין חפץ, אויך ניט עסין פֿון איין טעלער, אָדער טרינקען וואָס זיא האָט איבער גילאָזין אין אַכלי פֿון איהר טרינקען. — אויך דיא בעטין אין שלאָף צימער (פֿון מאַן אונד פֿרוי) טאָרין איבערהויפּט ניט שטיין האַרט איינע אָן דיא אַנדערע, זאָנדערין עטוואָס אָב גירוקט.

7) פֿון דעם טאָג וואָס זיא איז אונריין גיוואָרין, זאָל זיא אָבוואַרטען פֿינף טעג, צב"ש ווען זונטאָג פֿאַר דיא שקיעה (זונאונטערגאנג) איז זיא אונריין גיוואָרין קען זיא דאָנערשטאג פֿאַרנאַכט (אויב עס איז אב גיהאלטין דער פלוס) מאַכין איהר אַב-צוג, נור עס זאָל זיין פֿאַר דיא שקיעה, בכדי דעם טאָג פֿרייטיג זאָל זיא קענען רעכענען אין דיא זיבין ריינע טעג, אונ דעם צווייטין דאָנערשטיג בייא נאַכט (וואָס גיהער צו פֿרייטיג) גיין טבילה.

8) פֿאַר דעם אַבצוג זאָל זיא זיך גוט בודק זיין (דאס הייסט אונטערזוכען), אונ דאָס בעסטע איז אַ זויבער ווייסע טיכעלע וואָס זאָל פֿאַרנעמען דעם גאַנצין געוויסען אָרט, אונ עס זאָל דאָרטען ליגען פֿון פֿאַרנאַכט ביז שפּעט, אונ אויב זיא געפֿינט גאָר ניט זאָל זיא זיך דאָרטין גוט אויסוואַשין אינעווייניג אונ אויסווייניג אַרום אונד אַרום אונ זאָל איבער טאָהן ווייסע וועש, ווען זיא האָט ניט קיין ווייסע איז גוט אַגיטראָגענע נור ריין פֿון רויטע פֿלעקין, אונ בייא נאַכט איבער ציהען ריינע בעטציג.

9) אויב זיא קען גיין גלייך אין באַד-שטוב זיך אַרום וואַשין דאָרטין דעם גאַנצין קערפּער אונ אָן ציהען ווייסע וועש איז אַם-בעסטין. אָבער אָב לייגין דעריבער דעם אַב-צוג אויף מאָרגין אָדער איבער מאָרגין וואָס דאַן וועט זיא גיין אין באַדשטוב דאָס טאָר מען ניט, זאָל זיא בעסער היינט זיך אויס וויסן ריין דיא ערטער וואָס זיא דאַרף אונ אָן טאָהן אַפילו איין אלטע העמד (נור אַריינע) איידער וואַרטין אויף מאָרגען גיין אין באַד-שטוב.

10) דיא גאַנצע 7 טעג פֿון ציילין דאַרף זיא זיך בודק זיין (ד. ה. אונטערזוכען) פֿריה אונ פֿאַרנאַכט מיט אַווייכע זאַך אַ ווייסע, אַריין ברייגען אַפֿינגער דיא טיף אין געוויסען אָרט, אונ ווען זיא געפֿינט אַרויטין פֿלעק גייען פֿאַרלאָרין אַלע פֿאָהריגע טעג אונ זיא דאַרף פֿון דאָס-נייא ציילין זיבין ריינע טעג. אויב דיא פֿאַרבע פֿון פֿלעק איז איהר אַספֿק (צווייפֿעלהאפט) מוז זיא פֿרעגין אַ שאלה.

11) דעם זיבעטין טאָג פֿון ציילין, פֿאַרנאַכט נאָכהער ווייא זיא האָט זיך בודק גיוועזן

ארב זיין זייער אפריעמנע צוא אלעמען), ווייל דאס מעהרסטע שעמען זיך דיא יונגע פרויען אין דיא ענינים ריידין מיט אמאנס-פערזאהן. מען דארף אבער וויסען אז דער רב רעכינט זיך וויא איין גייסטליכער דאקטער, אונ פיר אדאקטער דארף מען זיך ניט שעמין ארויס צוא געבין אלע פערהעלטניסע. — אונ דיא פרויא וואס חיל בעסער מחמיר זיין אויף זיך, אום אוים צו מיידען אשאלה פרעגין, איז דאס איין אונרעכט, חייל אזויא איא מען טאר אליין ניט גרינג מאכין, אזויא טאר מען אין דיא זאכין אליין ניט מחמיר זיין.

מיר האָבען אַהיבשע ווײַלע פאַרבראַכט אין עזרת נשים איך האָב איהר גוט ערקלערט אַלע 15 פונקטין און זיא האָט דאָס גוט אײַנגיהערט, אַם ענדע גיט זיא אַזיפץ מיט דיא ווערטער, אָה! אָב גילעבט יאָהרין וויא אַיונגע ציג! זיא האָט מיר מודה גיווען אַז פיל זאַכין איז בײַ איהר אַנײַס, זיא העֶרט דאָס דעם ערשטין מאָל. בײַ מיר איז דאָס גאָר קיין וואונדער ניוועֶן, פון וואַנען זאָלין היינטיגע פרויען וויסין? אַז לייענען מנורת המאור איז אויס מאָדע, דער 19-טער יאָהר-הונדערט האָט ערפונדין אַבעסערע מעטאָדע וועגין לערנען מוראַל (מוסר), דאָס איז גיין אָפט אין טעאַטער, דאָרטין (זאגין זייא) זעהט מען פרעדסטאַוולעניעם, וועלכע ווייזין אַרויס שיינבאַר, וואָס פאַר אַגוטע ענדע עס האָט דער אָרינטליכער גאָטס-פאַרכטיגער מאַן, און דעם פינסטערין סוף וואָס דער פאַרדאָרבענער און שלעכטער מענטש האָט, היינט צוא וואָס

עזרת נשים

גיוועןָ גאַנץ טיף און געֶפינט זיך ריין. אויב זיא קען גיין אין באַד-שטוב איז אָם בעסטין, אויב ניט קען זיא זיך אויס וואשין און אויס צוואגען און אויס קאַמען אין שטוב און אָב שניידען דיא נעגיל אין שטוב און נאַכהער גיין אין בית טבילה און דאָרטין זאָל זיא נאָך אַמאָהל זיך אויסקאַמען און זיך אַרום וואַשין דעם גאַנצין קערפער, און זאָל ווייזין אַצווייטע פרויא זיא זאָל איהר אַרום זעהען אויב עס איז ניטאָ וואָס אַחציצה, איבערהויפט ריין מאַכין צווישען דיא פינגער .פון דיא פיס, אונטער דיא אַרימס, אונטער דיא בריכט, אויס מאַכין ריין דעם אָפיל, דיא אויערין, אויס שנייצין דעם נאָז, אויסוואַשין דיא מויל, אויס מאַכין ריין דיא ציינער (דיא וואָס האָט אַריין גישטעלטע ציינער דאַרף פרעגין אַ שאלה), אַנדערע עסין ניט קיין פלייש אין דעם טאָג פון טבילה גיין, דאָס איז זייער אַגוטער מנהג, לאָזין וואַסער פריער אויך מענטשליכע גיברויך אויב זיא דאַרף.

12) בעת טבילה ניט צוא מאַכין פעסט דיא אויגין און דיא מויל נור „לויזלאַך”.

13) נאָך דיא טבילה בעת זיא שטייט נאָך אין וואַסער זאָל זיא צוזאַמען לייגין איהרע אַרימס איינע אויף דיא צווייטע, אונטערין האַרצין, און מאַכין דיא ברכה אשר קדשנו במצותיו וצונו על הטבילה. אַנדערע זיינען זיך נוהג אַז נאָך דיא ברכה טונקען זייא זיך נאָך אַמאָהל אָב, און דאָס איז זייער גוט, אָבער דיא אַנדערע טבילה זאָל אויך זיין וויא גיהעריג צוא טבילה איז.

14) גיוואוינליך איז יעדען מענטשין באַליבט נאָך אַטבילה אין דער מקוה זיך אַרום צוא וואַשין ריין, ווייל מאַנכע מאָהל איז דיא מקוה-וואַסער ניט זייער זויבער. דאַרף מען וויסין אַז אָב גיסין זיך דעם גאַנצין קערפער אויף איין מאָהל, אָדער גיין אין אַוואַנע דאָס טאָר מען ניט על פי דין. זאָנדערין זיך אַרום וואַשין גלידערווייס, צב"ש אויסוואַשין זיך דיא קאָפ אַליין פריער, און נאַכהער אַנדערע שטעלין אין קערפער בּיסלאַכווייס, ביז מען ווערט ריין אין גאַנצין.

15) אַיודישע טאָכטער דאַרף זיך פיהרין בצניעות, קיין פרעמדער מאַנס-פערזאָהן זאָל ניט מערקען אַז זיא גייט היינט טבילה. דרום דיא וואָס וואוינט אין שכנות, אָדער בייא איהר מאַן אַרבעטין פועלים, זאָל זיא אויס מאַרקירען קומען צוא הויז נאָך דיא אַרבעטערס אַוועק גיין, אָדער עס זאָל ניט זיין קאָנטיג אַז זיא קומט פון באַד-שטוב. — אויך דאַרף זיא פאָרזיכטיג זיין, אַז אַרויס גייענדיג פון טבילה זאָל איהר באַגעגנען איהר חברת'ה און זיך אָן ריהרען אָן איהר, בכדי דיא ערשטע באַגעגנעם פון טבילה זאָל זיין אַדבר טהור, עס זאָל בייא איהר בלייבען דיא גידאַנקען ריין און הייליג, וואָס דאָס איז איינע פון דיא הויפט זאַכין צוא גיבוירען ריינע כשרה קינדער.

ברויכט מען יעצט מנורת המאור? איך האב אין אנפאנג אויך גירעכינט אזויא, אונ בין אלעס גערין גיוועזען צוא זעהען לפחות איין בעל תשובה וואס איז גיווארין פון טעאטער, ליידער אבער האב איך ניט גיהאט דיא זכיה צוא דעם. זעהט איהר דאס איז מיר יא פאר גיקומען פיל מאל צוא זעהען, וויא איינינע מאנער האבין אוועק גיווארפין פרויען מיט קינדער אונ אנטלאפין מיט אקטריסעס פון טעאטער, וואס זייא האבין זיך אין זייא פערליבט. אויך וויא א פרויא איז אנטלאפין פון אמאן מיט איונגען קאוואלער, וואס זייא זיינען בעקאנט גיווארין אין טעאטער. אונ נאך אזעלכע שטוקעס, — אונ ווענין דיא שיינע ספורים פון תלמוד ומדרשים וואס גיפינען זיך אין מנורת המאור, וואס א פרויא פלעגט אמאל פארברייננען איהר רוהיגע צייט אין רעם, איז היינט אויך ארוים פון מאדע, עס איז דאך עפעס דא נאיע ספורים פון ראמאנען. אונ דיא מוטער זאל דאס איבער געבין דיא טאכטער אין דעם טאג פון דער חופה*) איז היינט דא וויכטיגערע זאכין מיט וואס דיא כלה בעשעפטיגט זיך דעם הייליגען טאג פון חופה, דהיינו בעזארגין אבוקעט מיט ליכטלאך פיר דיא קאוועלערין אונד פריילינס, וועלכע בעגלייטין איהר צוא דער חופה, אונ נאך אזעלכע נייםאדישע וויכטיגע זאכין, היינט וואו בלייבט שוין צייט צו פארנעמען זיך מיט דיא אלט מאדישע ענינים? (אוי לאותה בושה אוי לאותה כלימה).

דיא ווירטהין האט איינינע מאהל ווידערהאלט דיא 15 פונקטין אונ מיר זיינען ארויין צוריק אין זאאל. — פיליייכט איז דא נאך איינינע פונקטין? איך בין גערין צוא הערין — פרעגט דיא ווירטהין — איך וועל זייא מיט דעם עוויגענס הילף באקאנט מאכין אלע מיינע פריינדינען, אונ וועמען איך וועל נור קענען.

יא יא! עס איז פארהאנדין נאך פיל דינים וואס עס בעלאנגט אן אכלה, אונ וואס עס בעלאנגט אן איולדת, איהר וועט אלעס געפינען אין מעין טהור אונ אין מנורת המאור. נור דא וועל איך אייך אן מערקען איין נייטיגען פונקט.

אונטער דיא פיעלע טויזענדע גוטע איידעלע זיטטען, וועלכע אונזערע
הייליגע

---

*) וועלכער בייא איין גאטט-פארכטיגע קינד איז דער טאג אזויא וויא יום כפור, צו פאר ברייננען נור אין הייליגע זאכין, אונ זיצין עטליכע שטונדין גאר איינזאם אין אבאזונדערין צימער מאכין אבאלאנס פון פאריגען קינדערשען פיהרונג, אונ אוים גיסין דיא תארץ פאר דעם פאטער פון הימל ער זאל איהר שטארקען דעם געפיהל זיך צוא האלטין אויף ווייטער וויא אטענטש באדארף צוא זיין, אונ פאר ברייננען לפחות אשטונד דורך לערנען דיא נייטיגע ענינים פון צניעות וואס איז נוהג צו וויסין מאן אונד פרויא, וואס היינטיגען אווענד מאכט זיא דעם ערשטין שריט אין דעם.

הייליגע חכמים לעהרנען אונז אין דעם הייליגען תלמוד, געפינען מיר א טהייערען קלוגען רעגעל: „אל תכנוס לבית חבירך פתאום" דאס הייסט, דוא זאלסט ניט אריין גיין א וויזיט-מאכין צוא אמענטשען אונגעריכט, ווען ער ווייסט ניט פון דיין אן קומען. מיר זעהען וויא ריכטיג דאס איז, אז אללע ציוויליזירטע פאלקער האבין דאס שפעטער זייער פעסט אנגענומען, אונד יעצט איז שוין אלגעמיין דיא עטיקעטע, ווען מען קומט צוא אצווייטען, ווערט פריהער אנגעקלאפט אין טיר, אפילו פון שטוב אין צימער, דאפאן איז גענוג פער-שטאנדליך, אז איינע אדעלע פארנעהמע אברהם אבינו׳ס אטאכטער, דארף געווים ניט זיין איינע פלאטצליכע אונפערהאפטע גאסט, ביא איהר באליבטען טהייערען עוויגען פריינד אונ הערען! דארום איז ביא אונז דער דין אז דער מאנן דארף פריער אלעס וויסען! א פארשטאנדיגע אידישע פרויא דארף מען פאדראבגע ניט טייטלען מיט אטייטעל, וויא דאס צוא מאכין, זיא וועט שוין אליין גענוג שכל האבען, וויא איהם גאנץ-איידעל דיא בעמערקונג צוא מאכין, תיכף דיא צייט ווען זיא מוז זיך פון איהם ערווייטערין, אונד נאכהער ווידער ווען זיא האפט דאס ווידערזעהען! (ודי לחכימא ברמיזא).

דער דריטטער בריעף.

אויך אין דיא צווייטע מצוה פון פרויען דאס איז חלה-נעמען, זאלט איהר זיין זייער פארזיכטיג אב צו היטין ריכטיג וויא עס גיהער, אונ איבער-הויפט מעמיק זיין (זיך פערטיעפען) אין דעם גידאנקען וואס איז איין גיוועבט אין דעם, וויא איך האב אייך פריער גוט ערקלעהרט, אז דאס מערקט אונז אויף צווייא וויכטיגע זאכין. — 1) אז אפילו מיר האבין שוין דיא זאך (וועלכע מיר שטרעבין צוא איהר) אין האנד, (וויא בייא דיא תבואת מיר האבין שוין אריין גינומען אין שטוב אונ צוא מאלין) זאלין מיר אויך גידיינקען אז מיר זיינען נאך-קיין תקיפים ניט, עס איז נור אלעס אמתנת אלקים (אגאטעס גאבע) צו באנוצין צום תכלית (וויא עס איז ערקלערט געווארין אין הערה צד 56) מיר זיינען דאס זוכה נור מיט דעם רצון הבורא, וואס ער איז דער ריכטיגער ווירטה פון דעם (כדברי המשורר לנוכח אביו שבשמים: מי הוא הפותח את ידך, והמשביע לכל חי? רצון! כאומר ידעתי אבי ידעתי כי רק רצונך הוא המשפיע לנו כל טוב והנותן לנו כח לעשות חיל). דרום שיידין מיר אב אבנית אונ ווארפין אריין אין פייער, בכדי מיר זאלין זיך מצייר זיין אז ווען ניט דער רצון הבורא, קען פון אונזערע אלע קנינים ווערין אין איין רגע וויא פון דעם כזית אין פייער וועלכער ווערט אין אסעקונדע אש, אונ

עס העלפט קיין מיטלען ניט צוא פארזיכערין פון גאטעס האנד (אין חכמה ואין עצה לנגד ה׳) וויא דער נביא זאגט (עמוס ט׳) „ואם יסתרו בקרקע הים״, ווען זייא וועלין זיך פארבארגין פון מיר אפין גרונד ים, דאס איז אמליצה זייא וועלין פארסטראחירען זייער רייכטהום אין דיא זיכערסטע פייער-קאסעם (וויא איינער באהאלט אין ים, ווייל דארטין קען געוויס קיין פייער ניט צוא קומען) „משם אצוה את הנחש ונשכם״ דאס הייסט השי״ת האט אזעלכע זארטין פייער וואס קומט אין ים אויך צוא, וויא מיר האבין פיל מאהל געזעהען אז גבירים אדירים האבין ניט געקענט געניסען אהאר פון זייער גוטץ און זיינען געשטארבין פון הונגער פשוטו כמשמעו, זייא האבין געקראגין לא עלינו סוחאטקא-גארלא און ניט געקאנט אראב ברייננען קיין שום שפייז און געטראנק, זיינען זייא אויס געגאנגען פון הונגער. נוא איז שוין דא אקרעפעסט וואו צוא שיטצין זיך פון גאטעס צארין? דיעזער געדאנקען וועט אייך מיט ברייננען שטענדיג דאנקבאר צוא זיין דעם בורא עולם אויף יעדער מינדעסטע וואס איהר געניסט פון זיין וועלט, און אז איהר וועט באמערקין אז דיא אלע ברכות וואס אנשי כנסת הגדולה און דיא נביאים האבין אונז מתקן געווען, איז איינע פון דיא טעמים זייערע אויף צוא וועקין דעם געפיהל פון דאנק-בארקייט צוא דעם עוויגען, וועט איהר זהיר זיין צוא מאכין אויף יעדער זאך אברכה ווארט ביא ווארט, אז דיא אויערין זאלין הערין וואס דיא מויל רעדט, דיא טיעפסטע הערצליכע געפיהלען זאלין אויפגעוועקט ווערין צוא דיא ליבשאפט צוא אונזער פאטער פון הימיל, און דער נפש זאל ווערין פול מיט גראסמוטה וואס מיר האבין זוכה געווען צוא זיין עבדי ה׳, טרייע דינער צוא דעם וועלט-קעניג. — און דאס צווייטע לערינט אונז (דיא מצות פון חלה-נעמען) זעהען צוא שטיצען ישיבות און ארימע בני תורה (וואס לערנען פלייסיג) בכדי עס זאל ווערין גלענצענד און ערהויבין דער כבוד התורה, עס זאל געבין אשיין אויף דיא גאנצע פאלק, אז יעדער מוטער זאל זיך ווינשין איהר קינד זאל קענען און וויסין דיא תורה, ממילא וועט זיא זעהען איהם צוא געבין לערנען און אויפפאסין ער זאל מאבין גוטע פארשריטע אין דעם. אויך וועט מען זיך סטאראיעו נעמען גוטע און פרומע חתנים פאר דיא טאכטער, עס זאל פון זייא ארויס קומען דורות וואס זאל זיין שיין פאר גאט און לייטען, אז דאס ליכט פון אונזער פאלק זאל ארויף שיינען אויף אלע נאראדין,*) מיר זאלין קומען צוא אונזער תכלית, דען דאצוא זיינען מיר באשאפין געווארין צוא זיין לאור עולם (איין עלעקטרישע פלאמע צוא בעלייכטען דיא וועלט).

און אום איהר זאלט קריגען אבעגריף וואס דיא ישיבות (וועלכע לערנען

תלמוד

*) וועלכע גלויבען ניט אין גאטט.

תלמוד) בעדייטען, בכדי עס זאל ווערין ביי אייך באליבט דיא תורה אונ דיא
וואס הארעוועט צוא קענען איהר צום גרונד, וואס דער בעגריף איז איינע
ערהאבענע זאך, וואס וועט אייך פיהרען צוא אלע גוטע זיטען אונ טהאטין
אונ דורך דעם וועט איהר שוין גרינדליך פארשטיין וואס דיא דריטע מצוה
אייערע, ד. ה. ליכט בענטשין בעדייטעט, אין צוצינדען אייער מאגם אונ
קינדערשע ליכט אין דעם אור התורה, וועל איך מארגען אי"ה פארטייצין אייך
„פרקי אבות" וועט איהר ערשט עפענען דיא אויגין וויסין וואס אוועלט איז.

זייער אנגינעהם — ענטפערט דיא ווירטהין — איך וועל איין לאדין מיינע
ברידער אונ שוואגער מיט זייערע פרויען אונ קינדער, בכדי אלע זאלין הערין
דיא וויכטיגע אונ ליכטיגע רייד.

אויף מארגען זיינען צוזאמען גיקומען פיל געסט כמעט דיא גאנצע
פאמיליע, אונ אויך פיל בעקאנטע זייערע, אונ איך האב פאר זייא ער-
קלערט דיא פנינים יקרים (טייערע פערל) פון מסכת אבות וויא איך וועל דיר
אי"ה שרייבין אין דעם קינפטיגען בריף, אז עס האט אזויא ווייט גימאכט
א ווירקונג אויף אלעמען, אונ איבערהויפט אויף דיא ווירטהין, אז לבד וואס
זיא האט זיך בעשלאסען שטריינג אב צוא היטין דיא אלע דינים וואס גיהערט
צוא פרויען, האט זיא זיך נאך איבער גיגעבין מיט לייב אונ לעבין בעקאנט
מאכין אויך איהרע פריינדינען, זיא האט מיט איהרע קלוגע רייד אזויא ווארים
גימאכט זייער הארץ אז זייא האבין דיזעס ווייטער איבער גיגעבין צוא זייערע
בעקאנטע, אונ זא ווייטער אונ ווייטער, פון איינע צו דיא אנדערע, ביז עס איז
אוועק אין דיא הונדערטער.

א פאקט קען איך דיר שרייבין, אז איינע יונגע דאמע אהויך געבילדעטע,
וואס האט געפיהרט אהיינט-מאדישען שטאטט, גיפלויגין אלע יאהר אין אויס-
לענדישע בעדער אונ האט גאר ניט גיוואוסט (אונ ניט גיוואלט וויסען) וואס דער
יודישער קליין-טייכעלע בעדייטעט, האט אויף איהר אזא איינדרוק געמאכט
איהרע קלוגע אונ אנציהענדע ווארטער, אז זיא האט זיך איין מאהל פאר-
מאכט אין קינדער צימער ביי דיא וויגעלע פון איהר ליבעס קינד, אונ האט
אויס גיגאסין איהר הארץ צוא דעם באשעפער מיט דיזע ווארטין:

אך, מיין ליבעס קינד! וואס האב איך גיהאט צוא דיר, וואס איך האב
דיר אזויא בעפלעקט דורך מיין אונפארזיכטיגקייט אונ נאכלעסיגקייט אין
אויפפיהרונג וואס אנבעלאנגט צוא אונז פרויען! דער גוטער גאט, דער וועלט
פראפעסאר, האט אונז פעראָרדינט אין זיין תורה גיזונדהייט פאר אונזער
קערפער אונ היילינקייט פאר אונזער זעעלע אונ אונזערע קינדערס זעעלען,

און

און איך האב דורך מיין דומהייט זיך מיט מיינע קינדער עוויג בעשמוצט, אה וועה איז מיר! (זאגט זיא וויטער) אז דיר מיין פייגעלע האט זיך (ניט יעצט געדאכט) גימאכט ארויטער פלעק אויף דיין ליכטיגע געזיכט, האב איך ניט גירוהט ניט גירואסט, פיל נעכט נאך אנאנד ניט אויס גיטאן זיך, גיליינט טיכלאך ארוף און אראפ, גיפלויגין מיט דיר אין אויס-לאנד צוא דיא גרעסטע פראפעסארין, און קיין זאך איז מיר ניט שווער גיוועזן, ביז איך האב דער לעבט ריין צוא מאכין דיין שיינע געזיכט, און אזא קליינינקייט אב צו היטין, דיא ערהאבענע גאטליכע פרויען-פפליכטע, וועלכע פארדערט גאנץ ווייניג מיהע און קאסטען, נור פינקטליכע ארדנונג איינינע געזעצליכע טעג, און נאכהער דיא קליינע טרחה מצות טהרה צוא ערפילען, וועלכע דאך אויך איין ארט פערגעניגען איז, האב איך מיט גראבע דומהייט און אונוויסענהייט פעראכטעט, און דאדורך האב איך אויף דיר געבראכט ארויטין שמוציגען פלעק פון קאפ ביז דיא פיס, וועלכען איך קען נימאלס אין מיין לעבין דיר אויסרייניגען פון דעם, אה! מיין טייערע שפיל-פייגיל וואס האב איך געהאט צו דיר, וואס איך בין גיווארין דיין מערדערין? *)

אה

*) אקלוגער רב האט גיהאלטען ארעדע שבת שובה אין אריסטאקראטישע שוהל, האבין זייא איהם גיבעטין ער זאל ניט ריידין וועגין דיא מצות און עבירות וואס געהער בין אדם למקום (זייא פארשטייען דאך אז אין דעם טייל זיינען זייא גבאנ־ראט), ער זאל נור ריידין, וועגין בין אדם לחבירו (אין דעם טייל—רעכענען זייא—זיינען זיי אויס גיצייכינט נאך מעהר וויא דיא ארטאדאקסין), האט ער אנגיפאנגען שילדערין וויא נידערטראכטיג דיא עבירה איז, דעם צווייטען שאדען אדער שמערצען צוא מאכען, אונד נאך מעהר ווען מען דעם צווייטען שאנדע מאכט, וועלכע דיא גמרא הקדושה פערגלייכט צוא שפיכות דמים. מיט דיעזע שילדערונג איז ער אימער אין דער שטייגערונג געקומען, צב"ש, עס איז ניכט גלייך ווען מען מאכט דעם צווייטען צער אדער בזיון אויף א ווילע, צוא אצער אדער שאנדע אויף א לאנגע צייט — וויא זעלבסט פערשטאנדליך איז — ביז ער האט בעריהרט דעם ענין ווען איינער איז גורם (פעראורזאכט) דעם צווייטען שאנדע אונד קראנקונג אויף עוויג! אונד נאך מעהר ווען דיא שמערצען אונד שאנדע גייט נאך איבער בירושה צוא זיינע נאכקאמען לדורי דורות, וויא שרעקליך ווילד איז דיעזער פארוויג (זיטע)! וויא טיראניש וויא בארבאריש איז אזא כאראקטער! מען זאל איבער א אייגענע אינטערעססע אפוסטע א ניכטסווירדיגע, וועלכע נור איניגע מינוטען זיך נארישע וויגאדע אדער פערגעניגען מאכט, אזויא בעזסאוויעסטנע זיין, דאריבער מפקיר צוא זיין דעם צווייטענס גליק אונד לעבין אויף דורי דורות! אונד ווען עס זאלל נאך דער פאלל זיין, אז דער יעניגער וועמען ער פעראונגליקט איז נאך זייגער אלייבליכער פריינד אדער גאר א אייגען קינד! וויא שוידערהאפט, וויא הערצ־רייסענד איז אזא סצענע! איז ער דאך ערגער וויא א טיגער אין וואלד! ערגער וויא אשלאנגע אין א מדבר! דיזע אלע ווילדע טהיערע, האבען דאך וויניגסטען ליבע אונד ערבארמונג אויף זייערע אייגענע לייבעס־פרוכט. — אלזא טהייערע ברידער אונד שוועס־טער — זאגט דער רב וויטער — מיר זעהן אז טיעף אין דיא אינערליכקייט, איז דער גיטליכע פונק פון דיא אש הגדולה פון בארג סיני בייא אונז חלילה נאך ניט פער־לאשען, וויא טויזענדער פאקטען האבען אונז בעוויזען אז אפילו זאלכע מענטשען וועלכע

אה! ליבער הער דאקטער פון דער וועלט (אזויא רעט זיא מיט דיא אויגין צום הימל) אויב איך בין ניט אים-שטאנדע אב צוא רייניגען מיין ליבעס קינד פון דעם עוויגען פלעק, בעט איך דיין גינאדע דוא זאלסט אב וואשין מיט מיינע טרערין דעם פלעק „בן הנדה", איך וועל ניט זאלעווען אגאנצע וואכע פון טרערין, אויב מאגליך איז מיין קינד דריגען אוים צו וואשין, אונ האט שטארק גיוויינט.

נאכהער איז זיא אויפגעשטאנען אונ פארשפרייט דיא הענט צום הימיל מיט דיא ווערטער: איך דאנק דיר גוטער גאט וואס דוא האסט מיר בעהאנדעלט וויא אצערטליכע מוטער בעהאנדילט איהר קינד פון ברוסט, וועלכע איהר אונוויסענהייט האט מיט געבראכט אז אנשטאט צו דאנקען אונ קושין דיא מוטער פיר איהר סטראדאניע פון איהרט וועגען ביז וואנען זיא האט דערלעבט צוא זעהען ביא איהר אצאן אין מויל, וועלכער קאסט איהר גוט אונ בלוט, ניט איין נאכט האט דיא מוטער ניט דערשלאפין איבער דעם, אם ענדע ווען זיא האט איהר גיגעבין דיא ברוסט אין מויל האט איהר דאס קינד גיגעבין אביס, אז עס איז איהר פונקען ארוים פון דיא אויגין, וואס בעת מעשה איז זיא וועדמה אז דיא מוטער זאל איהר אוואדף טאן אין וויגעלע אונ ניט צו גיין צו איהר [3] טעג

נאך

אייסערליך זיינען זיא געוועזען וויים פון אידעשען גייסט, האבען אונגלויבליכע נסיונות בעשטאנען, אונד געוואלטיגע גבורות בעוויזען. אז זייא האבען זייער גאנצען עקסיסטענץ געבראכען, אראסקאשנעם פערגניגטען לעבען פערלאזען אונד אויכגעוואנדערט מיט פאמיליען מיט קליינע קינדערליך, אהנע אויסזיכט וויא דורכצולעבען. אום נור דעם עהרענפאללען טיטעל „ישראל" ניכט איינצולאזען! זייערע ערהאבענע עוויגע פירסטליכע האלדע (יחוס) „בני אברהם יצחק ויעקב!" ניכט צוא פערליערען. דיעזען ריכטיגען בעוויז האבען מיר אלע איך אונזער פעריאדע מיט דיא אויגען געזעהען. אלזא שטעלט אייך פאר, איהר פאטערס אונד מוטטערס! וועלכע איירע קינדער זיינען ביא אייך טהייער וויא אויגען אין קאפף! וועלכע איהר ליעבט וויא אייער אייגענעם לעבען! וויא שרעקליך איז דיא פערפיהרונג פון יצר הרע, אז ער קען מענטשען אזויא דיא אויגען פערבלענדען. געגען זייערע קינדער זעלבסט ערגער אלס ווילדע טיגער אונד שלאנגען צוא ווערדען. אויף זייא דעם שאנדליכען פינסטערען נאמען: „פגום, בן-הנדה!" אויף עוויג לדורי דורות ארויף צוא לייגען! וועלכע עראינגערונג וועט זייא עוויג יעדע,מינוט מיט בלוטיגע שאנדע בעדעקען! וואס וועלין דיא עלטערין זייא קענען אנטווארטען, ווען זייא וועלין זייא דיא שרעקליכע אנקלאגע מאכען: „וואס האט איהר אונז אויף דער וועלט געבראכט, צוא עוויגע הערצליכע ליידען אונד שאנדע. מיר וואלטען ליעבער אויף דער וועלט ניכט געבארען ווערען! איידער צוא זיין דער שמוטץ אונד דער פלעק פון אונזער הייליגע נאציאן"! דיעזע אויפקלאהרונג האט שרעקליכע איינדרוק אונד אויפרעגונג געמאכט. אונד הערצען אונד דאמען האבען לויט געוויינט אונד הייסע טרעהרען פערגאססען. אונ גאנץ געווים האבין זיך פיעל פון זייא פעסט בעשלאסען פון היינט אן אב צוא היטין טהרת ישראל אויפין בעסטין ארט. אונ אויך אויף צוא פאסין זייערע טאכטער.

נאך אנאנדר, אז זיא זאל אויס גיין פון הונגער אונ פון אונצוכט, פון דעסט וועגין איז דיא מוטער׳ס מיטלייד אזוי גרויס, אז אוויילע נאך דעם זאגט זיא: „אוי וועה! מיין קינד איז געבעך הונגעריג אונ דארשטיג, אונ ריינינט איהר אונ גיט איהר צוריק דיא ברוסט. דאס גלייכין פיהרסטו זיך דוא ליבער גאט, אז דוא האסט מיר גיגעבין לעבין אונ פערשטאנד אם ענדע האב איך מיין פערשטאנד וואס דוא האסט מיר גנאדיגליך געליהען בענוצט צו פוסטע אונ פינסטערע געדאנקען אונ מעשים. איך האב דיא גאלדענע מיט ברילאנטען-בעזעטצע קייזערליכע וואזע, וועלכע דוא האסט מיר געשיינקט, וויא אליימענעם טאפ געברויכט, אונ מיט שמוטץ אונ שאנדליכקייטען אנגע־פילט, ד. ה. מיין מח אונ מיין הערץ, אנשטאדט וויכטיגע גאטליכע לעהרען, מיט בלאטיגע אונד אונמענשליכע ראמאנען אונ פינסטערע פאנטאזיעס אנ־געפאקט, וועלכע דיא אירזיניגע יונגע וועלט רופט דאס: „דיא נייע דיא שיינע ליטעראטור״, אונ בעריהמען דעם יעניגען וועלכער אין דיעזען פינסטערען זומפף ביז איבערן קאפ געזונקען איז, אז ער איז גוט בעלעזען״, אונ דעם שרעק־ליכען טייוועלשען בילד, רופט מען — אה, וועה געשריען! — „בילדונג״. — איך וויים גענוג וואס איך האב דאמיט בייא דיר פערדינט פיר דיזע הימעל־שרייענדע אונרעכט אונ עוותקייט: אז דוא זאלסט פון מיר דיין גנאדיגליכע פיהרענדע האנד אפלאזען, אונ מיך לאזען אליין בלינדערהייט אין דער פינסטער פויזען, אין דער געפעהרליכע טהיערישע וועג, וואס מען קען אויף אזויא א אופן גאנץ לייכט אריינפאלען אין שאול תחתיה, אונד דארט אויף עוויג אהנע הילפע אונ האפנונג פערפאלען ווערען! דאס האב איך בייא דיר קלאהר פערדינט. אבער דוא טרייער גינאדיגער פאטער! לבד וואס דוא האסט דאס ניט גיטאהן, האסטו זיך נאך ערבארימט אויף מיר אונ צוא געשיקט איין ענגעל פון הימעל, איין אויגען דאקטער מייגע בעלמעס פון מייגע אויגען אראפ צוא ציהען, אונ ארויס צוא פיהרען מיר פון טיפען זומפ, וואס איך בין גיוועזען אריין געבראדזעט ביז יעצט, אונ מיך בעלעהרען אין דער אויפ־פיהרונג פון איינע יודישע טאכטער, צום עוויגען גליק פאר מיך אונ מיינע נאכקאמען, אה! איך בין גאר ניט אים-שטאנדע דיר אב צוא דאנקען דאפיר.

מיט אמאהל, האט זיא געחאפט טינט אונ פעדער פון פענסטער, וועלכע דיא קינדער ברויכען צוא דיא אורא̇קען, אויך אטעטראד, אונד האט איהרע אויפרעגונג אונד ריהרונג אין אליעד זיך אויס צוא דריקען פראבירט, איך האב נאכהער דאס אויף דעם טיש געפונדען — בעת איך האב איהר בעזוכט — אונד וייל עס האט מיר אויסער-ארדענטליכע פריידע געמאכט, וויל איך דיר דא דאס ליעד (שירת תבאר) איבערגעבען:

אך

אַךְ דוּא יִדִישֶׁעס טַייכֶעלַיין !
יִדִישֶׁער שַׁאטְץ, יִדִישֶׁעס גְלִיק !
דוּא בִּיסְט אֲפִילוּ שְׁטִיל אוּנ ,קְלַיין,
נָא ,מַאל דַא דָארָאג זָאלָאטְנִיק !"

אוֹיף אוּנְזֶער בְּלוּט בִּיסְטוּ דֶער שוּטְץ,
מַאכְסְט וִויא קְרִיסְטָאל אִיהם רַיין אוּנ קְלָאר ;
פוּן סְקְרָאפֶעלִיְזם פוּן אַלֶע שְׁמוּטְץ,
בֶּעשִׁיטְצְסְט דוּא אוּנְז פוּן דָר צוּא דָר !

מַארִיעֶנְבַאד אוּנְד קַארְלְם-בַּאד,
אוּנ נָאךְ וֶועלְטְבֶּערִיהמְטֶע קְוֶועלֶלֶען ;
וָואס פוּן זַייא מַאכֶען גְרוֹיס פַּארַאד :
דַאמֶען, הֶערֶען, קַאוַואלֶערֶען, מַאמְזֶעלֶען

זַייא רַייִנִיגֶען אֱמֶת פִיעל אִיבֶּערְפְלוּסס,
וַואשְׁין דִיא טַאשֶׁע רַיין אוּנ בְּלַאנְק,
זַייעֶרֶע קוּנְדִין, נָאךְ דֶעם גֶענוּסס,
פַּארְגֶעססֶען גָאר אַז זַייא וַוארֶען ,קְרַאנְק.

קֶעהרֶען צוּ הוֹיז, אָהן בְּלוּט אָהן שְׁמַאלְץ,
בְּרַיינְגֶען בִּילְדֶער, אוּנ פְּרַאזֶען טַייץ ;
דָאס אַיינְגֶעבִּיטֶען אוֹיף אַלְץ, אוֹיף אַלְץ,
צוּרִיקְק נִיט גֶעבְּרַאכְט, אַפִּילֶע דֶעם בַּייץ !

פְּרָאפֶעססָארֶען, אַססִיסְטֶענְטֶען,
מַאכֶען מִיט זַייא הוֹיפְּט גֶעשֶׁעפְטֶען ;
דָאס גוּט אוּנ בְּלוּט פוּן פַּאצִיֶיעֶנְטֶען,
גִיבְּט זַייא פֶּעטְטְס אוּנ נַאיֶע קְרֶעפְטֶען.

רֶעסְטָארַאנֶען, אוּנ הָאטֶעלֶען,
פֶּעלְדֶער, וֶועלְדֶער, קְלוּבֶּען צִירְקֶען ;
אוּנ נָאךְ זָאלְכֶע גוּטֶע שְׁטֶעלֶען,
הָאבֶּען פוּן זַייא דָאס בֶּעסְטֶע ווִירְקֶען !

שפיעלער

שְׁפִּיעלֶער, זָאנְגֶער, אוּנ אַקְטָארֶען,
הָאבֶּען אוֹיךְ אַרְפוּאָה שְׁלֵמָה;
קֶעלְנֶער, דִינֶער, הָאבֶּען צוּ שְׁמָארֶען,
פוּן דַאס פֶּעטט פוּן דֶער שְׁמַאלְץ-בְּהֵמָה!

קוּמֶענְדִיג אַהֵיים זֶעהט אוֹיס דִיא דַאמֶע,
וִויא דֶער עֶרְד-קוּגֶעל נָאךְ מַבּוּל-נֹחַ,
וִויא הֵייסְט זִיא יֶעצְט? בָּאבֶּע אָדֶער מַאמֶע?
זִיא אָהן כֹּחַ, דֶער מַאן אָהן מֹחַ!

דַאךְ בְּרֵיינְגְט זֵיי דָאס, גְרוֹיסֶע נוּטְצֶען,
זַיין-טֶעג דְרַיי-וָואכֶען אַיינְגֶעשְׁפָּארְט!
תְּשׁוּעָה בְּאָב טְהֶעאַטֶער, עֶססֶען, זִיךְ פּוּטְצֶען,
וואוּ קֶען מֶען הָאבֶּען אִין אַנְאנְדֶער אָרְט?

אָבֶּער דוּא יִדִישֶׁעס טַייבֶעלֵיין!
גְרוֹיסֶע אַנְשְׁפְּרִיכֶע מַאכְסְטוּ נִיט,
דוּ הֵיילְסְט, דוּ רֵיינִיגְסְט, שְׁטִיל אוּנ שֵׁיין!
פֶערְלַאנְגְסְט וֵוייניג, פִיעל גִיבְּסְטוּ מִיט!

פִיר אַפְּרֵייז אָ! גָאר אַקְלֵיינֶעם,
פִילְסְטוּ דַאס הוֹיז טַהֲרָה, קְדוּשָׁה.
דֶעם טִיטוּל: „זֶרַע קֹדֶשׁ" דֶעם לוֹיכְטִיגֶען, דֶעם שֵׁיינֶעם,
גִיבְּסְטוּ זֵייא אוֹיף עֶוִויג, אַגְלִיקְלִיכֶע יְרוּשָׁה!

דוּא בֶּעפַייכְטֶעסְט, יִשְׂרָאֵל'ס נַארְטֶען:
בֵּיימֶער, בְּלוּמֶען, שְׁיעססֶען עֶמְפָּאר.
פִיר אַשְׁטִילֶע בְּרָכָה, פוּן אַמוּנְד אַצַארְטֶען,
בֶּעצָאהלְסְטוּ בְּרָכוֹת, בִּיז דֶעם טוֹיזֶענְדֶען דָר.

דַיינֶע מַעֲלוֹת וֶוער קֶען אוֹיסְרֵידֶען?
וָואס פוּן בּוֹרֵא הָאסְטוּ בֶּעקָאמֶען,
אִיךְ ווִיל, טַייבֶעלֶע, פוּן דִיר נִיט שֵׁידֶען,
זָא לַאנְג בַּת-יִשְׂרָאֵל, אִיז מַיין נָאמֶען!

אך

אך דוא יידישעס טייבעליין!
יידישעס שאטץ, יידישעס גליקק!
דוא ביסט אפילע שטילל אונ קליין,
נא ,מאל דא דארף זאלאטניק!!"

פון דיזע ליעד קענסטו זיך איבער צייגען ליבער פאטער וויא ווייט דיא יונגע געבילדעטע דאמע איז נהפך געווארין מקצה אל הקצה. מיט וואס פיר אהאססליכען בליק זיא קוקט שוין יעצט אויף דיא נארישע נייטאדישע פיהרונגען אונ מיט וואס פיר אליבליכען היילינען בליק זיא בעטראכט דיא רעליגיאן. אונ דאס אלעס האט אויף איהר געווירקט אין אנפאנג דיא פערגינפטיגע רייד פון דיא ווירטהין, אונ נאכהער נאך פיעל מעהר דער שפאנענדער בוך "בית ישראל" אונ וואס ווייטער אונ ווייטער איז דער געפיהל אין איהר ליכטיגער אונ ליכטיגער געווארין, ביז וואנען זיא האט אנגיהייבין איינפלוסס צוא מאכען אויף פיעל פרויען.

זיא איז געווארין אז דער בעריהמטער דאקטער ש. הירש פון פראנקפורט האט מיט זיינע קלוגע שריפטין גימאכט אויפבליהען די בלומע פון יודענטהום, נאכהער וויא זיא האט שוין גיהאלטען דארט ביין וועלכען, האט זיא שנעל זיך איינגישאפט זיינע ביכער (וויא זיינען געשריבין אין ריינער דייטשער שפראכע): "אגרות צפון" אונ "חורב" וואס דאס איז ווירקליך אלעבענס קוועלע, אונ זיין ביאור אויף תורה. אונ אין יעדער צייט וואס זיא איז נור פרייא גיהארין פון איהר ווירטהשאפט, האט זיא מיט גרויס פלייס גילעזין אין דעם, אונ וועד רעדט שבת האט זיא קיין אנדער בוך אין האנד ניט גינומען, נור דיא היילינע קלוגע ביכער.

יעצט פערשטייא איך ריכטיג — זאגט זיא — דעם מאמר פון תלמוד (שבת קיח) אלמלא משמרין ישראל שתי שבתות מיד נגאלין, ווען אידין וואלטען היטין ריכטיג צווייא שבתים וואלטין זייא גלייך אויס גילייזט וועדין, וואס איז גראדע צווייא? אויב שבת היטין איז אזויא וויכטיג, ווארום זאל איינער ניט העלפין? יעצט איז מיר שוין רעכט, מיר הערין פיל מאהל פון גאנץ פרומע מענטשין, וואס היטין שבת וויא דיא אויג אין קאפ וויא זייא דריקען זיך אויס: "אה, וואס פיר א טייערע מתנה דער היילינער שבת איז! ווען ניט דער שבת וואלט מען פאלין וויא דער אקס אין סאכע, דאכט זיך וואס פעלט אונז גאנץ פרומע אידין? לאמיר אבער מאכין אלוסט רייזע נאך אמעריקע וועלין מיר זעהען סצענס אז עס וועט אונז אויף טרייסלען, דער זעלבער קארט איד

האט

וואס האט זיך מיט איניגע יאהרין צוריק גיפרייט מיט דעם שבת, שטייט היינט נעבעך אונ ארבייט שבת וויא אלע אמעריקאנצעס. ער האט זיך נעבעך גימאטערט פיל חדשים, בשום אופן ניט געוואלט ארבייטען שבת, וייל ער איז ניט געוואוינט גיווארין צו הויז. אבער אם ענדע אז דער נויט האט איהם צוא געדריקט האט ער אן גיהייבין אביסעלע, אונ נאכהער ווייטער אונ ווייטער ביז עס איז שוין גאר רעכט. אונ וועגין זיין הארבע קשיא, אז וועו ניט דער היליגער שבת וואלט מען דאך פאלין וויא דער אקס אין סאכע? האט אמעריקא מיט איהר גוטע קאפ גלייך פאר ענטפערט מיט איניגע ווערטער: „אז מען רוהט זונטאג קען מען שוין אויך ניט פאלין אונטערין סאכע״.

יעצט פארשטייט איהר שוין וויא ריכטיג דיא חכמים זאגין אז מיט דעם היטין איין שבת, ד. ה. דער קערפער אליין זאל רוהען אונ דער נפש זאל זיין אריין גיטאן אין וואכעדיגע ענינים, ריידין, טראכטין וועגין גישעפט זאכען, וועגין קערפערליכע פערגעניגען, גוט עסין, טרינקען, שלאפען, שפא-צירין גיין, פערזאמלען זיך צו פארברייגען אין פוסטע זאכין דאס הייסט ניט געהיט שבת, נור מען דארף היטען וויא דיא תורה זאגט „את שבתותי תשמרו״ מיינע ביידע רוהונגען זאלט איהר היטין. אונ וויא דער נביא רעדט דאס אוים נאך דייטליכער „כה אמר ה׳ לסריסים אשר ישמרו את שבתותי, ד. ה. זייא וועלין היטין מיינע ביידע רוהונגען, הן קערפערליכע רוהע (ניט טאן קיין מלאכה) אונ הן גייסטליכע רוהע ניט ריידין אונ ניט טראכטין וועגין גישעפט אונ וועגין קערפערליכע הנאות, נור בעשעפטיגען זיך וויסין דיא תורה בכבדי „ובחרו באשר חפצתי״ זייא זאלין וויסין אוים ערוויילין אונ אבשטימען דיא הנהגה פון דיא גאנצע וואך, זי זאל זיין נאך דעם חפץ ורצון הבורא ב״ה, עס זאל זיין שיין פיר גאט אונ לייטין, מיט אזא היטין שבת קען מען ברייגען אגאולה אויף כלל ישראל.

מעשה אלפס

מאת

הרב ר׳ בן ציון בהרב ר׳ ירמי׳ עקיבא זצ״ל
אלפס

צווייטער באנד

— נייע אויסגעבעסערטע אויפלאגע —

ארויסגעגעבן דורך
אגודת בתי כנסיות אנ״ש דשיקאגא והגליל
3348 וועסט רוזוועלט ראוד שיקאגא 24, איलל.
אין יאהר פינף טויזנט זיבן הונדערט דרייצן לבריאה

נדפס בבית הדפוס של סאפראגראף קא.
Printed in United States of America

by Saphrograph Co.
194 Elizabeth Street, New York 12, N. Y.

א. דער פיערטער בריעף.

פיעלע פעריל וואס האבין זיך גישאפין פון אונזערע חכמים'ס מויל, וואס בלישטשען נאך יעצט וויא ליכטיגע דימאנטין וועלכע וועלען קיין מאל נים פערליהרען זייער ווערטה.

משה קבל תורה מסיני, משה רבינו עליו השלום האט ערהאלטין דיא תורה פון דעם בורא יתברך שמו (וואס ער האט ערשיינט) אויף דעם „בארג סיני" אונ ער האט זיא איבער גיגעבין צו זיין תלמיד יהושע בן נון, וואס ער איז גע-בליבען (נאך זיין טוים) אויף זיין שטעלע פיר איין אנפיהרער ביי יודין, אונ יהושע האט זיא איבער גיגעבין צוא דיא „זקנים" וועלכע האבין רעגירט נאך יהושע'ן איבער ישראל, אונ דער לעצטער פון דיא זקנים, דאס איז „עלי הכהן" (וואס ער וואהר דער לעצטער שופט ביא ישראל) האט זיא איבער גיגעבין צוא דיא „נביאים", צוא שמואל הרמתי וואס ער וואהר דער ערשטער נביא, אונ אזויא איין נביא צום אנדערין ביז חגי זכרי' ומלאכי, דיא לעצטע נביאים האבען זיא איבער גיגעבין צוא דיא הונדערט צוואנציג חכמים, וועלכע זייען פון גלות בבל מיט עזרא הכהן נאך ירושלים גיגאנ-גען (דעם צווייטען בית המקדש אויפבויען) וואס הייסין „כנסת הגדולה" (גרויסע הויכארטיגע פערזאמלונג) וואס האבין פאראָרדינט דאס פאלק ישראל מיט פיל איידעלע הנהגות, אום ער זאל קענען עקסעסטירען כימי השמים על הארץ, וויא לאנג דער הימעל וועט זיין איבער דער ערד.

וואס הייסט משה רבינו האט איבער גיגעבין דיא תורה צוא זיין תלמיד יהושע? — פרעגט איינער — דאכט זיך עס שטייט דייטליך אין פרשה וילך (ויכתוב משה את התורה הזאת ויתנה אל הכהנים בני לוי), משה רבינו ע"ה ביא זיין ענד לעבין האט ער גיענדיגט שרייבין דיא ספר תורה וואס ער האט איהר אנ-גיהייבין צוא שרייבין נאך מתן תורה, אונ האט איהר איבער גיגעבין צוא דיא כהנים, (ואל כל זקני ישראל) אונ אויך האט ער זיא גיגעבין צוא אלע זקנים ד. ה. צוא דיא עלטעסטע פון יעדער שבט, זאגין אונזערע חכמים (הובא ברמב"ם בהקדמתו לסדר זרעים ולספר תיד) אז לבד דיא ספר תורה וואס ער האט גיגעבין צו דיא כהנים האט ער גישריבין נאך 12 ספרי תורות פון אנפאנג ביז ענדע (מבי"ת בראשית עד למ"ד לעיני כל ישראל) אונ האט גיגעבין צוא יעדער שבט, זייא זאלין זיך אויפפיהרען אין דיא אנגינעהמע וועגין פון דער תורה, היינט וויא אזויא זאגט דא דיא משנה, אז משה רבנו האט איבער גיגעבין דיא תורה נור צוא יהושע'ן?

— יא מיין טהייערער! דאס איז אגרויסע פראגע, אונ אויב איהר ווילט פארשטיין ריכטיג, הארכט מיר אהיילע, איך וועל אייך ערצייל׳ן אגישיכטע. איך האב אמאהל גיפרעגט אחכם פון קאראימען, זאגט מיר וויא האלט איהר פון דוד המלך ע״ה?

יא, דוד מלך ישראל! — ענטפערט דער קאראים ענטציקט — גאנץ תנ״ך איז פוהל, אז השי״ת האט איהם מיט זיינע נאכקאמע אב גיגעבן יודישע מלוכה אויף עוויג, וויא דער נביא שמואל הרמתי האט איהם גיזאלבט דורך דעם עוויגענם באפעל.

שטייט וויא אזויא קען ער גאר זיין א מלך ישראל? — פרעג איך איהם — ער שטאמט דאך פון רות המואביה? אונ דיא תורה זאגט דאך דייטליך לא יבא עמוני ומואבי בקהל ה׳ עד עולם, אז דער וואס שטאמט פון עמון ומואב האט זיך מגייר גיוועז, טאר מען מיט איהם אויף עוויג זיך ניט מתחתן זיין, לא תדרוש שלומם וטובתם כל ימיך כו׳, מען טאר אפילו ניט גירוסין איהם. הייסט פשיטא זיין אמלך ישראל. אונ דא זעהען מיר דייטליך וויא השי״ת האט גיהייסין דעם נביא שמואל הרמתי זאלבין איהם פיר אמלך ישראל? אונ נאכהער האט השי״ת איהם געזאגט דורך נתן הנביא (ש״ב ז׳) ונאמן ביתך וממלכתך עד עולם, אז דיין הויז אונ דיין קעניגרייך איז באשטימט פון מיר אויף עוויג, — דער קאראים איז געבליבען שטיין אן ווערטער. —

וואס זאגסטו אויף דיזע הארבע פראגע? — פרעגט דער קאראים — ניט ווילענדיג מוזטו מיר מודה זיין — ענטפער איך — אז לבד דיא געשריבענע תורה (תורה שבכתב) איז אויך דא אמונדליכע תורה (תורה שבע״פ) וויא דער רמב״ם שרייבט (בהקדמתו לספר היד ולפירוש המשנה) אז יעדער מצוה וואס השי״ת האט גילערינט משה רבנו ע״ה ער זאל דאס לעגען מיט ישראל, האט ער איהם גילערינט אויסוועניג דעם ביאור פון איהר, צום ביישפיעל אז ער האט איהם גילערינט לא יבא עמוני ומואבי בקהל ה׳ האט ער איהם צו דעם אויסוועניג ערקלעהרט, אז נור מענער זיינען פארבאטין, אבער פרויען פון עמון ומואב זיינען ערלויבט צוא קומען בקהל ה׳, (מיט זייא מעג מען זיך מתחתן זיין), אונ דאס גלייכען אלע מצות, צב״ש השי״ת האט גילערינט מיט משהן אז פון 15 טען טאג אין תשרי זאל מען זיצין אין סוכות 7 טעג (בסוכות תשבו שבעת ימים) האט ער איהם אויסוועניג ערקלעהרט דיא פרטים פון דער מצוה, היינו אז מחויב צוא זיצין אין סוכה זיינען נור זכרים ניט קיין נקבות, אונ ניט קיין חולים, אונ ניט קיין וועג-מענטשין, אויך דער סכך מוז זיין נור פון אזאך וואס שפראצט פון דער ערד, אונ אזאך וואס איז ניט מקבל קיין טומאה,

ווידער

ווידער האט ער איהם געלערינט אז עסין אונ טרינקען אונ שלאפין איז אחיוב אין סוכה, אויך דער שטח פון סוכה זאל ניט זיין ווייניגער פון 7 טפחים אויף 7 טפחים, אונ ניט נידעריגער פון 10 טפחים ביז דעם סכך, אונ נאך פיל ענינים, וויא עס איז ביי אונז ערקלערט אין שולחן ערוך (הלכות סוכה), אזויא האט אלעס השי"ת געלערינט מיט משה'ן.--אונ דעם סדר וויא משה רבנו ע"ה האט דאס געלערינט מיט דיא ישראל בריינגט דארטין ווייטער דער רמב"ם פון תלמוד (עירובין נ"ד:) וויא אין פסוק (פ' תשא) שטייט, בעת משה רבנו איז אראפ גיקומען פון הר סיני מיט דיא צווייטע לוחות, וואס השי"ת האט אויף זייא געשריבין דיא עשרת הדברים, האט זיין פנים געשטראלט מיט גלאנץ אונ פראכט אזויא וויא דיא זון, אז עס איז גיפאלין אויף אלעמען איין עהרענפורכט, אונ מען האט פארכט גיהאט צוא גיין צוא איהם נאהינט, דאס איז איין הימלישער באווייז פיר דיא ישראל אז דיא גאנצע תורה וואס ער וועט שרייבין איז דאס פון גאט ב"ה, וואס השי"ת האט איהם דיקטירט ווארט אין ווארט פון דעם ב"ית בראשית ביז דעם למ"ד לעיני כל ישראל, אונ דיא תורה וועט ניט גיענדערט ווערין אויף עוויג, כל זמן עס וועט ניט קומען נאך אזא מענטש וואס וועט שיינען אויף איהם דיא זון-שטראלין אז אלע זאלין זיך איבערצייגען אז דיא שכינה רוהט אויף איהם, לבד וואס אלע האבין גיהערט ביי דעם מעמד הר סיני השם יתברך'ס שטימע אז ער נאזנאצעט משה'ן פיר א שליח צוא געבין דורך איהם אתורה פיר דיא ישראל (אשר ידעו ה' פנים אל פנים) בעת השי"ת האט איהם גיוואלט באקאנט מאכין אז ער איז זיין שליח, האט ער ערשיינט פנים אל פנים צום גאנצין כלל ישראל אונ האט זייא גיזאגט אז משה איז זיין ווערניק, צו געבין דורך איהם אתורה לישראל, לבד זה בעת זיין שיקען איהם מיט זיינע גיבאטע צוא דיא ישראל האט ער אויף איהם ארוף גיגעבין זיין שיין (כמ"ש נסה עלינו אור פניך ה') אז בני ישראל האבין גירעט מיט משה'ן איז גיוועז גלייך וויא זייא ריידין מיט השי"ת, שרייבט אונז דיא תורה וויא דער סדר הלמוד פון משה צוא דיא ישראל איז גיוועז, ויקרא אליהם משה וישובו אליו אהרן כו' בריינגט רש"י אויף איין ארט אונ דער רמב"ם (בהקדמה לפי' המשניות) משה איז אריין אין זיין גיצעלט איז אריין צוא איהם אהרן, האט ער מיט איהם גילערינט דיא מצוה פון השי"ת איין מאל, נאכהער האט אהרן זיך גיזעצט ביי דיא רעכטע האנד פון משה, זיינען אריין בני אהרן האט משה מיט זייא אויך גילערינט אזוי וויא מיט אהרן, נאכהער האט זיך אלעזר גיזעצט ביי דיא לינקע האנד פון משה אונ איתמר ביי דיא רעכטע זייט פון אהרן, זיינען אריין דיא שבעים זקנים האט משה

מיט

מיט זייא גילערינט אזוי וויא ער האט גילערינט מיט אהרן, נאכהער זיינען אריין כל ישראל (ווער עס האט גיוואלט לערנען נאטעס תורה) האט משה מיט זייא גילערינט, קומט אויס אז אהרן האט גיהערט דיא מצוה פון דיא מויל פון משה'ן 4 מאהל, אונ זיינע קינדער האבין גיהערט פון משה'ן 3 מאהל, אונ דיא זקנים 2 מאהל אונ כל ישראל איין מאהל. נאכהער איז משה אוועק האט אהרן מיט אלעמען איבער גילערינט איין מאהל, איז אהרן אוועק האבין דיא קינדער פון אהרן איבער גילערינט מיט אלעמען איין מאהל, זיינען בני אהרן אוועק האבין דיא זקנים איבער גילערינט מיט אלעמען איין מאהל. קומט אויס אז כל ישראל האבין גיהערט דיא מצוה 4 מאהל, איין מאהל פון משה רבנו, דעם צווייטין מאהל פון אהרן, דעם דריטען מאהל פון בני אהרן, דעם פירטען מאהל פון דיא זקנים. מיט דעם איז גיענדיגט גיווארין דער סדר הלמוד אין בית המדרש פון משה רבנו. — נאכהער איז דיא פאלק גיגאנגען יעדערער צו הויז, אונ מען האט גישריבין דיא פרשה ריכטיג מיט דעם לשון וויא מען האט גיהערט פון משה רבנו, צב"ש בסוכות תשבו שבעת ימים וכו' עד סוף הפרשה, אונ חברים איינע מיט דיא אנדערע האבין איבער גיחזרט וואס זייא האבין גילערינט בייא משה רבנו, אונ דיא עלטערע אונ דיא קליגערע פלעגין זיך צוא טיילען צווא וויסין כלל ישראל, צו לערנען אונ חזרין מיט דיא שווערערע קעפ, כדי אלע זאלין גוט פארשטיין אונ וויסין אונ קלאהר זיין וואס מען האט גילערינט, דעם עיקר מצוה האט מען גילערינט פון תורה שבכתב. אונ דעם ביאור המצוה האט מען גיהערט על פה (אויס ווייניג*). — אונ ווייל תורה שבעל פה איז זייער טיף וואס האט

קיין

*) אונ דער שכל הישר ווייזט אזויא, אז השי"ת האט גילערינט אויסווייניג צוא משה רבנו ע"ה דיא פרטים פון יעדער מצוה, ווייל משה רבנו איז דאך גיוועזן צוזאמען מיט ישראל נאך מתן תורה פערציג יאהר (ניט ער האט זייא גיבראכט אתורה אונ איז אליין נסתלק גיווארין פון זייא) אונ דיא גרעכטע טהייל פון דער תורה (לבד מצות התלויות בארץ) האבין ישראל באדארפט מקיים זיין גלייך וויא זייא האבין גילערינט דיא מצוה. היינט שטעל זיך פאהר, מען האט גילערינט דעם דין פון שחיטת קדשים „ושחט את בן הבקר" אונ פון חולין „וזבחת מבקרך ומצאנך" מעהר שטייט ניט אין תורה שבכתב, האט מען דאך איהם גיפרעגט רבי וואס איז שעכטין? אין וועלכען ארט פון דיא בהמה זאל מען שניידין? אונ מיט וואס זאל מען שעכטין? — אדער מען האט גילערינט „טרפה לא תאכלו" קיין טרפה זאלט איהר ניט עסין, האט מען דאך גיפרעגט רבי וואס הייסט טרפה? דורך וועלכע זאכין ווערדט אבהמה טרייף? אדער מען האט גילערינט דיא מצוה פון ציצית, וואס איז דאס ציצית? פון וואס זאל דאס זיין גימאכט? אונ וויא זאל דאס זיין גימאכט? אדער מען האט גילערינט דיא מצוה פון תפילין „וקשרתם לאות על ידך" דוא זאלסט זייא אן בינדין צום צייכען אויף דיין האנט, וואס איז דאס תפילין? וויא זאל דאס זיין גימאכט? אונ אויף וועלכען ארט אויפין האנט זאל מען דאס אן בינדין? וואס דיזע אלע זאכין קען מען ניט ארויס האבין פון דיא קורצע ווערטער פון פסוק,

קיין גרונד און קיין סוף ניט. און מען מוז צו דעם לייגין גרויסע כחות מיט גרויס שקידה און מסירת נפש, און שטענדיג האלטין דאס אפין גידאנקען אום מען זאל ניט פארגעסין, און יהושע איז גיוועזן דער איינציגער וואס איז גיוועזן אויסנאם מעהר פון אלעמען אין זיין שקידה, וויא דיא תורה איז אויף איהם מעיד (ומשרתו יהושע בן נון לא ימיש מתוך האוהל) ער איז אוויילע ניט אב גיטראטין פון זיין רבי משה, און אפילו בעת משה רבינו איז ארויף נאך קבלת התורה אויף דעם הר סיני און איז גיוועזן דארטין 40 טעג, איז יהושע גיזעסין לעבין הר סיני וייט פון מחנה ישראל, בכדי אז גלייך וויא משה רבינו וועט אראפ קומען פון הר סיני זאל ער גלייך קענען איהם באדינען און לערנען פון איהם, דרום איז יהושע ניט גיוועזן ביי דיא מעשה פון עגל (כמ"ש וישמע יהושע את קול העם ברעו ויאמר אל משה קול מלחמה במחנה כו'), דרום האט ער זוכה גיוועזן אז צוא איהם איז איבער גיגעבין גיווארין גאנץ תורה שבעל פה, דעם ביאור פון אלע תרי"ג מצות מיט זייערע פרטים און דקדוקים, איז ער גיוועזן דער עלסטער פון דיא מקבלי תורה שבע"פ פון משה רבנו, וואס אין זיין מוח האט זיך איין גיהאלטין אזא ביבליאטהעקע ספרים, וואס זייא זיינען מבאר דעם ספר-הספרים, דאס איז דער וואונדערליכער חומשיל וואס קליינע קינדער לערנען איהם און גרויסע מענטשין פארשטייען איהם ניט

אונ מען דארף דאך דאס גלייך מקיים זיין, איז דאך דער ריינער פארשטאנד מחייב אז משה רבנו האט דאס אלעם ערקלעהרט גלייך, און משה רבנו האט פון קאפ קיין זאך ניט ערקלעהרט, נור וויא השי"ת האט איהם גילערינט. וויא מיר זעהען בייא דיא מצוה פון קרבן פסח, אז עס איז פארגיקומען א שאלה בייא דיא וואס זיינען גיוועזן טמאים לנפש אדם ערב פסח, און האבין ניט גיקענט מקריב זיין דעם קרבן פסח צוזאמען מיט כל ישראל האבין זייא דערלאנגט פאר משה'ן, האט משה רבנו זייא ניט גיענטפערט פון אייגענעם גידאנקען, נור „עמדו ואשמעה מה יצוה ה' לכם". ווארט-אב איך וועל הארכין וואס השי"ת וועט מיר לערנען וועגין אייך, און השי"ת האט איהם גילערינט וויא זייא זאלין זיך באגיין. דאס גלייכען בייא דיא טאכטער פון צלפחד שטייט „ויקרב משה את משפטן לפני ה'" משה רבנו האט דערלאנגט זייער ריכט פיר השי"ת, ער זאל איהם לערנען וויא צוא באהאנדלען זייא, און פון זיין אייגענעם פאר-שטאנד האט ער קיין זאך ניט גירעשעט. און דאס גלייכען ביים מקושש עצים (במדבר ט"ו) וואס האט מחלל שבת גיוועזן האט מען ניט גיוואוסט וויא צוא משפטין איהם, האט משה רבנו אן גיפרעגט ביי השי"ת און השי"ת האט איהם גילערינט וויא צוא באגיין זיך מיט איהם, און אזויא ביים מגדף (ויקרא כ"ד) האט משה רבנו ניט גיוואוסט וויא צוא משפטין איהם ביז וואנען השי"ת האט איהם גילערינט. זעהען מיר ארויס דייטליך אז משה רבינו מפי עצמו האט קיין זאך ניט גיזאגט און ניט גיטאהן, נור אלעם אן גיפרעגט ביי השי"ת, און וויא השי"ת האט ערקלעהרט דיא מצוה אויף דעם ארט האט מען גיטאהן, און משה רבנו האט דאס דייטליך אונז ערקלעהרט בייא דיא געשיכטע פון קרח ודתן ואבירם „בזאת תדעון כי ה' שלחני לעשות את כל המעשים האלה כי לא מלבי" מיט דיזען פאקט וואס איך וועל יעצט פיר אייך ווייזין, וועט איהר זיך איבער צייגען אז אלעם האס איך האב גיטאהן איז ניט פון מיין הארצין, נור השי"ת האט אלעם אזויא גיהייסין טאהן.

גיט צום גרונד איז אויף תורה שבעל פה (משנה ותלמוד), מיינט דער תנא אז משה רבינו ע"ה האט דאס איבער געגעבין צוא יהושע'ן.

ווארום האט דער באשעפער ניט געשריבין זיין תורה אויף דעם ארט אז דער גאנצער ביאור פון יעדער מצוה זאל ערקלערט ווערין דייטליך אין חומש, וואלט מען דאך ניט דארפין האלטין אפין מוח אזויא פיל ענינים? פרעגט אצווייטער.

אום דיא פראגע אייך צוא בעאנטווארטען, ביטטע איך מיר אויס ביא אייך, אויף אונגעפעהר איינע האלבע שטונדע מיר געדולד צוא שיינקען, מיינע אקליינע פאנטאזיע אויס צו הערין: אקויפמאן וועלכער איז געקוממען נאך בערלין געשעפט'ס-האלבער, איז נייגעריג געוועזען דיא אוני-ווערזיטאט צוא בעזוכען, צוצוזעהען דעם צוגאנג ביא דער לעקציאן. ער האט זיך ביא דער דירעקציאן דיא ערלויבניס אויס געבעטטען, אונד האט גראדע געטראפפען, וויא דער אבער-לעהרער זיטצט אויף דעם קאטהעדער, מיט א פראכט-פאללען אטלאס (לאנדקארטע) אין דער האנד, אונד האלט א רעדע, מיט זייער ענערגישע בעוועגונג, פאר זיינע שטודענטען, וועלכע זיטצען אלע אויף זייערע פלאטצער, זייער געשפאנט, אונד אויפמערקזאם הארכענדיג, איבער דיא וועלט-קונדע (ידיעת חלקי הארץ ומושבותיהם), דיא לאגע אונ גרענצען פון אלע וועלט-טהיילע, דיא פערשיעדענע פאלקער-שטאממען, וועלכע געפינען זיך אין יעדען פראווינץ. דיא פערשיעדענע לעבענדיגע (זייואטנע), אונ פראדוקטען וועלכע אין יעדע קלימא איהרע הייםאטה אונ באדען (פאצווע) האבען. דער וויד האט הערליך אויסגעזעהען. עס האט איהם אנגעצויגען גענויא צוא בעטראכטען, ער האט אריין געבליקט הינטער דעם קאטהעדער, אין דעם אטלאס, ער זעהט, אגרויסער באגען רעגאל-פאפיער, ער האט אונגעגבליקליך געמיינט אז דאס איז אבילד א חוראשעזעמטווא. ער רוקט זיך געהנטער צוא, נייגעריג, צוא וויססען, וואס איז דאס פיר אבילד, וואס עס ווערט דאריבער אזויא פיעל געשפראכען. וויא וואונדערבאר אונ קאמיש (דזיק) איז איהם אבער געוועזען, אז ער האט גאנץ דייטליך געזעהן, אז דער גאנצער בויגען איז דורכאויס נור אין פלעקען פון פערשיעדענע פארבען, רויט, ראז, בלויא, גרין, אונ דער גלייכען. דיעזע אלע פארב-פלעקען, זיינען פול מיט שווארצע פערצייכנונגען, צב"ש, קרייזען (עגולים) גרויסע, קליינע, פונקטען פערשיעדענע, גראסערע, קלענערע, שטריכער אלערהאנד; גראבע, דינע, לאנגע, קורצע, גראדע, קרוממע, א. ז. וו.

וואס איז דאס פאר א מין ריסאוואניע (צייכנונג)? — פרעגט דער איינפאכער קויפמאן:

קויפמאן זיין בעגלייטער. — פינטעלאך, שטריכעלאך, און דאריבער איז דא אזויא פיעל צוא ריידען און צוא בעהאנדלען? איך בין אויסערזיך פון אונגעדולד!

אך, דאס איז דאך דיא לאנדקארטע! — אנטוואָרטעט איהם זיין בעג-לייטער — אויף דיעזען בויגען — מיין פריינד! — איז אבגעריסעוועט דער פלאן פון דעם גאנצין ערד-קוגעל, מיט אלע זיינע טהיילע, צב"ש, אזיא, אפריקא, אייראפא, א. ז. וו. אויך אלע מעערע (ימים) אונד געוואססער, צב"ש דער גרויסער אקעאן, דער מיטעללאנדישער מעער, א. ז. וו. דער ווייכסעל, דער דניעפער, א. ז. וו. אין יעדען טהייל, איז בעצייכנעט דיא פערשיע-דענע לאנדער, וויא צב"ש, אסטרייך, פראנקרייך, א. ז. וו. אין יעדע לאנד, איהרע גרויסע שטאדטע אונד קליינע, דארפער, וואלדער, א. ז. וו. יעדער גרויסער פארב-פלעק, בעדייטעט א געוויססע לאנד. יעדער קרייז (עגול) בעדייטעט א גרויסען גובערסקי גאראד. א קליינער קרייז, א קליינע שטאדט. א פונקט, א דארף, א אימעניע, און דער גלייכען: א שטריך א גרויסער אב-רייטער, א געוויסען ים, א קלאנערער, א גרויסען טייך. א קרוזאק קליינע פונקטין, א וואלד. קורץ, אויף דער ארט, ווייזט דיעזע לאנדקארטע, דעם פלאן פון דעם גאנצין ערד-קוגעל. אונד דיעזער הויך געלעהרטער מאנן, ערקלאהרט דאס זיינע שטודענטין, דיא ארדענונג און דיא איינטהיילונג פון דיא גאנצע וועלט, אונד דיא אנדערונגען וועלכע פיעלע וועלט-טהיילע, האבען בעקאממען אין פערשיעדענע פעריאדען, ביז דיא יעצטיגע צייט. וואס צוא דיעזע ערקלאהרונגען פאדערט פיעל הויכע קאנטניסע און וויססענשאפטען, פון דער אלגעמיינע היסטאריע, און פון נאטור וויססענשאפטען, פון דער פאליטיק, פון דיא מענטשליכע ענטוויקלונג, א. ז. וו. ניט אבי ווער איז אים-שטאנדע זאלכעס צוא ערקלארען. אלזא פערשטייט איהר שוין — מיין געעהרטער הערר — אז עס איז גענוג ווירדיג זאלכע ידיעות זיך גוט אין קאפ איין צוא קריצען? אונד עס איז — אלזא — קיין וואונדער, וואס דער לעהרער מיט דיא שילער זיינען אזויא פערטיעפט און געשפאנט, בייא דיעזע אונטער-האלטונג.

איך דאנקע אייך זייער, — אנטוואָרטעט דער קויפמאנן. — אבער איך האב דארויף א וויכטיגע פראגע — זאגט ער ווייטער גאנץ נאאיוו (בתמימות), צוא וועלכען צוועק צייכנעט מען דיא וועלט-קארטע אזויא פערשטעלט ראטהזעל-האפט, דיא שילער זאלין אזויא פיעל מיהע האבען, אלעס צוא געדיינקען אפין מח? עס וואלט דאך פיעל בעססער זיין, מען זאל אויף דער קארטע אלעס גענויא און דייטליך אבריסעווען. יעדע שטאדט, יעדען דארף, א. ז. וו.

איי

אין זיין פאלגעס וויד מיט זייער גאנצע געגענד, מיט דיא זדאנייעס, פאב־ריקען. אלעס, אלעס, גאנץ נאטירליך אונ לעבענדיג, וויא אויף אלאנד־שאפט, וואלט דאך יעדער מענש אימשטאנדע זיין, גאנץ לייכט דיא גאנצע וועלט־בעשרייבונג אויס צו לערנען. אונ פיר אלעהרער מיט שילער, וואלט דאך אצעהנטע טהייל ארבייט זיין, וויעפיעל מיהע אונ צייט וואלט מען איינשפארען, וואס מען וואלט דאך דאס קעננען אויף נאך פיעלע אנדערע קאנטניססע בענוטצען.

אייער פראגע איז אפילו גוט — אנטווארטעט איהם זיין בעגלייטער — אבער דיא חכמת הגעאגראפיע, וועלכע פיעלע טויזענדער געלעהרטע פון בריאת עולם אן, האבען איהר געגרינדעט, האט עס פיעל ריכטיגער אויס געדעכענט איידער איין מענש אין איניגע מינוטען. שטעלט אייך פאר, ליעבער הערר, ווען דיא געאגראפישע וועלט־קארטע, וואלט גיוועזן אויסגע־ארבעט אריכטיגעס לעבענדיגעס בילד, פון גאנצען ערד־קוגעל, וויא גרויס וואלט זיא זיין? וויעפיעל יאהרען וואלט זיא דארפען געארבייטעט ווערין? וויא טהייער וואלט זיא דארפען קאסטען? וויעפיעל זאלכע בילדער וואלטין זיך קעננען געפינען אין דער וועלט? ווער וואלט זיין אימשטאנדע איהר צו קויפען? געוויסס איין איינציגער אונטער טויזענדער מענשען, וואו וואלט זיא זיך פאמיעשצען? אסטראייענע וויא דיא גרויססע פאריזער האללע פון דער וועלט־אויסשטעללונג, אונ צעהן מאהל אזויא הויך וויא דער אייפעל־טהורם, וואלט אויך ווייניג זיין, אונ מען וואלט דארפען קלעטערין אויף טויזענדער טרעפפען, פון אונטין ביז אויבין איהר צו בעזעהן, אלזא וועלכער מח וואלט דאס נאכהער קעננען אין זיין פאנטאזיע בעהאלטען, דאס גאנצע בילד זיך פארצושטעללען? גלויבט מיר, דער בעזיצער פון אזא קארטע וואלט אזוי פיעל וויססען פון דיא וועלט, וויא דיא וועלט פון איהם. — דארום האט דיא וויססענשאפט א וואונדערבארע עצה געפונען, דיא קארטע זאלל אין קליינע פונקטין אונ שטריכער געצייכנעט ווערען אונ אויף דער ארט — זעהט איהר דאך — איז דיא גאנצע וועלט אויף א געוויינליכען בויגין פאפיער אויסגעריססעוועט אונד יעדער קען דאס האלטין אין איין האנד פאר זיינע אויגין, אונד מיט איניגע מאל גוט בעטראכטענדיג, קען ער אין קאפף דיא לאגע פון גאנצין ערד־קוגעל, אויף אללע ארבע רוחות, אויפ־פאססען, אונד דאדורך האבען מיר פיעל טויזענדער קעננער אין יעדע מדינה, וועלכע זיינען בעריהמט אין חכמת הגעאגראפייע.

טהייערער פריינד! איך גלויב אז איהר האט שוין א קלארע תשובה

אויף אייער פראגע, ווארום האט דער בורא ב"ה ניט אויסגעשריבען בכתב פאדראבנע אללע פרטי דינים אונ מנהגי ישראל דענן וואלט דיא ספר תורה געוועזען פיעל גרעססער וויא דער גאנצער ערד-קוגעל וויא עס שטייט (איוב יא ט) ארוכה מארץ מדה, ורחבה מני ים, אונ קיין מענש אויף דער וועלט, וואלט ניט אימשטאנדע זיין אין מתושלח'ס יאהרען אויס צו לערנען קורץ, דארום האט דיא חכמה עליונה ב"ה, געצייכנעט דיא תוה"ק גאנץ קורץ, יעדע געשטאלט פון בוכשטאב (אות) אין דער תוה"ק האט פיעל בעדייטונגען אפילו אקוצו של יו"ד בעדייטעט כמה וכמה ענינים, וויא דער הייליגער תנא ר' עקיבא ז"ל האט געדרשעט על כל קוץ וקוץ תלי תלים של הלכות, אונ ווער רעדט שוין פון אגאנציןווארט, אגאנצין זאטץ, איין גאנצער פסוק בתוה"ק, אלזא איז אונזער תוה"ק אלאנדקארטע, פון אללע עולמות עליונים ותחתונים, אונ זיא איז געפאסט אין אקליין ספר'על, יעדער איז אימשטאנדע צו קויפען אונ צוא פארשטיין דארין נאך זיינע פאהיגקייטין אונ מיהע *). אונ ווער עס נעמט זיך דיא גוטע בחירה, דיא וועלטליכע בעשעפטיגונגען צו בעזייטיגען, וואס ווייניגער אויף זיי צו אכטען, אונ דעם גרעסטען טהייל פון זיין צייט אין דער תורה צוא שטודירען, דער ייעניגער קוממט גאנץ ווייט, וויא מיר האבען שוין גענוג ביישפיעלע געהאט, פון פערזאנען גאוני ישראל וועלכע זיינען געוועזען קלאר דיא תוה"ק, וואס עס איז גאר אונגלויבליך, אונד דאס איז נור דורך דיא עצה נפלאה, דיא קורצע פאססונג, דיא פריאטנע צוזאמענשטעללונג אין היסטארישע ערציילונגען.

אונ אויב איר מיינע פריינד וועט מיר שיינקען נאך אהאלבע שטונדע צייט, וועל איך אייך נאך טיפער ערקלעהרין, אז דער ציור פון איין איינפאכע קארטע צוא אונזער ספר תורה, איז נאך ניט ריכטיג, אונ ווען מיר ווילין געבין איין ריכטיגען ציור מוזין מיר זיך פארשטעלין אזארט קארטע וואס אויף איהר

זיינען

*) אפילו אקליין קינד פון 5 יאהר איז אימשטאנד איהר צו פארשטיין אונ אוים לערנען אין איניגע יאהר, ווייל יעדער מצוה איז נור געצייכענט אין איהר וויא אפינטעלע, צב"ש „וקשרתם לאות על ידך" איז דיא מצוה פון תפילין לייגען. „גדילים תעשה לך" איז ציצית. „ועשית הישר והטוב" איז דער גאנצער שטאט אונ אויפפיהרונג פון מענשין. אונ השי"ת האט אלע תרי"ג מצות מיט דיא לעהרע וויא דער איד זאל זיך אויפפיהרען דורך גיזועבט מיט דיא היסטאריע פון אונזערע אבות אברהם יצחק ויעקב אונ דיא שבטים אין מצרים את מתן תורה, אונ נאכהער זייער רייזע 40 יאהר אין דער מדבר. אום עס זאל זיין אנגענעהם צו לערנען, נאכהער אז דער קינד לערינט אוים גאנץ חמשה חומשי תורה הייבט ער דאן אן צו לערנען משנה (צווייטע תורה כמו משנה למלך) דיא ערקלערונג פון יעדער מצוה מיט איהרע פרטים וויא מיר האבען איר מקבל גיוועז פון דעם בורא עולם דורך משה רבינו ע"ה.

זיינען אן גיקלעפט פאטאגראפישע פינטעלאך אונ פאסקעלאך, היינו מען זאל צב"ש פאטאגראפין פאריז פון אלע זייטין שטאט מיט אלע איהרע פאלאצין, אונ נאכהער אראפ נעמען פון דיא אלע פאטאגראפין אויף איין פאטאגראף אין קליינעם פארמאט, אונ נאכהער ווייטער איבער פאטאגראפירין פון דעם קליינעם פארמאט אויף נאך אקלענערין פארמאט אונ נאכהער ווייטער אונ ווייטער, ביז וואנען עס זאל אויס קומען פאריז מיט אלע איהרע פאלאטצין מיט איהר גאנצען פראווינץ אויף אגאנץ קליינע קארטע גרויס וויא אטאצקע, אונ אזויא לאנדאן, בערלין, פט"ב אונ דאס גלייכען, נאכהער זאל מען אנ-קלעפין דיא אלע טאצקעלאך אויף איין קארטע, איז פון אויבין וועט דאס אויס זעהען וויא דונקעלע פינטעלאך, וואס מען וועט דאס רופין דיא פאריז אונ דיא לאנדאן, בערלין, פט"ב אונ ד. ג. אבער אז מען וועט נעמען אמיקראס-קאפ וואס פארגרעסערט צעהנדליגע טויזענדער מאהל אזויא פיהל, וועט מען זעהען אין דיא טאצקעלע פון פאריז, גאנץ פאריז מיט אלע איהרע פאלאצין מיט איהר גאנצין פראווינץ, אונ דאס גלייכען אלע שטעט אזויא, צוא אזא קארטע איז אונזער תורה גלייך, געשריבין זיינען דיא מצות זייער קורץ, אז יעדער מצוה זעהט אויס נור וויא אטאצקעלע אויף דער קארטע, נור ווער עס האראוועט אין איהר מיט גרויס פלייס, ערלייכט איהם השי"ת דיא אויגין אז ער זעהט ארויס גאנץ תורה שבעל פה אין דיא קורצע ווערטער פון תורת הכתב (עי' הקדמת בעל הכתב והקבלה על התורה). — אונזער תורה איז אזא וואונדער-ליכער ספר אז קליינע קינדער לערנען איהר אונ גרויסע גאונים פארשטייען איהר נאך ניט גרונטיג. דער ווילנער גאון ז"ל וואס אזא בעל מוח איז ניט גיוועז פון אסך יאהרן האט לעת זקנתו גילערינט חומש. אונ וואס מעהר מען לערינט איהר, אונ מען איז זיך מעמיק אין איהרע קורצע ווערטער, שיינט אלעס ארויס ווייטער אונ ווייטער איהר טיפער גידאנקען. אונ דרום שטייט שטענדיג דער לשון „דבר" אל בני ישראל „ואמרת" אליהם, „רייד" צוא דיא ישראל אונ „זאג" זייא, וואס הייסט „ריידין" אונ וואס הייסט „זאגין"? ווערט דאס ערקלערט, וויא מיר זעהען צב"ש אדרשן זאגט אדרשה באציהעט ער זיך אויף אפסוק אונ באמערקט אין איהם איינינע פראגען, נאכהער פירט ער אגאנצין רעיון, אם ענדע ווייזט ער אז דער גרויסער גידאנק ליגט גי-פאסט אין דיא קורצע ווארטין פון פסוק, הייסט דער לאנגער רעד „דבור" אונ דער קורצער זאץ פון פסוק (אין וועלכען ער פאסט נאכהער דעם רעד) הייסט „אמירה" (זאץ), דאס גלייכין וויא מיר ערקלערין אז השי"ת האט גע-לערינט מיט משה רבינו ע"ה יעדער מצוה מיט איהר ביאור, אלע פרטים

אונ

און דקדוקים הייסט דאס „דבור" און נאכהער האט ער איינגעפאסט דעם גאנצען ביאור פון דיא מצוה אין קורצע ווארטין פון פסוק, הייסט דאס „אמירה", און אזויא האט ער איהם געהייסין איבער געבין דיא ישראל, „דבר אל בני ישראל, רייד פארנאנדער מיט דיא ישראל דיא גאנצע מצוה מיט איהרע פרטים און דקדוקים מונדליך, נאכהער „ואמרת" אליהם זאלסטו דאס זייא איינפאסען אין אקורצין זאץ פון פסוק דאס איז תורה שבכתב, דרום האט דוד המע"ה אלעס גיבעטין בייא השי"ת „גל עיני" ענטדעק מיר מיינע אויגין, דאס הייסט ערלייכט מיין שכל „ואביטה נפלאות מתורתך" וועל איך איין קוקען דיא וואונדערליכע פארבארגענע זאכען וואס ליגט פאר וואונקען און פאר וויקעלט אין דיא קורצע ווארטען פון דיין תורה.

און ניט אזויא אלע תרי"ג מצות זייערע אלע הלכות ופרטים וואס מיר זיינען מקובל על פה זיינען מבואר ומרומז אין דיא קורצע ווארטין פון תורת הכתב, אויך אלע חכמות פון דער וועלט און אלע ענינים פון דיא וועלט-היסטאריע, וואס האט פאסירט מיט יעדער אומה ולשון און וואס עס וועט נאך פאסירען עד סוף העולם, און זאגאר דיא היסטאריע פון יעדער איינציגען מענשין איז אלעס מרומז אין דיא היסטאריעס פון דער תורה, און דער וואס האט ליכטיגע אויגין (באור פני ה') זעהט ארוים אלעס, וויא איך וועל אייך ערציילין אקורצע היסטאריע, אקלוגע פראגע פון אתלמיד און דעם אנטווארט פון זיין קלוגען רבי'ן.

זייא האבען גראדע גילערינט אין פ' שופטים בעת דער מלך ישראל וועט זיך זעצין אויף זיין טראהן „וכתב לו את משנה התורה הזאת" זאל ער זיך שרייבין אקליינע ספר תורה'לע „והיתה עמו" זיא זאל שטענדיג זיין מיט איהם „וקרא בו כל ימי חייו" און שטענדיג זאל ער אין איהר לערנען, נאכהער האבין זייא גילערינט עשרים וארבעה (יהושע) בעת השי"ת האט איהם גיהייסין אריבער פירין דאס פאלק דעם ירדן, זאגט ער איהם „לא ימוש ספר התורה הזה מפיך" עס זאל ניט אב גיטאן ווערין דיא תורה פון דיין מויל „והגית בו יומם ולילה" דוא זאלסט איהם לערנען און טראכטין טאג און נאכט. נאכהער לערנען זייא גמרא (שבת י"ב) „שמים לרום וארץ לעומק ולב מלכים אין חקר" דיא ברייטע גידאנקען פון אקעניג איז ניט אוים צו פארשטין, ער דארף אין יעדער צייט ארויף נעמען אפין מוח און בע-טראכטין וועגין אלע זיינע מדינות און אלע וויכטיגע ענינים, פרעגט דער תלמיד: „ליבער רבי! וויא מיר לערנען דא אז רוחב לב המלך איז גאר אין

חקר

חקר, הײנט וויא אזויא האט דאס דיא תורה פערפליכטעט אמלך אז נאך אנאנד זאל ער לערנען, ווען וועט ער דײנקען וועגן זײנע מדינות? אונ דאס גלײכען יהושע דארף שטרייטין מיט 31 מלכים אונ נעמען קרעפאסטין אונ אריין פירין אונ בעזעצען אפאלק אין אלאנד, האט ער דאך אויף זיין מוח אזויא פיל צו טראכטין אונ צו טאן, מיט אמאל הייסט איהם השי״ת אז ער זאל גאר נאך אנאנד לערנען „והגית בו יומם ולילה“? ביי מיר קומט אוים אז ער וואלט בעסער גידארפט אוים שרייבין פון איינגלאנד אמיליאן נייע-פארמיגע ביקסען אונ נאך ארודיעס אונ פריוויאנטין מיט זאפאסען פיר דיא וואיסק.

זייער גוט האסטו גיפרעגט מיין ליב קינד — ענטפערט דער רבי — נור דאס גופא ברייננט מיט, ווייל אמלך האט אזויא פיל צוא דײנקען, אונ וויא ווייט ער וועט דײנקען איז ער אלעס ניט גיזיכערט, ווייל ער איז נור איין מענש, אונ מיט איין האר קען ער פארזעהען, אונ אז פארזעהען איז פארשפילט. אט האבין מיר פאר זיך דיא וועלט היסטאריע, נאפאליאן 1 וואס אזא העלד איז נאך ניט אב גיוואקסין, ער האט באלד איין גינומען דיא גרעסטע טהייל וועלט. וואס איז גיוועזן זיין ענדע? אין איין האר האט ער פארזעהען אונ האט פארשפילט אין גאנצין. אז איינגלאנד האט איהם פארשיקט אויף איין אינזיל. נאכהער נאפאליאן III וואס איז אויך גיוועזן אזעלטענער העלד, וואס ער האט גאר ערפונדין נייע עצות למלחמה, אנשטאדט וואס מען זאל שיקען שפיאנען דער גיין יענעמס פערהעלטענעס, האט ער ערפונדין אפלאן, פליהען מיט אלופט-באלאן איבער דעם גענגערס קרעפאסטין, אונ האט מיט אספאקטיוו דורך גיזעהען אלע פערהעלטענעס וואס ביא יענעם איז*), הײנט וואס דארף מען בעסער? אז אלע צייטונגען האבין זיך צוריסין לויבענדיג איהם, מיט איין ווארט מען האט נור גיהערט: אה! וואס פאר א העלד איז דאס נאפאליאן! וואס פאר א פאליטיקאנט ער איז! אז מען האט שוין גאר אויף איהם קיין טיטולים ניט גיפונען, אם ענדע אין אפאר טעג ארום לייענען מיר אין דיא בלעטער גאר דעם היפוך, אז נאפאליאן איז אפלוט! נאפאליאן איז אשווינדלער! נאפאליאן איז דאס! נאפאליאן איז יענטס! דאכט זיך דער זעלבער נאפאליאן וואס מיט אפאר טעג צוריק האבען דיא בלעטער זיך צוריסין לספר תהלותיו אונ פלוצלונג ווערט אזא פערעמען? נור עס איז ביידע אמת, נאפאליאן איז טאקע דער גרויסער העלד אונ דער גרויסער חכם, אונ איז פארט מער ניט וויא אמענש, אונ אמענש איז עלול צוא פארזעהען אונ אז איין האר פאר-זעהען איז פארשפילט, דרום לערינט אונז דיא תורה אויב דער מלך ישראל

*) אזעלכע נייעס איז דאן גיגאנגען צווישען נאראד.

ווייל

וויל מצליח זיין, זאל ער זיך גאר אנדערש פירין, ער זאל ניט דיינקען אז זיין הצלחה באשטייט אין דיא שטארקייט פון זיינע מיליטער מיט דיא פערד, "שקר הסוס לתשועה וברוב חילו לא ימלט". ער זאל נור שטענדיג לערנען מיט גרויס שקידה אין ספר התורה אונ אז "וקרא בו" ער וועט לעזין אין ספר התורה "כל ימי חייו" זיין גאנצע צייט פון לעבין, וועט השי"ת איהם ערלייכטין זיינע אויגין אז "וקרא בו" ער וועט לעזין אין דיא ספר תורה "כל ימי חייו" זיין גאנצע לעבענס-בעשרייבונג*), וואס עס וועט זיך מיט איהם פאסירין, אונ וויא ער זאל פיהרין דיא ארדענונג פון זיין מלוכה וועט ער אלעס געפינען אין ספר התורה. דרום האט דוד המע"ה גירופין דיא געזעטצע פון דער תורה, זייא זיינען מיינע שרי העצה (קייזערליכער ראטה) וויא ער זאגט "גם עדותיך שעשועי אנשי עצתי", אונ האט אויך גיגאסין זיין הארץ מיט תפלה צוא השי"ת "גל עיני ואביטה נפלאות מתורתך" ענטדעק מיינע אויגען וועל איך קוקען וואונדער פון דיין תורה. — אונ אויב איהר וועט מיר שיינקען א קליין-ווייליגע צייט, וועל איך אייך ערציילין א היסטאריע וואס פון איין ווארט אין דער תורה (וועלכער אבער-פלעכליך איז ער איבעריג) האט אהבם ארויס גינומען איין עצה נפלאה, צוא בעראטהען אקעניג, ווען אלע דיפ־לאמאטען זיינען צוא קורץ געבליבען.

איין בעריהמטער פעלד-מארשאל, וועלכער האט געקאמאנדעוועט אגאנץ גרויסע ארמעע, אין אשטרייט, האט בעזאנגען א קינסטליכען קריגעס־פלאן, וואס מיט דעם פלאן, ווען עס זאל געלינגען איהם פינקטליך אונ ריכטיג אויס צוא פיהרען, איז דער זיעג זיכער וויא אין קעשענע. דער פלאן איז געוועזען מיט זעלטענע שארפזיניגע איינפאללע, אונ דאס מוז זייער אקטאראזנע מיט קאפף געפיהרט ווערען. ער האט אנגעפאנגען צוא קא־מאנדעווען אונ צוא פיהרען דיא אטאקע זעהר גוט, ליידער אבער, איז אויף דעם שלאכט-פעלד ניט אזויא שטילל אונד רוהיג געוועזען, וויא ביין פעלד-מארשאל אין קאבינעט, ווען ער איז זיך געזעססען איינזאם אויף זיין לעהנשטוהל בייא זיין שרייב-טיש, אונ האט דארטען דיא וויטציגע איינ־פאללע אויס געדיינקט, דער גע-פרייאטעל האט אויך מיט א געוואלטיגען שטורים זייער העפטיג געשטריטטען. דער גאנצער קריעגעס-פלאן וועלכער האט פערנוממען איינגע מייל, איז געווארען בעדעקט מיט אפול פון זאמד, פון דיא גאלאפען פון הונדערטע-טויזענדער רייטער אונ פאהאטע, אונ פון אשטאק פינסטערען רויך, פון קאנאנען אונ ביקסען, אז דער גאנצער קריגעס-פלאן איז געווארען וויא אדיקער וואלקען. פון דיא קלעפ פון דיא

*) כתב סופר לרבנו אברהם שמואל בנימין סופר ז"ל.

גראמאדנע אראמאטען אונ ביקסען, אונ דיא צעהנדליגע-טויזענדער שטימען פון באראבאנען, טרומייטען, אונ נאך פערשיעדענע אינסטרומענטען, אונ דערצוא דיא קולות פון דיא מיליטער, דאס הירזשען פון דיא פערד, דער קלאנג פון סאבלעס אינ דער גלייכען, איז געווארען אגעוואלטיגער רעש אז דיא ערד האט געציטטערט, אונ דיא אויערען זיינען פערטויבט געווארען. קורץ ביי דיזע שוידערליכע סצענע, איז דער זעלבער וועלט-בעריהמטער העלד — ער איז דאך אויך ניט מעהר וויא א בשר ודם — צוטומעלט געווארען, אזויא ווייט, אז ער האט פערלארען וואו ער האלט, אונ ניט געוואוסט וויא אוים צוא פיהרען.

דיא סאלדאטען געוויינליך, ווייסען גאר ניט פון אפלאן, זייא ווייסען נור צוא איספאלנייען דעם פריקאז. קורץ, דער סטראך איז געוועזען זייער שרעקליך, עס האט פיעל ניט געפעהלט, וואלט געוועזען דיא גאנצע ארמיע פערלארען, אונ דיא קריעג פערשפיעלט. צום גליק איז אבער געוועזען אונטער דיא סאלדאטען, א זעלטענער קאפ-מענש אונ אמוטהיגער העלד. דער זעלבער סאלדאט האט פון אנפאנג אן, וויא דער פעלד-מארשאל האט אנגעהייבען פיהרען דיא אטאקע, אריין געלייגט דיא קאפף, אונ ונימאטעלנא נאך געדיינקט, צוא וויססען וואס דער קאמאנדיר מיינט דא אוים צוא פיהרען, אונ מיט זיינע גוטע פאהיגקייטען האט ער ווירקליך פערשטאנען דעם גאנצען פלאן. אלזא וויא דער פעלדמארשאל איז דא פערטומעלט געווארדען, איז ער געווארען זייער אויף גערעגט, אונ איז פלאטצליך מיט היטץ, ארויף אויף א פערד, אונד האט אנגעהייבען צוא קאמאנדעווען אוים צוא פיהרען דיא אטאקע, עס האט איהם מצליח געוועזען, אונ אין אקורצע צייט, האט ער געזיעגט, אונ דיא ארמיע איז געקוממען פון שטרייט, מיט דעם זיעגעס קראנץ בשמחה ובשירים.

גיוואוינליך וואר נאכהער אוואיענע סוד, מען האט חוקר ודורש גיוועזן דיא אורזאך וואס דער פעלד-מארשאל איז פלוצלונג אבהענטיג גיווארען (פיליייכט איז דאס גיוועזן אבזיכטליך, ווייל ער האט שוחד גינומען פון פראטיוניק) מען האט זיך אבער איבערצייגט, אז ער איז גאנץ אונשולדיג, נור ער איז צוא טומילט גיווארין אונ האט ניט גיוואוסט וויא צוא קאמאנדעווען. דעם סאלדאט פון פרונט וואס האט דא געוויזען אזא העלדענטהאט, האט מען בעשטימט צו געבין זייער אגרויסע נאגראדע, אונ מאכין איהם פיר איין פאלקאווניק פיר זיינע גרויסע חראבראסט, וואס ער האט גירעטעט דיא גאנצע מחנה. דער וואיענער סוד האט אב גיקלערט אז דעם פעלד-מארשאל

דארף

דארף מען אידיל שטראפירין, ווען אויך ער איז גאנץ אונשולדיג, דאך האט דורך זיין שוואכע ניקענט דיא גאנצע רייך פערלארין זיין, ווען ניט די הילפע פון סאלדאט — אבער אין וועלכען ארט דאס צו מאכין? איז קיינער ניט גיפאלין אויף אגלייכע זאך, וואס זאל אלעמען גיפעלין, אונ דעם קייזער זאל עס אויך זיין צום הארצין, ווייל ער איז שולדיג אונ ניט שולדיג, אונ אלע פלענער וועלכע דיא שרי העצה האבין פאר גילייגט, איז אלעס ניט גיוועזן דעם קייזער צום הארצין.

איין מאהל איז פארגיקומען אחכם-היהודים אין קייזערליכען הויף (וויא דער רמב"ם, דער אברבנאל ז"ל, וואס זיינען זייער גישעצט גיוועזן בחצר המלך) האט דער קייזער מיט איהם זיך בעראטהען, וועלכע איידעלע שטראפע פאסט פיר דעם פעלד-מארשאל. דער חכם האט אווייליע זיך באדיינקט אונ זאגט: „אדוני המלך! איך וועל דיר פארלייגען אפלאן, אויב דיר וועט גיפעלין. דעם ראפארט, וועלכען מען דארף דעם סאלדאט איבער-רייכען, איהם צוא פאזדראוולאיען מיט זיין נאגראדע, זאל איהם דער פעלד-מארשאל אייגענהענדיג אב געבין. זעלבסט פערשטענדליך, איז אזא ערהאבענע פערזאן דאמיט גענוג שטראפירט".

דיזער פלאן איז זייער גיפעלין דעם קייזער אונ אלע שרי העצה.

איך מוז אייך ליבע ברידער ענטדעקין מיין גרויסע הערצענס פרייד — רופט זיך אוים דער חכם זיצענדיג אין אגעזעלשאפט. — פיל יאהר האב איך זיך מצער גיוועזן, וואס איך האב ניט פארשטאנען וואס בעדייטעט איין איבעריגער ווארט אין דער תורה, אין פ' פנחס לכן אמור הנני נותן לו את בריתי שלום. דער ווארט „אמור" איז גאנץ איבעריג, וואס וואלט פעלין אז עס זאל שטיין לכן הנני נותן לו את בריתי שלום? יעצט צופעליגער ווייזע, האב איך פון דעם ווארט גישעפט אטייערין בורלאנט, צוא געבין אנטווארט אויף דעם קעניגס פראגע. עהנליך צו די היסטאריע האט פאסירט אמאהל ביי אונז, בעת בלק בן צפור האט געפירט אשטרייט מיט אידין, וויא דער פסוק זאגט (יהושע כ"ד) ויקם בלק בן צפור וילחם בישראל האט ער געשיקט נאך בלעם בן בעור אונ האט גיבראכט אפין פלאץ שטיט אנייע ארודיע פון בנות מואב וואס מיט דעם האט ער גישאסין קאנאנען אויף אידין, אונ עס איז גיפאלין אין איין טאג, 24 טויזענד מאן. עס איז גיווארין אשרעקליכע טריוואגע אין מחנה ישראל, אז אלע האבען גיוויינט, אונ משה רבינו זייער פעלד-מארשאל איז מוטלאז גיווארין, אונ האט ניט געוואוכט וואס צוא טאן, אונ דא דיא מגפה קאשעט מענשין וויא היא. פלוצלונג איז פנחס ארוים פון פרונט, האט גינומען אשפיז אין האנט אונ האט זיך דורך געשלאגען צווישען

נאראד

נאראד און גישטאכין און ארויף גינומען אפין שפיז דעם רעכטין גע-פריא-טעל, און דאדורך איז איין געשטילט גיווארין דיא מלחמה. און אווייליע שפעטער האט מען זיך אב גירעכינט מיט בלעם'ן דעם ראטה-געבער. נאכהער אז דער בורא יתברך האט באשטימט א נאגראדע פיר פינחס'ן און פארווירפע מאכין משה רבינו'ן, זאגט ער צוא משה'ן: „פנחס בן אלעזר כו' השיב את המתי" הער משה און באטראכט אז פנחס האט גיהאט דעם זכות צו רעטין דאס פאלק, און דוא בינכט בעת מעשה גיבליבין צוא רודערט און ניט געוואוסט וואס צו טאן, „לכן" דארום דעם צעסט און די נאגראדע וועלכע איך וויל געבין פינחס'ן „אמור" זאג דוא דאס איהם (פיר דיא גאנצע פובליקע) „הנני נותן לו את בריתי שלום", ד. ה. דער ראפארט צוא פאזדראוולאיען פנחס'ן מיט זיין נאגראדע, זאלסטו אייגען-הענטיג איהם איבער געבין. — און דער ווארט „אמור" האט מיר גיגעבין פארשטאנד וויא צו ראטהען אונזער קעניג וועגין זיין פעלד-מארשאל.

דרום שרייבט דיא תורה מיט דעם לשון „ולא קם נביא עוד בישראל כמשה", וואס על פי סדר הלשון דארף שטיין ולא קם בישראל עוד נביא כמשה (שלא נמצא עוד אחרי משה, נביא כמוהו רם ונשא), ווייל דיא תורה מיינט אונז צו ער-קלערין, אז אזויא וויא פארצייטין איז גיוועזן דער „נביא" בשם „רואה", אז וואס איינער האט גיפאדערט, אפילו שטוביגע ענינים, איז ער גיגאנגען פרעגין ביין רואה, און דער רואה האט איהם אלעס גיזאגט, וויא צב"ש שאול מיט דיא אתונות וואס איז פארלארין גיגאנגען בייא זיין פאטער. זאל מען ניט מיינען וויא דיא אומה הישראלית באקלאגט זיך „אותותנו לא ראינו אין עוד נביא ולא אתנו יודע עד מה", זאגט אונז דער חכם (משלי כט) באין חזון יפרע „עם" נור דעם „המון עם" פעלט דער נביא, אבער „ושומר תורה אשרהו", ווייל דיא נבואת משה איז נאך עוד היום בישראל. „ולא קם נביא" וואס ער איז נאך „עוד בישראל כמשה". ווייל דער שומר תורה זעהט שטענדיג אין דיא ליכטיגקייט פון דער תורה אלע ענינים וואס ער דארף כאשר ישאל בדבר האלקים, וויא שלמה המע"ה זאגט אין דעם נאמען פון דיא חכמה, „לי עצה ותושיה" אלע עצות וואס אמענש דארף, גיפינט ער אין מיר, אויב ער האט ליכטיגע אויגען, וויא מיר בעטין, „והאר עינינו בתורתך", אז מיר זאלען אונזערע אלע ענינים טאהן על פי התורה „ולא נבוש לעולם ועד" וועלין מיר עוויג ניט פארשעמט ווערין.

און אזויא וויא דיא נבואה פון משה רבנו ע"ה עקסעסטירט שטענדיג, אזויא איז אויך זיין גייסט שטענדיג בייא אונז, אין יעדער צייט, אין יעדער

ארוי־

ארט. ווען מיר ווילין זיך אויס היטין ניט איבער צוא טרעטין דעם עוויגענס רצון אונ סטארייען זיך פלייסיג ערפילין זיינע גיבאטע, וועלכע ער האט אונז גיבאטין דורך משה רבינו'ן ע"ה, שוועבט דער גייסט פון משה רבנו ע"ה פאר אונזערע אויגין, אונ זיין רוח גייט-מיט, מיט אונז, וויא דיא תורה שרייבט „ולא ידע איש את קבורתו" .קיינער שפירט גאר ניט אז משה רבנו איז מקובר, ווייל זיין תורה מיט זיינע צדקות לעבין בייא אונז עד היום. אונ אפילו זיין השגחה אויף זיינע צאן קדשים צו רעטין זייא פון דיא חיות טורפות, פעלט אויך ניט דורך זיין שטארבין „במותו לא כהתה עינו" אפילו בייא זיין שטארבין איז ניט דונקעל גיווארען זיין בליק אויף זיין פאלק „ולא נס לחו" אונ זיין פייכטקייט האט ניט אבגיטראטין, נור ער איז שטענדיג וויא אפרישער לעבענס-בלום, וואס זיינע זיסע פרוכט בליהט, אונ וואקסט עוויג צו ערקוויקין אלע זעלען. [ואולי זהו כוונת חז"ל אין לגבי משה (למי שנפש משה מרחפת תמיד לנגד עיניו) „יראה" מלתא זוטרתא היא].

מיט דעם גידאנקען אז דיא קורצע ווערטער פון תורת הכתב איז וויא פאטאגראפישע ריזונקעלאך אונ טאצקעלאך אויף דיא וועלט-קארטע, וועט אייך רעכט ווערין אגרויסע פראגע, וואס דורך איהר בלאנדזען אסך אונזויסענדע מענשין אראפ פון וועג, אונ דיא תורה פערלירט בייא זייא, איהר גלאנץ אונ פראכט.

דאכט זיך נאכין שכל נאך קומט אויס, אז ווער עס קען מעהר תנ"ך דארף האבין איין ווארעמערע הארץ צוא אידישקייט, ווייל ער זייגט זיך אן מיט דיא הייליגע מוסרים פון דיא נביאים, אונ דיא פראקטיקע ווייזט פארקערט, אז אסך קענער פון תנ"ך אונ העברייאיש זיינען קאלט אין אידישקייט אונ מאנכע פון זייא זיינען זייער לייכטזיניג? איינע פון דיא הויפט אורזאכען איז, ווייל זייא מיינען אז זייא זיינען גרעסערע קענער אין העברייאיש וויא דער כותב התורה. אין דער תורה געפינט מען מאנכע מאהל אז דער לשון איז ניט מסודר אונ גלאט, מען דארף איבער בייטין דעם ווארט פריער אונ דעם שפעטער (סרס המקרא ודרשהו), אין מאנכע ערטער פעלט ווערטער אז דיא כוונה איז ניט בולט, אונ אין מאנכע ערטער איז איבעריגע ווערטער. אבער אז זייא וואלטין אב שרייבין איין ענין — רעכענען זייא — וואלט דאס גיוועזען גלאט אונ פיין, אז יעדער גידאנקען וואלט זיין בולט, ניט איבעריג אווארט אונ ניט פעליג, אונ ניט צו ביטין דיא זאצין מיט דיא ענינים, דאדורך ריידין זיך איין דיא אפרוחים שלא נתפתחו עיניהם אז זייא וואלטין בעסער שרייבין וויא דער נותן התורה.

ווארום

וואָרום איז טאַקע אונזער תּורה אין פיל ערטער ניט גלאַט דער לשון, נור עפּעס וויא בערגעלאך אונ טאָלין? פרעגין איינגע.

אויב איהר אינטערעסירט זיך ערינגסט וועגין דעם כבוד פון אונזער הייליגע תורה (ענטפער איך), ביטע צוא לייגען אייער גידאַנקען: אונ האָרכין זייער אַשיינעם ביישפּיל.

אַגרויסער קעניג האָט גיהאַט אַטייערין אוצר, וועלכע אבות אבותיו האָבין גיזאַמילט דיא טייערסטע אַנטיקען פון דער וועלט. לעת זקנתו האָט ער גידאַרפט איבער לאָזין אלעס זיין [3] יאָהריגען בן זקונים (זיין טראָהן-פאָלגער). — וואָס פיר אַראַטה גיב איך מיר אַז דער גאַנצער אוצר זאָל איבער גיין צו מיין קינד, עס זאָל אין איהם ניט פעלין קיין אַנטיק? — רעט דער קעניג צו זיך אַליין — זאָל איך מאַכין איין עפּיקון אויף דעם אוצר ביז מיין קינד וועט גרויס ווערין? פירכטע איך מיר, אַז דער בעסטער ערינטליכסטער מענש זאָל ניט באַצויבערט ווערין פון דעם שטראַל פון דיא טייערע דימאַנטין, וואָס גיפינט זיך אין אוצר, אונ וועט זייא מעלים זיין פון מיין קינד. דער קעניג האָט גירעשעט ביא זיך דעם פּלאַן, ער האָט זיך פאַרשלאָסין איינזאַם אין אוצר, אונ האָט אַרויס גינומען אַלע אַנטיקליכע בירלאַנטין אונ דימאַנטין אונ דאָס גלייכען, אונ אַלעס איין גיפּאַקט אין קליינע קעסטעלאך אונ האָט איבער גיטראָגין דיא טויזענדער קעסטעלאך צו זיך אין קאַבינעט, אונ האָט איינזאַם אַב גישיילט דיא אַבאַיעס פון קאַבינעט אונ אויס געבויערט קליינע לעכער אין אַלע פיר ווענט, אונ אין יעדער לאָך האָט ער בעהאַלטין אַקליינע קאַראַבקע מיט אַנטיקין, אונ האָט אויף דעם צוריק אויס גיקלעבט מיט טייערע אַביצעס. ער האָט אויס גימאַרקירט, אין מאַנכע ערטער זאָלין קומען דיא קאַראַבקעלאך עטוואָס בולט אום עס זאָל אויס קומען דיא אַביצע פון אויבין וויא אַבערגעלע, אין מאַנכע ערטער זאָל זיין שוקע, אום עס זאָל אויס קומען דיא אַביצע פון אויבין וויא איין טהאָל. אונ ווייל עס איז גיוועזן זייער פיל קאַראַבקעלאך, אין יעדער לאָך איין קאַראַבקעלע, איז אויס גיקומען אין אַלע פיר ווענט, אין זייער פיל ערטער בערגעלאך אונ טהאָלין, אונ האָט אַן גיזאָגט אַז מער וויא דער קינד האָט קיין רעכט ניט צוא באַטראַכטין דעם קאַבינעט.

דער נאָסלעדניק איז געוואָרין אַבר דעת האָט ער געלעזין אין ביכער, אויך גיהערט ערצייליענדיג אַז אין פאָטערס אוצר איז דאָ וואונדערליכע אַנטיקין, ער באַזוכט דעם אוצר המלך ער גיפינט זייא ניט.

ביי וועמען אָדער וואוהין האָט מיין פאָטער גיקענט באַהאַלטין דיא

וואונדערליכע

וואונדערליכע אנטיקען וואס עס שרייבט זיך, אז זייא גיפינען זיך אין אוצר המלך? קיינער ווייס איהם ניט צו געבין אנטווארט.

וואס זעהען מיינע אויגין אז אין מיין פאטערס קאבינעט איז דיא אביצעס ניט גלאט, נור בערגעלאך אונ טהאלין? — רעדט ער צוא זיך זייער פארוואונדערט, העריין טרעטענדיג אין קאבינעט — דאכט זיך ביין קלענסטין שר איז א קאמפינעט גידעקט גלאט, אונ בייא מיין פאטער, וואס ער וואר אחכם בכל החכמות וביותר בחכמת אינזשעניריע, איז דער קאבינעט גידעקט אין בערג אונ טהאלין, דאס איזט זייער וואונדערליך?

דיזע צוויי פראגין, וואוהין איז דיא אנטיקען פון פאטערס אוצר? אונ ווארום איז דער קאבינעט ניט גלאט? האט איהם אזויא פארנומען דעם מוח, אז ער האט זיך אנגעשפארט מיטין איילענבויגין אן וואנט אונ דיא האנט אפין מוח.

אה! וואס פאר אמדינה חכם דוא בינסט גיוועזען מיין ליבער פאטער! — ניט ער אגישריי פון שמחה אונ פארוואונדערונג — ווייל זיין איילענבויגען האט זיך אגליין גיטאהן פון וואנט אונ אב גישיילט אשטיקעל אביצע, אז עס האט איהם אשיין געטאן אשטראל פון אבורלאנט, אונ האט באמערקט אז דא ליגט אקאראבקעלע מיט ברילאנטין, ער נעמט שיילען ווייטער אונ ווייטער דיא אביצע, עס ווערט איהם ענטדעקט אנטיקען וואס פערשטראלען דיא אויגען, ער האט גיזעהען וויא איין פראגע ענטפערט אויף דיא צווייטע, דיא פראגע ווארום איז דער קאבינעט בערג אונ טהאלין? ענטפערט אויף דיא פראגע, וואוהין איז באהאלטען דעם פאטערס אוצר?

דאס איז טאקע וואונדערליכע אנטיקען, וואס עס איז שווער צוא גיפינען, ווען מען זאל דאס קענען אנטרויען, אז זייא זאלין ריכטיג אן קומען צו מיר, דרום האסטו מיין ליבער פאטער זייא באהאלטין אין דיא ווענט פון דיין קאבינעט, אונ ווען דוא וואלסט גידעקט דיא אביצעס גלאט, וויא אזויא וואלט מיר ענטדעקט ווערין דער כוד וואו דיינע אנטיקען זיינען אבאיעס ווערין גיקלעפט גלאט, וואו אונטער זייא איז נור דא איינפאכע שטיינער אונ ציגעל, אבער אונטער דיינע אבאיעס ליגען אונשאצבארע בירלאנטין, האסטו זייא אבזיכטליך ניט גימאכט גלאט, בכדי זייא זאלען מיר אויפמערקזאם-מאכין, איך זאל זוכען אין זייא מיין גרויסין גליק.

יעצט פארשטייט איהר שוין אליין מיינע טייערע, ווייל השי"ת האט גענוואלט איבער געבין זיין חמדה גנוזה פיר זיין ילד שעשועים (הבן יקיר לי אפרים, בני בכורי ישראל) וועלכער לערינט איהר אלס 5 יאהר אקינד, האט ער

איין

איין געוויקילט אין איהרע קורצע ווערטער „כל חמודי עולם" אונ אום דער איד זאל דאס גיפינען האט ער גישריבן דעם לשון אין פיל ערטער ניט גלאט נור בערגעלאך אונ טאלין, אז דיא פראגע זאל דיר בוערין דעם אויער, שטייט איין איינפאכער העברייער אז ער שרייבט אשטיק פראזע, איז גלאט אונ יעדער זאך בולט, אונ תורת אלקים איז אין פיל ערטער בערג אונ טאהלין? וועט דיר דיזע פראגע פירין צום אמת, אז אונטער זייערע פראזעס איז נור דא פראסטע שטיינער אונ ציגל (היינו איינפאכע גידאנקען) אבער אונטער דיא ווארטין פון תורת אלקים איז „דבש וחלב, ויקרה היא מפנינים" דרום סטאראיע זיך אב צו שיילין דיא אביצעס, פונאנדער נעמען גוט דיא הייליגע ווערטער (על פי קבלת חז"ל) וועסטו גיפינען אונשאצבארע בירלאנטין, גרויסארטיגע גידאנקען, אז עס וועט דיר פארשיינען דיא אויגען*) ויען שהתורה „שראשה" בשמים היא „כתם פז" לזה צמצמה השם. „ובהקווצות שלה" (אין איהרע פעלבעלאך) גנוז „תלתלים", תלי תלים של הלכות וענינים רמי הערך (עי' כתר תורה להמ"ם רבנו יצחק אהרן שליט"א מווילקאמיר).

יעצט פארשטייט איהר שוין מיינע טייערע, וואס דער תנא ביין אנפאנג פרקי אבות (וואס דער אינהאלט פון דיא מסכת איז, אוים צוא בילדען אונזער תערץ, מיט אונזער חאראקטער, מיט זיטען לעהרע פון דיא אבות הכנסיה**) הייבט ער אן מיט דעם ענין פון שלשלת הקבלה, וויא דיא תורה שבע"פ האט זיך גישלאסין אונ גיקייטעלט פון משה רבנו מפי הגבורה ביז אונזערע דורות, ווייל דיא אמונה אז דיא תורה איז מן השמים אונ אז תורה שבעל פה מיט תורת הכתב זיינען ביידע אחיות תאומות נתנו מרועה אחד (סן תשטים), איז דער יסוד פון הערצענס-בילדונג, אן דיא אמונה הייבט זיך קיין זאך ניט אן, ווי די צווייטע משנה (פון כל ישראל) זאגט „ואלו שאין להם חלק לעוה"ב, האומר אין תורה מן השמים" אפילו ער איז מודה אז דיא תורה איז איין

הויכארטיגע

*) וזהו בקש קהלת למצוא דברי חפץ, וביארו לנו חז"ל (ר"ה כ"א) מהו דברי חפץ? היינו שבקש להיות כמשה, למצוא הפנינים מהחמדה גנוזה אשר שבץ מלך העולם בהדר משכיתו, ולחבים הנפלאות הגנוזים בתורה, ולא ידע איזה דרך ישכן אור? כבן המלך שלא ידע איפה גנזם אביו? יצתה ב"ק ואמרת לו (התבונן בה והראה) שהפנינים גנוזים בהמלות, אשר לפי מושכל ראשון צ"ל סרס המקרא ידרשהו. ותפסו הז"ל משל ולא קם נביא עוד בישראל, אשר לפי סדר הלשון צ"ל ולא קם בישראל עוד נביא כמשה והאיר השי"ת עיניו אשר פה בהסרוס רצוף רב פנינים וכינה שני' היינו ולא קם נביא עוד כישראל, כלומר נביא שיהא עוד נביא גם אחר פטירתו לא קם בישראל כמשה, ובזה דברי אמת מתורת אמת כתובים ביושר ולא בסרוס. ומזה תקיש אל השאר אשר כל מקום שתפגע בסדר הלשון הר ושפלה תעמיק עיונך בו ותמצא רב פנינים, ואז יהי' העקוב למשור והרכסים לבקעה. וכאשר העמיק הרחיב בזה ראה ונוכח אשר כל דברי חכמים (מקבלי תורה שבע"פ) כדרבונות וכמסמרות נטועים בעומק הלשון, ותורת הכתב עם תורה שבע"פ נתנו מרועה אחד.

**) ווי אלישע האט גירופען זיין רבי אליהו „אבי אבי" דוא בינסט מיין פאטער, וואס דיין גאנצע סטאראניע איז געווען מיר גליקליך צו מאכין, אונ דוא בינכט מיין פאטער וואס דוא וועסט מיר איבער געבין נור וואס ריכטיג אונ וואהר איזט, וויא א פאטער גיט ניט איבער זיין קינד וואס נים ריכטיג איז חלילה (אין אדם מוריש שקר לבניו) —.

הויכארטיגע חכמה, נור ער זאגט אז משה רבינו האט איהר פון זיך אליין געשריבין. אונ ווען אויך ער איז ניט קיין כופר בכל, נור אמודה במקצת, היינו אז תורה שבכתב איז מן השמים אבער ער איז כופר במקצת, אז תורה שבע"פ (דיא ערקלעהרונג פון דיא מצות) האבין אונזערע חכמים געזאגט מפי עצמם איז ער אויך אויס-געשלאסין פון כלל ישראל. וואס קומט מיר ארויס אז ער איז מאמין אז דער חומש איז מן השמים, אז זיא בלייבט בייא איהם איין תורה חתומה (אפערזיגעלטע תורה), ער ווייס ניט קיין מצוה וויא מקיים צוא זיין אונ ער איז אין דער פינסטער*). אונ ווען אויך עס איז פערהאנדין אנדערע גרויסארטיגע הארקטערנע מענשין, איז דאס נור וויא אליכט וואס בעלייכט אזאל, וואס קען ניט לייכטין קעגין אגרויסין ווינט. אבער דער מאמין אז תורה שבעל פה מיט תורת הכתב איז איינס, וויא א נשמה מיט א גוף אונ זיינען ביידע מן השמים, אויף דעם שיינט דער אור ה' (כי שמש ומגן ה' אלהים, פני משה כפני חמה) אז זיין האראקטער ווערט באלויכטין מיט דיא זונ-שיין, אונ דיא זונ-שיין קען קיין ווינט ניט לעשין. ער באזיצט אפעסטען האראקטער וואס ווערט ניט געלאשין קעגין דיא גרעסטע ווינטען אונ דיא גרעסטע נסיונות (כי לבעבור נסות אתכם בא הא־להים, כדי שתעמדו בנסיונות וכל הרוחות שבעולם לא יזיזו אתכם מאמונתכם).

מיט דיזע רייד, וועט איהר פארשטיין, מיינע טייערע, וויא נאריש איז דער אנטווארט, וואס מאנכע ענטפערין, ווען מען בעמערקט זייא אז זייא טוען ניט רעכט, אין שולחן ערוך אונ חיי אדם שטייט אז מען דארף אנדערש טאהן. ענטפערין זייא טאקע דער חיי אדם איז געוועזן אפיינער איד, אבער מיט וואס זיינען מיר דאס פערפליכטעט צוא פאלגין וואס דער חיי אדם זאגט? — פארשטייט איהר שוין, מיינע טייערע, וויא זייער אנטווארט ציינט אויף זייער דומהייט. ווען זייא זאלין וויסין וויא דיא קייטעלע פון קבלת תורה שבע"פ שליסט זיך, פון משה רבנו ע"ה מפי הגבורה ביז רבנו הקדוש, נאכהער דיא חכמי התלמוד וועלכע זיינען אינז מבאר דיא קורצע ווארטען פון דיא משנה, נאכהער דיא פוסקים, הרב אלפס, הרמב"ם, הטור. השו"ע והחיי אדם האבין אויס געזיבט אין קורצין דיא סולת נקי' פון תלמוד, גייט דאס פון ארויף פון משה רבנו ביז אראפ דעם שולחן ערוך איין קייטעלע, משה רבנו מפי השי"ת איז דער אויבערסטער רינגעלע אונ דער חיי אדם איז דער לעצטער רינגעלע, רופט זיך דאס אז משה רבנו מפי השי"ת הייסט טאן, ניט גראד דער

חיי

*) כל האוחז ס"ת ערום (בלי לבושה, תורה שבע"פ) נקבר ערום בלא מצות ואף בלא אותה מצוה של אמונתו בתורת הכתב מן השמים, כי מה תועלת באמונתו אם לא ידע באור המצות. (שמעתי)-

היי אדם, פארשטייט איהר שוין וויא מען דארף זיין זהיר צוא ערפילען דיא רייד פון שולחן ערוך אונ חיי אדם, וויא אפריקאז פון קעניג.

איך גלויב, מיינע טייערע, אז מיין מיהע איז ניט אומזיסט, געוויס וועט איהר נעמען, דיא גוטע זאמען פון אמונת תורה מן השמים טיף אין הערצין אום עס זאל ניט קומען דער רוח הזמן אונ אוועק בלאזען זייא, ווען זיי וועלין נור זיין פון אויביו, שרייבט זייא טיף אויף דעם טאפעל פון אייער הערצין, מיינע ווערטער זאלין ניט זיין ביי אייך וויא איינער שרייבט אויף דיא פארע פון אשויב, נאכהער קומט איינער אונ ניט אהויך פאר דעקט דאס דעם גאנצין פאריגין כתב, אזויא וויא מיר זעהען אז דער דוך פון דיא זארגאנישע הבלים, פארציהען פיל יונגע הערצער, אז עס ווערט אב גימעקט פון זייא זייער אמונה. אונ דאס איז נור וייל דיא אמונה איז ביי זייא גיוועזן אכתב שאינו מתקיים.—אדער אפילו בייא דיא וואס דער אמת ואמונה איז גאנץ טיף אין הערצין נור דער רוח הזמן האט אן געטראגין שטויב אונ מיסט. זייער אמונה האט נעבעך געטראפען דער גרויסער אונגליק וואס דעם כותל מערבי האט גיטראפין, אז דיא רומיים האבען גיזעהן אז אוניצטאזען איהם איז אונמעגליך האבען זייא זיך גע-קליגט אז מיט דער צייט זאל ער פארשאטין ווערין מיט אהויכין בארג פון מיסט, (הן אבת (חסר) חפצת (ז״ח) בטוחות מכוסה בטיח סביב) נור הודות להשי״ת פיר דעם קאנטראקט וואס ער האט מיט אונז גימאכט דורך דעם נביא ישעי׳ ואני זאת בריתי אותם אמר ה׳ רוחי אשר עליך (זו תורה שבכתב) ודברי אשר שמתי בפיך (זו תורה שבע״פ) לא ימושו מפיך כו׳, אונ אזויא וויא ער האט מפיר גיוועזן דיא עצה פון דיא רומאים, וויא עס שרייבט זיך, אז אגרויסער שר האט גיבויט זיין פאלאץ ניט וייט פון כותל מערבי, האט ער גיזעהן וויא א אלטע פרויא גייט פון גאנץ וייט איין גיבויגין אונ טראגט אזעקיל מיסט, אונ שיט אויס ניט וייט פון זיין פאלאץ, אונ אז מען האט איהר אנגינומען אונ געפרעגט וואס איז דער ציעל פון איהר ארבעט? האט זיא ערציילט דיא גאנצע געשיכטע, אז דאס איז ביא זייא א קבלה פון עלטערין צוא טראגין אטאג רייז פון היער מיסט צו פארשיטין דעם וואנט, אום ער זאל פארגעסין ווערין אויף עוויג. דאן האט דער שר געהייסין אב-ראמען דעם גאנצען מיסט-קאסטען אונ עס איז ענטדעקט גיווארין פיר אלעמען דער כותל מערבי ביז היינטיגען טאג.

דאס גלייכען האבען זיך באטראכט דיא פורקי עול, בוזי התורה אונ דיא הפקר יונגען, וואס וואלטין וועלין אב שיקען דיא תורה צוריק צום

הר

הר סיני, נור צוא זייער גרויסען אונגליק איז נאך עד היום דארטען מדבר עס גייט ניט קיין פאצט, ניט קיין טעלעגראף, איז דאך זייא זייער שלעכט געווארען, האבען זייא זיך מישב געווען, געמאכט אקשר רשעים זעהן צוא טראגין מיסט צו פארשיטין דעם אמת, היינו דרוקען ספרי מינות ולצנות על התורה ולומדיה (ולא די להם בספרים הנכתבים בלשון עבר אלא שבאו והוסיפו) אונ האבען פאר פלייצט מיט זייער סמאטאוועי זארגאנישען ליטעראטור, צוא ווארפען גאנצע וועגין מיסט אויף דער תורה ומחזיקיה ושוניה, אזוי ווייט אז זיא איז פארדעקט געווארין ביי פיל אונוויסענדע מענשין, אונ זייא ווייסין גאר ניט וואס תורה איז, אונ ווילין גאר ניט ווייזין זייערע קינדער קיין התחלה פון איהר, אונ מחמת טרדת הזמן האבין ניט אלע צייט צו זוכען דעם אמת, וואס ער ליגט געוויק אונטער דיא מיסט קאסטינס וואס איז אן געווארפין אויף איהם, ותשלך אמת ארצה.

אמת מארץ תצמח, השי"ת האט בעשטימט אז דער אמת זאל ארויף וויא בוימעל אויף וואסער, אונ וויא ווייט מען וועט איהם באגראבין אונ ארויף שיטין אויף איהם בערג מיט ערד, וועט ער אלעס ארויס שפראצין. פאר פאלין דער גרעסטער שטורים אינ דער געדיכטסטער טומאן, קען ניט פארלעשין דיא זונן, ער קען איהר נור אווייל פארשטעלין אז מיר זאלין ניט געניסען פון איהר הערליכקייט, אבער איהר לעשין קען קיינער ניט, אונ אפילו אין רעכטין טומאן שטראלט אויך דורך, איהר ליכטיקייט, אזוי האט ב"ה יעצט דורך געשטראלט איהר ליכטיגקייט, אז חכמי האומות האבען איהר אנגעהויבען צו לערנען, אונ קענען זיך ניט אב-וואונדערין אויף איהרע טיפע געדאנקען, אונ זיא איז פונאנדער גיטראגין געווארען אין דער גאנצער וועלט, זיא איז פערעוואדעט העבער ווי אויף 300 שפראך, אונ פיל זיינען מודה אז אויף איהר שוועבט איין רוח אלקים (ורוח אלקים מרחפת על פני המים, זו התורה שנמשלה למים), נור צו אונזער גרויסע שאנד האבין זיך צווישין אונז אידין געפונען בוזי תורה, וואס טראגין אן אויף איהר וועגין מיסט אונ ווילין אויס מעקין איהר זכר. אלזא ליבע ברידער לאמיר זיך שטארקין צוא דיא הייליגע ארבעט, לאמיר נעמען רידלען אין דיא הענט אראפ ראמען דיא וועגין מיסט, וואס דיא ריקים ופוחזים האבען אן גע-שאטין אויף אונזער הערליכען מוער (אני חומה ע תורה). לאמיר פונאנדער נעמען אונזער היסטאריע פיר אונזער יוגענד, זאלין זייא זעהן וויא אונזער תורה איז איין הימל'ס וועזען, לאמיר אויף וועקין דיא אלטע ליבע וואס אונזערע עלטערין האבין גיהאט צו איהר, אזא ליבע וואס דיא גרעסטע שטראמען

שטראמען זיינען ניט געווען אים-שטאנד איהר צו לעשין (מים רבים לא יוכלו לכבות את האהבת) ואם יתן איש את כל הון ביתו באהבה (שאהבו אבותינו וחכמינו את התורה) בוז יבוזו לו, ווייל זייא האבען פארזוכט איהר געשמאק, זייא האבען גע-זעהען מיט זייערע ליכטיגע אויגען, וועלכע וועלטין עם זעהען זיך אין איהרע פאטאגראפישע פינטעלאך און שטריכלאך, האבען זייא דאך מיט זייערע אויגען געזעהען אז זיא איז מן השמים.

דרום דיא אלע מכשולי הזמן ואבני נגף וואס האט פאסירט יודין, האבען ניט געקענט ווירקען אויף זייא אב צו דינגען בייא זייא איין ווארט פון דער תורה, וויא דער פסוק זאגט „שלום רב לאוהבי תורתך ואין למו מכשול", אבער פיר אונז קורצזיכטיגע וואס דאכט זיך נור אז דיא ווערטער פון דער תורה איז דונקעלע פינטעלאך, איז יעדער קלייגער האר פיר אונז איין מכשול אין וועג פון דער תורה, אז דאדורך רעשען פיל אוים צו מיידען דעם דרך התורה, און הייבין אן צו גיין אין דיא וועגין וואס זייא געפעלט, וואס אין אנפאנג זיינען זייא ליבליך און אנגינעהם, אבער שפעטער לאזט זיא זיך אוים אין אלע אונגליקען (אך בחלקות תשית למו הפלתם למשואות).

דיא זון שטראלען זיינען אבער אזויא שטארק אז זייא שיינען דורכין טומאן אויך ארוים, ד. ה. אפילו פיר דיא וואס זיצין נאך אין דער פינסטער גיט אויך דיא תורה אשיין, אז אויב זיי ווילין נור צו ליגין דיא קאפ זאבין זייא אויך ערטער וואס זייא קענען ארוים זעהן אז דיא תורה איז מן השמים, מיר פרויבען גאר ניט ווייט אוועק צו גיין, לאמיר באטראכטין דיא מצוה פון עליה לרגל, וויא ווייט אבר דעת קען זיך פון איהר איבער-ציינען אז דיא תורה איז מן השמים. דאס פארשטייט יעדער ווען אנארד נעמט-אב אלאנד פון אצווייטין נארד, און דער ערסטער דאט געמוזט געגען זיין ווילין איהר ליידיג מאכין פיר זיין נע-פרייאטעל, ווארט ער אונגעדולד אויף אגילעגינהייט וועלכע ער זאל איהר צוריק קענען אוועק נעמען, ובפרט אז דיא לאנד איז איין אויסנאם, איז זעלבסט פערשטענדליך אז דער וואס זיצט אין דיא לאנד דארף זעהן צוא באווארגען זיך מיט קרעפאסטין און מיליטער זאלין שטענדיג שטיין בייו גרעניץ אום דער שונא זאל זיך ניט ארויין חאפין, ווייל ווען דיא גרענעצין וועלין ניט זיין זיכער געשיטצט, ובפרט אז אלע שטעט לעבין גרענעץ וועלין זיין פוסט, און איבערהויפט נאך אז דיא איינוואהנער האבען פיל רייכטהום, בלייבט דיא לאנד דאמאלס אין גרעסטען געפאהר, ובפרט ווען אלע שטעט בלייבען פוסט און דיא גאנצע פאלק קלייבען זיך אין צענטערום (מיטיל פונקט) פון דער מדינה, דאן

גיבט

גיבט פיר דעם שונא קיין בעסערע געלעגענהייט ניט, ער קען זיך אריין חאפין פון אלע קאנטין, און ער געפינט נאך אלדם גוט'ס, וואס ער קען ראבירען, דאן קען ער מאכען אתל פון אלעם.—יעצט לאמיר באטראכטין וויא דיא תורה האט פערארדענט מיט וואס אידן זאלען היטין זייער לאנד, ניט מיט קרעפאסטין, ניט דורך מיליטער ביא דיא גרענעצין, נור מיט אזארט מצוה וואס זיא איז גאר דער היפוך פון דיא נאטור, אזויא שרייבט דיא תורה דייטליך אין פ' תשא „כי אוריש גוים מפניך" איך וועל פאר-טרייבען פעלקער פאר דיר, פארשטייסטו גוט אז זייא וועלין שארפין דיא ציינער אויף דיר, זוכען מיט 7 אויגען נור אגעלעגענהייט וויא אזוי צו נעמען ביא דיר, „והרחבתי את גבולך" און וועל פערברייטערין דיין גבול מיט איין גרויסע פראסטראנסטווע, אז אפילו פרעמדע וועלין זיך אויך וועלין אריין רוקען צו דיר, ובפרט נאך אזא לאנד וואס פליסט אין איהר מילך און האניג, וואס מיט איהרע אלע מעלות פארשמעקט זיא און געפעלט אלעמען. ווייסטו אבער מיט וואס זאלסטו בעהיטין דיין לאנד אז קיינער זאל צו איהר ניט קענען צו טרעטין? ניט מיט קרעפאסטין און ניט מיט מילעטער פערזארגען דיא גרענעצין, נור „בעלותך לראות את פני ה"א שלש פעמים בשנה", נור מיט דעם וואס איהר וועט אנערקענען דעם „אדון ה' אלקי ישראל" אז ער איז אייער העררר און דער לאנדעס העררר *) און זיין הייליג-טהום וועט איהר גיין בעזוכען 3 מאל א יאהר, דוא וועסט אוועק גיין מיט דיין פרויא (ווייל מצות קרבן פסח זיינען נשים אויך מחוייב) און קינדער אויף פסח קיין ירושלים, איז פריהער א חודש גיוועזן דיא גרענעצין אפין. און פוסט דיא שטעט פון אנשי חיל, עס איז מער ניט געבליבען וויא זקנים וחולים וטף וואס קענען ניט גיין און אקליינע טהייל עבדים ושפחות **) ווייל פיל האט מען מיט גינומען מיט זיך, זעהט איהר מיינע טייערע וואס פיר אוואונדערליבען מיטיל דיא תורה האט געגעבין צו בעהיטען דיא לאנד? אמיטיל וואס איז געגען דיא נאטור, היינט וואונדער זיך אויף זיך אליין, משה רבינו וואס ער איז גיוועזן לכל הדעות, דער אידישער פריינד מיט לייב און לעבין, וויא אזויא גיט ער זייא אזא גיזעץ וואס קען זייא מאכין

אונגליקליך

*) הנה ארון הברית „אדון" כל הארץ (יהושע ג'), א"ר שמואל בר נחמני כל מקום שנאמר „אדון" עוקר דיורין ומכנים דיורין, וזה בנין אב לכולם עוקר כנענים ומכנים ישראל וכה"א לכן נאום האדון ה"צ אביר ישראל כו' ואשיבה שופטיך כבראשונה (ילקוט כס).

**) וכאשר תיארו לנו חז"ל מהותן וטבען של עבדים כנענים (פסחים קי"ג) חמשה דברים צוה כנען את בניו ואחד מהם שנאו את אדוניכם, קרוב הדבר שיתוספו גם הם על שונאי ישראל להרוס את ערי הגבול.

אונגליקליך דעם ערשטען פסח, עס דארף גאר קיין פולע ניט געווערין, און די פראקטיקע האט דאך אונז גילערינט, אז כל זמן אידין האבען געהיט די תורה און געגאנגען לרגל 3 מאל אין יאהר (לערך 1300 יאהר) האט קיין שונא ניט גיקענט צו טרעטין צוא די לאנד, נור וויא אידין האבען אויף געהערט צו היטין די תורה, און האבען אנגעפאנגען זוכען נאטירליכע וועגין, בעשיטצען די גרענעצין מיט זייער גבורה, דא איז געקומען דער שונא און האט פיל פראווינצין גענומען, ביז מען האט אלעס אבגינומען*). —

דער מדרש שרייבט, אז פיל מאל האבען זיך יודישע שלעכטע שכנים צו גערייט, אז בעת עליה לרגל וועלין זיי ארין פאלין און בעראבעווען וואס זיי וועלין געפינען, זייא שיקען שפיאנען אכטונג געבין אויב ישראל זיינען שוין אוועק לרגל, זייא געפינען אז קיינער האט זיך נאך ניט גע-רירט פון שטוב, האבען זייא גערעכינט, פיליכט זיינען זיי זיך טועה אין לוח-רעכענונג, האבען זייא אין איניגע טעג ארום געשיקט נאך אמאל און אזויא אדריטען מאל, ביז וואנען עס איז שוין געוועזען לכל הדעות חג המצות און ישראל זיצין נאך אין זייערע הייזער. בקיצור זייא האבין מיט אונגעדולד איבער געווארט דעם חג המצות און ארין געשיקט איניגע זקנים פון זייא, פארווירפע מאכען די ישראל, ווארום היטין זייא ניט זייער תורה, וויא זייערע עלטערין פלעגין גיין 3 מאל אין יאהר לרגל? ענטפערין די ישראל אז מיר זיינען שוין געקומען צוריק, ד. ה. מיר זיינען אוועק ר"ח ניסן (ווייל פון גרעניץ ביז ירושלים איז 15 טעג רייזע) און יעצט איז שוין 2 וואכין נאך פסח, זיינען מיר נעכטין געקומען צוריק. קוקען די שכנים זייא אין די אויגען, שטייט מיר זיינען אין דעם חודש אפשר 10 מאל גיוועזען דא און אייך אלעס גיפונען צו הויז. וואס איז גיוועזען די מעשה? השי"ת האט גוטע מיליטער, וועלכע ער האט אוועק געזעצט אויף די אידישע פלעצער, ד. ה. מלאכים האבען זיך פאר זייא פארגעשטעלט בדמות ישראל. דאס איז גענוג בעווייז אז אונזער תורה איז מן השמים, אזאך וואס האט עקסעסטירט קרוב 1300 יאהר פובליצנע, אז אידין שטייען העכער וויא די נאטור, ווייל זייער תורה איז העכער פון די נאטור, והארון נושא את נושאיו.

נאכהער זעהען מיר ארויס, אז ביי דעם ארט גופא, וואס דער מענש איז עלול בועט צו זיין אן השי"ת, דהיינו בעת ער עסט אגוטע שטיקיל פלייש, וואס דענסטמאל איז עלול אז דער לייב זאל נעמען ברומען פון ראשקאש (אין ארי נוהם מתוך קופה של תבן, אלא מתוך קופה של בשר), אין דעם מאמענט

*) נבות לא עלה פעם א' לרגל, והמד אאאב את כרמו (ילקוט).

גופא

גופא האט דיא תורה איהם געגעבין אמצוה, וועלכע זאל איהם איבער צייגען אז זיין תורה איז מן השמים, דאס איז דיא מצוה לבדוק בסימני חיה ובהמה, טהורים אונ טמאים, טהורים הייסען: וועלכע זיינען מעלה גרה אונ מפרים פרסה, אונ דיא יעניגע וועלכע איז ניט מעלה גרה ומפרים פרסה צו זאמען, אפילו איין סימן טהרה האט זיא, איז זיא טמא. האט דיא תורה אונז אויס גיציילט וויפיל מינים טהורים איז פארהאנדין אין דער וועלט, 3 זארטען בהמות: אקסין, שעפסין, ציגין, אונ 7 מינים חיות טהורות: איל, צבי, יחמור, אקו, דישן, תאו, וזמר. דיא 10 זארטען האבין אין זיך ביידע סימני טהרה. אויך האט זיא אונז בעצייכענט 4 זארטין וואס האבען נור איין סימן: גמל, ארנבת, שפן, זיינען מעלה גרה אונ ניט מפרים פרסה*) אונ חזיר איז מפרים פרסה אונ ניט מעלה גרה, אונ דיא אלע איבעריגע חיות ובהמות האבען קיין סימן טהרה ניט, היינט באטראכט אז משה רבנו האט אב גישטעלט אכלל וויא אלע בהמות וחיות פון דער וועלט זיינען, 10 פון זייא זיינען מעלה גרה אונ מפרים פרסה, 4 מינים איז פערהאנדין מיט איין סימן טהרה אונ דיא איבעריגע טויזענדער מינים בהמות וחיות פון דער וועלט האבען קיין סימן טהרה ניט, איז דען משה רבנו גיוועזען איין חיות-פאנגער, וואס האט גיזעהן אלע חיות פון דער וועלט? פון וואנען ווייס ער, טאמער געפינט זיך אין אפריקא, אמעריקא, אווסטראליע ארגענטינע אזארט חיה חוץ דיא 14 פאריגע מינים, וואס האט אויך איינע אדער 2 סימני טהרה? אונ ווען עס וואלט באמת געוועזען, א! וואלטין שוין דיא שונאי התורה לאנג פארקלונגען דיא וועלט, אז זייא האבין איין פראטעסט אויף תורת משה. — אונ פיליכט וועט זיך איינער אבעל תאוה ערלויבין צו עסין אזאך וואס איז ניט מבואר בתורת הכתב דער איסור, אונ זיין טרייפע האלדז וועט איהם פארבלענדין ווי באלד די טריפות איז ניט מבואר דייטליך אין תורת משה נור בדברי חז"ל, וועט ער וועלין זיין גאר אפיינער מענש, אונ זאגין אז אין תורת משה גלויבט ער, אז זיא איז מן השמים, אבער אין תורה שבעל פה גלויבט ער ניט, וויא דאס רוב בעלי תאוות זאגין אזוי פיר אכסות עינים**). האט בייא דעם פאקט דיא תורה שבע"פ אויך

געוויזען

*) עי' התורה והמצוה שביאר שינוי הלשון, מה שבגמל אומר ופרסה „איננו מפריס" ובשפן אומר ופרסה „לא יפריס" (בלשון עתיד) ובארנבת אומר ופרסה „לא הפריסה", שהשינוי הוא לפי שינוי טבעם.

**) דאס איז אשקר מעיקרו, ווייל דאס רוב וואס וואשין זיך ניט צום עסין אונ מאכען ניט קיין ברכה, ווייל זייא זאגען אז דאס שטייט ניט דייטליך אין תורת משה, בענצין זייא אויך ניט אונ שטעלין זיך ניט פיר איין אלטען מאן, ווען אויך דאס שטייט דייטליך בתורת משה, אונ דער וואס בענצט, דער וואשט זיך אונ מאכט אברכה אויך.

גֶעווִיזֶען אִיהר צֵייכֶען אַז זִיא אִיז מִן הַשָּׁמַיִם, פִּילַייכְט וֶועט זִיא אָב וֶוענְדִין דֶעם אִידִין פוּן דִיא פִינְסְטֶערֶע תַּאֲוָה, (אשר אין הסתה אלא באכילה ושתי׳, וסלא כריסא זני בישא, אונ דורך מאכלות אסורות ווערט דיא אידישע הערץ פערשטאפט אז עס קען נאכהער נים אריין שיינען אפונק ליכטיגקייט) זָאגִין דִיא חַכְמֵי הַתַּלְמוּד אִין מס׳ חולין אַכְּלָל, יֶעדֶער בְּהֵמָה וְחַיָּה ווָאס הָאט אויבִּין נִיט קַיין צֵיינֶער אִיז בֶּעשְׁטִימְט אַז זִיא אִיז מַעֲלֶה גֵרָה אונ מַפְרִים פַּרְסָה. אונ זִינְט דִיא חַכְמֵי הַתַּלְמוּד הָאבִּין דָאס גֶעשְׁרִיבֶּען הֶעכֶער 1500 יָאהר אִיז נָאךְ קַיין פְּרָאטֶעסְט נִיט גֶעוֶוען, אַז אֵיינֶער זָאל גִיפִינֶען אַמִין ווָאס הָאט אויבִּין נִיט קַיין צֵיין אונ אִיז נִיט מַעֲלֶה גֵרָה אָדֶער נִיט מַפְרִים פַּרְסָה. אויךְ זָאגְט רב חסדא וֶוען אַשַׁיְירָה גִיפִינֶען אִין אַמִדְבָּר אַבְּהֵמָה (א אונבעקאנטין מין) ווָאס אִיהרֶע לִיפֶּען מִיט אִיהרֶע קְלוֹיעֶן זַיינֶען אָב גֶעשְׁנִיטִין, קֶענֶען זֵיי דָאךְ נִיט ווִיסִין, אויבּ זִיא הָאט סִימָּנֵי טַהֲרָה אויבּ נִיט, זָאלִין זֵייא אִיהר קוֹילִין (אָן אַבְּרָכָה) אונ נָאכְהֶער בּוֹדֵק זַיין בְּכַנְפֵי הָעוֹקֶץ, אויבּ דִיא פְלֵייש שֵׁיילְט זִיךְ שתי וערב אִיז זִיא אַטְהוֹרָה*) אויבּ נִיט אִיז זִיא אַטְמֵאָה, נוּר עֶר זָאל ווִיסִין ווָאס אַיין עָרוֹד (חמור הבר) אִיז, ווַייל דֶער עָרוֹד אִיז אַטָמֵא אונ זַיין פְלֵייש תַּחַת כַּנְפֵי הָעוֹקֶץ שֵׁיילְט זִיךְ שתי וערב, ווִיא בַּאלְד עֶר וֵוייס ווָאס אַיין עָרוֹד אִיז, אונ דָאס זֶעט עֶר אִיז נִיט קַיין עָרוֹד אִיז עֶר אַטָהוֹר. פְרֶעגְט דִיא גְמָרָא, אַזוֹיא ווִיא עֶס גִיבְּט אַיין עָרוֹד מִיט דִיזֶע טֶבַע, פִילַייכְט אִיז דָא נָאךְ אַזָארְט טָמֵא ווָאס אִיז אויךְ מִיט דִיא טֶבַע? (אַז זַיין פְלֵייש תַּחַת כַּנְפֵי הָעוֹקֶץ שֵׁיילְט זִיךְ שתי וערב) עֶנְטְפֶערְט אביי פוּן רב חסדא׳ס וֶועגִין, מִיר הָאבֶּען בְּקַבָּלָה (פון משה רבנו) אַז לְבַד אַיין עָרוֹד אִיז גִיטָא אִין דִיא גַאנְצֶע וֶועלְט נָאךְ אַטָמֵא זָאל הָאבִּין דִיא נַאטוּר. — אונ זִינְט דִיא חַכְמֵי הַתַּלְמוּד הָאבֶּען דָאס גֶעשְׁרִיבֶּען, אִיז נָאךְ קַיין פְּרָאטֶעסְט אויף דֶעם נִיט גֶעוֶוען. נוּא וֶוער פוּן דִיא אַלֶע חַכְמֵי הַטֶבַע זִינְט דִיא וֶועלְט שְׁטֵייט אונ זָאלַאנְג זִיא וֶועט שְׁטֵיין קֶען דָאס מִיט אַזַא שְׁטָאלְץ זָאגִין? זֶעהֶען מִיר דָאךְ בְּחוּשׁ, אַז בֵּיידֶע תורות זַיינֶען מִן הַשָּׁמַיִם. דַארוּם שְׁרַייבְּט דִיא תּוֹרָה, בַּייא דִיא פִיר מִינִים גמל ארנבת שפן וחזיר דֶעם ווָארְט „הוּא״ נוּר עֶר הָאט אַיין סִימָן טַהֲרָה ווַייטֶער קַיין מִין נִיט, ווַייל „שליט בעולמו יודע״ דֶער ווִירְטְה פוּן דֶער וֶועלְט וֵוייס, אַז עֶר הָאט בֶּעשַׁאפֶען מִיט אַיין סִימָן טַהֲרָה (מַפְרֶסֶת פַּרְסָה), מֶער נִיט ווִיא דֶעם חֲזִיר, דְרוּם שְׁרַייבְּט עֶר „הוּא״ עֶר אֵיינֶער אונ מֶעהר קֵיינֶער**).

זעט

*) וויסען פּאָדראָבנע, קען יעדערער מפי חכם אונ פראַקטיש אין יאַטקע.

**) עי׳ בספר הנחמד גן נעול חדר ז׳ ותמצא כמה ראיות שכליות על תורה מן השמים.

זעהט איהר מיינע טייערע, וויא ווייט דיא תורה זוכט דעם גליק פון מענשין, אז לבד וואס מיט איהרע היילינע מצות היט זיא אויס דעם מענשין פון אלע אונגליקען, וויא דיא חכמי הטבע זיינען מודה אז אונטער אידין שומרי תורה איז ווייניגער מחלות אין קצור ימים געגען אנדערע פעלקער, האט זיא נאך געזעהן אז ביי דיא טהיר וועלכע איז אפען צו דיא געפעהרליכע וועג פון אלעם בייזין, דאס הייסט, דיא געפעהרליכע ליידענשאפטען, צו אכילה ושתיה, וועלכע בריינגט אראפ דעם מענשען פון זיין קאפיטאל אונ פון זיין געזונד אונ לעבען פון דיא וועלט*) אונ פון דעם עוויגען הימלישען לעבען. אוועק צו שטעלען אקאראול מיט וואפען, ד. ה. זיא האט איהם גענוג מזהיר געוועזען, זיי וויסין דו מענש! האלט זיך אב פון דיין תאוה, דיא אזהרה איז פון דיא געטליכע תורה, וואס דיין בעשעפער, וועלכער ווייס דיין גאנצין ארגאניזם האט דאס דיר פער־זאגט, אום דיך אב צו היטין קערפערליך פון פיל אונגליקען, אונ בעגליקען דיין נשמה אויף חיים הנצחיים**).

יעצט מיינע טייערע, אזויא וויא איך האב אייך געוויזען פאקטיש אין דעם זעלבען ארט וואו דיא תורה שבכתב ווייזט איהר צייכען אז זיא איז איין הימעל'ס-וועזען, בעגלייטעט איר, איהר שוועסטער, (דיא תורה שבע"פ) אויך מיט איין בעווייז, אז זיא (דיא תורה שבע"פ) איז אויך איין הימל'ס-וועזען,

---

*) אגרויסער גביר, וועלכער האט נור געהאט א בן יחיד אונד האט איהם געלאזען א ירושה אגרויסע אימעניע מיט אטייערען פירסטליכען פאלאץ, האט ער געזאגט צו זיין זאהן פאר זיין טויט: זעה מיין קינד! איך לאז דיר איבער אזא רייכע אימעניע, מיט אזא גרויסען הערליכען דווארעץ, זיי פארזיכטיג ביין טיש. דוא זאלסט זיך ח"ו דאמיט ניט דערשטיקקען. — „וואס רעדסטו פאטער"! פרעגט איהם דער זון, וועלכער האט געמיינט אז דער אלטער, פאר דעם טויט איז ניט ביין זינען: — „איך ווייס מיין קינד וואס איך רייד" — אנטווארטעט איהם דער פאטער — איך האב בעקאנטשאפט גענוג געהאט אין מיין לעבין מיט גראפען אונ פירסטען, האב איך געהאט דיא פראקטיקע צו זעהען, וויפיל פון זייא האבען אראפ געשלונגען גרויסע פאלאצען מיט ברייטע גרויסע וועלדער אונ זיינען דער־שטיקקט געווארען, אונ אוועק פון דער וועלט מיט אשבארצליכען אונ אשאנדליכען טויט. דאן האט שוין דער זונן גוט פערשטאנען וואס דער פאטער מיינט, פיעל גראפען האבען זייע'ע רייכע אימעניעס אויסגעבראכט אין בעלער אונ הולטייסטווא, אונ האבען זיך נאכהער געשאסען אדער געהאנגען.

**) תמצית דברנו בענין תורה מן השמים, אשר בזרות אור פני ה' על תאדם אז עין בעין יראה בפניני אמריה כי בת שמים היא, ובהעריב אור שמשו ולא יזכה להציץ במשכיות דבריה גם אז הציב לו הבורא אות כי מן השמים היא, לשכך בזה תלונתו. ואולי נוכל לשבץ (ע"ד צחות) בלשון הכתוב (כמות ט"ז) שמעתי את תלונות בני ישראל (לבם אשר יסיתם בספק אם התורה היא בת שמים) דבר אליהם לאמור (הסבר להם) בין הערבים (כשעריב אור כמסכס) תאכלו בשר וכאשר תבדקו בסימני בהמה והיה תראו אור כי שלים בעולמו יודע כו', אמנם בבוקר כזרות עליכם אור פני ה' אז לא תצטרכו לשום אות ומופת כי תשבעו לחם ותסעדו לבכם מלחמה של תורה ואז וידעתם (בידיעה ברורה) כי אני ה' אלהיכם, המצוה אתכם חוקותי ותורותי על ידי משה עבדי.

אזויא וועל איך אייך ווייזען אז ביא זייער ארויסגיגעבין ווערין, גלייכען זיי זיך אויך אוים מיט זייער היסטאריע, דיא תורה שבע"פ האט אויך אזא גלייכע היסטאריע ריכטיג וויא דיא תורה שבכתב, אום אז איהר זאלט ריכטיג וויסין אז יעדער איינציגע איז נור איין האלבע זאך אונ ביידע צו זאמען זיינען ערסט אגאנצע זאך.

בעת עס האט געגרייכט נאהענט צו דיא צייט, וואס השי"ת האט באשטימט צו געבען דיא תורה אויף דער וועלט אונ מאכען אידין פיר איין פאלק, אונ וויא יעדער פארשטייט אז עס פאדערט זיך צו דעם אזא זארט מענש, וואס זאל בעזיצין ביידע מעלות פון „איש-יהודי" היינו „איש" אמאן וואס איז ראוי צו פירין אקעניגליכען שטאט, ער זאל קענען האנדלען מיט פרעה מלך מצרים, וועגען דיא פרייהייט פון אידין, אונ נאכהער זאל ער קענען פיהרין אפאלק אין אלאנד, אונ אויך פאדערט איין פאלקאמער „יהודי" וואס זאל ניט מיינען כבוד אונ גדולה נור מיט לייב אונ לעבין זיך איבער געבין צוא אידין, אין זייער הנהגה חומרית אונ בהנהגה מוסרית ללמדם חוק ומשפט, אונ זיך מוסר נפש זיין פיר דער תורה (כמ"ש בספרי האזינו, נפשי נתתי עליה דמי נתתי עליה) אזא מענש וויא דא האט זיך געפאדערט, גיבט זייער זעלטין, אונ עס וועט טאקע ניט זיין אזא מענש וויא משה רבינו ע"ה. אז השי"ת האט גיזעהן אז דא פאדערט זיך אזא זארט מענש, האט ער שוין מכין גיוועזן מיט 80 יאהר צוריק פאר מתן תורה. עס האט זיך דאן בעצויגין אפינסטערער וואלקען אויף דעם יודישען הימיל, אונ עס איז געווארען אטרויעריגע גזרה „כל הבן הילוד היאורה תשליכוהו". ווער קען זיך פארשטעלין דעם יאמער אונ קלאג וואס אין יודישע הייזער איז געוועזן, בעת דיא עגיפטישע פאליציי איז בעפאלען אויף אידישע הייזער אונ גענומען דיא יונגע פיצעלאך קינדער אונ געווארפען אין ניל, פיר דיא קראקאדעלין, פון דעם פינסטערין וואלקען איז געגאנגען אגעשם נדבות, אטייערער רעגין וואס האט בעלעבט דיא פערטריקינטע וועלט, אונ דאט איהר אנגעטרונקען לעבין אונ גליק אויף עוויג.

פרעה האט געזאגט, אידעשען האפענונג, אידעשען שיין וועל איך פארלעשין אין דיא וואסער פון ניל, אונ השי"ת האט געזאגט, אז פון דיזע וואסער וועל איך געבין לעבין פיר דיא גאנצע וועלט, היינט לאמיר זעהן וועמעס רייד איז ערפילט געווארען? ביטטע מיינע טייערע צו לייגין דעם אויער אונ הערין איין רירענדע סצענע.

מיין ליבעם קינד! מיין שפיל פייגעלע! וועה איז מיר! וואוהין זאל

איך

איך דיר בעהאלטין! אה! באלד קומען די עגיפטישע מערדער אוועק רויבען דיר פון מיין שוים, שלײדערין דיך אין ניל, א! מיין לעבען מיין זעלע — אזויא רעט געבעק יוכבד (די מוטער פון משה רבינו) זייגענדיג איהר ליב קינד דעם לעצטין מאל. און טרערין וויא פעריל גיסין זיך פון איהרע אויגען אויף די ליכטיגע בעקעלאך פון דעם קינד.

וואס זאגסטו מיין ליבער עמרם איך רעכין איהם איין צו וויקלען און אוועק טראגין אין דער מדבר, פיליכט וועט איין טהירע זיך ערבארעמען און איהם אויס זייגען מיט איהרע מילך, פון אזעלכע מערדער וויא די עגיפטישע פאליציי, זיינען די חיות פיל בעסער, (פגוש באיש ארי טורף ביער, זאל רשע עריץ שופט בשער).

ניין מיין טייערע יוכבד׳ל! — ענטפערט עמרם אויס ווישענדיג די אויגען פון זיינע טרערין — דוא ווילסט ענטלויפין פון איין אונגליק צוא א גרעסערין, אין דער מדבר וועלין מיר דאך גאר ניט וויסען וואו זיינע ביינדעלאך וועט אהין קומען.

הער, מיין טייערע, וואס איך וועל דיר ראטהען — זאגט ער ווייטער — מיין פאטער האט מיר איבער גיגעבין די וועלט היסטאריע, בעת השי״ת האט פערגאסין דעם גאנצען ערד-קוגעל מיט דעם מבול, פערטיליגען אלע זינדיגע, האט ער געבאטען נח׳ן מאכין א קאסטין, ער זאל שווימען אויף דעם וואסער. ביי יעצטיגין מבול פון גזרות רעות, וואס פלייצט אויף יודין גייא דוא ליבעס קינד אויך אריין אין א קעסטעלע, און אזויא וויא זיי האבען גערעטעט א וועלט, וועסטו פיליכט אויך רעטען דיין פאלק.

פלינק וויא א פייל פון בויגען, האט יוכבד גענומען א קעסטעלע פון קארקען-האלץ און אויס גיקלעפט אינעווייניג מיט לוים און פון דרויסען מיט פעך, און האט אנגיקוקט איהר ליבעס קינד, און מיט קרעפטין האט זיא איהם אב גיריסין פון איהר ברוסט און אריין געלייגט מיט ציטערענדע הענד אין קעסטעלע, און אוועק געטראגען מיט א ביטערע הערץ צום ניל און אריין געשטויסין איהם צווישען די ראהר-שטעקלאך ביין ברעג טייך.

אה! וויא שלעכט איז מיר, צו שיידין זיך מיט דיר, מיין נשמה! מיין לעבין! מיין זיסינקע קינד! אה! גאט ווייס אויב איך וועל שוין זוכה זיין דיך מעהר צו זעהן און צו דריקען דיך צו מיין ברוסט, אזוי רעט יוכבד צוא זיך און גייט האסטיג צוריק צוא הויז.

איהרע פיס זיינען אבער אנמאכט געבליבען און קענען ניט גיין. זיא קערט אום איר גיזיכט צום טייך און זאגט. דיזער טייך האט אום

געבראכט פיל אונשולדיגע פייגעלאך, וואס אונזערע פיינדע האבין אין איהם געווארפען מיט דעם בעפעל פון דעם טיראן. דער ליבער גאט האט געצארינט אויף יודין, אלזא, מיין ליבעס קינד, טראג אויך גאטעס צארין, נור זיי וויסין אז קיין פרעמדע האנד האט דיר ניט אנגערירט נור דיין מוטער האט דיך היר געבראכט, מיין האפענונג פערליר איך ניט, גאטעס גינאדע איז גרויס. אויב מיין האנט איז קורץ דיר צוא רעטען, איז גאטעס האנט ניט קורץ. איך געדיינק וואס מיין זיידע יעקב האט מיר ערציילט, בעת נמרוד האט גוזר געוועזן צו ווארפען אונזער זיידין אברהם אין קאלך אויבין, צו פארברענען איהם, אם ענדע האט גאטעס גענאדע איהם געשיצט, אז קיין פלאהם האט איהם פערצערט, נור ער איז גיווארין אפלאהם צו פארצערען דיא הייזער פון דיא רשעים, דאס גלייכען, מיין ליבעס קינד, הגם איך האב דיך אריין גילייגט אין טייך דורך פרעה'ס גזירה, וועט דיך דער ניל ניט פארשלינגען, נור איך האף אז דוא וועסט זיין אפלייצענדער טייך צו פארשלינגען אונזערע בעליידיגער, אונ דיזע האפענונג האט איהר געמוטהיגט אונ איז אוועק רוהיג צוא הויז.

א! מיין ליבינקער ברודעריל! לויכטיגע געשטאלט, דיין ליכטיגקייט פערשעמט דיא זאננע, דיין שיינהייט דיא לבנה. — זא רעט דיא שיינע שוועסטעריל זיינע, קוקענדיג וויא דיא מוטער האט איהם אין טייך גילייגט.— צו דען האט דער הער פון דער וועלט אזא שיינע בעשעפענעס אומזאנסט בעשאפין? כל זמן דיינע אויגעלאך זיינען אפען וועל איך דיר ניט גלייבין צו אפערלארענע שעפעלע. מיין האפענונג פערליר איך ניט, ווער קען פער־שטיין גאטעס טהאטין? היער אויף מיין ארט מוז איך פערבלייבען שטיין זעהן וואס מיט דיר וועט פאסירין, פיליכט וועט אווינד דיך פערטראגען, אונ פערבארגען ביז דער צארין וועט איבער גיין. אדער אבייזענדער וועט פערביי גיין אונ זיך איבער דיך ערבארמען, אונ צו הויז טראגין אונ וויא אפאטער דיך ערציהען.

גאטעס ראטה איז ערהאבענער פון דעם מענשענס גידאנקען, גאט האט אבער בעשטימט אנדערס, ניט קיין ווינד זאל איהם פערטראגין, ניט ביי איין איינפאכען מענשין זאל זיך האדעווען דיזעס קינד, נור איין קעניגליכען פאלאץ האט ער פיר איהם צוא גיגרייט, שרים וועלין איהם ערציהען (והיו כו' ושרותיהם מניקותיך).

וואס זאגסטו ליבער ברודער צוא היינטיגען שטורם, וואס האט אראפ געטראגען דעכער, אונ האט צושפרייט מייגע שטרויא, וועלכע איך ברויך

צו

צו מיינע ציגעל מאכען, וואס זאל איך יעצט טאן? זאגט איין ארבעטער צוא זיין שוטר מיט אביטערע הארץ.

מען זאגט, אז עס האט אראפ גיטראגין די קייזערליכע קומפיילנעס, איז אביסיל מעהר שאדין וויא דיינע שטרויא — זאגט אצווייטער ארבעטער —.

מיר דארפין גלויבין — ענטפערט דער שוטר — אז אלעס וואס דער הער פון דער וועלט טהוט, איז צוא גרויסע נוטצין, אונ דער „רוח סערה" איז אויך „עושה דברו" דער שטורעם-ווינד איז גאטעס אשליח, אויף צוא טאהן וואס וויכטיג איז, ווען אויך מיר פארשטייען עס ניט.

דער אדעלער שוטר האט דאס גיזאגט מיט תמימות אונ ריינע אמונה אז אלעס וואס דער עוויגער טהוט איז צוא גרויסע נוטצין, אונ איהר, מיינע טייערע, וועט באלד זעהען, וועלכע נוטציו דער שטורעם האט גיבראכט.

„ותרד בת פרעה" די פרינצעסין האט דיזען מאהל זיך געמוזט ערנידעריגען אונ גיין זיך באדען אויף דעם פרייען טייך, צווישען די סוף (ראהר-שטעקלאך, ווייל עס איז היינט ניטא קיין קומפאלניע).

אה! שלעכט איז מיר, איך בלייב אין אונמאכט. מיין ליבער ברודעריל איז פערלארין! זא רעדט מרים צוא זיך זעהענדיג די פרינצעסין פון ווייטען — דא גייט די טאכטער פון מערדער, וועלכער האט די פינסטערע גזרה אויף אונז גיבראכט, אונ וויא ווייט פאלט דער עפעל פון בוים? אה! גוטער גאט ערבארעם זיך, וויא דוא האסט זיך ערבארעמט אויף אונזער זיידין יעקב בעת עשו איז ארויס מיט 400 מאן איהם אנטקעגין מיטין שווערד, אונ אט אט האט ער איהם שוין גיפאכט אויף אונזער זיידינס האלז. נור פלוצלונג האסטו אדריק גיטאן די שפראנזינע פון רחמים, איז אויפגעפלאמט גיווארין זיינע ברידערליכע רחמנות אויף יעקב'ן, אונ אנשטאט לייגען זיין שווערד אויף זיין האלז, האט איהם די רחמנות גיצוואונגען צו פאלין אויף זיין האלז אונ איהם קוסין, אזויא זאלסטו, גוטער גאט, בייא די פרינצעסין אדריק טאהן די שפראנזינע פון רחמנות, אז זיא זאל לאזין לעבין מיין זיסינקען ברודעריל.

לויף גישווינד אין די סוף, אונ נעם די קיסטע וואס היער שווימט! — זא שפריכט די פרינצעסין צוא איהר דינערין.

אה! וואס זעהען מיינע אויגען? — זאגט די פרינצעסין, עפענענדיג די קעסטעלע אונ זעהענדיג וויא דער יונג וויינט, עפעס וויא זיינע קלוגע אויגעלאך ריידין צוא איהר מיט גיוויין: רעטטע מיך גוטע מוטער, פון מיין אונגליקליכע לאגע! — אה, דוא ארעמע יודישע קינד! דוא בינסט דאך שיין וויא אקעניגליכע

(מעשה אלפס) בלום

בלום. זיסינקע קינד ווער בינסטו? גליקליך איז דיין מוטער וואס האט גיבוירן אזא ליכטיגע קינד, וויא איך האב דיך פלוצלונג ליב גיקראגין שטערבליך. וואס זאל איך דיר טאהן, מיט וואס זאל איך דיר איין שטילען פון גי- וויין? קיין ברוסט צום זייגען האב איך ניט, רופין היער איינע עגיפטעשע אממע, פירכטע איך מיר, פילייכט וועט מען צווישען געבין אין הייך וועט מען דיך טייטען, און פון שמערץ וועל איך שטארבין מיט דיר צו גלייך.

אה! גוטער גאט — זאגט מרים, הערענדיג אידרע ווערטער — וויא גרויס איז דיין גינאדע, דער שטורעם האט ניט פארטראגען מיין ברידעריל אין וואלד, נור ער האט גיבראכט זיין רעטערין צוא איהם, און איז גישווינד צוא גיגאנגען צוא דיא פרינצעסין און זיך גיבוקט. — קייזערליכע הויכקייט! יודישע אממען בעקומט מען אויף יעדער שריט, וועלכע מען האט גירויבט זייערע זייגענדיגע קינדערלאך צוא ווארפין אין טייך, אויב זייא ערלויבין מיר, וועל איך אשפרונג טאן און ברייגען היער איינע יודישע אממע, און קיינער וועט ניט בעמערקען.

גוט מיין טאכטער, לויף גישווינד, און ברייגג איין יודישע אממע. אב-געצין זייגע פערטריקענטע ליפעלאך — שא שא מיין ליבעס קינד, שא מיין לעבין, אה, פינסטער איז מיר, וויא זייגע ליפעלאך זייגען געבעך פערטריקענט, שא מיין ליבעס קינד, באלד וועט מען דיר ברייגגען שפייז און באשיט זיין מונד מיט אידרע הייסע קושין.

מיט פרייד און געזאנג איז מרים געלאפען צו הויז, רופען דיא מוטער, און טויזענדער דאנקען האט זיא מיט פריידע-טרערען אויס געדריקט צום עווינען, וואס ער האט איהר אויס ערוויילט דיא היילינע שליחות צו ער- פילען און אנזאגען דיא גוטע בשורה דיא מוטער, אז דער קינד לעבט, און איהר ערציילין גאטעס וואונדער, וועלכע רעטערין ער האט צוא געשיקט פיר איהם.

מאמינקע, אונזער ליכט איז ניט פערלאשין! — האט מרים אויסגע- רעט אהן איין אטהעם, — מאמינקע קום וואס גיכער אנזייגען דאס קינד, אזויא און אזויא האט מיט איהם פאסירט.

אלויב צו דיר גוטער גאט! — האט יוכבד אויס געשריען און אשטראם פריידע-טרערען האט ארויס געפליקט פון אידרע אויגען — אזויא ווייט האב איך זיך גאר ניט פארגעשטעלט, וויא טיף איז דיין ראטה אונזער בעשעפער, גאר ניט צו ערקלערין. מיין ליבעס קינד! וויא אמוטער האב איך דיך געבראכט צום טויער פון טויט, און יעצט וויא אפרעמדע וועל

איך

איך דיך אב רעטען פון איהם. וויא אמוטער האב איך פון דיר מיין ברוסט אוועק גערויבט, אונ וויא אפרעמדע וועל איך דיך יעצט צוריק געבען זייגין. — וואס זעהען מיינע אויגען פון ווייטען!? מיין שיינע קינד אין דיא ארימס פון דיא קעניגליכע טאכטער, זיין העלזעלע גלעט זיא, זיין מיילעלע קוסט זיא, אונ ווערט גאר ניט זאט קוקענדיג אויף איהם.

גיבענשטע פרוי, מיט פריד איז דיין קומען היער! — שפריכט דיא פרינצעסין מיט טרערין אויף איהרע באקען צו יוכבד — נא דיר דעם ליבין קינד, זייג איהם אין מיין נאמען (וועט דיר קיינער ניט שטייען צו בערירען) אונ דיין לויין, פיל דוא ווערסט פערלאנגען, וועל איך דיר געבין. זאלסט איהם האלטין טייער וויא דיין אייגענע קינד, ביז ער וועט זיך אונטער האדעוועין, אז ער וועט שוין זיין אמענשעלע, נאכהער זאלסטו איהם אב ברייגען צוא מיר, וועט ער בייא מיר זיין וויא מיין קינד.

עס איז צו בעוואונדערין דעם פעסטען כאראקטער פון אונזער מוטער יוכבד, זיך איין צו האלטין פון וויינען ביי אזא מאמענט. זיא האט איהר הערצענס פרייד פון דיא פרינצעסינס ארעמס צו גענומען מיט דיזע ווערטער: קייזערליכע הויכקייט, זייגען זייא רוהיג, איך וועל איהם האלטען וויא מיין אייגען קינד, אונ צוא דער צייט וועל איך איהם צוריק אייך אב ברייגגען, מיט דעם עוויגענס הילפע. — זיא האט איהם אנגעזויגין אונ ער האט איינגעשלאפען ביי איהר ברוסט. דיא פרינצעסין איז רוהיג אונ פריילין גע־ווארען, אונ דיא אם מיט איהר טאכטער האבען זיך געבוקט אונ גיגאנגען צו הויז, אונ מיט פרייד געטראגין זייער אמתע כשרה מציאה, דיא וועלט זאגט זייער ריכטיג: „ווען פרייט זיך דער ארימער איד? אז ער געפינט וואס ער האט פערלארען".

וואס זאגט איהר, מיינע טייערע, אויף דעם שטרייט פון דעם עוויגין מיט פרעה מלך מצרים? פרעה זוכט צו דער טרינקען דעם יודישן ערלייזער אין טייך, אונ דער עוויגער זאגט: ניט אזויא, דער טרינקען וועסטו איהם ניט, דוא וועסט נאך צאלין גוטע אמם-געלט! אונ ווערמען? טאקע זיין מוטער אליין, אה! וויא גרויס זייגען דיינע וואונדער, גאט!

געשווינד מיין קינד, לויף זאג דעם פאטער זאגט יוכבד צו מרים — ער גיסט געבעך א גאנצין טאג דיין הארץ מיט גיבעט צוא גאט, וויא וואסער, אונ מיין יעצטיגען גאנג צום גיל, האב איך פון איהם פערבארגען, ביז וואנען איך וועל אליין וויסין וויא דיא זאך וועט פאסירען, אונ ער זיצט

נעבעך

געבעך ערשראקען אין גרויסע שמערצין. אלזא מיין קינד וואס גיבער לויף
אונ ערקוויק זיין פערביטערטע הארץ.

וואוהין איז דיא מוטער גיגאנגען? — פרעגט עמרם מרים'ן — פון גרויס
פרייד האט זיא ניט גיקענט ענטפערין, נור דיא איינציגע ווערטער: — „גיב
אבליק פאטער דורכין פענסטער". —

מיין ליבטיגע קינד לעבט! ער לעבט! אבער וויא לאנג וועל איך
איהם זעהען לעבענדיג ווארום, מיין טייערע, האסטו איהם גיבראכט צוריק
פון טייך, ער זאל פאלין אין דיא מערדערליכע הענד פון דיא עגיפטישע
פאליציי, אה מיין טייערע, ווארום האסטו זיך ניט פארטרויט אויף גא-
טעס גינאדע, אונ לאזין איהם אין טייך?

שרעק זיך ניט מיין טייערער עמרם. — ענטפערט יוכבד — דאס קינד
וועט שוין ניט פאלין אין דיא מערדערשע הענד, הארך גאטעס וואונדער,
וועגין דיא רעטונג פון זיין פאלק ישראל, טוט ער איבער נאטירליכעס,
ער האט ארויס גיצויגין אטייבעלע פון דיא לייב פון קראקאדעל, זיא זאל
נאכהער איהם אויס פיקען דיא בייזע אויגין (דאס איז דיא פרינצעסין וואס האדעוועט
פיר איהר פאטער, אצרה אין זיין הויז), ווער איז נאך וויא אונזער גאט? וואס ער
קען ארויס בריינגען פון גיפט, זיסע פאטיקע. פון טמא — טהור, דיא
פיילין פון אונזערע בעליידיגער, זאלין לעבערין זייערע אייגענע הארץ*)
זאל איהר גאט בעלוינען, דיא טייערע בעשעפענעס פיר איהר גוטין טהאט.
דיא שפיצין פון דיא דערנער זאלין ניט צושטעכין דיא טייערע בלום (ד.
ת. דיא זינד פון איהרע עלטערין, זאלין אויף איהר ניט דערמאנט ווערין).

דוא האסט מיך אנשמה אריין גיזעצט, מיין ליבע פרויא, דוא מוטער
פון ישראל, בינסט גיגליכען צום מארגענשטערין, אז פון דיר איז ארויס
אזוהן וואס מיר האפין, אז ער וועט דיא ישראל ארויס פיהרין פון פינס-
טערנעס אין דער ליכטיגקייט. אונ דוא מיין טאכטער וויא גאטעס ענגעל
האסטו גיוואורט ביין וואסער, וועסטו נאך אמאהל פיר גאט בייא וואסער
שירה זאגען (ותען להם מרים שירו לה' כו'). דער עוויגער זאל דיר העלפין, מיין
ליבע פרויא, איהם אויס צוא האדעווען אונ איין לערנען איהם דעם פירונג
פון אונזערע עלטערין אברהם יצחק ויעקב, אונ נאכהער אב בריינגען אים
אין קעניגליכען פאלאץ. דארטין זאל ער לערנען חכמת מצרים וחכמת
חכמי קדם, דיא שווינדיל פון דיא חרטומים, קייזערליכען שטאט, דיא
פאליטיקע פון דיא פיהרער פון איין אימפעריע. אונד אויך ווען ער וועט
זיין אין דווארעץ, וועט דאך איהם געווים דיא בארימהערציגע פרינצעסין

*) חרבם תבא בלבם.

ערלויבען

ערלויבען אונז אָפט צוא בעזוכען, וועלין מיר איהם דאַנן לערנען חכמה ומדות ישרות, אונ איהם קלאָר מאַכין די גישיכטע פון בריאת עולם, אונ דיא געשיכטע אונ_קבלה (פרעדאניע) פון דיא אָבות, דאָס וועט איהם עפענען דיא אויגין אונ פאַרהיטין, עס זאָל זיך ניט אָן קלעפּין אָן איהם, דיא פעלערין פון זייערע למודים אונ זייערע פיהרונגען, ער זאָל נור אַריין נעמען אין זיך דיא גוטע יאַדרעס, אונ דיא שאָלאַכץ אַרויס וואַרפין, דאַן וועט ער מיט דעם בורא׳ס הילפע, זיין אַפאָלקאָמער „איש"-„יהודי", אַ ערינסטער „יוד" אונ אַמאָנאַרכישער „מאַן".

דאָס קינד איז אונטער-גיהאָדעוועט גיוואָרין, אונ אַיין גילערינט אַיידילקייט אונ דאַנקבאַרקייט (צוא יעדערין וואָס האָט איהם עטוואָס גוטעס גיטאָהן) פיל זיין פאַרשטאַנד האָט צוא גינומען, האָט איהם יוכבד אויס גיפוצט אין אַרובאַשקעלע פון גוטע עגיפּעטסקע ליינען, אונ אָב גיבראַכט צוא דיא פּרינצעסין אין קעניגליכען פּאַלאַץ. דער קינד האָט זיך גיבוקט צוא דיא פּרינצעסין, אונ אַקוס גיטאָן אין האַנט, אונ גידאַנקט פיר אירע גוטעס.

מיין שיינער זאָהן! קום היר, — זאָגט צוא איהם דיא פּרינצעסין, וואָס זיא האָט זיך מיט איהם גיפרייט וויא מיט אַריכטיגען זאָהן — וויא דיין נאָמען איז, אונ ווער דיינע אונגליקליכע עלטערין זיינען, וויים איך ניט, אויף זייער שטעלע בין איך, ווייל איך האָב דיך גירעטעט פון טויט, דיין נאָמען זאָל זיין „משה" ווייל פון וואַסער האָב איך דיך אויס געצויגין (אויף עגיפּטעס איז „מוי" וואסער, אונ „שה", איז אויס ציהען, רעטען), מיר וועט ער (דער נאמע, „משה") ערינערין אַז מען דאַרף טאָהן גוטעס. אונ דיר וועט ער בעמערקען אַז מען דאַרף זיין דאַנקבאַר.

צוא דיזען נאָמען „משה" וואָס בת פרעה האָט איהם גירופען, האָט דער עוויגער אויך אַיין גישטימט, וויא מיר זעהען אַז פון דיא אַלע נעמען וואָס פאָטער אונ מוטער אונ פאַמיליע האָבין איהם גיגעבין צוא זיין ברית מילה (וויא מיר דערמאָנען שמחת תורה, טובי׳ כו׳), דערמאָנט דיא תורה נור דעם נאָמען „משה", ווייל צוא דיזע היסטאָריע, וועלכע דער נאָמען „משה" בעמערקט זעהען צוא רעטען דעם אונגליקליכען ווען אפילו דאַדורך וועל איך אַריין אין אַ גיפאַהר*), אונ ליבען יענעם וויא זיך, צוא אַזאַ טייערין טהאַט איז

ער

*) וויא „בת פרעה" האָט זיך אין גיפאַהר גישטעלט, ווען פרעה זאָל דאָס קריגען צוא וויסען, אַז זיא איז גיגאַנגען פראָטיוו זיין בעפעהל, וואָלט זיא אין גרעסטין גיפאַהר אַריין, עס וואָלט איהר ניט גיהאָלפין וואָס זיא איז אַטאָכטער. וויא פראַנץ יאָזעף (עסטרייכער קעניג) האָט גיזאָגט: „דער שטאַט האָט קיינע שוועסטער אונ קיינע טאָכטער":

ער ריכטיג בעשאפין גיווארין, דורך איהם זאל מען געבין א געטליכע תורה צוא אידין, וואס נור זיא איז אים-שטאנד צוא בילדען דעם כאראק-טער פון מענשין אזויא ווייט. נור זיא איז אים-שטאנד מיט איהר געטליכען פייער אוים-צוא-ברענען דיא גיפט אונ דיא זוועראסטווא פון מענשענס-הערץ, אז בעת דער גיפט פון כעס, גאוה, תאוה, קנאה, שנאה, קומט איהם אויף, זאל ער ניט זיין וויא אזוועער (וברוגז רחם יזכור).

איך ווייס אפילו, מיינע טייערע, אז היינט איז א פאבריקאציע וועלט, א וועלט פון וואונדערליכע מאשינען, וואס אמאהל האט א מענש גיהארע-וועט יאהרין לאנג, מאכט דאס היינט דיא מאשינע אין אקליין ווילע, אונ דעם „ואהבת לרעך כמוך" וואס ער איז דער שורש פון דיא גאנצע תורה, מאכט מען דאס היינט מיט א קאלטען טרונק, דאס הייסט דורך-שפאצירען זיך איינינגע מאהל (מיט אפריילין גיארימט) אין גארטין, בעקומט מען דעם טייערען שאץ.

יא, יא, דאס איז וואהר „ואהבת לרעך כמוך" איז כל התורה כולה וויא הלל הנשיא האט גיענטפערט. אונ דאס איז אויך וואהר, אז היינט איז אקלוגע אפאבריקאציע וועלט צוא אלע ארטיקלען*), ליידער אבער ניט צוא דעם ארטיקעל פון הערצענס-בילדונג, אויף דעם האבין נאך דיא וועלט-טעכניקער ניט ערפונדין קיין מאשינע, אונ ניט פון א קאלטין טרונק ווערט גיבילדעט דאס הערץ, אפשר דער שכל ביי דיא קרומע קעפ קען גע-בילדעט ווערין פון 8 קלאסין גערטנער (מיט אפריילין גיארימט), אבער ניט דאס הערץ, זיא איז אזא הארטע מעטאל, וואס לאזט זיך בשום אופן ניט שמעלצין, נור פון דעם געטליכען פייער פון דער תורה (הלא כה דברי כאש נאום ה') אונ לאזט זיך ניט אוים האמערין, נור מיט דעם געטליכען סטא-לאווען האמער (וכפטיש יפוצץ סלע). הלל האט טאקע גיזאגט אז „ואהבת לרעך כמוך" איז כל התורה, אבער דיא קורצזיכטיגע זעהען ניט וואס ער האט ווייטער גיזאגט „ואידך פירושה היא זיל גמור", דיא גאנצע תורה איז דיא ערקלעהרונג פון דעם קורצין זאץ, מען מוז פריער גוט דורך לערנען די גאנצע תורה, דאן בעקומט מען דעם אשענס, ד. ה. דעם „ואהבת לרעך כמוך" (כל העוסק בתורה לשמה נקרא רע אהוב, אוהב את המקום אוהב את הבריות).

אויב איהר, מיינע טייערע, נעמט גוט דיזע ווערטער אפין גידאנקען

וועל

*) וויא מיר זעהען אז מיט אקליינעם מיטיל. וויא גיין מיט אציגאר אום שבת ווערט מען א פהילאזאף, אונ מיט אנפרעסין זיך מיט טרפות ווערט מען אחוקר (אפשר אהויקער בחלוף אהח"ע).

ווער איך אייך אנמערקין נאך טיפער, אז ניט אזויא דעם מענשין וועלכער זיין נאמען טראגט אויף זיך דיזען געדאנקען, האט השי"ת מכין גיוועזן צוא געבין דורך איהם דיא תורה, אפילו דעם טאג וואס אין איהם האט פאסירט דיזער ערהאבענער וואלטהאט. האט השי"ת איהם גיקרוינט צוא געבין אין איהם זיין תורה, וואס זיא איז תורת חיים ואהבת חסד. רעכינט אוים אז משה רבנו איז גיבוירין גיווארין ז' אדר (וויא דיא פסוקים אין יהושע ווייזען), אונ ענדע 3 מאנאטין האט מען איהם גיווארפין אין טייך, איז דאס אוים גיקומען ו' סיון, דאס איז דער זעלבער טאג (שבועות) וואס השי"ת האט איהם אויסערוויילט צוא געבין א תורה דיא ישראל, דיא תורה זאל אוים בילדען זייער הערץ, זייא זאלין זיין פאסאבגע צוא אזעלכע טהאטין, וואס איז גיטאהן גיווארין אין דעם טאג. ווייל דער יוצר הנפשות דער פאבריקאנט קען זיין מאטריאל, אז ניט מיט א קאלטין טרונק בילדעט מען א הארץ, וויא היינטיגע פוסטע מוחות ריידין זיך איין. זעהט איהר דער יצר הרע איז יע אקינצלער, א גרויסער פאבריקאנטער וואס ארבעט אויף מאשינען, אנשטאט וואס אמאהל האט ער גיהארעוועט יאהרין איידער ער האט אוים גיארבעט איין אפיקורוס, גיט ער היינט אדרייא דיא מאשינע פליען הונדערטער שקצים (בפרוח רשעים כמו עשב, וויא מיר האבין גישריבין אין הקדמת פון ח"א), אבער צוא דיא הערץ פון מענשין וואס זיא איז אליין איין וואונדערליכע געטליכע מאשינע, וואס זיא שפייזט דעם גאנצין קערפער מיט לעבין, איהר אוים צוא בילדין, מוז מען אויך האבין א געטליכע מאשינע דאס איז אונזער געטליכע תורה, וואס נור זיא קען וויקען אויף דאס הערץ פון מענשין (ומכשרתו להיות צדיק חסיד ישר ונאמן).

דאס איז דערהויפט אורזאך וואס דיא תורה האט איינגעשטימט צוא איהר נאמען „משה". לבד וואס דער נאמען משה לערינט אויף גוטע דעות, וויא גליקליך איז דער מענש וואס דער בורא בעוויליגט איהם, ווען דער בורא איז צופרידין פון זיין פיהרונג, דאן רעטען איהם זיינע אייגענע פיינדע. היינט וואס פיר א פאטץ אונ איין עוויגער פלעק איז דער נאמען „משה" פיר דיא יודישע פיינדע, דער מענש וואס דורך זייערע מערדערליכע פלאנער איז איהם גיקומען דיא וואסער עד נפש, האט ער נאכהער מיט וואסער זיך אב גירעכינט מיט זייא, זייערע וואסער האט ער פארקערט צוא בלוט, גימאכט טרוקען דעם ים וואסער, פיר ישראל האט א פעלזין שטיין גיפלאסען וואסער, מי מרה זיינען גיווארין זיסע וואסער.

זעהט איהר שוין, מיינע טייערע, וועלכע הכנות השי"ת האט פאר גיגרייט

גיגרייט, אז עס האט גיגרייכט די צייט צו געבין די ישראל די תורה. און דער פינסטערער וואלקען, וואס איז פארשפרייט גיווארין אויף זייער הימיל (דורך די גזרה פון כל הבן הילוד היאורה תשליכוהו) האט זיי גילייטערט פון סיגים, און צו גיברייט מען זאל קענען אריין זעצין אין זיי דעם טייערען ברילאנט (די תורה), און פון דעם פינסטערין וואלקען גופא האט געפּ־לאסין אגוטער רעגין וואס האט גיבראכט לעבין אויף די גאנצע וועלט*).

דער פינפטער בריעף.

די זעלבע הכנה אין איין אנדער ארט, האט השי"ת גימאכט בעת עס איז גיקומען די צייט תורה שבעל פה זאל גישריבין ווערין און ארויס שיינען פיר די גאנצע וועלט. קרוב 100 יאהר נאכין חורבן בית שני (ואחר הריסות ביתר) וואס אידין זיינען צו זייט און צו שפרייט גיווארין אין דער גאנצער וועלט, אונטערין כובד הגלות, און די קעפ איז גיווארין שוואכער און די דאגות גרעסער, און עס איז גאנץ ווייניג גיווארין אזעל־כע הויכע מוחות וואס זאלין האלטין גאנץ תורה שבעל פה אפין מוח און לערנען איהר מיט גרויס פלייס, וואלט חלילה פערגעסין ווערין אגרויסע טהייל פון תורה שבעל פה, און מיר וואלטען ניט וויסען ריכטיג וויא די מצות מקיים צו זיין, האט זיך דאן געפאדערט עס זאלין זיך אויפקלייבין אלע חכמי ישראל אין איין ארט און לערנען צו זאמען (עם תלמידים המחכימים רבותיהם) אלע מקצועות התורה, וואס דארף גיווערין יאהרין לאנג מיט גרויס שקידה, מוציא לאור זיין אלע הלכות, וועלכע יעדער איז מקובל מרבותיו עד משה מסיני. היינט וואו בעהויפט מען דאס אזא בעקוועמליכען ארט אויף אזא וויכטיגע ישיבה, אין אזא פינסטערע צייט פון צרות אח חורבן? און וואו נעמט מען אזא מענשען, וואס ער זאל מיט מסירת נפש ליגען אין דעם? און זיין א בעל יכולת, אוים צו האלטען אזא ישיבה מיט אלע איהרע הצטרכות. אויך דארף זיין דיזער מאן אגרויסער חשוב אין קיי־זערליכען הויף, ער זאל האבין ארשיון אויף אזא ישיבה. און די שטאט וואס דער אוניווערסיטעט פון תורה געפינט זיך דארט, זאל זיין פרייא (פון מסים

---

*) דאס איז אגוטע לעהרע פיר דעם פערשטאנדיגען מענשין, אן צו נעמען מיט שמחה אלעס וואס השי"ת מאכט, און גלויבין אז פון דעם פינסטערען וואלקען וואס ווערט פארשפרייט אויף זיין הימיל, וועט שפריצין א גשם נדבות, וואס וועט ברייגגע לעבין אויף איהם.

פון יענע רעגירונג). קורץ דער פון מען דארף האבין אצווייטין משה רבנו, ער זאל זיין א איש יהודי, אמאנארכישער מאן (אשר לפני מלכים יתיצב) וואס זאל זיין וויא אוואנט צוא בעשיצען אלעמען, אונ זייער רייך אוים צוא האלטין דיא ישיבה, אונ צוא דעם א פאלקאמער-יהודי, זיך מוסר נפש זיין בכל לבבו ונפשו ומאודו על קיום התורה.

אום עס זאל אוים וואקסין אדריטער משה רבנו (וויל אצווייטער משה איז ניטא אונ וועט ניט זיין) האט השי"ת פארצויגען ווייטער אפינפסטערין וואלקען אויף דעם יודישען הימעל, צוא לייטערין זייא דורך דיא שמערצין אז זייא זאלין האבין אזכות דער גיין צוא דעם, אונ פון דעם וואלקען זאל קומען אזאנפטער רעגען, צוא ערקוויקען דיא וועלט, איז רומישער קעניג ארוים מיט אפינסטערע גזרה אויף אידין, איבער רייסין דעם ייד-פאדים, וועל-כער אלע פעריל זיינען אויף איהם אן גיצויגין, דאדורך זאלין זיך דיא פעריל צוא שיטין איינע וייט פון דיא אנדערע, אונ מיט דער צייט וועלין פיל פעריל גאר פארלארין גיין, ד. ה. ער האט גוזר גיוועזן מען זאל ניט מל זיין קיין קינדער, וייל דיא מצות-מילה בינדעט צוזאמען אלע אידין אונ מאכט זייא פיר א גרויסין וועלט-צירונג (ישראל אשר בך אתפאר).

אונטער אידען וואר אין יענע צייט (בעשטימט פון דיא רעגירונג) אוויכ-טיגער אונ הייליגער אנפיהרער "נשיא" מיט דעם נאמען "רבן שמעון בן גמליאל" ער האט געשטאמט פון דוד המלך'ס פאמיליע.

מיר קענען שפירען דיא לאגע פון אונזער הייליגען רבן שמעון, אלס זיין פרויא האט איהם (אין דיא רעכטע פינסטערע צייט פון שטרייננגען אוקאז) גיבוירין אזוהן, אונ ווען ער וועט דער הידער זיין דעם אוקאז, וועט זיין פערברעך אונפערצייהליך זיין, אונ גאר דיא ביטערנעס וועלין טרינקען דיא גאנצע אי-דישע געמיינדע, אונ ביא אלעם דעם איז דאס קינד ביא זייא גיוועזן אגוטער גאסט, עס איז פון זיין לויכטיגע געזיכט געווארין ליכטיג אין אלע ווינקעלאך, אזויא וויא אקול פון הימיל וואלט זייא הילכין אין די אויערין, דאס דיזער קינד וועט ליכטיג מאכין דיא אויגען פון יודישע פאלק!

געוואוינליך, אז ביא דעם נשיא איז גיבוירין אזוהן, האט זיך גילאזט הערין אונטער אידין מיילין וייט, יעדער איינציגער וואס האט ביז יעצט זיין קינד ניט גימל'ת, אונ האט ניט גיוואוסט וואס צוא טאהן, האט זיך יעצט בעשטימט נאך צוא טאהן דעם נשיא, וואס ער וואהר דיא אויגין פון כלל ישראל.

רבן שמעון וואס האט גוט פערשטאנען דאס ביא איהם האלט עס,

אונ

און ווען ער זאל זיין נאכלעסיג נור אין דיזע מאל, קען מען שוין נעמען אבשייד פון דער מצוה אויף אימער און עוויג, האט ער זיך פעסט בעשלאסין ניט איין צוא לאזין דיא מצוה, און גיט בסוד, נור גראדע עפענטליך. כדי אלע אידין זאלין וויסען עס נאך צוא טאהן.

איינינע טעג פארין ברית מילה, האט רבן שמעון גילאזט רופען דיא גאנצע גימיינדע אידין אין שוהל, און האט גיהאלטין איין העכסט רידענדע רעדע פאר זייא. פריער האט ער זייא פאר גישטעלט וואס פאר א מצוה יקרה מילה איז, זיא איז דער חותם המלך אויף דעם אידין, וואס נאכהער קען ער שרייבין פון אויבין וואס זיין הערץ גילוסט*) (הרחב פיך ואמלאהו, בדברי תורה כתיב), לבד וואס זיא איז דער איינציגער זייד-פאדים (בריה התיכון המבריח מקצה אל הקצה) וואס בינדעט צוזאמען דיא גאנצע פאלק ווען אפילו זייא בלייבין בלויז נאקעט. דרום סטארייען זיך אלע אונזערע פיינדע איבער צוא רייסין דעם זייד-פאדים, אום דיא פעריל זאלין צושאטין ווערין, און מיט דער צייט פערלארין גיין, וויא אנדערע נאראדין וועלכע מען האט בייא זייא צוא גינומען זייער לאנד מיט זייער קיניגרייך, זיינען זייא מיט דער צייט פערשלונגען גיווארין אין אנדערע נאראדין, און קיין שם ושארית איז פון זייא ניטא, אזויא וויא אוועקסיל וואס מען רייסט אונטער דיא חתימה בלייבט אן אשום ווירדע. — אויך האט ער זייא פארגישטעלט, אלע בלוטיגע צייטין, וועלכע אידין האבין אריבער גיטראגין, צוליב דיא רעליגיעזע זאכין. און האט זייא פארגישטעלט דיא אידישע וויכטיגע פערזאנען וועלכע עס האבין גיליטען, און עס וואר אונטער דעם נאראד דערביא שווער געזיפצעט און פיל טרערין פערגאסין. ער האט זייא גימוטהיגט מיט דיא הבטחה, וואס השי"ת האט גיגעבין זיין ווארט דאס דיא קינדער אברהם'ס, וואס היטען בריתו של אברהם אבינו, וועלין זיין דויערלאנג, גלייך מיט דיא הימיל און ערד**) ווען אויך מען טרעט

אויף

*) אזויא וויא אבלויזע חתימה פון אגרויסין באנקיר, איז ראוי פון אויבין אן צוא שרייבין דיא גרעסטע סומא, און דאן האט דער פאפיר דיא ווירדע וואס ניט אב צו שאצין, אבער אהן אונטערשריפט, מעג פון אויבין שטיין מיליאנען האט דאס קיין ווירדע, דאס גלייכען ווען דער יוד האט אויף זיך דעם חותם המלך (ברית מילה) איז ער ראוי אנצושרייבין אויף זיין הערצין און ערפילען זיין מוח מיט תורה ומעשים (היקרים מפנינים). — און פון דיזען ביישפיעל קען מען לערנען, אז דער וואס שרייבט ניט פון אויבין (אבער דיא חתימה) ד. ה. זיין מוח בלייבט פוסט, און זיין הערץ ליידיג פון מדות ישרות, בלייבט ער בייא אקליינע ווירדע (וזהו מליצת חז"ל ע"פ ויזנב בך, שחתך מילתן וזרקן כלפי מעלה, כלומר שקטרג עליהם שהם כוועקסיל חתום ותוכו חלק וריק, שמעתי).

**) „דור הולך ודור בא" מלכות נכנסת ומלכות יוצאת וישראל עומד לעולם הוי „והארץ לעולם עומדת" (מדרש ק"ר).

אויף דיא ערד, דאך לעבט זיא איבער אלעמען, אונ מען מוז זיך פאר־בייסען צוא ליידין וועגין דיא רעליגיאן, ווייל ווען עס וואלט גאר ניט פאר־שטיין צו ליידין ביי דעם אויס־האלטען איהר, פאר וואס וואלט מען גאר האפען דאס מען וועט אמאל בעלויגט ווערין? אלזא מוז מען פון איהרעטוועגין יא ליידען פיל עס איז מעגליך (ולפום צערא אגרא), אונ מען מוס זיך האלטין אן איהר פעסט.

דיזע רעדע זיינע האט פיל געווירקט אויף דיא צובראכענע הערצער, זיא האבין דערציילט זייערע פרויען קומענדיג צוא הויז, דיזע בלוטיגע שטיקע וואס דער נשיא נעמט זיך אונטער צוא טאהן, געגען דעם שטרייגען איקאז. אונ דער בורא ווייס, — האבין אנדערע גיזאגט — דאס וועט געוויס טרוקען ניט אוועק, דיזעס וועט קאסטין געגוג אידישע בלוט, עס וואר דערביי גיזארגט אונ גיהאפט צוזאמען.

עס איז ניטא אזויא טרייא אונ פינקטליך אין דער ארבעט וויא דיא נאטור, זיא פארגעסט ניט אונ פערשפעטיגט ניט, וואס נור אן גיהער צוא טאהן, דיא זאנגע האט קיין מאהל ניט פערשפעטיגט קיין 1 מינוט דיא צייט, וועלכע זיא דארף ארויס שיינען אויף דער וועלט, דיא ערד האט קיין מאהל ניט פערגעסין אז מען האט אין איהר פארזייט ווייץ, אז זיא זאל ארויס געבין גאר גערשטין. דיא נאטור לאזט זיך ניט אונטער קויפין מיט שוחד, אונ שאנעוועט קיינעם אונ איז קיינעם געהארכזאם, זיא איז שטארקער פון אלעס, זיא דארף קיין מאהל קיין רעמאנט, ווייל זיא איז גיוועבט פון געטליכע פעדים (אלקים בגמטריא הטבע, פועל אמת שפעולתו אמת, ויעמידם לעד לעולם חק נתן ולא יעבור), אויסער ווען דער שעפער זעלבסט מאכט איהר אפאנאק דאן איז זיא פאקארנע (מה לך הים כי תנום? מלפני אדון חולי ארץ), מעהר וויא ער אליין איז ניט דער ווירט אויף איהר צוא בעהערשען, נור ער ציהט אן דעם וועלט־זייגער אלע טאג (המחדש בטובו בכל יום תמיד מעשה בראשית), נור ער אליין האט גיקענט מיט זיינעם ווילען אב שטעלין דעם וועלט־זייגער 24 שטונדין, אונ מאכען פון 2 טעג נור איינעם (אין דיא צייטען פון יהושע, שמש בגבעון דום). אונ דרייען צורריק דעם גרויסין ווייזער פון וועלט־זייגער 10 שטונדען, אונ 2 שטונדען פאר זאננען־אונטערגאנג, איז געווארען צורריק גין־החמה (זאננען־אויפגאנג) אין דיא צייטען פון חזקיהו המלך (ויקרא ישעי׳ כו׳ וישב את הצל כו׳ אחורנית עשר מעלות, מ״ב כ׳).

אך וויא גערען זיינען דאס גיוועזן דאן דיא אידישע געמיינדע, דאס עס זאל זיך איבער היפען דער טאג, אין וועלכען עס דארף דער ברית

זיין

זיין ביי דעם נשיא׳ס קינד, דאס מען זאל גאר ניט שפירען וויא ער וועט פערשוואונדין ווערין. נ״ר דאס גייט ניט, דאס וועט מען ביי דער נאטור נימאלס פויעלין, דען דיא צייט שטעלט איהרע אדעלע טריט גאנץ רעגילמעסיג, ניט נאכלעסיג, אונ אויך ניט געהיילט, וויא איינע היפשע טענצערין. זיא פערזאמט זיך ניט לייננער אויף איין שטאנד צוליב דיא, וועלכע עס געניסען פיל פערגעניגען אונטער איהר צייט, אויך בעהיילט זיא זיך ניט גיכער פערשוואונדען צוא ווערין, צוליב דיא וועלכע עס ליידען פיל אונטער איהרען זיין, אונ עס איז אלזא דער טאג פון ברית אויך גיגאנגען אין דיא זעלבע רעגילמעסיגקייט וויא אלע טאג, דיא נאטור האט ניט גיקוקט וואס זיא האט מיט גיבראכט שרעק אונ זארג, פיר איינע גאנצע געמיינדע.

אונד רבן שמעון אליין, ווען אפילו עס איז איהם דא פארגישטאנען דעם לעבין צוא פערלירען, אונ עס האט זיך איהם גוט פארגישטעלט דער רוימישער שווערד פאכט איהם איבער דאס געזיכט, דאך האט ער זיך בעהערשט אונ זיך געמאכט מוטהיג פאר דיא געסט, דאמיט דער קדוש השם זאל זיין גרעסער, אונ האט מיט ערינסט פאר איין עדה אידין געבראכט זיין קרבן. מען האט דאס קינד געוויקעלט, אונ פירסטליך געצירט, דיא ערהאבענע מוטער (דיא יולדת), האט איהר ענגעלהאפטעס קינד, זעלבסט מיט מוטה אונ שטאלץ, איבער געגעבען צוא דיא געפאטערין (קוואטערין) איהם צוא איבערגעבען צום כסא של אליהו. „גייא מיין קינד — זאגט זיא, איהם קוסענדיג — צום כסא אליהו, דער היילינער אליהו האט אטויטע קינד, וועלכער דורך יד ה׳ געשטארבען איז, לעבענדיג געמאכט, וועט ער דיך מיין לעבענדיגעס קינד געוויס רעטטען, פון אטויט דורך אשטערבליכען מענשענס האנד!״ דער היילינער נשיא רבן שמעון האט גענוממען דעם מוהל-מעססער אין דער האנד (ת ה צריך שילמוד כתב שחיטה ומילה)

אונד האט אויף געהויבען זיינע פייערדיגע אויגען, פריער צום הימעל, אונ נאכהער הין אונ הער צוא דיא עדה הקדושה. אונ האט מיט היילינער ריהרונג אויסגערופען, איך בין צוא קורץ אין ווארטען וויא אוים צודריקקען מיין דאנק לאל עליון קונה שמים וארץ. אז ער האט מיר מזכה געוועזען היום הזה, מיט אמצוה מעין פון מעשה אברהם אבינו, אונזער היילינער פאטער אברהם, האט מיט זיין אייגענע האנד גענוממען דעם מעססער צוא שניידען זיין זאהן, אין האלז. זיין איינציגען זאהן, צוא קוילען אויף טויט, לעשות רצון אבינו שבשמים! אונ איך האב זוכה געוועזען צוא נעהמען דעם מעססער אב-צו-שניידען ערלת בני, וואס דאס

איז

איז יעצט מיט טויט-געפאהר פערבונדען! אונ ענדיגען דיעזע ווארטען, האט ער געמאכט דיא ברכה: „ברוך אתה ה' כו' אשר קב"ו על המילה ו"* אונ אויך אזוי דיא צווייטע ברכה להכניסו בבריתו של אברהם אבינו*) בקול רם ובשמחה נפלאה, אז דיא ווענט האבען געציטערט, אונ זיין גאנצע געזיכט האט געשטראהלט וויא אגאטליכעס פייער. אונ נאכהער האט ער דאס קינד מל געווען מיט פארזיכטיגקייט אונ געדולד, אונ האט אויס-געפיהרט חתוך פריעה ומציצה וויא אהעלד. נאכהער האט ער געמאכט דיא ברכה על הכוס מיט גרויס שמחה, אונ געזאגט מיט געוויין פון גרונד הערצען דיא תפלה „קיים את הילד הזה" אונ האט איהם א נאמען געגעבען „יהודא" (מלשון הפעם אודה את ה'), ד. ה. איך דאנק דיר פאטער פון הימיל פון טיפען הערצען וואס דוא האסט מיר געגעבען מוטה אונ שטארק מקיים צוא זיין דיעזע הייליגע מצוה פון קדוש שם שמים ברבים (וואס דער הייליגער תנא ר' עקיבא האט זיין גאנצען לעבען משתוקק געוועז, עס זאל דאס איהם קומען צו דער האנד)

דער איינדרוק וואס די סצענע האט געמאכט אויף אלעמען, איז קיין פעדער ניט אים-שטאנדע אויס צודריקען (אשרי עין ראתה כל אלה!). נאכהער האט ער אויס גערופען בשמחה: „רבותי! יעצט קומט מיט אין שפייז צימער, צום טיש וואס איך האב מיט דעם עוויגענס הילפע רייכליך מכין געווען צו אונזער שמחה של מצוה!" ער איז געגאנגען פאראויס, אונ דיא גאנצע עדה נאך איהם. זיי זיינען אריין אין א געוואלטיגען גרויסען צימער, עס זיינען געשטאנען טישען פירסטליך געדעקט, עס האט אלעמען דיא אויגען פערנומען, ער האט א געשרייא גיטאהן בקול רם: „זה השולחן אשר לפני ה'" אלע האבען זיך געוואשען, אונ זיך געזעצט ארום דיא טישען, מען האט זייער גוט צו געבראכט אין דער שמחה של מצוה מיט גוטע שפייז אונ געטראנקע פיר דעם קערפער, אונ איבערהויפט מיט דברי תורה וואס זייא זיינען משמח אונ מרומם דעם נפש. בתוך הדברים איז דארטין ערקלעהרט גיווארין, אז דער וואס גייט אריין לבריתו של אברהם אבינו, גייט ארויס פון דיא נאטירליכע הנהגה (וואס השי"ת פירט דיא וועלט בהנהגה טבעית), ער גייט אריין

*) ברכת „על המילה" (שהמוהל מברך) הוא על „אות" הברית כמ"ש ונמלתם את „בשר" ערלתכם והי' „לאות" ברית ביני וביניכם (עי' מלבי"ם). וברכת להכניסו „בבריתו" (שהאב מברך) מורה על עצם הברית כמ"ש זאת „בריתי" אשר תשמורו כו' המול לכם „כל זכר" שהוא כולל כל מיני ערלות, ערלת הפה (שלא לדבר דברים האסורים), ערלת האזן (לא השמע שוא) וערלת הלב (ומלתם את ערלת לבבכם). אשר מהיום והלאה (אף שהוא היונק המוטל בעריסה) מוטל על האב להכניסו לאט לאט בבריתו של אברהם אבינו הן בבחינת סור מרע לשמרו מטמטום הלב (אם המינקת אוכלת דברים אסורים, לא תניק אותו שלא תטמטם לבו וכיו"ב), והן בבחינת עשה טוב כמ"ש ר' יהושע בן חנניא אשרי יולדתו, שאמו הכניסה עריסתו לביהמ"ד שיכנסו באזניו דברי תורה, ובעת שמתחיל לדבר אביו מלמדו תורה ופסוק ראשון של ק"ש ומחנכו במצות לאט לאט כפי כחו ושכלו שיהיו ידיו ולבו לאל אמונה. לזאת אף שהאב בעצמו הוא המוהל צריך ג"כ לברך ב' הברכות. יען שכל ברכה מורה על ענין מיוחד. וסרה בזה תמיהת הפוסקים.

אריין אונטער דיא געטליכע פאהן (ה' נסי, מלשון הרימו נס), דרום דארף זיך דער יוד אטליצייען מיט זיין פיהרונג, אלע זיינע חושים דארפין זיין גע-מל'ת (המול לכם כל זכר, דער גאנצער מענטש דארף זיין אברא אוועט), צב"ש דיא מויל: ניט ריידין וואס עס פאסט ניט, אונ מכ"ש וואס מען טאר ניט (כי המנבל פיו נקרא ערל שפתים). דיא אויערין: ניט הערין וואס מען דארף ניט (ערלה אזנם). דיא הארץ: איין האלטען דיא תאוה, ניט געלוסטין וואס מען טאר ניט (ומלתם את ערלת לבבכם). זיין גאנצע אויפפיהרונג דארף זיין ניט מעשה-יונג'ל נור מעשה-מענש (על פי התורה והחכמה) וויא איין אלטער אגיזעצטער-מאן. מטבע (דיא פירמא) של אברהם אבינו (רומז גם למצות מילה) זקן וזקנה מצד זה, ד. ה. דיא הנהגה פון זרע אברהם דארף זיין וויא אזקן שקנה חכמה. — אונ וועגען דעם וואס ביי אזקן גייט דיא קרעפטען שוואכער אונ שוואכער ביז ער גייט אויס, ד. ה. וויא מיר זעהן מאנכע מאל, אז אידישע קרעפטין ווערין שוואך, זייער הימיל ווערט פערצויגען מיט אדיקען וואלקען, עס קומט אויף זיי פינסטערע גזרות, אז דיא שונאי בני שם רעכענען אז דער אלטער ישראל איז שוין אגוסס, אונ זייא ווילען ערווארטען זיין נשמה. וויא וואונדערליך איז צוא זעהען אז פלוצלונג גיט זיך אקער זיין מטבע אונ עס איז שוין בחור ובתולה מצד זה, זיין זונן שיינט אויף, אונ ישראל סבא ווערט מיט איין מאל יונג אונ פריש (תתחדש כנשר נעוריכי), וויא אברהם אבינו מיט שרה'ן, אויף דער עלטער זיינען זיי פריש אונ יונג געווארין (אחרי בלותי היתה לי עדנה) אונ גיבליט וויא בלומען אין פריהלינג. דרום דארפין מיר זיך ניט פערצווייפלען פון דיא פינסטערע צייט, אויב מיר פירען זיך נור וויא זקן וזקנה (קלוג אונ געזעצט על פי התורה הכתובה והמסורה) וועלין מיר געוויס געענטפערט ווערין וויא אונזער פאטער אברהם*), אונ דיא גאנצע

געמיינדע

*) אויך איז מרמז (די מליצה פון) מטבע של אברהם אבינו, אז בריתו של אברהם אבינו (מצות מילה) ווייזט, אז דער מענש איז ניט בעשאפען גיווארין פערטיג וויא אלע בעלי חיים (שור או כשב ועז (נקהל תיכף) כי יולד), וועלכע זייא בענוטצין שטענדיג זייער איינציגען כח, צב"ש אלע נמלים זיינען שטענדיג זריזים, אונ די בעלי חיים העצלים (דער פוילער לודער) זיינען שטענדיג פויל, אבער דער מענש איז בעשאפען גיווארין מיט אלע כחות והפוכי כחות, אונ ער אליין דארף זיך פערפערטיגען, ברעכין אונ אויס ארבעטין זיינע מדות, אמאהל אזוי אונ אמאהל אזוי, זקן וזקנה מצד זה, אין „סור מרע" ווען עס קומט איין עבירה צום האנד דארף ער כגביר זיין דיא מדה פון עצלות, זיין פויל אונ קאלט וויא איין אלטער מאן. אבער וויא עס קומט צו „ועשה טוב" דא דארף זיין בחור ובתולה מצד זה, אויפוועקין דיא מדה פון זריזות וויא יונגע קאכיגע לייט, וויא אונזער פאטער אברהם וויא עס איז איהם געקומען אוואהלטהאט צום האנד האט ער גאר פערגעסען וואס ער איז אלט, קראנק אונ שוואך, נור אויף געשטאנען מיט גרוים זריזות וימהר אברהם, מהרי שלש סאים, ואל הבקר רץ אברהם, וישכם אברהם בבקר. (שמעתי).

געמיינדע איז געווארין פול מיט גראס-מוטה אונ שטארקע האפענונג צוא דעם פאטער פון הימיל (אשר בידו לב מלכים).

דיא סמאטריטלען, וועלכע זיינען געזעצט געוועזן פון דיא רעגירונג, אום אכטונג צוא געבין, דאס דער בעפעהל-פון (ניט מהל זיין) זאל ווערין איספאל-נייעט, אונ האבין גינומען גוטע געהאלט אויף דיא אידעשע קאסטין אום עס זאל זיין וויא געזאגט „סמירנא"! איז זעלבסט פערשטאנדליך אז זייא האבין דאס דאלאזעט אין רום, אונ דער נשיא מיט דיא קינפעטארין מיט דאס קינד, אונ געוויס אויך דער סנדק מיט דעם קוואטער זיינען אויף-גיפאדערט געווארין אין קרוין שטאט לפני כסא המשפט, געריכטעט צוא ווערין.

מען קען פארשטיין וויא עס איז געוועזן צום מוטה דיא שטאט בייא דעם נשיא'ס אפ-פאהרין נאך רום, וועגען אזא ניט-געשמאקען געגענשטאנד, דען גאט ווייס וואס עס קען מיט זייא פאסירין דארטין. בייא דיא געמיינדעס זעגענען זיך מיט דעם נשיא וואר פיעל טרערען פערגאסין אונ פיל גע-חליפעט. דער נשיא האט זייא געטרייסט אונ געבעטען מען זאל פאסטין אונ גאט בעטין, ער זאל אריין געבין אין דאס הערץ פון קעניג, ער זאל בעהאנדילט ווערין מיט חסד. אונ אלס דיא פאצט האט זיך גערירט פון ארט צום פארין, וואר גיהערט איינע רוישענדע שטימע פון דיא גאנצע געמיינדע: אונזער זאננע אונד מאנד מיט דעם נייעם העללען מארגענ-שטערין, וועלכע יעצט פאן אונזער האריצאנט, זיך ערווייטערען, זאל דער יוצר המאורות געשווינד באלד צוריק, צוא אונז אום קעהרען, אונד אונזערע זעעלען מיט זייער העלע ליכט דורכשטראהלען. דארויף האט אבגעקלונגען פון טויזענדער מונדען וויא אדאננער-שטימע: „אמן"! אונד דאס גאנצע פובליקום, איז וויא אנגענאגעלט געבליבען שטיין אויף דעם זעלבען ארט, אונד נאכגעבליקט דיא עקיפאזע פון זייער היים-געליעבטען פירסטליכען הירט, מיט טויזענדער ברכות נאכרופענד ביז דיא עקיפאזע איז אים ווייטען דונקעל פערשוואונדען.

גייענדיג ריקוועגס, זיי גייען אלע שטיל מיט שווער בעדריקקטע הערצער אגעוויססע שטרעקע, פלעטצליך זאגט דער סגן הנשיא, מיט א ריהרענדע ציטטערענדע שטימע: „רבותי! העדה הקדושה! אונזער הימ-מעלס זאננע, איז יעצט מיט א וואלקען פערצויגען. אונד מיר זאללען נאה אונזער היימאטה גלייכגילטיג גיין, אונ זיך בעקוועמליך צוא בריינגען. כן לא יעשה, אויף זא איין ארט פירכטע איך מיר פיר דעם פסוק: „ואנחנו מחשים

ומצאנג עון !" אלזא איזט אונזער שולד, מיר זאללען אלע גלייך צוזאממען אביין גיין אין אונזער מקדש מעט, מתפלל זיין ! „געווים, געווים גיבט אנדערס דיינקט קיינער פון אונז" האבען געאנטווארטעט אלע פה אחד. זייא זיינען אללע תיכף געגאנגען אין ביהכנ"ס, אונד דער סגן האט זיך געשטעלט בייא דעם ארון הקודש אונד האט ווידער אקורצע רעדע געהאלטען, אונד נאכהער האט מען אנגעפאנגען זאגען תפלות ותחנונים. טרעהרען איז גע-פלאססען וויא וואססער, מען האט צוגעבראכט אלאנגע צייט בתחנונים ובדמעות, אונד דער סגן האט צוא זייא געזאגט: רבותי! ייעצט לאמיר גיין צוהויזע, אונד בכל יום ויום אין דיא זעלבע צייט וועלען מיר אלע צוזאמען קוממען לבית ה', אוים צו גיעססען אונזער הערץ פיר אונזער נשיא אלהים, אונ פיר כלל ישראל. ביז השי"ת וועט אונז משמח זיין מיט זיין ישועה, אונ אזוי איז ווירקליך געשעהן.

דער נשיא מיט זיין פרויא מיט זייערע בעגלייטער, בייא זייער קוממען אין רוים, זיינען זייא פערפארין אין אגאסטהויז. אונ זייא ווארען פערטיג צוא שטיין פיר דעם קייזערס פארלאמענט.

דיא פרוי איינוויעגענדיג איהר היים-געליעבטעס קינד, האט זיך פערטיפט בייא זיין וויגעלע אין דיא גידאנקען: „גאט פון זיבענטען הימיל, זאל צו זעהען אונזער עלענד, אונ דעם עלענד פון כלל ישראל, דאס איז דאך אזא פינסטערע גזרה, אז מען זאל יודישע קינדער ניט מהל זיין, ריכטיג וויא פרעה האט גוזר גיוועזן צוא ווארפין יודישע קינדער אין טייך. אויך ווען אונזערע קינדער וועלין זיך האדעוועזן ניט גימהלת'ע, קענען זייא מיט דער צייט חלילה אב געריסען ווערין פון בנין בית ישראל, אינ איינגעבויט ווערין אין פרעמדע בנינים. נאך ערגער וויא פרעה וואס האט נור גוזר גיוועזן קליינע קינדער איין בויען אין זייערע בנינים, אונ דא וועט דאס חלילה געשעהן אויף גרויסע קינדער. אה! מיר זיינען בייא דעם פערלארין, גאנץ פערלארען, אונ אשטראם טרערען האט ארויס געפלאססען פון איהרע אויגין אויף דיא ליכטיגע בעקאלאך פון קינד.

ניין, מען מוז האפען צוא זיין ליבען נאמען, ער וועט בעווייזען וואונדער, אבוואהל איך האב נאך גאר קיין אויסזיכט, אין וועלכען ארט, זאלען דיא נסים זיין. איז דען גאטעס האנד קורץ? אונזער מוטער יוכבד האט אויך איהר קינד אוועק גילאזין אפין טייך אן אשום אויסזיכט, ער זאל געראטעט ווערין. ליבער גאט, אזוי וויא דוא האסט אדריק גיטאהן אויף דיא ספראנזינע פון רחמים, בייא דעם שלאנגס טאכטער, אז עס האט

אויפגעפלאמט

אויפגעפלאמט איהר רחמנות אויף דאס קינד, אונ האט איין גישטעלט איהר לעבען איהם צו רעטען, אזויא זאלסטו אויך יעצט מהפך זיין דיא געזיינונג פון אונזער רעגירונג, זייא זאללען זייער אירטהום פערשטיין. זיי זאללען ערקענגען, אז נור זא לאנג מיר לעבען על פי דת קדשנו, זיינען מיר עבדים נאמנים למלכנו בארץ. אונ אזוי וויא דוא האסט ארויף גינאסין דיין חן אויף דניאל'ס געזיכט אין לייבען-גרוב, אז לא די וואס דיא ווילדע לייבין האבין איהם ניט צוריסין, האבין זייא זיך נאך גילאסצעט צו איהם, אונ נאכהער האבין זייא צו ריסין זייגע פערפאלגער, אזויא זאלסטו ארויף געבען דיין חן אויף אונז, אז דער קייזער זאל אונז מיט רחמים בעהאנדלען, אונד דיא שונאי ישראל דיא יועצי רע, זאללען נאך זייער פערדינסט בעלאהנט ווערדען. גוטער גאט, ביי דיר איז אלעס מעגליך, טוא דאס צוליב דיין טרייע פאלק ישראל, אז אונזערע שונאים זאלין ניט דערפרייט ווערין.

טראכטענדיג אזוי, וועגין יוכבד'ן מיט איהר קינד, וואס זיא האט גיווארפין אין ניל, פאלט איהר פלוצלונג ארויף דער גידאנקען, וויא דארטין איז גראדע געקומען דיא הילף פון דיא זעלבע הויז וואס דיא פינסטערע גזרה איז ארויס, האט זיא זיך גיפאסט מוטה אונ רייכליך אנגעקליידעט אונ איז אוועק גלייך אין די קעניגינס דווארין, גאר אפילו אן דעם וויסען פון ר' שמעון איהר מאן, אונ האט זיך גילאזט מעלדען צו דיא קעניגין.

דיא קעניגין האט איהר מיט פריידען זייער העפליך אויף גענומען — דען זיא האט אמאהל גירעדט מיט איהר אונ זיא איז איהר גיוועז גיפעלין, — זיא האט גירעדט צו איהר זייער פריינדליך אונ ליבליך, דאך האט איהר פריינדליכע אויפנאהמע, ווייניג געווירקט אויף דאס בעטריבטע הערץ פון אשת הנשיא, אונ זיא איז געשטאנען וויא איינע פארשעמטע.

„וואס זיינען זייא, מיין טייערסטע, אזויא בעזארגט אונ זעהען אזויא שלעכט אוים?" האט איהר דיא קעניגין גיפרעגט אונ זאגט צו איהר: „מיר שיינט די יעצטיגע רייזע איירע נאך אונזער ליעבע וועלט-שטאדט ראם, איז קיינע לוסטרייזע, זאגען זייא מיר דיא אורזאך פון זייער קומען אין קרוין שטאט?, גאר צום ערשטין פערלאנג איך, דאס זייא זאלין מיר טאהן דיא גיפעליגקייט אונ זיך בעמוטהיגען, דען איך קען זייא ניט צו זעהען אלס פערקימערטע אונ בעזארגטע, ערקלערען זייא מיר דאך אייער בעקימערליב-קייט, דאן זיינען זייא שוין זיכער, דאס איך וועל שוין אויף-קומען אויף אלעס, וואס נור מעגליך איז. נור ליבסטע קימערט זיך ניט, פיליכט איזט אייער קימער אומזאנסט איז אשאדען זייער געזונד.

„וויא זאל איך רוהיג זיין אונ מיך ניט בעקימערן" — האט זיא זיך אב געריפין מיט איינע קלאגליכע שטימע אונ דיא הענד פערברעכענדיג — דאס עס איזט מיר פארגעקומען צו זיין איינע מורדת במלכות, אונ ווער קען מיר אויף דאס פערצייען? איך בין אייגענטליך ניט ווערט צוא טרעטין אויף זייערע דילין, דען איך האב דער ווידער געוועזען דעם געזעטץ פון קעניג, דערמיט וואס איך האב מיין קינד געלאזט בעשניידען צום אכטאג, וויא אונזער רעליגיאן פערלאנגט. איך בין גאר ניט ווערט דאס זיי זאלין פיר מיך גוט שפרעכין. מיין מאן אונ אויך דער קינד זייען היער, מארגען גיבען מיר זיך איבער מיטין אייגענעם ווילען אין דיא האנד דער רעגירונג, מען זאל אונז ריכטען וויא מיר זייגען ווערט".

דיזע ערינסטע רייד איהרע, האט דיא קעניגין גאנץ אויפגערירט, אונ אלזא האט זיא גרויס מיטלייד בעקומען אויף איהר, אונ אנגרייפענדיג ביא דיא ציטערענדע הענד איהרע, האט זיא צו איהר געזאגט:

מיין בעסטע פריינדין! וואס איז מיט זייא דער מעהר, דאס זייא פערלירען דעם האפענונג זעלבסט פון דעם לעבען? אוי איך קען עס גאר ניט צוא זעהען! שטארקען זייא זיך צוא האפען; זייער פארברעך איז אין מיינע אויגען גאר ניט אזוי גרויס, וואס קומט זייא ווען זייא זייגען טרייא אונ פעסט אין זייער רעליגיאן? זייא האבין דאך דערביי קיינע ביזע אבזיכט געהאט, צוא דער ווידער זיין דעם קעניגס געזעץ, אונ האבען אויך דער מיט קיין מענשען צוא שאדין געבראכט, פאר היטען זייא זיך זייער געזונד, אונ גיבען זייא זיך גוטע האפפענונג, זייא זייגען נאך יונג בליהענד, זייא וועלין נאך זייער קינד ערציהען מיט פיל פערגעניגען.

דיא קעניגין איז אקליין ווייל אין געדאנקען פערטיעפט געבליבען שטיין, וואס פיר אמיטיל צוא זוכין וועגין איהר רעטונג, ווייל בעטין גינאדע ביא דעם קעניג האט זיא גוט גיוואוסט, אז ביא אזא פאקט וועט ניט גיין, דען דאס איז ניט קיין פריוואט־זאך, דאמיט איז צושטערט זיין גאנצער ציעל, וואס ער האט דא אנגיצויגען, אוים צו לאשען דעם גאנצין דת ישראל. אונ דא שפירט זיא, אז איין אומנאטירליכער פייער פון מיטלייד ברענט אין איהר הערצין, אונ וואלט איהר זייער וועלין רעטין פון דעם שרעקליכען אונגליק.

פלוצלונג גיט זיך דיא קעניגין אתאפ מיט דיזע ווארטין, אה! מען זעהט שיינבאר וויא דער עוויגער בעשאפט דיא רפואה פאר דיא מכה, מיין ניי־געבארענער זאהן איז גלייך אלט מיט אייערין, ברייננ געשווינד פערבאר־גענערהייד דיין זאהן, דעם בעשניטענעם, איך וועל דיר איהם אום ביימין

אויף מיינעם זאהן דעם אונ-בעשניטענעם. ביא מיר אין וויגעלע וועט מען קיין קאנטראל פירין. נור אום גאטעס ווילין עס זאל דער פון ניט וויסען קיין לעבעדיגעס וועזען, זעלבסט זייער מאן זאל אויך ניט וויסען, ווארום ווען ער וועט דערפון וויסען, וועט ער זיך שרעקען ביא זיינעם שטיין צום געריכט, דאס מען זאל ניט דער גיין דעם שקר, וואס אין פאל ווען מען זאל עס דער גיין, וועט פיל ערגער זיין. נוא מאכען זייא עס קורץ אונ שארף, אונ דער עוויגער זאל צוא הילף זיין.

דער איינפאל דיא קעניגינס וואר העכסט געראטען, אונ דער קלוגער חלוף איט וויררקליך געשעהן זייער גישיקט אין דיזען אבענד, אונ דער נשיא זעלבסט האט אויך ניט געוואוסט דער פון, ער האט אגאנצע נאכט פערבראכט אין תפלות ותחנונים צו השי"ת; אז וויא עס וועט שוין זיין מיט איהם איז ער צופרידין, נור עס זאל ניט שאדין חלילה דעם קינד אונ דעם כלל ישראל, וועיל זיין הארץ האט אים גיזאגט אז דעו' קינד איז בעשאפען צו זייער וויכטיגעס. גאנץ פריה האט זיא אים צו גירופין צום וויגעלע אונ האט איהם געוויזען דעם וואונדער, וואס ביא דעם קינד איז ניטא מער קיין סלאד, דאס ער וואר איין מאל בעשניטען! אונ עס וואר אלזא אונטער זייא פריידען איבער פריידען.

דעם מארגענס אלס דיא סענאטארין האבין זיך גיקליבין אין נאסו-דארסטוועגעס סאוועט אונ דער קעניג זעלבסט האט אויך דארטין ניט גיפעלט, האט דער סמאטריטעל פריסטאוועט צום סאוועט דעם ר' שמעון מיט זיין פרוי אונ דאס קינד, אונ האט פארציילט דאס ער האט זיי זעלבסט מיט גיבראכט צום אורטהיילען זיי וועגען זייער גרויסען פערברעך.

דיא גאנצע סעסיאן האט ביסטרע אן גיקוקט דעם ר' שמעון מיט בייזע בליקען, וועלכע עס האט אוים געדריקט האס אונ גרוים צארין איבער זיינעם פערבראכטען דעם קייזערס בעפעל, וועלכער איז געגרינדעט מיט זייערע אלעמענס איינשטימונג. אבער דיא ערהאבענע געטליכע געזיכט פון דעם נשיא, מיט זיין פארנעהמע שטאטור, אונ מאיעסטעטישע האלטונג, האט אויף דעם גאנצען פערזאנאל פון פארלאמענט, אפחד געווארפען (וראו כל עמי הארץ כי שם ה' נקרא עליך ויראו ממך) זיי זיינען שטאר אונ שטומם גע-בליבען אונ קיין ווארט גירעט, האבין געווארט שטיל מיט אונגעדולד אום צוא הערין פון קייזער זעלבסט זיין מיינונג וועגען דאס.

„איך ווינשע צוא זעהען דעם יודישען בעשניטענעם קינד” האט דער קייזער אויסגעשפראכען מיט פייער. לאז מען איהם הערבריינגען, מען דארף

זעהען

זעהען וויא זעט אויס איין פיצל קינד׳ אלס מען האט אין זיין געזונטען לייב געשניטען אונ זיין בלוט געצאפט.

פלינק וויא אפייל פון בויגען האבען דיא זאנדארען געבראכט דאס קינד, מען האט איהם ארויס גינומען פון דיא קיסעלע אונ פון דיא ווייסע זייבערע קינדער געוואנד אונ פארגעלייגט פאר דעם קייזער. מיט דיא העכסטע נייגעריגקייט האט דער קייזער זיין בליק געווארפען גלייך אויף דער שטעלע פון דער מילה, אונ אויך דער גאנצער פערזאנאל פון פארלאמענט האבען אויסגעגלאצט דיא אויגען וויא וועלף. אבער וויא ערשטוינט זיינען זייא אלע געבליבען שטיין, אז זייא האבען דערזעהן אז דיא ערלה איז אין גאנצען. עס איז קיין שום צייכען ניט דא!

דארויף איז דער קייזער אים העכסטען צארין אריינגעקוממען, אויף דעם סמאטריטעל „איין דוראק" — זאגט ער — „קען אוועלט חכמים צוא נארען מאכען! אדער דוא האסט אפאלשען דאנאס צוא גענומען, אדער דוא האסט זיך געלאזען אבמאנעווען, מען האט דיר דאס קינד פערביטען"! דער סמאטריטעל איז געווארין בלייך וויא שנייא, אונ פערקיהלט געבליבען שטיין, ער האט קיין ווארט ניט געקענט ארויס ברייננגען זיך צוא פערטהיידיגען.

נאך אקורצע שטילשווייגען, האט איין אלטער מאן פון דיא סענאטארען, אנגעפאנגען צוא ריידען „אדוני המלך" — זאגט ער — וויא טהייער אייער מאיעסטעט איז בייא אונז אלעמען, אונ אויף דעם גאנצען ערדקוגעל, אונ וויא טהייער אונ הייליג דיא ראמישע געזעטץ איז בייא אונז, וואס מיר אפפערין זיך פיר איהר, איז אבער דיא וואהרהייט נאך טהייערער, וויא מיר אלע ווייסען, קייזערליכע מאיעסטעט, אז זייא שטערבען אימער: נור דיא ריינע וואהרהייט אונ גערעכטיגקייט אויף דער וועלט רעגירען צוא לאזען, אלזא איז מיינע פפליכטע, מיט דיא ריינע וואהרהייט אייערע קייזערליכע מאיעסטעט צוא בערוהיגען: דיזער עהרליכער טרייער ראמישער (ווייזט מיט דעם פינגער אויף דעם טוידטליך ערשראקענעם סמאטריטעל) אונטערטהאנן אונ געשווארענער דינער, איז גאנץ אונשולדיג, ער האט זיין סלוזבע פינקטליך אונ פארזיכטיג איספאלנייעט, איהם קומט נאך אנאגראדע זאנאר, נאר איינער איז דא וועלכער מאכט ווירקליך דיא גרעסטע וועלט-חכמים צוא נארען, אונ געגען איהם איז קיין עצה אונ קיין מיטעל ניטא! דער איינער איז „אלקי ישראל", וואס אויף איהם איז שוין לאנג געשריבען: משיב חכמים אחור גו׳ (ער מאכט חכמים הינטערשטעליג

אונ

אונ צו קורץ אין אנטווארט) . מוליך יועצים שולל גו' (ער פערפיהרט סענאטארען מיט פאלשע פלענער וויא וואהנזיניגע) . שופטי ארץ כתהו עשה ! (דיא וועלט-ריכטער מאכט ער צוא פוסטע אידיאטען) . קורץ, נאך מיינער מיינונג איז דאס דאסזעלבע בע-שניטענע קינד אהנע צווייפעל ! נור איין ענגעל פון הימעל איז געקומען אונ האט געטאן איינס פון דיא צוויא : אדער ער האט איהם אנייע פארהויט בעשאפען, אדער אונזערע אלע מענשליכע אויגען פערבלענדעט. על כן איז קיין עצה וחכמה נגד ה'. דיא אלטע עגיפטישע חכמים האבען אויך זייערע וואפען געשטרעקט אונ אויסגעשריען : „אצבע אלקים היא !" (ווענן דיא נסים, וועלכע השי"ת טוט אין נאטירליכען ארם, עי' בסוף החוברת).

דער קייזער האט זיך געלאזט זייער לייכט בערעדען פון זיין סאנאט אונ האט עם אנגענומען אלם איינע בעווייז דאס ער זאל דיזעס מאל זיינע לאזין איבער גיין, אונ האט עם ווירקליך באלד דארויף געטאן.

ער האט דערלאנגט דעם נשיא זיין זיגעל מיט איינע פריינדליכע מינע, אונ האט איהם געהייסין דאס ער זאל גלייך פון רוים פונאנדער שיקין אין אלע יודישע שטעט דורך דעם קייזערס בעשטימטען לאפער, אום זייא צוא בעקאנט מאכען דעם מאניפעסט.

עס וואר נאכהער דיא קינדער צוריק אוים געוועקסעלט, אונ דיא פרויא דעם נשיא'ס האט בעדאנקט דיא קייזערין פאר איהר גרויסען חסד וואס זיא האט מיט איהר געטאהן, אונ פארינדיג צוא הויז האט זיא ערציילט איר מאן וואס דא איז געשעהן, אונ עס וואר ביא זייא אצייכין פון גאט, וואס דיא קייזערין אליין האט דעם גאנצען מעת לעת געזויגען אונ געהאדעוועט דעם קליינעם נשיא (ושרותיהם מניקותיך), ווייל זיא האט ניט געוואלט אז אפרעמדע אויג זאל בעמערקין אז דאס איז ניט דער זעלבער קינד, אונ אויך וואס דעם נשיא'ס פרויא האט דעם מעת לעת געזויגען דעם יונגען פרינץ, וועלכער וואר בעשטעטיגט פיר נאסלעדניק (טראן פאלגער) אונ אין אלע אידישע שטעט וואר פריידען אונ העכסט געפייערט. אונ עס איז אלזא דעם צווייטען מאל מקוים געווארען „ליהודים היתה אורה ושמחה וששון (זו מילה) ויקר".

דיא קינדער האבין זיך אויסגעהאדעוועט, דער איז געבליבין אנשיא אויף דעם פאטערס שטעלע, אונ דער איז געבליבין קייזער אויף זיין פאטערס טראהן. זיין קייזערליכע מוטער האט אים דיזען סעקרעט פער-טרויט אונ דיא געשיכטע האט אויף זיין אדעלע אונד ווייכע הערץ איין עוויגען טיפען איינדרוק געמאכט, אז ער איז געווארין צו געקלעבט צו

דעם

דעם יונגין נשיא, וויא אווירקליכער ברודער, וועלכער איז מיט איהם צוזאמען גילעגין אונטער איין הארצין, אונ אזויא ווייט אז אנטנינוס (דאס איז דער יונגער קייזער) פלעגט אין געהיימנים גיין צוא דעם יונגען נשיא, ער זאל איהם לערנען יודישע תורה, אונ ער זעלבסט האט זיך בעשניטען סעקרעטנע ביא דעם נשיא אין קאבינעט. אונ אזא אהבה וויא עס איז גיוועזין ביא דיא צוויא מילך-ברידער*) זייער גאנצין לעבין איז גאר ניט אוים צוא שרייבין. וואס רבינו הקדוש (דער יונגער נשיא) האט פערלאנגט האט ער איהם גיגעבין. ער האט איהם געמאכט דיא שטאט טבריא אפריי שטאט פון אלע קייזערליכע פאדאטין, ער זאל דארטין קענען גרינדען אגרויסע ישיבה וויא זיין וואונש איז, אונ עס איז גיוועזין פריא אלע חכמי ישראל צוא ציהען זיך אהין. אונ דער בורא ית"ש האט געבענשט דעם נשיא מיט גרוים רייכטהום, אז ער האט געקאנט אויסהאלטין אלע חכמי ישראל פיל יאהר מיט אלע הצטרכות. אונ דארטען האט מען גילערינט צענדליגע יאהרען מיט גרויס פלייס ובדבוק חברים, ביז וואנען מען האט ריכטיג אונ ליכטיג מברר גיוועזין דיא קבלות פון משה רבינו ע"ה אויף אלע מצות, אונ מען האט זייא מסדר גיוועזין אין בעזונדערע מסכתות, יעדער ענין צוא זיין מסכת, אונ פון דעם איז ארוים זעקס סדרים משניות, וואס זייא ערקלערין אלע תרי"ג מצות וויא זייא זיינען געלערינט גיווארין מסיני אונ אלע מוסרים אונ מדות. אונ מיט דיא השגחה עליונה זיינען דיא 6 סדרים משניות נתפשט געווארען אין דער גאנצער וועלט ביז היינטיגען טאג, אונ זיינען זייער הייליג אפילו ביא חכמי האומות האמתים, גלייך וויא תורת משה.

אונ אז מיר וועלין גוט דורכלויפען דיא אידישע היסטאריע וועלין מיר

---

*) על אהבת אנטונינוס לרבינו הקדוש, ולתורת ישראל ודת קדשנו (כאשר מצאנו באמרו אליו מי יתנני מצע תחתיך לעוה"ב (ע"ז י, ב) וכאשר התגייר אח"כ באמת) המליץ ידיד נפשי הרב הגדול פה מפיק מרגליות ר' בנציון ארי' ליב ציזלינג שליט"א מאמר הכתוב: מי יתנך כאח לי יונק שדי אמי גו' כלומר: אמנם יונק שדי אמי אתה, ועפי"ז בלבד די לי לאהוב אותך אהבת אחים. אולם, מי יתנך כאח לי כלומר: מי יתן והיית כאח לי באמת שהייתי ישראל מלדה ומבטן כמותך. ולא מן הגרים הגרורים הנספחים על ישראל כספחת.

עוד שמעתי מפי ה' ציזלינג שליט"א הנ"ל רמז נפלא בתורתנו הקדושה שאמר לי בשם ידידו הרב הגאון המפורסם מוהר"ר „ח יי ם" שליט"א „פ י ק ע ל ע ר" מחבר ספר „שפתי חן" הרב דעיר זידיק. בפ' תולדות וימלאו ימי' ללדת והנה תומים בבטנה, פירש"י ז"ל, תומם חסר (כלומר חסר א. בפי' כאוי לכתוב תאומים) ובתמר תאומים מלא, לפי ששניהם צדיקים, אבל כאן אחד צדיק ואחד רשע. עכ"ל רש"י. ובפסוק הקודם שני גוים מביא רש"י גמרא דע"ז גיים כתיב אלו אנטונינוס ורבי וכו' עיי"ש ואמר הגאון מוהרר"ח הנ"ל. דבתיבת גיים נתמלאת התיבה יו"ד יתרה, ובתיבת תומים נחסרה א'. ושתי אותיות אלו רומזות לשמותם, באות יוד רמוז שם רבינו הקדוש ששמו „יהודא". ובאות א' רמוז שם אנטונינוס. ברבנו הקדוש שהי' מגזע ישראל בא הרמז במלוי אות, ובאנטונינוס שהי' מגזע אדום בא הרמז בחסרון אות, ע"ד כי חסר יבאנו, ושפ"י.

מיר זעהען וויא צוא יעדער צייט האט דיא השגחה געהיט איבער הויפט אז תורה שבעל פה זאל ניט פערגעסין ווערין, וייל דאס מוז נור גיין בקבלה איש מפי איש ביז משה רבינו ע"ה. אונ איבערהויפט גאר אין רעכטען טימיל בעת חורבן (בית ראשון) וואס דאן זיינען אידין געווארען מפוזר ומפורד, האט דיא השגחה מכוון גיוועזן צוזאמען בריינגען דיא הויפט חכמי ישראל, וואס זיינען געבליבין אחד בעיר ושנים במשפחה (אין דיא שטעט וואס סנחרב אונ נבוכדנצר האבין חרוב געמאכט) האט זייא וויא אפערבארגענע האנד צוזאמען געפיהרט אין ירושלים אונ פון דארטען האט זייא נבוכדנצר אוועק גיפירט 3000 מאן קיין בבל, דאס זיינען החרש והמסגר שלשת אלפים איש (דיא גרעסטע לומדים אונ צדיקים פון כלל ישראל) אונ זייא האבען דארטען (אין בבל) פערפלאנצט תורה שבעל פה, זיא זאל ניט פערגעסין ווערין.

נאכהער זעהען מיר וויא ביין חורבן בית שני האט דיא השגחה בעזארגט אז ר' יוחנן בן זכאי האט נושא חן גיוועזן בייא אספסיאנוס (שר הצבא וואס איז נאכהער גיווארין קייזער פון רום) בעת ער האט בעלאגערט ירושלים, אונ ר' יוחנן בן זכאי מיט זיינע תלמידים האבין איין גיזעהען אז ידישער בעשטאנד איז זייער שלעכט, איז בייא איהם פערבליבין צוא בעזייטיגין אלע גליקען אונ צום ערסט זעהען ארוים צוא חאפין פון דער שרפה דעם איינציגען בריליאנט, דאס איז תורה שבעל פה, האט זיך ר' יוחנן בן זכאי קראנק גימאכט אונ מען האט ארוים גילאזען אקלאנג דאס ער איז געשטארבען, האט מען איהם דורך געטראגען אין אארון דורך דעם קרעפאסט אויסער דער שטאט (ווייל דיא פריצי ישראל האבין ניט ארוים גילאזען קיינעם פון שטאט נור לקבורת המת) איז ער גיקומען צוא אספסיאנוס אונ האט זיך פאר איהם פארגעשטעלט, אונ השי"ת האט איהם גיגעבין חן אז ער האט בייא איהם שטארק אויס גענומען, ער פרעגט איהם וואס פער לאנגסטו? ענטפערט ער איך פערלאנג גאר אקליינע זאך, דוא זאלסט מיר אפ געבין דיא קליינע שטאט יבנה, דארטין זאל זיצין דער נשיא מיט דיא סנהדרין מיט דיא חכמי ישראל, אויף דיא שטאט זאלין דיא רומיים קיין דעה זאגין אין דיא ענינים פון דת.

אספסיאנוס קוקט איהם אן, וואס פערלאנגט דא דער בערימטער חכם פון אידין, אין דער צייט וואס דיא לאנד איז בעלאגערט אונ דער לעבין פון פאלק הייננט אויף אהאר? האט ער איהם דאס גלייך ערפילט אונ אונטער געשריבען, אז יבנה איז אפרייא שטאט פיר דיא גילערנטע

פון

פון ישראל, אספסיאנוס האט אבער ניט פערשטאנען אז אזויא וויא אדאקטער גיבט אחולה וואס קען ניט עססען, אטהייא לעפיל עקסטראקטום, וועלכע ענטהאלטעט דיא קראפט פון אפונט רינדענפלייש, וויא עס איז בעקאנט יעצט דיא ערפינדונגען, אז עס ווערט לאבארטאריש פערקלייגערט אגאנץ גרויסער קוואנטום (כמות) אין אגאנץ קליינעם מאססשטאב, אונד נאכהער ווערט דאס ענטוויקעלט אין זיין פאלנעם גרויסקייט, אזויא האט אונזער הייליגער זעעלען-פראפעסאר ר׳ יוחנן בן זכאי אויס געבעטען דאס קליינע טהייא-לעפעל „יבנה וחכמיה" וועלכע איז באמת דער קליינער עקסטראקטום וועלכער ענטהאלטעט אין זיך דעם גאנצען יודישען נאציאן מיליאנען מיליארדען עד סוף כל הדורות*), וויא מען האט צום סוף ארויס געזעהען, אז אין דיא שטעטיל יבנה מיט איהרע חכמים האט געשטעקט דיא עוויגע דויערהאפטיגקייט פון דאס גאנצע יודענטהום אונ דעם יודישען נאצ-יאן, ווייל דארטין פלעגין זיך ציהען חכמי ישראל פון אלע געגענדען וויא פריער אין ירושלים. דיא רומיים האט דאס שטארק פערדראסין, זייא האבען אבער גאר ניט געקאנט מאכין, ווייל דאס איז געווען מיט דעם רשיון פון אספסיאנוס, אונ דער בעשטאנד פון אידין איז געבליבין דורך דעם אויף עוויג. אונ אזויא וועט איהר, מיינע טייערע, בעגעגענען אויף יעדער טריט אין דער יודישער היסטאריע, וויא דיא השגחה האט אויס געהיט דיא תורה שבעל פה, אז עס זאל זיך ניט איבער רייסין דיא קייטעלע פון דיא קבלה ביז משה רבינו ע"ה. אזויא וויא איהר קענט ארויס זעהען פון דיא גזרת בטול סמיכה.

אז אנדריאנוס האט זיך ארום געזעהען אז דער פערבינדונג פון אידין מיט דער תורה קומט איבערהויפט ארויס פון סמיכה, ד. ה. דיא בע-שטעטיגונג פון איין פערזאן אין יעדער דור מיט סמיכה, ער זאל גילטען אלס אויטאריטעט ביין גאנצען נאראד, וואס דער רבי וועלכער איז אמוסמך פון זיין רבי ביז משה רבינו ע"ה (וואס ער האט דער ערשטער מסמיך געווען יהושע בן נון דורך דעם בעפעל פון בורא, אונ האט אין איהם משפיע געווען אגעטליכען כח אין דער תורה) איז אויך מסמיך זיינע תלמידים וועלכע זיינען פאלקאם אין ידיעת התורה. אונ דער מוסמך הייסט דער שלאס וואס שליסט צוזאמען דאס פאלק אידין מיט דיא קייטעלע, וואס זיא ציהט זיך ביז

משה

*) כי לא דבר ריק הוא — אעפ"י שנראה בעיניך הכהות כדבר קטן, כספר התנ"ך ומשניות קב ונקי, שיכול אדם לטמון גם שניהם בבים אחד — אבל ובדבר הזה תאריכו ימים, לא אריכות ימי אדם פרטי. אבל כל זרע ישראל יאריכו בו ימים כימי השמים על הארץ.

משה רבנו. האט ער געוואלט עוקר זיין די סמיכה, און האט גוזר געווען דער רבי וואס וועט געבין סמיכה, און דער וואס וועט נעמען סמיכה זאלען ביידע געטויט ווערין, און די שטאט וואו מען וועט געבין די סמיכה. און דער גאנצער ארום געגענד זאל פערוויסטעט ווערין.

אין דער צייט זיינען שוין די גרעסטע מוסמכים אומגעבראכט געווארען, נור איין זקן ר' יהודא בן בבא איז איבער געבליבין, האט ער גינומען זעקס תלמידים פון ר' עקיבא: — ר' מאיר (בעל-הנס), ר' יהודא, ר' שמעון, ר' יוסי, ר' אלעזר בן שמוע, ר' נחמי', וועלכע ר' עקיבא האט נאך ניט בעוויזען זייא מסמיך צו זיין, און איז געגאנגען מיט זייא צווישען די צוויא שטעט אושא און שפרעם, און האט זייא דארטין מסמיך גיוועזן.

באלד נאך דער סמיכה איז מען בעפאלען פון די רעגירונג, זאגט ער צו די תלמידים מיינע ליבע קינדער לויפט רעטעט זיך, דען איהר זייט היינטיגען טאג די קוועלע פון דער תורה, פרעגין זייא אים, רבי וואס וועט זיין מיט דיר? ענטפערט ער, איך בין מיט דעם צופרידין, דען מיין גאנג איז גיוועזן אויף דעם, איך האב זיך גימאכט וויא אשטיין וואס פילט גאר ניט בעת מען קערט איהם, נור דעם ציעל אויס צו פיהרען, די תורה מיט איהרע גוטע ארדענונגען זאל ניט אבגיהאקט ווערין.

די זעקס תלמידים האט די השגחה בעשיצט אז זייא זיינען נמלט גיווארין פון די רומיים'ס הענט און דעם רבי האט מען גיפונען, זייא האבין צו לעבערט זיין לייב וויא אזיפ, ער האט אבער די מלחמה פיר דער תורה אויס גיפירט, און די זעקס תלמידים פון ר' עקיבא האבין זיך צושפרייט צווישין אידין מיט דער תורה שבעל פה, וואס זייא האבין מקבל גיוועזן פון זייער רבי ר' עקיבא, און פון די קוועלע איז איבער געבליבין אויף עוויג תורה שבעל פה ביי דעם כלל ישראל אומעדום.

ווער עס לעזט נור די יודישע היסטאריע מיט אקאפ, זעהט וויא אויף יעדער שריט איז אן צוטאפין מיטין האנד די השגחה נפלא'ה פון השי"ת אויף אידין בכלל, און בפרט אויף תורה שבעל פה, זיא זאל ניט פערגעסין ווערין, ווייל דאס איז די נשמה פון יודין, וויא מיר זאגין אין ברכת התורה אשר נתן לנו תורת אמת (זו תורת שבכתב) וחיי עולם נטע בתוכנו (זו תורה שבעל פה, טור ושו"ע או"ח סקל"ט).

נאכהער אין די שפעטערע דורות אז די מחמאדאנער האבין זיך מתקנא גיוועזן אין אידישען כבוד און האבין גיטויט דעם ראש הגולה און נאכהער נאכין טויט פון רבינו סעדיא גאון, וואס עס איז שווער

גיוועזן

געוועזן אוים צוא דאלטין דיא ישיבות אין בבל, אונ דיא ליכט פון תורה שבעל פה האט אוים געוויזין וויא זיא גייט אונטער, ווייל עס וועט ניט זיין ווער עס זאל אונז ערקלערין דיא קורצע אונ טיפע ווערטער פון משנה ותלמוד.

אט אין יענער צייט זעהט מען וויא דיא השגחה האט גיזעהען צוא איספאלנייען איהר קאנטראקט, וואס זיא האט אונז גיגעבין אז רוחי אשר עליך ודברי אשר שמתי בפיך (זו תורה שבע"פ) לא ימושו מפיך כו' מעתה ועד עולם. אונ אזויא וויא אידין זיינען צושפרייט גיווארין בארבע כנפות הארץ, אונ האבין מיט זיך ניט גיהאט קיין גדולי ישראל, וואס זאלין זייא אין פונדעווען ישיבות, וואס פון דארטין זאל ארוים ליכטיגקייט אויף דער וועלט, האט דיא השגחה מסבב גיוועזן אז עס זיינען ארוים גיפאהרין פיער גדולי ישראל פון בבל וועגין אדבר מצוה. איינער האט גיהייסין ר' משה בן חנוך, ער איז גיפארין מיט זיינע איונגע פרוי מיט א זאהן, 2) ר' שמרי' ב"ר אלחנן, 3) ר' חושיאל, 4) איז אונבעוואוסט, זיינען זייא גיפאנגען גיווארין פון רויבער אין איטאליע ביין פארט פון שטאט ברי בשנת 4708 לב"ע (דער הויפט-מאן פון דיא רויבער האט גיוואלט מאנס זיין דיא פרויא פון ר' משה, זיא איז גיוועזן איפת תאר, האט זיא אוואונק גיטאן צוא איהר מאן אויף העברייאיש, אויב דיא וואס ווערין דערטרונקען אין ים וועלין אויף שטיין תחיית המתים? האט ער איהר גיענטפערט יא, האט זיא זיך אריין גיווארפין אין ים). האט מען דיא 4 שבוים אוים גילייזט אין 4 בעזונדערע ערטער אלס פראסטע מענשין, וויא דער שטייגער פון ישראל קדושים לפדות שבויים, ר' שמרי'ן האט מען גילייזט אין אלכסנדריא של מצרים איז ער גיווארין דער חכם הכולל פון מצרים, ר' חושיאל'ן האט מען געלייזט אין אלקירואן (פון אפריקא, וועלכע האט גיהערט צוא ישמעאל) איז ער גיווארין חכם הכולל פון ארץ ישמעאל, ר' משה'ן מיט זיין זאהן האט מען גילייזט אין קורדובה (שפאניען) איז ער גיווארין רב הכולל אין שפאניען נאך איהם איז גיוועזן ר' חנוך זיין זאהן, דעם פירטין האבין גילייזט דיא בני צרפת (פראנקרייך).

דיא פיר שבוים האבין פערשפרייט דיא תורה אין דער וועלט, אין אפריקא האט ר' חושיאל מיט זיין זאהן רבינו חננאל אויף געשטעלט גרויסע תלמידים, פון דיא תלמידים איז גיוועזן רבינו יצחק (דער מחבר פון אלפס), ער איז ארוים קיין שפאניאן אונ געפיהרט אישיבה, פון אלפס'ס תלמידים איז גיוועזן רבינו ר"י מיגאש, וואס פון זיין זיסע קוועלע האט גישעפט דער רמב"ם זיין תורה.

נאך רב האי גאון'ס טוידט, זיינען דיא ישיבות פון בבל גאר אונטער געגאנגען, האט דיא השגחה מסבב גיוועזן אז אין צרפת (בשנת 4800 לב"ע)

האט

האט ארויס גישיינט אליכטיגער שטערין רבנו שלמה יצחקי (רש"י), ער איז דער וועלט רבי פון תורה שבכתב און תורה שבעל פה. נאכהער האט אויף געשיינט אין שפאניען דער רמב"ם, און נאכהער גאונים מיט גרויסע ישיבות איין דור נאך דעם אנדערין ביז וואנען עס איז געגרינדעט גע־ווארען דער שולחן ערוך, וועלכער איז מבאר אין קורצין גאנץ דייטליך אלע דינים פון מצות הנוהגות, וויא עס איז גיגעבין געווארען פון הקב"ה צוא משה רבינו, מיט אלע תקנות פון חז"ל, וואס זייא האבין איין גיזעהען אין יעדער דור ארום־צוצאמען דעם יודישען קרעפאסט (אני חומת זו תורה *), ער זאל האבין אקיום כימי השמים על הארץ.

דיא אלע גאונים האבין ניט גיהאט קיין שום ממשלה אין דער האנד, און זייגען דאך גיווען יעדער אין זיין צייט דער גייסטיגער קעניג פון אלע יודין, אלע קהלות האבין זיך צוא איהם גיבייגט וויא דיא בלומען צוא דער ליכטיגער זון, און האבין פון איהם גישעפט זאפט און לעבען.

דאס איז דער ציעל פון רבנו הקדוש וואס ער וויל אונז דא לערנען דיא מוסרים און מדות פון דיא בעריהמטע חכמי ישראל וואס יעדער אייגציגער האט צעהנדליגע יאהרין פראקטיצירט אויף יעדער מדה ביז ער האט איהר גרינדליך ערלערינט אונד פעסט אוועק געשטעלט, איז ער אונז צום ערשטען מקדים דיא קליינע הקדמה פון שלשלת הקבלה, אז עס ציהט זיך אקייטעלע פון דיא חכמי ישראל ביז משה רבנו ע"ה, און דיא דינים און מוסרים און מדות זיינען דיא נשמה פון אידין (דכל מדה מקורה מתורת הכתב כאשר רמז רבנו הגר"א בביאורו לאבות, דהנהו דכתיבי באורייתא מיקרי אבות) און ווער עס בעאכטעט ניט אדער ער לייקענט אין איין ווארט פון חז"ל (וואס דיא קייטעלע ציהט זיך אויך יעצט ביז דיא ארבע שולחן ערוך) איז פיל גלייך וויא ער וואלט לייקענען אין דער גאנצער תורה, און ער איז אבגעשלאסען פון פערבינדונג פון בורא מיט אידין, ווארום דיא היילינע משנה (און יעצט אויך דער תלמוד מיט דיא ארבע שו"ע וואס זייא ערקלעהרין דיא קורצע רייד פון דער משנה) גייט בקבלה איינער פון דעם צווייטין, אתלמיד פון זיין רבי, און דער פון זיין רבי כסדר ארויף ביז משה רבנו מפי הקב"ה. און דער וואס איז חלילה מבזה תורה שבעל פה (תלמוד

אונ

*) קורא יקר! אם רוח הזמן לא נסך עליך תרדמה. פקח עיניך וראה מקור נאמן לתקנות חכמינו ז"ל ולסייגיהם שעשו לתורה, מפרשת נזיר (במדבר ו'), אע"פ שעיקר איסורו אינו אלא שתיית יין. הנה אסרת לו התורה כל מה שיש לו שייכות עם היין (כל היוצא מגפן היין מחרצנים ועד זג), למדה תורתנו הקדושה בזה לחכמנו בכל דור ודור, איך יעשו הם הסייג לתורה במשמרת שנמסר בידם לעשות למשמרתה (כמ"ש ושמרתם את משמרתי, עשו משמרת למשמרתי), כי ילמדו מן הנזיר לאסור בעבור העיקר גם כל דדמי לי' כבעל הכרם שרמז לאשר על ביתו לעשות גדר לכרמו בל יכרסמנו חזיר מיער (עין סע"ת נר"י ע"ע נד ע"ב ובהערתי שם).

און שולחן ערוך) הייסט ער דבר ה׳ בזה ואת מצותו הפר כו׳, השי״ת זאל אונז מציל זיין פון דעם גרויסען שטראף וואס די תורה שרייבט אויף דעם אין דעם זעלבען פסוק (במדבר ט״ו, לא), און זאל אויך עפענען אונזער הערץ צוא זיין תורה מיט די ערהאבענע מדות, וואס די מסכת אבות בעלערינט אונז.

די גאנצע געזעלשאפט האט זיך גוט איין געהארכט מיין רעדע וועגען די ביאגראפיע פון תורה שבעל פה, און איבערהויפט די ערציילונג פון משה רבינו מיט רבנו הקדוש, וויא עס האט זיך ריכטיג פערגליכען זייער גיבורטס-היסטאריע. איבערהויפט האט דאס געווירקט אויף די יונגע ריינע הערצלאך פון די קינדער, וועלכע די געסט האבען מיט געבראכט.

ערציילט אונז ווייטער די ביאגראפיע פון אונזער תורה — רופען זיך אויס איינגע פון די געסט — עס איז זייער אינטערעסאנט און אנגענעהם צוא הערין.

אבוואהל איך בין זייער מיד געווען פון די פאריגע רעדע וואס האט געווערט איינגע שטונדין, אבער דיזע ערינסטע פערלאנג פון די פובליקע האט מיר געגעבען פרישע קרעפטען, און נאך אקורצע פויזע האב איך אנגעפאנגען דיזע ערציילונג.

מיט איינגע יאהר צוריק ביי מיין פאהרין מיטין פאראחאד פון קאנ-סטאנטינאפאל נאך פאלעסטינע, איז מיר פארגעקומען צו הערין אשיינעם ראז-גאוואר פון „חיים דעם קלוגען ישיבה-מאן" מיט איינגע פערסיאנער קויפלייטע.

מאמא! דאס איז פיליכט דער זעלבער חיים וואס האט ביי די טאנטע אויף די האכציית אב געפיהרט אסצענע מיט דעם געגאנבעטען עפיל? — רופט זיך אב אקליינע טאכטער צוא איהר מוטער.

יא יא, מיין ליבעס קינד, ענטפער איך, דאס איז טאקע דער זעלבער קלוגער ישיבה-מאן. — אויב אזויא! רופען זיך אויס איינגע, זיינען מיר זייער גערין, צוא הערין, ווייל דער קלוגער ישיבה-מאן איז אונז זייער גוט בעקאנט.

טראקטירען זייא מיר אשטיקעלע פון זייערע קארין-ברויט, רופט זיך אויס איינע פערסיאנער דאמע צוא חיים'ן, זעהענדיג איהם עסין קארין-ברויט וואס ער האט מיט געפיהרט (אויף דעם פערעהאד) פון ליטא.

חיים האט אב געשניטין ארעכטע שטיק ברויט און האט איהר דערלאנגט מיט עהרע, זיא האט איהם זייער געדאנקט, און זייער פריינדליך פונאנדער גערעדט זיך מיט איהם פון וועלכע שטאט ער איז, און וואוהין ער פארט?

די ארומיגע פערסיאנער אנטיסימיטען האט דאס פערדראסין וואס זיא

אמאזירט

אַמאַזירט זיך אַזויא פֿריינדליך מיט איין יודין. האָבען זייא אָן גיהייבין איהר אָן צוא טרעטין גראָב.

וויא עס ווייזט אויס איז זיא גאר קיין דוראַק ניט געוועזען, אונ ענטפערט זייא, איהר מיינט מאָקע אַז איך נוזדייע זיך אַזוי וועגען דיא שטיקיל קאַרעין ברויט. נור אַזויא גלאַט איך האָב ליב צו פֿערברייגען מיט איין אידין, ווייל אידין זיינען דאָס מעהרסטע פֿייהיגע און קלוגע מענשין.

דיזער גילאַסענער אַנטוואָרט האָט זייא נאָך מעהר אויפגירעגט, אונ האָבין איהר נאָך שטאַרקער אָן געטראַטין.

איך וועל אייך דערציילען דעם אמת, — ענטפערט דיא פֿערסיאַנקע גאַר קאַלטבלוטיג — מיין מאַן איז גאר ניט פֿרום. ער האַלט גאר ווייניג פון אונזער רעליגיע. ער האָט מיר פֿיל מאָל געזאָגט גאַנץ אָפֿען אַז איהם געפֿעלט זעהער דיא אידישע רעליגיע, דאָס איז דיא אורזאַך וואָס איך האָב ליב צוא פֿערברייגען מיט איין אידין.

הערענדיג דיזע וואָרטין האָט זיך אָן גיהויבין ביי זייא אַגאַנצער דיספוט וועגען זייער אמונה, ביז וואַנען זיא איז קורץ גיקומען אין אַנט-וואָרטין גיט זיא זיך אָקער צוא חיים'ן, וואָס זאָגסטו ליבער יוד? איר זייט דאָך עפעס קלוגע מענטשין ענטפער דוא.

חיים זיצט שטיל אונ ענטפערט ניט אַוואָרט — ניט ווייל ער האָט ניט גיהאַט וואָס צוא ענטפערין, נור פשוט ווייל ער האָט גיהיט דיא ביינער, מיר זיינען גיוועזען נור איינציגע אידין אויף דעם פּאַראַכאַד, וואָס איז פֿול גיוועזען מיט ניט אַזעלכע הייסע פֿריינד אידישע, אונ מען האָט אונז ניט גיזאַלעוועט אַביסיל שטעך ווערטער אויך.

וואָרום שווייגט איהר, חיים? — זאָגט ווייטער דיא דאַמע — האָט קיין פֿורכט ניט, איהר מעגט ענטפערין גאַנץ סמיעלאַ, אַזויא האָט זיא פֿאָרוו-טאַראַיעט איינציגע מאָל אונ איז שטאַרק אַנגעשטאַנען אויף חיים'ן ער זאָל וואָס ענטפערין.

ביי אַרענטליכע קויפלייטע פֿירט זיך — ענטפערט חיים — אַז מען זאָל ניט שענדען יענעמס וואַארע, ווען אויך איך וויל זייער לייזין פֿיר מיינע. איך האָב נור רעכט פֿאַרצושטעלין אונ אויפוויזען דיא מעלות פון מיינע וואַארע, אָבער ניט זאָגען פֿעהלערין אויף יענעמס. אויב איהר גיעהרטע פובליקע ווילט האָרכין דיא מעלות פון אונזערע הימילם-וואַארע (כי טוב סחרה מכל סחורה) בין איך גרייט צו טאָהן אייער פֿערלאַנג.

מיר זיינען זייער גערען צוא האָרכען, ענטפערט דיא דאַמע, אונ האָט

איינגעשטילט

איינגעשטילט דיא פובליקע, אז אלע זיינען געבליבען זיצען רוהיג.

אונזער היסטאריע איז געווים אלעמען בעקאנט. — הייבט אן חיים — וועלכער גילערינטער מאן האט ניט גילעזין אונזער ביבל (תנ"ך) וועלכער איז איבער זעצט אויף אלע שפראך, וואס איז נור דא אויף דער וועלט (ביז היינט איז ער פערעוואדעט העבער וויא אויף 300 שפראך). פון וואנען מיר יודין שטאמען איז אייך געווים בעקאנט. פון דיא 3 בעריהמטע מענער אברהם יצחק ויעקב, וואס אלע נאציאנען גיבען זייא עהרע, וויא דער עוויגער האט פאראוים פערשפראכען צוא אברהם, ווען אייך דוא בינסט יעצט גיאגט פון אלעמען אונ מען פארשפרייט נעצין אונטער דיינע פיס, אונ מען מינעוועט דיא ערד אונטער דיר, דיך אום צו ברייננגען פון דער וועלט, דאך שרעק זיך ניט, ווייל איך בין מיט דיר, איך וועל בענצין דיזע וואס בענצין אונ לויבין דיר (ואברכה מברכיך) אונ וועל פלוכין דיא יעניגע וואס פלוכין אונ שענדין דיר (ומקללך אאור) אונ אם ענדע וועלין אלע אנערקענען דיין גירעכטיגקייט אונ וועלין זיך בענטשין מיט דיר (ונברכו בך כל משפחות האדמה). אונזערע גילערינטע (חכמי המדרש) שטעלין אונז פאהר וויא אברהם, וואס ער איז גיוועו אין אצייט וואס אלע האבין זיך געשפילט מיט פאפקעס אונ ליאלקעס (געצין דינסט), אונ גיהאדעוועט זיך אויך בייא אפאטער וואס האט גיהאלטין איין מאגאזין פון געצין בילדער. וויא אזויא ער איז גיקומען צום אמת, אונ האט דערקענט דעם באשעפער פון הימיל אונ ערד. זייא שטעלין דאס פאר וויא אוועלט רייזענדער האט געבלאנדזעט אין אפינסטערע נאכט (וראה בירה דולקת), וויא איך האב דיר ליבער פאטער געשריבען אין מיין צווייטין בריף פון יעצטיגע רייזע

אויך ערקלערין אונזערע גילערינטע (חכמי המדרש) דיא קורצע היסטאריע פון ביביל (בראשית י"ד) וועגין דיא 4 מלכים אמרפל (הוא נמרוד) מיט זיינע חברים וועלכע האבין געפאנגען לוט'ן, וואס פאר דינאמיט זיי האבין גיוואלט לייגין אונטער אברהם אבינו'ס פאלאץ (פון ויקרא שם אברם בשם ה') *), וויא נמרוד האט גיזעהען אז מיט קיין דיספוטין (וויכוחים) קען ער גאר ניט מאכין, ווייל אברהם אבינו מיט זיין שארפען שכל אונ פערילדיגע רייד איז מנצח אלע וויכוחים וועגין אמונה, אונ זיין וויכטיגער פלאן פון קאלך אויבין האט זיך אויך ניט איין גיגעבין**), אין געגענטהייל אברהם איז דא ארוים מיט אבריליאנטענע קרוין

פון

---

*) חרב פתחו רשעים (זה אמרפל [נמרוד] וחבריו) ודרכו קשתם להפיל עני ואביון (זה לוט) לטבוח ישרי דרך (זה אברהם), הרבם תבא בלבם (ויחלק עליהם לילה הוא ועבדיו ויכם), מדרש (ב"ר פמ"ב).

**) נמרוד האט בעטראכט וויא באלד מיט איינפאכע וויכוחים איז אברהם אלעמען מנצח, דארף מען זעהען אים אב צו ראמען פון וועג, ער זאל אים ניט זיין

פון נצחון, אז פיל זיינען צוא געשטאנען צוא אים (ואת הנפש אשר עשו בחרן), דרום מוז מען אוים מיידען פון בעגעגענען זיך מיט אברהם'ן. נור אין דער שטיל דארף מען זיך קליגען צוא שטערין זיין פלאן, אז אלע זיינע רעדעס וועלכע ער האלט אין יעדער ארט פון זיין רייזע זאל קיינע ווירקונג מאכען. אלאנגע צייט האבין זייא גיקלערט וועגין דעם אונ ניט געפונען קיין וועג, ביז עס האט זיך זייא געמאכט דיא געלעגענהייט, אזויא וויא לוט האט זיך געשיידעט פון אברהם קערפערליך אונ גייסטליך (ויסע לוט מקדם, מקדמונו של עולם), אונ האט זיך מתחבר גיוועזן מיט דיא רשעים פון סדום, אונ אזויא וויא לוט מיט אברהם זיינען איין געזיכט (כי אנשים אחים אנחנו, פרש"י דומין בקלסתר פנים), דארף מען דא זעהן צוא בעקומען דעם לוט, אונ מיט לוט'ן וועלין זייא מאכען אריינזע אין דער וועלט אונ אים פארשטעלין אז דאס איז אברהם (וואס זיין נאמען האט זיך גיהערט גאנץ ווייט), ווער רעט אין דיא פלעצער וואס אברהם איז נאך ניט געוועזען איז מה טוב, אונ וואו אברהם איז יע געוועזען, וועלען זייא קומען אין אהער ארום מיט לוט'ן אונ פארשטעלין אז ער איז אברהם, אונ אן הייבען ארעדע נאך דיא טהעמע פון אברהם אונ מהפך זיין קערה על פיה. הכלל דאס איז אגאלדענער פלאן, ווען עס וואלט זייא אב גילטען וואלטין זייא צוא ריסען אברהם'ס בנין עד היסוד. נור וויא אזויא בעקומט מען לוט'ן אז קיינער זאל ניט אנמערקען? האט דא נמרוד (שהוא מבני חם) געפונען א גאלדענע צייט, ווען דיא פינף מלכים האבין מורד געוועזען אויף כדרלעומר (שהוא מבני שם), האט ער זיך צוא געמאכט צוא איהם אונ איהם געגעבין א עצה ארוים צוא גיין אויף מלחמה, אונ ווען זייא זיינען געוועזען בייא סדום, הגם לוט איז גראד ניט גיוועזען אויף דעם פלאץ פון מלחמה, האט

מען

קיין בליין אין האלז, איז ער ארוים מיט אנאיעם פלאן, אז דער גאט פון אברהם מיט זייערע געטער זאלין ארוים אויף אדועל (פויסטען וויכוח) אונ ווער וועמען עס וועט זיגען דער איז דער העכסטער פון אלע, אונ וויא באלד זייא דינען צוא כוכבים ומזלות וואס דיא זון איז דער גרעסטער פון זייא, וועלין זייא שטעלין אקאלך אויבין פאיער פאר אשליח פון זייערע געטער, און אברהם זאל שטעלין אשליח פאר זיין גאט פון הימיל. אונ אזוי וויא אברהם דרשנת אז דער איינציגער גאט פון הימל איז ניט קיין קארפער אונ מען קען צוא איהם קיין תמונה ניט מאכען, אלזא זאל אברהם אליין זיין דער שליח אונ ארוים גיין אויף אדועל מיט'ן קאלך אויבין, דא וועלין מיר זעהן דיא ריכטיגקייט. מיט דיזען פלאן האבען זייא גאר אנדערס ניט גערעכנט אז זייא זיינען שוין מבער חמץ אויף עוויג. אונ מען האט אברהם'ן אראפ געלאזען אין קאלך אויבין, האט השי"ת געטאן וואונדער אונ ארוים גישטויסען דיא היטץ פון פאיער אין דרויסען אז אינעוויניג זאל זיין קאלט, איז אברהם ארום געשפאצירט אינעוויניג אונ פון דרויסען האט גע־שמיילעט אונ פערברענט אלע הויפט יועצים, פון דיזען חיטרעסין פלאן.

מען אריין געשיקט איין אגענט אין שטאט אונ איהם גענומען מיט זיין גאנצע רייכטהום, וואס ער איז אברהם'ס בילד (ואת רכושו (שהוא) בן אחי אברם, כמו בן-חיל). אונ מי יודע וואס פאר אפינסטערנעס זייא וואלטין אן מאכען אויף דער וועלט מיט לוט'ן, ווען דיא השגחה וואלט ניט ארויס רייסין לוט'ן פון זייערע ציינער, מיט אזעלכע וואונדער למעלה מן הטבע, וואס אברהם האט אזויא ווייט זיך גאר ניט פארגעשטעלט. ער איז גאר ארויס מיט איין אנדער כוונה, וויא ער האט דא דער הערט אז זייא האבין געפאנגען זיין בילד, אונ האט פערשטאנען זייער מיין (וישמע אברם (לשון הבנה) כי נשבה אחיו (הדומה לו בקלסתר פנים) האט ער פארגעשטעלט זיינע חניכים דעם פינסטערין וואלקען וואס וועט ערשט אויפגיין אויף זייער הימל, אונ האט זיך שרעקליך פערטיפט מיט זייא אין איין דבר הלכה (פון עצביהם כסף וזהב) אונ מיט דעם האט ער זייא מזרז געוועזען (וירק את חניכיו, הוריקן בתורת, נדרים ל"ב), אז ער וועט גיין אין דער מלחמה אונ פאלין אויף קדוש השם (אצא ואפול על קדוש שמו של מקום, מדרש ב"ר פמ"ג), ד. ה. מיט דעם וואס ער (אברהם) וועט גיהארגעט ווערין אין דער מלחמה וועט צוא שטערט ווערין זייער פלאן, ווייל דיא נאבריכט אז אברהם איז געפאלין אין דער מלחמה וועט ווערין פערנאנדער געקלונגען אין דער וועלט, היינט אז זייא וועלין נאכהער קומען וואו עס איז מיט לוט'ן אין דעם נאמען פון אברהם וועט מען אים פערשפייען דיא גענזיכט פיר דעם שקר, ווייל אלע ווייסין אז אברהם איז געפאלין אין דער מלחמה, וועט לפחות דיא ביסעלע וואס ער האט איין גיהארעוועט מיט זיינע רעדעס פערבלייבען שיינען אויף דער וועלט.

אז השי"ת האט גיזעהן וויא אברהם אפפערט זיך פון כבוד שמים וועגין, עס איז בייא איהם רעכט צוא פאלין אין דער מלחמה אבי אב צוא ראטעווען וואס ער האט אויף גיטאן, צוא מאכען ערקענען דעם בורא יחיד אין פיל שטעלען. זאגט ער, אברהם מיין זוהן, דיין יעצטיגע מסירת נפש וועט ווירקען, ניט אזויא עס זאל ניט פערלאשען ווערען וואס דוא האסט ביז הער געמאכט אויפשיינען, עס וועט נאך געבין אגוואלדיגע שיין אויף ווייטער, דורך דעם וואס איך וועל אין דיין האנד (מיט דיין ביסעלע חניכים) איבער געבין אזא גוואלדיגע מחנה ריזין, האט אברהם אין דיא האלבע נאכט אויף געטאן מער וויא אויף זיין גאנצען לעבין, אונ דיא אנדערע האלבע נאכט האט השי"ת איבער געלאזין פיר אברהם'ס איינקלאך אין מצרים, אז זייא וועלין קומען אין אברהם'ס מדרגה, אונ וועלין זיך אויך מוסר נפש זיין

פון

פון גאט׳ס וועגן (וויא שחיטת חטלה שהוא אליל מצרים) וועט ער מיט זייא אויך טאן גיוואלדיגע וואונדער, וואס וועט פונאנדער קלינגען אין דער גאנצער וועלט (ויהי בחצי הלילה וגו׳), דרום שטייט ויחלק עליהם לילה דורך דעם זכות וואס אברהם מיט זיין קליינע קומפאניא האבין זיך צוא טיילט אין דיא נאכט (ט״ו ניסן) נאך יאגין דיא מלכים וואס האבען געפאנגען לוט׳ן, אום צוא פערהייליגען דעם עוויגען׳ס נאמען, דאפיר האט השי״ת אויך צוטיילט דיא נאכט (פון פסח), אין דיא ערסטע האלבע נאכט האט ער געטאן ניסים מיט אברהם אבינו, אונ דיא אנדערע האלבע נאכט מיט זיינע אייניקלאך אין מצרים*).

אה! דוא ליבער קלוגער חיים וואו נעם איך דיר יעצט? איך וואלט דיר אקוס טאן אין קאפ פאר דיא גאנצע פובליקע, דוא האסט מיר יעצט גיעפינט דיא אויגין אין אוויכטיגען ענין, וועלכען איך וויל האבין דיא עהרע אייך צוא ערציילען (האט זיך אויסגערופין איינער פון אונזער געזעלשאפט).

בעטראכטענדיג דיא פריידע וואס אויף דיזען מענשען איז געווארען אונ זיין נייגעריגקייט צוא ערציילען זיין געשיכטע, האב איך מפסיק גיוועזן מיין רעדע אונ אים ערלויבט צוא ערציילען.

פאריגען יאהר — הייבט יענער אן — זיינען מיר איינע סוחרים פארפארין שבת אין אקרעצמע, וועלכע דארטין וואר דער מנין פון ארומיגע ישובים, הערען מיר ארצזגאוואר, וועגען אספר תורה וואס זייא האבין געשריבין אונ דער בעל מגיה האט געפונען אין פ׳ לך (פסוק ויקחו את לוט ואת רכושו) פעלט דרייא ווערטער „בן אחי אברם״.

זאג מיין קינד ווער איז לוט גיוועזן? פרעגט דעם סופר׳ס אפריינד בייא אזעק׳ס יאהריגען אינגיל (דלא חכים ולא טיפש).

לוט איז גיוועזן אברם׳ס אפלימעניק וויא איך האב גילערינט בפ׳ נח „והרן (אברם׳ס ברודער) הוליד את לוט״ אונ אין אנפאנג פ׳ לך „ואת לוט בן אחיו״, אזויא ענטפערט דער קינד לתומו.

אז יע אזויא, אז אתינוק דלא חכים ולא טיפש ווייס אויך (ווער לוט איז) טוא וואס ארט אונז אז דא שטייט ניט „בן אחי אברם״ ווארום זאלין מיר אוים ברייגען דעם ארימען סופר פינף רו״כ איבער שרייבען אגאנצע יריעה?

ניין מיין פריינד! ענטפערט דער גבאי — אפשוטער איד — איך ווייס ניט

*) ביאור פ׳ זו שמעתי מפי ידיד נפשי הרת״נ פה מפיק מרגליות ר׳ בנציון ארי׳ ליב ציזלינג שליט״א.

ניט פון קיין גליקען, איך ווייס נור אז בכל תפוצות ישראל אין אלע ספרי תורות שטייט אויך „בן אחי אברם" קען איך ניט צוא געמען אפסולה ספר תורה, אונ עס איז געווארען ארעכטע ספארקע צווישען זייא.

איך וועל אוים העלפין דעם סופר מיט פינף רו"כ — רופט זיך אוים איינער אמשכיל פון אונזער קומפאניא סוחרים — נור אקליינינקייט וועל איך פערלאנגען ער זאל שרייבען ויקחו את לוט בן אחי אברם ואת רכושו, זא וועט ניט פעלין קיין ווארט אונ עס וועט זיין פראווילנא (ווייל „לוט" איז דאך בן אחי אברם, ניט דיא רכוש).

אויב אזוי, רופט זיך אוים נאך אמשכיל, גיב איך צעהן רו"כ מען זאל שרייבען וויא דוא זאגסט, אונ נאך אזאך אום בייטען אין אנהייב פרשה ויהי בימי אמרפל זאל מען שרייבען ויהי בימי כדרלעומר מלך עילם אמרפל מלך שנער כו' וויא דער שטייגער איז אז דער גערעי (דער העלד) וואס שפילט דיא ראליע אין דער געשיכטע שטייט צום ערשטין אונ דא שפילט דיא ראליע כדרלעומר (וויא עס שטייט שתים עשרה שנת עבדו את כדרלעומר כו' ובארבע עשרה שנת בא כדרלעומר כו').

קורץ דער פון עס איז געווארען אסך בעלנים איבער צוא שטעלין פיל זאכין אין דער פרשה, אונ יעדער ווייזט אז ער איז גערעכט, אז אין דיא פרשה שטייט פיל ווערטער ניט אויף זייער ארט, וויא צום בש"פ ויחלק „הוא ועבדיו" עליהם לילה אונ דער גבאי שטייט שטייף וויא אפרוטאק, איר מעגט אפילו געבין פיל דיא גאנצע ספר תורה קאסט — זאגט ער צוא זייא — וועל איך ניט לאזין אום בייטען איין אות, דער גבאי איז געוועזן אפראסטער איד נור אגאנץ פרומער.

שבת צו נאכט זיינען מיר אוועק געפארען, איך זיץ מיר דיא גאנצע וועג אונ טראכט: אין דער אמת זיינען זייא דאך גירעכט אז מען וואלט אום בייטין דיא ווערטער ויהי בימי כדרלעומר כו' אונ ויקחו את לוט בן אחי אברם ואת רכושו, אונ ויחלק הוא ועבדיו עליהם לילה (כמ"ש רש"י סרס המקרא ודרשהו) וואלט דאך דיא פרשה גיוועזן גלאטער, ווארום האט טאקע השי"ת גיהייסין משה רבנו'ן שרייבען פארקערט וויא עס דארף זיין? קלערינדיג האט זיך מיר געגומען פארשטעלין נאך קשיות, וואס דארף מען דיא דרייא ווערטער והוא יושב בסדום? ווייס איך דען ניט אז לוט איז גיזעסין אין סדום? אונ צוא וואס מאכט דיא תורה פון דעם אבעזונ־דערין פסוק, עס האט דאך געקאנט שטיין צוא זאמען ויקחו את כל רכוש סדום ועמורה ואת כל אכלם ואת לוט ואת רכושו וילכו, אונ אז איך

האב

האב גענומען מער מעמיק זיין אין דעם, איז מיר קאמיש אויס געקומען דער גאנצער פסוק, וואס דער ציילט דא דיא תורה אז זייא האבין גע־נומען לוט'ן מיט זיין רכוש, דאס איז ריכטיג וויא איינער וואלט ערציילען אויף נאפאליאן 1 וואס ער האט אויפגעגרעש'ט דיא וועלט, אז גייענדיג אין שטרייט האט ער גענומען אין פלען אפאמיעשציק מיט זיינע 20000 קערבלאך וואס איז דאס פאר אנצחון ביי אזא העלד וויא נאפאליאן 1 ? דאס גלייכען דיא 4 מלכים וואס זייא האבען מרעיש עולם געוועזן, זייא האבין אויס געשלאגען דיא ריזען (רפאים) פון עשתרות קרנים, אונ דיא אימים (מורא־דיגע ריזען), אונ דעם עמלקי, אזעלכע גבורות נוראות, שרייבט דא דיא תורה אז זייא האבין געפאנגען אפאמיעשציק וויא לוט מיט זיין ביסיל ארימקייט, עס איז גאר ניט לאגיש געשריבען.

זונטאג פאר נאכט זיינען מיר געקומען אין אשטאט, איך האב גראדע געהאט יארצייט בין איך אריין אין ביהמ"ד צוא מעריב, געפין איך מען לערינט מדרש (פ׳ לך, וירק את חניכיו, אברהם הוריק פנים כנגדן, אמר אצא ואפול על קדוש שמו של מקום) טייטש גאר דער מדרש וירק לשון ירוק (גרין, געל) ער וועט גיין אונ פאלין אין דער מלחמה, דאס הייסט געהרג'ט ווערין, אויף קידוש השם. דער מדרש האט מיר גאר צו מישט מיין מוח אונ ארויף גישאטין זאלץ אויף מיינע וואונדין, וואס איז דאס פאר אפלאן צוא גיין אונ גע־הרג'ט ווערין אין דער מלחמה ? וואס פאר אקדוש השם וועט זיין אז אברהם וועט גיהרג'ט ווערין ?

יעצט מיט דיא געשיכטע וואס חיים האט ערציילט איז אראפ אלע שטיינער פון מיין הארצין אונ דיא פרשה שיינט וויא דיא זון, דא איז גאר אמרפל (וואס ער איז נמרוד) גיוועזן דער העלד פון דער געשיכטע, דיא מרידה אויף כדרלעומר'ן איז אים גיוועזן אגוטע געלעגענהייט צוא זיין פלאן, דיא וועלט זאל ניט מערקען צוא וועלכען ציעל ער דארף דא האבין לוט'ן, אונ גראד אין דער צייט וואס לוט האט זיך געשיידעט פון אברהם אונ פון זיינע דעות ישרות (ויסע לוט מקדם, מקדמונו של עולם) איז דאן אגוטע צייט צוא בעקאמען איהם, ווייל ער וועט זייא זייער נוצין צוא זייער פלאן שטרייטין קעגין אברהם „בקשת" (פון ווייטען), דאס איז אונז דיא תורה מדייק אז זייער צוא געמען דיא רכוש סדום ועמורה מיט זייער נעמען לוט'ן איז זייער פערשיידען, דיא רכוש פון סדום ועמורה מיט זייערע שפייז האבען גינומען דיא מיליטער, אבער לוט'ן מיט זיין הויפט־רכוש וואס ער איז „בן (אמאן, כמו בן־חיל) אחי אברם" אברם'ס־געזיכט, דאס האבין גאר

אודזוריזו

אַנְדֶערֶע גֶענוּמֶען, אמרפל מִיט זַיין סְווִיטֶע, והראי׳ „והוא יושב בסדום״ לוט אִיז גָאר נִיט גֶעוֶוען אִפִּין שְׁטְרַייט-פְּלַאץ (בעמק חשידים) טוּא וִויא קוּמֶען דִיא אַנְשֵׁי הַמִלְחָמָה צוּא אִים אִין סדום? נור צוּא אִים אִיז גֶעשִׁיקְט גֶי- וָוארִין עֶקְסְטְרַא מֶענְשֶׁען צוּא גֶעמֶען, וַוייל עֶר אִיז גֶעוֶוען דֶער גַאנְצֶער צִיעל פוּן זַייעֶר מִלְחָמָה (לחפיל עני ואביון, זה לוט שהי׳ עני בדעת) אוּנ צוּא וָואס דַארְפִין זַייא אִיהם? וַוייל עֶר הָאט אַרַייבֶּען אֵייגֶענְטְהוּם וָואס עֶר אִיז „בן אחי אברם״, אברם׳ס פַּאטְרֶעט*) ווִילֶען זַייא דוּרְךְ אִיהם אוּיס פִּירֶען זַייעֶר צִיעל (לשבות ישרי דרך, זה אברהם) אָבּ רַאמֶען אברהם׳ן וָואס עֶר הָאט גֶעמַאכְט אַגְרַאדֶע וֶועג (שהודיע לבאי עולם הדרך ילכו בה).

יַא יַא — אַנְטְוָוארְטֶע אִיךְ — דִיזֶע גֶעשִׁיכְטֶע אִיז הַפְּלֵא וָפֶלֶא, פוּן דֶעם קֶענֶען מִיר לֶערְנֶען פִיל ווִיכְטִיגֶע זַאכִין. [1] ווִיא יֶעדֶער וָוארְט פוּן דֶער תוֹרָה אִיז גֶעמָאסְטִין אוּנ גֶעוואוֹיגִין אוֹיף דִיא גֶעטְלִיכֶע גִיוִויכְט, אוּנ מִיר טָארִין זִיךְ נִיט וַואגֶען אִיבֶּער צוּא מַאכֶען אֵיין אוֹת, וֶוען מִיר זַייגֶען אֲפִילוּ דִיא גְרֶעסְטֶע קֶענֶער אִין עֶבְרֶעאִישׁ אוּנ דִקְדוּק. [2] ווִיפִיל מְסִירַת נֶפֶשׁ הָאט דָאס אוּנְזֶער פָאטֶער אברהם דוּרְךְ גֶעמַאכְט, בִּיז וַואגֶען עֶר הָאט אוּנְז אוּיס גֶעסְטְרוֹיעֶט דִיא גְרַאדֶע וֶועג פוּן הכרת הבורא, נִיט אוּם זִיסְט הָאט השי״ת אִים גֶערוּפֶען „אברהם אוהבי״, אברהם מַיין גֶע- לִיבְּטֶער פְרַיינְד. הַיינְט אַז מִיר הָאבֶּען שׁוֹין אַפַארְטִיגֶע וֶועג, אוּנ מִיר דַארְפִין נוּר וֶועלִין גֵיין, וִויא נִיט פַיין עֶס אִיז פוּן אוּנְזֶער זַייט אַז מִיר לָאזִין אַוֶועק אַזַא גְרַאדֶע וֶועג אוּנ מִיר גֵייעֶן גָאר אִין ווִיסְטֶע וֶועגִין (אותי עזבו מקור מים חיים לחצוב להם בורות נשברים כו׳, ירמי׳ ב).

יֶעצְט לָאמִיר זִיךְ אוּם קֶערִין צוּ חיים׳ס רַאזְנַאוָואר, מִיט דִיא פֶערְסִיאַנֶער, דִיזֶע וואוּנְדֶער וָואס דֶער עֶווִיגֶער הָאט גִיטָאהן בַּייא דֶער מִלְחָמָה, פוּן דִיא פִיר מְלָכִים, הָאט אַבְרָהָם נִיט גִיוואוּסְט ווִיא אָבּ צוּ שֶׁאטְצֶען, דְרוּם אַז דֶער מֶלֶךְ סְדוֹם הָאט אִיהם גִיוָואלְט אָבּ גֶעבִּין דִיא גַאנְצֶע רַייכְטְהוּם, וֶועלְכֶע עֶר הָאט גִירֶעטֶעט פוּן דֶער מִלְחָמָה (נור דיא נפשות האט ער פערלאנגט אב צו נעמען בייא אים) הָאט אַבְרָהָם זִיךְ אוּיס גֶעדְרִיקְט מִיט אַזַא עֶרְהַאבֶּענֶעם גֶעפִיל „הֲרִימוֹתִי יָדִי אֶל ה׳״ אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאבֶּען אוּנ פֶערְהֵיילִיגְט מַיין מַאכְט אוּנ זִיעג פוּן דִיא מִלְחָמָה צוּא דֶעם עֶווִיגֶען, וַוייל דַאדוּרְךְ אִיז נִתְפַּרְסֵם גִיוָוארִין אַז עֶר אִיז דֶער „אֵל עֶלְיוֹן״ דֶער גְרוֹיסֶער אִינְזֶענֶער וָואס הָאט אוּיס גֶעסְטְרוֹיעֶט אַזַא גְוַואלְדִיגֶען וואוּנְדֶערְלִיכֶען פַּאלַאטְץ ווִיא דִיא הִימִיל אוּנ עֶרְד אוּנ אַלֶעם וָואס

אין

*) מאי טעמא בגין דדיוקני׳ דלוט הות דמי לאברהם, ובגין כך יילכו, דכל ההוא קרבא בגיני׳ הוה (זוהר בראשית צד 172 ד׳ ראם).

אין זייא געפינט זיך, היינט וואס דארף איך מעהר? איך האב שוין אב גינומען טויזענדער מאהל מעהר וויפיל דוא דיינקסט מיר צו געבין. דיזער הימילשער-פערגעניגען וואס איך האב פון דעם, וואס עס איז בעקאנט גיוואָרין אין דער. וועלט אז עס איז דא איין איינציגער בעשעפער אונ אפיהרער (בורא יחיד ומנהיג לכל הברואים) איז בייא מיר טייערער וויא אלע רייכטהום אין דער וועלט, אונ איך שעטץ זיך אזוי גליקליך אז מיר פעלט קיין זאך ניט.

דאס איז איין פאקט פון דיא גרויסע-וואונדערליכע היסטאריע פון אונזער פאטער אברהם, דאס איבעריגע איז אייך אלעמען בעוואוסט פון אונזער ביביל (תנ"ד). — דיא געשיכטע פון אונזער פאטער יצחק איז אייך אויך געוויס בעקאנט, וויא דיא פלשתים האבין איהם גיאגט פון זייער לאנד (לך מעמנו), ניט חלילה וועגין זיינעם א פערברעך געגין מענשין אדער געגין חוקי המדינה. יצחק האט ניט געהאלטין אויין-האנדיל, אז מען זאל קענען אויף איהם זאגין ער לערינט אוים דעם פראסטין גאראד שכרות (פיאנסטווא) בכדי זייער לעצטער גראשין זאל בלייבין בייא איהם, — יצחק האט ניט גילעבט פון וויינט, אז מען זאל זאגין אויף איהם ער מאכט סחר מכר, — יצחק איז ניט גיוועזן קיין ראס-טאוויסציק, וואס מען זאל קענען זאגין אז ער ציהט אראפ דיא הויט בייא דיא לייטע, יצחק האט זיך בעשעפטיגט מיט „אמונה-ארבעט" (אמונת, זה סדר זרעים, שבת לא*) ער האט גיארבייט דיא ערד, גיאקערט אונ גיזייט אונ גיבעטין בייא דעם ווירטה, וואס האט איהר בעשאפין, ער זאל איהר אנטרינקען מיט גוטע רעגין אונ טויא אונ גוטע לופטין, אונ דער עוויגער האט צו גיהערט זיין גיבעט אונ האט איהם בעגליקט מיט זיין ברייטע האנד, אז זיינע פעלדער האבין געוואקסין (מאה שערים) הונדערט מאהל אזוי פיל, וויפיל מען האט משער גיוועזן אז עס דארף וואקסין, ער האט דאכט זיך בייא קיינעם ניט אוועק גינומען? אם ענדע האבין איהם דיא פלשתים פון גרוים קנאה ענטזאגט פון זייער לאנד, מיט דעם אויסרייד (כי עצמת ממנו מאד) ווייל דיין גרוים רייכטהום איז אוועק גענומען פון אונז, איהר האט אין דעם עפעס אבעגריף? — אונזער פאטער יצחק האט זיך מיט קיינעם ניט געקריגט וועגין קערפערליכע ענינים, ער האט בעסער אב גיטראטין דיא וועג, אזוי דיא פלשתים אונ אזוי דיא אלע וועלכע האבין אוועק גינומען זיינע בריגימער וואסער, וואס זיינע דינער האבין גע-

גראבין

---

*) אלע זארטין מלאכה איז זייער מייסטער אים-שטאנדע פערטיג מאכין די ארבייט אין גאנצין ביז ענדע, זאנדערין „ערד-ארבייט", בייא דעם קען דער מענש נור מאכין דעם אנפאנג (אקערין אונ זייען) נאכהער מוז ער זיך אין גאנצין פערטרויען אויף דעם בעשעפער, דרום רופין איהר אונזערע חכמים „אמונה-ארבייט" [כמ"ש התוס' (שבת ל"א) בשם הירושלמי, שמאמין בחי העולמים וזורע].

גראבין, ער האט נור גיזעהען צו ארבעטין אין דעם מאיאנטיק וואס זיין פאטער אברהם האט איהם איבער גילאזין, דאס איז דיא „פעולת-ההכרזה" פובליצירען אונ מפרסם זיין אז דיא וועלט האט אוירטה וואס האט איהר בעשאפין אונ פיהרט דיאווירטשאפט איהרע (ויבן שם מזבח ויקרא בשם ה'). אונ נאכהער אז זיינע פערפאלגער זיינען גיקומען צו איהם בעטין ער זאל מיט זייא שליסען שלום, איז ער ניט גיוועזען קיין נוקם ונוטר, אין געגענטהייל ער האט זייא געוויזען וואס כבוד הבריות אונ מענשען-פריינדשאפט הייסט, ער האט זייא גרויס ארטיג צו גינומען אונ גימאכט אגרויסין באל, אונ האט מיט זייא גישלאסין פריינדשאפט, וועען אויך ער האט פאר זייא קיין פארכט גיהאט, וויא ער האט זייא מיט שטאלץ גיפרעגט „מדוע באתם אלי"? ווארום זייט איהר יעצט גיקומען צו מיר? איהר האסט דאך מיר, אונ האט מיר פערשיקט פון אייער געגענד. נור וויא זייא האבין גיענטפערט אז זייא פער-לאנגען פריד, האט ער מבטל גיוועזען זיין רצון געגען דעם רצון פון הימל'ם פאטער, וואס ער פערלאנגט אז זיינע קינדער זאלין לעבין אין פרידען אונ ניט יאגין איינע דיא אנדערע.

אין דיא מדה „מבטל זיין דעם אייגענעם רצון קעגין דעם רצון הבורא" — רופט זיך אוים אקלוגער מאן — איז אונזער פאטער-יצחק גיוועזען אזעלטענער העלד, וויא איך שטעל מיר שטענדיג פאר, איינגער בוים, בלוט אונ מילך, אין דיא רעכטע בליהענדע יאהרין, איין איינציגער זאהן ביא אזעלכע רייכע עלטערין, איהסן איינער אין אוועלט אזוהן פון אנאטליכען פירסט, וועען ער דארף שליסען אפארטיע, ווער איז אים-שטאנדע אוים צוא מעלין זיינע זיסע פאנטאזיען, וועלכע שטעלין זיך אים פאר, וויא ער וועט יעצט אוים האקין דיא העכסטע געבילדעטע אונ דיא גרעסטע קראסאוויצע, ער וועט זיין דער גליקליכסטער אין דער וועלט, וואו ער גייט אונ שטייט שטעלט זיך אים פאר אז אלע פייגעלאך זינגען אין כאר פאר איהם זיסע לידער, אונ דיא גאנצע וועלט טאנצט פאר איהם, מיט אמאהל ווען דער פאטער גייט מיט איהם צום הר המוריה אונ ער פרעגט „פאטער! וואו איז דער שעפעלע צום אפפער? אונ דער פאטער ענטפערט איהם: „מיין קינד, דוא ביסט דער שעפעלע", בלייבט ער גלייך גילטיג וויא גיוועזען, אונ לאזט זיך בינדין אונ לייגען אויפ'ן אלטאר (מזבח). אונ וויא דיא חכמי המדרש ערציילין אונז אז ער האט נאך גיבעטין דעם פאטער ער זאל איהם פעסט בינדין, פיליייכט פון שרעק פון חלף וועט ער זיך אצאפיל טאהן אונ בערירען דעם כבוד פון פאטער, אה! אזא אדילקייט אונ אזא גראסמוטה איז זיך גאר ניט פארצו-

שטעלין

שטעלין. דער נסיון פון יצחק איז נאך אין איין פאך גרעסער פון אברהם, ווייל אברהם האט דאך גיהערט פון דעם בורא יתברך, אבער יצחק האט דאך דאס נור גיהערט פון אברהם'ן.

יא יא, ענטפערט חיים, דרום רופט זיך דאס „עקידת יצחק" (ניט עקידת אברהם), אונ דרום האט מען דאס מתקן גיוועזן צו זאגין אלע טאג, בכדי צו לערנען פון דעם וויא וויט אמענש דארף מבטל זיין, זיין רצון קעגין דעם רצון פון עלטערין, ווען זייא זאגין איהם אגאנטס-פארכטיגע-זאך, אונ אפשיטא קעגין דעם רצון פון אונזער פאטער פון הימיל. ליידער אבער זיינען מיר אזויא אונארטיג, אז לבד וואס מיר פאלגין ניט אונזערע עלטערין וואס זייא לערנען אונז צוא גוטין, ווילין מיר נאך אז אונזערע עלטערין זאלין מבטל זיין זייער הייליגען רצון קעגין אונזערע קלענסטע נארישקייט אונ קאפריזין, אה! וויא ניט שיין מיר פיהרין זיך, אונ וואס פאר אגרויסין קטרוג מיר מאכין אויף זיך מיט דעם זאגין דיא פרשה פון עקידת יצחק, ווען מיר זיינען גאר קעגין דעם. מיר זיינען מאבד בידים דעם גרויסין לוין וואס איז נאזנאצעט אויף דעם אין דיא ליכטיגע עוויגע וועלט, אונ אויך אויף דיזע וועלט וויא דער תנא לערינט אונז (אבות פ"ב בטל רצונך כו') דער מענש וואס איז מבטל זיין רצון געגין דעם רצון פון בורא איז זיין שכר מדה כנגד מדה, אז דער בורא איז מבטל דעם רצון פון אלע זיינע געגנער צוליב זיין רצון, וויא מיר זעהען ביא אונזער פאטער יצחק אז אלע זיינע געגנער זיינען גיווארין בטל קעגין אים, אונ זיינען גיגאנגען צו איהם בעטין שלום.

דיא היסטאריע פון אונזער פאטער יעקב איז אייך אויך געוויס בעקאנט, אז אום צוא ערפילען דעם רצון פון זיין מוטער רבקה האט ער גיטאן אשריט וואס איז אים גיוועזן זייער ניט פריאטנע (דאס איז גיין צום פאטער נעמען דיא ברכות), וויא ער האט איהר גיזאגט (אולי ימושני אבי) פיליכט וועט מיר דער פאטער טאפען אונ וועט בעמערקין נאך מיין גלאטע לייב אז איך בין יעקב, וועל איך אויף מיר ברייגען גרויס פארדרוס פון פאטער. אונ ווער רעדט ווען עשו וואלט אן קומען אין מיטין אונ אים טרעפין וויא ער גייט ארויס פון פאטער אן גיטאהן אין זיינע האריגע קליידער, וואלט ער אים געוויס טויט גישלאגין אויפין ארט. אונ פיל האט ער נאכהער גיליטען פון דעם, וואס ער האט דאס אלעם פריער גיוואוסט, נור אום ניט איבער צו טרעטין דעם רצון פון זיין מוטער האט ער בעת מעשה זיך אין גאנצין בעזייטיגט. דאפיר אבער האט דער עוויגער איהם פון אלעם אויס גערהיט, אונ האט מבטל גיוועזן דעם רצון פון עשו, פון לבן, אונ פון אלע וואס האבין איהם גיוואלט שלעכטעס טאהן.

נאכהער

נאכהער וויא עס האט פאסירט די געשיכטע מיט יוסף'ן אונ עס האט זיך ארויס געלאזין אז יעקב מיט זיין פאמיליע האבין געוואנדערט קיין מצרים בעמערקט אונז די תורה, אז יעקב האט זיך עפעס געשראקען פאר מצרים, ער האט פאר קיין פאל ניט געוואלט פארין אהין, נור ער איז געווען אמוכרח ווייל דער עווינגער הייסט אזוי (וירד מצרימה אנוס ע"פ הדבור) אונ פערזיכערט איהם אז יוסף וועט לייגען זיין האנד אויף זיינע אויגין (ישית ידו על עיניך). מען דארף פערשטיין וואס איז דאס פאר אזארט הבטחה? אונ וואס האט ער דא מורא געהאט, דאכט זיך ווען דאס זאל טרעפין ביי אונז, אז אליבע אדעלע קינד ווערט פערלארין, אונ עס לייפט פאר ביי צוועלפליגע יאהרין נאכהער קומט אריכטיגע ידיעה אז דער קינד האט זיך דער שלאגין צוא אזא הויכין צין ביז קאנצלער אין אמעריקא, דאכט זיך וואלטין די עלטערין, וויא רייך זייא וואלטין זיין, אוועק גיפלויגין אויף אלופט באלאן מיט די גאנצע פאמיליע צו זייער זאהן. דאס איז עפעס אגלייך ווארט? דער פאטער מיט די פאמיליע וועלין דאך אלע קריגען הויכע ציגען, אונ וועלין לעבין גליקליך איבער גליקליך, וועלכער פאטער וואלט זיך דאס אנטזאגין פון אזא הויכארטיגען גליק?

אונזער פאטער יעקב האט אבער אנדערש גידיינקט, זיין הויפט וואונש איז שטענדיג געווען צו זיין בטח אונ בדד [בטח בדד עין (דער קוק, דער וואונש) יעקב], ווייל אונזערע עלטערין אברהם ויצחק האבין געהאט ווייניג קינדער האבין זייא גיקאנט שטענדיג האלטין זייא ביין האנד, בכדי אב היטען זייא פון די תועבות הכנענים, אונ דאך איז אברהם דורך גיפאלין מיט ישמעאל'ן אונ יצחק מיט עשו'ן, אבער אונזער פאטער יעקב האט גיהאט אסך קינדער אונ אייניקלאך (זיבעציג נפש לבד שניר) איז אונמעגליך אוים צו היטען זייא, זייא זאלין זיך ניט פערמישען מיט די הנהגות הכנענים. אונ וויא ער האט בעמערקט אז ווען ער האט אראפ גינומען אאויג פון זיין טאכטער דינה, פרייא גילאזין איהר ארויס גיין בעטראכטין די טאכטער פון לאנד, וואס פאר אאונגליק האט גיטראפין! היינט צווישען גאנצע פאמיליען מי יודע וואס קען טרעפין! אלזא האט יעקב גיהאלטין אפט רעדעם פאר זיין פאמיליע זייא זאלין טראגין אויף זייערע הענד די צוויא טייערע מיט ברילליאנטין גיזעצטע פינגערלאך „בטח", „בדד".

וואס איזט דאס פאר אזא זארט פינגעריל „בטח" אונ „בדד"? פרעגט די טייערע פערוואונדערט.

חיים. דער חכם מכל אדם זאגט „קשרם על אצבעותיך" אטייערע זאך וואס

וואס דעם מענשענס גליק איז אבהענגיג אן דעם, זאל מען דאס אנקניפען אויף דיא פינגער (אום מען זאל אימער דאס זעהען פאר דיא אויגן), „בטח" הייסט, מען זאל זיין „זיכער" פון דיא פיל ארומיגע שכנים זייא זאלין אונז ניט טאהן שלעכטעס, אין געגענטהייל זייא זאלין אונז זיין דיא בעסטע פריינד, צו דעם קען מען ערגרייכען נור ווען מען בעהאנדילט יעדערין ארינטליך און פריינדליך אויפין שענסטין ארט וואס קען נור געבין.

דרום האט יעקב גילערינט שטענדיג זיין פאמיליע, אז ווען איהר האט אגישעפט מיט אייערע שכנים (קויפין אדער פארקויפין) זאלט איהר זיין ראיעל, ניט געבין חלילה אפאלשע וואג אדער אמאס, געבין ראיעלע סחורה, און אראיעלען ווארט, יעגער זאל האבין צוא אייך דאוויערייע. ווען יעגער קומט בעטין אטובה, אגמלות חסד, זאלט איהר וויא ווייט מעגליך טאהן, און ווער רעדט ניט אביזייען קיינעם, חס האבין אויף יעדערינס כבוד, ווייל יעדער מענש איז בעשאפין בצלם אלקים, מיט איינעם ווארט עס זאל זיין יהי ממון חבירך וכבוד חבירך חביב עליך כשלך. איהר זאלט שטענדיג טראגין אויף אייער הערצין דיא דרייא אהדערין וועלכע מיר האבין בירושה פון זיידין אברהם: „רחמנים, ביישנים, גומלי חסדים", האבין מיטלייד אויף יעדען מענשין, ניט ריידין קיין עזות קעגין קיינעם, אפילו געגין אקלענערין פון זיך, סטאראייען זיך צו טאהן חסד מיט אלעמען (בין לעניים בין לעשירים) אז יעדער זאל אויף אייך זאגין ברוך ה„גב"ר" (ר"ת גומל חסד, ביישן, רחמן), מיט אזא אויפפיהרונג וועט איהר זיין „בטח" געזיכערט, אלע הערומיגע שכנים וועלין אייך שעטצין און היטין וויא א אויג אין קאפ*).

נאכהער קינדערלאך זאלט איהר אן טאהן דעם צווייטין פינגעריל „בדד" (איינזאם), ד. ה. איהר זאלט ניט מיינען אז פיל התחברות מיט דיא שכנים וועט אייך פערשאפען מעהר פריינדשאפט פון זייא, פערברייננגען מיט זייא אווינדין, טרינקען צוזאמען, שפילען אקערטיל צוזאמען, בעזוכען טעאטערין, צירקען, מאסקעראדין, קלובין, חלילה וחלילה, מען איז ניט אראפ געפאהרין אזא ווייטע שטרעקע פון אוויסטראליע נאך גייע-נאוואראד צוא טרינקען קאפע! (עי' חוברת ג') . דיא צייט איז אטייערע זאך וואס מען

*) וויא מיר זעהען שיינבאר ווען עס זיצט א ארינטליכער גוטער און פרומער איד אין אדארף פון אנדערע נאראדין, און איינער (בין יהודי בין אינו יהודי) וויל איהם אבידען, נעמען זיך אלע אן פיר איהם, און זאגין אונזער יאנקעלין ווערסטו אבידען? אזא גאטס-פארכטיגער, אזא צעסטנער בלאגאראדנער מאן וויא יאנקעל, איז וויט צוא געפינען!

מען קען פיר מיליאנען ניט קויפין. איהר האט פיל ארבעט גייסטליכע, לערנען מסורת אבות וויא צוא זיין גאטעס א ערנסטער דינער, וויא צוא זיין אבעל מדות טובות אונ נאך וויכטיגע זאכין צוא לערנען פאר זיך אונ מיט קינדער, וואס דיא זיבעציג יאהר פון מענשין זיינען וויניג אויף דעם. אלזא וויא איהר וועט נאר ענדיגען אייערע גישעפטין וועלכע איהר קומט אין פערבונד מיט אייערע שכנים, זאלט איהר גלייך זיין „בדד", פאר זיך, אב געזונדערט פון זייערע מנהגים, פון זייערע געזעלשאפטין, אונ בילדין זיך נאך דיא גאטליכע הנהגה, וויא איך לערין אייך, וויא מיינע עלטערין אברהם יצחק האבין זיך אויף געפיהרט, מיט דעם וועט איהר זיין וואוהל גיפעליג אין דיא אויגין פון דעם עוויגען אונ אלע לייטע.

דיזע פיינע הנהגה פון „בטח, בדד", האט יעקב גיקענט אויס פיהרען אין לאנד כנען, דארטין האט ער גיהאלטין אלע קינדער אונ איינקלאך ארום זיך, האט אויס געמיידעט פון ישיבת כרכים, האט זיך שטענדיג פאר רוקט אונטערין שטאט (ויחן את „פני" העיר. וישלחהו „מעמק" חברון, כי שכן בעמק מחוץ לעיר שישבה בהר). ווידער איז כנען גיוועזן אהייליגער לופט (אוירא דארץ ישראל מחכים). אבער יעצט אז ער דארף זיך רוגירען אין מצרים וואס איהר לופט איז זייער שעדליך פאר'ן גייסט (ערות הארץ), אונ דיא קינדער וועלין דא ווערין ציגאוניקעס, יהודא'ן וועט פרעה נאזנאצען וואינסקי נאצאלניק, דעם-יעגעראל גובערנער, דעם-פאלקאווניק, וועלין זייא אסעמילירט ווערין מיט די מצריים, די קינדער וועלין אנהייבין צו בעזוכין עגיפטעשע שולען, שטודירען, מי יודע וואס וועט ווערין פון זייא מיט דער צייט? דרום האט ער בייא זיך גירעשעט פאר קיין פאל ניט צוא בעזעצין זיך אין מצרים, נור (אלכה ואראנו) פאהרין זעהען זיך מיט יוסף אונ באלד אהיים צוריק, בכדי ניט פערלירען דיא צווייא בריליאנטין בטח, בדד. איי מכח רייכטהום אונ ארעסקאשנעם לעבין? לעבין גייסטליך נאך דעם גישמאק פון אונזערע עלטערין איז טייערער פון אלע רייכטהום אונד גליק אין דער וועלט. אונזער פאטער יעקב האט געדינט השי"ת בכל מאדך, אהבת ה' *) (דיא גאטליכע ליבע) איז בייא איהם גישטאנען טייערער פאר דעם גליקליכסטען לעבין בעושר וכבוד שרים.

השי"ת

*) דיא חכמי המדרש בעמערקען אונז אויף דעם פסוק ואהבת את ה"א בכל לבבך, זה אברהם (דכתיב בו ומצאת את לבבו נאמן לפניך), ובבל נפשך, זה יצחק (שמסר נפשו על קדושת השם), ובבל מאודך (בכל ממונך) זה יעקב (שבחר יותר להשאר בארץ כנען אף בשנות רעב, מלהתישב במצרים בעושר וכבוד שרים), דאם הייסט דער מענש זאל זיך ניט אב שרעקין פאר אזא שווערע פראגראמע צו עבודת השם, בלב ונפש ומאד, זאגין אונז די חכמים אז אונזערע עלטערין האבין אונז שוין לאנג אוים גיטראטין אוועג, אונ זייא האבין איבער גיגעבין אבח אין אונז, מיר דארפין נור וועלין גיין (אין איר) וועט אונז שוין לייכט זיין.

השית אבער, וואס ער האט אויס גיארבעט אפלאן, אז אגרויסער נאראד פון מיליאנען זאלין אלע זעהען שיינבאר, אז דער מענש מוז האבין אגאטליכע פראגראמע (אתורה מן השמים) אום ער זאל קענען עוויג עקסעסטירען, אונ אין מצרים וועט ער זייא לערנען פאקטיש אלע יסודי הדת (למען תספר כו' ואת אותותי אשר שמתי בם וידעתם כי אני ה'), זאגט ער צוא יעקב „אל תירא מרדה מצרים", פירכטע זיך ניט פאר מצרים, (יוסף ישית ידו) יוסף וועט ארבייטין מיט זיין מאכט, (על עיניך) וועגין דיין וואונש, ד. ה. ער וועט בעזארגין אז דיין וואונש זאל ערפילט ווערין. יוסף האט בעזארגט אז אידין זאלין זיצין פאר זיך אין פראווינץ גושן, אבגעזונדערט פון מצרים, אונ בלייבין ביין אלטין טאלאנט רועי צאן, ניט ווערין קיין בעאמטע אין מצרים, אונ יעקב וועט זיך פיהרין אויף'ן אלטין שטאט, (להורות לפניו גושנה) מאכין אבית הוראה (איין ישיבה) אין גושן, לערנען מיט דיא קינדער אונ אייניקלאך, האדעווען זייא נאך דעם גישמאק פון אברהם ויצחק, ניט זוכין קיין ראסקאש, ניט בעזוכין קיין עגיפטישע טעאטערין, ניט קיין ליקסוס אונ מאדעס. אונ אויך דעם „בטח" וועט יוסף בעזארגין וואס ער איז דער ראיעלער מאן, אונ דער גרויסער טוב ומטיב לכל (ויאמרו החייתנו), מיט דעם וועט פערבלייבין דיין וואונש „בטח בדד".

דער זעכסטער בריעף.

ביא דעם ערסטין הערייננטרעטין אין גושן האט אונזער פאטער יעקב אונז גילערינט אטייערין לעקציאן וויא ווייט מען דארף זיין פערטיפט אין אהבת השם יתברך. ווער איז אים-שטאנדע אבצוריסעווען דיא קארטינע פון אזא קבלת פנים, א אלטער פאטער, וואס האט גיטרויערט אויף זיין ליבען זאהן העכער 20 יאהר, אונ איז גיוועזען אין דער מיינונג אז ער איז צוריסען גיווארין פון אווילדע טהירע, אונ יעצט דער זעהט ער זיין ליבטיגע גישטאלט אין אזא הויכע מדרגה, דיא צווייטע האנד פון קעניג, האט דאך יעקב בעדארפט ארויף פאלין אויף זיין האלז מיט פריידע טרערין. אם ענדע זעהען מיר נור אז יוסף פאלט דעם פאטער אויף'ן האלז אונ וויינט, אונ יעקב וואס טוהט? יעקב קוסט ניט יוסף'ן, יעקב וויינט ניט, אין וואס דען איז ער אין אזעלכע גאלדענע מינוטין בעשעפטיגט? (יעקב קורא את שמע אמרו חכמינו ז"ל), ווייל מען איז אריין גיפאהרין אין גשן נאהינט צוא זוהן אויפשיינונג וואס דאן איז דיא צייט פון קריאת שמע (לוותיקין) האט יעקב דאן גילייענט שמע, איז ער גיוועזען פערטיפט אין גידאנקען פון אהבת השם יתברך, האט

זזר

ער גאר ניט גימערקט בעת מעשה אז זיין געליבטער יוסף ליגט אים אויף זיין האלז (ובכל מאודך, מלשון מאד מאד, זה יעקב!). זייער אהערליכער שפיגעל זיך צוא פוצין אין איהם, צוא זיין ענהליך צוא אונזערע היילינע עלטערין*). — דער אדעלער יוסף האט דאס גוט פערשטאנען און זייער בעוואונדערט, ער האט מקנא גיוועזען אזא הויכען געפיהל, דאס הייסט דאך „סולם מוצב ארצה", שטיין אויף דיזע וועלט אין אזעלכע גאלדענע מינוטין, אין דיא ארימס פון אזא ליבען זאהן, און „וראשו מגיע השמימה", דיא קאפ איז אוים גיטאהן פון דיא וועלט און איז פערטיפט אין הימל'ס-פערגעניגען, דאס איז ריכטיג „כימי השמים על הארץ" אהימילשין-לעבין אויף דיזע וועלט, דאדורך וייבך על צואריו „עוד" האט ער גיוויינט שטארקער מיט אגוואלדיגע ענערגיע וויא איינער זאגט: „וויא ערדרייכט מען אזא הויכען-הימלשען-געפיהל".

די ערסטע ווארטין פון אונזער היילינען יעקב צו יוסף'ן וואר „אמותה הפעם", וויא איך בעמערק, מיין ליבער זאהן, דיינע אדעלע געפיהלען, אין אזא הויכארטיגע גדולה, ווער רעדט אז דער בורא וועט מיר שיינקען יאהרין וועל איך זיך געוויס שעטצין גליקליך, זעהען מיין ליבען זאהן, אין אזא גרויסע רייכטהום און קייזערליכע עהרע איז ער טרייא און איבער געגעבין צוא זיין רעליגיע, אויך ווען מיינע יאהרין זאלין היינט זיין געענדיגט, שטארב איך מיט פערגעניגען „אחרי ראותי את פניך" נאך מיין בעמערקען דיין הערליכע געזיכט כי „עודך" חי, אז דיין „עוד" (יתרון המעלה ותוספות החשיבות שלך, בעושר מופלג וכבוד מלכים, עי' הכתב והקבלה בראשית ל"ח י') לעבט, אז דיינע נאלין זיינען ניט קיין טויטע ציפער נור לעבענדיגע**), ד. ה. אז דיין גרויסע גדולה איז אין גוטע אידישקייט.

גליקליך

*) וויא אונזערע חכמים זאגין (חייב אדם לומר) אמענש איז מחוייב צוא זאגין (מתי יגיעו מעשי למעשה אבותי אברהם יצחק ויעקב) ווען וועלין שוין מיינע מעשים אזוי שיין זיין און גרייכען צוא דיא מעשים פון אונזערע היילינע אבות אברהם יצחק ויעקב. — אין פינפטען טייל וועלין מיר בעה"י שרייבין נאך אשיינעם געדאנקען, וואס יעקב אבינו האט דאן גילייענט „שמע", וועלכער איז נוגע צוא חנוך הבנים.

**) שלמה המלך ע"ה זאגט (הבל הבלים אמר קהלת) דיא רייכטהום פון דיזע וועלט מיט איהרע אלע גליקען זיינען נור וויא נאלין (דער 0 איז אטויטער ציפער ער האט קיין בעטרעף), ווייל דער מענש איז מיט דעם ניט זיכער אויף איין נאכט איבער צו נעכטיגען (ואדם ביקר בל ילין), אין איין נאכט קען צוגינומען ווערין דיא רייכטהום פון איהם אדער נאך ערגער חלילה ער פון דיא רייכטהום, און „כל שבא" (אלעס וואס גייט לסוף אונטער) איז „הבל" (אפילו אין דיא סעקונדען וואס עקסעסטירט נאך), היינט מיט וואס קען שטאלצירען דער גרויסער קאפיטאליסט וואס זיין קאפיטאל בעשטייט פון 10 ציפער נאלין אויף דעם וואס זיין קאפיטאל בעטרעפט נור 2 נאלין (אז ביידינס איז נור טויטע ציפער!). וועסטו דאך פרעגין צו וואס האבין דיא חכמי אריטמעטיקא גישטעלט דעם ציפער נאל? ד. ה. צוא וואס האט השי"ת גיגעבין אויף דער וועלט רייכטהום און גדולה? איז דער אנטווארט

ווען אויך דער נאָל פֿאַר זיך האָט קיינע ווירדע, בעזיצט ער אָבער אַגרויסע אייגענשאַפֿט, ער פֿערגרעסערט צעהן מאָהל אַזויא פֿיל דעם ציפֿער 1 וועלכֿער שטייט פֿאַר איהם, דורך 1 נאָל ווערט דער 1 אַצעהנדליג, דורך 2 נאָלין ווערט ער הונדערט, דורך 6 נאָלין — אַמיליאָן און זאָ ווייטער און ווייטער. דאָס גלייכֿין ענדיגט קהלת ווען זאָג איך דיר אַז דיא וועלטליכֿע רייכֿטהום איז נור נאָלין (טויטע ציפער) אז „הכל הבל", ביא דעם וואָס זיין קאַפּיטאַל איז דורך אוים נאָלין, ווען ער פֿאַרברויכֿט זיין רייכֿטהום און גדולה נור אויף לוקסוס און מאָדעס. אָבער ביי דעם וואָס שטייט פֿריער אַלעבעדיגער ציפֿער, ווען אויך מעהר ניט אַציפֿער 1, ד. ה. ער איז אַפֿילו ניט קיין גרויסער למדן, ער האָט נור מאַרך אין מוח, ער פֿערשטייט אַז אַטינטער וואָס קערט זיך אוים, מאַכֿט אויף דעם פּאַפּיר מעהר ניט וויא אַגרויסין פֿלעק, אָבער ניט קיין בוכֿשטאַבין, ופשיטא ניט קיין גאַנצע ווערטער, און ווען ער געפֿינט אַפּאַפּיר אָן געשריבען אַזאַטץ, אַבריעף, אַגעדאַנק, אוים געשריבען בוכֿשטעבליך אין אָרדנונג מיט פֿיל קלוגהייט און קאָפּף, פֿערשטייט ער אַז דאָס האָט זיך אַליין ניט גימאַכֿט, נור דאָס האָט געשריבען אַגרויסער חכם. דאָס גלייכֿין אַז ער בעטראַכֿט, מיט וויפֿיל חכמה דיא וועלט איז איין גיכטרויעט פֿערשטייט ער אַז דיא וועלט איז ניט קיין הפֿקר, זיא האָט אַווירט וואָס האָט איהר בעשאַפֿין און פֿיהרט איהרע ווירטשאַפֿט, דרום איז ער מאמין אין דעם בורא יחיד און אין תורה מן השמים, און האָט אין זיך אהבת תורה ויראת שמים, דאַן וואָס מעהר נאָלין ער האָט צום 1 ווערט אימער דער 1 פֿערגרעסערט. צב"ש ווען מיר פֿאָהרין אין וואַגאָן און מיר זעהען אַז אַ אָרימער יוד לייגט תפֿלין און דאַווינט, ער וואַשט זיך, מאַכֿט אַברכֿה און בענשט, מאַכֿט דאָס ווייניג התפֿעלות אויף דעם צווייטין וואָס וויל ניט לייגען קיין תפֿלין. ווען אָבער מיר זעהען אַרייכֿער קויפֿמאַן טוט דאָס, און ווער רעדט אַזאַ מאַן וויא ר' שמואל הנגיד (אמשנה למלך אין שפאניען), וויא דער אברבנאָל (אמיניסטער פינאנס אין שפאניען, און נאכהער אין איטליא), און אין אונזערע צייטין השר ר' משה מאָנטיפֿיורי (אבער-שעריף אין איינגלאנד), דער פֿרומער באַראָן ראָטשילד, וואָס זיין לעבעדיגער ציפֿער, וועלכֿער שטייט פֿאַר דיא נאָלין, איז העכֿער וויא איין 1, ד. ה. לבד אמונה אין אחדות הבורא איז ער גיוועזן אַגדול בתורה, אַגרויסער בעל מדות, ווען ער פֿאָרט מיט אונז און לייגט תפֿלין און דאַווינט, מאַכֿט אָברכֿה און בענשט, וואָס פֿאַר אַגוואַלדיגע ווירקונג דאָס מאַכֿט אויף דעם וואָס זעהט דאָס צו, ניט ווילענדיג וועט ער שוין אויך לייגען תפֿלין און דאַווגען, און ניט עסין אָן אַברכֿה און דאָס גלייכֿין.

דער נביא (ירמי' ט, כב) זאָגט אַל יתהלל עשיר „בעשרו" ווען דער גביר בענוצט זיין קאַפּיטאַל נור „פֿיר זיך", צו לעבין אַטאָג, האָט ער מיט זיין רייכֿטהום ניט וואָס צו שטאָלצירען, ווייל דאָס איז נור אַטויטער קאַפּיטאַל, מאַכֿין באַלער פֿון זבחי מתים (פאר דיא טויטע נאָטער, לוקסוס און מאָדע), ווען דען קען דער קאַפּיטאַליסט שטאָלצירען? (השכל וידוע אותי) אַז ער פֿערשטייט צושטעלין דעם ערסטין אַיין לעבעדיגען ציפֿער פֿון הכרת הבורא, דאַן טוט ער פֿיל אויף אין חסד משפט וצדקה, הן מאַטריאַליש, ער פֿערשטייט אַז דיא רייכֿקייט איז נור גאָטעס גאַבע צו בענוטצין פֿיר ווענען מען דאַרף העלפֿין, און איבער הויפט אין גייסטליכֿע חסד (וידוע אותי) ער מאַכֿט בעליבט דיא רעליגיע ביין פֿראָסטין המון. ווייל דער פֿראָסטער נאַראָד איז וויא אַבעזיאַנעס, נאָך צו טאָהן וואָס דער גביר טוהט, ווען דער גביר זאָל גיין מיטין קאָפּ אַראָפּ וואָלטען זייא אויך גלייך נאָך טאָהן. — דער משורר פֿרעגט (תהלים ב', למה רגשו כו' יהגו ריק) וואָס איז דיא אורזאַך וואָס דער נאַראָד איז אַזוי ראַזבאַלעוועט, פֿול אין אַלע טעאַטערין, און דיינקט אַזעלכֿע פוסטע זאַכֿין? דער אַנטוואָרט איז (יתיצבו כו' ורוזנים נוסדו יחד על ה' כו' ננתקה את מוסרותינו) ווייל אין פֿיל הויכֿע פֿענסטער (בייא דיא נגידים און גבירים) האָט מען זיך גישטעלט מיט אַזאַ העזה און חוצפה קעגין דיא תורה, אַראָפּ וואַרפֿין פֿון זיך דיא בענדער פֿון רעליגיע, ווערין הפֿקר מענשין. לייפֿט דער המון עם וויא דיא אַבעזיאַנעס נאָך צו טאָהן אַלע דומהייט און לעבֿערליכֿע זאַכֿין, מיט דעם נאַרישען מיינונג אַז דאַדורך וועט ער אויך קריגען כבוד, מען וועט אים אויך האַלטין פֿיר אַריסטאָקראַט וויא דעם גביר. — הכלל בייא דיא גבירים אין דיא הענד ליגט דיא לאַגע פֿון גאַנצין המון עם, צוא פיהרין זייא

אין

גליקליך איז דער פאטער וואס פלאנצט אזעלכע גוטע זאמען אין זיינע קינדערס הערצער, ער גיט זייא אגוטע הדרכה נאך דעם ריינעם יודישען גישמאק (עפ"י התורה והמצוה), וויא יעדער פערשטייט אז פון אקאלטין טרונק האט זיך גיט אויס גיגאסין אזא ליבליכער בלום וויא יוסף, יעקב האט איהם גיגאסין גאלד אין האלז, וויא רש"י שרייבט "כי בן זקונים הוא לו" (כל מה שלמד בבית שם ועבר מסר לו), אלעס וואס יעקב אבינו האט גילערינט אין דיא ישיבה פון שם ועבר האט ער איין גילערינט יוסף'ן. מיט אזעלכע קינדער איז מען זיכער ווען אפילו זייער שיקזאל וועט זייא פערווארפין אין עק וועלט, ווייט פון דיא עלטערין, וועלין זייא פערבלייבין גוטע אונ פרומע.

נאכהער וויא יוסף מיט זיינע ברידער זיינען אויס גישטארבין, אונ אויף עגיפטישען טראן האט זיך גיזעצט אנייער קעניג (אשר לא ידע את יוסף) וועלכער האט גאר ניט גיוואלט וויסין דיא גוטעס וואס יוסף האט גיטאהן די לאנד, אונ

אין גאטליבען פאראדיז אדער חלילה אויפין צארטאווי אסטראוו. וויא דיא פראקטיקע וויזט, אז אין דיא שטעט וואס דיא גרויסע גבירים זיינען יריאים אונ גיבין כבוד דיא תורה ולומדיה פיהרט זיך דיא שטאט נאך דעם יודישען גישמאק, אונ ווען חלילה להיפוך איז אדור תהפוכות ר"ל, וויא קהלת זאגט אי לך ארץ כו'. — (אז ידבר אליטו באפו) דער גביר וואס פיהרט זיך ניט אין גוטין וועג, וועט אב געבין אגרויסין רעכענונג פיר זיך אליין, אונ אויך פיר וויפיל הונדערטער פאמיליען וואס זיינען דורך איהם פערקראכין אין הרי חשך. אונ וויא גליקליך איז דער גביר וואס פיהרט אפיינעם אידישען שטאט נאך דעם גישמאק פון אונזערע אבות הקדושים. וויפיל הונדערטער פאמיליען ער בעלעבט, ער בלאזט אריין אין זיי ארוח חיים, אליבע צו דיא רעליגיאן אונ צו דיא הייליגע תורה. דרום ענדיגט דער משורר (ועתה כו' הוסרו שופטי ארץ) אבראסצייעט ווניטאניע איהר פיהרער פון דער וועלט, (עבדו את ה' ביראה) דינט דעם עוויגען מיט עהרענפורכט (וגילו) פרייט זיך מיט אייער מתנה וואס דער עוויגער האט אייך בעגאבט אבער "ברעדה" מיט פארכט פאר גאט, (נשקו בר) בעהעפט זיך צו דעם קארן (כמו לשבור "בר"), ד. ה. איהר גבירים זייט זיך מתדבק צוא דעם תלמיד חכם וגדול העיר, ער זאל האבין מוטה אונ מאכט, צו פיהרין דיא שטאט עפ"י רוח התורה והמצוה. — דיא מליצה פון בעהעפטין זיך צום קארן איז וויא דער מדרש זאגט, דער שטרויא (פון זאנג) מיטין קערענדיל האבין גיהאט אוויכות, דער קערענדיל זאגט אז צוליב מיר האט דער ווירטה גיזייט דיא פעלד, איך בין דער תכלית פון זיין גאנצע מיהע, אונ דער שטרויא זאגט ניין, נור צוליב מיר, והראי' איך שפראץ ארויס צום ערשטין, איך וואקס גרויס אונ הויך אונ מיך זעהען אלע, אבער דוא קערינדיל ליגסט איין גיטולעט אין אווינקעלע ווער זעהט דיר אונ ווער הערט דיר. נוא, נוא! ענטפערט דער קערענדיל, דיא פראבע וועלין מיר זעהען ביין ענדע, ביין אראפ נעמען פון פעלד, מיך וועט מען אריין נעמען אין מאגאזין אונ דיר שטרויא אונ מעקענע וועט קומען אווינד אונ אוועק טראגין אין אלע רוחות. דיא גאנצע חשיבות פון שטרויא אונ מעקענע איז נור בעת ער איז בעהעפט צום קערענדיל, דאן ברייגגט ער נוטצין אונ איז אויך טייער, דער נמשל איז זעלבסט פערשטענדליך אז דיא תקיפים אונ רשעים וואס זיינען זיך מרחיק פון קערענדיל (פון תלמיד חכם וגדול העיר) וועלין זיין כמוץ אשר תדפנו רוח. דרום זאגט ער, נשקו בר, זייט זיך מתדבק ומתחבר צום קערענדיל, צום אויס-ערוואהלטין [וברי כמו מבורר, כמ"ש ובו תדבק וכי אפשר לאדם להדבק בשכינה אלא הדבק בת"ח], דאן וועט איר גליקליך מאכין דיא גאנצע שטאט, אונ אייער נאמען וועט בלייבען אונשטערבליך לשם ולתהלה.

און האט די בני ישראל זייער שלעכט און טיראניש בעהאנדעלט, האבין זיא ניט געברויכט קיין סאציאליזם, נור גידולדיג אלעס געליטין, און גיקערט זיך צו דיא רחמים פון הימלס-פאטער, און דער פאטער פון הימל האט ערהערט זיין הבטחה צו זייערע עלטערין אברהם יצחק ויעקב, און ער האט געשיקט משה רבנו אין זיין נאמען צו פרעה מלך מצרים אז ער זאל זיי פרייא לאזין פון זייערע שווערע ארבייט, זיא זאלין גיין גאט דינען. און משה רבנו האט אויס געפיהרט זיינע שליחות גרויסארטיג, אז דיא גאנצע וועלט האט גיקלונגען. דיא תורה ערצייהלט אז משה רבנו האט גיפרעגט „מי אנכי" ווער בין איך דאס פאר אזא גלאזונע ליצא צו גיין צו אקעניג און פערלאנגען פון איהם אזא גרויסע זאך? דאס הייסט גיב מיר אדאקומענט אז איך בין דיין שליח. האט איהם דער עוויגער גיענטפערט שטעל זיך פאר, ווען איינער קומט אין אבאנק בעטין אגרויסע סומא אין דעם נאמען פון אמיליאנער דארף ער געוויס ברענגען אשיין אז דער מיליאנער האט איהם געשיקט, ווען אבער דער אנפיהרער פון באנק זעהט אז בעת ער בעט דיא סומא געלט (אין דעם נאמען פון מיליאנער) שטייט דאמאלסט דער מיליאנער דערבייא איז דאס גופא דער בעסטער דאקומענט. דאס גלייכין אז איך גייא מיט מיט דיר (כי אהי' עמך) אט דאס גופא איז דער דאקומענט (וזה לך האות כי אנכי שלחתיך), ווייל געוויס פערשטייט דאך יעדער אז משה רבנו קומט צו פרעה און פערלאנגט פון איהם אזא גרויסע זאך, בעפרייען מעהרערע מיליאנען מענשין פון פאדאנסטווא, און ווען פרעה עקשינט זיך און וויל ניט פאלגין שלאגט ער זיין מדינה מיט טויט קלעפ, און פרעה קוקט און שווייגט? מיינט איהר אפשר פרעה איז גיוועז אשלים-מזלניק פון אינטערין אויבין וואס קען קיין
2 ניט ציילין?, דאכט זיך אז ער האט גיוואלט האט ער זיך אזויא הארט אויס גערדריקט קעגין משה רבנו: „לך מעלי", גייא ארויס פון מיין הויז! זאלסט מעהר ניט אדוואגען זיך קומען פאר מיינע אויגין! ווען דוא וועסט זיך אדוואגען וועסטו גלייך גיטויט ווערין (כי ביום ראותך פני תמות)! און משה רבנו האט איהם גיענטפערט, רעכט, איך וועל מעהר שוין ניט קומען צו דיר (נור פערקערט) זעהען מיר אז פרעה איז קיין גרויסער טרוס ניט גיוועזן, טוא ווארום האט ער אזויא שפעט גיווארט ביז נאך דיא ניינטע מכה? נור דיא זאך איז גאנץ איינפאך, ער האט זיך טאקע יעדער מאהל (זינט דיא מכות האבין זיך אן גיהויבין) אזוי מסדר גיוועזן אז משה וועט קומען צוא מיר (תדיני תודגו תריגי צולבו) וועל איך איהם הייסין שיסען, הייגען, נור וויא משה איז ארײן גיקומען איז ער געבליבין זיצין ערשראקין און אבהענדיג. ווייל דער ווירטה פון דער וועלט,

וואס האט געשיקט משה רבנו׳ן, איז אויך דאביי געווען (ובמורא גדול זו גילוי שכינה), הגם פרעה האט איהם ניט געזעהען אבער (מולי׳ חוי) זיין נפש האט געזעהען און איז פערציטערט געווארין (ספחד ה׳ והדר גאונו). דאס אלעס ווייסט איהר געוויס, פון אונזער ביביל (תנ״ך).

יעצט וועל איך אייך פרעגין, אז משה רבנו האט יא דורך געפיהרט אזא וואונדערליכע זאך! ארוים גינומען העבער א מיליאן מענשין פון שקלאפין דינסט! און געשפאלטין פיר זייא דעם ים! און אידין האבין גיהאט צו איהם אזא גרויסין צוטרויא אז עס איז רעכט געווען צוא גיין אין אזא מדבר אהן זאפאס (וגם צידה לא עשו להם), ווען משה הייסט גיין דארף מען ניט פרעגין קיין קשיות! היינט צוא וואס האט השי״ת בעדארפט אליין אראפ נידערין על הר סיני און ריידין מיט דיא גאנצע פובליקע זיינע גיבאט? וואס וואלט אונז פעלין אז דאס זאל גיין דורך דיא פערמיטלונג פון משה רבנו, וויא יציאת מצרים איז צוא גינאנגען? היינו וויא השי״ת האט אנגיהייבין ביי מתן תורה צו ריידין מיט משהן ער זאל דאס איבער געבין דיא בני ישראל (אתם ראיתם את אשר עשיתי למצרים) אזויא וויא איהר האט מיט אייערע אויגין גי-זעהען דיא וואונדער וויא איך האב זיך גירעכינט מיט דיא מצריים, און אייך האב איך ארוים גיהאפט (על כנפי נשרים) אויף אדלער פליגלען (ועתה אם שמוע ט״) יעצט אויב איהר וועט מיר גיהארכזאם זיין און וועט מקבל זיין מיין תורה וועט איהר ביי מיר זיין „סגולה מכל העמים״. געוויס וואלטין אידין זיין גיהארכזאם משה רבנו, און גלויבין אז ער זאגט ריכטיג גאטעס רייד. צוא וואס נאך האט דער עוויגער גידארפט טאהן אזא וואונדערליכע זאך וואס זינט דיא וועלט שטייט האט דאס ניט פאסירט? וויא דער ביביל שרייבט (דברים ד, לב) „כי שאל נא לימים ראשונים כו׳״ פרעג דיא וועלט-היסטאריע צו האט ווען פאסירט אזא וואונדערליכע זאך, (השמע עם קול אלקים) אז גאט זאל ריידין פערזאנליך מיט אגאנצין נאראד (פנים בפנים דבר ה׳ אל כל קהלכם בהר מתוך האש), נוא צוא וואס פארט האט מען דאס בעדארפט?

נור דיא זאך איז גאנץ איינפאך, השי״ת ווייס וואס שפעטער וועט זיין, אז אין טויזענדער יאהר נאך מתן תורה וועט קומען מחמד (נביא הישמעאלים) און זיך אן געבין פאר אצווייטין משה, און זאגין אז גאט האט זיך צו איהם בעוויזען, און האט געשיקט דורך איהם אנייע תורה פאר דיא וועלט. מיינט איהר אפשר ער האט עפעס גירעדט אויף משה רבנו? חס וחלילה! ווער עס לעזט דעם „אלקאראן״ זעהט וויא נייס ער האלט פון משה רבנו, ער בייזערט זיך דארטין אויף אידין וואס זייא האבין ווידער געשפעניגט משה רבנו׳ן, טוא

וואס

וואס דען וויל ער בעזייטיגען תורת משה? דער אנטווארט איז, ער האט גיזאגט וויא היינטיגע טפשים זאגין (וואס ווילען אראפ ווארפין פון זיך דעם עול תורה), אז תורת משה ווען אויך זיא איז אמת אונ גיגעבין פון השי"ת איז זיא נור גיוועזען פיר יענע צייט, וויא דיא וועלט אונ דיא מענשהייט איז דאן גישטאנען, אבער יעצט וויא עס איז אוועק טויזענדער יאהרין, די צייט אונ די מענשין זיינען גאר אנדערע איז אויס יענע תורה, איין אלטמאדישע זאך קען ביא היינטיגע נייע זורנאלין ניט עקסעסטירען, אונ דארום (זאגט מחמד), האט גאט דורך איהם געשיקט אנייע תורה, אקארסט פון גאדיל ארויס, אונ ווער עס וועט ניט וועלין אום וועקסלין די אלטע תורה אויף זיין נייע וועט ער חרוב מאכין די שטעט מיט די מענשין, אונ ער האט טאקע אזוי גיטאהן, ער האט חרוב גימאכט וויפיל געגענדין, ביז וואנען אגרויסער טהייל וועלט האט אנגינומען זיין קאראן, אונ וויפיל איינפאכע פראסטע מענשין פון אונזערע ברידער זיינען געבעך דורך גיקנאטין גיווארין אין מחמדנער גלויבין, אונ מי יודע אויב עס וואלטין חלילה אלע אידין ניט ווערן קיין מחמאדאנער. נור דער איין מעדיצין האט זיא גירעטעט פון זיינע הענד, דיא קלוגע גילערינטע אידין האבין אים גיזאגט קורץ: ווען דיא ערשטע תורה וואלט גאט שיקען דורך משה'ן ניט ערשיינען אליין מיט זיין עהרע פאר א גאנצע פובליקום, קען זיין אז דוא האסט רעכט, אבער וויא מיר זעהען אז צו געבין אתורה האט ער בעזייטיגט אפילו דעם בעסטין מענשין וואס דוא אליין ביסט מודה אז אזא מענש איז ניט גיוועזען אונ וועט ניט זיין, נור גאט אליין האט ערשיינט פאר אגרויסין נאראד פון מיליאנען אונ האט מיט זייא גירעט פערזאנליך דיא עשרת הדברים (וואס אין-זייא איז כלול גאנץ תרי"ג מצות), היינט וויא אזוי קענען מיר נעמען אנדער תורה וואס איז נור געשיקט דורך אמענשין? ווען ער וויל איבער וועקסלין תורת משה זאל ער זעלבסט ערשיינען פאר דיא פובליקום אונ געבין א אנדער תורה, אונ כל זמן ער אליין קומט ניט בייטין דיא תורה מוזין מיר פער-בלייבין ביא תורת משה. דאס זאגין מיר דיר ריינע שכל, אבער ווען דוא ווילסט געבין אתורה מיט פויסטין-קראפט ווייסטו גאנץ גוט אונזער הארטקעטער אז דוא קענסט נור הערשין איבער אונזער קערפער, אבער ניט איבער אונזערע זעלע. וויא מיר האבין גיענטפערט אלע אונזערע דריקער זינט מיר זיינען אפאלק (אשר אמרו „לנפשך" שחי ונעבורה) דיא יעניגע וואס האבין גיזאגט צו אונזער זעלע, צו אונזער גייסט, מיר זאלין איהר בייגין פאר זייא (ותשימי כארץ „גוך") האבין מיר זייא איבער גיגעבין, נור דעם „קערפער" אבער אונזער „גייסט" פיר קיין פאל ניט, אונ אט אזוי זיינען מיר גיבליבין אפאלק אבעזונדערע ביז היינט.

אט

אט דאס איז דיא מעלות פון אונזערע הימלס-סחורה, אונזער תורה האט גאט זעלבסט מיט זיין האנד אונז גיגעבין (מימינו אש-דת למו), האט גיענדיגט חיים. — דיא פערסיאנער זיינען געבליבין זיצין אבהענטיג, אונ דיא דייצקע האט אנגיקוואלין פון דעם אנטווארט.

מיט דיזע ווערטער חיים׳ס (רופט זיך אוים אוויכטיגער מאן) פערשטייא איך וואס דיא תורה, האט אונז פערפליכטעט אז שטענדיג זאלין מיר גידייגקען אין וועלכע ארט דיא תורה איז אונז גיגעבין גיווארין (זכירת מעמד הר סיני) אונ האט אונז פערזאגט דיא מצוה מיט אזא שטריינגען בעפעהל, וואס ווערט גיט דערמאנט ביא קיין מצוה, דיא תורה שרייבט (דברים ד, ט) „רק השמר לך” היט דיין קערפער*) „ושמור נפשך מאד” אונ איבערהויפט היט דיין זעלע, פיליכט ווערסטו פארגעסין דיא היסטאריע וואס דיינע אויגין האבין גיזעהען, אונ פיליכט ווערסטו דאס ארויס לאזין פון גידאנקען דיין גאנצין לעבענס-פערלויף, דוא זאלסט אליין גידייגקען אונ נאך איבער געבין דיינע קינדער אונ קינדס קינדער, וועלכע היסטאריע? „יום אשר עמדת לפני ה׳ בחורב”, דעם גרויס-ארטיגען טאג וואס דוא זעלבסט ביזט געשטאנען פאר דיין גאט ביין בארג חורב. „באמור ה׳ אלי כו׳” בעת גאט האט מיר בעזייטיגט פון זיין אפערמיטלער צווישען איהם אונ צווישין אידין ביא זיין געבין זייא זיין הערליכע הויך גישעצטע מתנה דיא תורה, נור גיהייסין איך זאל פערזאמלען די גאנצע פאלק, אונ ער זעלבסט וועט מיט זייא ריידין אונ מאבין הערין זייא זיינע ווארטין, צו וועלכען ציעל איז דאס? וואס וואלט פעלין אז דאס זאל צו גיין אין דעם ארט וויא יציאת מצרים? (איז דער אנטווארט) אשר ילמדון ליראה אותי כל הימים כו׳ ואת בניהם ילמדון, בכדי זייא זאלין פון דעם לערנען צוויא וויכטיגע זאכין. 1) ליראה אותי, צו פירכטען זיך פיר השי״ת, אז זייא זעהען, אבוואהל גאט איז אזוי ערהאבין דאך אינטערעסירט ער זיך וועגין דעם מענשין, אליין גענידערט על הר סיני געבין זייא אתורה ומצות וויא אויף צופידרען זיך אין אלע זייערע וועגין, איז דאך אבעוויז אז דער מענש שפילט אגרויסע ראליע ביא דעם בורא עולם, יעדער טהאט אונ יעדער ווארט זיינער האט פיל צו בעדייטען, אונ ווען אמענש גייט אראפ פון גראדען וועג וועט ער געוויס בעשטראפט ווערין וואס ער האט זיך זעלבסט אונגליקליך געמאכט, אונ פאר גאט איז אלעס אנדעקט, דעם מענשינס אלע טהאטין אונ אלע גידאנקען. — דאס צווייטע זאלין זייא וויסען אז דיא תורה איז א עוויגע סיא אין זייער פעריאדע

אונ

*) אצל שמירת הגוף הזכיר מלת „רק” למעט במקום שאמרו יהרג ואל יעבור אבל אצל שמירת הנפש הוסיף מלת „מאד” להוסיף שמירה על שמירה.

און סייא אין דיא שפעטיגע, כל זמן גאט ערשיינט ניט אליין געבין א צווייטע תורה בלייבט תורת משה עקסעסטירען.

יא יא! חיים איז זייער אקלוגער ישיבה-מאן, זיינע רייד איז פראבטפאל, רופט זיך אב א הויכגעבילדעטע דאמע, איך זאג אייך דיא ווארהייט, ווען מיר וואלטין אפט העררן אזעלכע רייד וואלטין מיר זיך גאר אנדערס אויף געפיהרט. ניט וויא יעצט וואס מיר האבין אויס געראמט אונזערע הייזער עס זאל זיך ניט געפינען קיין שפור פון דיא מנהגי התורה (בערתי הקודש מן הבית), אין געגענטהייל מיר וואלטין נאך שטאלצירען מיט זייא. נור עטוואס האב איך צופרעגין, וויא וואלט זיין אז יעצט זאל קומען אזא זארט מחמד אום צו וועקסלין איינינע מצות, ניט חלילה די עשרת הדברים, וואס זייא האבין מיר גיהערט דייטליך מפי הגבורה, נור איינע פון דיא איבעריגע וואס מיר האבין זייא דורך דיא פערמיטלונג פון משה רבנו, ער וועט זאגין אז ער איז אצווייטער משה, און וועט אויך ווייזין גרויסע נסים וויא, צב"ש, אב שטעלין דיא זון אין מיטין הימיל וויא יהושע בן נון, וויא וואלטין דאן אייערע אורתודוכסין טאהן?

געוויס, בייא אזא צופאל, וואלט דער פראסטער המון און ווייבער צו גישטאנען צו איהם (ענטפער איד), אגלייכווערטיל אב שטעלין דעם גרויסין וועלט-זייגער (דיא זון), עס זאל ווערין פון 2 טעג איין טאג? נור פון דיא אידין וואס לערנען תורת משה וואלט ער ניט האבין קיין בעסערין אנטווארט וויא דער מחמד. דאס ערשטע האט דאך אונז גאט אליין גיזאגט דורך משה רבנו (דברים כט, כח) „הנגלות לנו ולבנינו עד עולם לעשות את כל דברי התורה הזאת", אז סייא מיר, ד. ה. (דער דור פון משה רבנו) און סייא אונזערע קינדער ביז עוויג דארפין היטין מקיים זיין אלע מצות וואס שטייט אין דיזע תורה וואס משה רבנו האט איהר גיגעבין מפי הגבורה, און האט אונז שטרייננ אן גיזאגט אז מיר זאלין ניט אויסבייטין איינע פון איהרע מצות אויף אנדערע (לא תוסיפו ולא תגרעו, לשמור את מצות ה' אשר אנכי מצוה אתכם, דברים ד, ב. ונשנה עוד להלן דברים יג, א').

הייגט וויא אזוי קענען מיר גלויבין אז גאט וויל וועקסלען אמצוה פון דער תורה? איז דען גאט וויא אמענש וואס איז משנה זיין ווארט? און וועגין די מופתים וואס ער ווייזט? ווערין מיר פון דעם ניט נתפעל, ווייל דאס איז אנסיון פון דעם בורא עולם זעהען צו זייגען מיר פעסט אין אמתין גלויבין, וויא דיא תורה האט אונז דאס אלעס פאראויס געשריבען (דברים יג, ב) כי יקום בקרבך נביא (ונתן אליך אות או מופת כו' לא תשמע כו' כי מנסה ה' כו') —. דאס צווייטע שרייבט אונז די תורה (במדבר יב) אז די נבואה פון משה רבנו איז פיל מדרגות העכער פון

אלע

אלע נביאים, אונ איינע פון זייא איז (ערקלערין אונז דיא הכמי התלמוד) אלע נביאים זאגין: „כה" אמר ה' (אזוי האט גאט גיזאגט) אונ משה רבנו ע"ה זאגט מיט דעם לשון: „זה הדבר" אשר צוה ה' (דאס איז גאטעס ווארטין).

ערקלעהרט אונז דעם חלוק פון לשון „כה" אמר ה' (פון אלע נביאים) ביז דעם לשון „זה הדבר" (וואס משה רבנו האט גיזאגט) שטעלט אייך פאר, (ענטפער איך), ווען ראובן שיקט שמעונען איינינע ווערטער מונדליך דורך אשליח, אונ דער שליח גיט שמעונען ריכטיג איבער מונדליך, דיא ווערטער, הייסט דאס שמעון הערט ריכטיג ראובנ'ס ווערטער אבער דורך דעם שליח'ס שפראך-ארגאן. אזוי איז גיוועזן מיט אלע נביאים זייא האבין איבער גיזאגט פאר אידין גאטעס רייד, „כה אמר ה'" אזוי אונ אזוי האט גאט גיזאגט, האבין מיר גיהערט ריכטיג גאטעס רייד, אבער דורך דעם נביא'ס שפראך-ארגאן. ווען אבער ראובן דארף איבער געבין שמעונען אקורצען סעקרעטנעם זאך אין וועלכען ער זאל דערקענען ראובנ'ס מיין דורך דעם טאן מיט וועלכען ראובן בעגלייט זיינע ווארטין, צב"ש, ווען איך זאג יענער איז א ארינטליכער מאן, אדער יענער איז א ארינטליכער מאן? (דער פראגע טאן ענדערט אום דעם גאנצען גידאנקען), דא מוז שוין שמעון הערין פון ראובן זעלבסט, ווייל ער ווייס ראובנ'ס טענער, אונ אויף וועלכען ווארט ער שטעלט דעם אקצענט (אודארעניע). אונ ווען ער קען ניט (זעלבסט ריידין מיט אים) איז דער בעסטער מיטיל אריין צו ריידין אין אפאנאגראף אונ שיקען איהם (דעם פאנאגראף) וועט שמעון פון איהם הערין ראובנ'ס ווערטער ריכטיג מיט זיין טאן, אונ אזוי וויא עס איז אים בעקאנט ראובנ'ס שטימע מיט זיין טאן פערשטייט ער וואס ראובן מיינט, דאס זעלבע איז גיוועזן משה רבנו ע"ה, ווען ער האט גירעדט זיינעם איין ענין איז ער גיוועזן אכבד-פה (אשטאמלער), נור וויא ער האט גירעדט אבעפעל פון גאט איז גיוועזן שכינה מדברת מתוך גרונו, (דיא שטימע פון בורא איז גיגאנגען דורך משה'ס ארגאן) אונ אזוי וויא אידין איז בעקאנט גיוועזן גאטעס שטימע, ווייל זייא האבין גיהערט על הר סיני די עשרת הדברים, האבין זייא גיוואוסט ריכטיג אז דאס רעדט גאט דורך משה'ס ארגאן, הייסט דיא נבואה פון משה „זה הדבר" אט דאס איז גאטעס רייד אונ גאטעס שטימע. אונ דאס איז דיא כוונה פון מדרש (ילקוט יתרו ע"פ הוי' אתה לעם מול האלקים, הוי' לחם „כבלי מלא דבורים"), אז דער מדרש ווייל אבטייצין ריכטיג דעם פסוק, משה רבנו זאל זיין דער פערמיטלער פון אידין קעגין גאט, דאס הייסט ריכטיג וויא אידין שטייען קעגין גאט אונ הערין דיא דבורי התורה פון גאטס מויל, וויא אזוי קען דאס זיין? אידין האבין דאך גיזאגט אז זייא פירכטען זיך מעהר צו הערין פון גאט אליין, נור משה זאל הערין פון גאט אונ זייא איבער געבין, הייסט

דאך

דאך דאס ווייטער ניט וויא זיי הערין פון גאטס מויד. דרום טייטש דער מדרש אז משה זאל זיין ביי זיי וויא „אבלי מיט רייד" ד. ה. וויא אפאנאגראף, משר פאנאגראפירט איבער גאטס רייד, אונ אידין הערין ריכטיג דיא ווערטער וויא גאט זעלבסט רעדט צו זייא*).

יא יא, (זאגט אוויכטיגער מאן), די תורה אליין שרייבט „ולא קם נביא עוד בישראל כמשה" אזא נביא וויא משה רבנו איז נאך ביי אידין ניט גיוועזן, אונ איינע פון זיינע יתרונות איז: „אשר ידעו ה' פנים אל פנים" וואס גאט האט ערשיינט פנים אל פנים צו אידין, אונ האט בעקאנט גימאכט אלעמען אז משה איז זיין ווערניק, אז וואס משה וועט ריידין אין גאטס נאמען איז אלעס ריכטיג, ביי מתן תורה שטייט „ויהי קול השופר הולך וחזק מאד משה ידבר". דיא שיינע הערליכע שטימע גאט'ס איז ארום אין גאנץ מחנה ישראל, אונ האט גיזאגט משה ידבר (לשון עתיד) משה וועט ריידין צו אייך מיינע גיזעטצע, ד. ה. לבד די עשרת הדברים וואס איהר הערט מונדליך פון מיר אליין וועט משה ריידין צו אייך מיינע מצות והאלהים יעננו בקול (בקולו של משה) אונ גאט וועט אים ענטפערין**) מיט זיין שטימע, ד. ה. אז אין משה'ס שטימע וועט זיין גאט'ס שטימע, משה וועט נור זיין וויא אפאנאגראף וואס גיט ארויס די רייד וועלכע מען האט אין איהם אריין גירעדט. קומט אויס אז ביי מעמד הר סיני האבין זיך איבערצייגט כל ישראל אז משה איז דער ריכטיגער מקבל כל התורה פון הקב"ה, דאס מיינט דער תנא מיט די קורצע ווארטין „משה קבל תורה" אלע אידין ווייסין ריכטיג (שכל התורה המצויה עתה בידנו היא הנתונה למשה רבנו ע"ה) אז משה איז דער מקבל כל התורה פון הקב"ה, דיא ריכטיגע ידיעה האבין מיר בעקומען „מסיני" פון דעם מעמד הר סיני, דארטין האבין מיר גיהערט וויא הקב"ה האט (פנים אל פנים צו אלע אידין) איהם בעקאנט גימאכט אז וואס ער וועט ריידין אין גאט'ס נאמען איז שכינה מדברת מתוך גרונו, (עי' רמב"ם הלכות יסודי התורה פ"ח וביין לבנון משנה זו).

ליבער פאטער, מיין פעדער איז צוא שוואך דיר פארצושטעלין דעם פערגעניגען וואס די געשיכטע (פון חיים מיט דיא פערסיאנער) האט אלעמען פערשאפט.

אויף

---

*) ומה בתקו לחיך טועם דברי חז"ל אלה. כי באמת כל יודע לשון וספר מרגיש לחץ ודחק באותו המבטא: „חי' אתה לעם מול האלהים" ובאו חכמינו בקדשם והורונו אמתת הוראתו. כי ידוע כי חז"ל הקדושים קיימי בשיטת בעלי השניים ושרשי הכפולים, ונל"ה, ונע"ו וכיו"ב עיקר יסודם שתי אותיות, והוראת כלם אחת, כמו „תכם" מכפולים עם „סכת" מנל"ה, שניהם הוראתם מנין, וכיו"ב הרבה. וכן כאן הורונו כי מלת „מול" הוראתה כהוראת שרש „מלל" שהוא הדבור, ומול הוא שם על משקל פול, כמו: שוק, כור, אור, וכיו"ב, והוראתו בל"א: שפראכ־ארגאן, ורצונו, כי משה יהי' כלי מבטאו יתברך כביכול וז"ש „כלי מלא דבורים". (מידידי הרה"ג ר' בנציון ציזלינג שליט"א).

**) וכולל בלשון „יעננו" שימסור להם על ידי משה גם תורה שבע"פ שזה מציין במלת „דבור" (מלבי"ם)

אויף אלעמענס געזיכטער איז גילעגין פרייד אונ גראס-מוטה, זיי האבין יעצט ערפאהרען וועלכען טייערין שאטץ דער איד בעזיצט, אזא „כלי חמדה" וואס איז גיגעבין צו אונז מיט די האנד פון וועלט קעניג, אונ מיט גרויס פרייד האבין זיך אלע בעשלאסין איינטיילין יעדער טאג פון זייער לעבין (חציו לה' וחציו לכם) העלפט אויף גישעפט אונ העלפט אין אהבת תורה ומעשים טובים, איך האב זיי גיזאגט אצהות בעת השי"ת האט מיט אונז כורת ברית גיוועזן ביי מתן תורה, האט משה רבינו העלפט בלוט (פון די קרבנות) אריין גיטאן באגנות (שיסלען אונ בעקינס), אונ די צווייטע העלפט האט ער גישפריינגט אויפין מזבח (שמות כד, ו) אן צו מערקין אונז, אז נור העלפט פון אונזער בלוט אונ קרעפטין זאלין מיר אריין טאן אין שיסיל, ד. ה. אויף שטוב זאכין, אבער די אנדערע העלפט בלוט אונ כח זאלין מיר פארטאהן אין היילינקייט אין תורה ומעשים טובים. מיר זאלין פיהרין אונזער לעבין מיט ארדנונג אונ „סדר" עס זאל פריער זיין „קדש", „ורחץ" מיר זאלין היי-ליגען אונזערע גידאנקען אונ ארום וואשין זיך פון די שמוטציגע מעשים, נאכהער „יחץ" איבער טיילין די מיטעלסטע מצה (ד. ה. די בעסטע יאהרין) די קלענערע העלפט אפין טיש (פארין קערפער) אונ די גרעסערע העלפט בעהאלטין אויף שפעטער (פאר די נשמה תורה ומעשים טובים). — אחכם האט גיזאגט אוויטש (קאו"ק דרוש לפסח) וועה איז צו דעם וואס ווייב אונ קינדער גנב'נען ביי איהם ארויס דעם „אפיקומן" (די העלפט וואס ער וויל לאזין אויף שפעטער), ד. ה. זיי לאזין אים (אין זיין „סדר" אונ ארדענונג פון לעבין) קיין ציית ניט איבער, אוויילע לערנען, קונה שלמות זיין, זיי שרייען נור הב הב! גיב אברייטין לעבין! גיב מאדעס! דאדורך צושטערין זיי אים פון אלע איידעלע געפיהלען, אונ ער פערבלייבט נור ביי דעם שפעלען גידאנקען, גוואלד וואו נעמט מען געלט! זיי מאכין אים פאר אצלען אין די גיזעלשאפט (אנשי דמים ומרמה) וועלכע (לא יחצו ימיהם) ווילען ניט איבער טיילין זייערע טעג, פערברייגען העלפט אויף תורה ומעשים טובים צוא ערווערבין אקאפיטאל פאר די נשמה, נור דורכאוים פארין קערפער, אזא מענשין איז טאקע אך אונ וועה, ער לעבט וויא אנאר אונ גייט אוים וויא אציגאר. דרום זאל אקלוגער מענש זעהען צו פערברייגען זיין לעבין אין מעשים טובים, איבער הויפט זיך בעהעפטין צו אונזער ליבע תורה, זיא וועט אים שוין פיהרען אין די גוטע אנגינעהמע וועג פון לעבין, אז ער וועט פערברייגען זיינע יאהרין אין צופרידענהייט, אונ אב רייזין פון דער וועלט מיט אשם טוב, וואס דאס איז טייערער מכל הון דעלמא. דער וויטץ פון אפיקומן איז זייער גיפעלין דיא פובליקע, אונ מיר האבין פערבראכט דעם שבת אין גייסטליכע פערגעניגען.

דיין עוויג־ליעבענדע טאכטער מ"א.

5-טער טהייל.

דער זיעבעטער בריעף.

לאהובי אבי, חמדת לבבי, שלום וברכה!

ליבער טהייער פאטער! דיין זיסין גיפערלטין בריף, האב איך מיט גרוים פרייד עמפפאנגען, אונ האב אים איינינגע מאל דורך גילעזין, אונ וויא איך זעהע אז פון חיים'ס ראזגאוואריין האסטו פיל פערגעניגען, קום איך דיר צו שרייבין אקורצין ערציילונג פון אים.

אב פארינדיג פון דיא פאמיליע וואסערצווייג, האב איך זיך בעגעגענט אין וואגאן מיט איינינגע אנשטענדיגע מענשין, איינער פון זיי וואר אראש ישיבה אין אגרויסע שטאט.

איר זאלט לעזין אזעלכע נארישקייט? אהערצליבע ליעבע, אונ נאך אין זארגאן? איך וואלט דאס אויף אייך קיין מאל ניט רעכענען, רופט זיך אב מיט פערדרוס אין אנשטענדיגער קויפמאן צום ראש ישיבה, וואס האט גילעזין אין וואגאן דעם מעשה-אלפס.

ווען איך זאל אייך געבין פערזוכין אבלעטיל פון דעם בוך, רעכין איך וועט איר בעטין נאך, ענטפערט אים דער ראש ישיבה מיט א שמייכיל, אונ גיט אים לעזין אבלאט פון חיים דעם קלוגין ישיבה-מאן מיט דיא פרסיאנער (ענדע פיערטען טייל).

ענטשולדיגט רבי (רופט זיך אב דער קויפמאן) ריכטיג האבין אונזערע חכמים גיזאגט „אל תסתכל בקנקן אלא במה שיש בו“, מען דארף ניט קוקין וואס דער בוך איז גישריבין אויף זארגאן, מען דארף נור זעהען דעם אינהאלט פון אים. יא יא, ער איז זייער נוציג פאר הייניטיגע יונגע מענשין, אונ עלטערע גיפינען אין אים אויך גוטע ווערטער.

חיים דער קלוגער ישיבה-מאן? רופט זיך אויס א צווייטער קויפמאן, איך וועל אייך ערציילין אקלוגין ווארט פון אים, וואס ער האט פונאנדער גיקלונגען ביי אונז אין גאנץ שטאט.

הייניטיגען תשעה באב איז חיים איינגישטאנען מיט אונז אויף דאצא, נאך קינות זיינען צו זאמען גיקומען איינינגע דאצניקעס אונ האבין זיך זאנימאיעט ביין גרינגעם טישל. וואלט עס נאך שטיל אוועק גיין, קיינער

זאל

זאל ניט וויסן וואס זיי האבין גיטאן ביי זיך אין שטוב, וואלט נאך גיוועזן א האלבע צרה, זיי האבין זיך אבער גילאזט הערין איבערן גאנצין געגענד מיט זייער חא חא חא, אז אלע ארומיגע דאצניקעס אויך קריסטין ארינטליכע, וואס ווייסין אז דיזע נאכט איז ביי יודין א נאציאנאלער טרויער, האבין גיקוועצט מיט דיא פלייצעס אויף אזא בעזאבראזיע (אונארטיגקייט); נאך מנחה וויא דער עולם האט גיוואַרט אויף מעריב, רופט זיך אב חיים, מיינע טייערע, אום צו פערלייכטערן דעם תענית ביז מעריב, וועל איך אייך ערציילין א געשיכטע.

ארום אונזער געגענד איז דא א וואלד, וואס ער איז ווערט א הון רב, מען האט אים אבער ניט גיקענט איינבייסין, ווייל דער גראף האט זיך ניט נוזדאיעט אין געלט. אמאל האט פאסירט אז פלוצלונג האט דער גראף גידארפט אז ביז מארגין האלבין טאג זאל אים ווערין 10 טויזינד רו"כ, שיקט ער צו א וואלד סוחר ער זאל גאנץ פריה קומען מיט 10000 רו"כ וועט ער מיט אים דורך קומען וועגין וואלד, דער סוחר האט מיט זיך מיט גינומען דיא סוממא, אונ גיקומען צום גראף, זיי זיינען דורך גיקומען פאר 50 טויזינד רו"כ אונ דאס וואר א זעלטענע קניה, מען קען פון אים ארויס פירען סחורה ביז א האלבין מיליאן. דער סוחר נעמט ציילין דיא געלט, גיפינט ער נור 8 טויזינד רו"כ, ער האט פערגעסין אז 4 שטיק פינף-הונדערטער בילעטין האט ער גיהאט אין א צווייטין טייסטער וואס ער האט גילאזין אין קאמאד. דער גראף וויל דיא געלט ניט נעמען ווייל ער מוז האבין ביז האלבין טאג ניט ווייניגער וויא 10 טויזינד, — גיב מיר דיין פאר פערד (זאגט דער סוחר) וועל איך לויפין צו הויז (5 וויארסט) אונ צייט א שעה ברייננ איך דיא 2000 רו"כ, קורץ דאפאן דער גראף האט איינגישטימט מיט דעם בעדינג, אויב ער וועט ניט ברייננען צייט 2 שעה דיא 2000 רו"כ איז בטל דער גישעפט אונ דיא 8000 רו"כ איז אויך פערפאלין. דער סוחר האט זיך ניט גישפארעט ווייל ער איז ביי זיך זיכער אז ביי אים אין קאמאד איז דא 2000 רו"כ מזומנים, אונ מיט א פאר גוטע פערד ביי א גוטע וועג וועט ער דאס צום פונקט ברייננען; לאמיר לאזין דעם סוחר פארינדיג אונ מיר וועלין א שפאציר טאן (אויף א לופט באלאן) זעהען וואס ביין סוחר אין שטוב טוט זיך.

וואו איז דער פאפא?! האט זיך שטארק פונאנדער גישריען זיין בן יחיד (א קינד פון 3 יאהר), אז דיא מוטער האט אים פיר קיין פאל ניט גיקענט איינשטילין, ביז וואנען זיא האט גיעפינט דעם קאמאד געבין אים

דעם

דעם פאטערס פאטאגראפיע וועלכע איז געלעגען אין געלט פילארעס, עפענענדיג דעם פילארעס איז די קארטינקע פון 500-רובלדיגען בילעט גיפעלין דעם קינד בעסער וויא די פאטאגראף, ביז די מוטער האט אים דאס גימוסט געבין, אונ ארויס נעמענדיג איינע האט דער קינד דער זעהען אז עס איז דא א צווייטע אונ א דריטע אונ ער האט איר ניט נאך גילאזין ביז זיא האט אים גימוסט געבין אלע 4 בילעטין צו שפילין זיך, דער קינד האט זיך אזוי גישפילט מיט די שיינע צאצקעס אונ די מוטער האט דא צו גיגרייט מיטאג פאר'ן פאטער, דער ווייל האט זיא ניט בעמערקט וואס דער קינד טוט, ביז וואנען זיא האט דער-הערט וויא דער קינד האט זיך פונאנדער גישריען: „מיינע צאצקאלאך! מיינע צאצקאלאך“! די מוטער לויפט צו, זיא זעהט אז דער קינד איז צו גיקראכין צו די מאשינקע וואס האט געקאכט קאפע אונ האט פערברענט די 4 סיגנאציעס, עס איז זעלבסט פערשטענדליך אז די מוטער איז גיווארין א טויטע אונ האט אנגיהויבין צו ברעכין מיט די הענט אונ זיך שלאגין קאפ אן וואנט, א גליך ווערטיל 2000 רו"ב אין א מינוט פערלארין? וויא דער קינד וויינט זא שרעקליך אונ די מוטער זא יאמערליך, פארט אן דער פאטער אונ גיפינט די טרויעריגע סצענע,— וואס איז דאס? פרעגט ער ערשראקין, די מוטער איז שטום אונ קען אים ניט ענטפערין, ער לויפט צום קאמאד ער גיפינט דעם טייסטער ליידיג, וואו איז די געלט? פרעגט ער פערציטערט, די מוטער שווייגט שטום וויא די וואנד, עס האט איר פשוט אב גינומען דער לשון, וויא ערשראקין איז ער גיווארין אז ער האט דער זעהען לעבין מאשינקע ברעקלאך פערשמיילעטע פאפיר פון די 4 בילעטין, פינסטער איז מיר! איך בין אונגליקליך! האט ער אויס גישריען ניט מיט זיין קול, אונ האט זיך גוואלדיג פונאנדער גיוויינט, ווער איז אים שטאנד פאר צו שטעלין זיין יאמער אונ טרויער, אין שטוב איז גיווארין א גיבעש פון דרייערליי קולות: דער קינד וויינט, די מוטער שרייט, דער פאטער יאמערט גוואלדיג.

אה! וויא פערשיידין זיינען די געוויינען איינע פון די אנדערע, דער קינד וויינט פשוט אזעלכע פיינע צאצקעס זיינען אים פערברענט גיווארין, די מוטער וויינט עס זיינען איר פערברענט גיווארין 2000 רו"ב, דער פאטער וויינט, עס איז פערברענט גיווארין 2000 רו"ב, אונ צוא דעם נאך 8000 רו"ב, אונ דאס איז נאך אלעס גאר ניט קעגין דעם

וואס ער האט נאך פערלארין א גוואלדיגע קניה וואס ער האט גיקאנט אן דעם פערדינגען א האלבין מיליאן רו"כ, אהו וואס פאר א גרויסער אונטערשיעד עס איז פון איין גיוויין ביז דעם צווייטין.

דאס גלייכען, ליבע ברידער, איז דיא געשיכטע פון היינטיגען תענית, וואס אין אים איז פערברענט גיווארין אונזער בית המקדש אונ חרוב גיווארין אונזער לאנד, דארטין איז אויך גיוועזן דרייערליי גיוויינען, דער איינפאכער נארד האט גיוויינט פשוט וויא דיזער קינד, עס איז פערברענט גיווארין אזא הערליכער צאצקעדיגער פאלאץ וויא דער בית המקדש, עס איז חרוב גיווארין אזא שיינער געגענד „יפה נוף משוש כל הארץ הר ציון", דער שיינער געגענד, דיא שיינע פאזיציע, דיא פרייד פון דער גאנצער וועלט וואר דער הר ציון, זאגאר אפילו דיא ארינטליכע פון אנדערע נאראדין האבין גיוויינט אויף דעם חורבן פון אזא הערליכין פאלאץ וויא דער בית המקדש, וייל ער וואר הייליג ביי אלעמען, דיא העכערע קלאס אידין, תנאים, סנהדרין, צדיקים וחסידים, האבין גיוויינט מיט א העכערין גיפיל, עס איז פערברענט גיווארין אזא טייערע סגולה וואס האט צו זאמען געבונדין דיא הערצער פון דיא גאנצע פאלק, וועד איז דאס אים שטאנד פאר צו שטעלין, אז עס פלעגין צו זאמען קומען כל ישראל אויף ארגל, וויפיל נביאים, וויפיל תנאים, וויפיל חכמים ונבונים, וויפיל צדיקים אנשי מעשה ונדיבים, האבין זיך דאס גיפונען ביי אידין, וואס ביין צו זאמען קומען אין ירושלים, האבין איינע פון אנדערע גילערינט פיל ידיעות נשגבות אין תורה אונ אין אלע חכמות, אונ צו גיזעהען איינע ביי דיא אנדערע מדות טובות אונ הנהגות טובות אין אידישקייט, וויא דער חכם מכל אדם זאגט (משלי יב), יתר (לשון תר ומרגל) מרעהו צדיק, דער צדיק איז וויא א שפיאן ער שפיגעוועט אוים ביי זיין חבר דעם צדיק זיינע גוטע מדות נאך צו טאן זיי. — דיא אלע זארטין גיוויין קומט נאך ניט צו דעם גיוויין פון פאטער פון הימל, ער ווייס נאך העכער וויפיל מיר האבין פערלארין דורך דעם חורבן הבית, טהרה, קדושה, יראת הרוממות (עהרענפורכט), וואס דיא הייליגקייט פון בית המקדש אונ ירושלים האט אויף אונז איינפלוס גימאכט, אונ דיא וואונדערליכע נסים וואס זיינען שטענדיג גיוועזן אין בית המקדש וויא דער תנא רעכינט אין פרקי אבות, אונ וויא דיא חכמי התלמוד רעכענען (יומא כא), וויא דער געטליכער פייער וואס איז אראפ פון הימל (בעת שלמה המלך האט מחנך גיוועזן

דעם

האט שטענדיג גיברענט אופין מזבח אין דעם גישטאלט (דעם בית המקדש)
פון אפאיערדיגין לייב, אונ דער גרויסער נס וואס איז גיוועז ביא דיא
לחם הפנים, ער איז גילעגין אגאנצע אכטאג אויפין שולחן אונ ביין
אראפ נעמען איז ער גיוועז ווארים, וויא אין דיא צייט וואס מען האט
אים מסדר גיוועז, אונ דער וואונדערליכער נס (עומדים צפופים ומשתחוים רוחים),
בעת דער גאנצער נאראד איז אריין אין דער עזרה יום טוב, איז מען
דאך גישטאנען שרעקליך אויפגישפארט, פון דעסט וועגין אז מען האט
זיך גידארפט בוקין צום היכל, איז גיווארין גיראם איבער נאטירליך,
4 איילין ווייט פון איינעם ביז דעם צווייטין, בכדי אייגער זאל ניט הערין
וואס דער צווייטער איז מתפלל, אונ איבער הויפט בעת מען איז
גיקומען צוריק צו הויז אונ מען האט גיפונען דיא מאיאנטקעס מיט דיא
אוצרות אלעס אין גאנצין, הגם זיי האבין דאס איבער גילאזין לויז
(אהנע בעוואכונג), אונ פשיטא דיא שטעט וועלכע שטייען ביי דיא גרעניצין
פון אנדערע אומות, וואס עס איז גיפערליך אז זייערע שלעכטע שכנים
זאלין זיך ניט אריין חאפין אונ בעראבעווען זייערע גוטין, וויא מיר
האבין גישריבין אין פירטען טייל אז דאס איז איינע פון דיא
גרויסע בעווייז אז דיא תורה איז מן השמים, אז דער מיטל וואס זיא
(דיא תורה) האט אונז גיגעבין צוא בעשיצין אונזער לאנד, וועלכע
פערשמעקט אלעמען, איז נור וואס מיר וועלין איר מיט אונזערע גוטין
לאזין אהנע שמירה, אונ מיר אלע וועלין גיין דריי מאל א יאהר עולה
רגל זיין („ולא יחמוד איש את ארצך" דורך וועלכען מיטעל? „בעלותך לראות את פני ה"א
שלש פעמים בשנה"). לבד וואס דער בית המקדש מיט דיא היליגע לאנד
(וואס אידין זיינען גיזעסין אויף איהר) ווען מיר וואלטין זיך גיפירט וויא דיא תורה
שרייבט אונז, וואלטין זיי מיט דער צייט געבין א הערליכין שיין אויף
דיא גרויסע וועלט, אז אלע וואלטין דער קענען דעם אמת, אונ נאך
פיל העכערע זאכין וואס אונזער בליק קען גאר אזוי ווייט ניט דער
לאנגען נור פאר השי"ת איז עס גלוי, איז אלעס צו שטראנד גיגאנגען
דורך דעם חורבן הבית וגלות ישראל, אויף דעם האט אונזער פאטער
פון הימל כביכול גיוויינט וויא דיא חז"ל (חגיגה ה:) מערקען אונז אן אויף
דעם פסוק (ירמיה יג, יז) „במסתרים תבכה נפשי", (מקום יש להקב"ה „ומסתרים"
שמו), עס איז דא אזא הויכע מדרגה וואס מען רופט דאס „מסתרים"
ד. ה. עס איז גאר פערבארגין (פערבארגין) פון מענשליכע גיפיהלין נור
ענטדעקט פאר השי"ת (מפני גוה, על גאוותן של ישראל שנטלה מהם) צו וואס פאר

אהויבע

אהויכע מדרגה אידין האבין גיקאנט דער לאנגען זיצינדיג אויף זייער לאנד-ווען זיי וואלטין גיין אין גאטעס וועג, אונ יעצט איז דאס אלעס צו שטראנד גיגאנגען, אויף דעם וויינט השי"ת כביכול, דיזע בעמערקונג אליין איז גינוג (פאר דעם וואס האט נור מארך אין מוח) צו זעהען אב היטין די אבלות פון דעם טאג, וויא די חכמים האבין אונז פערארדינט אז דעם טאג דארף יעדער זיין איינזאם ניט קומען אין גיזעלשאפט (ישב בדד וידום) בבדי מען זאל ניט מסיח דעת זיין פון אבלות, ופשיטא ניט קומען צו גילעכטער אונ קלות ראש, ווארום וויפיל מיר מענשין פערשטייען דעם שאדין וואס מיר האבין גיהאט דעם טאג קלעקט אויך, דאס איז אויך זייער אגוואלדיגער שאדין.

יעצט מיינע טייערע, גיווים זייט איר גערין צו וויסין וואס הערט זיך נייעס ביי די אונגליקליכע פאמיליע (ביין 'וואלד סוחר), מיר האבין דאכט זיך גילאזין אלעמען יאמערליך וויינענדיג, מיט אמאל זעהען מיר אז נור דער פאטער אונ מוטער וויינען אונ חאלעשין, אבער דער קינד איז פריילך אונ מונטער, ער לאכט נאך אויפין קול. וואס איז די אורזאך? (פון דעם קינדס לאכין), גאנץ איינפאך, איינינע קליינע קינדער זיינען צו אים אריין גיקומען מיט א טאליע קארטין אונ האבין אים אויך גיגעבין עטליכע קארטין מיט מענצאלאך האט ער זיך דער פרייט, עס האט זיך אים אום גיקערט דער שאדין, יענע צאצקע די צאצקע, וואס איז דער אונטערשייד אבי א צאצקע. אה! דוא נארעשע קינד! וויא אונוויסענד דוא בינסט, דיין פאטער אונ מוטער וויינען אונ חאלעשין צום טויט אונ דוא, וואס פון דיר שטאמט זייער אונגליק! פרייסט זיך אונ לאכסט אויפין קול, וואס איז? דוא שפילסט זיך מיט קערטאלאך. אה! וויא דום דוא ביסט! — נור וואס זאלין מיר פערדרוס האבין אויף א קינד פון 3 יאהר, אז 20 אונ 30-יאהריגע אינגלאך, זיינען אויך ניט קליגער, דאכט זיך איינינע פון זיי זיינען גיגאנגען צו קינות אונ כלומרסט נאך גיהאלטין דעם שטאט פון אבלות, מיט אמאל קומענדיג פון מעריב זיינען צו זאמען גיקומען נאך איינינע 20-יאהריגע קינדער מיט א טאליע קארטין, האט מען זיך גאר פאר געסין אן די גאנצע טרויעריגע היסטאריע פון די נאכט אונ מען האט זיך לוסטיג גימאכט מיט קארטין חא חא חא! אפין קול, אנשטאט די הערליכע צאצקעס וואס איז פערברענט גיווארין ביי זייער נאציאן היינטיגען טאג, האבין זייא גיקראגין אנדערע צאצקעס. אה! וויא גוואלדיג דום דאס איז.

דיזע

דיזע קלוגע רייד האבין ניט געפעלט זייער ציעל, דיא איינינע יונגע מענשין פון דיא קארטין שפילער (וועלכע זיינען געוועזן ביי מנחה) האבין זיך ניט געהאט וואו צו בעהאלטין פון שאנד, אונ גלייך איז דאס פונאנדער געטראגין געווארין אין אלע דאצעס, אונ עס האט יעדערין פון דיא שפילער, וועלכער האט נור א ברעקיל מארך, דער לאנגט וויא מיט אקאנאנגע אין מוח, אז זיי וועלין שוין פערזאגין א צענטין נאך אמאל אזא ווילדע נארישקייט צו טאן.

יא, יא! דיא קארטינגע איז זייער א ריכטיגע (רופט זיך אב א קלוגער מענש) אזוי וויא דא האט דער 3-יאהריגער איניגיל געבראכט דעם אונגליק אויף זיין פאמיליע (מיט זיין פערברענגען זייער קאפיטאל), אזוי האבין פערצייטין דיא 30-יאהריגע איניגלך געבראכט איין אונגליק אויף דאס פאלק, פערברענט דעם בית המקדש אונ חרוב געמאכט אונזער לאנד, וויא דער נביא (ישעיה ה, יב) זאגט „והיה כנור ונבל" ווייל דער יוגינט האט זיך אוועק געלאזין אויף נארישע פערגעניגען וויא טאנצין אונ שפילען „ואת פועל ה' לא יביטו" אונ גאר ניט געוואלט אריין קוקען אין דער תורה, וואו דאוונען, וואו אידישקייט, וואו איידעלע ערהאבענע געפילין? „לכן גלה עמי כו'" דאפיר איז דאס פאלק פערטריבען געווארין פון זייער לאנד „וכבודו" אונ זיינע גרעסטע נכבדים זיינען צוא שטארבין פון הונגער אונ דורשט, אונ עד היום איז ער (דער יוגינד) אלץ אין איין חא חא חא! ריכטיג זאגט דער חכם (קהלת ז, ו) „כקול הסירים תחת הסיר כן שחוק הכסיל" אזוי וויא דיא דערנער אונטערין טאפ טרעסקין (ניט וויא אנדערע האלץ ברענגען שטיל), ווייל אנדערע האלץ ברייננגען פיל נוצין (אויף בנינים אונ מעביל), אבער דיא דערנער טויגין נור אויפן פייער, דאפיר לאזין זייא זיך הערין בעת זיי ליגען אונטערין טאפ, אזוי איז דער געלעכטער פון א כסיל (חא חא חא אויפן קול), ער לאזט זיך הערין אז ער ברייננגט קיין וויכטיגע נוצין ניט דאס פאלק, ער טויג נור אויפן פייער (געברענט צו ווערין אין פייער פון גיהנם, עי' אבן שלמה תוספאה פ"ז ס"ה).

זייער ריכטיג (ענטפער איך), דאס איז א מוסר השכל פאר יעדער פערשטענדיגען מענשין, אז מען דארף זיין געזעצט, וויסין ווען פריילך צוא זיין אונ ווען אונמוטהיג, וויא דער חכם זאגט „עת לבכות ועת לשחוק", ווען אפילו ביי מיר איז היינט אלעס גלענצענד, אבער ווען ביי דאס פאלק איז היינט א טרויעריגער טאג, איז דאן א צייט צו וויינען, „ועת לשחוק" אונ עס איז א צייט צו לאכין. אונ אפילו אין דיא צייט

פון פרייד, דארף דער בר דעת אויך זיין מיושב, ניט עס זאל זיך הערין אין דיא צווייטע שטוב, וויא אונזערע חכמים רעכענען (דיא מיושבדינקייט אין לאכין) אין דיא 4 זאכין וואס מען דער קענט מיט דעם אמענשין „בכוסו" (ביי זיין טרינקען) „בכיסו" (ביי דיא מטבע) „בכעסו" (בעת ער איז אין כעס), „בשחקו" אויך ביין זיין לאכין, אכסיל לאכט אויפין קול אז עס הערט זיך אין דיא פינפטע שטוב, אבער א חכם שמייכילט שטיל אונ רוהיג.

חיים איז א חכם (רופט זיך אב דער קיפמאן) אונ אז ער שפילט א גרויסע ראליע אין מעשה אלפס, איז דער בוך טאקע ווירדיג מען זאל אים לעזען. זיי האבין פערבראכט דיא גאנצע וועג אין לעזין דעם בוך. דער ראש ישיבה האט מיט זיך גיהאט אלע 4 טייל, האט יעדער גילעזין א בעזונדערין טייל, איך האב זיך גאר ניט וויסענדיג גימאכט אז איך בין עפעס אויך א נאהענטער קרוב מיט דיא הערצליכע ליבע, איך בין נור גיזעסין אונ גיקליבין נחת, ביז דער פאיעזד איז גיקומען צום סטאנציע, וואו מיין בילעט האט זיך גיענדיגט, איך בין אראפ אין שטאט אונ גיי מיר אזוי פערטיפט אין מיינע גידאנקען, דער בורא זאל מיר עפעס צו שיקען גוטע גישעפטין וויא נוצליך צו זיין מיינע טייערע ברידער.

דער עוויגער וואס שיקט צו (וויא דיא וועלט זאגט) דעם שפינער זיין פלאקם, אדער וויא אונזערע חכמים זאגין (בדרך שאדם רוצה לילך מוליכין אותו), וויא א מענש נעמט זיך אפיר אזוי העלפט אים דער בורא, האט ער מיר אויך צו גיפירט צו מיין וואונש. וויא איך גיי אזוי, מיט אמאל הער איך פון א שטוב א שטימע שרייט גוואלד ראטעוועט! מיין ליבע מוטער! איך לויף אהין אריין (עפעס א גלייך וואַרט פקוח נפשות?) אונ האב אב געמינטערט, אונ ווייל דאס איז א פיינע גישיכטע, וואס דוא ליבער פאטער וועסט פון דעם פיל פערגעניגען האבין, שפאר איך ניט קיין מיהע, אום צו שרייבין אלעס פאדראבנע פון אנפאנג ביז ענדע. דיא היסטאריע רוף איך מיט דעם נאמען „דיא וואהלטהעטיגע פאזארנע קאמאנדע".

אה! וואס זעהען מיינע אויגען! מיין איינציגער זאהן, א גרויסער אונגליק, איז מיר גישעהען, אקויל האט מיר געשאסין! א דונער האט מיר איין גישלאגין! אה שלעכט איז מיר! ראטעוועט מיר! פינסטער איז מיין וועלט! מיין טייערע פייגעלע! מיין ליכט! מיין שיין! אה! וואס פאר א פייער איז דא גישעהן! אז מיין איינציגע אויג פון מיין קאפ איז פאר א פאזארניק גינומען גיווארין, ראטעוועט! ראטעוועט! שלעכט....

אזוי האט יאמערליך גישריען מיט א ביטערע שטימע, א צערטליכע

מוטער

מוטער וועלכע איז גיקומען צו פארין אין געסט אין שטאט מ. זעהען זיך מיט איהר בן יחיד, זייער א גיראטענער, איין אדיל, א פירסט, אונ קומענדיג צו אים אין שטוב האט זיא איהם דער זעהן דורכין פענצטער, וויא ער קומט אן גיטאן וויא א פאזארניק מיט א מעשענע היטל אונ מיט א האק אין האנט, זיא האט פשוט גימיינט אז מען האט איהם אב גיגעבין פאר א סאלדאט, אונ נאזנאצעט אין פאזארנע קאמאנדע, אונ פון שרעק איז זיא גיפאלין אין אונמאכט.

אה! וועה! גישווינט דער לאנגט וואסער, עסיג שפירעטעס, לויפט, פליהט, רופט גיכער דאקטורים, רופט צו זאמען מענשען ראטעווען! אזוי האט צושראקענער-הייט גישריען בנימין, אריינגייענדיג אין שטוב אונ גיפונען פלוצלונג אזא טרויעריגע סצענע, אוי! דיא ליבע מוטער איז גיבליבין אין אונמאכט, מאמינקע וואס פאר א גוטש איז דיר, אה! טייערע מוטער! מיין ליכט, מיין שיין, לאז זיך ניט אב מאמינקע, מיין לעבין, מיין זעלע!

אה! וואס הערין מיינע אויערין, דיא זיסע שטימע פון מיין טייערין בנימינקען? מיין קינד דוא ביזט דא לעבין מיר? אה, דער צייל מיר מיין טרייסט, וואס פאר א קויל האט מיר דא גישאסין, א קויל וואס האט מיר דורך גילעבערט מיין שוואכע ברוסט, ווארום האסטו מיר ניט גישריבין וועגין דיין גרויסין אונגליק, איך וואלט לויפין פליהען, דיר צו ראטעווען מיין איינציגער שיין. אה וועה צו מיר! וויא א מענש ווייס דאס ניט וואס הינטער זיין פלייצע איז, איך פאר אזוי פריילּיך, אונ רייד מיט זיך, אט באלד אט באלד, וועל איך שוין זעהען דיין ליכטיגע גישטאלט, מיין איינציגער קינד, אונ פלוצלונג דער זעהע איך אזא אונגליק, שלעכט איך בלייב....

אבער אום גאטעס ווילען, לאז זיך ניט אב ליבע מוטער, דער צייל מיר וואס איז דיר פאר א גוטש, וואס פיר איין אונגליק זעהסטו חלילה ביי מיר, ליבע מוטער. עס איז ביי מיר צו דאנקען דעם עוויגען קיינע אונגליק, נור אלעס-גוטץ.

שטייטש! מיינע אויגין פון מיין קאפ, איך זיהע דאך אז מען האט דיר אב גיגעבין פאר א סאלדאט, אונ אריין גיגעבין אין פאזארנע קאמאנדע, אט גייסטו נאך אין פאזארנעם סיגעל, אונ אט היינגט דאך דיין פאטרעט וויא דוא גייסט וויא א פאזארניק מיט א האק אין האנט.

וויא איך זעהע, ליבע מוטער, איז דיר ניט אן גיקומען מיין בריף

וואס

וואס איך האב דיר געשריבן וועגן דעם, מאמינקע בערוהיג זיך, איך וועל דיר אלעס ערציילן פון האר ביז גאר, עס איז א גרויסער טעות, עס איז ניט וויא דוא מיינסט, מען האט מיר חלילה ניט אב גיגעבן פאר א סאלדאט (איך בין דאך א בן יחיד אונ האב 1-טע ראזראד ליגאטע), נור איך גיי באטשעווען בעת א שרפה ר"ל, מיט מיין גוטן ווילן.

וואס הייסט דאס מיט דיין גוטן ווילן? (פרעגט דיא מוטער פערוואונדערט), צו וואס פאר א צוועק איז דאס? איז דען ניטא קיין פאזארנע קאמאנדע ביא אייך? דאכט זיך אייערע פאזארנע קאמאנדעס האט א שם אין דער וועלט.

יא ליבע מוטער, דאס איז וואהר, אז דיא היגע פאזארנע קאמאנדע איז איינע אין דער וועלט, נור וויא איך האב צו גיזעהן איינינע מאל דעם אונגליק פון דיא שרפות, וואס ביי דיזער צייט טרעפט דאס זייער אפט. זאל זיך דער עוויגער ערבארימען, עס ווערין אונגליקליך גאנצע שטעט אין א האלבין טאג, אונ מען טרעבעוועט ארוים פיל מאל דיא היגע פאזארנע דורך דעפעשין אויף עקסטרענע פאיעזדין, צו ראטירען דיא שטעטלאך, ביי אזא אונגליקליכע צייט וויפיל פאזארנע עס איז דא איז אלעס ווייניג, אונ וויא דוא, ליבע מוטער, ווייסט מיין חאראקטער, אז דער צער פון מיינע ברידער בעלאנגט מיר ביין הערצין, אונ איך ליג שטענדיג אין דעם רעיון וויא נוצליך צו זיין פיר מיינע ברידער, איז מיר איין גיפאלין א גוטין פראיעקט, איך האב זיך צו זאמען גירעט מיט איינינע ארינטליכע גוטהערציגע מענשין, אונ מיר האבין דער לאנגט א ביטטע צום פאליצייא-מייסטער, אז מיר זעלאיען פאזארנע קליידער מיט אינסטרומענטין, אונ בעת א שרפה ר"ל, וועלין מיר לויפין ראטעווען, דיא ארומיגע הייזער, גיסין וואסער, פאר שפרייטין וואליקעס אום דער פייער זאל זיך ניט פאר נעמען ווייטער. בכדי דיא פאזארנע קאמאנדע זאלין דער ווייל טאן פלייסיג זייער ארבעט, צו רייסין וואו עס ברענט, דיא ארומיגע לייכטערע ארבעט איז שוין אונזער זאך.

דער פאליצייא-מייסטער האט אן גינומען פריינדליך אונזער פערלאנג, אונ האט אונז גלייך אריין גישיקט פאזארנע קליידער מיט מעשענע היטלען (דיא קליידער זיינען גינייט גיווארין דורך אונזער פערלאנג, כשר אהן שעטנז), אויך האבין מיר א בעזונדערין סקלאד מיט אלע סטרומענטין, אונ לייגער וויא עס האט גיברענט אין אידעשע גאס, בין איך גיוועזן דער ערסטער צו ראטעווען דיא שול וואס דער ביי איז. אונ אויף אונז קוקענדיג האבין

זיך

זיך מתקנא געוועזען נאך פיל וואהלטהעטיגע מענשען, אונ עס איז יעצט דא א גאנצע קאמפאניע מיט דעם נאמען „די פריוויליגע פאזארנע קאמאנדע“. — „שרה׳לע“ (זאגט ער צו זיין טאכטער), דער לאנג גיבער דעם גרויסען בילד פון קאבינעט. שרה׳לע האט דער לאנגט א גרויסען פאטאגראפישען בילד, וויא זייערע צוואנציג מאן שטייען אין פאזארנע קליידער מיט מעששענע קאסקעס אויף א מויער אונ מען שפריצט וואסער, אונ אנדערע פערציהען א נאשין וואליק, אונ אט שטיי איך, ליבע מוטער, אין מיטען דא אויפין בילד.

ערקוויקט זאלסטו ווערין פון דעם עוויגען, וויא דו האסט מיר ערקוויקט מיט דיינע זיסע רייד, מיין טהייערער זאהן, עס איז גיוויס מן השמים וואס דיין ליבער בריף איז פערפאלין גיגאנגען, אום איך זאל האבין טויט שרעק לכפרת עון, אבער א דאנק דעם עוויגען וואס פון די טויט שרעק האט ער מיר מחיה געוועזען מיט טל של תחיה, ד. ה. די זיסע טוי פון דיינע ליבליכע רייד. מיין ליבער זאהן בעט זיצין דיזע אידעלע מענשען וואס זיינען צו זאמען גילאפין מיר אים לעבין צו ברייננגען צו זעהן דיר מיין נחת. דער לאנג גוטע שפייז זייא צו ערקוויקען פאר זייער אונשולדיגען צער.

אין דעם נאמען פון מיין ליבע מוטער, בעט איך אלעמען פריינדליך צום טיש, זאגט בנימין.

אלע האבין זיך ארום גיזעצט ארום טיש, מען האט דער לאנגט גוטע שפייז אונ פרוכט לכבוד דעם גוטין גאסט, אונ גיגעסין אונ גיטרונקען אונ זיך לוסטיג גימאכט.

וואס איז דאס פיר איין אונגליק יעצטיגע צייטין מיט די אפטע שרפות? (פרעגט איינער פון די געסט). פאריגע יארין איז גאר ניט גיהערט גיווארין אזעלכע אפטע אונגליקען, אלע ווייליע, נאך איידער עס ווערט פאר היילט דאס הערצענס וואונד פון די טרויעריגע נאכריכט פון די שטאט, מיט א מאל איז שוין דא פינצטערע נאכריכט פון א צווייטע שטאט. דאכט זיך יעצטיגע צייטין איז מען פארזיכטיגער אין אלעס, דעבער פון שטרוי איז שוין כמעט גאנץ ווייניג, אונ אין יעדער שטעטיל איז דא איינגע פאזארנע סטרומענטין, אונ עס איז שוין ניט אזוי גישטיקט די הייזער, איינע לעבין די צווייטע, וויא נאך יעצטיגע פלאנען וואס מען גיט.

מען זעהט פשוט אז עס איז א גזר מן השמים (ענטפער איד), איך בין

אליין

אליין גיוועז ניט לאנג אין באַרישעוו (מינסקער גוב.) איז פון פרייטיג פריה ביז נאך האלבין טאג אַראפ כמעט ווי גאנץ שטאט פון עק ביז עק. אונ הגם מען האט גלייך גיגעבין א דעפעשע צום קנאז אין מינסק אונ ער האט גלייך אַרויס גישיקט דורך א עקסטרין פאיעזד פאזארנע קאמאנדע מיט סטרומענטין מיט פולע קייפלאך וואסער, אבער צייט איינינע שטונדין, וואס האט גיוועהרט זייער רייזע, האבין זיי שוין ניט גיפונען וואס צו ראטעווען. דער פרייטיג שטייט מיר קעגין מיינע אויגין אויס גימאלט מיט בלוט, איך בין גילאפין, גיפלויגין, העלפין ראטעווען דיא בתי מדרשים, דיא ספרים, אז דער פלאהם האט מיר שיר ניט פאר שמיילעט, גיהאלפין יעדערין שלעפין זיינע פעקלאך, גיהיט אלעמעס זאכין אויפין פעלד. ווער איז דאס גיוועז אים שטאנד צו צו זעהען, ווי א שטאט מענשין האבין זיך גיוואלגערט פרייטיג צו נאכט אויפין פעלד מיט פיצינקע קינדער אונ דער רעגין האט גיגאסין אויף זיי. אוי וויי איז מיר! דיזע סצענע איז אויס גיקריצט מיט בלוטיגע בוכשטאבען אויף מיינעם הערצין. עס איז א יושר גוט צו בעטראכטין ווארום שטראפט דאס אונז דער עוויגער יעצטיגע צייטין אזוי שטרייניג, אז עס איז כמעט אויס גיגאסין גיווארין אויף אונז דיא תוכחה פון דעם הייליגען נביא ישעיה „ארצכם שממה" אונזער לאנד איז וויסט, מיר וואלגערין זיך אין פרעמדע לענדער „עריכם שרופות אש", ד. ה. וואו מען האט נאך א שטיקל רוה ווי אין איין אייגענע שטאט (ווי מיר זיצין יעצט בחסדי ה' בצל מלכי חסד יר"ה), דארטין איז א גזר דין פון שרפות ר"ל, אדער דער פאיער פון פעסט (חלי-רע לא עלינו), וואס זאגט איהר ר' בנימין איהר זייט דאך א פערשטענדיגער מענש.

וואס זאל איך אייך זאגין מיינע טייערע, עס איז גאר איינפאך, מיר זיינען דיא יארין גיווארין שרעקליך קאלט אין אידישקייט, מיר זיינען פשוט פערפרארענע, אונ ווען דער פראסט איז גרויס, איז א סגולה ארום צו לויפין הין אונ הער, ווייל זיצינדיג אויף איין ארט איז גיפערליך, מען זאל ניט פערפרארען ווערין צום טויט, דרום טרייבט השי"ת אונז ארום, פילייכט וועלין מיר זיך עטוואס דער ווארימען. אונ ווען דער פראסט איז נאך שרעקליכער, אז ארום לויפין העלפט אויך גאנץ ווייניג, האב איך גיזעהן ווי אופראווע זוכט מיטלען וועגין פאלזע נאראד, מען גיט האלץ צו מאכין פלאקערין אין מיטין גאס, דער נאראד (דיא גאס מענשין) זאלין זיך ווארימען, אזוי הייסט השי"ת מאכין פאיערין (שרפות) פילייכט וועלין מיר

עטוואס

עטוואס ערנוואריטמען אונזערע פערפראֶרענע הערצער, אונ דאס וואלט גיוועזן גוטע מיטלען זיי וואלטין ניט פעלין זייער ציעל, ליידער אבער זייענען מיר אזוי אונגוויסענד, אז מיר לייגין אלעס אריין אין א טבע, מיר זאגין עס איז א מקרה (איין טראף), עס האט זיך גיטראפין אזוי, אונ מיר נעמען זיך ניט קיין מוסר צו ערוואריטמען אונזערע הערצער אין תשובה ומעשים טובים. פינקטליך וויא דער נביא (ישעיה א) האט אונז פאראויס אלעס דייטליך גיזאגט „על מה תוכו" וואס מער מען שלאגט אייך, צום ציעל איהר זאלט גלויבין אז דיא פורעניות איז פון דעם עוויגען, בכדי איהר זאלט זיך צוריק קערין פון אייערע בייזע מעשים, „עוד תוסיפו סרה" גייט איהר אוועק (אין שלעכטין וועג) נאך ווייטער אונ ווייטער, אונ דאפיר רייצין מיר אן אויף זיך גאטעס צארין עד להשחית ר"ל.

ריכטיג זאגט איהר מיין פריינד (ענטפערין אייניגע), גאטעס צארין ברענט אויף אונז וויא א פייער, הויל פיר דעם וואס מיר זאגין עס איז אלעס א מקרה (איין טראף), וויא אין דער תוכחה איז גישריבין (ויקרא כו) „ואם תלכו עמי בקרי" אז איהר וועט גיין מיט מיר מיט טרעפונג, ד. ה. אז אויף דיא אונגליקין וואס איך וועל אויף אייך שיקען, וועט איהר זאגין אז עס איז נור א טרעפונג, איין איבער גאנג, „והלכתי (אף אני) עמכם בחמת קרי" וועל איך אויף אייך אויס גיסין דעם הייסין צארין פאר דעם גופא, אונ וועל ניט אב לאזין מיינע שלעק פון אייך, ביז וואנען איהר וועט שוין דער שפירין אז „איך שלאג אייך" אונ איהר וועט זיך קערין צו מיר, דאן וועט איהר גירעטעט אונ גיהיילט ווערין. אונ כל זמן אונזער הערץ איז פאר שטאפט פון צו גלויבין אז גאטעס האנט שלאגט אונז, גיסט זיך אויף אונז גאטעס צארין גאר אן א סוף, מיט צרות, נע ונד, מגפות אונ שריפות ר"ל, אונ מען דארף האבין גרויסע סטרומענטין אונ א העלדישע פאזארנע קאמאנדע צוא לעשין דעם גרויסען פייער, וואס יודישע הויז (בית ישראל) ברענט.

צו לעשין דיא הייזער וואס ברענען שוין, מוז מען טאקע האבין גרויסע העלדין, אבער וויא איך זעהע, איז דער וייל בייטיגער צו גיסין וואסער אויף דיא הייזער וואס ברענען נאך ניט, עס זאל זיך דער פייער ניט אחאפ טאן באלד צו זיי אויך (ענטפערט בנימין), אונ צו דעם דארף מען ניט האבין דווקא אזעלכע גילערינטע העלדין, נור א רעכטער בר דעת קען זיין ספאסאבנע צו דעם.

הערט מיינע טייערע! וואס איך וועל אייך פרעגין (האט זיך איינער ארויס

גיהאפּט מיט פאיער), וויא וואלט גיוועזן אז קומענדיג אהיים, זאלין מיר גיפינען יעדער איין פאוויעסטקע פון אקרוזנאיע סוד, אז מיר זאלין זיך שטעלין אין 10 טעג אהום צום סוד, וועגין דיא באַרישעווער שרפה וואס מען אבוויניאיעט אונז אז מיר האבין דאס אונטער גיצונדין, וואלטין מיר דאן אויך זיצין אזו גלייך-גילטיג? מיר דוכט עס וואלט אונז שוין ניט איין גיין קיין שום זאך, קיין עסין אונ טרינקען, מיר וואלטין שוין פערגעסין אויך אן אונזערע גישעפטין, מיר וואלטין נור ארום לויפין צו גרויסע אדוואקאטין זוכין עצות וויא זיך צוא אפּראוודאיען פון סוד, וואס שמעקט מיט קאטארזנע.

היינט, אז יוא אזוי מיינע ליבע ברידער (שפּראך ער ווייטער) — זאג איך אייך זיכער, אז מיר אלע האבין פאוויעסטקעס פון הימל-סוד (ב״ד של מעלה), שטעלין זיך ראש השנה צום סוד, ענטפערין וועגין דיא שריפות, וואס מיר האבין אין זיי א גרויסין יד פיר אונזער נאכלאסיגקייט (וויא דיא חז״ל זאגין א רמז אין פסוק (שמות כב) כי תצא אש ומצאה קוצים, שלם ישלם המבעיר את הבערה).

אייערע רייד איז צוא דרוקין, עס איז ריכטיג וויא גאלד (זאגט בנימין) — איך בין דער ערשטער היינטיגען שבת פאר קריאת התורה, שטעלין זיך על הומת בית יעקב צו פליסין וואסער (מי דעת ותבונה מבאר חפרוה שרים) — ניט צו לאזין דעם פאיער פון דיא ראמאנען אונ אנדערע נארישע אונ אפּיקורסישע ביכלאך, זיי זאלין ניט אן צינדין אונזער שטאט, ווייל וויא איך האב בעטראכט, אין דיא איינגע יאהר וואס זיינען נתפשט גיווארין דיא זארגאנישע פוסטע ביכער, איז אוים גיקילט גיווארין אידעשע הערצער אז דיא קאלטקייט איז אוננאטירלאך, אונ צו דיא פערקילונג האט זיך צוא גיצעפּעט פערשיידענע קראנקהייט, פון מינות וכפירה ה׳ ישמרנו.

זייער פּראקטיש זאגט אידר ר׳ בנימין (ענטפערין אלע מיט איין שטימע) — ישראל רחמנים בני רחמנים, שטארען זיך צו העלפין דיא נשרפים ר״ל וויא וייט מען קען, אז מיר זייגען שוין פערמאטערט פון דיא שריפות וואס זייגען תכופים איינע נאך דיא אנדערע, לאמיר אן הויבין צו שטארקען זיך, זיין פרייוויליגע פּאזארניקעס זעהען צו פערהיטין עס זאל ווייטער ניט גיין דער פייער, אונ טריפין וואסער פון וויסענשאפט אונ מוסר השכל, מונדליך אונ שריפטליך, היינו ארוים געבין זארגאנישע ביכער וועלכע זייגען גישריבין מיט היילגע אידעלע געפיהלען צו שטארקין דיא נערפין פון אונזער פערשוואכטע פאלק אונ מאכין זיי אפּעטיט צו דיא

הייליגע

הייליגע תורה, דאן וועט זייא דיא הייליגע תורה שוין מאכין קרעפטיג אונ גליקליך.

הערט מיינע טייערע, וואס איך וועל אייך פרעגין (זאגט א צווייטער), אבוואהל פראקטיש זעהען מיר ארוים אז עס איז ריכטיג, אז זיינט דיא זארגאנישע ראמאנען זיינען נתפשט גיווארין האבין מיר זייער א גרויסע הינטער-שריטע גימאכט אין יודישע וועג, אונ דאדורך האבין מיר אויף זיך ארויף גיצויגין צרות אויף צרות, ביז וואנען מיר זיינען גיקומען צו אזא קריטישע לאגע וויא מיר זיינען יעצט. — דאס איז אלעס וואהר— נור איך וואלט וועלין פערשטיין דעם שכל פון דעם, וויא אזוי דיא זארגאנישע ראמאנען האבין אזא קראפט אונגליקליך צו מאכין דעם נארד וויא מיר זעהען דאס שיינבאר*).

דיא זאך איז גאנץ איינפאך (ענטפערט בנימין), שטעלט אייך פאהר, א חולה אפילו אין זיין שוואכסטין גילעגער האט ער אלם צו האפין, ער וועט רופין א דאקטאר אונ וועט נעמען מעדיצין, אונ מיט גאטעס הילפע וועט ער גירעטעט ווערין. ווען אבער עס טרעפט איין אונגליק אז דער אפטייק איז פערברענט גיווארין אונ דער דאקטער האט ווייט פעררייזט, דא ווייגט דער קראנקער יאמערליך, פינצטער איז מיר! איך בין אונגליקליך! אן א דאקטער אונ אן מעדיצין, מיין וואונד ווערט פון טאג צו טאג גיפערליכער, עס פוילט אונ עס וואקסט אן ווילד-פלייש.

דאס גלייכין איז דער מענש וואס דער בורא האט אים בעשאפין מיט א גרויסע וואונד, דאס איז דער יצה"ר (דיא בייזע נייגונג נאך ווילדע באגערונגען) וואס דיא וואונד ווערט אין דעם שלעכטין לופט (ד. ה. די הבלי הזמן מיטין לוקסוס) גיפערליכער פון טאג צו טאג, נור דער גענעדיגער בעשעפער האט גיגעבין דעם מענשין צו רעטען זיין וואונד איין ליכטיגע תורה, וואס זיא בעלויכטעט אים זיינע אויגין, וויא דוד המלך זאגט „נר לרגלי דבריך" דיינע רייד איז

אליכט

---

*) ולא רחוק להעמים זאת במליצת חז"ל (שבת נ"ו) אר"י אמר שמואל בשעה שנשא שלמה את בת פרעה ירד גבריאל ונעץ קנה בים ועלה בו שרטון ועליו נבנה כרך גדול של רומי, והמשכיל המתבונן על עת רעה הזאת אשר בני הנעורים פנו עורף לתורה ולדרך ארץ, והעמיקו שחתו בראמאנען ובדעות נשחתות, אשר יפלא מאד איכה נהיתה הרעה הזאת במשך קצר כמו שלשים שנה? לזאת באו חז"ל וגלו את פני הלוט הלוט במליצתם הנעימה: „שלמה" כינוי להכנסיה (כמ"ש שובי שובי השולמית) „ובת פרעה" כינוי להראמאנען (כת ערות הארץ), וזש"א בשעה כו' ונעץ קנה בים החכמה והתלמוד, והשקפה ראשונה נחשוב אשר שטף הים יגרוף אותו, אבל באמת „גבריאל" נעצו, כי נשתרש בגבורה עמוק עמוק בלבות בני הנעורים (כי זהו מהדברים שנפשו של אדם מתאוה להן ומחמדתן) „ועלה בו שרטון" עד מחשבות בטלה וזמה ומינות וכפירה עד שנעשה אי גדול ועליו נבנה כרך גדול של רומי אשר מפני קול המולה שלו לא נשמע אף קול גלגל חמה (כמ"ש יומא כ:) ועשה"כ (ישעיה ה, יב) והיה כנור ונבל ויין משתיהם ואת פועל ה' לא יביטו ומעשה ידיו לא ראו.

א ליכט צוא מיין טריט, אז איך זאל ניט אריין פאלין אין דעם נעץ וואס דיא פינצטערע זינדיגע גידאנקען פערשפרייטין צו מיינע פיס „ואור לנתיבתי" אונ זיי פערלייכטען מיין גאנצע וועג פון לעבין, פירין זיך אין אזיינע וועג וואס גיפעליג איזט אין דיא אויגען פון גאט אונ ארינטליכע מענשין, רופט זיך דיא תורה דער דאקטער אונ איהרע מצות איז דיא מעדיצין צו דיא וואונד פון יצר הרע, איז צו גאנץ רייכע לייט גייט א דאקטער אלע טאג, ער פעראָרדענט זיי א גוטע אויפפיהרונג נאכין וועטער נאך, זיי זאלין זיין פערהיט ניט קומען צו קיין קראנקהייט, ד. ה. דיא פרומע אידין זיינען זיך קובע אלע טאג א צייט צום לערנען, אין אוונט ווען זיי ווערין פרייע פון דער ארבעט, אדער פאר טאג איידער זיי גייען צו דער ארבעט, אונ ווער עס איז אפילו ניט זוכה צו אזא מדרגה איז לפחות שבת אדער ווינטערדיגער פרייטיג צו נאכט נאכין עסין, אונ פאר טאג האבין זייא א קביעות עתים אין א חברה אדער צו הויז, אויך אפילו ארינטליכע פרויען אונ פרייליינס פלעגין לייענען פרומע ספרים וויא מנורת המאור, קב הישר, חובת הלבבות אונ דאס גלייכין וואס דאס האט זיי גיעפינט דיא אויגין אונ גיגעבין גוט פערשטאנד ניט נאך צו יאגין נאך דיא הבלי הזמן, האבין זיי אוים גיבראכט זייערע היילעגע טעג פון שבת ויו"ט אין גייסטליכע פערגעניגען, אונ דיא ליכטיגע רייד פון דער תורה מיט דיא ליבליכע היסטאריעס פון אונזערע בערימטע תנאים וגאונים פון תלמוד ומדרשים, וואס אין זייער כאראקטער איז דאס פאלק ערצויגען אונ גיוואויגען גיווארין, נאך דעם וואונש פון אונזערע טרייע לעהרער, דיא חכמים זכרונם לברכה, וואס האבין גיצילט דאס עס זאל עוויג עקסיסטירען דיא פירמא „יוד-עט-יודינטהום" מיט איהרע מעשים טובים אונ מדות טובות וואס יעדערער וועט זייא ערקענען נאך דיא אויפפירונג, דאס זיי זיינען אברהם אבינו'ס אייניקליך, אונ משה רבינו'ס תלמידימליך (כל רואיהם יכירום כי הם זרע ברך ה'), האט דיזע איידעלע לערנונג פון שבת ויו"ט גיווירקט אויף זייער הנהגה פון א גאנצע וואך, ווייל דאס האט פאר איידעלט זייערע גידאנקען אונ גיפילין.

אבער יעצט צוא אונזער גרויסין אונגליק זיינען גיקומען דיא פערדארבענע זארגאנישע ראמאנען אונ האבין אן גיטרונקען דאס פאלק מיט „מים המאררים" (גיפט) פון ווילד פרעמדע כאראקטערין אונ אינטריגען פון באנדיטען אונ ראמאנשען פון שארלאטאנען אונ קאמעדיעס פון לצים, אונ דאס איז נאך אלץ ווייניג, זיי האבין נאך אן גימייקעט אין

זיי שמוץ פון דעות נפסדות אב צו לייקענען אלעס וואס הייליג איזט, זיי ווילין עס זאל זיין איין עולם של הפקר, יעדער זאל קענען טאהן וואס זיין פערפיהרטע הערץ גילוסט. ניט בעטראכטען דעם בייזין סוף פון גאטעס שטראפע אויף דיזע וועלט אדער אויף דיא קינפטיגע וועלט, זייערע לעזער גייען אריין מיט ניסט אונ גייען ארויס וויסט, עהנליך צו דיא בהמה וואס ביי איהר איז רעכט צו לאזין זיך פערפירין אין בוינע, צוליב א הייפיל היי וואס מען גיט איהר, ווייל איהר קאפ ליגט נור אין מאגין. אזוי אויך האבין דיא עזעל-קעפ (זארגאנישע ראמאנען שרייבער) פערקויפט דעם פאלקס-גייסט, איבער אקערביל וואס זיי האבין גינומען ביין פאקין טרעגער פיר דעם פערפאסונג פון א ראמאן ביכיל, אה! וויי! אזוי נידעריג צו זיין אונ אזוי ביליג צו פערהאנדלען א פאלקס-גייסט, איז פיל גיפערליכער אלס א פעלד-מארשאל זאל פערקויפען זיין ארמעע פיר שוחד! ווער עס האט א פונק טרייהייט צו זיין פאלק, מעג דאריבער אפפערין א זיפץ פון טיפין הערצין.

אייערע ווערטער איז צו דרוקען (האבין זיך אלע אב גירופין), אז מיט אזעלכע גיפערליכע שפייז האבין זיך אהן גיגעסין אונזערע ברידער אין דיא שבת'דיגע טעג אונ דיא ווינטער אווענדין וואס פיר גוטע אויפיהרונג קענען מיר האפין פון זיי. דרום שטראפט אונז השי"ת אום מיר זאלין זיך אויף חאפין פון אונזער הארטין שלאף אונ דער זעהען אין וואס פיר א שלעכטע וועג מיר זיינען אוועק גיבלאנזעט, וויא מיר האבין פאר שעמט דיא תורה וואס איהרע וועגין זיינען דרכי נועם (ליבליך אונ אנגינעהם), אז אין אונזערע רוהיגע צייטין ווילין מיר איהר אויך אין האנט ניט נעמען, פונקט וויא זיא וואלט גאר פאר אונז ניט גיגעבין ווערין, ווייל מיר זיינען פאר קאכט אין דיא זארגאנישע ראמאנען, וויא דער פסוק זאגט „כי מהאש יצאו", ווייל זיי האבין אב גיטראטין פון דער תורה וואס זיא איז גיגליכין צוא פייער דרום „והאש תאכלם" וועט זייא דער פייער פערברענען. אונ דאס זעהען מיר בחוש היינטיגען טאג.

וויא קומט דאס אז „דער העכט שטינקט פון קאפ"? (פרעגט פערוואונדערט איינער פון קאמפאניע), אז דיא מוכרי ספרים וואס זיינען על פי רוב פון דוחאווגעם קלאס פאר טראגין זיי דיא פייער אין אונזערע הייזער, ד. ה. זיי ברייגגען אונזערע קינדער דיא ראמאנען ביכליך, ווען ניט זיי וואלטין אונזערע שטעטלאך גאר ניט וויסין פון דעם.

זייער ארימער מצב, אונ זייער אונוויסענהייט ברייננט זיי צו דעם

ענטפערט

(ענטפערט א צווייטער), זיי זעהען אז דער נאראד האפט דאס און זיי פערדינען אן דעם א פונט ברויט, דרום טוען זייא דאס אהנע שום שלעכטע גידאנקען דאביי.

יעצט זעהע איך, וויא דיא וועלט האט א גרויסען טעות (ענטפער איך), מען מיינט אז א מוכר ספרים איז א למדן, עס איז ניט גידרונגען, ווייל פון דעם זעהען מיר וואס לבד דיא וואס האנדלען מיט ראמאנים ביכליך זיינען גרויסע פראסטאקעס ניט צו וויסען איין סעיף אין שולחן ערוך (או״ח סי׳ ש״ז סט״ז) און א משנה (אין פרקי אבות) „כל המחטיא את הרבים אין מספיקין בידו כו׳“ זיינען זייא אויך אונוויסענד אין הנהגת המדינה. ווען מען זאל גיפינען אין א בוך-האנדלונג סאציאליסטישע ביכער, ווערט יענער געוויס שטריינג שטראפירט ווערין פון דיא שופטי צדק און מען ווערט איהם פערשיקען לעזאזל, הגם דיא ריכטער ווייסען ריכטיג אז ער מיינט קיין שלעכטעס ניט נור ארויביל צו פערדינען פון דעם, איז דאס קיין אנטווארט ניט, יעדער אונטערטאנער מוז זיין טריי זיין קעניג, און פאטערלאנד, און ניט האלטין אזעלכע גיפערליכע ביכער וועלכע פאר פירען דעם נאראד אין אפינסטערע וועג צו ווערין אונטריי און מאכין מאטעזען, דאס גלייכען יעדער גאטעס-דינער מוז זיין טרייא דיא רעליגיאן און ניט האנדלען מיט אזעלכע גיפערליכע ביכער וואס מאכען אב קערין דיא פאלק פון גאטעס וועג, און מוז זיך פערטרויען אויף דעם גוטין גאט, אז ער ווערט איהם שפייזין אין א ארינטליכען ארט.

ריכטיג, ריכטיג (ענטפערט בנימין), איהר האט מיר דער מאנט, אין שטאט ק. האבען ארינטליכע בעלי בתים מיטין רב פעררופען זייער מוכר ספרים, און איהם גיבעטין אז ער זאל ניט האלטין קיין שום זארגאנישען ראמאן-ביכיל, און האבין איהם דאפיר גישטיצט מיט איינינע רובל ער זאל האבין א קירעוואנע צוא האלטין ארינטליכע ספרים און נאך אזעלכע זאכין וואס ער קען האבין פון דעם זיין פונט ברויט, און דיא שטאט איז מיט דעם גיבענצט אז דארטין איז ניט פערטראגין דער פאיער פון דיא ראמאן-ביכלאך. און השי״ת מיט זיין השגחה היט זיי אויס פון שרפות.

זייער א גוטע עצה (ענטפער איך), מיט אזא קליינעם מיטיל קען מען פערהיטין פון גרויסע אונגליקין. מי יתן אז וואו נאר עס איז מעגליך זאלין דאס בעלי בתים פערהיטין אז ווען עס קומט א מוכר ספרים אין שטאט זאלין זיי אכטונג געבין ער זאל ניט אן טראגין קיין עפידעמיע, ולהקדים פני הרעה.

וואס

וואס טוט מען אבער אין דיא גרויסע שטעט, וואס דיא בוכקראמען זיינען פיל, אונ ווייניג פון זיי זיינען מענשין מיט א ריינעם איבערלייג, אז צו ליב זייער גילדין פרנסה זאלין זיי ניט אומגליקליך מאכען הונדערטער מענשין, אראפ פירין זייא פון יודישע וועג, מען קען ניט זאגין עס איז דא איינינע זייער ארינטליכע וואס פיר טויזענטער וועלין זייא ניט האלטין אין זייער קראם קיין פערפירערישע ביכלאך, ליידער אבער זיינען אזעלכע אנטיקען גאנץ ווייניג.

צוא דעם מוזין מיר זוכין גאר אנדערע מיטלען (זאגט בנימין), וויא אגעוויסער משכיל האט גישריבין, אז עס איז שוין צייט דיא זארגאן לעזער צו ענטוואהנען, גענוג פאר זיי צוקער לעקאכלאך, דער פון מאכט מען נור קיילע דיא ציינער, אונ עס קלייבט זיך פון דעם אינערליך ווערים, זיי ברויכין שוין אנהויבין צו געניסען געזונטע שפייז, וואס פאסט פיר פאלקאמע מענשין, ד. ה. מען דארף זוכין וויכטיגע שרייבער זיי זאלין שרייבין איידעלע גידאנקען פון דיא הייליגע תורה וואס זיא איז טייערער וויא גין גאלד וואס דאס זאל אוים איידלין דיא גיפילין, אונ אויב עס איז נאך מעגליך זאלין זייא דאס איינפאסין אין שיינע ספורים פון תנ"ך אונ תלמוד ומדרשים וואס זיינען זים וויא פאטיקע, עס זאל צו ציהען דאס פאלק צו לעזין, אונ דיא איינינע שטונדין וואס דער נארוד וועט אוים ברייננען אין לעזין, זאל אוועק גיין מיט גרויס נוץ, ער זאל פול ווערין מיט איידעלע גיפילין, אונ בעלערינט ווערין אין פיל נייטיגע דינים פון דער תורה אונ מדות טובות, וויא צו בעגיין זיך געגין השי"ת אונ געגין לייטין.

„שפתים ישק משיב דברים נכוחים", ער (דער משכיל) איז ווירדיג אוים צו קושין אים זיינע גלידער, פיר אזא טייערין פראיעקט (ענטפער איך), איך קען אייך ערציילין אפאקט, איך האב אמאל גיהערט אליבליכין ספור, פון אוויכטיגין בערימטין חכם, ער האט אין איהם איין גיפאסט פיל דינים אונ זיטין לערנונג, עס קלינגט מיר נאך עד היום זיינע זיסע רייד אין דיא אויערין, איך בין פשוט בעגייסטערט גיווארין פון דעם ספור, אונ פיל דינים וואס איך האב דענסטמאל נאך ניט גיוואוסט בין איך בעלערינט גיווארין פון דעם ספור.

מיר זיינען זייער גערין צו הערין דעם ספור (רופין זיך אלע אב), שרה'לע דער לאנג דיא קארעפינקע ארץ ישראל וויין, מיר וועלין נעמען צו גלעזאלאך אונ לויבען דעם ליבין גאט, אונ דיא גוטע פריינדין וועט ערפרייען אונזער גייסט מיט דעם ליבליכען ספור.

שרה'לע

שרה'לע האט דער לאנגט צום טיש, די פובליקע האט זיך לוסטיג גימאכט אונ האבין אן גישטעלט נאז אונ אויערין הערין די זיסע רייד ·
אונ דוא מיין טייערער לעזער לייג אויך צו דיין אויער מיט דיין הערץ, צו דיזין ליבטיגען ספור, וועלכער וועט דיר פיל נוצין ברייגגען ·

דער לייב אלם עקסטער פאיעזד ·

בשנת ה' תק"ח, אין דעם יאהר 5508 לבריאת עולם, האבין אונזערע ברידער (הספרדים), די בעזיצער פון אונזער הייליגע לאנד ירושלים תובב"א, אוים געריכט איינעם פון די גרויסע אונ וויכטיגע רבנים, אויף א רייזע אין מצרים (דענסטמאל וואר דארטין אסך אידישע רייכע לייט), מאכין נדבות אוים צו העלפין די ארימע פאמיליען פון ירושלים, דיזער רב (דער משולח) איז גיוועזן איינער פון די וויכטיגסטע לייט, דער צו א גרויסער צדיק אונ א גרויסער חכם, וויא די וועלט זאגט „וואו תורה דארטין איז חכמה", ער האט גיקענט צו ציהען יענעמס הארץ מיט זיינע קלוגע אונ זיסע רייד, זיין אנפאנגם רייזע האט ער גימאכט דורך חברון, וואס אין איר הייליגע הייל (מערת המכפלה) זיינען מקובר אונזערע עלטערין אברהם יצחק ויעקב, אידישער יחום אונד עהרע, אום מתפלל צו זיין דארטין אז השי"ת זאל מצליח זיין זיין וועג, ער זאל ערגייכין זיין ציעל צוא שטיצען די ארינטליכע ארימע פאמיליען פון אונזער הייליגע לאנד. אין חברון האט ער אן גיטראפין א שיירה (קאמפאניע) ישמעאלים וואס מאכין א רייזע דורך מדבר אין עציון גבר*), איז ער אויך צו גישטאנען צו זייער קאמפאניע, אונ וויל די רייזע גיווערט אפט-מאל איניגע וואכין, דרום האט דער רב אב גימאכט מיט זייער עלטסטען (שיך), אז שבת זאל די גאנצע מחנה רוהען. דער שיך האט ביי דעם רב גינומען דער פאר א שיינע מתנה, אונ האט אים פערשפראכין אזוי צו טאן. די רייזענדער האבין איבער גיגעבין זייער זאכע ביי דעם עווינען אין האנד (וויל אזא וועג איז מאנכע מאל פערבונדין מיט לעבענס-גיפאהר) אונ אנגיפאנגען זייער רייזע.

פריטיג פאר נאכט, די זון האט שוין אנגיפאנגען צו בליקען אויף דעם מדבר מיט אירע לעצטע שטראהלין, דער רב האט גימאכט

א גישפרעך

---

*) דאס איז א סטאנציאן אין וועלכע אונזערע עלטערין האבין גירוהט, בעת יציאת מצרים, אונ פון דארטין האבין זיי נערייזט נאך מדבר צין, אזוי וויא עס איז בעשריבען אין סדר מסעי.

א גישפרעך מיטין עלסטען וועגין רוהען שבת, וויא זיי האבין אפ גירעט, דער שאך מאכט זיך אבער גאר ניט הערענדיג, אונ וויא דער רב האט אים אן גיהויבין שטארק צו בעטין, דאן האט ער אוים גיטאן זיין פער־מאסקירונג אונ ענטפערט גאר פראסט, אז דאס איז אונמעגליך, אבהאלטין א גאנצע מחנה צו ליב איין מענשין, אונ וויא ערשטוינט איז דער רב גיווארין הערענדיג דיזען אטקאז פון דעם עלסטען, עס איז אים פינצטער גיווארין אין דיא אויגין, ער בעטראכט זיך אז ער האט דא קיין אנדער וועג ניט, נור איינע פון דיא צוויי, אדער מיט רייזין מיט זיי אונ מחלל זיין דעם הייליגין שבת (יציאה מחוץ לתחום י"ב מיל שהוא דאורייתא, והוצאה ד' אמות ברשות הרבים, ומחמר אחר בהמה, אונ דאס גלייכין). אדער שיידין זיך פון דיא קאמפאניע, אונ פערבלייבין איינזאם אין אזא שרעקליכען פארכטיגען מדבר, וואס איז פול מיט ווילדע טהירען אונ רויבער באנדעס. איינינע מינוטען האט ער זיך פערטיפט אין זיין רעיון, אונ נאכהער האט ער צו זיך אליין גירעט דיזע ווערטער: אז איך וועל זיך שיידין פון דיא קאמפאניע אום צוא רוהען דעם הייליגען שבת אונ נאכהער צוא רייזין איינער אליין אין דער מדבר קען מעגליך זיין אז איך זאל בלייבין לעבין, ביי השי"ת איז אלעס מעגליך, ווען אבער איך וועל מחלל זיין דעם הייליגען שבת, וועל איך טאן דער מיט אגרויסען פערברעך, ווייל דיא מצוה פון שבת איז וויכטיג וויא דיא גאנצע תורה צו זאמען (וויא עס שטייט אין נחמיה (ט יד) ואת שבת קדשך הודעת להם ומצות וחקים ותורה צוית להם ביד משה עבדך). וויא ער וואר אזו פערטיפט אין ריידין מיט זיך זעלבסט, האט זיך אים פאר גישטעלט פאר דיא אויגען אונזער אלטע גישיכטע מיט דניאל איש חמודות אין בבל, וואס ער האט בעסער אוים ערוועהלט צו פערשניידין זיין לעבין אין לייבין גרוב, איידער עובר צו זיין דיא מצוה פון תפלה (דאוונען אלע טאג) צו השי"ת. אויך האט זיך אים פארגישטעלט דיא גישיכטע פון אליהו הנביא וואס ער איז פערוואגילט גיווארין 40 טעג אין דער מדבר, איידער זיך מתחבר זיין צו אחאב זיין א געצין דינער, (אזוי איז אויך פיליכט גלייכער פערוואגילט צו זיין אין דער מדבר איידער מחלל צו זיין דעם הייליגען שבת וואס דיא עבירה איז גלייך צו געצין דינסט). גלייך האט זיך דער רב ערוואכט פון זיין טיפין ישוב הדעת, אונ גירעשעט זיין וואפראס, ער איז אראפ גישטיגען פון פערד מיט זיינע באגאז אונ זיך גישיידעט פון דיא שיירה, אסך פון דיא רייזענדער האבין פון אים גילאכט, זיי האבין איהם גירעכינט פאר א וואהנזיניגין, צו פערבלייבין איינזאם אין אזא גיפערליכין מדבר, אונ

איינגע

איינִיגע ארינטליכע מענשין האבין אויף אים מיטלייד גיהאט, אונ אים שטארק בעדויערט וואס ער שטעלט זיין לעבען אין געפאהר, אונ האבין אוועק גערייזט.

דיא זון האט דער לאנגט איהרע לעצטע שטראהלין אונ איז אריין אין איהר צימער (אונטערין אנדערין האלבין כדור), אונ דיא נאכט האט אן גיהויבין לאנגזאם צו פערשפרייטין איהרע פליגיל אויף דעם מדבר. דער רב האט זיך אן גיצויגין זיינע בגדי שבת*) אונ האט מיט גרויס התלהבות מקבל שבת גיוועזן אונ גיפרייט זיך מיט איהם ריכטיג וויא א חתן מיט זיין כלה, אונ נאך וויא א העלדישער חתן וועלכער אפפערט זיין לעבין פאר זיין גיליבטע, האט ער אויס גישריען מיט א זיסע שטימע „בואי כלה, בואי כלה". עס האט זיך אויף איהם ריכטיג אב געשפיגעלט דער חרוז „התנערי מעפר", טרייסיל זיך אב פון דיא עפריות, ד. ה. פון דיא קערפערליכע גיפילין „קומי לבשי בגדי תפארתך עמי", שטיי אויף פון דיין שפלות, קלייד זיך אן דיינע שטאט-קליידער, ד. ה. דיינע היילינע געטליכע גיפילין, דיינע צירונג וואס דוא בינסט בעצירט גיווארין אויפין בארג סיני, יענעם שבת פון קבלת התורה, וואס נפשי יצאה בדברו, דיא נפשות פון ישראל האבין זיך דענסטמאל אויס גיטאן פון דיא קערפערס, אונ זיך באהעפט צו דיא היילינע דברות וועלכע זיינען ארויס מפי הגבורה.

דאס איז אזא הימלשער תענוג וואס דער מענש בעת ער איז אין קערפער קען קיין ציור פון דעם ניט האבין (אזוי וויא אגיבארענער טויבער האט קיין ציור ניט פון זיסע גיזאנג וואס אהערענדיגער האט פון דעם כלות הנפש). נור ווען א מענש איז זיך מכין ומטהר לכבוד שבת איז איהם השי"ת מזכה טועם צו זיין עטוואס פון דעם תענוג וואס דער גישמאק פון דיא זיסע קושין ליגט נאך אויף אונזערע ליפין אונ מיר פערגיסין אונזער הערץ צו השי"ת (ישקני מנשיקות פיהו), ער זאל אונז נאך אמאהל מזכה זיין צו דעם הימלשען תענוג, (כי טובים דודיך מיין), ווייל דיזער פערגעניגען איז בעסער וויא דיא גרעסטע פערגעניגען וואס קען נור געבין אויף דער וועלט. — נאכהער האט ער גיזאגט „מזמור שיר ליום

*) מזה תראה איך טועים עוברי דרכים כשהם על הדרך אין לובשים בגדי שבת, והם בחושך ילכו, כי שבת קדש צריך לכבדו אפילו בחדרי חדרים ואפילו בינו לבין עצמו כמו שכתוב ביני ובין בני ישראל, והלא הקב"ה מלא כל הארץ כבודו. עוד טועים אפילו הכתונת שלובשים להנאת עצמם אינם לובשים בערב שבת לכבוד שבת אלא בשבת בבוקר, לכן יזהר כל אדם לרחוץ עצמו בחמין על כל פניו ידיו ורגליו וללבוש בע"ש סמוך לערב כתונת לבן ובגדי שבת אפילו כשהוא בדרך או לבדו בביתו, וידמה במחשבתו כי שר גדול בא אצלו בביתו וכל שכן שבת קודש שבא לו חלק מנשמה קדושה ונר ה' נשמת אדם, ואשרי מי שמבין למה אומרים בואי כלה בודאי יראה ורעד יבא בו לכבדו יותר מאלו בא אליו שר ב"ו (זכרו תורת משה).

ליום השבת" ער האט גישפירט דעם גישמאק פון יעדער ווארט. „מה גדלו מעשיך ה' מאוד עמקו מחשבותיך", אה, וויא גרויס זיינען דיינע טהאטען גאט! וויא זייער טיף איז דיינע גידאנקען! נאכהער האט ער גידאווינט מעריב מיט גרויס שמחה ודבקות, אונ איבער הויפט ביי דיא ווערטער „ונשמח בדברי תורתך ובמצותיך לעולם ועד, כי הם חיינו", האט ער יעצט גישפירט דיא ווארהייט פון דעם, אז דאס איז ממש מחיה דעם מענשין, (כי בעת שמתיאש האדם מבטוח במעוז הטבע ומוסר נפשו וחייו לדבק בה' אז מרגיש בחיים ואתם הדבקים בה"א חיים ומל ה"א את לבבך לאהבה כו' למען חייך, פי' שתרגיש בחיים). נאכהער האט ער גימאכט קידוש. ווער איז גיוועזן אים-שטאנד צוא הערין דיא היילינע ווערטער פון קדוש, וויא זייא האבין גיפערילט פון דעם רב'ס מויל בקדושה ובטהרה. עס איז ממש נתקיים גיווארין אויף אים וויא דער מדרש טייטשט דעם פסוק (ויברך אלהים את יום השביעי, ברכו במאור פניו של אדם), ד. ה. ווען דער מענש איז זיך מכין מיט גרויס טהרה צום היילינען שבת, לייכט אים דיא גיזיכט פון דיא ליכטיגקייט פון שבת, אזוי האט ביין רב גישטראהלט דיא גיזיכט. אונ בעת ער האט גיזאגט דיא ווערטער „אשר קדשנו במצותיו ורצה בנו, כי בנו בחרת ואותנו קדשת מכל העמים", ד. ה. דער בורא ב"ה האט אונז יודען גיהייליגט מיט זיינע מצות, ער האט אונז אויסערוואהלט פון אלע אומות הקדמונים אונ מיט ליבשאפט אונ צופרידינהייט האט ער אונז גימאכט ערבין דעם היילינען שבת, דיא טייערע מתנה פון הימילשען אוצר, וויא אונזערע חכמים שרייבין (שבת י:), דער עוויגער האט גיזאגט צו משה רבינו, איך האב א טייערע מתנה אין מיין אוצר, „שבת" איז איהר נאמען, אונ איך וועל זיא געבין מיינע ליבע קינדער ישראל, איז ער דענסטמאל העכסט צו פרידין גיוועזן אויף זיין מסירת נפש (וואס ער האט בוחר גיוועזן פערבלייבען אליין אין דער מדבר). נאכהער האט ער גימאכט המוציא אויף לחם משנה (2 גאנצע חלות), אונ גיגעסין לכבוד שבת. נאך דעם האט ער מיט א שיינעם קול נגינה גיזונגען זמירות (לויב אונ גיזאנג צו השי"ת), אונ האט מיט גרויס אהבה ודבקות גיזאגט דיא היילינע ווערטער: „אוהבי ה' המחכים בבנין אריאל, ביום השבת שישו ושמחו כמקבלי מתן נחליאל", ד. ה. דיא ליב האבער פון השי"י וואס האפין עס זאל גיגרויסט ווערין דער כבוד פון מלכות שמים (דיא הימילשע קיניגרייך), דורך דעם בנין בית המקדש, זאלט איהר זיך פרייען אין היילינען טאג שבת, גלייך וויא איהר זייט אים יעצט מקבל מפי הקב"ה על הר סיני. האט זיך אים פון גרויס דבקות פאר-

גישטעלט

גישטעלט, אז ער איז אין מדבר סיני אונ שטייט מיט כל ישראל (צוואמען איינינע מיליאן מענשין) ביין בארג סיני, אונ הערט מיט גרויס זיסקייט אונ עהרענפורכט מפי הקב"ה דיא ווערטער „זכור את יום השבת לקדשו, על כן ברך ה' את יום השבת ויקדשהו", (אשר לתענוג זה אנו נכספים כמ"ש ישקני מנשיקות פיהו), קיין פעדער איז ניט אים-שטאנד ארויס צו געבין דיא שמחה פון דעם חסיד, אז ממש דיא שכינה האט אויף אים גירוהט, מען האט ניט גידארפט קיין גרעסערין פערגעניגען האבין נור צו הערין דענסטמאל זיינע זמירות. ליידער אבער האט קיין ילוד אשה ניט גיהאט דיא זכיה צו הערין, נור איין פארכטיגע בעשעפענעס, דער קעניג פון דיא חיות (איין לייב) איז גיקומען צו לויפין פון זיין רוהע אונ זיך גישטעלט קעגין דעם רב, אונ מיט זיין ברום האט ער אים בעגלייט זיין גיזאנג, גיוויס האט זיך דער רב אויף גיוואכט פון זיין זיסע פאנטאזיע צו דיא שטימע פון זיין טענאר, עס איז אויף אים גיפאלין אפחד אז נעבין אים שטייט אזא פארכטיגע טהירע. ער האט אויף גיהויבין דיא אויגין צוא השי"ת מיט דיא ווערטער „בידך אפקיד רוחי", ד. ה. איך גיב איבער מיין נשמה צו דיר הער פון דער וועלט, נור דוא ליבער גאט קענסט מיר שוצין אונטער דיינע פליגיל. וויא ערשטוינט וואר ער אבער, אז ער האט בעטראכט וויא דער לייב קוקט אויף אים מיט פריינדליכע בליקען, וויא ער וואלט ריידין צו אים „מיין טייערער פריינד וואס האסטו זיך פאר מיר אזוי ערשראקען ? איך בין ניט גיקומען אויף מלחמה נור אויף שלום", ד. ה. היטין אונ שיצין דיר פון שודדים אונ חיות רעות. דאן איז דעם רב ווידער ארויף גיקומען אויפין גידאנקען, דיא וואונדערליכע גישיכטע וואס האט פאסירט מיט דניאל איש חמודות, וויא דיא לייבין האבין אים ארום גירינגילט אין לייבין גרוב, אונ הגם זיי זיינען זייער הונגעריג גיוועזן וויל מען האט זייא 3 טעג ניט גיגעבין עסין, דאך האבין זייא אים ניט בערירט, ווייל עס איז אויף זיי גיפאלין זיין עהרענפורכט (כמ"ש ומוראכם וחתכם יהי' על כל חית הארץ). דער רב האט גיענדיגט מיט גרויס אהבה וחרדת קודש דעם לעצטין חרוז „עזור לשובתים בשביעי*) כו' ה' א"י אהבת תמים, ה'

---

*) אגעוויסער סוחר וואס אגאנץ יאהר מארגעוועט ער ניט שבת, האט זיך ערלויבט יאהר-מארק-צייט צו עפענען זיין גישעפט שבת, אונ אז ארינטליכע מענשין האבין אים פאר גיהאלטין אויף זיין שלעכטין שריט, האט ער גיענטפערט אז ער קען דעם נסיון ניט ביי שטיין. נאך זיין מיינונג נאך (זאגט ער), האט דיא תורה גיהייסין רוהען שבת נור אגאנץ יאהר אבער ניט אין יאהר-מארק-צייט, וואס יעדער טאג פאלט

פֿאַלט גרויסע ראַסחאָדין, נור אַז איהר וועט מיר ווייזין דייטליך אין חומש אז אפילו יאָהר-מאַרק צייט דאַרף מען רוהען שבת, וועל איך צו מאַכֿין מיין גישעפֿט, — איך פֿערשטייי אָן דיר, מיין ליבער לעזער, אַז דוא ווילסט מיר פֿרעגין וואָרום האָט טאַקע דיא תורה דאָס ניט בעזאָרגט? דאָס איז דאָך אַפֿאַקט וואָס טרעפֿט גאַנץ אָפֿט, אונ דער וואָס וויל זיך מאַכֿין גרינג קען דאָס לייכֿט פֿרעגין, — יאַ, יאַ, דאָס איז אַ גרויסע פֿראַגע, וואו גיפֿינט מען דאָס דייטליך אין דער תורה? אַז דענסטמאָל איז ניט גיוועזן קיין ניזנער ירידר אונ ניט קיין לייפציגער. — פֿרייטיג צו נאַכֿט צו זמירות, ביי דעם חרוז „עזור לשובתים בשביעי בחריש ובקציר עולמים" (השי"ת זאל העלפין דיא וואס רוהען שבת, זיי אקערין ניט אונ שניידין ניט), קומט מיר פֿאָר אַ פֿראַגע וואָס גראַד צייכֿענט אוים דער פייטן, חריש אונ קציר? הגם דאָס איז אַ פסוק (אין פ׳ תשא) „ששת ימים תעבוד וביום השביעי תשבות בחריש ובקציר תשבות", נור אויף דעם איז דאָ כמה דרשות לרז"ל, וואָרום האָט דיא תורה דאָ בעצייכֿענט נור חריש וקציר? (דיא תורה האט דאך פערזאגט אז קיין מלאכה טאר מען שבת ניט טאהן), אבער דעם פייטן קען מען ניט רעכֿט מאַכֿען מיט דעם, אונ ווידער וואָס איז דיא בעדייטונג פֿון „עולמים" עוויג? האָב איך מיר ערצינערט דיא פֿאָריגע גישיכֿטע, איז מיר ליכֿטיג גיוואָרין אין דיא אויגין, אַז מיט דעם וואָרט „עולמים" האָט דער פייטן אונז גיגעבין צו פֿערשטיין עומק פשוטו של מקרא. מיר גיפֿינען אין תלמוד (ברכות ל"ה), רבא האָט גיזאָגט צו זיינע תלמידים (וואס קומען לערנען אין זיין ישיבה), „ביומי ניסן וביומי תשרי לא תתחזו קמאי כי היכי דלא תטרדו במזוניכו כולא שתא", אַז אין ניסן-צייט אונ תשרי-צייט זאָלט איהר ניט קומען אין דער ישיבה (נור איהר זאלט לערנען צו הויז ווען איהר האט צייט), וויול צו לאַנד איז דענסטמאָל דער סעזאָהן (ארבעט-צייט), מען דאַרף אַקערין אונ זייען אונ אַראָפּ נעמען פֿון דיא פֿעלדער, איז ווען איהר ווערט אין דיא צייט פערזאָרגען אייער שטוב מיט ברויט, וועט איהר קענען אַ גאַנץ יאָהר רוהיג גיין לערנען אין דער ישיבה; זעהען מיר פֿון דעם אַז פֿאָריגע ציימין ווען זיי זיינען גיוועזן גוטס-בעזיצער (ניט קיין קויפלייטע) איז בעשטאַנען זייער יאָהר-מאַרק (סעזאהן) אין חריש וקציר (ארבעט-צייט), דאָס זאָגט אונז דיא תורה דייטליך „ששת ימים תעבוד וביום השביעי תשבות", זעקס טעג זאָלסטו אַרבייטין אונ דעם זיעבעטען טאָג זאָלסטו רוהען, אונ אום דוא זאָלסט זיך ניט טועה זיין (וויא דער קויפמאן אין ניזנע), אַז יאָהר-מאַרק-צייט וואָס יעדער טאָג איז טייער מעג מען אַרבייטין שבת אויך, זאָג איך דיר דייטליך „בחריש ובקציר" אפילו אין אַרבעט-צייט (דער ב׳ פון בחריש איז איין ב׳ הזמ, עי׳ הרכסים לבקעה) מוסטו אויך רוהען, ווען שבת קומט איז קיין תירוץ ניט, איז אַלעס פֿערבייגען, עס מעג זיין דיא טייערסטע צייט וואָס דיא ראַסחאָדין איז גרוים אונ מען קען אויך שעפּין גאָלד, אַז מען טאָר ניט, טאָר מען ניט. יעצט איז שוין זעלבסט פֿערשטענדליך, דענסטמאָל איז גיוועזן פשוט חריש וקציר, אונ היינט אין סוחרישע וועלט איז ניזנע, חאַרקאָב, פּאָלטאַווע, לייפציג, דער חריש וקציר, דאָס בעמערקט דער פייטן השי"ת זאָל העלפֿין דיא וואָס רוהען שבת בחריש ובקציר עולמים, אין דעם עוויגען וועלטליכֿען חריש וקציר ביי דעם גוטס-בעזיצער איז חריש וקציר (פשוטו כמשמעו) אַרבעטס-צייט, וואָס יעדער טאָג איז טייער, עס קען נאָך טרעפֿין אַז דיא גאַנצע וואָך איז גיוועזן וואָלקענדיג אונ גראָד שבת איז אַ גוטע פּאָגאָדע, מען קען אַריין פֿירין דיא שנאָפּעס אין שייער, פֿילייכֿט וועט מאָרגען רעגענען, אונ ביי דעם קויפֿמאַן איז ניזנע, לייפציג דער חריש וקציר. אָט שטייט דייטליך אין דער תורה אַז אפילו יאָהר-מאַרק-צייט מוז מען היטין שבת.

ה' א"י תשועת עולמים", אונ איז צו זיין מוטה גיקומען, ער האט ווייטער גיגעסין לכבוד שבת, אונ האט זיין ליבין גאסט אויך טראקטירט מיט אפאר ביסין, ער האט אנגיהויבין זינגען דעם אנדערין זמר „מנוחה ושמחה", אונ ביי דיא ווערטער „שומריו וזוכריו המה מעידים כי לששה כל ברואים ועומדים כו' וחית ראמים", ד. ה. מיט דעם היטין שבת וויא גיהעריג איז, איז מען איין עדות אז אין 6 טעג האט השי"ת אלעם בעשאפין אונ פעסט גישטעלט דיא הימלען מיט אלע הויכע הערשאפט דיא ערד מיט אלעם וואס אויף איהר, דיא ימים מיט אלעם וואס אין זיי, אלע ברואים פון קלענסטין ביזין גרעסטען, האט ער זיך גוט מתבונן גיוועזן קוקענדיג אויפין לייב, דיא גבורת הבורא פון זיינע ברואים, דער לייב איז גילעגין אויף זיינע לאפעס, אונ האט זיך איינגיהארכט זיינע זמירות, עס וואר צוא דער קענגען אויף דעם לייבס גיזיכט אז דיא זמירות איז איהם זייער גיפעלין, אונ פון זיסקייט האט דער לייב איין גישלאפין.

דיא ליכטיגע לבנה, דיא נאכט קעניגען, מיט איהרע טויזענדע הערשאפט (שטערין), האבין בעלויכטען דעם גאנצין געגענד. דער רב האט גיענדיגט זיין סעודה, אונ גיבענטשט ברכת המזון מיט גרויס יראה אונ התלהבות. ווען קען מען נאך האבין אזא גוטע געלעגענהייט זיך מתבונן צו זיין אין דיא הייליגע ווערטער פון ברכת המזון (וואס דעם נוסח האבין מתקן גיוועזן אזעלכע בערימטע מענער, משה רבינו, יהושע, אונ דוד ושלמה אונ איבער הויפט אין נודה לך, וואס מיר זיינען דאנקבאר דעם בורא ב"ה פאר דיא מתנות טובות וואס דיא הויפט פון זיי איז דיא ערהאבענע מתנה ועל תורתך שלמדתנו כו') וויא יעצט וואס ער איז גיוועזן אוים גיטאן פון אלע קערפערליכע געדאנקען וויא דער חרוז „התנערי מעפר" מערקט אונז אן. נאכהער האט ער גילייענט ק"ש מיט אזיסע שטימע, ווארט ביי ווארט, אונ איבער גיגעבין דיא נשמה צוא השי"ת מיט דיא ווערטער „בידך אפקיד רוחי", אונ גילייגט זיך שלאפען אויף דיא זאמד פון דער מדבר, אוים רוהען זיך לכבוד שבת, אונ האט איין גישלאפין צוזאמען מיטין לייב.

דיא זון האט אן גיהויבין ארוים צו שיקען איהרע ליכטיגע שטראלען, האט זיך דער רב אויף גיכאפט פון שלאף, ער קוקט זיך ארום הין אונ הער, וויא ערשטוינט איז ער גיווארין זעהענדיג אז דער לייב שטייט לעבין איהם וויא נעכטין ביי נאכט, אונ קוקט אויף אים מיט ליבליכע בליקען, דאן האט דער רב פערשטאנען, אז בזכות וואס ער האט גיט

גיוואלט

געוואלט מחלל שבת זיין, אונ האט זיך מוסר נפש געוועזן צוא בלייבין איינזאם אין אזא פארכטיגען מדבר, האט השי"ת אים צו געשיקט דעם גוטין שומר, צו היטין אים פון אלע געפאהרין וואס קען פאסירען אין אזא מדבר. יעדער געפיהל-פאלער מענטש קען זיך פארשטעלען וויא דער רב האט צוא געבראכט דעם הייליגען טאג שבת, זיין דאוונען שחרית, אונ נאכהער זיין מעביר זיין דיא סדרה, שנים מקרא ואחד תרגום, זיין תפלת מוסף, זיין קדושא רבא, אונ נאכהער דיא סעודה מיט דיא זמירות, מיט וואסערע הייליגע געפילען ער האט געגעסין לכבוד שבת אונ געבענטשט, אונ געלערינט הלכות שבת אין מיטין סעודה אונ נאכהער, אז פון גרויס שמחה אונ דבקות, האט ער כמעט פאר געסין אויב ער איז אין אמדבר אדער אין ירושלים ביין כותל המערבי.

נאכין בענטשין האט זיך דער רב צו געלייגט אוויילע אונטער דעם שוץ פון זיין גוטין שומר, אין אהאלבע שטונדע ארום האט ער זיך אויף געוואכט, אונ גענומען חזרין מסכת שבת אוים ווייניג, מיט גרויס עמקות, בשמחה ובטהרה איינגע שעה, אונ אום צוא ערקוויקען זיין הערץ וואס איז טרוקין געווארין פון איינגע שעה לערנען אויפין קול, האט ער ארוים גענומען ווייןטרויבין וואס ער האט מיט געפירט אויף שבת מקיים זיין מאה ברכות, אונ האט מיט אריינעם געפיהל געמאכט אברכה, געבין אדאנק דעם באשעפער פאר זיין בעשאפען דאס אלעם צוא ערקוויקען דעם מענשין, נאכהער האט ער ווייטער געלערינט אויסוויינוג שולחן ערוך הלכות שבת ביז מנחה צייט. יעצט האט ער זיך צו געגרייט צו דאוונען מנחה, אונ וויא ער איז געקומען צוא „ברוך אלהינו שבראנו לכבודו" האט ער זיך אווייליע אב געשטעלט, זיך מכין צו זיין צו דעם טייערין שבח. נאכהער האט ער געלייענט דיא פרשה וואס מען לייענט אין שול שבת צו מנחה, אונ האט זיך געשטעלט שמונה עשרה, יעדער בר שכל פערשטייט שוין פון זיך זעלבסט וויא ער האט זיך פונאנדער געווארימט אין שבח „אתה אחד ומי כעמך ישראל גוי אחד בארץ", וואו געפינט מען באמת אזא פאלק וועלכע האט אין זיך אזעלכע כוחות צו שיידין זיך פון אקאמפאניע אונ בלייבין אליין אין אוויסטין מדבר צו ליב היטין שבת, אז טאקע „אברהם יגל", אונזערע עלטערין פרייען זיך אונ זינגען לויב צו גאט (אין גן עדן), בעת יעקב'ס קינדער רוהען דעם הייליגען שבת, אונ אזעלכע רוהע? ניט אלעם געצוואונגען (ווייל עס פאסט ניט פאר לייטין צו עפענען דיא בוד אום שבת), נור „מנוחת אהבה ונדבה", אפרייוויליגע רוהע, בלויז פון אהבת ה', אמנוחה

וואס

וָואס אִיבֶּערְצַייגְט דִיא אֱמוּנָה, אַז הַשי"ת אִיז דֶער בֶּעשֶׁעפֶּער פוּן אַלֶע וֶועלְטִין. אַפָּאלְקָאמֶענֶע רוּהֶע וָואס הַשי"ת (היודע מחשבות) אִיז מִיט אִיהר צוּ פְרִידִין. (יכירו בניך כו') וֶוען דֶער מֶענְשׁ אַן-עֶרְקֶענְט אַז דִיא רוּהֶע אִיז פוּן הַשי"ת זֶעלְבְּסְט, אַמַתָּנָה טוֹבָה מִבֵּית גְּנָזָיו (יקדישו את שמך), נֶעמְט עֶר דָאס אָן מִיט אַזַא לִיבְּשַׁאפְט אַז עֶר וֶוערְט אִיבֶּער נַאטִירְלִיךְ, אוּנ אִיז צוּפְרִידִין, אִיבֶּער דִיא רוּהֶע, זִיךְ צוּ אָפְּפֶערִין אוּם מְקַדֵשׁ זַיין שֵׁם שָׁמַיִם. נָאךְ מִנְחָה הָאט עֶר גִיזָאגְט פֶּרֶק, אוּנ וִויא עֶר אִיז גִיקוּמֶען צוּ דִיא מִשְׁנָה „הוי מתלמידיו של אהרן כו'", הָאט עֶר גִינוּמֶען חַזֶערִין מִיט אַ הוֹיכֶע שְׁטִימֶע דִיא פֶּערִילְדִיגֶע וֶוערְטֶער פוּן הֵיילִיגֶען תַּנָא הִלֵל הַנָשִׂיא „הוי מתלמידיו של אהרן אוהב שלום ורודף שלום אוהב את הבריות ומקרבן לתורה", אוּנ הָאט זִיךְ דָאס אַלֵיין פֶער טַייטְשְׁט אוֹיף זַארְגָאן (בכדי עס זאל איהם אריין טיף אין הערצין): בֶּעמִיהֶע זִיךְ צוּ זַיין פוּן אַהֲרֹן'ס תַּלְמִידִים, וָואס זַיין סְפֶּעצְיַאלֶע מִדָה וַואר לִיב צוּ הָאבִּין פְרִידְלִיכְקַייט אוּנ נָאךְ יָאגִין צוּ מַאכִין פְרִיד צְוִוישֶׁען מֶענְשִׁין, הָאב לִיב אַלֶע מֶענְשִׁין אוּנ מַאךְ זֵיי נָאהֶענְט (דורך דיינע ליבליכע אונ פריינדליכע רייד) צוּ דֶער תּוֹרָה, פֶערְזַאמֶעל שַׁבָּת אוּנ יוֹם טוֹב דִיא יוּנְגֶע מֶענְשִׁין, אַרְבֵּייטֶער פַבְּרִיקַאנְטִיקֶעס וָואס אַגַאנְצֶע וָואךְ זֵייגֶען זֵיי בֶּעשֶׁעפְּטִיגְט, אוּנ עֶרְקְלֶער זֵיי דִיא זִיסֶע רֵייד פוּן דֶער תּוֹרָה. עֶר הָאט גֶעחַזֶר'ת וִויפִיל מָאל נָאךְ אַנַאנְד דִיא וֶוערְטֶער „אוהב את הבריות ומקרבן לתורה", אוּנ הָאט זִיךְ אַזוֹי פֶּער-טִיפְט אִין דֶעם גִידַאנְקֶען אַז עֶס אִיז גִיוֶוען צוּ עֶרְקֶענֶען אוֹיף אִיהם אַז עֶס פֶעלְט אִיהם עֶפֶּעס, עֶר קֶען זִיךְ קֵיין אָרְט נִיט גִיפִינֶען. עֶס הָאט אִיהם טַאקֶע אִין דֶער וַוארְהֵייט גִיפֶעלְט יֶעצְט וָואס עֶר אִיז גִיוַואוּנְט אַלֶע שַׁבָּת אִין דִיזֶער צַייט צוּ שְׁטֵיין פַאר אַ פּוּבְּלִיקָע פוּן הוּנְדֶערְטֶער יוּנְגֶע מֶענְשִׁין אוּנ לֶערְנֶען מִיט זֵיי תנ"ך, מִשְׁנָיוֹת, קִיצוּר שו"ע, מְסִלַת יְשָׁרִים, זֵיי זָאלִין וִויסִין וִויא צוּ זַיין אִידִין צוּ גָאט, אוּנ טְרַייא צוּ דִיא רֶעגִירוּנְג, אוּנ מֶענְשִׁין צוּ לַייטִין*).

נאכהער

---

*) דיא גוטע פריכטע פון דיא הייליגע פערזאמלונגען „תפארת בחורים"—„חברה פועלים" וועלכע עקסעסטירען ביי אידין פון משה רבינו'ס צייטין ביז יעצט, וויא דיא תורה שרייבט „ויקהל משה את כל עדת בני ישראל כו'" (זאגט אויף דעם דער מדרש) אז ער האט זיי פעראָרדינט אז שבת זאָלין זיי מאַכין גרויסע פערזאמלונגען עוסק צו זיין אין תורה, קענען מיר ארויס זעהען פון דיא צוויי אידעשע שטעט ווילנא אונ מינסק, אז שבת פערזאמלען זיך הונדערטער יונגע מענשין אונ דער רבי פערטייטש זייא איינינע פסוקים חומש, א משנה משניות, א סעיף חיי אדם איינינע מאהל אז זייא זאָלין גוט פערשטיין אונ נאָכהער חזרין דאָס אלע איבער איינער מיט דעם אנדערין אויפין קול, אונ נאָכהער היסט דער רבי איינעם פון זיי איבער זאָגין, זעהען צו האָבין זיי דאָס גוט פערשטאנען

נאכהער האט ער גיגעסין שלש סעודות מיט שמחה אונ שירים וזמירות לאלהי יעקב. הכלל ער האט צו גיבראכט דעם היילגען שבת אין הימלישין פערגניגען וויא א צדיק אין גן עדן (מעין עולם הבא יום שבת מנוחה). דיא זון האט שוין אצווייטין מאל דער לאנגט איהרע לעצטע שטראלין, אונ גינומען אבשייד פון דעם האלבין כדור צו פערבייזין נאך אמעריקא, אונ דיא לבנה מיט איהרע טויזענדער הערשאפט האבין פערטראטען איהר שטעלע, דער רב האט זיך מכין גיוועזען צו מעריב, אונ מיט גרויס אהבה ושמחה האט ער גיזאגט דיא ווערטער „ונשמח בדברי תורתך ובמצותיך לע"ו כי הם חיינו", דער מדבר איז איהם גיוועזען א גוטע לעהרע, א פראקטישע איבערצייגונג אז דיא תורה ומצות זיינען דער הויפט חיות אונ ערקוויקונג פון מענשין, וויא אונזער אלטער פראקטיקירטער לעהרער וואס האט זיך געבאך אויס-גיוואלגערט אין אלע מדבריות אין הונגער אונ דורסט פיר זיין גוטע הארץ אונ העלדינשאפטע טהאטען, בעת ער איז געוועזין געיאגט פון שאול המלך, ער האט דאן ערקענט אונ האט אונז אלעמען גילערינט דיזע גאלדענע בוכשטאבין „לולא תורתך שעשועי", ווען ניט דיין תורה וואס זיא איז מיינע שפיל-פערגעניגען, וואלט איך מיט דיא נאטירליכקייט לאנג פערלארין גיגאנגען פון פיין אונ ארמוטה, דרום „לעולם לא אשכח פקודיך", עוויג וועל איך ניט פערגעסין דיינע גיזעצע, ווייל אין זיי ליגט מיין חיות. נאך מעריב האט ער גימאכט הבדלה, אונ האט ארויס גיזעהן פראקטיש דיא ווארהייט פון דיא ווערטער „הנה אל ישועתי כו'", נון, גאט איזט מיין

הילף

פערשטאנען, דורך דעם זיינען גיווארין פיל פראסטע קינדער זייער אדיל, אונ פיל פון זיי זיינען קלאר גיווארין תורה אונ משניות אונ חיי אדם, עס איז א פערגעניגען צו זעהען פון זיי, פיל איידעלע ארבעטער וואס היטין אב זייער שיין אידישקייט אונ הלכות דרך ארץ בין אדם לחבירו. אויף דעם זארט בעלי מלאכות אונ פריקאסציקעס זאגט דער תנא „יפה תלמוד תורה עם דרך ארץ", א זעלכע מענשין זיינען מקדש שם שמים ברבים, זיי ארבעטין ערליך, זיי זיינען טריי זייער פרינציפאל, מען קען זיך אויף זיי פערטרויען, זייער יא איז א ווארט. נאכהער לערינט מען מיט זיי א שטיקעלע מסלת ישרים, אדער ספר המדות מיט אזא ווארימקייט אונ בעגייסטערונג, אז עס האט פיל מאהל גיטראפין עס זיינען צו גיגאנגען (נאכין לערנען) איינעגע פון זיי וועלכע זיינען דורך גיפאלין בין אדם לחבירו וויא גניבה אדער השבת אבדה, אונ האבין פאר איהם ענדעקט (זייער פערברעך) אונ ער האט בהשכל ודעת גישיקט רופין דעם נגזל אונ עס איז נתקיים גיווארין דער רצון התורה „והשיב את הגזלה, והשבת אבדה". פיל מאל האט גיטראפין אזעלכע פערפלאנטערטע זאבין וואס דער סלעדאוואטעל האט דאס ניט גיקאנט דער גיין בשום אופן, איז דאס נתגלה גיווארין בהודאת בעל-דין דורך דעם רבי'ס צו ווארעמען זיך אין מסלת ישרים.

הילף, בין איך שוין געזיכערט און פירכטע ניט. און האט מיט פרייד פון טיפין הערצין אוים גישריען דיא ווערטער „ה׳ צבאות אשרי אדם בוטח בך“! ד. ה. גאט פון אלע הערשאפט, וואול און גליקליך איז דער מענש וואס פערטרויט זיך אויף דיר, און קיין שוועריגקייט שטערט אים ניט צו טאן דיינע מצות! ער האט גישמעקט בשמים, ער האט זיך אלעם מיט גינומען פון צו הויז כבדי עס זאל אים ניט פעלין אין חעג קיין הדור מצוה אפילו. נאכהער האט ער געגרייט אטישטאך צו עסין סעודת מלוה-מלכה, בעגלייטין שבת המלכה ווען זיא נעמט אבשייד פון אונז, וויא דיא חז״ל לערנען אונז (שבת קיט) „לעולם יסדר אדם שולחנו במוצאי שבת“. און וויא ער האט גיענדיגט ברכת המזון פון מלוה-מלכה מיט דעם רבון העולמים פון מוצש״ק, אין דיזע רגע האט זיך דער לייב אויף גיהויבין און אן גיהויבין צו מאכין מיטין עק און גילאסצעט זיך ארום רב, גילעקט אים דיא הענד וויא אטרייער הונד, און האט זיך אוים גישפרייט אויף דער ערד אזוי וויא ער פערלאנגט פון רב ער זאל זיך זעצין אויף אים רייטין, דער רב האט פערשטאנען וואס דער קעניג פון דיא חיות פערלאנגט, האט ער גיהיילט און זיך צוזאמען-געפאקט זיין רייזע-זאק, און ארויף גילייגט אויפין לייב, נאכהער האט ער זיך ארויף גיזעצט אויף אים, אין דיזען אויגין-בליק האט זיך דער לייב אהייב גיטאן און גינומען לויפין גיך וויא אבליץ, אגאנצע נאכט אין דעם וויסטין און פארכטיגען מדבר, און דער רב זיצט אויף אים זייער רוהיג מיט גרויס רחבת ידים, זיין רוקין איז אים גיוועזן וויא א פוחאווע קישין, דיא לאנגע האר פון זיין האלז וואס שטראלין וויא גאלד-פאדים זיינען אים גיוועזן וויא גוטע לייצעס אן צו האלטין זיך, רייטינדיג אין דער מדבר האט דער רב גיזעהן וויא ווילדע טיגערין לויפין מיט פערצוקונג אין מויל, אריות משחיתים ברומען און צוקין, פון ווייטין האט ער גיהערט דיא יאמער פון וועלף, דיא ברומונג פון אלער האנד ווילדע טהירע, און אין דער הויך שפאצירט דיא קעניגין פון דער נאכט (לבנה) מיט איהר קלארען גיזיכט, און ארום איהר פינקלען איהרע טויזענדער הערשאפט (שטערין). און דער רב זיצט אויפין רוקין פון טהירען-קעניג און זאגט לויב געזאנג צו השי״ת, איין צוא צאלין אין הימיל-קאססע פאר דעם בילעט פון פראכטיגען עקסטרען פאיעזד וואס ער האט אים צו גישיקט.

אבלאסק אויף טאג, האט דער קונצליכער לאקאמאטיף (דער לייב) גיבראכט זיין טייערין פאסאזירער מיט זיינע באגאז צו דיא שיירה וואס האבין אים אוועק גיווארפין פרייטיג פאר נאכט, און וויא דער צוג האט א פייף (א ברום)

גיטאן

גיטאן אונ זיך אב גישטעלט, איז אויף זיי א טויט שרעק גיפאלין זעהענדיג דעם פארכטיגען לייב מיט זיין רייטער. דער לייב האט זיך גיקניט וויא א קעמיל אונ לאנגזאם האט ער אראפ גילאזין זיין פאסאזירער אויף דער ערד, נאכהער האט ער זיך אויף גיהויבין מיט גרויס ברומונג גלייך וויא ער וואלט זאגין צום הויפט-מאן: „דוא אונפערשעמטער מענש! ווארום האסטו מחלל גיוועזן דיין ווארט אונ אוועק גיווארפין א מענשין אין גיפאהר"! ער האט א מאך גיטאן מיטין עק אונ אויף גיפודילט זייגע האר וואס האבין גיבלאנקט געגין דיא שטראהלין פון דיא זון אונ זיך א שוס גיטאן אין דער מדבר אונ איז פאר-שוואונדין גיווארין פון זייערע אויגין. דאן האבין אלע פערשטאנען אז דער רב איז א הייליגער א געטליכער מאן. דער עלטסטער איז אים גיפאלין צו דיא פיס, גיוויינט אונ גיבעטין רחמים, ער זאל אויף אים ניט צערנען אונ אים ניט שילטען מיט דעם עוויגענס נאמען וואס ער האט אים בעטריגען אונ ניט גיהיט דעם אבמאך, אונ מיט גרויס כבוד אונ עהרע האט ער אים בעהאנדילט זייער גאנצע רייזע.

דיא וואונדערליכע געשיכטע איז פונאנדער גיפלויגין אין גאנצין געגענד אונ אומעטום וואו דער רב איז אריין גיפארין, האט מען איהם מקבל פנים גיוועזן מיט גרויס עהרע אונ צוזאמען גיטראגין טייערע נדבות, אז זיין וואונש איז ערפילט גיווארין אויפין העכסטען ארט, ער האט מחיה גיוועזן פיל ארימע פאמיליען אונ זיי גישטעלט אויף דיא פיס פון זייער גידעריגין שטאנד. אונ שבת המלכה איז געקרוינט גיווארין מיט גרויס פראכט ביי איהרע אלע טרייע אונטערטאנער, מען האט איהר גיהיט וויא דיא אויגין אין קאפ מיט גרויס כבוד, וויא עס גיהער צו א טהייערע מתנה פון וועלט-קעניגס אוצר. פון דיזין טאג אן האבין אלע גירופין דעם רב מיטין נאמען „אריאל" (געטליכער לייב), צום אנדיינקונג אז דער עוויגער האט גישיקט זיין לייב אים היטין דעם גאנצין שבת, אונ ברייגגען אים צו זיין קאמפאניע, אונ ביז היינטיגען טאג שטראהלט נאך דער שיין פון דיא פאמיליע „אריאל" אין שטאט חברון, זייא זייגען א צווייג פון דעם הייליגען רב'ס גזע.

דיזע געשיכטע האט ערציילט דער טייערער מענש ר' מרדכי כהן צמח זיין ליבען 12-יאהריגען זאהן שלמה, פרייטיג צו נאכט נאך זמירות, דיא שטוב וואר ליכטיג וויא אלוסטעריע, דער טיש איז גיוועזן גיגרייט מיט דיא שענסטע אונ בעסטע שפייז, ביין טיש זייגען גיזעסין, ר' מרדכי א מאן פון 40 יאהר, אנטקעגין איהם זיין איידעלע פרוי יהודית פון א יאהר 38 אונ

א טאכטער רחל פון א יאהר 10, (אויב דוא ליבער לעזער, ביסט נייגעריג צו וויסן ווער איז דער וויכטיגער מענש ר׳ מרדכי לעז דעם בוך „הפודה ומציל“).

וויא געפעלט דיר מיין זאהן, דיא געשיכטע ? פרעגט דיא איידעלע מוטער.

זיא געפעלט מיר זייער, דיא געשיכטע האט מיר גרויס פערגעניגען פערשאפט אונ אין מיר אויפגעוועקט ערהאבענע גידאנקען, אונ איבער־הויפט צו בעמערקען וואס פאר א טייערע מתנה דער הייליגער שבת איז פארין מענשין, דער שבת מאכט אונז אויפמערקזאם אז מיר לעבין ניט אויף קיין עולם הפקר, עס איז פערהאנדען איין ווירטה אויף איהר, וואס ער האט אין 6 טעג בעשאפין, דעם הימיל מיט דיא זון אונ לבנה מיט אלע הערשאפט, דיא ערד מיט אלע געוואוקסין אונ ברואים וואס אויף איהר געפינט זיך. דער ים מיט אלע פארכטיגע ברואים וואס אין איהם איז דא, אונ אם ענדע האט ער בעשאפין דעם מענשין, דעם קרוין פון דער בריאה, דיא פאטאגראף פון דיא געטליכקייט (צלם אלקים), אונ דעם זיבעטין טאג האט השי״ת גירוהט אונ האט דאס איבער גיגעבין אמתנה דעם מענשין, ער זאל אויך רוהען דעם טאג, דאמיט זאל ער זיך ערינערין אז ער האט איין ווירטה אויף זיך.

אלע אורחים וואס ביין טיש זיינען ענטציקט גיווארין פון דעם איידעלן אנטווארט, וואס ווייזט ארויס זיין רייכען גיפיהל.

גוט האסטו בעטראכט מיין ליבער זאהן (זאגט דיא מוטער), בעט דעם ליבין פאטער ער זאל ערציילין נאך שיינע גישיכטעס.

ליבע מוטער (ענטפערט שלמה), איך וויל פריער גוט בעטראכטין נאך וויכטיגע נוצין פון דער געשיכטע, דיא געשיכטע האט אויף מיר אשרעקליכען איינדרוק גימאכט, איך בעטראכט אז מיט דעם רייכין גידאנקען, אז מען איז איין אונטער־טאנער ביי דעם וועלט בעשעפער וואס קיין פערבארגענעס איז ניט פערהאנדין פון זיין בליק דארף א מענש שטאלצירען (בה׳ תתהלל נפשי), אונ זיך שעצין גליקליך איבער גליקליך, אונ דאס ברייננגט אים צו זיין איבער גיגעבין צו דעם עוויגען מיט לייב אונ לעבין, אונ לבד וואס דורך דעם איידעלן גידאנקען ווערט מען געבילדעט אונ אב גישייט פון אלע נידעריגע בהמותע תאוות, אונ מען מאכט גוטע פארשריטע צום ציעל וואס מען איז בעשאפען גיווארין, אום צו מאכין זיך גליקליך אויף דיא עוויגע וועלט, איז דאס נאך אזעלטענער עולם הזה, וויא איך שטעל מיר פאר פון יעצטיגע גישיכטע אזא פער־געניגען וויא דער רב האט גיהאט דעם שבת פון זיינע תפלות אונ זמירות

קען

קען דאס דער גרעסטער גביר (וואס אים פעלט דיזער גיפיל) ניט האבין, ניט איין מאל אויף זיין גאנצין לעבין.

געוויס אזוי, מיין ליבער זאהן (ענטפערט דער פאטער), דאס שרייבט אונז דיא הייליגע תורה אין ק״ש וואס מיר זאגין אלע טאג: „למען ירבו ימיכם כו׳ כימי השמים על הארץ״, ד. ה. ווען איהר וועט גיין אין גאטעס וועג בלב ונפש, וועט איהר מיט אייערע קינדער מאריך ימים זיין (כימי השמים) איין הימילשין לעבין (על הארץ) אויף דיזע קערפערליכע וועלט.

דעם קינד איז ליכטיג גיוואָרין דיא אויגין, הערענדיג דעם טייערין ביאור אויף דיא ווערטער וואס מיר גייען דאס פערבייא אלע טאג ניט בעמערקענדיג וואס מיר ריידין, ער האט פון גרויס שמחה גינומען דעם פאטערס האנד אונ באשאטין מיט היישע קוסין, אונ מיט דאנקבארע טרערין האט ער גיזאגט: ליבער פאטער איך וויל אויך זיין אטרייער דינער בייא דעם הער פון דער וועלט, אבער וויא קען מען זיין אטרייער קנעכט אז מען וויים ניט דעם רצון פון הערין? ד. ה. דיא חוקים ומשפטים פון השי״ת, אזוי וויא אסאלדאט מוז לערנען אלע טאג דיא אוצענע אונ בעפאר ער קען ניט דיא אוצענע הייסט ער נאך ניט קיין עבד נאמן, אונ פשיטא העכער וויא אסאלדאט האט ער פאר זיך אהעכערין קורם וועדליג זיין צין, אבער מיטין אן טאן דעם אפיצערסקין מונדיר, מיט דעם אליין ווערט מען ניט קיין אפיצער, דאס גלייכען אז איך וויים גאר ניט דיא מצות פון השי״ת אונ אפשיטא דיא אלע דינים פון שבת, וויא אזוי קען איך הייסין אעבד נאמן למלך מלכי המלכים? עס קען זיין אז ניט וויסענדיג בין איך 10 מאל מחלל שבת אונ טוה געגען דעם רצון הבורא, דרום ליבער פאטער טוה מיט מיר גינאדע אונ לערין מיר דיא תרי״ג מצות בכלל אונ הלכות שבת בפרט, איך זאל זיי קלאהר זיין כמעט בעל פה, ווייל דער רבי איז פערנומען מיט מיר אנאנצע וואך צו לערנען תנ״ך, גמרא ותוספות, דער אווינד פרייטיג צו נאכט איז גרוים וועסטו מיט מיר לערנען אשעה צו מעהר אונ איך וועל דאס גוט אוים חזערין.

גוט מיין ליבעס קינד, זאגט דער פאטער מיט גרוים פערוואונדערונג אויף דעם טיפין גיפיל מיט דיא ריינע אידעשע הארץ פון זיין יונגען זון. גלייך נאכין עסין וועל איך בע״ה מאכין מיט דיר א התחלה אויף הלכות שבת.

מען האט דערלאנגט צום טיש פערשיידענע קומפאט פון טייערע פרוכטין, דער פאטער מאכט דער ערשטער א ברכה בקול רם אונ נאכהער

יעדער איינציגער (ווייל אויף פירות דארף מען אין מיטין עסין אויך מאכין אברכה ווען מען עסט זיי אהן ברויט), אונ מען האט גיענטפערט אמן, עס איז גיוועזין א פערגעניגין צוא הערין.

ליבער פאטער, זאגט רחל, איידער מיר וועלין בענצין פערלאנג איך דוא זאלסט מיר ערקלערין וואס איז דער גידאנקען פון דיא ברכות וואס מען מאכט אויף יעדער זאך, וויא דיא מאמינקע זאל לעבען האט מיר גילערינט.

וואס איז דא וועגין דעם צוא פרעגין (ענטפערט שלמה), וויא באלד עס שטייט אין שולחן ערוך אז מען דארף מאכין א ברכה אויף יעדער זאך, איז דאס א זאקאן אונ אויף א קייזערליכען זאקאן האט מען ניט וואס צו פרעגין קיין טעמים.

דוא ביסט גירעכט, מיין טייערער ברודער, איך וועל דיר זאגין וואס מיר האט בעוועגט צו דיא פראגע, פון היינטיגען צוא בריינגען אין דיא איידעלע רייד, שפיר איך, אז עס איז מיר ליכטיג גיווארין מיינע גיפילין, אין מיין הערץ האט זיך ערוועקט איין אהבה צו דעם בורא אונ צו דעם היילינען שבת, אונ מאכינדיג יעצט א ברכה האב איך גיפילט א פערגעניגין דער מאנענדיג דעם עוויגענס נאמען, נור אז איך האב בעטראכט מיט וואס פאר איין אהבה אונ שמחה דער טאטינקע זאל לעבין חאט גימאכט א ברכה הויבט זיך גאר ניט אן, מיינע קעגין זיינע איז וויא דיא לבנה קעגין דיא זונ-שיין, דרום איז מיר יעצט פארגיקומען א גידאנקען אז איך וועל וויסין דעם בעמערקונג פון דיא ברכה, פיליכט וועל איך אויך קענען פערגלייכען זיך פיל ווינציג צום פאטערס ברכה.

יע, מיין טייערע טאכטער, עס גיפעלט מיר זייער דיין פראגע אונ איך בין גרייט, צו ערפילין דיין גוטין וואונש.

פאטער! איך האב צו דיר איין אנוויזונג פון רבי'ן (זאגט שלמה), דוא זאלסט אזוי גוט זיין מיר ערקלערין א מאמר וואס מיר האבין דיזע וואך גילערינט אין גמרא (ב"ק ט"ז) „שדרו של אדם לאחר ז' שנים נעשה נחש והוא דלא כרע במודים", דער רוקין-ביין פון מענשין אין 7 יאהר ארום ווערט ער א שלאנג, ווען ער האט זיך ניט גיקניט אין שמונה עשרה צו מודים, האב איך גיפרעגט דעם רבי ווען איז דאס? אויב לאחר מיתה? ווארום שטייט ניט דייטליך (לאחר שבע שנים לפטירתו), פון דיא פשטות הגמרא ווייזט אויס אז מען מיינט פארין לעבין ווערט זיין שדרה א שלאנג, איז מיר נאך מעהר קשיא, מיר זעהען פיל מענשין וועלכע האבין עטליכע מאל 7 יאהר אין

נאנצין ניט גידאוינט אונ זיינען ניט קיין שלאנגען, האט מיר דער רבי גיענטפערט אז דער פאטער וועט דאס מיר ערקלערין, האב איך זיך יעצט דערמאנט אונ בין זייער נייגיעריג דאס צו פערשטיין.

גוט, מיינע ליבע טייערע קינדער, הערט זיך גוט צו, ווייל פון דיזע ערקלערונג וועט איהר פיל נוצין שעפין, דאס ערשטע וועט איהר וויסין וואס דער ערשטער טרעפ איז, אז מען שטייגט אויף אים קען מען שטייגין העכער אונ העכער ביז דיא העכסטע שפיצע פון מענשליכען חאראקטער. דאס צווייטע וועסטו פערשטיין וויא קלוג אונ שארף-זיניג זיינען דיא קורצע רייד פון דיא חז"ל, דאס וועט דיר זיין א ביישפיעל וויא צו שעצין זייערע היילינע רייד, וואס פארלייפיג זעהען מאנכע מאמרי חז"ל אויס דונקיל אונ אונפערשטענדליך, אזוי וויא צום ב"ש דיזער קורצער מאמר איז גאנץ דונקיל, אבער יעצט וועסטו זעהען וואס פאר א שיין ער גיט ארויס. זייערע היילינע רייד זיינען ביי אונז דיא אויגין, אונ דיא רעכטע שיין פון אויג גייט ארויס פון שווארץ-אפיל, אזוי אויך וואס דער מאמר איז דונקעלער פון אויבין, איז ווען מען איז זיך אין אים מעמיק זעהט מען וואס פאר א שיין אונ ליכטיגקייט עס גייט פון אים ארויס, סיי אין הלכה אונ סיי אין חאראקטער זיטין.

דוא זאלסט וויסין מיין קינד אז דער ערשטער שריט פון מענשליכקייט איז צו זיין א מכיר טובה*), ד. ה. ווען איינער טוט מיר עטוואס א גיפעליג-קייט (אין וואס פאר איין ארט עס איז) דארף איך אים דאנקבאר זיין, אזוי וויא דיא ליבע מוטער לערינט אייך, ווען איינער גיט אייך עפעס דארף מען אים געבין א קוש אין האנד אונ זאגין א דאנק, אונ מכ"ש ווען יענער גיט אייך א וויכטיגע מתנה דארף מען אים אב דינען מיט אלע מעגליכקייט, אונ ווען יענער וואס האט אייך גיטאן א גרויסע גיפעליגקייט אדער גיגעבין א גרויסע מתנה איז איין אדעל-מאן וואס פאר לאנגט קיין בעלוינונג ניט, ער טוט עס נור בלויז גוטהערציגקייט אונ חסד, וואס וואלסטו איהם דאפיר טאן? (פרעגט דער פאטער).

איך וואלט ארויס ווייזין מיין דאנקבארע הארץ צו אים מיט א פריינד-ליכין דאנק פון גרונד הארצין (ענטפערט רחל).

איך וועל דיר עפעס דער מאנען, מיין טייערער זון, גידיינקסט בעת

מיר

---

*) ושכב בשלמתו וברכך (יכיר טובתך). — קדושים תהיו כו׳ והצעד הראשון לבא למדרגה גבוה כזו הוא „איש אמו ואביו תיראו" (נכיר טובתם). ותחלת צעדו של אבינו הראשון למטה הי׳ כפוי טובה: האשה אשר נתת עמדי כו׳ (ופרש"י בשם המדרש כאן כפר בטובתו של מקום).

מיר זיינען גיגאנגען ל"ג בעומר שפאצירין אונטערין שטאט אונ דוא בינסט שטארק דארשטיג גיווארין אז דוא בינסט שיר אין אונמאכט גיבליבין אונ מיר האבין דער זעהן פון ווייטין א בחור מיט א עמער קאלטע וואסער וואס האסטו אים גיענטפערט בעת ער האט גיזאגט „טרינק מיין פריינד פיל דיין הערץ גילוסט"?

איך האב איהם גיגעבין מיין דאנק פון גרונט הערצין איידער איך האב נאך צום מויל גינומען. אונ נאכהער וויא איך האב זיך מחיה גיוועזן מיט זיין מתנה האב איך אים אן גידאנקט אונ גיבענטשט וואס ער האט מיר מחיה גיוועזן.

יעצט מיין זאהן פערשטייסטו שוין דעם גידאנקען פון א ברכה? (זאגט דער פאטער), דאס איז נור בלויז א דאנק צו דעם בעשעפער וואס האט בעשאפין דיא שפייז אדער דיא פרוכט, וואס דוא ווילסט פון איהר געניסען אונ ערקוויקען זיך (אונ אברכה אחרונה איז ווידער אדאנק נאכין געניסין דיא שפייז).

זייער גוט ליבער פאטער, פאר דעם פערגעניגען גופא גיב איך דיר א גרויסין דאנק, נור איך האב דיר עפעס וואס צו פרעגין אויף דעם.

פרעג מיין זון פרעג, איך וועל הערין (ענטפערט דער פאטער).

פאריגין יאר ניט איצט גידאכט (זאגט שלמה), בעת מיינע אויגין זיינען מיר שלאף גיווארין, איך האב גירעכינט אז מיר וועט שוין דיא ליכטיגע זון מער ניט שיינען, אונ דוא ביסט מיט מיר אוים גיפארין צוא דיא גרעסטע פראפעסארין אונ כמעט אז זיי האבין מיר ענטזאגט, איך האב גירעכינט אז מיין וועלט איז מיר שוין פינצטער, דיא מוטער האט שוין אוים גיוויינט איהרע אויגין אויף מיר, אונ איך בין 3 מאנאטין גיזעסין אין א פינצטערין צימער אונ דיא ליכטיגע זון האט מיר ניט אן גיקוקט. איין מאל פרייטיג פאר נאכט בעת דיא מוטער האט ליכט גיבענטשט אונ האט מתפלל גיוועזן אז בזכות דיא הייליגע מצוה, פון נר שבת, זאל דער בורא ב"ה איהר חונן זיין מיט קינדער וואס זייערע אויגין זאלין לייכטין אין דער תורה, אונ מיין ברודער האט זיך אן גיקליידעט שבת'דיק צו גיין מיט דיר, טייערער פאטער אין שול, אונ איך האב דאס בעמערקט זיצענדיג אין פינסטערע ספאלנע, האט מיר שטארק דיא הארץ פאר קלעמט אונ האב זיך אום גיקערט מיטין פנים צום וואנט אונ זיך פונאנדער גיוויינט, אונ זאג רבש"ע ערבארימיגער פאטער ערבארים זיך איבער מיר אונ שיינק מיר דיא טייערע מתנה, דיא שיין פון מיינע אויגין, מיין ברודער גייט מיטין פאטער אין שול לויבין דיין הייליגען נאמען אונ איך זיץ וויא א טויטער. אז דוא האסט מיר בעשאפין פון מיין

מוטערלייב

מוּטֶער-לַייבּ מִיט אוֹיגְן, טוּא שֵׁיינְק מִיר יֶעצְט דִיא מַתָּנָה דִיא שֵׁיין אִין זֵיי, נֶעם אָן דִיא גִיבֶּעט פוּן מַיין לִיבֶּע מוּטֶער אוּנ בִּזְכוּת דִיא הֵיילִיגֶע מִצְוָה דִיא לִיכְט פוּן שַׁבָּת, וָואס מַיין מוּטֶער הִיט דָאס אָבּ וִויא אַיין אָרִינְטְלִיכֶע יוּדִישֶׁע פְרוֹי, פִּינְקְטְלִיךְ אִין דֶער צַייט מִיט גְרוֹיס כָּבוֹד אוּנ שִׂמְחָה, בִּזְכוּת דִיא לִיכְט פוּן שַׁבָּת זָאלְסְטוּ מִיר שִׁיקְן אַלִיכְט אִין מַיינֶע אוֹיגְן, אַזוֹי וִויא דַיין הֵיילִיגֶער דָוִד הָאט גִיזָאגְט „מצות ה׳ ברה מאירת עינים“, דַיינֶע מִצְוֹת זַיינֶען לוֹיטֶער רֵיין, זֵייא מַאכְן לִיכְטִיג דִיא אוֹיגְן, עֶרְבַּארִים זִיךְ אִיבֶּער מִיר הִימְלִישֶׁער פָאטֶער, אִיךְ הָאבּ שְׁטַארְק גִיוֵויינְט בִּיז וַואנֶען דוּא בִּיזְט גִיקוּמֶען פוּן שׁוּל אוּנ הָאסְט גִימַאכְט קִדּוּשׁ אוּנ אַלֶע הָאבְּן זִיךְ אַרוּם גִיזֶעצְט אַרוּם טִישׁ אוּנ דוּא הָאסְט מִיט דַיינֶע לִיכְטִיגֶע זִיסֶע רֵייד עֶרְפְרֵייט אַלֶע אוֹרְחִים, הָאט מִיר שְׁטַארְק פַאר קְוֶועצְט דִיא הַארְץ אוּנ טְרַאכְט בַּיי זִיךְ, אוֹי וִויא גְלִיקְלִיךְ אִיךְ וָואלְט גִיוֶוען אַז אִיךְ וָואלְט׳ אוֹיךְ קֶענֶען זִיצְן בַּיין לִיכְטִיגֶען פְרֵיילִיכְן טִישׁ אוּנ הֶערִין דַיינֶע זִיסֶע רֵייד. אִיךְ רֵייד וַוייטֶער צוּ הַשֵּׁי״ת: טַייעֶרֶער פָאטֶער דוּא בִּיסְט דִיא לִיכְטִיגְקֵייט פוּן דֶער וֶועלְט, קוּק נִיט וָואס דִיא פְרָאפֶעסָארִין הָאבְּן מִיר אָבּ גִיזָאגְט דִיא לִיכְט פוּן מַיינֶע אוֹיגְן, אַז זֵיי קֶענֶען נִיט צוּ זָאגְן, הַיינְט וִויא אַזוֹי זָאלִין זֵיי קֶענֶען אָבּ-זָאגְן, אָבֶּער דוּא קֶענְסְט צוּ זָאגְן שֵׁיינְק מִיר דִיא שֵׁיין פוּן מַיינֶע אוֹיגְן, זָאל דִיא לִיכְטִיגֶע זוּן מִיר אוֹיךְ שַׁיינֶען, אִיךְ בִּין שׁוֹין אַ פֶערְטִיל יָאהר נִיט גִיגַאנְגֶען אִין חֶדֶר, אוּנ נִיט אַיינְגִיקוּקְט אִין דַיין לִיכְטִיגֶע תּוֹרָה“, מַיין הֶערְץ הָאט מִיר שְׁטַארְק פַאר קְוֶועצְט, נוּר אִיךְ הָאבּ נִיט גִיוָואלְט אַייךְ פַאר-שְׁטֶערִין דֶעם הֵיילִיגֶען שַׁבָּת, הָאבּ אִיךְ זִיךְ גִילֵייגְט אִין בֶּעט אוּנ אַרִיבֶּער גִידֶעקְט מִיטִין לַיילַאךְ אִיבֶּערִין קָאפּ אוּנ שְׁטַארְק גִיוֵויינְט בִּיז וַואנֶען אִיךְ הָאבּ אַייז גִישְׁלָאפִין, דוּכְט זִיךְ מִיר אָבּ וִויא אִיךְ שְׁטֵיי אִין שׁוּל, שַׁבָּת אִין דֶער פְרִיה, זֶעה אִיךְ אַ בְּלִינְדֶער שְׁטֵייט אוּנ אִיז מִתְפַּלֵּל מִיט דִיא וֶוערְטֶער, „והאר עינינו בתורתך כו׳ ולא נבוש לעולם ועד“ מִיט גְרוֹיס דְבֵקוּת, אוּנ רֶעט זִיךְ אַזוֹי גְרוּנְטִיג מִיט זִיךְ אַלֵיין, הַגַּם אִיךְ וֵויים דָאךְ אַז עֶס פֶעלְט מִיר דִיא שַׁיין פוּן מַיינֶע אוֹיגְן, אִיז דָאךְ מִיר זֵייעֶר בִּיטֶער אוּנ טְרוֹיעֶרִיג, אוּנ עֶס אִיז מִיר אַגְרוֹיסֶער שַׁאנְד, אָבֶּער דֶער בִּזָיוֹן אִיז נוּר אוֹיף דִיא קְלֵיינֶע פִינְסְטֶערֶע וֶועלְט, רבש״ע שֵׁיינְק מִיר דִיא שַׁיין פוּן מַיינֶע אוֹיגְן זֵיי זָאלִין לַייכְטִין אִין דֶער תּוֹרָה, אִיךְ זָאל נִיט זַיין בְּלִינְד אִין דַיין תּוֹרָה, אוּם אִיךְ זָאל נִיט פֶערְשֶׁעמְט וֶוערִין אִין דִיא אֵייבִּיגֶע וֶועלְט. זַיינֶע וֶוערְטֶער אִיז מִיר דוּרְךְ גִיגַאנְגֶען אִין אַלֶע גְלִידֶער. נַאכְהֶער בֶּעט עֶר מִיר אִיךְ זָאל אִים צוּפִירִין הֶעכֶער עֶר זָאל קֶענֶען אַיין הֶערִין וִויא אֵיינֶער לֶערִינְט דָארְטִין, הָאבּ אִיךְ אִיהם צוּגִיפִיהְרְט

מִיט

מיט גרויס רחמים, נעמט ער מיר אן פארין האנט אונ זאגט, מיין קינד, דאפיר זאל דיר השי"ת שיינקען דיא ליכט פון דיינע אויגין אונ זיי זאלין שטענדיג לייכטין אין דער תורה, האב איך גיענטפערט אמן מיט אהויכע שטימע אונ האב זיך אויף גיחאפט. פון דענסטמאל אן האב איך זיך אן גיהויבין צופילען בעסער אויף דיא אויגין אונ צייט אחודש האט זיך מיר אום גיקערט דיא שיין פון מיינע אויגין פריש אונ גיזונד. יעצט וועל איך דיר פרעגין טאטינקע, מה דאך אויף אזא קליינע מתנה וואס איך גינים פון דער וועלט, דהיינו איין פרי אדער וואס עס איז האבין אונזערע חכמים מתקן גיוועזן אברכה, אפשיטא אז איך שטייא אויף אין דער פריה אונ השי"ת גיט מיר דיא שיין פון דיא אויגין אונ שיקט ארויס דיא ליכטיגע זון צו לייכטין דיא וועלט, האבין דאך דיא חז"ל גידארפט מתקן זיין 2 ברכות, איינע אויף די ליכט פון דיא זון אונ דיא צווייטע אויף דיא שיין פון דיא אויגען, הייגט ווארום מאך איך ניט קיין ברכה אויף דיא אויגין אונ ניט אויף דיא זון שיין.

יא יא, מיין קינד, דיא פראגע איז זייער אוויכטיגע (ענטפערט ר' מרדכי מיט א שמייכיל).

טאטינקע, איך האב נאך אגרעסערע פראגע (זאגט רחל), מיין ברודער זאל לעבין האט גיפרעגט וועגין דיא שיין פון דיא אויגין, וואס דאס איז נור איין חוש פון דיא חמשה חושים, דוא גידיינקסט פאטער וואס ניט לאנג האט פאסירט מיט אונזער שכן, אגביר פון אהאלבין מיליאן, איז ער נעבאך אראפ פון זינען אונ איז אין ברלין אין דול-הויז אונ וואס עס איז גיווארין פון זיין הויז במשך 6 חדשים זאל דאס ווערין פון אלע שונאי ישראל זעהען מיר פון דעם אז דיא שטיקעלע מוח דאס איז דער גאנצער מענש, ווען דאס ווערט גירירט נוצט אים ניט דיא שיין פון זיינע אויגין אונ ניט זיין גאנצע רייכטהום, טוא ווארום האבין דיא חכמים ניט מתקן גיוועזן אברכה, אמענש זאל אלע טאג געבין אדאנק צו השי"ת אויף זיין דעת?

יע איהר זייט אלע גירעכט ליבע קינדער, איך וועל אייך נור פערטייצין איינעגע ווערטער פון דאווענען, וועט אייך ליכטיג ווערין אין דיא אויגין, איהר וועט זעהען וויא דיא חכמים האבין אויף אלעס גיקוקט, נאך מער וויפיל איהר האט יעצט אן גימערקט, אונ זיי האבין איין גיארדינט דעם יודינטהום מיט אלע איידילקייט, דער-לאנג מיר מיין סדור, דער פאטער נעמט דעם סדור אונ מישט אויף דיא ברכות פון פארין דאווענען, אונ ווייזט אים דיא ברכה „באי פוקח עורים".

נאכהער מישט ער ווייטער „באי יוצר אור, באי יוצר המאורות", דיא קינדער

קינדער זיינען ענטציקט געווארין.— אונ וואס איז מיט מיין פראגע? (איז איס מפסיק אין מיטין רחל)— ווארט ווארט מיין קינד, איך וועל אמיש טאן ווייטער. דער פאטער מישט אויף שמונה־עשרה „אתה חונן לאדם דעת, בא'י חונן הדעת", דיא פראגע איז נור געוועזן ווייל דוא דאווינסט קיין מאל ניט פון פארינט דוא הויבסט נור אן פון ברוך שאמר. אונ וואס איהר דאווינט הערט איהר ניט איין, אונ פאר שטייט ניט וואס איהר רעדט.

מיין גאט וואס הערין מיר! ענטפערין זיי ביידע ענטציקט, אזוי אזוי, דער גאנצער דאווענען אונזערע איז נור בלויז דאנקבארקייט צו השי"ת פאר דיא פילע טובות וואס ער האט בעשאנקען דעם מענשין.

יא, יא, ליבע קינדער, דער וואס דאווינט ארינטליך ווארט ביי ווארט אונ הערט וואס ער רעדט, איידילט דאס אים אוים זיין כאראקטער ביז דיא העכסטע שטופע, ניט אום זיסט הייסט תפלה עבודת הלב „הערצענס אוים־ארבייטונג", דאס ארבייט אוים דיא הארץ פון אלע שלעכטע ציורים וואס האבין זיך אין איהר בעזעסין אין יוגינט, איידער דיא ליכט פון שכל האט איהר בעלויכטין, אונ מאכט איהר זייער איידיל אונ גוט (לערין דורך דיא הקדמה (פתח דכרים) פון הגאון מעקלענבורג אין סדור „עיון תפלה" (המתחלת „עבודת לב כעבודת שדה" כו') וועסטו פערשטיין דיא טייערע ווירקונג וואס דער דאווענען מאכט אויף דיא הערץ פון מענשין, ווען מען דאווינט מיט קאפ אונ גייסט).

יע, יע, ליבער פאטער, איך פערשטיי זייער גוט וואס פאר ארינט־ליכע אונ איידעלע איינפירונג דיא חז"ל האבין געמאכט מיט זייער מתקן זיין א ברכה אויף אלעם, איך בעמערק גוט וויא ניט ארטיג עס איז דער וואס מאכט ניט קיין ברכה, ער קומט ביי מיר אוים וויא יענער אונפערשעמטער יונג וואס האט פאריגע וואך געכאפט איין עפיל פון א קאשיק אונ איז אנטלאפין אונ אויף געגעסין, דיא סעמערניצע האט איהם נאך געיאגט אונ אלע האבין געשריען: „דוא זוליק אונפערשעמטער יונג"! אונ איך האב דענסטמאל גוט בעטראכט וויא אונפערשעמט דאס איז צו כאפין אונ ניט בעצאלין. דאס גלייכין אז מען נעמט איין עסין ווארג אונ מען מאכט ניט קיין ברכה, איז דאס דיא זעלבע געכאפט פון גאטס סעמער, עס געהער דאך אלעם צו השי"ת, ער האט דאך דאס בעשאפין אונ ער פערלאנגט פון מענשין נור א דאנק געבין אים דער פאר, הייסט אז מען כאפט אן א דאנק איז דאך דאס גלייך וויא געכאפט פון סעמער.

יע מיין קינד, דוא האסט צו געטראפין ריכטיג וויא דיא חז"ל האבין בעמערקט אין דוד המלך'ס רייד, אין איין שטעל זאגט ער „לה' הארץ ומלואה

ומלואה״, צו השי״ת גיהער די ערד און אלעם וואס ערפילען איהר. און אין א צווייטין שטעל זאגט ער „והארץ נתן לבני אדם״ אז די ערד האט ער אב גיגעבין צום מענשין, ענטפערין די חז״ל, אז דוד המע״ה קומט אונז צו לערנען אז פאר די ברכה דארף א מענש אום רעכענען אז עס גיהער אלעם צו קאנא, צו הימילשע קעניגרייך, און דער וואס פאר־געמט עטוואס איידער ער צאלט איין איז וויא ער וואלט פאר געמען א קאנאנע זאך, וואס זיין שטראף איז גרויס, ער איז גאר מועל בקדשי שמים וואס ער האט בזמן המקדש גידארפט ברייגנען א קרבן מעילה (א פעלשונג־אפפער), און אין די צווייטע שטעלע איז אונז דוד המע״ה מגלה דעם סוד מיט וואס פאר א מטבע (מאנעטע) איין צוא צאלין אין הימיל־קאססע, השי״ת דארף קיינע גיצאלט, די גאלד און זילבער איז אויך זיינע, נור די איידילקייט און דאנקבארקייט*) דאס איז זיין גיצאלט און זיין צו פרידענהייט, אז דער מענש לעבט, ד. ה. אז די גיפילין לעבין אין אים און וויים צו זיין א מכיר טובה (כמ״ש לא המתים יהללו י׳ (די טויטע גיפילען דאנקען ניט גאט) אבער ואנחנו (מיר לעבעדיגע גיפיהל־פאלע מענשין) נברך י׳ מעתה ועד עולם). א טרייער פאטער פערלאנגט ניט פון קינד קיין גיצאלט פאר די אלע טובות וואס ער האט אים גיגעבין, דעם פאטערס גיצאלט איז נור דער נחת רוח אז דער קינד איז מיט א פעסטין פערשטאנד און וויים צו שעצין דעם פאטערס גוטעס צו אים און דאנקבאר זיין דאפיר. דרום מיין קינד אז דוא וועסט גוט בעטראכטין די איידעלע ווערטער פון די תפלות וברכות וועסטו גיפינען אז די אנשי כנה״ג האבין כולל גיווען אלע מיני הנאות וואס דער מענש גיניסט מיט אלע חושים און אויף אלעם מתקן גיווען א נוסח פון א דאנק, צב״ש „מלביש ערומים״— „המכין מצעדי גבר״— „שעשה לי כל צרכי״ און דאס גלייכין. און אז דער מענש איז אלעם מכיר און ארבייט אוים זיין הארץ קריגט ער איין גרויסע תשוקה אב צוא דאנקען זיין בעשעפער פאר אלע טובות.

זייער גוט טאטינקע, דיינע קלוגע רייד האט בעלעבט מיינע גיפילין (ענטפערט רחל).

ווארט מיין קינד, די חז״ל האבין נאך טיפער אן גימערקט אויף דעם פסוק „לעושה נפלאות גדולות לבדו״, דער בורא ב״ה טוט גרויסע נפלאות מיט יעדער איינציגען מענשין און מיט די אומה בכלל, וואס נור ער

ער

*) וזהו מליצת חז״ל „מטבע״ שטבעו חכמים בברכות, די ברכה איז די מאנעטע (מטבע) וואס מען קען מיט איר איין צאהלין אויף דעם געפליכין בופעט.

ער אליין כביכול בעמערקט דאס, אונ דעם מענשינס שוואכע קורצזיכטיגע אויג דער זעהט דאס גאר ניט, אויף דעם האבין אונז דיא אנשי כנסת הגדולה מתקן גיוועזן איין ברכה כללית „מודים אנחנו לך" מיר זאגען דיר דאנקבאר בעשעפער פון דער וועלט, דער מנהיג פון אונז אונ פון אונזערע עלטערין, דער פעלזין (פונדאמענט) פון אונזער לעבין, דער שוצער פון אונזער הילף, מיר וועלין דיר דאנקען אונ ערציילין דיין לויב, וועגין אונזער לעבין וואס איז אין דיין האנט, אונ וועגין אונזערע נשמות וואס דוא האסט אויפגינומען (הפקודות, לשון פקיד) זיי זאלין אנפיהרען דעם קערפער צו גיין אין דיין וועג, אונ אויף דיינע נסים ונפלאות וואס דוא טוסט מיט אונז שטענדיג אפילו בעת מיר מערקין גאר ניט אן „הטוב", דוא ביסט דיא קוועלע פון גוטהייט, דיינע גינאדע אונ ערבארמונג נעמט זיך קיין מאל ניט אויס, א קלוגע אונ א ליכטיגע אויג קען דאס אלעס בעמערקען פון זיך זעלבסט, וואס מאנכע מאל שטעלט זיך אים אליין גאר ניט פאר וויא ער וועט זיך דא דורך דרייען אונ דורך לעבין, אונ עס גייט אוועק א יאהר אונ ער וייס אליין ניט וויא ער האט דורך גילעבט, אונ אין דיא אומה בכלל טרעפט צייטין וואס זיא שטייט אין אזא שפל המצב (קריטישע לאגע), איהר שיין האלט זיך ביין אויס לעשין, איהר הימל איז בעדעקט מיט א דיקען פינצטערען וואלקען, אז זיא איז זיך מיאש פון צו זעהען מעהר דיא ליכטיגע זון, אונ פלוצלונג קומט א געטליכער ווינט אונ צו טרייבט דיא וואלקינס אונ דיא זון מיט אירע שטראלין ערשיינען איהר אונ היילין אויס אלע איהרע וואונדען, אונ נאך מעהר טרעפט מאנכע מאל אז זיא בעמערקט אליין וואס פאר אגליק דיא וואונדין (דיא פיאווקעס) זיינען איהר גיוועזן, דאס האט איהר אב גיצויגין אלע שלעכטע בלוטין, אראפ גיפירט פון אלע שלעכטע וועגין וואס נאך איהרע דונקעלע אויגין האט זיך איהר גידאכט פיר דעם גרעסטין גליק, וויא דוד המע"ה שטעלט פאר דיא אומה „תעיתי כשה אובד", וויא אפעראירטע שעפעלע בלאנדזעט אין א פינצטערין וואלד אונ דער זעהט פון ווייטין
2 שטראלין פייער, לויפט זיא נעבעך, זיא מיינט אז דארטין וועט איהר ליכטיג זיין, דאס איז גאר דיא בליצענדע אויגין פון אוואלף.... אונ אום צו דער וועקען דעם רעיון פון מענשין צו בעטראכטין דאס אלעס, האבין דיא אנשי כנה"ג איין גיארדינט צו זאגין דיא ברכה פון מודים בכריעה והשתחויה אנפאנג אונ ענדע, זיך בוקין ביז וואנען עס שטארצעט ארויס דיא חוליות פון שדרה (דיא קנעפלאך פון רוקען), דער דאנק זאל זיין במעשה דבור ומחשבה, וואס דאס האט בכח מאכין אפעסטין איינדרוק אין הערצין, דאס

זיא

זיא פילט, אז זיא אונ דיא גאנצע פאלק איז איין גיטונקט אין טובות הבורא יעדער רגע, אונ זיא איז ניט אים-שטאנד איהם צו צאהלין אפילו איין מיליאנס-חלק, עס זאל פאלין יראת הרוממות (עהרענפורכט) אויף זיין פנים, אונ מקבל זיין בלב שלם עול מלכות שמים (דעם יאך פון הימלס קעניגרייך) צוא זיין אטראיער אונטערטאנער, אונ צו פרידין זיין מיט אלעם וואס דער בורא מאכט מיט אים, בעטראכסטו שוין מיין קינד וואס דער קניען זיך אין מודים האט צוא בעדייטען ?

יא פאטער, (זאגט רחל), אין קורצע ווארטין גיזאגט, דער קניען זיך אין מודים איז דער סימבאל (צייכין) פון הכרת טובה, אבער דער וואס גיוואונט זיך ניט צו געבין אדאנק דעם בעשעפער אויף יעדער טובה אונ הנאה וואס ער גיניסט פון דיא גרויסע וועלט, אונ בעמיהעט זיך ניט אויס צו ארבייטין זיין הארץ אונ אויס שטיינען איהר פון דיא אבני נגף וואס דער שטראם פון יוגינט האט אן גיטראגין, אונ ווערט נאך וואס ווייטער אונ ווייטער מער איינגיווארצילט אין תאוות מגונות. אונ זיין גאנצע מיהע אויף דער וועלט איז נור פיר דיא מויל אונ אייגענליבשאפט, איז בישלאך ווייס ווערט ער איין אונמענש אונ אכפוי טובה אונ אין פערלויף פון 7 יאהר (וואס אחאראקטער ענדערט זיך) ענדערט זיך בייא איהם דיא גאנצע מענשהייט אונ דאס ווערט איין וואהרער שלאנג וואס ער איז דער בילד (סימבאל) פון אכפוי טובה[1]. אט דאס איז דיא כונה פון דעם קורצין מאמר דיא שדרה פון מענשין, וואס בוקט זיך ניט אין מודים, ווערט זיא אין פערלויף פון 7 יאהר[2] א שלאנג.

דיא קינדער האבין גאר ניט גיוואוסט וואס צו טאן מיט דעם פאטער פון גרויס שמחה, וואס ער האט אים ערקלערט דעם מאמר פון נחש אונ איהר

1) איין אונדאנקבארע בעשעפענעס, וויא מען דערציילט, א בויער האט א מאל גיפונען א פערפראָרענעם שלאנג, קוים וואס ער האט גיזאוועט, האט ער רחמנות גיהאט אונ אים אריין גינומען אין בוזים אויס גיווארימט אונ מחיה גיוועזן, וואס איז גיוועזן דעם שלאנגס דאנק? ער האט אים טראקטירט מיט זיין גיפט אונ אים גיטויט, פון דעם איז דער שפריכווארט „האב רחמנות אויף א שלאנג"!

2) דער רעכענונג פון 7 יאהר איז זייער ריכטיג, סיי אין משל אונ סיי אין נמשל, א שלאנג טראגט 7 יאהר, זינד דיא מוטער פערטרעט מיט אים ביז ער וואקסט אויס ביי איהר גיווערט 7 יאהר. דאס גלייכין דער מענש וואס מאכט איין שריט אין אונדאנקבארע וועג אונ גייט אזוי ווייטער אונ ווייטער ביז 7 יאהר, דאס איז פון 13 וואס ער ווערט בר מצוה ביז 20 וואס ער ווערט א פאלקאמענער מענש ווערט דאס חלילה אויס גיוואקסין א שלאנג. ועי"ז אמר החכם וזכור את בוראיך בימי בחורותיך שהם השבע שנים מי"ג עד כ'.

איהר דעם רעיון פון אברכה. עס האט זיך ביא זיי געוויזין אין דיא אויגען דאנקבארע טרערין וויא פעריל.

טאטינקע (זאגט רחל), זאג דאס מיר איבער א צווייטין מאל, עס איז מיר זייער זים אונ אנגינעהם צוא הערין דיינע גיפערילטע רייד.

גוט, מיין טייערע טאכטער, איך וועל דיר איבער זאגין בקצור. אזוי וויא דער דאנק איז נייטיג צו לערנען דאס קינד אדילקייט קעגין אלעמען ופשיטא קעגין עלטערין, זא גלייך איז נייטיג צוא לערנען אברכה מאכין קעגין דעם פאטער פון הימל, מיר וועלין דאס נעמען אציור פון אקינד:

דוא בעטראכסט, מיין טאכטער, פיל אמוטער טראגט דאס איבער איידער זיא שטעלט דיא קינד אויף דיא פים, פריער דעם צער פון טראגין 9 חדשים, עס איבעלט איהר, זיא פערלירט דעם אפעטיט, אלע גלידער איז איהר שווער, אונ נאך געפריאטנאסטין וואס זיא ליידעט געבאך, נאכהער דעם צער פון גיבוירין, אפילו ווען עס גייט צו כשורה, דיא ווייענעס אונ דיא נאכ-ווייענעס, אונ אפשיטא ווען עס מאכט זיך חלילה עפעס שלא כשורה. נאכהער דעם האדעווען, פיל טרחה, פיל נעכט ניט דער שלאפין, אפילו אין גוטין אופן, דיא מוטער איז אגאנצין טאג פערהארעוועט, פערמאטערט, אונ פאלט ביי נאכט קוים שלאפין, אבער דער קינד איז דאך אויס גישלאפין אגאנצין טאג, ווילט זיך אים גאר שפילין ביי נאכט, פאר שרייט ער איהר דיא קאפ אגאנצע נאכט, עס חאלעשט איהר אב דיא הענד אונ דיא פים וויגענדיג אים, אם ענדע מוז זיא געבאך צו רייסין איהר זיסין שלאף אונ האצקעגען זיך מיט אים, אונ דאס איז ער נאך אונצופרידין אונ דער לאנגט קולות אז זיא הערט אויף אוויילע, אונ ווער רעט נאך חלילה, אז ער איז עפעס ניט גיזונד, דא איז שוין גאר אסוף פון איהר רוהען אונ שלאפין. נאכהער הייבט זיך אן א סדרה מיט פאקין אונ מאזלען אונ ציינער, עס גייט איהר. ארוים דיא אויגין איידער זיא איז זוכה צו זעהען א ציינדעלע, דער ציינדעלע קאסט איהר גוטע בלוטה אונ גיזונד, מיט וואס דאנקט ער איהר אב, פאר איהר מיהע? אז זיא גיט אים זייגין לאזט ער אריין זיין ציינדיל אין ברוסט, אז זיא זעהט אלע 7 הימלען. קורץ גירעט עס איז ניט אוים צו שרייבין וואס א מוטער שטייט אוים ביז זיא איז זוכה צו אנטוויינען דאס קינד, אונ ווער רעט שוין ביז 3 יאהר, ביז וואנען ער קריגט שוין עטוואס שכל. יעצט לאמיר בעטראכטין דיא נידעריגקייט פון זיין שכל כמ"ש „ועיר פרא אדם יולד" וויא ווייט ער פערשטייט ניט אב צו דאנקען דיא מוטער, דען לבד וואס ער גיט איהר ניט קיין דאנק אויף דאס וואס זיא גיט

איהם

איהם, איז ער נאך ברוגז אויף דאס, וואס זיא גיט אים ניט נאך זיין ווילין, און אויף אלעס וואס ער זעט און אים גיפעלט, שרייט ער מיט קולות „מיינע" און עס קומט ביי אים אויס וויא עס איז גירויבט פון אים, זאגאר אפילו דיא מוטערס הענד, גיהער אויך נור צו אים, ווען דיא מוטער גיבוירט נאך אקינד און נעמט יענעם אויף דיא הענד אן זייגין, שרייט ער מיט קולות מען זאל יענעם אראפ שליידערין אויף דער ערד און אים נעמען אויף דיא הענד. וועיל נאך זיין קורצין פערשטאנד קומט אויס, אז דיא מוטערס הענד איז אויך זיינע, און ווען ער איז נאך א ציטעריגער ביי דיא עלטערין און זיי גיבין אים נאך אלעס וואס ער פערלאנגט, קען ער אזוי איין וואקסין אין זיין פינצטערין פערשטאנד. און לבד וואס ער ערוועקט זיך ניט פון זיך אליין צו דאנקען אויף וואס מען גיט אים, ווערט ער נאך א בלוט שונא, ווען מען גיט אים ניט אמאל וואס מען איז אים גיוואוינט צו געבין. און מאנכע קליינע קינדער שלאגין און הארגענען צוריק דיא מוטער ווען זיא ערפילט ניט זייער וואונש. עס איז אפלא צו זעהן, אז מען גיפינט דאס ניט אונטער קיין בעשעפענעס אזא ווילדע זאך וויא ניט קיין גילערינטע קינד, אין אלע בעלי חיים ליגט דאך דער הרגש פון הכרת טובה כמ"ש „ידע שור קונהו וחמור אבוס בעליו". דיא פערדארבענע זיטע זיין אונדאנקבאר גיפינט זיך נור אין שלאנג, וואס דער בורא ב"ה האט אים בעשאפין פאר א בילד און שפיגיל וויא העסליך דיא מדה איז, און ווען דער מענש קוקט ניט אין דעם שפיגיל, ארום וואשין זיך דעם שמוץ פון אכפוי טובה, ווערט דער שלאנג א שליח ראבע צו נעמען פון אים*). דרום זיינען קלוגע עלטערין שולדיג צו לערנען און גיוואוינען דעם קינד, וויא ער קריגט עפעס פערשטאנד, צוא זאגין א דאנק און געבין א קוש אין האנט ווער עס גיט אים וואס עס איז. און אנדערע פירין נאך איין, אז נאך יעדער עסין מוזין דיא קינדער געבין א קוש אין האנט דיא עלטערין און זאגין א דאנק פאר דיא שפייז, און דיזע גיוואוינהייט מאכט ביסלאך וויים ליכטיג דעם שכל צוא ווערען א מכיר טובה.

און פונקט וויא דער ניט-געבילדעטער אינגיל בעהאנדילט זיינע קערפערליכע עלטערין, וואס זייא האבין א קליינעם טהייל אין אים, אזוי

בעהאנדילט

*) וישלח ה' בעם את הנחשים השרפים כו' (במדבר כא), יען כי נמשכו אחר זוהמת הנחש לכפור בטובתו של מקום כמ"ש וידבר העם כו' למה העליתנו כו' לכן שלח בהם את הנחשים, ויבוא העם אל משה כו' ויסר מעלינו (היינו מלבנו) את (מדה) הנחש, ויתפלל כו' והיה כל הנשוך וראה אותו וחי, לתקן זאת יסתכל כלפי מעלה וידע שיש מנהיג לבירה רב חסד, וברא את האדם לטובתו ויודע יותר מה טובתו משהאדם יודע את עצמו, ויכיר טובתו ויודה לו על חסדו, ובזה יעקר שורש פורה ראש ולענה מקרבו ורפא לו.

בעהאנדילט דער אונגילעהרינטער 30-יאהריגער אינגיל, זיין פאטער פון הימיל, וואס ער האט דעם גרעסטין טהייל אין אים (כמ״ש הלא הוא אביך) נור ער איז דיין וואהרער פאטער, ער האט דיך בעשאפין אין דיין מוטער-לייב, ער האט אין דיר אריין גיבלאזין אנשמה, פערשטאנד אין מוח, ליכט אין דיא אויגין, חיות אין אלע אברים, דיא ליכטיגע זון מיט אלע הצטרכות פון דיין שפייז, קליידונג אונ וואוינונג אונ אלע פערגעניגענדע זאכין. אונ ווען דוא זאלסט נאך טיפער בעטראכטען, וועסטו זעהען אז אפילו דיא אלע טובות וואס דיא עלטערין האבין דיר פערשאפט, אונ דיא גאנצע מיהע וואס זייא האבין גיליטין פון דיר, איז דאס אויך פון דעם פאטער פון הימיל, ווער האט אין זיי איין גינאטירט דעם כח הרחמים אזוי פיל אוים צושטיין פון אקינד? אז ניט השי״ת. אונ בעטראכט וויא דער בורא איז א טייערער ווירט אויף זיין וועלט, אז ווען אקינד האט חלילה ניט קיין עלטערין, האט ער איינגיפלאנצט רחמים בייא אלע מענשין, אונ ווען דער קינד הויבט אויף זיין קעלבעלע מיט אגיוויין, פלאמט אויף דיא רחמנות אין יעדערינם הארץ (פונקט וויא דיא שוועבעלע וואכט אויף דעם פייער וואס ער שלאפט אין אויר) אונ אלע זיינען שוין גרייט, צופרידין צו שטעלין דעם קינד מיט אלעם וואס איהם פאדערט, אמענש מיט אגיפיל זעהט פון דעם ארוים השגחה, וויא עס איז דא אווירטה אויף דער וועלט. קומט דאך אויס, אז אפילו דיא טובות וואס דוא ביסט מקבל פון דיינע עלטערין, זיינען זיי נור שלוחים אין דיא טובות אונ דער עיקר מטיב איז דער פאטער פון הימל, אונ ווען ער גיוויינט זיך ניט צו מאכען אברכה אונ בוקט זיך ניט אין מודים*), (וויא עס איז ערקלערט גיווארין) פאסירט מיט אים ריכטיג וויא מיט דעם אנטוויינטין קינד אקעגין דיא מוטער, ער איז שטענדיג אום צופרידין אונ צארינדיג אויף השי״ת, אונ אלעם וואס ער זעהט בייא יענעם דוכט זיך אים אז עס קומט אים, אונ עס איז אוועק גירויבט פון אים, אונ עס קען אוועק גיין ווייטער, פונקט וויא אווילדע קינד קעגין עלטערין להכעים אונ כל הצרות, אונ אז דאס גיוואונט איין אזויא 7 יאהר, פון זינט אן ער ווערט אבר דעת (ד. ה. פון 13 ביז 20 יאהר) טראגט זיך דאס אוים אזיטע פון אשלאנג (דיא נקבה פון שלאנג טראגט 7 יאהר, בכורות ח:)

---

*) לקשר מחשבת הכרת טובה בדבור ומעשה, כדי להוציאה מכח אל הפועל, כמו שגלתה לנו התורה דעתה במצות אהבת השם, תחלה על לבבך (במחשבה), ואח״כ ושננתם (בדבור), וקשרתם כו׳ (במעשה).

דער אבטער בריעף.

אה! (וואגס יהודית), מיט דיינע זיסע רייד האסטו מיר דערמאנט וואס אבערימטער דרשן האט ערקלערט דיא גישיכטע פון אדם הראשון מיטין עץ הדעת אונ מיטין שלאנג, אז דאס איז אבילד (אקארטינג) פאר דעם מענשין, צו האלטין זיך פעסט אין דיא מדה פון הכרת טובה, וואס דאס איידעלט אויס דעם כאראקטער אונ פירט צוא אלע גוטעס, אונ אויסווייכין פון דיא פער-דארבענע מדה „כפוי טובה" (אונדאנקבאר) וואס דאס פירט צו אלע אונגליקען. צב"ש: אגראף האט אוים-גישטרויעט אגרוים-ארטיגען פאלאץ, מיט אטייערין גארטין אונ האט צו גיגרייט אצוגיפוצטין בופעט מיט אלע גוטעס וואס אמויל קען ריידין, אין מיטין בופעט איז גישטאנען אטאץ מיט טייערע ווינאגראד אנגעגעהם צו זעהען. דער גראף האט איינגילאדין געסט אונ האט זייא גיזאגט, איך גיב אייך איבער דיא גאנצע אימעניע, עסט אונ טרינקט פון אלעם-גוטין, עס זאל אייך וואול בעקומען, נור פון דיא ווינאגראד (וואס אין מיטין שטייט) זאלט איהר זיין פארזיכטיג ניט צו נעמען. דיא ארינטליכע דאנקבארע געסט האבין זיך אויפגיפירט וויא אאורח טוב דארף צו זיין, זיי האבין גירימט דעם הירטה, אונ האבין זיך מתבונן גיוועזען אין זיין חכמה אונ גוטהייט, וואס פאר אחכם אאינזיגער ער איז, וואס פאר אגרויסארטיגין פאלאץ ער האט אויסגיסטרויעט פאר אונז, וואס פאר אטייערער באטאניקער ער איז, וואס פאר אטייערין גארטין ער האט גיפלאנצט פאר אונז, וואס פאר אגערימטער קאנדיטאר ער איז, וואס פאר טייערע גיבעק אונ גיריכטין, קומפאטין, קאנפעטורין ער האט צו גיריכט פאר אונז, אלעס וואס ער האט זיך בעמיהעט אונ צו גיגרייט איז נור פון אונזערט וועגין (אורח טוב מה הוא אומר כמה טרחות טרח בעה"ב בשבילי (ברכות נח׳), מיט וואס זיינען מיר אים-שטאנד איהם אב צו דאנקען דאפיר, אונ פון דעם וואס מיר זעהען זיינע גרויסע טרייהייט צו אונז וואס ער האט אונז צו גיגרייט אזעלכע טייערע זאלין אונ בופעטין, פארשטייען מיר, אז דיא ווינאגראד וואס ער האט אונז פערבאטין ניט צו עסין, איז דאס אויך צו אונזער גליק, ווייל ער איז אגרויסער פראפעסער ווייס ער אז דאס איז פאר אונזער מאגען זייער שעדליך, דארפין מיר זעהן פארזיכטיג צו זיין אונ היטין שטרייננג זיין בעפעהל, וואס דאס איז גיצילט נור צו אונזער גליק. צווישין דיא געסט וואר אבער איינער אליסטיגער איין אונדאנקבארער וואס האט נור אויס גיקוקט אויף דיא ווינאגראד, וויא שיין אונ אנגענעהם עס איז, אונ וויא ער האט גיהערט אז דער ווירטה האט

עס

עֶס פַּאר בַּאטִין נִיט צוּ עֶסִין, אִיז עֶר צָארִינְדִיג גִיוָוארִין אוּנ גֶעאוּרְטְהֵיילְט אוֹיפִין ווִירְטָה זֵייעֶר שְׁלֶעכְטֶע מֵיינוּנְגֶען, אוּנ הָאט גִיבּוּרְצֶעט צוּ זִיךְ אַלֵיין: „אָט אַ גוּטֶע זַאךְ פֶּערְגִינְט עֶר אוּנְז נִיט" אוּנ פוּן גְרוֹיס פֶּערְדְרוּס הָאט עֶר אָן אַלֶע גוּטֶעס פֶּערְגֶעסִין אוּנ הָאט נוּר גִיבּוּרְצֶעט, וָואס עֶר הָאט אִיהם נִיט פֶּערְגוּנֶען צוּ גִינִיסִין פוּן דִיא לִיבְּלִיכֶע ווִינָאגְרַאד.

פִּילַייכְט הָאט דֶער ווִירְטָה פֶּערְבָּאטִין, מֶען זָאל פוּן-קֵיין זַאךְ נִיט גִינִיסִין? (רוּפְט עֶר זִיךְ אָב מִיט פֶּערְדְרוּס צוּ אֵיינֶע אַ לֵייכְטְזִינִיגֶע פוּן דִיא פּוּבּלִיקֶע).

חָלִילָה! (אַנְטווָארְטֶעט אִים יֶענֶע), פוּן אַלֶעס אִיז עֶרְלוֹיבְּט צוּ עֶסִין, נוּר דִיא ווִינָאגְרַאד אַלֵיין, הָאט דֶער ווִירְטָה פֶּערְבָּאטִין מֶען זָאל נִיט עֶסִין, מֶען זָאל זִיךְ זָאגַאר נִיט צוּרִירִין צוּ דֶעם, פִּילַייכְט וֶועט דָאס אוּנְז פֶּערְשַׁאדֶען.

נֵיין! (זָאגְט דֶער אוּנְדַאנְקבַּארֶער גַאסְט צוּ אִיהר), עֶס אִיזְט נִיט וַואהְר, עֶס וֶועט נִיט שַׁאדִין, נוּר דֶער ווִירְט פֶּערְגִינְט אוּנְז נִיט, ווַייל עֶר ווֵייס אַז וֶוען מֶען וֶועט דָאס עֶסִין וֶועט לִיכְטִיג וֶוערִין אִין דִיא אוֹיגִין אוּנ דֶער שֵׂכֶל וֶועט עֶנְטְווִיקֶעלְט וֶוערִין אוּנ מֶען וֶועט זַיין חֲכָמִים, אַזוֹי ווִיא עֶר.

דִיא גִיפְטִיגֶע אוּנְדַאנְקבַּארֶע וֶוערְטֶער אִיז אַרַיין דִיא לַייכְטְזִינִיגֶע פְרוֹי אִין הַארְצִין אוּנ הָאט שְׁטַארְק אָן גִיהוֹיבִּין צוּ קוּקֶען אוֹיף דִיא ווִינָאגְרַאד, ווִיא לִיבְּלִיךְ עֶס אִיז צוּם אָנְזֶעהֶען אוּנ גִיווִיס אִיז דָאס גוּט צוּם עֶסִין, אוּנ הָאט גִינוּמֶען אוּנ גֶעגֶעסִין אוּנ נָאךְ אַצְווֵייטִין צוּ-גִירֶעט צוּ עֶסִין. אוּנ דַאן אִיז אוֹיף זֵיי אַלֶעמֶען גִיקוּמֶען דֶער בֵּייזֶער סוֹף וָואס דֶער גוּטֶער ווִירְט, דֶער פְּרָאפֶעסָאר הָאט זֵיי פְרִיעֶר פָארְזִיכְטִיג גִימַאכְט.

דֶער נִמְשָׁל אִיז זֶעלְבְּסְט-פֶערְשְׁטֶענְדְלִיךְ, דִיא ווִינָאגְרַאד אִיז „דֶער עֵץ הַדַעַת". דֶער אוּנְדַאנְקבַּארֶער אִיז „דֶער שְׁלַאנְג" וָואס עֶר אִיז דֶער סִימְבָּאל פוּן אַכְּפוּי טוֹבָה, עֶר הָאט מַטִיל גִיוֶוען זוּהֲמָא (אַפְּלֶעק אִין חַאראַקטֶער) אִין דִיא לַייכְטְזִינִיגֶע פְרוֹי, צוּ פֶּערְגֶעסִין אַלֶע טוֹבוֹת וָואס הַשֵׁי"ת הָאט מִיט זֵיי גִיטָאן, נוּר צוּ טְרַאכְטִין שְׁלֶעכְטֶע גִידַאנְקֶען אוֹיף גָאט פַאר דֶעם קְלֵיינֶעם פֶּערְגֶעניגִין וָואס עֶר הָאט זֵיי נִיט עֶרְלוֹיבְּט.

מַאמִינְקֶע! (זָאגְט רחל), אִיךְ וֶועל דִיר פְרֶעגִין, צוּ וָואס הָאט גָאר דֶער בַּאשֶׁעפֶער גִישְׁטֶעלְט דִיא ווִינָאגְרַאד אוֹיפִין בּוֹיְמֶעט? אוֹיבּ עֶס אִיז פַאר זֵייא גִיפֶערְלִיךְ, הָאט עֶר דָאס גִיזָאלְט בֶּעהַאלְטִין אוּנְטֶער אַ שְׁלָאס, נִיט שְׁטֶעלִין אוֹיפִין בּוֹיְמֶעט עֶס זָאל זֵיי רֵייצִין?

יָא, יָא, מַיין לִיבֶּע טָאכְטֶער, דֶער דַרְשָׁן הָאט עֶרְקְלֶערְט, אַז דִיא אֵייְדֶעלֶע גֶעסְט הָאבִּין דָאס פֶערְשְׁטַאנֶען, וֶוען זֵיי הָאבִּין זִיךְ טִיפֶער מִתְבּוֹנֵן גִיוֶוען אִין דִיא חָכְמָה נִפְלָאָה פוּן גַבַאף, אוּנ זַיין גוּטְהֶערְצִיגְקֵייט, אַז עֶר

הָאט

האט זיי דיא גאנצע אימעניע מיט אלע גוטעס אב גיגעבין, טוא וויא אזוי קען מען גאר דיינקען אויף אזא קליינינקייט, וויא דיא ווינאגראד, וועט ער זיי זאלעוועו? נור ווייל דער גראף איז א גרויסער פראפעסער און ער ווייס זייער גוט זייער ארגאניזום, מיט זייערע גיבליטין, איז געווים אן אפפק אז דאס איז פאר זיי אגרויסע הילף, עס זאל זיי רייצין און מיט דעם וואס זיי וועלין זיך אפ האלטין וועט שטאלירט ווערין זייערע גיבליטין, איז דאס גופא פאר זייא אגרויסער גליק.

דעם נמשל פערשטייט יעדער, וויא באלד אז דער בורא האט בעשאפען דעם מענשין ער זאל לעבין אייביג, און האט אים גימאכט פאר אהער איבער דיא גאנצע נאטור (תמשילהו במעשה ידיך כל שתה תחת רגליו), טוא וויפיל פעלט אז ער זאל פערגעסין אן אלע זאכין, און מיינען אז ער איז אליין אגאט? און דאן וואלט ער פערקריכען אין אלע העלין, דרום האט השי"ת מיט זיין חסד גישטעלט דעם עץ הדעת אין מיטין גארטין, און אים אן גיזאגט אז פון דעם זאלסטו ניט עסין, דיא איינציגע אזהרה האט זיי ערלאנגערט אז זייא האבין אויף זיך אווירט און בעת ער איז זיך פורש פון דיא עבירה (פון עסין דעם עץ הדעת) מיט דעם איז ער אויף זיך מקבל דיא גיהארכזאמיגקייט פון וועלט באשעפער (כמ"ש רש"י (ויקרא כ כו) פורש מן העבירה ומקבל עליו עול מלכות שמים), און בזכות דיא אמונה, אז זיי האבין אויף זיך אווירט און פערטרויען זיך אויף אים, ווערין זייא גישיצט פון אלע פגעי הזמן, און ווען ניט דיא איין קליינע אזהרה האבין זיי גיקאנט מיינען אז עס איז גאר גיטא קיין ווירט, אז זייא זיינען גאר דער ווירט פון דעם פאלאטס, וויא דער גראף האט זייא איבער גיגעבין (וירדו בדגת הים כו') און ווען דער מענש פאלט אריין אין דעם גידאנק חלילה אז עס איז איין עולם של הפקר ואין מנהיג לבירה, איז זיין שטראף מדה כנגד מדה, ער ווערט נמסר תחת מקרי הטבע וואס זיא איז עלול לכמה פגעים און ווערט וויא אנאקעטער מענש וואס יעדער קלענסטע מקרה (וויא רעגין אדער היץ) שאדעט איהם, און דיא קליידונג וואס ער וויל זיך אליין מאכין האט אזא האפט וויא שירצין פון פייגין בלעטער.

תמצית הדברים איז, אז דער ספור פון עץ הדעת איז אוויכטיגער בילד און אליכט צום מענשינס טריט, ער זאל וויסין אז עס איז דא אמנהיג לבירה, אטוב ומטיב וואס ער האט בעשאפין דעם מענשין נור צו זיין גליק. און ער דארף שטענדיג זיך מתבונן זיין בגדולתו של יוצר בראשית און מכיר טובה זיין פאר אלע גוטעס שגמל עליו, און אן ערקענען אז דיא אלעס וואס איז פערבאטין, ניט צוא גיניסען, איז דאס אויך צו זיין גליק, אבוואהל זיין שכל

איז

איז קורץ צו פערשטיין . מיט דעם געדאנקען וועט איהם לייכט זיין צו טראגען אויף זיך דעם עול מלכות שמים, אונ וועט שטענדיג זיין איין עובד בשמחה ובלב טוב מרוב כל , אונ וועט לעבין אהימלשען לעבין אויף דער וועלט, אונ דאדורך וועט ער זיין גישיצט פון דיא השגחה עליונה פון אור ה׳ , „כתנות אור , ה׳ אורי וישעי ממי אירא, ה׳ מעוז חיי ממי אפחד“. אונ דער גרעסטער אונגליק איז, אז מען פערגעסט אונ מען מיינט אז עס איז אהפקר וועלט , אונ מען ווערט אכפוי טובה, אונ ממילא ווערט צו לאסט אלע אזהרות פון דער תורה, מען מיינט אז צו זיין אונגליק איז אים גישטערט אלע הנאות, איז ער אין אשלעכטין מיינונג אויף דעם פאטער פון הימל , אונ איז שטענדיג ברוגז אויף השי״ת . איז זיין שטראף מדה כנגד מדה השי״ת טוט אב זיין השגחה פון אים אונ איז איהם מוסר למקרי הטבע ולפגעי הזמן , בלייבט ער נאקעט אן אשום שוץ, אונ דיא אלע שוצונג וואס דער מענש מאכט זיך האט דאס אהאפט וויא דיא שירצען פון עלה תאנה, וואס אמאל קענען זייא נאך שטעבין (וויא עס איז בעוואוסט, אז דיא בלעטער פון חוה׳ס פייגען זיינען שטעכעדיגע), נור השי״ת ברוב חסדו אשר חשב מחשבות לבל ידח ממנו נדח, האט אונז בעשאפין נאטירליכע מיטלען (ברא שבלול לכתית כו׳, שבת פז:), אונ האט זיי בעקליידעט מיט כתנות עור. דרום האט הש״י אונז בעזארגט אונ פערהיט אז ווען מיר וועלין זיך בעזעצין אין דער לאנד, בכדי מיר זאלין חלילה ניט פערגעסין אן אלעס האט ער אונז גיגעבין דיא מצוה פון בכורים, וואס דאס ווערט גימאכט מיט גרויס פאראד , בכדי עס זאל שטארק פערווארצילט ווערין ביי אונז אונ אונזערע קינדער דיא מדה פון הכרת טובה, אז עס איז פערהאנדען אווירטה אונ מיר זיינען ביי איהם נור אריסים , אונ דארפין אים דאנקבאר זיין (כמ״ש ובאת אל הכהן כו׳ ואמרת אליו (ופירש״י שאינך כפוי טובה) .

רחלע מיין טאכטער ! (זאגט יהודית) , וואס ביסטוא אזוי פערקלערט ?

מאמינקע, אזוי וויא דעם פאטערס ליכטיגע רייד האט מיר בעלויכטין מיינע גידאנקען — האב איך יעצט איין זארג וואס איך קען זיך קיין ראטה געבין .

זאג מיר, מיין טאכטער, וואס איז דיין זארג ? (זאגט יהודית) .

וויא דער פאטער האט אונז גילערינט (ענטפערט רחל) , אז מען דארף ליב האבין אלע מענשין אונ מען טאר קיינעם ניט בעליידיגען (כמ״ש יהי כבוד חבירך חביב עליך כשלך), האב איך פארכט דיר צו ערציילין, ווייל דורך דעם וועט בעליידיגט ווערין א מענש .

דאס איז זייער ריכטיג, מיין טייערע רחל׳ע (זאגט יהודית) , כבוד הבריות

איז

איז זייער א טייערע זאך, וויא אונזערע היילינע תנאים זאגין אין פרקי אבות (פ״ד): ווער איז א מכובד? דער וואס גיט כבוד דעם צווייטין, אויך זעהען מיר אז דער בורא איז חס אפילו אויף דעם כבוד פון א זינדיגען מענשין, ער איז ניט מגלה רעתו בקהל (ואת הבהמה תהרוגו, שלא יאמרו זו היא שנכשל פלוני בה), נור איך וועל דיר איין עצה געבין, ערציילל מיר סתם דיא מעשה אן א נאמען.

גוט מאמינקע, איך וועל דיר דער ציילין (זאגט רחל), איך האב פער־שפראכין מיינע א פריינדין, קומען צו איהר זונטיג פריה, איהר אויס לערנען האפטין א צוועט.

נוא איז וואס? (זאגט יהודית), זייער רעכט מיין טאכטער, גיי טאקע, א מענש דארף נוצבאר זיין יעדערין, וויא גוטע בשמים וואס אלע האבין פערגעניגין פון זיין ריח טוב.

פערשטייסטו אבער מאמינקע (זאגט רחל), איך בין דארטין אמאל גיוועזן, זיי זיינען זייער רייכע לייט, זייא האלטין זיך פאר העכסט גיבילדעטע מענשין, ריידין אין שטוב דורך אויס פראנצייזעס און לעזין דורך אויס ביכער, און ריהמען זייער דיא בילדונג, זיי זאגין אז דיא בילדונג איז גיקומען יעצט צו דיא העכסטע שטופע, אם ענדע האב איך גיזעהן אמאל א פריה־מארגין וויא דער פאטער איז אויף גישטאנען פון שלאף, און זיך איין־גיוואשין און גלייך צו גיגאנגען צום טיש, גיגעסין א זעמיל מיט קאפע אן א היטיל, וואלט איך אים דאס מוחל זיין, אבער פערשטייסטו דאס ציט נאך צוא וואס, אן א ברכה ראשונה ואחרונה, און ווער רעט ניט קיין פוקח עורים, און ניט יוצר המאורות, און פשיטא ניט חונן הדעת, און וויא דער טאטינקע האט מיר יעצט ערקלערט, פערשטיי איך ניט, וואו איז זייער בילדונג?*) דאס קומט ביי מיר אויס וויא דעם חודאזניקס בילד וואס מיר

האבין

*) חכם אחד המליץ ע״ז מאמר חז״ל (שבת פ״ט) אם יהיו חטאיכם כשנים הללו הסדורות כו׳. דער איינפאכער פשט איז, אויב אייערע זינד וועלין זיין כשנים (וויא דיא רויטע זייד) וועלין זיי ווערין וויא שניי ווייס, נור וייל עם שטייט ניט „כשני״ (כמו אם יאדימו כתולע בלשון יחיד), נור „כשנים״ (בל״ר) פאסין דיא חז״ל איין אין דעם אכונה שניה און טייטשין „כשנים״ וויא דיא יאהרען, דער גידאנקען איז איינפאך, ווען א מענש טוט אפילו א מאל איין עבירה, דארף דאס אויך פאסין נאך דיא יאהרען נאך, צב״ש ווען מען דערוויסט איין אלטין מיט א יונגען מאן אין א אפענטליכע שמוציגע הויז, איז דעם יונגען שטראפט מען איינפאך, וויא פאסט דאס פאר א ארינטליכען מענשין אזעלכע שמוציגע זאכין? אבער דעם אלטין מאן זידעלט מען אויס כאחד הריקים, וויא קומט

א אלטער

האבין גיזעהן אין מאזעאום, ריין אונ זויבער אונ אנגיציירט אין גאלד אונ זילבער, שאקילט מיטין קאפ, מאכט מיטין פעבער אונ אטהעמט מיטין הערצין פונקט וויא א לעבעדיגער, אבער קיין זעלע האט ער ניט. דאס גלייכין זיינען היינטיגע געבילדעטע, זיינען זויבער אונ איידיל אונ מאכין קאמפלעמענטין, אבער דיא ערהאבענע גיפילין זיינען טויט.

וואס ווילסטו, רחל'ע? (זאגט שלמה), אז דיא אידעשע היילינע גיפיהלין זיינען ביי זיי אב גישטארבין, וויא זאלין זיי לויבין גאט? עס שטייט דאך „לא המתים יהללו י'", אונ דאס איז טאקע פאסינד צום פאטערס ליבשינע רייד, „והארץ נתן לבני אדם" צו דיא וואס מאכין א ברכה. דרום זאגט דער משורר, זאל דיר קיין וואונדער ניט זיין, דאס איז דאך אזא שבלדינע זאך, היינט ווארום זעהען מיר אזעלכע איידעלע לייט עסין אן א ברכה? (ענטפערט ער זיך אליין) דאס איז נור ביי דעם וואס דיא גיפילין לעבין, אבער „לא המתים" (כי שולחן שלא ברכו עליו לזה נקרא זבחי מתים, סוטה פ"ג מ"ד), דער שטאט אונ דיא מאדע האט ביי זיי גיטייטעט אלע היילינע גיפילען.

אלע געסט זיינען ענטציקט גיווארין פון שלמהס וויציגע רייד.

דיינע רייד זיינען וואהר, נור וואס גיהער זיך דאס אן, אז זיי מאכין ניט קיין ברכה, קענסטו ניט אוים לערנען איהר דעם צנועט? (פרעגט יהודית רחלין) אונ איז גערין גיוועון צו הערין איהר אנטווארט, זעהן איהר איידעלין גיפיל מיט איהר ריינע הערץ.

וויא קען איך גיין, אין אזא הויז וואס פירט זיך געגין דעם ריינעם אידישין גיפיהל? (ענטפערט רחל), אונ פילייכט וועל איך טרעפין עסינדיג אן א ברכה וועל איך בלייבין אין אפערלעגענהייט, אוים ריידין זיי? קען מען דאס ניט מאכין אין 2 ווערטער, דאס מוז האבין א רעכטע ערקלערונג מיט גרויס פערשטאנד אונ איידילקייט, ניט צו פאר שעמען יענעם. אונ ניט זאגין, וויא קען מען זיין אזוי פערדארבין, אז ביי יענעם פאלט אראפ

אפונק

א אלטער מאן וואס האט שוין גראהע האר צו אזעלכע זאכין? דאס איז גאר אין הדעת סובלתו (זקן מנאף). דאס זאגט דער נביא, אז אייערע עבירות זאל לפחות זיין נאך דיא יאהרען נאך, קען מען אייך פערטהיידיגען, אז דיא אונוויסענהייט האט אייך צו דעם גיבראכט, אבער דיא עבירה פון אונדאנקבארקייט ביי אזא ציוויליזירטע צייט, ענדע ניינצענטין יאהר הונדערט וואס דיא בילדונג, עטיקעטעס אונ קאמפלימענטין מאכין אזעלכע פארשריטע, זאל מען טאהן אזעלכע פערדארבענע טהאטין? חאפין פון בופעט אונ ניט בעצאהלין? דאס האט גיפאסט מיט 500 יאהר צוריק, וואס דיא וועלט איז גיוועזן פינצטער פון בילדונג, אבער וויא קומט דאס היינט? דאס איז גאר ניט נאך דיא יאהרען נאך.

א פונק פון ציגאר אונ ברענט אים זיין קלייד אונ עס קען גיך קומען צום לייב, זאהל מען זיך מאכין ניט זעהענדיג, טוא וואו איז דיא ריינע מענשען-ליבע?

ר׳ מרדכי איז שטארק ענטציקט גיווארין אויף דעם הויכין גיפיהל, אונ טראכט ביי זיך, דאס האב איך צו פערדאנקען מיין ליבע יהודית, דאס איז דיא גוטע פרוכט פון איהרע מוסר, וואס זיא בעגיסט שטענדיג אויף זייערע ריינע הערצער.

פרעג דעם פאטער וויא צו טאהן, מיין ליבע טאכטער (זאגט יהודית).

דיינע ווערטער איז צו דרוקין, מיין טייערע טאכטער (זאגט ר׳ מרדכי), אויך שלמה׳ס ווערטער זיינען ריכטיג, אז דער פינצטערער שטאט אונ דיא מאדע האט ערנידערט אלע זייערע היילינע גיפילין, אבער נור דער „פינצטערער" שטאט, מיר זעהען אבער אז דער ליכטיגער שטאט איז גאר מיט אנאנדער פראכט. וויא איך וועל דיר ערציילין אגישיכטע וואס דער היילינער תלמודיסט ר׳ חייא ערציילט (שבת קיט), אמאל בין איך פאר פארין צו אגביר אין שטאט לודקיא, וויא עס איז גיקומען מיטאג צייט האט מען אריין גיטראגין*), אגאלדענעם טיש, זייער אגרויסין, וואס 16 מאן האבין איהם גידארפט טראגין, אונ ארום אים איז גיהאנגען זילבערנע קייטאלאך וואס צוא זיי איז גיוועין בעהעפט סערוויזין טייערע פון אלער האנד פאיאנס, אונ אוים גיליינט אלע מיני שפייז אונ קאנפעטורין, אז עס האט פאר נומען איין אויג, אז איך בין ענטציקט גיווארין. נאכהער זעה איך אנאיע עטיקעטע, וויא מען האט אוועק גישטעלט דעם טיש אויף זיין ארט אונ צו גיריכט פאר אלע געסט פלעצער, האט דער הויפט-סארווער, וואס איז גיוועין אוים גיצירט ריין אונ זויבער, אוים גירופין מיט אהויכע שטימע דיזע ווארטין: „לה׳ הארץ ומלואה". צו ערזאינערין אלע געסט אז דיא גאנצע וועלט מיט איהרע רייכקייט אונ פערגעניגען גיהער אלעם צום וועלט-בעשעפער, אונ מען טאר ניט רירען איין האר פון קאזנא וואו מען צאלט ניט איין, ד. ה. אברכה, אשבח והודאה צום בעשעפער וואס ער האט דיזעם בעשאפין, נאכהער האט יעדערער גימאכט אברכה אונ גיגעסין דיא שענסטע אונ בעסטע וואס נור זיין הערץ האט גילוסט, וויא אלע האבין אב גיגעסין אונ גילויבט השי״ת מיט ברכת המזון אונ אנדערע אברכה אחרונה, ביין צו נעמען דעם טיש האט דער הויפט סארווער אוים גישריען דיזע ווערטער „השמים שמים לה׳ והארץ נתן לבני אדם

*) אזוי איז גיוועזן דיא מאדע פארצייטין, זיי האבין גיהאט פיל דינערשאפט, פלעגט מען צוגרייטין דעם טיש אין קוכנע אונ אריין טראגין אצוגיפוצטין אין זאל אונ נאכין עסין צוריק ארוים טראגין.

אדם", ד. ה. עס זאל איך גיין אין קרעפטין, עס זאל איך זיין צו גיזונד, איהר האט יעדער גיגעסין כשר'ה אייגענע פערדינטע, איהר האט יעדער איין גיצאלט פאר זיין שפייז אין הימל-קאססע מיט אברכה ראשונה ואחרונה. דיא אורחים זיינען גיוועזן זייער צו פרידין מיט דיא איידעלע ווערטער (והמפייסו מתברך בי"א). איך בין זייער צופרידען גיוועזן פון דעם איידעלען שטאט (זאגט ר' חייא), איך האב ביי זיך גיטראכט דאס איז דאך אזעלכע זכיה, אזא רייכקייט אין אזעלכע איידעלע און גוטע אידעשקיט. איך בין אוים גיוועזן אזעלט, האב איך אזא שיינעם שטאט ניט גיזעהען, דער מענש מוז עפעס האבין אזעלכענעם זכות, איך האב זיך מיט איהם פונאנדער גירעט וועגין זיין ביאגראפיע אום צו וויסען אויב ער איז א גיבארענער גביר אדער איין אויף גיקומענער גביר, און דער גיין זיינע מדות.

איך בין גיוועזן איין איינפאכער בעל-הבית (ענטפערט דער גביר), איך האב גיהאנדילט מיט סקאט און האב גיפירט מיין מסחר זייער ארינטליך מיין יא וואָרט איז גיוועזן הייליג, ווייל איך האב שטענדיג גיהאלטין דעם הייליגען שבת אין זינען, איך האב איהם אלע טאג דער מאנט, (היום יום א' בשבת כו') האט ער מיר גיריינינגט מיינע געדאנקען צוא האנדלען ארינטליך אן שום ערמה ומרמה, ווייל איך האב גיוואוסט איך לעב אויף אזעלט וואס אויף איר איז דא אווירתה, וואס ער ליבט נאר דיא ריינע ווארהייט (עיניך הלא לאמונה, אמונים נוצר ה', כי תועבת ה' כל עושה עול), און אז איך האב ריכטיג דער קענט אז דיא ערדאינערונג פון שבת מאכט מיר ליכטיג. מיין וועג (כמ"ש נר לרגלי דבריך ואור. לנתיבתי), האב איך גיקראגין אזא ליבשאפט צו שבת, אז איך האב איר צו גינומען פאר אשותף צום גישעפט. צב"ש אז איך האב גיקויפט א פעקיל סקאט, האב איך אב גיקליבין דיא שענסטע און בעסטע און האב מיט גרוים פערגעניגען גיזאגט: „דאס זאל זיין אויף שבת פאר מיר און פאר לייטין", איך האב זיך שטענדיג גיפרייט מיט דיא טייערע מתנה פון השי"ת (מתנה טובה יש לי בבית גנזי ושבת שמה), און וואס מער איך האב זיך גיפרייט מיט דיא מתנה פון שבת האט השי"ת מיר מוסיף גיוועזן מתנות און מתנות (וויא דער שטייגער איז, אז איין שר גיט זיינעם א גוטין פריינד א מתנה און יענער שעצט איר און האלט איר טייער, איז דער שר זייער צופרידין און עס איז איהם אנגינעהם צו געבין יענעם נאך פיל מתנות).

איך האב גיקראגין א גרויסין נאמען ביי אלע פאמעסציקעס ארום, אז זייא האבין ליב גיהאט מיט מיר צו האנדלען, זיי פלעגין מיר אוועק געבין דיא גרעסטע פארטיעס סקאט נור בלויז אויף מיין ווארט, אן אשום אויף-גאב אפילו, ווייל זיי האבין גוט גיוואוסט אז מיין „יא ווארט" איז טייערער וויא געלט.

געלט. אונ איך האב באמת גיהיט מיין ווארט, ווייל דער ערהאינערונג פון שבת פלעגט מיר דער מאנען, אז א ווארט איז א גרויסע זאך, מיט א ווארט האט השי"ת בעשאפין הימיל אונ ערד (בדבר ה' שמים נעשו), אונ אם ענדע האט ער בעשאפין דעם מענשין אונ אין אים אריין גיבלאזין אנשמה „חלק אלוק ממעל", דארף דער נברא זעהען צו פערגלייכין זיך צום בורא (וזכירת חשבת יזכך את האדם מטבע אדמה (סלחס אשר יחיה עליו) לטבע אדמה לעליון (מולת פי ס' אשר יחיה הסדם), אונ דער בורא נעמט צו דעם מענשין פאר א שותף, אז מיט דעם וואס ער זאגט „ויכולו" בלילי שבת ווערט ער א שותף אין דער בריאה (שבת קי"ט:), ווייל דער בורא האט דאך אויך בעשאפין אלעם מער ניט מיטין ווארט. קורץ דער פון, איך האב פון זיך אליין בעמערקט וויא ווייט דער ערהאינערונג פון שבת האט מיר אוים גיאיידילט אלע גיפילין אונ ליכטיג גימאכט אלע וועגין אונ האט מיר גיפירט צו איין אוננאטירליכע הצלחה, (לקראת שבת לכו ונלכה כי היא מקור הברכה), אז צייט אייניגע יאהר האב איך זיך ערווארבין א גרויסין קאפיטאל מיט גאלד אונ זילבער, וויא אייערע אויגין זעהען.

„אשריך שזכית לכך" וואויל איז צו אייך וואס איר האט זוכה גיוועז צו אזא גדולה! „וברוך המקום" אונ גילויבט איז השי"ת וואס האט אייך מזכה גיוועז צו דעם (ענטפערט ר' חייא), וויא וואהר אונ וויכטיג עס איז דיא רייד פון דיא תורה הקדושה „לדעת כי אני ה' מקדישכם" ד. ה. אז דיא מתנה טובה פון שבת פאר היילינט דעם מענשין אין אלע זיינע וועגין, (קדושים תהיו כו' ואת שבתותי תשמורו, את שבתותי תשמורו ומקדשי תיראו), נור זאגט מיר מיין פריינד, וואו האט איהר גיזעהן דעם טייערין מנהג וואס דער סארווער רופט אוים פארין עסין „לה' הארץ כו'" אונ נאכהער „והארץ נתן לבני אדם"? דאס גיפעלט מיר זייער, איך קען זיך גאר ניט אב וואונדערין פון דעם.

דאס איז ביי מיר ערשט דיא צווייטע יאהר דורך א צופאל, אונ איך גלויב אז דאס איז גיוועז א געטליכער צופאל, אוים היטין מיינע קינדער פון א שלעכטע וועג.

ערציילט מיר מיין פריינד (זאגט ר' חייא), איך בין זייער גערין צו הערין.

מיט 2 יאהר צוריק, בעת איך האב גימאכט א באלאנס פון יאהר-אבאראט אונ האב גיפונען אז עס האט זיך מיר אב גישטעלט א גרויסער קאפיטאל, נאך מעהר וויא פאריגע יאהרין, אונ האב צו זאמען גירעכינט אז איך בין שוין א גביר פון מאה אלף מזומנים, גיוואוינליך בין איך זייער פרייליך גיוועז אונ גידאנקט השי"ת פאר זיין גרויסין חסד, איך האב

גיקויפט

גיקויפט אדאס מיט טייערע מעביל אונ הערליך אוים גיקליידעט מיין פרויא אונ קינדער. דער פלוצלונגער פערעמען וואס פריער האב איך גיוואוינט איינפאך אונ זיך גיפירט איינפאך אונ יעצט מיט איין מאל אזוי אויפגישטיגען האט גימאכט אגרויסין איבער-ראשונג אויף מיינע קינדער, אונ וויא עס האבין אן גיהויבין · איין צו גיין צוא מיר גראפין אונ גרויסע קופצעס, האבין מיינע קינדער אויך אן גיהויבין נאך צו גיין דעם שטאט , גיין אן היטלען אונ עסין אן אברכה, גאר אום גיביטין פון פריער, אונ מיין טאכטער האט אן גיהויבין צוא שפילין פיאנע מיט גיזעלשאפטען וועלכע זיינען מיר גאנץ אונבעקאנט, איך האב גאר ניט בעמערקט וויא ווייט דאס קען אוועק גיין , (וויא מיר זעהען גאנץ אפט , אין גרויסע הייזער, דער פאטער גייט ארום איבערין שטוב נאך הבדלה אונ זינגט אליהו הנביא, אליהו התשבי, אונ דיא טאכטער בענלייט אים מיט אפיעסנע פון שנאת היהודים)*).

איין מאל איז דא דורך גיפארין אגרויסער מאן, אגאון מפורסם, אמדינה חכם , האט מען אים מכבד גיוועזן דרשינען שבת אין גרויסע שול . עס זיינען גיגאנגען אים הערין דיא גרעסטע אדיל-לייט , ער האט גיזאגט זייער אקלוגע רעדע, ובתוך הדרשה איז פארגיקומען דער מאמר חז"ל „אין קורין אבות אלא לשלשה" (ברכות טז:), האט ער ערקלערט אז דיא תורה איז ניט גיקומען צו שרייבין מקרים פרטיים וואס האט פאסירט מיט אונזערע גרויסע מענשין , והראיה אז דיא תורה שרייבט ניט דיא היסטאריע פון משה רבינו פון דיא גאנצע 60 יאהר זינט ער האט אוים גיוואקסט מצרים ביז מראה הסנה, ווייל דיא תורה קומט ניט צו ערציילין גישיכטין, נור דיא מקרי האבות זיינען מקרים כלליים, וואס דיא גאנצע אומה וועט פאסירין אין פערלויף פון דיא טויזינדער יאהרין וואס זיא וועט עקסעסטירען אויף דער וועלט , דיא עלטערין האבין אוים גיטראכטין אוועג פאר אונז, אונ ווען זיי וואלטין ניט ארוים ברייננען דיא כוחות אל הפועל, וואלטין מיר ניט ירשינען דאס, אונ דאס איז דער טעם פון דיא עשרה נסיונות (שנתנסה אברהם אבינו), ווייל כל זמן דיא זאך איז נור בכח קען דאס ניט איבער גיין צו קינדער (על דרך אין אדם מוריש קנס לבניו), אבער אז זייא האבין דאס ארוים גיבראכט אל הפועל האט זיך דאס גיקענט אב טיפין אין זייערע קינדער , עס איז גיוועזן אדרוש יקר

ונכבד

*) על נחיצות קאנטראָל בהנהגת הבית, מצינו שיחדה תורה מצות הקהל אחת לשבע שנים (דברים לא) הקהל את העם האנשים והנשים והטף למען ישמעו ולמען ילמדו כו' ליראה כו' שהאיש המורם מעם ישים לפניהם דרך (זורנאל, כענין נתת ליראיך נס (מלשון סרימו נס) להתנוסס) שילכו כל העם לאורו , וכענין ועתה מלכים השכילו כו' עבדו את ה' ביראה. עי' הערה בסוף ח"ד בענין זה

ונכבד, ער האט דורך גירעט אלע מקרים פון די אבות און האט גיוויזן וויא עס האט פאסירט נאכהער די קינדער. ביז וואנען ער איז גיקומען צו די מקרים פון יעקב (עם עשו אחיו), הצילני נא מיד „אחי" מיד „עשו", רעטע מיך פון די האנט פון מיין ברודער פון די האנט פון עשו, ווייל בעת ער ווייזט זיך אוים וויא א ברודער, דא איז דער נפש אין גיפאהר און פון די האנט פון עשו וואס דאן איז דער גוף אין גיפאהר, און דרום בעת עשו איז אים גיפאלין אויפין האלז און גיקושט שטייט פינטלאך אויף דעם ווארט „וישקהו", דאס איז ארמז אז אין עשו'ס קוש אויף יעקב'ס האלז איז דא א פינטיל (שוואך צו מאכין דעם קול פון יעקב היוצא מגרונו), און אויף דעם האט יעקב שטארק גיוויינט בעת מעשה, און נאכהער בעת עשו האט גיזאגט „נסעה ונלכה לנגדך", לאמיר גלייך רייזין אונזער וועלט און פירין איין שטאט, האט איהם יעקב גיענטפערט „אדוני יודע כי הילדים רכים", ד. ה. מיין הער ווייס אז איך אליין וואלט נאך קענען מיט האלטין (כמ"ש עם לבן גרתי ותרי"ג מצות שמרתי), אבער פאר די יונגע קינדער איז דאס אפאסנע, „ודפקום יום אחד ומתו כל הצאן", (וויא מיר זעהען פראקטיש אין גאנץ רייכע הייזער, וואס די עלטערין זיינען מופלגי תורה, יראים ושלמים, ווען אויך זיי האבין גרויסע גישעפטין מיט אנדערע נאראדין, און די קינדער זיינען פערדייזט הינטער די הרי חושך), דרום פערלאנג איך (זאגט יעקב), „יעבר נא אדוני לפני עבדו ואני אתנהלה לאטי לרגל הילדים", איך מוז זיך פירין לאנגזאם צו ליב דעם גאנג פון די קינדער. דער דרשן האט דאס גירעט זייער קורץ אבער מיט גרוים ענערגיע אז מיר האט דאס א בליץ גיטאן און איך האב דער זעהן אין יעקב אבינו'ס גישיכטע מיין בילד, אז דער נייער שטאט מיינער וואלט איך נאך וויא עס איז דער טראגין און וואלט בלייבין ביי מיין ריינע אידישקייט (געזונטע אויגין קענען דער טראגין א גרויסע ליכטיגקייט), אבער פאר די קינדער, פאר שוואכע אויגען איז א גרויסע ליכטיגקייט גיפערליך, און זיי קענען חלילה בלייבין בלינדע (כמ"ש ועיניו השע), מען איז ארוים פון שול פאלקאם צו פרידין, זיינע זיסע רייד האבין ערפרייט אלע הערצער און ליכטיג גימאכט אלע גיפילין, אבער איך בין שטארק צורודערט גיוועו, איך האב גינומען גוט בעטראכטין מיינע קינדער, איך האב גוט דער קענט אז עס איז שוין ניט דאס וואס פאריגען יאהר. איך הער, אז שטילערהייט גיט מען א בורץ אויף די מוטער ווען זיא זאגט זיי: „מיינע ליבע קינדער פוצין די קאמאשין און ציסצען די קליידער מיט א בארסט טאר מען ניט אום שבת", בקיצור איך האב גיעפינט די אויגין זעהן וואס טוט זיך מיט מיר, איך האב זיך שטארק בעקימערט און האב אן גיהויבין ממשפש זיין במעשי,

פילייבט

פילייכט איז נאר מיין גליק א שטראפע פון השי"ת (יש עושר שמור לבעליו לרעתו), איך דערמאן זיך פאריגען יאהר, זיינען מיינע קינדער גיגאנגען בדרך הישר נים גיוואוסט פון מאדעס, פון צירקען אונ טעאטער, פון קאמפלימענטין אונ צרות, אונ גישעצט דיא עלטערין וויא דיא שווארץ-אפיל פון אויג, "ועתה אהה! וויגד אונ וועה, צו געלט געבין בין איך א פאטער, אבער צו פאלגין הערט מען מיר וויא דעם קאטער. איך האב גידאווינט שבת צוא נאכט מעריב מיט גרוים גיוויין וויא צו כל נדרי, איך בין גיקומען אין "ויהי נועם ואתה קדוש" צו תפלת "ברוך אלקינו כו' הוא יפתח לבנו בתורתו כו' למען לא ניגע לריק ולא נלד לבהלה", דער עוויגער זאל עפענען אונזער הערץ צו זיין תורה, ער זאל טאן אין אונזער הערץ ליבע צוא איהם, אונ פורכט פאר איהם, אום צו טאן זיין ווילען, אום צו דינען איהם מיט דעם גאנצין הערצין, דאמיט מיר זאלין זיך נים מיהען אום זיסט, אונ נים גיבוירין קינדער צום אונגליק אונ גיכען אונטער גאנג. דא האט מיר גיגעבין א דונער אין הערצין, מיין יגיעה איז דאך לריק ולבהלה! איך האב ביי זיך גירעשעט גלייך נאך הבדלה אריבער גיין צום גאון אוים ווייגען מיין הארץ, ער זאל מיר געבין איין ראטה, וויא איך האב גיהערט אז ער איז אגרויסער צדיק אונ אמדינה חכם, וואס ווייס גוט דיא וועלט.

איך האב גימאכט הבדלה אונ גיגעסין אכזית מלוה מלכה, אונ גישיקט מיין משרת פרעגין צו קען איך קומען צו אים? פילייכט וויל ער אב רוהען, האט ער גיענטפערט אויב אנייטיגע זאך קען מען קומען. איך האב מיט גינומען מיין עלטערין זון אונ גיגאנגען, ווייל וואס קען זיין א נייטיגערע זאך וויא מיין ישוב הדעת? וואס איז מיר נוגע אין מיין וועלט.

קומענדיג אויף זיין סטאנציע האב איך דער קענט זיין שטימע, ער גייט ארום אין צימער אונ לערינט מיט אזא זיסקייט אז עס צו גייט אלע גלידער, איך דיינק אז דיא וואס האבין גינומען בילעטין אויף טעאטער וואלטין הערין זיין לערנען, וואלטין זייא לאזין פאלין דיא בילעטין אונ הערין זיין לערנען בעסער. איך בין גיזעסין א היפשע ווייליע אונ נים גיסמייעט צוא שטערין איהם פון לערנען, ביז וואנען דער משרת האט איהם אריין גיטראגין טהיי אונ איהם גיזאגט אז איך ווארט, האט ער מיר גיהייסין אריין גיין, ער האט מיר גיבעטין זיצין אונ טראקטירט מיט טהיי אונ איך האב מקיים גיוועןֹ אין מסרבין לגדול.

וואס האט איהר, מיין פריינד, עפעס נייטיג? פרעגט ער מיר.

וואס קען זיין נייטיגער וויא צוא פערשטיין אונזער הייליגע תורה?

ענטפער איך מיט עהרע-פורכט, ווייל איך האב ניט גישמייעט אנצופאנגען מיט איהם ריידין מיט אדבר חול.

יא יא, עס איז קיין זאך ניט אזוי נייטיג וויא דער לעבין, וויא מיר זאגין אין דאווענען „כי הם חיינו” דיא תורה איז אונזער חיות און אריכות ימים (תלמיד שגלה מגלין רבו עמו שנאמר ונס אל אחת מן הערים האלה „וחי”, מידי דתהוי ליה היותא (מכות י) מסיים הרמב״ם וחיי בעלי החכמה ומבקשיה בלי תורה כמיתה הם חשובים, והבן).

זאגט מיר וואס איז אייך קשה? וועל איך אייך מיט דעם עוויגענס הילף ערקלערין.

ביי מיין זאגין „ויתן לך” איז מיר איינגיפאלין א פראגע, וואס איז דיא אורזאך, וואס יצחק האט צו גילייגט נאכהער בעת ער האט איהם גיבענשט אלעס יעקב „ויתן לך את ברכת אברהם לך ולזרעך אתך”, און פריער בעת ער האט איהם גירעכינט פאר עשו איז גיוועזן רעכט אן דעם? און וויא איהר האט היינט גיזאגט אז „מעשה אבות סימן לבנים” מוז דאך דאס זיין א רמז פאר דיא קינדער.

צו אזא גישפרעך האב איך נייטיג צו וויסין פריער מיט וועמען איך רייד (ענטפערט דער חכם).

דא האב איך גיקראגין א גילעגינהייט איהם צו דער ציילין אין קורצין מיין ביאגראפיע און מיין עיקר פערלאנג, ער זאל מיר געבין איין עצה. און האב מיט טרערין אין דיא אויגין גיענדיגט דיא ווערטער „ינחני רבינו בעצתו הטובה למען לא אלך לבהלה.

מיין גישיכטע האט אויף איהם א שטארקין איינדרוק גימאכט, ער ענטפערט מיר מיט א שמייכיל: דיא הצלחה וואס השי״ת גיט דעם מענשין וועלכען דיא ערארונג פון שבת איז זיין הערצענס-פרייד, איז דאס גיוויס צו זיין גליק, ווייל שבת איז „מקור הברכה”, „וברכת ה׳ היא תעשיר ולא יוסיף עצב עמה”.

איך זעהע דאך אבער אז דאס איז צו מיין אונגליק? זאג איך מיט א זיפץ פון טיפין הערצין.

עס האט אמאל פאסירט (ענטפערט ער), אז דער מאשין-מייסטער פון לאקאמאטיף האט איין גידרעמילט, איז דער באהן אראפ פון קאלייע, האט זיך איינער אוים גירופין, אט איז אנייער אומגליק ארוים גיקומען דער באהן; וואס אמאל האט מען פון דעם אונגליק גאר ניט גיוואוסט.

עס איז נור א אונגליק (ענטפערט א קלוגער), אז דער מאשין-מייסטער שלאפט און

אונ לאזט אראפ גיין פון רעלצע, אבער בעת דער שכל איז וואך איז דאס גאר א גליק פאר דער וועלט.

זאגט מיר, מיין הער, וויא זע טוט מען, אז אלע פירין זיך אזוי, וויא גייט מען קענין א שטראם?

יעדער גביר אין זיין שטאט, איז קליין פאריז (ענטפערט ער שמייכילדיג).

איך האב פארלייפיג ניט פערשטאנען זיין קורצין אונ טיפין אנטווארט.

איך וועל אייך ערקלערין דעם ענין, פון ברכת אברהם, וועט איהר פערשטיין מיין מכוון, נור פריער איז נייטיג צו ערקלערין וואס איז גיוועז יצחק'ס גידאנקען צו בענצין עשו'ן אונ רבקה האט ניט איין גישטימט צו דעם אונ השי"ת האט מסכים גיוועז צו רבקה'ס פלאן.

יעדער פאטער זארגט פאר קינדער, זיי גליקליך צוא מאכין אויפין בעסטין ארט, יצחק האט גיזעהן אז עשו איז אוועק אין א שלעכטע וועג, וויא עס שטייט פריער „ותהיינה מורת רוח ליצחק ולרבקה“, נור וויא ער האט איהם גיהאלטין אין נאטור פאר א גאנץ ערליך-קינד, ער האט גימיינט אז זיין כבוד אב איז ערינסט, אונ דער וואס איז איין אמת'ער מכיר טובה איז דיא הארץ ביי איהם גיזונד, אונ וויא ער האט גיזעהן אז יעקב איז דער גרויסער מתמיד (איש תם יושב אוהלים), האט ער אוים גירעכינט א פלאן מאכין גליקליך ביידע קינדער איןביידע וועלטין, געבין גאר דיא עולם הזה עשו'ן, אום ער זאל אוים האלטין יעקב'ן, אזוי וויא יששכר מיט זבולון, יעקב וועט זיצין על התורה ועל העבודה, ער וועט דער גיין דיא תורה לאמיתה אונ וועט לערנען אלעמען חוקים ומשפטים, מדות ודרכי ה', אונ עשו וועט זיין אין דער בחינה פון זבולון, אוים האלטין יעקב'ן מיט אלע הצטרכות הגוף והצטרכות הנפש (וויא עס פאדערט צום יודישען שטאם), וועט דער זכות פון החזקת תורה מגין זיין (איף עשו) עס זאל גילייטערט ווערין ביי איהם דיא אמונות ודעות, דרום האט ער גיהייסין עשו'ן זיך צו גרייטין מיט דיא מצוה פון כבוד אב על צד השלמות (תודה „לי“ לשמי), בכדי דיא הצלחה וברכה זאל אים קומען בזכות המצוה, וועט דאס אים פירין בדרך הטוב.

אבער אונזער מוטער רבקה האט ריכטיגער גיקענט עשו'ן, זיא האט גיוואוסט זיין שלעכטע הערץ, אז ער איז גאר אוים גיטאן פון אלע היילינע גיפיהלין. ער ליגט נור אין עסין אונ טרינקען אונ תאוות „ויאכל וישת ויבז הבכורה“, ער איז גיוועזן פון דיא סעקטע „הנה אנכי הולך למות'ניקעס“, האט זיא ארוים גיזעהן, אז דאס איז ניט קיין פלאן, אז יעקב זאל דארפין זעהן מיד עשו, ווער רעט ענייני הנפש איז גיווים אוים. אז יעקב דארף גאר

האבין

האבין הונדערטע רובילס אויף מצות אונ הדורים, צב"ש שרייבין א פיינע ספר תורה אונ בעצירין איהר מיט שיינע צירונג, ספרי ש"ס ופוסקים, משניות, מדרשים פיין גיבונדין, תפילין מיט פרשיות טייערע, א טייערין טלית א וואכעדיגין אונ א שבת'דיגין בעזונדער, קומט א יום טוב איז מצה שמורה מיט אלע הדורים, א פיינע סוכה א פראכטיגע מיט טייערע ארבעה מינים, קינדער געבין אין חדר צו דיא טייערסטע רבאים, דיא ראסחאדין וועט עשו'ן גאר ניט שמעקין, ער וועט זיך צייטין ווייס געבין דעם גרויסין בייזער אויף יעקב מיט דעם אויסדרוק: „וואס קלעקט דיר ניט א מזוזה פאר 8 קאפייקען? תפילין פאר 75 קאפ?*) ער דארף גאר תפילין פאר 10 רו"כ? דער ישיבה בחור זיצט זיך רוהיג. עסט אונ טרינקט אונ זוכט נור וואו געלט אוים צו ברייגגען! עס איז ניט קיין פלאן פאר ביידין, עס איז ניט קיין גלייכע פאר, עשו קומט ניט צו זבולון, זבולון איז דאך גיוועזן א חובב תורה, אונ עשו איז א מבזה בכורה, דרום איז בייא איהר אוים גיקומען גלייכער, אז יעקב דארף אליין האבין דיא ברכות, הגם ער איז „אתם יושב אהלים", אבער ער מיט זיינע גוטע פייאיגקייטין וועט נוצין צו אלעם, אונ פון איהם גופא וועלין זיך פונאנדער טיילין יששכר מיט זבולון'ס, דענסטמאל וועט דאס זיין א גלייכע פארטיע, אונ אויך וועט ארוים קומען פון איהם גרוים-ארטיגע מענער וואס ביי זיי וועט זיין תורה וגדולה במקום אחד, דרום האט זיא גיהייסין יעקב'ן זיך אויך מכין זיין מיט דיא מצוה פון כבוד אם, מקבל צו זיין דיא ברכות, אונ אזוי האט השי"ת מסכים גיוועזן. נאכהער וויא עשו איז גיקומען אונ האט גימאכט סקאנדאלין אונ יצחק האט איהם אויך גיבענצט „משמני הארץ יהיה מושבך ומטל השמים מעל", דא האט זיך ערוועקט אין אונזער פאטער יצחק אגרויסין זארג וועגין יעקב'ן, וויא דיא נאטור איז אז דער מענש איז אמדיני בטבע, ווייל ער קען דאך ניט אוים קומען איינזאם (וויא אלע בעלי חיים) „ודרך האדם להיות נמשך בדעותיו ומדותיו אחרי רעיו וחביריו" (כמ"ש הרמב"ם בהלכות דעות), אונ וויא עשו וועט זיך דא פערשפרייטין מיט זיינע אלופים אויף אגרויסין טייל וועלט, אונ וויא יצחק זעט שוין ערסט ריכטיג ארוים וואס עשו איז, אז ער ליגט נור אין תאות הזמן, וועט ער דאך פערפלייצין דיא וועלט מיט לוקסוס אונ מאדעס, מיט אפאריז וואס זיא איז דיא מוטער פון אלע תענוגי הזמן, אונ וויא זיא גיט ארוים אנאיעם זורנאל האפין דאס אויף פריער דיא רייכע קלאסע, וואס רופין זיך אריסטאקראטין ווייל יעדער וויל שטאלצירען אז איך בין אנייא מאדישער וואס פילט דעם גישמאק פון שוינהייט, אונ אויף זיי קוקענדיג זאגט דער ארימער אז זיין נשמה

*) עי' ח"ב מאמר „דיא פערדישע פאדקעווע".

נשמה איז אויך ניט קיין ראזיק, פויזעט ער אויך נאך אויף אלע פיר. היינט וויא ער האט גיבענצט יעקב'ן מיט רייכטהום, איז דאך יעקב אין גרוים גיפאהר, אז ער וועט גלייך חאפין דעם פאריזער זורנאל מיט דיא מאדע אונ וועט אראפ פון רעלצע אונ פערקריכען לאבדון.

דרום האט יצחק גיהיילט רופין יעקב'ן אונ אים גיבענצט „והיית לקהל עמים“, דוא זאלסט זיין א גרויסער נארד, אבער דוא זאלסט ניט זיין קיין נאכלאסיגער, אז דוא אליין קענסט קיין זורנאל ניט מאכין נור נאך גיין וויא אבלינדער, חאפין דעם פאריזער זורנאל, נור „ויתן לך את ברכת אברהם“ דוא זאלסט האבין דעם כח פון מיין פאטער אברהם, וואס ער איז ניט גיגאנגען וויא אבלינדער נאך נמרוד'ס זורנאל, וואס דיא גאנצע וועלט איז אים דאן נאך גיגאנגען וויא דיא בלינדע, נור ער האט ארוים גיטראטין וויא אהעלד אונ האט אוים גישניטין אנאיעם באן, אנאיעם זורנאל, ער האט ניט גיקוקט וואס אלע האבין גירעשט אויף איהם, ער האט זיך צו־ליב זיין אידיאל געלאזט ווארפין אין אור כשדים (אין א זודיגען קאלך אויבין), אונ איז ארוים כגבור מנצח.

נאכהער האט השי"ת איהם גיזאגט: נעם דיא מאדע, דיין זורנאל טראג ארום אין דער וועלט, אונ מאך ערקענען, וויא נאריש איז נמרוד'ס זורנאל, (וואס ער זאגט) אז דער כבוד פון מענשין ליגט נור אין ריצארסטווא (גבור ציד), אין תאוות הזמן, עסין אונ טרינקען (אונ אז מען טרינקט איינע צו די אנדערע זאגט מען נור „לאמיר זיין גיזונד“ אונ ארויין גיגאסין וויא דיא זוללים וסובאים). אין טעאטערין מיט מאסקעראדען. דער גאנצער כבוד ליגט אין דעם וואס דיא דאמע טראגט א שענערע באלאווע קלייד. דער כבוד ליגט אין חציפות, וואס איינער ווארפט איין אויג אויף דעם צווייטינס פרויא, אין דועלין פאר אנרירען דעם כבוד, מיט נאך אזעלכע דומהייט אונ שמוץ. לערין אונ ערקלער אלעמען אז „לא זו הדרך“. ניט דאס איז דיא אמת'ע וועג צוא דעם גליקליכען פערגעניגענדען לעבין, ניט דאס הייסט כבוד. דער אמת'ר כבוד פון מענשין בעשטייט אין חסד ורחמים, זיך אפפערין פארין צווייטין, בעהילפיג זיין אים אין צרכי הגוף אונ איבערהויפט אין עניני הנפש, עפענען אים דיא אויגין אין דעם וואס ער איז בלינד. אויף ווייזין אים אז עס איז פער־האנדין אבורא אויף דער וועלט, לערנען זיינע דרכים. אום צו מאכין גליקליך דעם מענשען ער זאל וויסען, צו וואסער ציעל ער איז גיבארין.

דאס איז דער בעדייטונג פון מיינע קורצע ווארטין „יעדער גביר איז אקליין פאריז“ מען דארף זיין אהעלד אליין ארוים געבין אזורנאל, וויא

אונזער

אונזער פאטער אברהם, אז דיין הויז זאל זיין פתוח לרוחה, יעדער זאל זיך אוים העלפין ביי דיר, סיי אין צרכי הגוף אונ סיי אין צרכי הנפש. דוא גרייט א פראכטיגען טיש פאר אורחים מיט דיא שענסטע צופוצונג, וואס עס קען געבין, זאגאר אז דער טיש אליין זאל זיין גאלד מיט אזא הערליכע צופוצונג וואס איז אויסנאהם אין דער וועלט, וואס פאריז אליין האט דאס ניט אונ צו זאמען מיט הנאת הגוף, וואס דוא וועסט מהנה זיין אלע בעדערפטיגע, זאלסטו מהנה זיין זייער נפש אויך, וויא אברהם אבינו האט גיטאן, ער האט גימאכט דער קענען אז עס איז פערהאנדען איין "אל עליון קונה שמים וארץ". פארין עסין זאל מען אוים רופין „לה' הארץ ומלואה", אז בעת עסין (אשר אין הסתה אלא באכילה ושתיה, ולפתח (לפתחי פיו) חטאת רובץ), זאל יעדער וויסין אז לבד וואס דיא שפייז איז „לחם מן הארץ" איז דאס אויך „לחם מן השמים" (משולחן גבוה קא זכו), אונ געבין א שבח והודאה דעם בעשעפער, פון דעם וועט זיין דער עסין „בקדושה ובטהרה משולחנו של מקום" ניט קיין זבחי מתים (לא המתים יהללו י'). אונ נאכין עסין אנשטאט דיא דאנקען וואס זיי ווילין דיר געבין, ערקלער זיי וויא אברהם אבינו (לאו מדידי קא אכליתו), אז ניט מיינע האט איהר גיגעסין, ניט איך בין דער ווירטה פון דיא הויז, ניט מיר קומט דער דאנק, איך בין דא נור איין אופראוולאיושצע, דער ווירטה זעלבסט איז גאר דער אל עליון, דער גרויסער אינזשינער „קונה שמים וארץ" וואס האט גיסטרויעט דעם הערליכען וועלט-פאלאץ, אים דארף מען דאנקען אונ לויבין*).

אז

*) שטעל זיך פאר, דיא אורחים וואס זיינען איינגישטאנען ביי אברהם אבינו, אונ ער האט זיי אויפגענומען מיט דעם גרעסטין כבוד (וויא דיא תורה בעשרייבט אין פ' וירא), גישאכטין פאר יעדערין א רינד, גימאכט אלע גיריכטען, אונ אליין זייא בעדינט זייער פריעמנע אונ פריינדליך, אז זיי האבין אים גיוואלט דאנקען, אונ ער ענטפערט זייא אז ניט איך בין דער ווירטה פון דיזע וואלטהעטיגע הויז, איך בין נור דער אופראוו-לאיושצע, אבער דער ווירטה איז גאר איין אנדערער, גיווים זיינען דיא געסט זייער נתפעל גיווארין, אונ האבין גיוואלט וויסין ווער דער אמת'ר ווירטה איז אונ אים זעהען, זיי האבין גיטראכט, מה דאך דער אופראוולאיושצע איז אזא אדיל, אזא חכם, אז עס איז א פערגעניגען מיט אים צו ריידין, היינט וויא איז שוין דער ווירטה אליין? וויא דער מדרש ערציילט אויף דיא מלכת שבא, בעת זיא איז גיקומען צו שלמה המלך ע"ה הערין זיין חכמה (מ"א י') איז איהר ארוים אנטקעגין במיהו בן יהוידע, וויא זיא האט מיט איהם עטוואס גירעט אונ בעמערקט זיין גרויס חכמה, האט זיא גימיינט אז דאס איז שלמה אליין. וויא ערשטוינט איז זיא גיווארין הערענדיג אז ער איז נור איינער פון קיזערליכען הויף, טראכט זיא ביי זיך, אז דיא שרים וואס שטייען פאר דעם מלך זיינען אזעלכע חכמים אונ אדיל-לייט, וויא איז שוין דער מלך אליין? דאס גלייכען האבען אברהם אבינו'ס אורחים בעקומען גרויס תשוקה צו וויסין, ווער דער ווירט פון דיזע ארעלע

אונ

אז דוא וועסט אזוי איין פירין, פערזיכער איך דיר אז דיין שטוב וועט גלייך גירעטעט ווערין, זייא וועלין אוועק ווארפין פאריזער מאדעס, אונ אין א קורצע צייט וועלין אלע איינוואהנער פון שטאט עפענען דיא אויגין, זעהן דעם ליכטיגען זורנאל פון אברהם אבינו, אונ עס וועט נתקיים ווערין אויף דיר „ונברכו בך כל משפחות האדמה“. איך וועל ניט לייקענען אז אין אנפאנג וועט דער שטן אן ווארפען א סך מכשולים אויף דיין וועג, אונ אנדערע טפשים וועלין מאכין פון דיר א פורים, דוא זאלסט אבער ביי זיך ניט פאלין, דוא זאלסט ניט וועלין זיין בעסער פון אונזער פאטער אברהם וואס האט אויך גיהאט גרויסע רדיפות אונ גיברענטע ליידין איידער ער האט גימאכט זיין זורנאל גאנג-באר*). בעמערק וויא עס שטייט „ואברכה מברכיך“ (בלשון רבים) ומקללך (בלשון יחיד), ווייל פון טאג צו טאג זיינען זיינע מברכים פערמערט גיווארין אונ דיא מקללים וויינציגער גיווארין, ביז אם ענדע „ונברכו בך כל משפחות האדמה“, אלע האבין ערקענט דעם אמת אונ אים גירופין „נשיא אלקים“ דער געטליכער פירסט, אזוי וועט זיין דיין ענדע.

איך בין אים גיפאלין צו דיא פיס אונ מיט דאנקבארע טרערין בעגאסין זיינע טריט, ווייל פון גרויס שמחה האב איך קיין ווערטער ניט גיהאט אין מיין מויל.

ער האט מיט זיין איידעלע האנט מיר אויף גיהויבין אונ נאך גירעט פריינדליכע טרייסט רייד וואס איז גיוועזן מתוקים מדבש, איבערהויפט האט ער מיר מזרז גיוועזן, וואס גיכער ארויס ברייננגען אל הפועל**), (כמה קטיגורים יעמדו מכאן ועד גיחון).

איך

אונ וואהלטהעטיגע הויז איז? אונ וויא זייא שטייען אזוי מיט אפענע הערצער אויס גיסין זייער דאנקבארקייט דעם אמת'ן ווירט, אין דעם מאמענט האט זייא אברהם אבינו ערקלערט מיט גרויס חכמה, אז דער אמת'ר ווירט איז דער א-ל עליון קונה שמים וארץ", קענען מיר פערשטיין וויא טיף זיינע קלוגע ווערטער זיינען אריין אין הערצין, אונ וואס פאר א איינדרוק דאס האט גימאכט אויף זייא, דאס ערציילט אונז דיא תורה „ויטע אשל בבאר שבע" אברהם האט פעראָרדינט א גאסט-הויז (חד אמר זה פונדק). מיט א לוסט-גארטין (וח"א זה פרדס, אלו ואלו דברי א"ח). אונ דורך דעם האט ער גיהאט אגוטע געלעגענהייט קומען צו זיין ציעל „ויקרא שם" ער האט דארטין פובליצירט אונ מפרסם גיוועזן אונ אלעמען גילערינט „בשם ה' אל עולם" אז עס איז דא אבורא עולם וואס ער איז דער אמת'ר ווירט פון אלע וואהלטהאט, מקור הטוב והחסד ועולם חסד יבנה.

*) עי' חלק א' (סוף ההקדמה) בהערה על מאחז"ל עד שבא אברהם אבינו וקבל (הקב"ה) שכר כולם, כל התוצאה שהוציא על הפאבריק ועל הרייזענדער ששלח לפרסם סחורתו בעולם ולא פעלו מאומה במשלחתם.

**) וילך אברם כאשר (תומ"י) דבר אליו ה', אח"כ (כאשר שרה והנפש אשר עשו בחרן מכרו

איך האב זיך גישיידעט פון אים מיט עהרענפורכט אונ פרייד, זיין עצה איז מיר גיוועזן „כאשר ישאל איש בדבר אלקים", איך האב פון פרייד ניט געקענט איין שלאפין איך האב שוין גיוואלט דער לעבין טאג, אן הויבין מיין ארבעט.

מארגין פריה האב איך גלייך גישיקט נאך אגרויסין מייסטער, ער זאל מיר מאכין אקונסטליכען טיש מיט שפראנזינעס, מען זאל אים קענען פונאנדער רוקען פאר וויפיל פערזאן מען פאדערט, אונ באדעקין איהם מיט גאלד וויא דער שולחן פון בית המקדש עס זאל זיין „זה השולחן אשר לפני ה'", מען זאל דורך דעם טיש צו ציהען פון דאס ניי אידעשע קינדער וועלכע זיינען גאנץ ווייט אוועק פון היילינע אידעשע גיפילין וואס אברהם אבינו האט ביי אונז פערפלאנצט, אונ דיא פינצטערע פערפלוכטע מאדע האט זייא אויס גיווארצעלט ביז צום גרונט, זאל דיזער גאטליכער טיש ווידער אפפרישען דיא אידישע בלומען, זיי זאלין אויס בליהען מיט זייער גלאנץ אונ פראכט, אונ זאלין מיט זייער ליבליכען גערוך ערמינטערען אונ בעלעבין אלע ערוויטערטע, אונ ברוך ה' מיינע טייערע קינדער מיינע פראכטיגע בלומען האבין אב גילעבט וויא אייערע אויגין זעהען, מיינע זיהן אונ טעכטער אדעלע אונ גאטס-פארכטיגע גוטהערציגע, גייען אויסגיצירט „מכף רגל ועד ראש" נאך אברהם אבינו'ס זורנאל, אונ פיל רייכע לייט האבין שוין אנער-קענט דיא ליכטיגקייט פון דיא וועג אונ האבין אויך פערהאסט דעם פאריזער זורנאל, קענען שוין אויף זייער שפורען ניט קוקען. זייערע טעכטער גייען איינפאך געקליידעט אן מאדעס אונ אן צרות, ווען זיי קומען צו זאמען אויף א שמחה זיינען דאמען בעזונדער אונ הערין בעזונדער (ניט קיין כלאי-בהמה), ווען מען בעגעגינט זיך הערין מיט דאמען, גירישט מען זיך מיט „הקול קול יעקב" (ווייל דער ווארט איז היילינ אונ ערינסט, ניט אחד בפה ואחד בלב), מען ברויכט ניט צו געבין איינע דיא אנדערע „ידים ידי עשו", ווען דאמען קומען צוזאמען רעט מען ניט וועגין טעאטער, צירקען, מאסקאראדען, קלובין, בעדער, מאדעס, צרות, נור וויא ערציהעט מען קינדער אין אידעשין וועג, מיט גוטע זיטין, עס זאל זיין שיין פאר גאט אונ פאר לייטין, אונ זוכען מיטלען צו העלפין ארימע אונ-גליקליכע, אויף שטעלין זיי, זיי זאלין אויך קענען זייערע קינדער מאכין פאר מענשין. ווען מאנסלייט קומען צו זאמען ווערט ניט גירעט וועגין פוסטע נייעס, פעלעטאנען, לצנות, נור וויכטיגע רייד וועגין תורה וחכמה, (ואדברה בעדותיך

מכרו את כלי הבית שלהם והכינו את עצמם לדרך רחוקה כזו ותגיעו למקום שחכה אברם עליהם) ויקח אברם את שרי אשתו כו' (העמק דבר לרבנו נצי"ב מוולאזין).

בעדותיך כי׳ מה אהבתי תורתיך כל היום היא שיחתי), דאס איז דיא טייערע פרוכט פון דיזען הייליגען טיש, אונ דאס איז מיין ביאגראפיע.

ווארום האט איר דיא קיטלאך אויך ניט גימאכט פון גאלד? (פרעגט ר׳ חייא), אונ וואס איז דער רעכענונג פון 16 מאן? (עי׳ מהרש״א בח״א, שהעיר בזה).

איך האב דאס גימאכט אבזיכטליך (מיט כוונה, ענטפערט ער), אמאל איז מיר פארגיקומען צו הערין וויא איינער זאגט צום צווייטין, איך גיב דיר 10 רו״כ, אונ גיי אנריידין לשון הרע אויף יענעם אונ יענעם.

לשון הרע וועל איך גיין ריידין?! (רופט זיך יענער אב צו קאכט), לשון הרע (בעליידיגען דעם צווייטין) איז אזא גוואלדיגע עבירה, וואס זיא איז שקול וויא אלע עבירות צו זאמען (כל המספר לשון הרע מגדיל עונות עד לשמים, ערכין טו:), ווען איר וועט מיר אפילו געבין 100 רו״כ וועל איך אויך ניט גיין ריידין לשון הרע. איך האב גיהאט גרויס התפעלות פון דעם אנטוואורט.

אין איינינע טעג ארום, טרעף איך אן דעם זעלבין מענשין אין אגיזעל-שאפט, וויא ער זיצט אונ בעליידיגט איינינע מענשין. איך רוף אים אב אן אזייט, אונ פרעג איהם וואס איז מיט איך? ניט לאנג האב איך גיזעהן אז פאר 10 רו״כ האט איר ניט גיוואלט ריידען קיין לשון הרע אונ היינט בערעט איר פיל מענשין אן איין קאפיקע?

וויגאזוי, וויגאזוי (ענטפערט ער), פאריגען מאל אז עס האט גיהאלטין ביי אציפער, (ער האט מיר גיבאטין 10 רו״כ) האב איך ביי זיך אוים גירעכינט, פאר 10 רו״כ זאל איך ריידין לשון הרע?! וואס דיא עבירה איז אזו גרוים, וואס עס איז גאר ניט אוים צו צאלין זיך פאר איהר, אבער היינט אז עס האט ניט גיהאלטין ביי קיין ציפער, אט רעט זיך אן אבערעכענונג.

אה! (זאג איך), וואס פאר אטייערע זאך מאטהעמאטיק (חכמת החשבון) איז, וויא דיא וועלט זאגט: „אז מען לעבט אן אחשבון שטארבט מען אן אצייט“. אונזערע הייליגע תנאים לערנען אונז (אבות פ״ב), „והוי מחשב הפסד מצוה כנגד שכרה ושכר עבירה כנגד הפסדה“, וואס דוא ווילסט טאן רעכין איבער פריער, דוא ווילסט גיין פערדינען 10 רו״כ רעכען אוים פילייכט פערבייא-גייענדיג וועסטו פערלירען דא 100 רו״כ אונ פילייכט מערער, אונ אונזערע חכמי התלמוד האבין אויך גיזאגט (ב״ב עח) „על כן יאמרו המושלים בואו חשבון, חשבונו של עולם“ (דעם וועלט רעכענונג) „הפסד מצוה כנגד שכרה כו׳“, אט ביי דיזין פאקט. בעת ער האט גילעבט מיט חשבון האט ער בעצייטיגט רווח 10 רו״כ נור ניט ריידין לשון הרע, אונ ווען ער האט אבער ניט גירעכינט האט ער גירעט פיל לשון הרע אן איין קאפייקע. אונ אזוי איז אין אלע זאכין.

א צווייטע זאך האב איך גילערינט פון דעם צופאל, וויא טייער איז אגוטער חבר, ווען איך וואלט אים ניט בעמערקין, וואלט רעכט גיוועזן צו זיצין נאך א שעה אונ ריידין לשון הרע, אונ אז איך האב אים דער מאנט האט ער בעמערקט זיין אירטהום אונ האט זיך צוריק גיצויגין פון דעם. ווען אמענש זאל האבין אגוטין חבר, וואס זאל אים אנמערקען אלע זיינע פעלערין, וויא גליקליך וואלט ער גיוועזן, וויא מען דער ציילט אויף אגרויסין גאון, ער האט גיהאלטין עקסטרע אתלמיד חכם ביי זיך, אונ אים גיצאלט שכירות, וואס זאל זיין זיין ארבייט? ווען ער וועט זעהען אויף אים אפעלער, סיי קעגין דיא תורה אונ סיי קעגין יושר, זאל ער אים אן מערקען, נוא ווער איז אים-שטאנד צו האלטין אשכירות מענשין אויף דעם? אונ ווער האט אזא הויבין גיפיל צוא האלטין עס פאר נייטיג? אלזא מאכינדיג יעצט דעם גאלדענעם טיש איז מיר איינגיפאלען אגידאנקען. צו-געבין אזאך וואס וועט זיין אויף דיא שטעלע פון אגוטין חבר, דער מאנען אונז אגוט ווארט וואס דער חכם מכל אדם בעמערקט עס (קהלת ט) „וזכור את בוראיך בימי בחורותיך" אמענש זאל גידיינקען דעם בעשעפער אין דיא יונגע (דיא בעסטע) יאהרין, „עד אשר לא יבואו ימי הרעה" איידער עס קומען דיא עלטערע (דיא שוואכע) יאהרין, וואס דאן קען מען ווייניג גוטעס אויף טאן, דאן זיינען שוין ניט דיא קרעפטין, זאגט ער דארטין ווייטער „עד אשר לא תחשך השמש והאור", זעהע צו זיין אמענש אונ גיין אין גאטעס וועג, בעת דוא ביסט נאך יונג אונ דיין צורקעלע לייכט, איידער דוא וועסט ווערין אלט, אונ דער גלאנץ וועט אראפ גיין אונ צו קנייצט ווערין, ד. ה. דוא יונגער מאן! דוא פריילין! שטאלציר ניט מיט דיין שיינע צורקעלע מיין ניט אז מלאכים טאנצין מיט דיר, זיי וויסין אז ניט לאנג דויערט דאס, עס לויפט אריבער וויא א בליץ, אונ עס קומט אן דיא אלטע דיא שוואכע יאהרין, וואס דיא פעלכעלע פון צורקעלע ווערט טרוקין אונ צו קנייצט, נאכהער זאגט ער „עד אשר לא ירתק חבל הכסף" איידער עס וועט צו דרייט ווערין (וויא א קייטעלע) דער זילבערנער שנירעלע, דאס איז דער „חוט השדרה" וואס אין דער יוגינט איז ער סטרוניסטע אונ שטאלץ אונ אויף דער עלטער ווערט ער טרוקין אונ צו דרייט, דער מענש ווערט איינגידרייט אין דרייען וויא איינער זוכט עפעס, דאכט זיך ער האט גאר ניט פערלארין, טוא וואס זוכט ער? נור ער זוכט דעם ליבליכען בלומען-קראנץ, דאס איז דער יוגינד (ינקותא כלילא דורדא, שבת קנ"ב), איז ווייל דער חכם מכל אדם רופט דעם חוט השדרה „חבל הכסף" (דער ווייסער זילבערנער שנור), דרום האב איך גימאכט דיא קייטלאך ווייסע זילבערנע, זייא זאלין אונז דער מאנען שטענדיג אונ

איבערהויפט

איבערהויפט בעת עסין, וואס דאן איז דער מענש עלול צו פערגעסין אן זיין תכלית (פון ותאכל ושבעת ורם לבבך ושכחת את ה׳א), זאל דיא ווייסע זילבערנע קיטלאך זיין אויף דיא שטעלע פון א חבר טוב, אונז דער מאנען דעם מוסר השכל פון קהלת „וזכור את בוראיך בימי בחורותיך, עד אשר לא ירתק חבל הכסף“, מיר זאלין צו לייגין דיא הארץ צו אונזערע מעשים, טאן אלעס מיט איין אדעלין גיפיהל, וויא דער הרחמן צום ברית מילה „ויהיו ידיו ולבו לא־ל אמונה“. אונזערע מעשים (המכונה בשם „ידים“) זאל גיטאן ווערין מיט אידעלע גיפיהלין (המכונה בשם „לב“). אונזערע האנד־ווערק, אונזערע גישעפטין, אונזערע עסין אונ טרינקען אונ אלע אונזערע טהאטין זאל זיין צו איין תכלית „לא־ל אמונה“ טאן א נחת רוח דעם בורא עולם, זיין טרייע דינער צום וועלט־בעשעפער (מלכותא דרקיע), אונ צום קעניג פון לאנד (מלכותא דארעא). דרום האב איך גימאכט אז 16 מענשין זאלין טראגין דעם טיש, עס זאל זיין 32 הענד (יעדער טראגט מיט ביידע הענד) כמנין לב, דאס איז א רמז אז דיא „ידים“ זאלין מיט שטימען מיטין „לב“, יעדער זאך וואס דיא הענד טוען (אונ דאס גלייכען אלע כלי המעשה: דיא טריט, דיא אויגין, דיא פיס) זאל זיין מיט דעם אידעלען גיפיהל פון הערצין.

ר׳ חייא איז ענטציקט גיווארין פון דיא פראכטיגע היסטאריע, ער האט זיך גישטעלט אונ אויף גיהויבין דיא הענד צום הימיל אונ זאגט „ברוך המקום שזיכך לכך“, גילויבט איז השי״ת וואס האט דיך מזכה גיוועזן צו אזא רייכקייט, אונ האט דיר צו גישיקט איין מלאך מושיע, פירין דיך בדרך ה׳, „יהי רצון שכל נטיעות שינטעו ממך יהיו כמותך“, עס זאל נתקיים ווערין „תערוך לפני שולחן נגד צוררי, ואך טוב וחסד כו׳ לאורך ימים“.

זעהט איהר, מיינע ליבע קינדער, וואס א ליכטיגער שטאט איז! (ענדיגט ר׳ מרדכי).

שלמה אונ רחל׳ע זיינען ארויף גיפאלין דעם פאטער אויפין האלדז איהם קושין, אונ פון גרויס שמחה האבין זיי אוים גישריען: גליקליך זיינען מיר וואס מיר שטאמען פון אזעלכע עלטערין „אברהם יצחק ויעקב“ וואס זיי האבין ארויס גיגעבין א נייעם זורנאל! מאמינקע, זאלסט איבער גייען אלע אונזערע גארניטערלאך נאך אברהם אבינו׳ס זורנאל.

יעדער גיפיהל־פאלער מענש קען פערשטיין, וואס פאר א שמחה עס איז גיוועזן דארטין יענעם פרייטיג צו נאכט, אונ מיט וואסערע היילינע גיפילין מען האט גיבענשט, עס האט זיך אוועק גיצויגען ביז נאך האלבע נאכט.

פאטער (זאגט שלמה), דוא האסט דאך מיר פערשפראכין אן צו הייבין

היינט

היינט הלכות שבת, עס איז אפילו שפעט, דוא דארפסט שוין גיין רוהען נור אום צו ערפילין דיין צו זאג, לערין מיט מיר לפחות 5 מינוט.

ר' מרדכי האט אזוי גיטאן, אונ האט גימאכט אין א גוטע שעה אהתחלה, אונ מיט דעם איז גיענדיגט דער ליכטיגער פרייטיג צו נאכט.

דער ניינטער בריעף.

ליבער אונ זיסער פאטער! דיין זיסין פריינדליכען גירוס דורך ה'... האב איך ריכטיג ערהאלטין, יעדעס ווארט האט וויא הימלישע מוזיק אין מיינע אויערין געקלונגען, אז עס האט ערקוויקט מיין זעעלע, איבערהויפט וואס דוא ביסט ענציקט פון דיא ליבינקע קינדערלאך שלמה אונ רחל'ע, אלזא שרייב איך דיר יעצט נאך א גישיכטע פון שלמה'לען, וואס האט פאסירט שבת בראשית, וויא וויים זיין לערנען איז מיט חשק אונ אריינליי̈ג, ער איז אתלמיד „המחכים את רבו" ער מאכט אויפמערקזאם זיין רבי מיט זיינע קלוגע פראגין, ער (דער רבי) זאל זיך מעמיק זיין אין דיא טיפע ווערטער פון אונזער היילינע תורה, שעפין פון זיי בריליאנטין. דיזע גישיכטע זאל זיין א מוסר השכל פאר קינדער זיין גלייכין, זיי זאלין לערנען פלייסיג אונ זיך מתבונן זיין אויף דיא אדעלע ערהאבענע גידאנקען פון אונזער ליכטיגע תורה (וויא דיא קלוגע אונ פרומע רביים וועלין זיי ערקלערין), וואס זיא ערקוויקט דיא זעעלע, אונ גיט גראס-מוטה אונ הערצענס-פריידע, צו דיזע וועלכע לערנען איהר מיט חשק.

וואס ביסטו אזוי אונמוטהיג מיין ליבער זאהן? (פרעגט ר' מרדכי), ווייסטו דען ניט, אז היינט איז שבת בראשית? אונ שבת בראשית איז א פרייליכער טאג, דוא שיינסט מיר עפעס וויא פאר קלעמט אונ פאר דאגה'ט, האסטו דען עפעס וואס צו זארגין? זאג מיר מיין קינד, שטער זיך ניט.

ניין, ליבער פאטער (ענטפערט שלמה), איך האבע קיינע זארג, איך בין נור פאר קלערט אין דיזען ענין וואס איך האב יעצט גיזעהען: רש"י בריינגט (פון מדרש) אויף דעם פסוק „תדשא הארץ כו' עץ פרי, ותוצא הארץ כו' ועץ עושה פרי", השי"ת האט בעפוילין דיא ערד, זיא זאל ארוים געבין „עץ פרי" בוימער פון פרוכט, ד. ה. דער בוים זאל האבין אין זיך דעם טעם פון דיא פרי, אונ דיא ערד האט ניט אזוי גיטאהן נור זיא האט ארוים גיגעבין „עץ עושה פרי" בוימער וואס וואקסין פרוכט, אבער דער בוים אליין האט

ניט

ניט דעם טעם פון דיא פרוכט, בין איך זייער פערוואונדערט אויף דעם, וויא איז דאס מעגליך, אז דיא ערד האט גיענדערט דעם בעפעהל פון השי"ת, איז דען דיא ערד א בעל בחירה, זיא זאל קענען טאהן וויא זיא וויל? דאכט זיך דער רבי האט מיר גילערינט, אז דיא בחירה איז גיגעבין נור דעם מענשין, ער קען זיך אויס קלייבין דיא וועג פון לעבין, צו פאלגין וואס השי"ת הייסט, אדער חלילה דיא וועג פון טויט, נאך גיין נאך דעם וואס זיין בייזע הערץ גילוסט, אבער ביי דיא גאנצע נאטור, שטייט „ויעמידם לעד לעולם, חק נתן ולא יעביר", ד. ה. השי"ת האט זיי בעשטימט אגיזעץ (איין טבע), אזוי זאלין זיי זיין, זינט דיא וועלט וועט שטיין, און זיי קענען ניט איבער טרעטין, דיא זאהנע מוז אויף גיין אלע טאג אין איהר צייט, ניט פערשפעטיגען א מינוט. דיא ערד מוז ארויס געבין וואס מען זייט אין איהר, אויב ווייץ איז ווייץ, אויב גערשטין איז גערשטין, הייגט וויא פאסט דאס צו זאגין. אז השי"ת האט בעפוילען, אין ששת ימי בראשית, דיא ערד זאל ארויס געבין פרוכט-בוימער, אז דער בוים זאל האבין דעם גישמאק פון דיא פרי, האט זיא ניט גיפאלגט און האט גיטאן וואס זיא וויל? און וואס גראדע אין דער זאך האט זיא משנה גיוועזן, און ביי דיא גאנצע בריאה שטייט אלעס „ויהי כן" אלעס איז גיווארין וויא השי"ת האט בעפאהלין, און אין דעם פערדעמעט גופא גיפינען מיר אויך וואס זיא האט גיפאלגט, סוכות האבין מיר גילייענט „פרי עץ הדר" מאכט רש"י וואס דער בוים האט אין זיך דעם טעם פון דער פרי, האט זיא דאך עפעס יא גיפאלגט. אלזא ליבער פאטער בין איך אין דעם שטארק פאר קלערט, וואס איז דאס פאר ווערטער? וויא דוא האסט מיר גילערינט אז רש"י איז גיוועזן א גרויסער מאן און א גרויסער קענער, וויא אזוי שרייבט ער א זאך וואס נעמט גאר ניט דער גלייכער פערשטאנד?

זייער גוט און פראקטיש האסטו גיפרעגט מיין ליבער זאהן, דיזע פראגע ברעכט מאקע דעם מוח, איך וואונדער מיך אויף זיך אליין, וואס פיל מאל האב איך גילערינט דיא רש"י און דעם מדרש און מיר איז ניט איין גיפאלין צו פרעגין אזא וויכטיגע פראגע, גיבענצט זאלסטו זיין מיין ליבער זאהן, דאס איז אבעווייז, אז דוא בעטראכסט יעדער זאך מיט א קאפ, און אזוי דארף צו זיין, איך בין ניט אים-שטאנד צו געבין דיר אנטווארט אויף אזא גרויסע פראגע.

ווייסטו וואס פאטער, וויא עס איז הייגט ביי אונז אין שטאט דא אזא גרויסארטיגער גאסט, דער קעניגסבערגער רב, ער איז בערימט אין

דער

דער וועלט פאר א גרויסין גאון א חכם, ער וועט מארגין איה דאוונען אין שול אונ וועט געוויס האלטין א רעדע, זאלין מיר דאס ביי איהם פרעגין, געוויס וועט ער אונז דאס זייער גוט ערקלערין.

גאנץ פריה איז שלמה'לע אויף גישטאנען, אונ האט גיבעטין די מוטער זיא זאל אויף וועקין דעם פאטער, מען זאל גיין וואס גיכער אין שול, פיליכט וועט ער נאך קענען פארין דאוונען פרעגין דעם רב וועגין דעם. צו זיין גרויסין גליק זיינען זיי גיקומען א האלבע שטונד פארין דאוונען, אונ באלד איז גיקומען דער רב. די שול איז גיוועזן גיפאקט, יעדער האט גיגארט צו זעהען דעם גרויסען גירימטען רב. שלמה'לע איז מיט גרויס עהרען-פורכט צו גיגאנגען מיט זיין חומש'יל ניט ווייט פון רב, אבער א גרויסער פחד איז אויף איהם גיפאלין, פון די ליכטיגע גישטאלט פון דעם געטליכין רב, אונ איז גיבליבין שטיין וויא פאר שטיינערט, אונ ניט אטוואזעט זיך צו גיין צום רב. לערך 10 מינוט איז ער גישטאנען אונ האט צו גיטראטין נעהענטער אונ נעהענטער אונ צוריק אב גישפרונגען. דער רב איז גיוועזן פערטיפט אין א רמב"ם, נור וויא עס ווייזט אויס האט ער בעמערקט וויא דער קינד שטייט מיטין חומש'יל אין האנד אונ וויל עפעס פרעגין, נור ער שמייעט ניט.

וואס פערלאנגסטו מיין קינד, ווילסט עפעס פרעגין? (זאגט דער רב מיט א פריינדליכע מינע), קום צו נאהינט אונ פרעג.

אלע זיינען פערוואונדערט גיווארין פון די אדילקייט אונ פראסטקייט פון דעם איידעלין רב.

שלמה'לע האט זיך גיפאסט מוטה אונ איז מיט גרויס פחד צו גיגאנגען מיט זיין חומש'יל אונ האט גיפרעגט זיין פראגע ביים רב.

דוא ביסט זייער גירעכט מיין קינד, דוא פרעגסט גוט, נאכין דאוונען וועל איך דיר געבין אנטווארט, וועסטו וויסין וועלכע איידעלע גידאנקען אונזערע חכמים האבין אונז בעמערקט.

פאר קריאת התורה האט מען מכבד גיוועזן דעם רב זאגין א רעדע. דער רב איז ארויף צום ארון הקודש אונ האט גירעט אייניגע ווארימע אונ קלוגע רייד מעניינא דיומא פון התחלת התורה, אין מיטין די רייד האט ער זיך אויס גידריקט, אז ער האט גרויס פערגעניגען אז דא גיפינען זיך יונגע קינדער וואס פרעגין מיט אזא פערשטאנד שכל'דיגע פראגין, אונ זיינען גערין מען זאל זיי ערקלערין די טיפקייט פון דער תורה, דאס פרייט איהם זייער, ווייל עס איז פערהאנדין אין געגענטהייל אין יונגען דור

אײניגע מענשן, װעלכע װיא נור זײא קענען עפּעס שרײבן העברײאיש, פאר לירט בײ זײ דיא תורה איהר גלאנץ, דורך זײער שװאכן פערשטאנד, װײל אין דער תורה געפינט זיך פיל ענינים װאס זײנען ניט אפּ געשריבן גלאט, אײניגע װערטער איבעריגע אונ אײניגע פעלין, אונ דער געדאנקען איז ניט אזוי יאסנע, װען זײ װאלטן אפּ שרײבן א געדאנקען (זאגן זײ), װאלט דאס געװען העכסט יאסנע, ניט א װארט איבעריג אונ ניט א װארט פעליג. זײער קטנות המוחין פערבלענדעט זײ, אונ זײ מײנען דאס זײ זײנען שוין גרעסערע שרײבער װיא משה רבינו אונ השי"ת, װײל משה רבינו האט דאך געשריבן װיא השי"ת האט איהם געדיקטעװעט. האט דער רב בעװיזן זײער אונװיסענהײט מיט א קורצן משל (דעם משל מיט דיא ניט גלאטע אביצעס אין קײזער־ליכען קאבינעט האבין מיר געשריבן אין פערטען טײל).

דעם סעקרעט (װאו דער קעניג האט בעהאלטן זײן אוצר, װיא אין משל איז), האבין אונזערע בעלי המדרש געװאוסט, אונ אז זײ האבין בעמערקט אז דא איז עפּעס דער לשון ניט גלאט, ד. ה. אין ציװוי שטײט „עץ פרי" אונ נאכהער װיא דיא ערד האט איספּאלנאיעט, שטײט „עץ עושה פרי", האבין זײא אונז אשײל געטאן דיא אביצע אונ ענטדעקט דעם ברילאנט. יעצט מײנע טײערע װעל איך אײך ערקלערין װאס דאס איז פאר א ברילאנט װעלכן דיא רז"ל האבין אונז ארױס גענומען פון אונטער דעם בערגעלע (שנוי הלשון).

דאס איז ידוע אז דיא בעשרײבונג פון מעשה בראשית, לבד װאס דארטן איז מרומז גאנץ חכמת הטבע (נאטור געשיכטע) פון אלע צמחים אונ בעלי חיים אונ „מערכת השמים" (אסטראנאמיע), אונ דער סוד פון דיא הנהגה װיא השי"ת פירט דיא װעלט אין יעדער דור, װאס דאס װערט נתגלה נור ליחידים בדור, ליגט נאך מרומז אין דיא פשטיות א גרױסע לעהרע פאר דעם מענשן צו װיסן דעם רצון הבורא ב"ה, װיא דער מענש זאל זיך אויף פיהרען, ער זאל מאכין גוטע פארשריטע צו זײן עװיגען גליק, װיא דער תנא לערינט אונז (אבות פ"ה) „בעשרה מאמרות כו' וליתן שכר טוב לצדיקים כו'" (ע"ש בײן לבנון).

דער נביא (ישעיה כ"ט) זאגט „ויאמר ה' יען כי נגש העם כו'", השי"ת זאגט צו ישעיה הנביא בעטראכט מײן פאלק, דאכט זיך מיטן מויל זײנען זײ גאנץ פײן, זײ דאװנען, זײ טראגין ציצית, זײ װאשין זיך צום עסין אונ מאכין א ברכה, אבער דיא הארץ איז װײט פון מיר (ולהכי תקנו לומר בשחר ומודה על האמת ודובר „אמת בלבבו"), אונ איז פול מיט אהבת העולם, אונ אלע זײנע מעשים איז נור „מצות אנשים מלומדה", ער טוט נאך װיא אײן אבעזיאנע

װיא

וויא זיין טאטע האט גיטאן, אבער אן א גידאנקען, עס איז רעכט איבער א רובל אדער א קווינט כבוד צו פערקויפין דעם גאנצין „כבוד התורה וכבוד שמים", אונ אויף דעם האט גיגרימט דער צארין פון השי"ת אונ האט גישווארין מיט זיין היילינגען נאמען צו פערלירין דיא חכמה פון דיא חכמים כו', זעהען מיר ארויס פון דעם אז דער רצון השי"ת איז אז דער מענש זאל נעמען ווניממאניע אויף דיא מצוה ווען ער טוט, ער דאווינט, ער מאכט א ברכה, ער וואשט זיך צום עסין, ער טראגט ציצית ותפילין, ער איז קובע א מזוזה, זאל ער בעטראכטין וואס ער טוט, וועט דאס איהם אויס איידלען זיינע גיפילין, אונ זיין הערץ וועט ווערין דבוק מיט גרויס אהבה צו השי"ת, אונ דאס וועט מאכין אויף איהם אזא ווירקונג, אז בעת ער וועט האנדלען אדער ער וועט ריידין מיט א מענשין, וועט אויף איהם זיין צו דער-קענען איידילקייט אונ ארינטליכקייט, מיט דעם שעצין יעדער מענשין, חס האבין אויף זיין כבוד אונ אויף זיין געלט. מען קען זאגין אז כמעט אין דער טאצקע (פונקט) בעשטייט דער גאנצער מענש, עס גיט 2 מענשין דאווענען גלייך אונ טראגין ציצית ותפילין אונ וואשין זיך צום עסין אונ מאכין א ברכה, דאכט זיך ביידע גלייך אונ באמת זיינען זיי ווייט איינער פון צווייטין „כרחוק מזרח ממערב", וויא באלד אין דעם פונקט זיינען זיי גיט גלייך. דאס איז דיא תורה מרמז, דער מענש ווערט גירופין א בוים (כי האדם עץ השדה), אונ דיא מצות וואס ער טוט רופט זיך פירות (כי פרי מעלליהם יאכלו), השי"ת האט בעפוילין אז דיא ערד זאל ארויס געבין א בוים פון פרוכט, אז דער טעם פון דיא פרוכט זאל זיין אין בוים, דאס הייסט אזא מענש וואס דער גישמאק פון זיינע פרוכט (דיא אדעלע גידאנקען פון זיינע מצות ומעשים טובים) זאל איהם אריין גיין אין הערצין, וועט ער זיין וויא דער בורא פערלאנגט, היינט ווען דיא ערד וואלט דאס איספאלנאיעט וואלטין דאך אלע מענשין גיוועזן גוט אונ פרום, וואלט דאך בטל זיין דיא בחירה. צוריק ווען ברצון הבורא וואלט דיא ערד אין גאנצין גיט איספאלנאיעט, וואלט דאך גיט גיפונען זיך קיין „שלם בתכלית השלמות" וויא השי"ת פערלאנגט, דרום האט דיא ערד ארויס גיגעבין (מיט דעם רצון הבורא) א מעוט „פרי עץ הדר" אנטיקען וואס זיינען ממלא דיא כוונה עליונה, אז דער זאפט פון דיא פרי זאל אריין גיין אין בוים, ד. ה. דער איידעלער גיפיהל פון דיא מצוה זאל אריין אין הערץ, איהר אויס צו איידלען. אונ אגרויסער טייל האט זיא גיט איספאלנאיעט, צו ווייזין דיא סבה וואס פיל מענשין טוען נור וויא אבעזיאנעס, ווייל דער מענש איז „עפר מן האדמה", איז דיא חומריות שטערט אים מקבל צו זיין אין

הערצין

הערצין דעם גוטין גישמאק פון זיינע פירות (ד. ה. דיא מצות וואס ער טוט), איז ער נור א בוים וואס וואקסט אויף איהם פירות, ער טוט מצות, ער טראגט ציצית ותפילין, ער וואשט זיך צום עסין אונ מאכט א ברכה, אבער דער בוים האט אין זיך ניט דעם טעם פון דיא פירות, ד. ה. דיא הארץ איז פוסט, אונ זיין גישמאק ליגט נור אין וועלטליכע נארישקייט. דרום דארף דער מענש אן-ווענדין אלע מעגליכקייט לערנען זיך צו זיין „פרי עץ הדר לפני קונו" עס זאל זיין „טעם עצו ופריו שוה", דאס איז בכלל דער גידאנקען, אונ אז השי"ת וועט אונז שיינקען גיזונד וועלין מיר ביי טאג פונ-אנדער ריידין דייטליך איניגע ביישפילין, וועט אונז ליכטיג ווערין אלע גיפיהלין אונ מיר וועלין זעהען „כמה גדולים דברי חז"ל".

נאכין דאווענען האבין איהם דיא ראשי העדה בעגלייט צו הויז אונ שלמה'לע האט זיך פשוט ניט גיוואלט שיידין פון דיזין גרויסין מאן, ער האט גיבעטין דעם פאטער, ער זאל מיט איהם אויך מיט גיין בעגלייטין איהם צוא הויז.

גלייך נאכין עסין האט שוין אונזער שלמה'לע ניט גירוט, ער איז גלייך גילאפין אין שול, אום צו פערכאפין א פלאץ נאהינט לעבין ארון הקדש, ער זאל קענען גוט הארכין יעדעס ווארט וואס דער רב וועט זאגין. מען קען זעלבסט פערשטיין וואס פאר א איינגעשאפט עס איז גיוועהן אין שול, דער רב האט אן גיהויבין צו זאגין 2 דעם זייגער אונ ערך 1½ שעה האט ער גיזאגט אונ גיענדיגט, ווייל שבת בראשית איז דער טאג קליין. ער האט גיזאגט זייער טיפע ענינים, ער האט אויפגעוויזען אזוי וויא דיא בריאה איז וואונדערליך, אזוי וואונדערליך איז זיין השגחה, אונ אום צו פערשטיין איהר, מוז מען האבין זייער א גוטע בעמערקונג, ווייל היינט איז דיא השגחה פערקליידעט „בשמלת הטבע" (אין א שטאט-קלייד), אונ האט גיגעבין אויף דעם א שיינעם הסבר, א מלך אז ער פארט דורך זיין מדינה, בעת שלום פארט ער אין א אפענע קארעטע אן גיטאן פאלנע פארמע, דעמאלסט-מאל, דער קענט אפילו א פראסטער בויער אז דאס איז דער קייזער, אונ עס פאלט זיין עהרענפורכט אויף אלעמען, ווען אבער דיא צייט איז אונרוהיג פארט ער דורך, אן גיצויגין פון אויבין מיט א שטאט-קלייד, דא ערקענען איהם נור זיינע מקורבים וואס ווייסין איהם פערזאנליך, אבער איינפאכע מענשין קענען איהם ניט ערקענען, דאס גלייכין פערצייטין בעת דער הימיל איז גיוועהן אפין מען האט גיזעהן גאטהייט, „יציאת מצרים, קריעת ים סוף" האבין אלע איהם ערקענט, אפילו א שפחה על הים האט גיזאגט „זה
אלי

א־לי ואנוהו" אט איז גאט! וויא מען זאגט „דער קייזער פארט" ! אבער היינט אז דער הימיל איז צו גימאכט „אותותינו לא ראינו אין עוד נביא ולא אתנו יודע עד מה, ואנכי הסתר אסתיר פני כו'", איז דיא השגחה עליונה פער־קליידעט מיט א שטאט־קלייד (בשמלת הטבע) דארף מען האבין א איידעלע בעמערקונג ווען מען אין יעדער מינדעסטע זאך ערקענען השגחה נפלאה, אונ אויך איז דיא השגחה אויף יעדער מענש וועדליג זיין התקרבות צוא דעם בורא ב"ה. דער מענש וואס זיינע גידאנקען איז שטענדיג דבוק צוא השי"ת איז אויף איהם דיא השגחה אויך דבוק, אונ איז איהם מציל פון אלע „פגעי הזמן ומקרי התבל" (אני לדודי ודודי לי), אונ וויא ווייט דער מענש ער־ווייטערט זיין גידאנקען פון השי"ת, ערווייטערט השי"ת זיין השגחה פון איהם, אונ ער ווערט אוועק גילאזין לפגעי הזמן (צו דיא אונגליקען פון דער צייט), אונ אום וואס מעהר מקרב צו זיין דעם רעיון פון מענשין צוא השי"ת אונ צוא דער תורה, האט השי"ת אונז פערהייליגט מיט זיינע מצות אויף יעדער טריט, זיי זאלין זיין דיא גוטע שלוחים פערהיטען אונזער טריט פון דיא פגעי הזמן (כמ"ש כי מלאכיו יצוה לך לשמרך בכל דרכיך, חונה מלאך ה' סביב ליראיו ויחלצם). אונ האט ערקלערט וויא יעדער מצוה פערהייליגט דעם מענשין אונ היט איהם אב פון בייזע טהאטין, וואס דער מענש איז עלול דורך צו פאלין אונ אוים גליטשין זיך אויף דיא גליטשיגע וועלט, וויא דוד המלך זאגט „נר לרגלי דבריך", דיינע רייד ד. ה. דיינע מצות, זיינען וויא א ליכט צו מיין טריט (איך זאל ניט אריין קריכין אין א גרוב, אין דיא פינצטערע וועלט). אונ ניט אזוי דיא מצות דאורייתא אפילו מצות דרבנן, וויא נטילת ידים צום עסין, האבין אין זיך אויך הויכע גידאנקען וואס זיי פערהייליגען דעם מענשין אונ רעטין איהם פון אלע שמוץ וואס דער מענש איז אפאסנע אריין צו פאלין אין דעם, דורך זיין געלט־גייץ אונ אנדערע תאוות הזמן. ער האט דאס אזוי ראיעל פונאנדער גירעט אז עס איז פשוט גיווען אחיות צו הערין, אונ דער עולם איז גיווען העכסט אין צער, וואס ער האט אזוי גיך גיענדיגט ריידין.

שלמה'לע איז גיוועזן זייער פערטיפט אין הערין אונ האט גאר ניט גישפירט אז מען האט איהם שיעור ניט צוקוועטשט פון איינגשאפט, ער איז גיקומען אהיים מלא שמחה, עס זיינען צו זאמען גיקומען צוא זייא פיל אנשטענדיגע מענשין, ווייל ר' מרדכי איז גיוועזן חתן בראשית, איז דער שטייגער אז שבת בראשית מאכט דער חתן בראשית א שלש סעודות, צוא פרייען זיך מיט התחלת התורה. מען האט זיך גיוואשין, שלמה'לע האט

גיזאגט

גיזאגט „שאו ידיכם קודש" מיט גרוים פרייד אונ אויך די ברכה „על נטילת ידים", אז עס איז גיוועזן א פערגעניגען צו הערן •

נאך שלמה'לעס זאגן „שאו ידיכם קודש" מיט אזא כוונה (רופט זיך אב א חיכטיגער גאסט), זעהע איך, אז עס איז אמת וואס מען האט מיר דער ציילט, אז דער רב האט עפעס גיזאגט אריבער גידאנקען אויף וואשין זיך צום עסין, א מעשה, א מעשה וואס איך בין גיקומען שפעט, האב איך זיך ניט גיקענט אריין שפארין אין שול הערין אזא טייערע זאך, וואס דער עולם קען זיך גאר ניט אב לויבין. שלמה'לע, דו ביסט דאך גישטאנען אויבין אן, טו זאג מיר איבער ריכטיג, דו ביסט אוואוילער יונג, דו וועסט גיוויס קענען •

שלמה האט איבער גיזאגט ריכטיג (מיר האבין דאס געשריבען אין ערשטען טהייל, פון „אמציאה פון א גנב".)

יא יא, עס איז זייער ריכטיג! (ענטפערט דער גאסט), די וואס האנדלען אב די גנבות ביי די גנבים זיינען „מחלל שם שמים ושם ישראל", אונזער רב זאל לעבען רעט אויך גאנץ אפט וועגין דעם אין זיינע דרשות, ער האט ביי אונז אויף גיטאן זייער א טייערע זאך, א ברכה אויף זיין קאפ • ביי אונז אין שטעטעל פלעגט זיך טאן מעשים מיט די גנבות, האלב שטעטיל פלעגין האנדלען מיט דעם, שייקעס גנבים פלעגען בגנבענען ארום אונ ארום ביי אלע פריצים אונ ביי בויערין די פערד אונ נאך זאכין אונ ברייגגען אין שטעטיל פערקויפין, אונ די שטעטילשע פלעגין מבער זיין דעם חמץ אין די גרויסע וועלט, האט דער רב פערריפין די אלע ליבע קויפלייטע אונ זיי שטארק אויס-גימוסרת מיט גוטין, אונ מאיים גיוועזן מיט בייזין, ביז וואנען זיי האבען אים גיגעבין א תקיעת כף אז מהיום והלאה וועט דאס ניט זיין, אונ פון יענעם טאג אן, איז אונזער שטעטיל גיריינינגט גיווארין פון דעם גרויסין שמוץ, ווייל די גנבים האבין איינינע מאל געבראכט זייערע ליבע סחורה אונ קיינער האט ביי זיי ניט געקויפט, האבין זיי געמוסט אב ווארפען צוריק, אונ אוועק גיווארפין די טייערע פראפעסיע, וויא דער שפריך ווארט זאגט „לא עכברא גנב אלא חורא גנב" ווען די מויז האט ניט קיין לאך (וואו צו בעהאלטען) הערט זיא אויף צו שלעפין • דער איינפאסין דעם גידאנקען אין די ווערטער „שאו ידיכם קודש", אונ אין די ברכה „על נטילת ידים", צו וואשין אונ ערהויבין די הענד, אז דיינע האנדוועריק זאלין זיין היילינ „עפ"י התורה וחוקי המדינה", ניט קיין גנבה, ניט קיין גזלה, ניט קיין פאלשע וואג אונ מאס אדער אנדערע פערדארבענהייטען חלילה, דאס איז זייער אנייטיגע אונ א טייערע בעמערקונג, ווער עס איז מקיים די מצוה פון וואשין זיך צום עסין מיט דעם געדאנקען,

קען

קען טאקע זיין „טעם עצו ופריו שוה" וויא „פרי עץ הדר" דער גישמאק פון דיא פרי (ה. ה. דיא מצוה) וועט אים אריין טריפין אין הערצין און איר אוים איידלען וויא דער רצון הבורא איז גיוועז. און דאס איז דיא כונה פון תנא „עשה רצונו כרצונך" סטארע זיך אוים צו איידלען דיין תאראקטער צוא טאן דעם רצון הבורא מיט אזא גיפיל און אריינגלייג אזויא וויא דוא טוסט דיינעם אגישעפט טוסטו דאך גיוויס מיט גיפיל און אריינגלייג.

איך האב עפעס גיהערט (זאגט וויטער דער גאסט), וויא דער רב האט דער-מאנט דיא שטאט „לאדז" מיט אקאזאצקין ראפניקיל, צוא וואס האט ער דאס גיפירט ? זאג מיר איבער שלמה'לע.

ווענין דיא 3 עדות, משה רבינו, אליהו הנביא, און רבינו הקדוש, וואס האבין גיזעהען מיט זייערע אויגין דיא הימלס-ארדנונג (דעם גן עדן און גיהנם), און האבין אונז אלעס איבער גיגעבין (זאגט וויטער שלמה'לע), האט דער רב גיזאגט צו דעם נאך אגוט ווארט.

אגיוויסער פאמעשציק וואס אין זיינע דאצעס איז גישטאנען אפראפעסאר פון אסטראנאמיע, האט אמאל באדויערט פאר זיינעם אבעקאנטין אז ער פער-שטייט זיך ניט אויף דעם פראפעסאר, דאכט זיך צייטין וויים איז ער זייער אקלוגער מאן, עס איז אפערגעניגען מיט אים צו ריידין, לעידער אבער טרעפט אפט, אז ער רעט אזעלכע רייד וועלכע פאסט נור פאר אוואהנזיניגען. צב"ש

איך

איך האב גיהערט, ער האט גיפירט אראזנאוואר, מיט איינינע שילער, אז דיא זון וואס מיר זעהען איר גרויס וויא א טעלער, איז זיא לערך 2 מיליאן גרויס וויא דער ערד-קוגעל, אונ איר ווייטקייט פון אונז איז צוואנציג מיליאן מייל, אונ נאך אזעלכע זאכין, בקצור ער האט איהר אב גירישעוועט ריכטיג אויפין האר, וויא א אינזיגער געמט אראפ אפלאן פון א אימעניע, נוא וואס זאגסטו מיין פריינד? איז דאס ניט גירעט וויא א וואהנזיניגער? ווער איז דאס גיוועזן אויף דיא זון אראפ נעמען אפלאן פון איהר אונ קומען אונז ערציילין?

חא, חא, חא! (ענטפערט זיין פריינד), אזעלכע משוגעים זאלן זיין פיל. זיי האבן גמאסטן ריכטיג, זיי האבין פאראויס גיזאגט אז אין דעם אונ דעם יאהר, אין דעם טאג, אין דיא מינוט, וועט זיין אליקוי לבנה, אליקוי חמה, דער פלאנעט וועט זיך בעגעגענען מיט דעם פלאנעט, אונ מיר זעהען דאך אז עס איז אלעס ריכטיג. דער וואס איז ווייט פון דער חכמה, קען זיך ניט פארשטעלין וויא אזוי די חכמי אסטראנאמיע ווייסין אלעס, אז דוא וועסט לערנען דיא חכמה גרונטיג, וועסטו פערשטיין אז דער בורא האט גיגעבין דעם מענשין גרויס פערשטאנד אז זיין שכל קען פשוט פליהען אויף די זון אונ איר אויס מעסטין ריכטיג אויפין האר. דאס גלייבין מיר אונוויסענדע מענשין וואונדערין זיך, וויא אזוי האבין דאס אונזערע חכמי המשנה והתלמוד אויס גימאסטין דיא עוויגע וועלט אונ אונז איבער גיגעבין אפלאן פון גיהנם אונ גן עדן, מיט יעדער האר? ווייל מיר זיינען ווייט פון דיא ידיעות, וויא דער פאמעשציק פון פראפעסאר, אבער אונזערע גרויסע חכמים מיט זייער הויכין נפש אונ מיט זייער גוואלדיגע יגיעה יומם ולילה אין דער תורה, וואס זיא איז מאירת עינים, האבין משיג גיוועזן וויא ריכטיג עס איז וואס משה רבינו האט אונז איבער גיגעבין (והתהלכתי בתוככם (ויקרא כו) אטייל עמכם בגן עדן, רש"י). אונ מיר קליינע מוחות וועלכע קענען אליין ניט משיג זיין אזעלכע הויכע ענינים, מעגין זיך סומך זיין אויף אונזערע אמת'ע חכמים, וואס זיינען גיוועזן איבער גיגעבין צום פאלק מיט לייב אונ לעבין. — דער תמצית הדרשה איז גיוועזן, ליבער פאטער, אז איבער הויפט זאל זיך א מענש שטארען זיין „פרי עץ הדר", אז טעם הפרי ד. ה. דער רעיון דער גישמאק פון דיא מצוה וועלכע ער טוט זאל אים אריין גיין אין הארצין, איהר מאכין ווארים אונ איידיל זיין גוט צו גאט אונ צו מענשין. — אין דיא קינפטיגע בריעף וועל איך דיר שרייבין נאך טייערע היסטאריעס פון דעם שלמה'לע מיט רחל'ען, וועלכע וועלין דיר פערשאפין פיל פערגעניגען,

דיין עוויג-ליעבענדע טאכטער מ"א.

ספרים וקונטרסים

להשיג אצל „קה״ת״:

פוקח עורים — לאדמו״ר האמצעי — עם מבוא מכ״ק אדמו״ר נ״ע .50
שמע ישראל — מכ״ק אדמו״ר ה„צמח צדק״ .25
קונטרס התפלה — מכ״ק אדמו״ר מהורש״ב נ״ע — עם מבוא וקיצורים מכ״ק אדמו״ר נ״ע .50
קריאה לתשובה — מכ״ק אדמו״ר שליט״א באנגלית .05
שדי חמד 50.00
קב נקי 4.00
ספר הניגונים 8.00
קובץ לקוטי דינים
חב״ד — ליובאוויטש (עסקנות ציבורית) .25

מכ״ק אדמו״ר נ״ע:

מאמר ב׳ אלול תרצ״ז .15
מאמרים לר״ה, עשי״ת, סוכות (קונטרס מג) .25
שיחת פורים ה׳תש״א — אידית או אנגלית .25
חי אלול ה׳תש״א — אידית או אנגלית .25
די רייד כו אדר (לקוט כד). חי אלול ה׳תש״ה (לקוט כה). די רייד יוד כסלו ה׳תש״ז (לקוט כו). רייד צו פרויען (גם אנגלית). — כ״א .15
קובץ מכתבים .25

יט כסלו — אידית או אנגלית .15
קובץ ליובאוויטש — מחיר חוברת .20
סידור תורה אור עם: א) שער הכולל. ב) דרך החיים ונתיב החיים 5.00
הקריאה והקדושה — ירחון — מחיר חוברת .25
מפתח לשנות ה׳תש״א — ה׳תש״ה .25
ה׳תש״א—התש״ה — עם מפתח — מכורך 15.00
Some Aspects — אנגלית — העתקת מכתב כ״ק אדמו״ר נ״ע ע״ד חסידות־חב״ד, בצירוף ביוגרפיא קצרה של כ״ק אדמו״ר נ״ע .50
ביוגרפיא קצרה של רבנו הזקן (בעל התניא והשו״ע) — אנגלית .40
ביוגרפיא קצרה של כ״ק אדמו״ר נ״ע — אנגלית .25

בהוצאת „אוצר החסידים״:

מכ״ק אדמו״ר הזקן נ״ע:

תניא 1.25
תורה אור — כל החלקים 3.00
לקוטי תורה — כל החלקים 6.00
שולחן ערוך — כל החלקים 6.00

מכ״ק אדמו״ר האמצעי נ״ע:

תורת חיים (שני חלקים) — על ספר בראשית — מכורך 6.00
תורת חיים — ספר שמות, נדפס לראשונה, פוטוגרפיא מכ״י. 1340 ע׳ 10.00
אמרי בינה. ופיקוש המלות — מהדורא בתרא. — מכורכים יחד 6.00
שערי תשובה — שני חלקים, מכורך 3.00
דרך חיים — מכורך 2.50
עטרת ראש 1.50
שערי אורה 2.00
שער האמונה ושער היחוד 2.50
בד קודש — עם מבוא מכ״ק אדמו״ר נ״ע .50
פסקי דינים. ענין ההשתטחות — נמצאים בדפוס

מכ״ק אדמו״ר ה„צמח צדק״ נ״ע:

שאלות ותשובות „צמח צדק״ וחידושיו על הש״ס. עם הוספות ומילואים. בששה כרכים (יג חלקים) 18.00
דרך מצותיך — טעמי המצות 5.00
הוספה לדרך מצותיך .50
קיצורים והערות לתניא (עם כמה הוספות) 1.25
אור התורה — על פרשת שמות 1.00
אור התורה — על כל ספר שמות — נמצא בדפוס
פסקי דינים 6.00
מאמר ברוך שעשה נסים .15
רשימות על מגילת איכה .50

מכ״ק אדמו״ר מהר״ש נ״ע:

והחרים — תרל״א .50
מים רבים — תרל״ו 1.25
וככה — תרל״ז 1.25
חיים אדם לברך — תרל״ח .50
זאת חנוכת המזבח, מצה זו, יונתי — תר״ם 1.25
ספר המאמרים — תרכ״ו 2.50

מכ״ק אדמו״ר מהורש״ב נ״ע:

חנוך לנער .50
תורת שלום — ספר השיחות — מימיוגרף. מכורך 9.50
קונטרס ומעין מבית ה׳ — עם מבוא וקיצורים מכ״ק אדמו״ר נ״ע 1.00
קונטרס עץ החיים — עם מבוא וקיצורים מכ״ק אדמו״ר נ״ע .50
קונטרס העבודה — עם מבוא וקיצורים מכ״ק אדמו״ר נ״ע .50
קונטרס החלצו — רנ״ט .25
ספר המאמרים — תרמ״ג — נמצא בדפוס
מאמר סמוכים לעד - תר״ף — נמצא בדפוס

מכ״ק אדמו״ר נ״ע:

ספר המאמרים — אידיש 2.00
ספר המאמרים קיץ ה׳ש״ת — יופיע בקרוב
ספר המאמרים תש״א־תש״ה — נמצא בדפוס
ספר המאמרים ה׳תש״י (מכורך) (קונטרסים סט־פא) 3.00
ספר המאמרים ה׳תשי״א (מכורך) (קונטרסים פב־צד) 3.00
ספר השיחות — קיץ ה׳ש״ת 2.00
ספר השיחות — ה׳תש״א — נמצא בדפוס
ספר הזכרונות — אידיש — 368 עמודים 3.00
ספר הזכרונות — אנגלית 3.50
ספר הקיצורים — קיצורי שערי אורה 1.00
שיחות חג הפסח ה׳תש״ג .50
קונטרס חי אלול ה׳תש״ג .50
ביקור שיקאגא, מאמרים ושיחות .50
תורת החסידות .50
לימוד החסידות .50
ה„צמח צדק״ ותנועת ה„השכלה״ — מרשימות כ״ק אדמו״ר נ״ע .50
מאמר יג שבט תש״ז (קונטרס מט). מאמרים (קונטרס נ). כל אחד .15
מאמר (פ׳ נצבים ה׳תש״ז) .5
די רייד צו אידישע פרויען .15
קונטרסים משנת ה׳תש״ח—תשי״ב (קונטרס נב — צה) כל אחד .15
לקוטי דבורים — שיחות (לקוט כא — לג) כ״א .15
קובץ מכתבים — (ר־נ) כ״א .15

מכ״ק אדמו״ר שליט״א:

הגדה של פסח — עם לקוטי מנהגים וטעמים 1.00
היום יום — קובץ 1.00
ספר התולדות — אדמו״ר מהר״ש .75
מפתח כל כתבי אדמו״ר מהורש״ב נ״ע .50
מפתח כל כתבי אדמו״ר נ״ע — נמצא בדפוס
מראה מקומות, ציונים והערות לספר התניא — מוכן לדפוס
מאמרים ושיחות כ״א .15

אור תורה להרב המגיד ממעזריטש נ״ע — נמצא בדפוס
מענה לשון .30
מאמרי השתטחות לר״ה מפאריטש .30
מורה שיעור — שיעורים בתניא .10

בהוצאת ה„מרכז לעניני חנוך״:

אלף בית למתחילים 10 ס. — ספרנו — חלק חמישי $1.00
ספרנו — חלק ראשון 60 ס. — ספר השנה — מכורך 50 ס.
ספרנו — חלק שני 60 ס. — המצות — אנגלית 50 ס.
ספרנו — חלק רביעי $1.00 — לא תשתחוו 5 ס.
סידור „תהלת ה׳״ — 112 עמודים 60 ס.
סידור „תהלת ה׳״ — השלם. 384 עמודים — מכורך $1.40
הגדה של פסח — הוצאת דע־ליקס 50 ס.
סדר ברכות ותפלות — עם העתקה אנגלית 20 ס.
מלון עברי־אנגלי לספרנו חלק ראשון 20 ס.
„שמועסן מיט קינדער״ — ירחון באידית — דמי חתימה לשנה $1.00
„טאקס ענד טיילס״ — ירחון באנגלית — מחיר חוברת 5 ס.
כרך רביעי (שנת ה׳תש״ה־ה׳תש״ו) — מכורך $3.00
כרך חמישי (שנת התש״ו־ה׳תש״ז) — מכורך $3.00
כרך ששי (שנת ה׳תש״ז־ה׳תש״ח) — מכורך $3.00
כרך שביעי ה׳תש״ח־ ה׳תש״ט מכורך $3.00
כרך שמיני, ה׳תש״ט־ה׳תש״י 3.00
כרך תשיעי, ה׳תש״י־ה׳תשי״א 3.00
כיסוי הראש .10
שלה — שיעורי למוד הדת — עלון לנוער — אנגלית — כל חוברת 5 ס.
שלה — שיעורי לימוד הדת — חוברות 1־24 — מכורך $1.50

ספרי ציורים ומועדים — אנגלית — א. פורמט רגיל.

פסח עם ציורים 50 ס. — פורים — עם ציורים 25 ס.
שבועות עם ציורים — חנוכה — עם ציורים 25 ס.

ב. פורמט־כיס

סמני סדר של פסח 10 ס. — תשרי — עם ציורים 10 ס.
סימני סדר של פסח — הוצאה שני׳ — עם ציורים 10 ס. — קדוש ותפלות — (ראש השנה שמחת תורה) 10 ס.
שבועות ומן מתן תורתנו 10 ס. — חנוכה עם ציורים 10 ס.
בין המצרים — מצויר 10 ס. — פורים — עם ציורים 10 ס.
תפלין — עם ציורים — אנגלית 20 ס. — דיני תפלין — אנגלית 5 ס.
שבת — אנגלית 15 ס. — תורה וישראל — אנגלית 50 ס.
Galuth Melodies — קובץ ספורים — אנגלית. 125 עמודים $1.50
Out of the Depths — ספור — אנגלית. 80 עמודים 90 ס.
The Runaway — ספור — מצויר — אנגלית 20 ס.
The Soldier — ספור. אנגלית 5 ס.
Bustenai — ספור. אנגלית. 104 ע׳ 90 ס.
Adopted Princess — ספור. אנגלית. 54 ע׳ 60 ס.
Miracle of the Dreidle — מחזה חנוכה. אנגלית 50 ס.
Unpaid Ransom — ספור. אנגלית 50 ס.
ילקוט יומי — אוצר מרז״ל, מנהגים וכו׳ — אנגלית 25 ס.
אלבום — מוכרת פגישת „מסיבות שבת״ — אנגלית 25 ס.

ספרי׳ לחגים ולמועדים — צרפתית — פורמט־כיס.

תשרי 10 ס. — פורים 10 ס.
סימני סדר של פסח 10 ס. — שבועות 10 ס.
בין המצרים 10 ס. — חנוכה 10 ס.
לוח (עלון) לשנת תשי״א — 100 עק. $3.00
אונזער בוך — ספר לימוד וקריאה — חלק ראשון 50 ס.
אונזער בוך — חלק שני 50 ס.
Our People — דברי הימים לבני ישראל — אנגלית. כרך ראשון (ספר ראשון, שני) $1.75
כרך שני (ספר שלישי ורביעי) $2.50
Teacher's Guide — תכנית, שעורים וספורים ל„שיעורי למוד הדת״ אנגלית:
כרך א $3.50 — כרך ד $5.00
כרך ב $4.50 — כרך ה $5.00
כרך ג $5.00 — כל הכרכים ביחד $17.50

Send your order to: הזמינו על פי הכתובת:
"KEHOT" PUBLICATION SOCIETY
770 EASTERN PARKWAY BROOKLYN 13, N. Y.
Tel. HYacinth 3-9250-1

הנדבן הנכבד והנעלה

ר' משה ראובן שי' בר' שמעי' הכהן וואולף